Claims Conference Holocaust Survivor Memoir Collection

Access to the print and/or digital copies of memoirs in this collection is made possible by USHMM on behalf of, and with the support of, the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

The United States Holocaust Memorial Museum respects the copyright and other intellectual property rights associated with the materials in its collection and makes good faith efforts to determine the copyright status of such materials. The Museum has a good faith belief that the materials in this collection may be made publicly available. The Museum welcomes additional information about copyright status. If you have additional information or concerns about the copyright ownership of materials in this collection, please contact the Museum's Library by phone at 202-479-9717 or by email at reference@ushmm.org.

פון קערעסטיר ביז אמעריקא

Digitized by the Internet Archive
in 2024 with funding from
United States Holocaust Memorial Museum

https://archive.org/details/bib293454

פון קערעסטיר ביז אמעריקא

בעזהי"ת

ביאָגראַפיע פונ'ם מו"ל, וועלכע ענטהאַלט,
אַן אויספירליכע באַשרייבונג איבער די פאַרצווייגטע
"גרויס" משפחה און אַ טייל פון די "טייטלבוים" משפחה.

אַ טייל פון דעם אַמאָליגן לעבן
אינדערהיים, און אינטערעסאַנטע מעשיות
פון אונזערע גדולים, פון פאַר'ן קריג.

אומגלויבליכע היסטאָרישע פאַקטן
און איבערלעבונגען פון די צווייטע וועלט מלחמה
וואָס וועט האַלטן דעם לייענער געשפאַנט.

יו"ל ע"י
הרב ישעיה גרויס
כעת אב"ד בערבעשט - קערעסטיר
פה עיר ברוקלין נ.י.
סיון, תשס"א לפ"ק

הקונטרס הזה אפשר להשיג אצל המו"ל:

הרב ישעיה גרויס

Rabbi Y. Grosz
241 Penn St.
Brooklyn N.Y. 11211
U.S.A.

718-384-2428

כל הזכויות שמורות להמו"ל

Copyright © '01

נדפס בדפוס האחים גרויס
Printed in the U.S.A. by:
GROSS BROS. Printing Co.inc.
3125 Summit Avenue,
Union city N.J.07087
Tel. (201) 865-4606 * (212)594-7757

שלום קרויז

אב"ד דק"ק אודוואַרי
כעת הרב בביהמ"ד בית ישעי'
מחו"ס שו"ת דברי שלום ד"ח
ושאר ספרים עה"ת וסוגיות
718-387-3881

בס"ד

יום ג' לסדר ואברהם זקן בא בימים וגו' תשס"א לפ"ק

שוכט"ס לכבוד אהובי גיסי היקר ... בנש"ק ... כש"ת מו"ה ישעי' גרויס שליט"א מ"מ אביו הגה"צ ר' נפתלי זצלל"ה אדמו"ר מקערעסטיר בערבעשט יצ"ו

ראיתי את ספר תולדות האדם ותהלוכות **"מקערעסטיר עד אמעריקא"** אשר כתבת באריכות וקצרות מהמשפחות המפורסמות "גרויס" "טייטלבוים", מתחילת תולדתם, הם ונשיהם ויוצאי חלציהם, ממה שעלה בזכרונך שעבר עליהם, והחורבנות שעבר עלינו עד שנצלנו ובאנו לאמעריקא על ידי נסים ונפלאות עד היום הזה, מה שעלה בזכרונך, ורוב ענינים שנשכחו עבדת ביגיעה רבה כדי שישאר לדורות ידיעה במקצת מהמשפחה הגדולה, ומגיע לך תודה רבה על כל מה שכתבת לדורות.

והחיבור הזה אין צריך הסכמה כי זה לא ניתן להלכה, מ"מ למלא בקשתך ולהביע לך תודה רבה על העבודה שעשית, ותודה להשי"ת שזכית לכתוב הכל בכתב דברים שעלו בזכרונך הטוב, כי בלא"ה היה נשכח הכל מכל יוצ"ח הנשארים, ויעזור לך השי"ת שתזכה להפיצם בעולם שישאר לדור אחרון.

כה דברי גיסך אוה"נ המצפה לישועה שלימה במהרה

משה יהודא ליב הורוויץ
באאמו"ר הגה"צ מהרח"ש זצוק"ל
אדמו"ר מסטריזוב

בעזהשי"ת. עש"ק לסדר אשר התהלכי אבתי לפניו, תשס"א לפ"ק, ברוקלין יע"א

כבוד ש"ב ידי"נ הה"ג חו"ב צנא מלא ספרא וכו' בנש"ק, כש"ת
הרה"צ מוה"ר ישעי' גרוים שליט"א אדמו"ר מקערעסטור-בערבעשט

אחרישה"ט.

הננו בתשובה מאהבה אשר בקש מע"כ מאתי מכתב הסכמה, כי לא שר המסכים אנא, בפרט בגון דא שקיבץ ואסף כעמיר גורנה, הני מילי מעליותא, מילי דאבות,תולדות חייו זקננו הגאון הקדוש רבי רפאל זצוק"ל אבדק"ק בערבעשט והגלילות,שהי' גאון וצדיק מפורסם בדורו דור דיעה והעמיד תלמידים רבים והגונים, רבנים מובהקים בדור הקדים. . . והמפורסם אין צריך ראי'.

גם לרבות תולדות חייו בנו כ"ק דודי מורי ורבי הגה"צ רבי אהרן זצוק"ל הי"ד, שהי' אב"ד ותופס ישיבה בק"ק לאפאש, ובחמלת ה' עלי זעירא דמן חברייא זכיתי להיות משומעי לקחו, ששיעוריו בתורה היתה בחריפות ובקיאות, עד להפליא. ותולדות חייהם של שאר בניו וחתניו הגדולים אשר היו רבנים מפורסמים, יושבי על מדין בקהילות קדושות באירופא, ובעוה"ר רובם עלו על המוקד עקד"ה בשנות הזעם ה'ת"ש - תש"ה, ומהם שלא נשאר שם ושארית. . . וגם מעט ממפעל חייו של כ"ק אבא מארי הגה"צ זצוק"ל, האדמו"ר מסטריזוב.

ע"כ אמינא לפעלא טבא יאשר כוחו וחילו,למען ידעו דור אחרון מעשי אבות סימן לבנים, ואשר על ידו נחקק ונשאר זכרונם של קרובינו הי"ד לעינינו, ויזכה שיפוצו מעיינותיו חוצה לעלות על שלחן מלכים, מאן מלכי רבנן, ואך טוב וחסד ירדפוני כל הימים עדי נזכה לראות בשמחתן של ישראל, ויקיצו וירננו שוכני עפר, בביאת בן דוד בב"א.

כו"ד המוקירו ומכבדו באה"ר

משה יהודא ליב הורוויץ
באאמו"ר הגה"צ מהרח"ש זצוק"ל מסטריזוב

ב״ה

א

אודה השם בכל לבב, איך הייב אָן מיט אַ שיר ושבח צום בורא כל עולמים, שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, וואָס ער האָט מיך און מיין גאַנצע משפחה מציל געווען און אַרויסגענומען מגוב האריות, פון דעם ביטערן גיהנם, פון די רשעים ארורים. אין די שרעקליכע מלחמה יאָרן ת״ש ביז תש״ה לפ״ק. עס עקזעסטירט נישט אין דעם ווערטער בוך גענוג ווערטער צו באַשרייבן דאָס רשעות און אכזריות, וואָס זיי האָבן מיט אונז געטאָן. והקב״ה מצילנו מידם, דער אייבירשטער האָט אונז אַרויסגעברענגט אַהער און געהאָלפן ביז׳ן היינטיגן טאָג, און אַז איך האָב ב״ה יעצט די זכיה אַרויסצוגעבן דעם ספר ״פון קערעסטיר ביז אַמעריקא״, באַשרייבנדיג מיינע זכרונות און אַלעס וואָס איך בין דורך געגאַנגען ביז דעם יאָר תש״ח לפ״ק. יהי שם ה׳ מבורך מעתה ועד עולם.

אין שנים כתיקונם, אין די יאָרן ווען דאָס לעבן גייט אָן אויפן נאָרמאַלן סדר, איז דאָס לעבנס געשיכטע ביי יעדן מער וויינעגער אויפן זעלבן שטייגער, עולם כמנהגו נוהג. איז נישט אַזוי אינטערעסאַנט צו באַשרייבן דאָס לעבן ביאָגראַפיע פון אַ יחיד. אונזער דור האָט אָבער ליידער צוגעזען, און אַליין מיטגעמאַכט אַזעלכע אומבאַשרייבליכע אומשטענדן, רציחות און צרות, וואָס איז פריער קיינמאָל אין די היסטאָריע נישט פאָרגעקומען. יעדער איינער וואָס איז דורך געגאַנגען דעם דייטשן גיהנם, קען דערציילן וואָספאַראַ געוואַלדיגע נסים ס׳האָט מיט אים פּאַסירט אויף יעדן טריט און שריט כדי צו קענען איבערלעבן יענע שווערע טעג.

עס איז ידוע וואָס מען זאָגט נאָך פון הייליגן בעלזער רב הרה״ק מוה״ר רבי אהרן זי״ע ועכ״י, אַז יעדער איד וועלכער האָט איבער געלעבט די קריג, האָבן אים צוויי מלאכים באַגלייט און אָפּגעהיטן די גאַנצע צייט.

איבער דעם איז יאָ ווערט און כדאי אַראָפּ צו שרייבן די השתלשלות און איבערלעבונג פון די קריג, ווי אַזוי און אין אונטער וועלכע אומשטענדן מיר האָבן געלעבט, און די גרויסע נסים וואָס מיר האָבן געהאַט עד אין שיעור ומספר. און אויך די געוואַלדיגע נסיונות אין אידישקייט מיט וועלכע מיר האָבן זיך געדאַרפט ספראַוועז ברוחניות און אויך בגשמיות, וואָס עס פאַלט אַ פחד נאָר זיך דאָס צוריק צו דערמאַנען.

עס ווערט געברענגט אין די ספרים אַז ווען עס פּאַסירט פאַר אַ מענטש אַ נס, זאָל ער דאָס דערציילן פאַר אַנדערע, און מפרסם זיין דעם נס, אַזוי ווי די ארבעה חייבים להודות, און אַזוי ווי דער נס חנוכה, א.א.וו. וויל איך דאָס אויך מקיים זיין דורכן שרייבן דעם חיבור, ונכתב בספר.

ב

טייל פון די מלחמה איבערלעבער ווילן נישט אַראָפּ שרייבן זייער אומגלויבליכע געשיכטעס, טראַכטנדיג אַז די לייענער וועלן נישט גלייבן דאָס גרויזאַמע אכזריות פון די מכלומר׳שט ציוויליזירטע דייטשן, דאָס געבילדעטע פאַרשאָלטענע דייטשע פאָלק ימ״ש, ווי אויך דאָס רשעות פון די אַליאירטע פעלקער וועלכע האָבן זיי צוגעהאָלפן, די אונגאַרישע, רומענישע, פּוילישע און אוקריינישע רשעים, א.א.וו. זיי וועלן האַלטן אַז עס איז פול מיט גוזמאות און

ליגענט. אַפילו די וואָס האָבן אַליין מיטגעמאַכט די עינויים קשים און מורא׳דיגע יסורים אויף די אייגענע הויט, קענען זיך שוין אַליין נישט גלייבן אַז אַזעלכעס האָט טאַקע געקענט פּאַסירן.

אויך האָבן זיי נישט קיין חשק צו דערציילן פאַר די קינדער, די אַלע גרוילטאַטן וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין - די אוממענטשליכע באַדינגונגען מיט וועלכע זיי זענען געפייניגט געוואָרן. נאָך דערצו דער קומענדיגער דור איז כמעט נישט אינטערעסירט דאָס צו הערן און וויסן.

למעשה, אָבער וואָס אַ יאָר שפּעטער, ווערט ליידער אַלץ ווייניגער דער דור וואָס האָט מיטגעלעבט די קריג. עס ווערן אלץ מער פאַרגעסן די ביטערע מלחמה יאָרן. אין יאָרן אַרום וועט איינער וועט לייענען אַ מעשה ביכל פון אַן איבערלעבער פון׳ם קריג, וועט ער קלערן אַז מן הסתם איז עס נישט פונקטליך אַזוי געווען, נאָר דער שרייבער האָט עס צוגעפיצט, ווי אַלע שרייבערס טוען, כדי עס זאָל זיין מער אינטערעסאַנט פאַרן לייענער צום לייענען.

היינט זענען נאָך ב״ה דאָ אידן וועלכע האָבן די מעגליכקייט צו לאָזן וויסן פאַר די קומענדיגע דורות, ״למען ידעו דורותיכם״. עס וואָלט זייער כדאי געווען מען זאָל דאָס אַראָפּ שרייבן. אַזוי ווי די ערליכע אידן האָבן טאַקע געטאָן. אַז די שפּעטערע דורות זאָלן וויסן דעם ריינעם אמת, אַזוי ווי עס איז געווען, ווייל אין אדם מנחיל שקר לבניו. מיר לעבן ב״ה אין אַ פרייע מדינה וואו יעדער מעג שרייבן וואָס ער וויל, נישט ווי אַמאָל, למשל ביי די גזירות ת״ח ות״ט רח״ל. וואָס דעמאָלס איז געווען אַ צענזור און מען האָט מורא געהאַט צו שרייבן. דאַרף מען טאַקע אויסנוצן די מעגליכקייט, און

באַשרייבן די נסים וואָס דער אייבירשטער האָט מיט אונז געטאָן.

ג

לײדער זענען כמעט אַלע געשוויסטער פון מיין פּאָטער און מוטער ז״ל מיט זייערע משפחות אומגעקומען אין די גאַז קאַמערן אין אוישוויץ. פון רוב פון זייערע משפחות איז לײדער נישט געבליבן קיין איין צווייגל, אַז ס׳זאָל זיך פון זיי ווייטער ציען די בוים פון די משפחה.

מיינע געשוויסטער וועלכע זענען ב״ה ניצול געוואָרן, זענען נאָך געווען קליין, און זיי געדענקן נישט די קרובים און דאָס לעבן פון פאַרן קריג, דערפאַר פיל איך פאַר אַ פליכט דאָס אַראָפּ צו שרייבן, זאָלן זיי וויסן און געדענקן די גרויסע זיידעס, באַבעס, פעטערס און מומעס וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט. זאָלן זיי וויסן וואָס זיי האָבן פאַרלאָרן, ווען די רשעים האָבן לײדער פאַרניכטעט.

איך האָב נאָך ב״ה יאָ געהאַט די זכיה זיי צו קענען, און איך וועל אי״ה באַשרייבן אין דעם ערשטן חלק, דאָס לעבן פון פאַרן קריג, און מיט׳ן שפּיץ גאָפּל אַביסל פון אונזערע טייערע עלטערן, זיידע׳ס, באַבע׳ס און קרובים. פאַרשטייט זיך אַז נאָך 50 יאָר געדענק איך שוין אויך נישט אַלעס אַזוי קלאָר ווי דעמאָלס. געלויבט השי״ת אַז עס איז מיר איינגעפאַלן באַלד נאָך די מלחמה אָפּצושרייבן די אַלע נעמען פון די משפחה, פון די פעטער׳ס, מומע׳ס און זייערע קינדער וועלכע זענען לײדער אומגעקומען אויף קידוש השם הי״ד, למען יעמדו ימים רבים.

אין דעם חיבור האָב איך בעיקר נאָר באַשריבן מיינע איבערלעבענישן. די געשיכטע פון מיינע געשוויסטער ווי אַזוי זיי האָבן איבערגעלבט די שווערע טעג, דאָס האָט שוין מיין ברודער הרב ר׳ רפאל שליט״א - וואָס ער איז געווען מיט זיי אינאיינעם בשעת די קריג - באַשריבן אין אַ ביכל אויף ענגליש.

ד

איך מוז בעטן אַנטשולדיגונג פון די אַלע מענטשן וועם איך וואָלט געדאַרפט מזכיר זיין אין דעם ספר, סיי די מיט וועם איך בין געווען צוזאַם אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד, און סיי די פון דערהיים אין דעברעצין, אָבער אַזוי ווי אַלעס וואָס איך האָב געשריבן, איז מיט די גרעסטע מאָס פונקטליכקייט, אַזוי ווי עס האָט טאַקע באמת פאַסירט, אָן קיין הוספות און גוזמאות. עס איז נישט לייכט צו געדענקן די אַלע נעמען אַזוי פונקטליך, נאָך אַזוי פיל יאָרן, האָב איך נישט געקענט יעדן דערמאַנען ואתם הסליחה.

אויך וויל איך מיך מתנצל זיין. עס זענען דאָ זאַכן וועלכע וואלטן אפשר נישט געדאַרפט געשריבן און געדרוקט ווערן. איך האָב דאָס נאָר געשריבן אַז מען זאָל האָבן אַ שטיקל באַגריף מיט וואָספאַראַ מסירות נפש מ׳האָט געלעבט אינדערהיים פאַר די מלחמה, און מיט וואָספאַראַ פעסטקייט מען האָט זיך געהאַלטן. והי׳ לנו לעינים.

ה

איך וועל מסיים זיין מיט אַ וואָרט וואָס איך האָב געהערט פון כ״ק מרן הגה״ק בעל ויואל משה זצלה״ה. ער האָט געטייטשט דעם פסוק אין פרשת שמות, ״אלכה ואראנו

העודם חיים״. משה רבינו האָט געזאָגט פאַר יתרו, איך וועל גיין אויף מצרים, זען צו מיינע ברודער לעבן נאָך.

האָט דער רבי זי״ע געטייטשט אַזוי: משה רבינו ע״ה האָט געזאָגט, איך וויל גיין קיין מצרים זיך אָפּצולערנען פון די אידן ווי אַזוי צו דינען דעם אייבירשטן. איך זאָל זען מיט וואָספאַראַ מסירות נפש די אידן האַלטן די מצות השם, כאָטש זיי זענען בשפל המצב, דאָס מיינט ״העודם חיים״, ווייל אָן דעם הייסט נישט געלעבט. וועל איך מיך אַראָפּ לערנען אַ קל וחומר, אַז איך וואָס איך בין אויף דער פריי, ווי שטאַרק דאַרף איך דינען דעם אייבירשטן. ע״כ.

דאָס איז אַ גרויסער מוסר השכל פאַר אונז, מיר זאָלן זיך דערמאַנען ווי שווער דאָס לעבן איז געווען אינדערהיים פאַר די מלחמה, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, און דאָך האָבן די אידן זיך געהאַלטן מיט געוואַלדיגע מסירות נפש. מען האָט געלאָזט די קינדער לערנען אין ערליכע תלמוד תורות און ישיבות. און מגדל געווען די קינדער בדרך הצניעות, אויף ערליכקייט און גוטע מידות.

איז דאָך אודאי ביי אונז, אין די מדינות וואו מיר וואוינען, וואו ס׳איז ב״ה דאָ די מעגליכקייט צו שיקן די קינדער אין היימישע ערליכע בתי חינוך, ווי ווייט מען דאַרף זיך אָנצושטרענגן אויפצוציען ערליכע דורות, צו שיקן אונזערע קינדער נאָר אין עכט היימישע מוסדות החינוך, וואו מיר קענען האָפן אַז די קינדער זאָלן אי״ה אויפוואַקסן לתורה ויראת שמים.

ו

דאָ איז דאָס פּלאַץ מזכיר צו זיין לטובה, מיין חשובע רעבעצין, הרבנית מרת צלאווה דבורה שתחי׳, טאָכטער פון הגה״צ מוה״ר רבי שמואל דוד קרויז זצ״ל אבד״ק אודווארי, וואָס זי שטייט מיר שטענדיג צו די האַנט מיט געוואַלדיגע געטריישאַפט און איבער געגעבנהייט שוין איבער פופציג יאָר, כולם שוים לטובה. דער אייבירשטער זאָל איר בענטשן מיט אריכות ימים ושנים, מיר זאָלן ביידע אינאיינעם זוכה זיין קעגן צו גיין משיח צדקנו געזונטערהייט, בב״א.

מפתח

1׳טער קאַפּיטל: **דער גרויסער זיידע** .... א

2׳טער קאַפּיטל: **זיין גרויס התמדה און צדקות** .... ד

3׳טער קאַפּיטל: **דאָס רבנות און די ישיבה** .... ז

4׳טער קאַפּיטל: **זיין התנהגות און עניוות** .... י״ג

5׳טער קאַפּיטל: **זיינע לעצטע טעג** .... י״ט

6׳טער קאַפּיטל: **די קינדער פון זיידן** .... כ״ח

7׳טער קאַפּיטל: **דער טאַטע הרב ר׳ נפתלי זצ״ל** .... צ״ז

8׳טער קאַפּיטל: **די פּטירה פון הייליגן רבי ר׳ ישעי׳לע זי״ע** ...... ק״ח

9׳טער קאַפּיטל: **דער ממלא מקום הרה״צ ר׳ אברהם׳לע זצ״ל**... קי״ג

10׳טער קאַפּיטל: **מיינע קינדער יאָרן** .... קל״ב

11׳טער קאַפּיטל: **אין דעברעצין** .... קל״ח

12׳טער קאַפּיטל: **ביים סאַטמאַרער רבי׳ן זי״ע** .... קנ״ו

13׳טער קאַפּיטל: **די פּטירה פון די בערבעשטער באַבע** .... קס״ה

14׳טער קאַפּיטל: **נאָך אַ פאַרלוסט ל״ע** .... קע״א

15׳טער קאַפּיטל: **צוריק אין חדר** .... קע״ז

16׳טער קאַפּיטל: **מיינע בחור׳ישע יאָרן - אָנפאַנג פון די מלחמה** .. קפ״ג

17׳טער קאַפּיטל: **שמחת תורה ביים רבי׳ן** .... קצ״א

18׳טער קאַפּיטל: **דאָס שטעטעלע לאַפּאָש און די ישיבה** .... קצ״ד

19׳טער קאַפּיטל: **די פרשה מיט׳ן וואָלאָוער זיידן** .... ר״ג

20׳טער קאַפּיטל: **צוריק אין לאַפּאָש** .... רי״ד

21׳טער קאַפּיטל: **דער פעטער - נאָכן באַפרייאונג** .... ר״כ

מפתח

22'טער קאַפּיטל: **תש"ב - תש"ג לפ"ק** .... רכ"ה

23'טער קאַפּיטל: **דער מופת מיט ר' שלום אליעזר'ל זצוק"ל** ... רכ"ט

24'טער קאַפּיטל: **אַ מעשה נורא ביים רבי'ן זצוק"ל** .... רל"ו

25'טער קאַפּיטל: **ביים בעלזוער רב זי"ע** .... רמ"ב

26'טער קאַפּיטל: **אַ שמחה און ...** .... רנ"ב

27'טער קאַפּיטל: **סוכות תש"ג לפ"ק** .... רנ"ז

28'טער קאַפּיטל: **דאָס יאָר תש"ד לפ"ק** .... רס"ד

29'טער קאַפּיטל: **דער רבי זי"ע אין דעברעצין** .... רס"ז

30'טער קאַפּיטל: **די צרות הייבן זיך אָן** .... רע"ה

31'טער קאַפּיטל: **אַנגסט און שרעק איבעראַל** .... רפ"ב

32'טער קאַפּיטל: **רויבערייי און שלעק** .... רפ"ט

33'טער קאַפּיטל: **מען בויט אַ בונקער** .... רצ"ו

34'טער קאַפּיטל: **פאַרשפּאַרט אין געטאָ** .... ש"א

35'טער קאַפּיטל: **מען באַהאַלט זאַכן** .... ש"ה

36'טער קאַפּיטל: **מען פירט אַוועק - מען שפילט באַהאַלטן...** .. ש"ז

37'טער קאַפּיטל: **דאָס לעבן אין בונקער** .... שי"א

38'טער קאַפּיטל: **מיר שווערצן זיך אַרויס פון בונקער** .... שי"ז

39'טער קאַפּיטל: **מיר ווערן געכאַפּט** .... שכ"ד

40'טער קאַפּיטל: **דער בונקער ווערט אַנטפּלעקט** .... שכ"ט

41'טער קאַפּיטל: **פון איין גלות צום אַנדערען** .... של"ד

42'טער קאַפּיטל: **די דעפּאָרטירונג** .... של"ט

מפתח

43'טער קאַפּיטל: די אַרבעט אין לאַגער .... שמ"ח

44'טער קאַפּיטל: אין לאַגער גאָלעשווי .... שנ"ה

45'טער קאַפּיטל: אַ מעשה פון רבי ישעי'לע דערציילט אין לאַגער . שנ"ט

46'טער קאַפּיטל: דער סדר היום .... שס"ד

47'טער קאַפּיטל: ראש השנה - יום כיפור .... שע"ב

48'טער קאַפּיטל: ערב יום כיפור - מי יחי' ומי ... . שע"ח

49'טער קאַפּיטל: דער דאָקטאָר דער גוטער שליח .... שפ"ו

50'טער קאַפּיטל: די מכה פאַר אַ רפואה .... שצ"א

51'טער קאַפּיטל: מען עוואַקויִרט דעם לאַגער .... ת"ב

52'טער קאַפּיטל: פסח תש"ה אין לאַגער .... ת"י

53'טער קאַפּיטל: ג' אייר תש"ה - די פיר ניסים .... תי"ד

54'טער קאַפּיטל: דער פינפטער גרויסער נס .... תכ"ב

55'טער קאַפּיטל: וואָגעלנישן אויפן וועג .... תכ"ה

56'טער קאַפּיטל: אויפן וועג צום באַפרייאונג .... תל"א

57'טער קאַפּיטל: די ערשטע טעג נאָכן באַפרייאונג .... תל"ה

58'טער קאַפּיטל: די רירענדע באַגעגעניש .... תמ"ו

59'טער קאַפּיטל: צוריק אויף דייטשלאַנד .... תנ"א

60'טער קאַפּיטל: דעם טאַטע'ן זצ"ל'ס הצלה .... תנ"ז

61'טער קאַפּיטל: אין מויל פון די לייבן .... תס"ג

62'טער קאַפּיטל: ענדליך ב אַ פ ר י י ט . . . . תס"ח

63'טער קאַפּיטל: מען הייבט אָן דאָס לעבן אויפסניי .... תע"א

עפּילאָג .... תע"ז

מפתח שמות האנשים המובאים בפנים בספר .... תקכ"א

אינטערעסאנטע בילדער ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן ..... תקל"ב

סדר היחוס .... תקנ"ו

ב״ה

ערשטער קאַפּיטל

דער גרויסער זיידע

דער זיידע רבי ר׳ **רפאל** איז געבוירן געוואָרן אין די שטאָט מעליץ (גאַליציע) אין יאָר תרכ״ד, צו זיינע חשוב׳ע עלטערן, זיין פאָטער הרבני החסיד מוה״ר ברוך בן הרה״ח ר׳ יחיאל ניסן זצ״ל און זיין מוטער די צדיקת מרת בילא ע״ה.

(פאָלגענד איז אַ טייל פון די אויפשריפט אויף די מצבה פונ׳ם זיידן: ״הרה״צ ר׳ רפאל בן הרב החסיד מפו׳ כת״ר מו״ה ברוך, נין ונכד להגאונים בעל מעשה השם וש״ס, שער אפרים ותבו״ש ומהר״י מהאמבורג ז״ל״.)

הגם זיין פאָטער ר׳ ברוך זצ״ל און זיין רעבעצין ע״ה האָבן געשטאַמט פון שיינע משפחות, רבנים מפורסמים, (ביים סוף איז באַשריבן זייער סדר היחוס.) האָט אָבער דער זיידע זיך נישט געוואָלט משתמש זיין מיט די קרוין פון די תורה, און אָננעמען אַ רבנות וכדומה. זיי האָבן געהאַנדלט, און זענען געווען סוחרים, באַוואוסט מיט זייער גראָדקייט און ערליכקייט, (זיי האָבן פאַרמאָגט אַ שניטוואַר געשעפט), און דאָס האָט צוגעצויגן די חשוב׳סטע קונים פון גאַנצן געגנט.

מיין פאָטער זצ״ל האָט מיר דערציילט, אַז זייער מנהג איז געווען יעדן פרייטאָג ביי חֲצות, סיי זומער און סיי ווינטער, צו פאַרשפאַרן דאָס געשעפט. עס האָט זיך געמאַכט אַמאָל אַז אַ גרויסער פריץ איז אריינגעקומען פרייטאָג פאַרמיטאָג איינקויפן אַ גרויסע קוואַנטום סחורה.

אינצווישן האָט זיך די צייט גערוקט און עס איז געוואָרן שפעט. אַזוי ווי ס׳איז געוואָרן חצות, האָט די באַבע ע״ה געזאָגט פאַר דעם פריץ, אַז זי קען אים מער נישט אויספאָלגן, ווייל זיי שפאַרן שוין. דער פריץ האָט געזאָגט אַז אויב זי פאָלגט אים נישט אויס ווייטער, לאָזט ער איבער אַלע סחורות וואָס ער האָט שוין אויסגעקליבן, (ס׳האָט זיך געהאַנדלט פון גרויסע קוואַנטומס סחורה, אַ גרויסע פאַרדינסט). אָבער די באַבע ע״ה האָט געזאָגט, אַז עס גייט איר גאָרנישט אָן, און האָט תיכף פאַרשפאַרט דאָס געשעפט.

דער פריץ איז אַוועק געגאַנגען צו אַן אַנדערן געשעפט איינקויפן. דערווייל האָט ער זיך איבער געקלערט, אַז אויב די אייגנטימער פון דעם געשעפט וואו ער איז פריער געווען זענען אַזעלכע ערליכע מענטשן, אַז צוליב זייער רעליגיע וואָס זיי גלייבן אַזוי אין השי״ת, זענען זיי גרייט צו פאַרלירן אַזאַ גרויסע ריווח, מן הסתם זענען זיי אָרנטליכע סוחרים, און ס׳איז כדאי מיט זיי צו האַנדלען. דער פריץ איז נאָך שבת צוריק געקומען, און ער איז געוואָרן איינער פון זייערע בעסטע קונים. אַלעס דערפאַר וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט משנה זיין זייער הייליגן מנהג.

איינמאָל ווען די באַבע ע״ה איז געווען אין געשעפט אליין, (דאָס איז שוין געווען נאָך די פטירה פונ׳ם זיידן ז״ל) איז געקומען אַ גרויסער פריץ און האָט איר ארויס גערופן פון געשעפט. ווי נאָר די באַבע ע״ה איז ארויס געגאַנגען פון געשעפט, איז די וואַנט - וואו זי איז געשטאַנען מיט אַ רגע פריער - איינגעפאַלן און זי איז ניצול געוואָרן. תיכף דערנאָך איז דער

פריץ נעלם געוואָרן. דאָס איז געווען אַ וואונדערליכע נס, וואָס די גאַנצע שטאָט האָט געשמועסט דערפון.

ס׳האָט מיר דערציילט הרה״ח ר׳ משה כהן ז״ל (אַ געבוירענער אין מעליץ) אַז איינמאָל איז דער זיידע ר׳ ברוך ז״ל געפאָרן מיט אַ וואָגן פול מיט סחורה. די וועגן זענען געווען באדעקט מיט אַ גרויסע שניי, און דער וואָגן האָט זיך איבער געקערט. פונקט דעמאָלס איז איינער אַדורך געפאָרן, און ער האָט געפרעגט ר׳ ברוך׳ן ״וואָס טראַכט איר יעצט?״, האָט ר׳ ברוך אים געענטפערט, ״אַזוי זעט מען אויס אַז מ׳גייט אַראָפּ פון גראָדן וועג״.

דער זיידע ר׳ ברוך ז״ל איז נסתלק געוואָרן ח״י אדר.

אין אַזאַ סאָרט שטוב איז דער זיידע ר׳ רפאל נתגדל געוואָרן.

[דרך אגב, ווען איך בין געווען אויף קברי צדיקים בשנת תשנ״ו, בין איך אויך געווען אין צאַנז. האָב איך געזען דאָרט אַ מאַסן קבר און אַ מצבה. בשעת די לעצטע וועלט מלחמה, האָט מען מפנה געווען דעם גאַנצן ביה״ח פון מעליץ קיין צאַנז, און אַלעס אַריין געלייגט אין איין קבר, און אויפגעשטעלט אַ מצבה דערויף. דאָ ברענג איך דאָס בילד פון די מצבה.]



צווייטער קאַפּיטל

זיין גרויס התמדה און צדקות

נאָך אַלס קליין יונגל האָט מען געזען אַז דער זיידע וועט אויס וואַקסן לאילן גדול. ווען ער איז געגאַנגען אין חדר פלעגט מען אים מיט געבן מזונות, ער זאָל האָבן וואָס צו עסן אין חדר, אָבער ער פלעגט נעמען פאַר זיך אַ שטיקל ברויט, און די גוטע מזונות האָט ער צוטיילט פאַר די אָרימע קינדער.

אין זיין יוגנט האָט ער געלערנט זייער פלייסיג. ממש אַכטצן שעה אין מעל״ע איז ער געזעסן אין ביהמ״ד. ער האָט געהאַט אַ חבר מיט וועמען ער האָט צוזאַמען געלערנט פון ביינאַכט ביז אינדערפרי. דעם שמש פון ביהמ״ד האָט עס נישט אַזוי געשמעקט אַז צוויי בחורים זענען דאָרט אַ גאַנצע נאַכט, און ער האָט געקלערט ווי אַזוי ער קען מאַכן זיי זאָלן זיך זוכן אַן אַנדער אָרט. ביז ער איז אויפגעקומען מיט אַזאַ פּלאַן.

דער שמש האָט זיך ביינאַכט באַהאַלטן אין ביהמ״ד, אין אַ גרויסן קאַסטן וואו מען פלעגט אָנגרייטן האָלץ צום הייצן פאַר׳ן ווינטער. אינמיטן די נאַכט ווען זיי האָבן דאָרט געלערנט האָט ער אָנגעהויבן צוקלאַפּן אין קאַסטן, אַז זיי זאָלן זיך דערשרעקן. זיי זאָלן מיינען אַז עס קומען נשמות ביינאַכט אין ביהמ״ד, און אַזוי וועלן זיי מער נישט קומען ביינאַכט לערנען.

אָבער דער זיידע האָט געזאָגט פאַר זיין חבר, לאָמיר גיין זען וואָס עס קלאַפּט דאָרט, כדי מיר זאָלן זיין איבערצייגט אַז ס׳איז נישטאָ פון וואָס מורא צו האָבן, ווייל אויב מיר וועלן אַהיים גיין און דערציילן אַז מ׳הערט קולות אין ביהמ״ד ביינאַכט, וועלן אַנדערע מענטשן אויך נישט קומען ביינאַכט לערנען אין ביהמ״ד. זענען זיי צוגעגאַנגען צום פלאַץ פון וואו די קולות זענען געקומען, און האָבן געעפנט דעם קאַסטן, און האָבן דאָרט דערזען דעם משמש. רואיגערהייט האָבן זיי זיך צוריק געזעצט לערנען, און דער משמש האָט נישט געוואוסט וואו זיך אהין צו טאָן פאַר בושה. מער האָט ער זיי שוין נישט געשטערט.

דער זיידע ז״ל האָט געהאַט אַ מקום קבוע ביי די וואַנט, אין אַ ווינקל פון ביהמ״ד וואו ער האָט געלערנט. פון פיל זיצן אויף דעם זעלבן פלאַץ איז די וואַנט זייער אויסגעריבן געוואָרן, און עס איז געוואָרן אריינגעגראָבן אַזוי ווי די צורה פון זיין רוקן. יאָרן שפּעטער, האָט מען איבער געפאַרבט דאָס ביהמ״ד, אָבער דאָס פלאַץ וואו די צורה פון זיין רוקן איז געווען האָט מען נישט געפאַרבט (דאָס האָבן מיר דערציילט מענטשן וואָס קומען פון מעליין).

כאָטש זיין התמדה איז געווען זייער גרויס, דאָך פלעגט ער יעדן דאָנערשטאָג, אין דעם טאָג וואָס עס פלעגט פאָרקומען די שטאָט מאַרק, גיין צוזאַם נעמען נדבות פון די פרעמדע וואָס זענען געקומען אויפן מאַרק. אַזוי ווי ער איז געווען אַ חשוב און בעל בתי״ש קינד, האָט מען אים געוואָלט געבן אַ גרעסערע נתינה, ער האָט אָבער נישט

געוואָלט נעמען מער ווי 3 פרוטות פון איינעם. פון די געלט וואָס ער האָט צוזאַם געקליבן, פלעגט ער צאָלן שכר מלומדות פאַר קינדער פון אָרימע עלטערן, וואָס האָבן נישט געקענט אַליין צאָלן. אַסאַך פון די קינדער זענען אויס געוואַקסן תלמידי חכמים מופלגים, און מ׳האָט אויף זיי געזאָגט, אַז דאָס איז געווען די אַרבעט פון הרב ר׳ רפאל זצ״ל. ביי אים איז מקויים געוואָרן דער מאמר פון די משנה, הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה.

פון די צדקה געלט פלעגט ער אויך טיילן פאַר נויטבאַדערפטיגע אָרימעלייט. אויב ס׳האָט זיך געטראָפן דאָרט אַן איש מכובד און מ׳האָט אים געדאַרפט צוזאַם נעמען אַ סכום הגון, פלעגט ער עקסטער גיין פאַר אים נאָך געלט. צומאָל האָט זיך געטראָפן אַז ער איז געגאַנגען צוויי און אַפילו דריי מאָל אַ טאָג נאָך געלט, אַלץ פאַר אַנדערע חשוב׳ע נצרכים וואָס זענען געקומען נאָך געלט. ס׳האָט זיך אויך געטראָפן אַז מ׳האָט אים מבזה געווען, אָבער ער האָט דאָס מקבל געווען באהבה. ער פלעגט זאָגן אַז אויב מ׳איז אים מבזה איז די מצוה נאָך גרעסער.

בשעת דעם זיידן׳ס לוי׳, האָט מספיד געווען זיין זון הרב ר׳ שמואל זצ״ל הי״ד אב״ד קראָלי. האָט ער דערציילט אַז אַלס בחור האָט ער געלערנט אין מעליץ, וואו פיל מעליצער אידן האָבן אים געזאָגט, ״אונזער גאַנצע פרנסה איז געווען וואָס דיין טאַטע זצ״ל האָט אונז געגעבן״.

דריטער קאַפיטל

דאָס רבנות און די ישיבה

ווען דער זיידע ר׳ רפאל זצ״ל איז געוואָרן בערך אַכטצן יאָר, האָט ער חתונה געהאַט מיט הרבנית מרת רוזא בלימא, די טאָכטער פונ׳ם זיידן הרה״צ מוה״ר ר׳ ישראל יעקב יוקל טייטלבוים זצלה״ה, בעהמ״ס היטב איטיב, וועלכער איז געוועז אַן איידעם אין סיגעט, ביי זיין פעטער, הגה״צ מרן בעל ייטב לב זצ״ל. (ר׳ יוקל׳ס טאַטע דער גאָרליצער רב ר׳ שמואל זצ״ל איז געוועזן אַ ברודער פון ייטב לב זצ״ל).

מרן הק׳ בעל ייטב לב זצ״ל האָט געהאַט איבער געגעבן דאָס רבנות אין בערבעשט והגלילות, וואָס ס׳האָט געהערט צו סיגעט, פאַר זיין איידעם און פלימעניק, ר׳ יוקל ט״ב זצ״ל.

(פון סיגעט׳ער הויף פלעגט מען יעדן פרייטאָג שיקן קיין בערבעשט צו זיין איידעם, אויף אַלע שבת׳דיגע סעודות - חלות, פיש, פלייש, - און אַלעם וואָס מ׳ברויך אויף שבת. אויך שפעטער ווען ר׳ יוקל׳ס איידעם הרב ר׳ רפאל איז געוואָרן בערבעשט׳ער רב, האָט מען ווייטער געשיקט פון סיגעט׳ער הויז אַלע צרכי שבת ויו״ט, אויך פאַר די שפעטערע בערבעשט׳ער רבנים האָט מען געשיקט פיש אויף שבת ויו״ט דאָס איז ביז לעצטנס געוועזן אַ חק ולא יעבור.)

ווען ר׳ יוקל׳ס טאַטע דער גאָרליצער רב ר׳ שמואל זצ״ל דער ברודער פון ייטב לב איז נפטר געוואָרן (אין קראָקע ט׳ מרחשון שנת תרמ״ט לפ״ק,) האָט מען אויף גענומען זיין זון ר׳ יוקל, וואָס איז געוועזן בערבעשט׳ער רב, קיין גאָרליץ למלאות

מקום אביו. דעמאלס האָט ר׳ יוקל איבער געגעבן דאָס בערבעשט׳ער רבנות פאַר זיין נייעם איידעם ר׳ רפאל זצ״ל.

הרהגה״צ מוה״ר ישראל יעקב יוקל טייטלבוים זצלה״ה
בעהמ״ח ספר היטב איטיב - אב״ד וואָלאָווא

הגם ר׳ רפאל איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, האָט ער געפירט דאָס רבנות כזקן ורגיל. מ׳האָט אים זייער ליב געהאַט און מכבד געווען, צוליב זיין לערנען און זיין התמדה, און ווי אויך צוליב דעם וואס ער פלעגט מקבל זיין יעדן בסבר פנים יפות.

דער דעמאָלס׳דיגער ראש הקהל פון בערבעשט, האָט אָבער נישט געקענט אויס קומען מיט׳ן איידן אַלס רב. ער האָט אים זייער מצער געווען. דער איידע האָט אים בשום אופן נישט געקענט מקרב זיין צו זיך, און דאָס האָט אים גורם געווען גרויס עגמת נפש.

היות דער זיידע איז געווען פון די חסידים פון הגה״ק הרה״צ בעל דברי יחזקאל מ׳שינאָווא זצ״ל, האָט דער זיידע געשריבן פאַר זיין ברודער הרה״ח ר׳ נפתלי זצ״ל, וואָס האָט געוואוינט אין וויעליטשקע, אַז ווען ער וועט פאָרן קיין שינאָווא זאָל ער מזכיר זיין דעם ענין פאַר׳ן שינאָוואַ׳ר רב, און ער זאָל אים שרייבן וואָס דער שינאָוואַ׳ר רב האָט געענטפערט.

ווען ר׳ נפתלי ז״ל איז געפאָרן קיין שינאָווא, האָט ער מזכיר געווען זיין ברודער, און אויך דעם נאָמען פון׳ם ראש הקהל, וואָס איז אים מצער. דער שינאָוואר רב זצ״ל האָט אַראָפּ געלייגט זיין קאָפּ אויפן טיש בערך אַ פערטל שעה. ווען ער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ האָט ער געזאָגט פאַר ר׳ נפתלי׳ן אַז ער קען דעם ראש הקהל גאָרנישט טאָן, ווייל ער איז אַ גרויסער בעל מכניס אורח. (דאָס אַלעס האָט דער הייליגער שינאָוו׳ער רב געוואוסט, כאָטש ער האָט נישט געקענט דעם מענטש און קיינמאָל נישט געהערט פון אים.) דעריבער - פירט אויס דער שינאָווער רב - זאָל ער שרייבן פאַר זיין ברודער דעם בערבעשטער רב, ער זאָל זען שלום צו מאַכן מיט אים, און ער וועט זיך לאָזן איבערבעטן. אַזוי איז טאַקע געווען. זייט דעמאָלס, איז ער געוואָרן פון זיינע בעסטע ידידים. (די מעשה האָב איך געהערט פון מיין פעטער, הרה״צ מוה״ר חיים שלמה הורוויץ זצ״ל האדמו״ר סטריזוב, וואָס ער איז געווען אַן איידעם ביים בערבעשט׳ער זיידן.)

די סוף פון די מעשה איז געווען. אַז דער ראה״ק האָט וועגן אַן ענין געדאַרפט צו זיין ביים זיידן - דער רב, און דער בריוו פון שינאָוואַ׳ר רב׳ס תשובה איז געלעגן אויפן טיש.

דער ראה״ק האָט דאָס געזען, האָט ער פון דעם בריוו פאַרשטאַנען, אַז ווייל ער איז אַ בעל מכניס אורח קען ער נישט נענש ווערן. וואָס וועט אָבער ח״ו זיין אַז ער וועט ווערן אַ יורד ר״ל, וועט ער חלילה יאָ קענען נענש ווערן. דעריבער האָט ער זיך געלאָזט איבערבעטן און עס איז געוואָרן שלום על ישראל.

דער זיידע איז אַמאָל געפאָרן קיין מעליץ צו זיינע עלטערן מקיים זיין כיבוד אב ואם. דעמאָלס איז זיין ברודער ר׳ נפתלי ז״ל אויך דאָרט געווען. ווען די צוויי ברידער זענען געגאַנגען אויף די גאַס האָט זיי די גאַנצע גאַס נאָכגעקוקט מחמת גרויס חביבות.

דער זיידע האָט געגרינדעט אַ ישיבה אין בערבעשט. ס׳זענען געקומען צו אים בחורים מצויינים פון די גאַנצע געגנט, און ער איז פאַר זיי געווען ווי אַ טאַטע. אַסאַך בחורים האָבן געגעסן ביי אים, בפרט שבתות און ימים טובים. די באַבע ע״ה האָט אים געדאַרפט היטן בשעת׳ן עסן, ווייל טאָמער האָט זי איין מינוט אַוועק געקוקט, האָט ער באַלד אריינגעגאָסן זיין חלק אין אַ בחור׳ס טעלער, כדי דער זיידע זאָל וואָס ווייניגער עסן.

דער עצי חיים זצ״ל

פון זיינע תלמידים זענען געווען דער עצי חיים זצ״ל, דער ראחוב׳ער רב הרהגה״צ מוה״ר שלמה זלמן פרידמאַן זצ״ל, הרב מו״ה אליעזר שלמה וויזל זצ״ל טערנעווער רב, הרה״צ מו״ה נפתלי הירצקא האניג זצ״ל שאַרמאַשער רב, און נאָך אַנדערע גדולים וגאונים.

הרב ר׳ אליעזר שלמה וויזל זצ״ל - טערנעווער רב

דער טערנעווער רב זצ״ל האָט מיר דערציילט, (ווען איך בין געווען מיט אים אין די באָד מאקרע, אין יאָר תרצ״ט,) אַז דער זיידע פלעגט יעדע זאַך - אַזוי ווי אַ ברכה וכדומה - זאָגן אין אַ סידור, אַפילו די ברכת אשר יצר. פרייטאָג צונאַכטס פאַר קידוש פלעגט ער לערנען זוה״ק מיט אַ ברען, און אין מיטן לערנען פלעגט ער מיט גרויס עקסטאַז אויס שרייען, ״נאָ זעסטו רפאל אַז עס איז דאָ אַ באשעפער!״. אַסאַך מאָל אין מיטן לערנען פלעגט ער שרייען ״איך לאָז מיך פאַרברענען פאַר דיר, איך לאָז מיך שעכטן פאַר דיר״.

דער זיידע, דער בערבעשטער רב האָט יאָרן לאנג געהאַט אַ שיעור מיטן בעל קדושת יו״ט זי״ע אין סיגעט.

זיצענדיג: הרה״ח ר׳ יעקב פרידמאן ז״ל שו״ב,
הרה״צ ר׳ נפתלי הירצקא האניג אב״ד שארמאש זצ״ל, והחתן .
שטייענדיג: המו״ל, להבחל״ח ר׳ מרדכי גליק ז״ל, ר׳ שלמה גאלדשטיין ז״ל.

יעדן דאָנערשטאָג נאַכט, פלעגט ער אַריין פאָרן קיין סיגעט און דאָרט האָבן זיי געלערנט צוזאַמען אַ גאַנצע נאַכט.

פערטער קאַפּיטל

זיין התנהגות און עניוות

איינמאָל איז ביים זיידן געווען אַ דין תורה פון צוויי בעלי בתים, און ווי געווענליך איז איינער ארויס שולדיג. דער בעל הבית וואָס איז ארויס שולדיג האָט געהאַט גרויס תערומות אויפן רב. האָט אים דער רב געזאָגט ״וואָס קען איך דיר טאָן, דער שלחן ערוך פּסק׳נט אַזוי. קום וועל איך דיר ווייזן וואו עס שטייט אין ש״ע״. האָט דער בעה״ב געזאָגט, ״איך פאַרשטיי סיי ווי נישט אין ש״ע״. האָט אים דער זיידע געבעטן ״קום איך וועל לערנען מיט דיר אינאיינעם לאַנגזאַם אינעווייניג, און דו וועסט אַליין זען אַז איך האָב נישט געקענט אַנדערש פּסק׳נען״.

אַזוי האָבן זיי צוזאַמען געלערנט. דער זיידע האָט אים אַלעס לאַנגזאַם און רואיג מסביר געווען. דער בעה״ב האָט איינגעזען אַז דער רב איז טאַקע גערעכט, און ער איז אים צוריק געוואָרן אַ גוטער פריינט. (אַזוי ווייט האָט זיך דער זיידע אָנגעשטרענגט אַז קיין שום איד זאָל נישט טראָגן קיין שווער האַרץ אויף אים).

ביי די שבת׳דיגע סעודות פלעגט ער נישט זאָגן קיין תורה. ער האָט נאָר געזאָגט אין די שוהל אַ דרשה שבת הגדול און שבת תשובה.

איינמאָל האָט זיין שוואָגער דער לאַפּאָש׳ער רב הרב ר׳ משה דוד ט״ב זצ״ל געמאַכט אַ ברית און דער זיידע איז אויך געלאַדנט געוואָרן צום ברית קיין לאַפּאָש. ס׳זענען דאָרט געווען אַסאַך רבנים מפורסמים, און דער מנהג פלעגט

הרה״צ ר׳ משה דוד ט״ב
לאפּאָשער רב זצ״ל

זיין אַז יעדער רב האָט געזאָגט ביי די סעודה אַ דבר תורה. ווען מען האָט מכבד געווען דעם זיידן צו זאָגן אַ דבר תורה האָט ער נישט געוואָלט זאָגן. פאַר׳ן בענטשן האָט דער בעל שמחה געזאָגט אַז ער לאָזט נישט בענטשן ביז דער בערבעשט׳ער רב וועט זאָגן תורה. באין ברירה האָט ער אָנגעהויבן זאָגן, און ער האָט מקשר געווען אַלע מאמרים וואָס אַלע רבנים האָבן געזאָגט און משלב געווען מיט גרויס חריפות און בקיאות, אַז יעדער איז געבליבן נבהל ונשתומם פון זיין געוואַלדיגע בקיאות. דעמאָלס האָבן זיך אַלע איבערצייגט אַז דאָס וואָס ער זאָגט נישט קיין דברי תורה ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, איז נאָר מחמת זיין גרויס ענִיוות.

אויף ביטול הזמן האָט ער זייער מקפיד געווען, אָבער צו העלפן פאַר די מאַמען, דאָס האָט ער יאָ געלאָזט. ער האָט געזאָגט אַז דאָס הייסט נישט קיין ביטול הזמן, ווייל ״כיבוד אם״ איז אויך אַ מצוה.

די מדה פון הסתפקות, פון זיך באַגנוגען מיט ווייניג, איז ביים זיידן געווען אין לשער.

ער האָט נישט געוואָלט נעמען קיין געלט און קיין מתנות פון קיינעם, אויסער פון די וועלכע האָבן געהערט צו זיינע גלילות אָדער פון זיינע תלמידים, און אַפילו פון זיי האָט ער אויך נישט אַלץ גענומען. אויב ער האָט געהערט אַז יענעמ׳ס מצב פרנסה איז שווער האָט ער נישט געוואָלט נעמען פון אים בשום אופן.

ס׳האָט מיר דערציילט הישיש ר׳ אביגדור קאהן ז״ל (ער איז אויך געווען אַ תלמיד פון זיידן), אַז נאָך זיין חתונה פלעגט ער שיקן צום זיידן אויף יו״ט אַ סכום אויף צרכי הבית. איינמאָל האָט ער געשיקט אַ סכום מיט אַ פּאָסט אָנווייזונג (באַנק טשעק) און האָט צוגעשריבן זיין מאַמע׳ס נאָמען. דער זיידע האָט אים דאָס צוריק געשיקט, און צו געשריבן, ״לא ניסיתי באלה, ווען דו שיקסט אַלס תלמיד נעם איך דאָס, אָבער אַז דו שיקסט דאָס אַלס אַ פּדיון אַזוי ווי פאַר אַ רבי׳ן זיך מזכיר צו זיין מיט די מאַמע׳ס נאָמען, דאָס איז נישט פאַר מיר. איך בין נישט קיין רבי״.

אין זיינע גלילות אין דאָרף קרעטשעסט איז געווען אַ מעבל סוחר. יענער האָט געוואָלט געבן פאַר׳ן זיידן נייע מעבל פאַר׳ן שלאָף שטוב, און דער זיידע האָט דאָס בשום אופן נישט געוואָלט נעמען, זאגענדיג ״זאָל איך ארויס וואַרפן דעם שווער׳ס בעטן?״.

איינמאָל האָט די באַבע ע״ה געקויפט אַ נייעם לאָמפּ אין עס שטוב (דיינינג רום), וואו מ׳איז אויך געזעסן אַ גאַנצן טאָג. אַלע קינדער האָבן זיך געפרייט אַז מ׳האָט אַ נייעם לאָמפּ. ווען דער זיידע האָט דערזען דעם נייעם לאָמפּ, האָט

ער געשריגן, "דער אַלטער לאָמפּ איז נישט גוט געווען? אויף דעם דאַרפן מיר אידן געבן געלט, אַז איך זאָל קויפן אַ נייע לאָמפּ?", ער האָט דאָס בשום אופן נישט געוואָלט האָבן, און מ'האָט דאָס געדאַרפט צוריק געבן.

איינמאָל איז די באַבע ע"ה נישט געווען שבת אינדערהיים. די קינדער האָבן אָנגעגרייט די שבת'דיגע מאכלים, און האָבן פאַרגעסן צו קאָכן אייער. ווען מ'האָט געוואָלט מאַכן שבת בייטאָג די אייער מיט צוויבל, האָט דאָס עלטערע מיידל וואָס איז געווען אין הויז געזען אַז עס איז נישט דאָ קיין אייער, האָט זי געזאָגט פאַר די אינגערע שוועסטער זי זאָל גיין צום שכן באָרגן אַ געקאָכטע איי. דער זיידע האָט געהערט ווי מ'שיקט דאָס מיידל באָרגן פון שכן, האָט ער איהר געזאָגט אַז זי זאָל נישט גיין. "אז מ'האָט נישט ברויך מען זיך צו באַגיין, עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות".

ער איז געווען זייער באַליבט אין די גאַנצע געגנט. אויך ביי די ממשלה האָט מען זיך גערעכנט מיט זיין מיינונג. דורכדעם האָט ער אַסאַך טובות געטאָן דורך די ממשלה.

איינמאָל פאַר די וואַלן צום פּאַרלאַמענט איז געקומען צום זיידן דער גאָווערנער פון דעם קאָמידאַט מיט דעם פאָרשטייער וואָס איז געלאָפן פאַר'ן פּאַרלאַמענט. ער האָט געבעטן פונ'ם זיידן, ער זאָל הייסן זיינע מענטשן שטימען פאַר דעם קאַנדידאַט וואָס איז געקומען מיט'ן גאָווערנער. דער זיידע האָט זיי אָבער נישט געוואָלט צוזאָגן, און זיי זענען אַוועק פון דאָרט ברוגז.

שפּעטער איז דער גאָווערנער אַליין צוריק געקומען פרעגן פאַרוואָס דער רבי האָט זיי נישט געוואָלט צוזאָגן אַז ער וועט הייסן שטימען פאַר דעם קאַנדידאַט. דער קאַנדידאַט איז ספּעציעל געקומען פון בוקאַרעסט וועגן דעם, און ער איז זייער פאַרשעמט געוואָרן. האָט אים דער זיידע געענטפערט, אַז אַזוי ווי די ממשלה איז אַ דעמאָקראַטישע, און בכדי עס זאָל נישט אויסקוקן ווי אַ דיקטאַטאָרישע מלוכה, שטעלט די מלוכה אַליין מערערע קאַנדידאַטן אויף די ליסטע פון וועלכע מ׳זאָל וועלן. די ממשלה האָט אָבער איין קאַנדידאַט וועלכן זיי ווילן מ׳זאָל אויסוועלן.

אַזוי ווי דו ביסט געקומען צוזאַמען מיט דעם קאַנדידאַט, האָב איך נישט געוואוסט זיכער צו ער איז טאַקע דער קאַנדידאַט וואָס די רעגירונג וויל ער זאָל געוועלט ווערן, האָב איך אים נישט געקענט שטיצן. אויב איך וואָלט דערנאָך געוואויר געוואָרן אַז נישט אים האָט די רעגירונג געמיינט, וואָלט איך שוין נישט געקענט צוריקציען און משנה זיין מיין וואָרט וואָס איך האָב אים געגעבן. איך וואָלט געדאַרפט הייסן שטימען פאַר׳ן נישט ריכטיגן קאַנדידאַט. אָבער אַזוי ווי דו ביזט יעצט געקומען אליין, און דו זאָגסט אַז דער איז טאַקע דער קאַנדידאַט וואָס די רעגירונג וויל מ׳זאָל פאַר אים שטימען, וועל איך זיכער הייסן שטימען פאַר אים. די תשובה איז זייער געפאָלן פאַר׳ן גאָווערנער. דער זיידע האָט געהייסן שטימען פאַר דעם

קאַנדידאַט, און ער האָט געווינען. פון דעמאָלס אָן האָט דער זיידע געהאַט פון גאָווערנער אַסאַך טובות בכלל ובפרט.

אויך נאָך די פטירה פון זיידן זצ״ל האָבן זיינע קינדער געהאַט אַ גרויס וואָרט ביים גאָווערנער.

ער האָט געפירט זיין רבנות ביז די ערשטע וועלט מלחמה שנת תרע״ד.

פינפטער קאַפּיטל

זיינע לעצטע טעג

ווינטער פאַר די מלחמה איז ער געפאָרן קיין מעליץ מקיים צו זיין מצות כיבוד אם. (זיין טאַטע האָט שוין דעמאָלס נישט געלעבט.) ער איז געווען דאָרט עטליכע טעג. ער האָט זיך נישט אַזוי גוט געשפּירט, האָט אים זיין מאַמע געהייסן גיין דאָרט צו אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט נישט געקענט דערגיין די אורזאַך דערפון. ווען ער איז אַהיים געפאָרן, איז ער דאָרט אויך געגאַנגען צו אַ דאָקטאָר. ווען דער דאָקטאָר האָט אים אונטערזיכט - אַריין קוקנדיג אין די אויגן - האָט ער אים געזאָגט, אַז ער האָט אַ נירן קראַנקהייט ל״ע (דעמאָלס האָט דאָס געהייסן אייוויים,) און ער האָט אים געגעבן רעצעפּטן פאַר די מעדעצינען.

די ערשטע וועלט מלחמה האָט אויס געבראָכן אום תשעה באב אין יאָר תרע״ד. וויבאַלד דער זיידע איז געווען אַן איש מפורסם אין די גאַנצע געגנט, (בערבעשט איז געווען נאָנט צו די גרעניץ), האָט ער מורא געהאַט צו בלייבן דאָרט. די גאַנצע משפּחה איז געפאָרן אין אַ דאָרף אין די גלילות, און זענען דאָרט געבליבן אַ שטיקל צייט.

צוליב די מאַטערנישן פון וועג, און אויך ווייל זיי זענען נישט געווען אין דערהיים, האָט זיך זיין געזונט צושטאַנד פאַרערגערט. איז ער געפאָרן מיט זיין זון הרב ר׳ שמואל ז״ל הי״ד, (וואָס ער איז שוין דעמאָלס געווען אַן איידעם ביי ר׳ ישעי׳לע קערעסטירער זצ״ל) קיין פּעסט צו אַ דאָקטאָר. ער איז געווען דאָרט אין אַ

סאַניטאָריאָם אַ שטיק צייט, ביז עס אים איגנאַנצן בעסער געוואָרן, און דערנאָך איז ער צוריק געפאָרן קיין בערבעשט.

דאָרט אין בערבעשט האָט זיך די מחלה ל״ע צוריק געקערט. דאָס איז געווען זומער תרע״ו. די מלחמה האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן. דערפאַר האָבן אים דאָס בני בית געבעטן ער זאָל פאָרן צו זיין זון קיין קערעסטיר ביז נאָך די מלחמה. דער זיידע האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון בשום אופן. ער האָט געזאָגט ״יעצט ברויך מען נישט צו לויפן און מ׳לויפט, אָבער עס וועט קומען אַ צייט וואָס מ׳וועט יאָ ברויכן צו לויפן, און מ׳וועט נישט לויפן״. (ליידער האָט זיך שפעטער ביי די צווייטע וועלט מלחמה ארויסגעוויזן דאָס וואָס ער האָט פאָראויס געזאָגט, אַז ווען מ׳וואָלט געלאָפן, וואָלט מען געקענט ניצול ווערן, אָבער מ׳איז נישט געלאָפן).

די בני בית האָבן אָבער נישט נאָכגעלאָזט און אים זייער געבעטן יעדן טאָג ער זאָל פאָרן. ענדליך נאָך אַסאַך הפצרות האָט ער מסכים געווען צו פאָרן. בשעת׳ן געזעגענען האָבן אים אייניגע בעה״ב און אויך אייניגע בחורים וואָס זענען דאָרט געווען אָנגעוואונטשן, אַז אי״ה בקרוב זאל ער צוריק קומען געזונטערהייט. ער האָט אָבער געענטפערט ״איר וועט צוריק קומען אָבער נישט איך״, ווי זיי האָבן געהערט זיינע ווערטער האָבן אַלע אָנגעהויבן צו וויינען, אַז זיי ווילן שוין נישט אַז מ׳זאָל פאָרן, אָבער ער האָט געזאָגט, ״איך האָב שוין איינמאָל געזאָגט אַז איך פאָר, וויל איך נישט משנה זיין מיינע ווערטער״.

א נסיעה פון בערבעשט קיין קערעסטיר פלעגט יענע צייטן דויערן בערך אַ מעל״ע (24 שעה). אָבער זייער נסיעה

דעמאָלס איז אָנגעקומען זייער שווער. זיי זענען געפאָרן מיט די באַן, און מ׳האָט געדאַרפט מערערע מאָל טוישן באַנען. איין באַן האָט נישט אָפּגעוואַרט די אַנדערע, במילא האָט מען געדאַרפט וואַרטן ביי יעדע סטאַנציע זייער אַסאַך צייט. אַזוי איז געווען אַסאַך מאָל ביים איבערשטייגן פון איין באַן צו די אַנדערע. צום סוף זענען זיי געפאָרן פון איהעל קיין קערעסטיר - בערך 33 ק.מ. - אין מיטן די נאַכט. נישט זייענדיג באַקאַנט אין דעם געגענט זענען זיי בטעות אָפּגעשטיגן מיט איין סטאַנציע פריער, אינ׳ם דערפל ״סעג״ פאַר קערעסטיר. ביז זיי האָבן זיך ארום געזען אַז זיי זענען נישט גוט אָפּגעשטיגן, איז שוין די באַן אַוועק געפאָרן, און זיי זענען געבליבן געשטראַנדעט אין די סטאַנציע.

דער זיידע איז געווען זייער ערשעפּט און שוואַך. זיי האָבן געהערט אַז אין דאָרף איז דאָ אַ קערעסטירער חסיד, זענען זיי געגאַנגען צו אים און געקלאַפּט אין די פענסטערס. זיי האָבן געשריגן אַז זיי זענען מחותנים פון ר׳ ישעי׳לען, אָבער ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. קיינער האָט נישט געעפנט. בלית ברירה איז זיין טאָכטער מרת מלכה ע״ה הרבנית מ׳סטריזעוו, וואָס איז נאָך געווען דאַן אַ מיידל געגאַנגען מיט נאָך איינעם, עטליכע ק״מ ביז קערעסטיר צופיס. דאָרט איז מען נאָך אויף געווען. הערנדיג אַז זייער פאַמיליע איז געבליבן שטעקן אין ״סעג״ האָט מען באַלד איינגעשפּאַנט אַ וואָגן מיט פערד, און מ׳איז זיי אַ קעגן געפאָרן. אַזוי זענען זיי בשלום אָנגעקומען קיין קערעסטיר.

דאָרט איז זיין מצב לײדער אַסאַך ערגער געוואָרן. ער האָט כסדר געזאָגט, אויב ער וואָלט געווען ביי זיך אינדערהיים אין זיין בית המדרש, וואָלט ער נישט געקומען צו אַזאַ מצב.

די לעצטע וואָכן פון זיין לעבן האָט זיך זיין מצב זייער פאַרערגערט. ער האָט געהאַט שרעקליכע יסורים. אַסאַך מאָל האָט ער נישט געקענט אַליין דאַווענען, און אַן אַנדערער האָט מיט אים געדאַרפט דאַווענען.

דעם לעצטן פרייטאָג פאַרנאַכט, האָט ער געזאָגט פאַר די וואָס זענען געשטאַנען נעבן אים, ״איהר זעט נישט אַז מ׳שרייבט שוין״, און זיי האָבן געזאָגט אַז זיי זעען גאָרנישט, און ער האָט נאָך אַמאָל געזאָגט ״קוקטס ווי מ׳שרייבט״, האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז ער טוט זיי מרמז זיין עפּעס וועגן זיך.

פרייטאָג צונאַכטס האָט ער געמאַכט קידוש ווי געוועגליך. דעמאָלס האָט זיך גאָרנישט דערקענט פון זיין מחלה, אָבער דאָס בני בית האָבן שוין געזען זיין מצב און האָבן זייער געוויינט, אַזוי ווי די חז״ל זאָגן, ״אע״ג דאיהו לא חזי מזלי׳ חזי״.

שבת צופרי איז ער זייער שוואַך געווען. ער האָט נישט געקענט אַליין דאַווענען. מ׳האָט פאַר אים פאָר געדאַוועט ביז נשמת, און פון דאָרט און ווייטער האָט ער אַליין געדאַוועט.

ביי שלוש סעודות, איז געווען אַ מנין ביי זיך אין שטוב, זיינע קינדער און אויך עטליכע פרעמדע מענטשן. מען האָט - ווי געווענליך - ממשיך געווען די סעודה ביז שפּעט נאָכן זמן. ווען ס'איז געוואָרן דער זמן פון מוצש"ק, האָט דער זיידע געשיקט מיט אַ קינד זאָגן אַז זיי זאָלן שוין ענדיגן די סעודה, און זאָלן בענטשן און דאַווענען מעריב, אָבער זיי האָבן נישט צו געהערט וואָס דאָס קינד זאָגט, און ווייטער געזינגען זמירות. האָט ער נאָך אַמאָל אַריין געשיקט און באַפּוילן אַז זיי זאָלן שוין אויפהערן צו זינגען, די באַבע ע"ה האָט אים געפרעגט וואָס ער איילט זיך אַזוי, האָט ער איהר געענטפערט, "אז איך האָב נאָך די זכי' צו הערן די לעצטע הבדלה אין מיין לעבן, וויל איך דאָס הערן וואָס פריער".

מאנטאָג האָט דער זיידע געפרעגט ווען איז די יאָהרצייט, האָבן זיי אים געזאָגט וואָס ווילסטו פון די יאָהרצייט, די יאָהרצייט וועט ערשט זיין אין אַ חודש, (זיי האָבן געמיינט, אַז ער פרעגט וועגן די יאָרצייט פון זייער פעטער דער קדושת יו"ט זי"ע), אָבער ער האָט געזאָגט אַז די יאָהרצייט איז יעצט. אַזוי האָט ער געזאָגט מערערע מאָל אַז די יאָהרצייט איז יעצט.

לײדער איז טאַקע אַזוי געװען, און בײנאַכט אור ליום ג׳, כ״ט טבת, ערב ראש חודש שבט, שנת תרע״ז, יצאה נשמתו בקדושה ובטהרה, הוא הלך למנוחות ואותנו עזב לאנחות.



בילדער פון די מצבות
אין קערעסטיר פאַרן פאַרריכטן



מ׳האָט אים באַהאַלטן אויפן חשוב׳סטן פלאַץ װאָס איז געװען אין קערעסטיר. דער קערעסטירער רב הרה״ג מו״ה משה גינז זצ״ל ליגט פון זײן רעכטע זײט, און אויף די לינקע זײט ליגט הרה״ח מו״ה יצחק יונה װײנשטאק זצ״ל, דער שװער פון הרה״צ ר׳ ישעי׳לע.

נאָך די פטירה פון ר׳ ישעי׳לע זצוקלה״ה, האָט מען געמאַכט אַ גרױסן אוהל, אין װעלכן עס איז אַרײנגענומען דער קערעסטירער רב זצ״ל און דער זײדע הרב ר׳ רפאל זצ״ל. הײנט צו טאָג ליגן אין דעם אוהל פון רעכטס צו לינקס: הרב ר׳ משה גינז זצ״ל, הרב ר׳ רפאל זצ״ל אב״ד בערבעשט, הרה״ח ר׳ יצחק יונה זצ״ל, זײן טאָכטער די רבנית הצדיקת שרה ע״ה אשת הרה״צ ר׳

ישעי׳לע זצ״ל, הרה״צ ר׳ ישעי׳לע זצ״ל, זיין זון (מיין מאַמע׳ס טאַטע,) הרה״צ מוה״ר ר׳ אברהם׳לע זצ״ל. 4 פון מיינע זיידעס און איין באַבע זי״ע ועכ״י.

אין די מלחמה יאָרן, אין יאָר תש״ד-ה׳, איז דער גאַנצער אוהל מיט אַלע מצבות וואָס זענען געווען אין אוהל חרוב און צובראָכן געוואָרן. אין יאָר תשכ״ד בין איך צום ערשטן מאָל געפאָרן קיין אונגאַרן פון אַמעריקא. (ביז דעמאָלס האָט זיך קיינער נישט געטרויט צו פאָרן קיין אונגאַרן, צוליב די קאָמוניסטישע רעגירונג דאָרט. איך בין געווען פון די ערשטע וואָס זענען אהין געפאָרן.) איך האָב געזען דעם חורבן וואָס איז געוואָרן דאָרט. איך האָב תיכף געדינגען בעלי מלאכה, און צוזאַם געקליבן די שטיקלעך מצבות און געלאָזט צוזאַמען צעמענטירן. פון געוויסע מצבות האָב איך נישט געקענט טרעפן אַלע חלקים, און צוליב דעם זענען נישט אַלע מצבות געהעריג פאַרראָכטן געוואָרן. עד היום (שנת תשס״א) זענען די מצבות אַזוי ווי איך האָב זיי געלאָזט פאַררעכטן, אויסער די מצבה פון זיידן ר׳ ישעי׳לע׳ס שווער הרה״ח ר׳ יצחק יונה זצ״ל, וואָס איך

מצבה פון הרב ר׳ רפאל גרויס זצ״ל נאָכן פאַררעכטען

האָב געלאָזט איבער מאַכן בשנת תשנ"ג בהשתתפות פון זיין אייניקל הרה"ח ר' ישעי' שלום לאנדא ומשפחתו שליט"א.



אַ דאַנק קאַרטל פון רב שיק דער הויפט רב פון אונגאַרן פאַרן פאַררעכטן די מציבות אין קערעסטיר.

(אגב וויל איך דערציילן, אַז ווען דער זיידע ר' רפאל זצ"ל איז קראַנק געווען, האָט די באַבע ע"ה זיין רעבעצין, נישט געשריבן פאַר איהר פאָטער דעם וואָלאָווער רב בעהמ"ח היטב איטיב זצ"ל אַז איהר מאַן איז ל"ע קראַנק. זי האָט אים נישט געוואָלט מצער זיין. אין דעם טאָג וואָס דער זיידע ר' רפאל איז נפטר געוואָרן, האָט דער וואָלאָווער זיידע גערופן זיין זון, הרה"צ ר' אהרן זצ"ל הי"ד, וואָס ער איז געווען דער לעצטער באַמור'ער רב פאַר די לעצטע מלחמה, אַז ער זאָל שרייבן אַ מכתב תנחומים פאַר זיין טאָכטער על פטירת בעלה זצ"ל. ער האָט אים געזאָגט, הגם אַז ביז מ'האָט נישט קיין געהעריגע ידיעה, שרייבט מען נישט קיין מכתב תנחומים, אָבער אַזוי ווי זיין איידעם דער בערבעשטער רב הרה"צ ר' רפאל זצ"ל איז געווען ביי אים די נאַכט, און האָט אים געבעטן אַז ער זאָל אים טאָן אַ טובה בעולם העליון, ווייסט ער שוין אַלעם וואָס גייט פאָר, דערפאַר מעג ער שוין יאָ שרייבן דעם בריוו).



הרב שיק ז"ל ביי די מצבות אין קערעסטיר



ג' אייר שנת תשכ"ח - אַ באזוך פונ'ם מו"ל ביי די מקומות הקדושים

פאטאגראפירט דורך מנחם מענדל בן זיסל היימליך ז"ל (פעטיאש)

ג׳ אייר שנת תשכ״ח - אַ באזוך פונ׳ם מו״ל ביי די מקומות הקדושים

פאטאגראפירט דורך מנחם מענדל בן זיסל היימליך ז״ל (פעטיאש)



די נייע מצבה פון רבי ר׳ ישעי׳לע׳ס שווער

עס האָט מיר דערציילט הרה״צ מוה״ר חי״ל דייטש זצ״ל, העלמעצער רב, בעה״ח ספרי טֹהרת יו״ט, וואָס האָט דעמאָלס געוואוינט אין קערעסטיר, אַז ער האָט געזען ווי מיין פאָטער זצ״ל, האָט זיך געקלאַפּט זיין קאָפּ אין די וואַנט, פון גרויס צער, אַז זיין גרויסער פאָטער איז נפטר געוואָרן.

נאָכדעם ווי דער זיידע איז נפטר געוואָרן, איז די באַבע ע״ה צוריק געפאָרן קיין בערבעשט, וואו זי האָט געוואוינט ביז זי איז נפטר געוואָרן, כ״א אלול תרצ״ו.

זעקסטער קאַפּיטל

די קינדער פון זיידן

אין די קומענדיגע קאַפּיטלעך, וועלן ווערן אויס גערעכענט בס"ד די קינדער פון זיידן הרה"צ ר' רפאל זצלה"ה.

דער עלצטער זון, הרהגה"צ ר' **יקותיאל יהודה** הי"ד, איז געבוירן אין יאָר תרמ"ג אין בערבעשט. ער איז געווען דער ממלא מקום פון זיין פאָטער אין בערבעשט.

אויף דעם בילד: אין דערמיט, הרה"ג מוה"ר ר' יקותיאל יהודא גרוים זצ"ל הי"ד, אויף די לינקע זייט איז זיין פלימעניק (ברודער'ס זון), הרב יקותיאל יהודא גרוים זצ"ל הי"ד אב"ד שאָגאַטאָג.

אויף דעם בילד זעט מען, הרה״ג מוה״ר יקותיאל יהודא גרוים זצ״ל הי״ד, און זיין שווער בזווג שני, הרה״ח מו״ה יחיאל מיכל פרענקעל זצ״ל הי״ד, מיט אַ טייל פון זייער משפחה.

(בזווג ראשון איז ער געווען אַן איידעם ביי הרהגה״צ מוה״ר אהרן הורוויץ זצ״ל אב״ד בייטש, דער זון פון הרהגה״צ בעל אמרי נועם זצלה״ה, דער איידעם פון הגה״ק בעל דברי חיים מ׳צאַנז זצלה״ה, זי איז ל״ע נפטר געוואָרן יונגערהייט).

בזווג שני איז ר׳ יקותיאל יהודה געווען אַן איידעם ביי זיין פעטער הרה״ח מוה״ר ר׳ **יחיאל מיכל פרענקל** הי״ד, וועלכער איז געווען אַן איידעם ביי הרהגה״צ בעהמ״ח בעל היטב איטיב זצלה״ה מוואָלאָווע. זיין ווייב האָט געהייסן רחל, און זייערע קינדער זענען געווען: נפתלי, שמואל, יוסף, בילא, משה, ישראל יעקב יוקל, און הענדל. אַלע זענען נעבעך אַוועק אויף קידוש השם, ב׳ סיון תש״ד הי״ד.

ווען דער עצי חיים זצלה״ה, איז נפטר געוואָרן אין סיגעט, איז הרב ר׳ יקותיאל יהודה אויפגענומען געוואָרן אַלס ראש בי״ד דאָרט אין סיגעט.

ער האָט געהאַט אַ גרויסע ישיבה אין סיגעט. ער איז געווען אַ גרויסער בקי אין חושן משפט. און געפירט אַסאַך שווערע דין תורות. כ״ק אדמו״ר מסאַטמאַר שליט״א מרן מהר״ם ט״ב האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט ביי אים געלערנט חושן משפט. די לעצטע יאָרן האָט ער אין די ישיבה (אין דעם בנין הישיבה) געעפנט אַ פאַבריק פון וועבעריי, וואו די בחורים האָבן רוב טאָג געלערנט שיעורי הישיבה גמרא מיט תוספות, און צוויי שעה אין טאָג, האָבן זיי זיך געלערנט די פאַך פון שטריקעריי.

ער האָט געזאָגט, אַז ווען אַ בחור האָט חתונה איז די ערשטע דאגה פון וואו מ׳נעמט פרנסה. קיין פאַך האָט ער דאָך נישט ווייסט ער דאָך נישט ווי אַזוי אָנצוהייבן זוכן אַ פרנסה, אָבער אַז ער האָט אַ פאַך, קען ער טרעפן אַ פאָסטן און האָבן פרנסה. שטריקעריי איז דעמאָלס געווען דאָס מערסטע געזוכטע פאַך, און די ישיבה האָט זיך זייער גוט אויסגעאַרבעט.

דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז... די דייטשע - אונגאַרישע רשעים ימש״ו האָבן זיי אַלע דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ און זיי זענען נעבעך אַלע אומגעקומען אויף קידוש השם ב׳ סיון תש״ד הי״ד.

דער צווייטער זון

דער צווייטער זון פונ׳ם זיידן רבי ר׳ רפאל איז געווען, הרה״ג מוה״ר **שמואל** זצ״ל הי״ד, ער איז געבוירן געוואָרן שנת תרמ״ו אין בערבעשט.



הרהגה״צ ר׳ שמואל גרויס זצ״ל הי״ד

ער און זיין עלטערער ברודער ראב״ד סיגעט, האָבן אַלס בחור געלערנט ביי זייער פאָטער אין בערבעשט און אין מעליץ. (דאָס געבורט אָרט פון זייער פאָטער).

אַלס יונגע בחורים, זענען זיי ביידע געפאָרן נעמען די התרת הוראה פון הגאון ר׳ שלמה לייב העללער זצ״ל, בעל ערך ש״י דער ראב״ד פון סיגעט. זיי האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן ביים בעל ערך ש״י בערך 6 וואָכן. די גאַנצע צייט וואָס זיי זענען דאָרט געווען, האָט דער ראב״ד געהייסן, אַז אַלע שאלות וואָס וועט פאָרקומען אין שטאָט זאָל מען שיקן צו אים, צו דעם בעל ערך ש״י. כאָטש ס׳זענען געווען מערערע דיינים אין סיגעט, וואָס האָבן גע׳פסק׳נט שאלות, האָט ער דעמאָלס געהייסן, ברענגען אַלע שאלות וואָס ס׳מאַכט זיך צו אים.

ווען מ׳האָט געברענגט אַ שאלה פאַר׳ן ראב״ד האט ער געהייסן פאַר די צוויי ברידער זיי זאָלן פסק׳ענען. ווען זיי האָבן גע׳פסק׳נט האָט ער זיי געפרעגט מהיכן דנתנו, ווי אַזוי זיי זענען צוגעקומען צו דעם פסק. אין לויף פון 6

וואָכן, זענען זיי דורך געגאַנגען שאלות פון כמעט אַלע ארבע חלקי ש״ע, און זיי האָבן אויף יעדע שאלה געענטפערט ווי אַזוי זיי זענען געקומען צו דעם פסק. דער בעל ערך ש״י האָט געזען, אַז זיי זענען קולע אל השערה, און זיי זענען מדמה מילתא למילתא בטוב טעם ודעת, האָט ער זיי געגעבן זייער שיינע התרת הוראות. זיי האָבן אויך גענומען התרת הוראה פון אַסאַך גאוני וגדולי זמנם.

ווען ס׳איז געקומען דער זמן פון האיש מקדש, האָט מען אים אָנגעטראָגן די טאָכטער פון הרה״צ ר׳ ישעי׳לע קערעסטירער (הרבנית מרת קריינטשע הי״ד). אַזוי ווי ער איז געווען אַן עילוי און אַ גרויסער יחסן, האָט זיין פאָטער אָנגעפרעגט זיין שווער הרה״צ ר׳ יוקל אב״ד וואָלאָווע זצ״ל וועגן דעם שידוך. האָט אים זיין שווער געענטפערט, אַז איינמאָל איז ער דורכגעפאָרן קערעסטיר, און איז געווען ביי ר׳ ישעי׳לע׳ן. ר׳ ישעי׳לע האָט אים פאַרבעטן צו אַ מיטאָג סעודה, און ער האָט פאַרשטייט זיך אָנגענומען די איינלאדענונג. און נאָך יעצט שפירט ער דעם טעם פון די זופּ וואָס ער האָט דאָרט געגעסן. ער האָט מסכים געווען צום שידוך, און דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן בשעטו״מ.

אַזוי ווי די הוצאות החתונה מצד הכלה איז געווען גרויס, איז דער זיידע ר׳ ישעי׳לע געפאָרן קיין זענטע, וואו ער האָט געהאַט ידידים וחסידים, זיי זאָלן אים העלפן מיט הוצאות החתונה. ס׳האָט מיר דערציילט ר׳ נפתלי פליישמאַן נ״י דער זון פון ר׳ מרדכי ע״ה, אַז ר׳ מרדכי פליישמאַן׳ס

שוועער האָט געהייסן אַן עושר דעמאָלס, און ר׳ ישעי׳לע איז ביי אים איינגעשטאַנען.

רבי ר׳ ישעי׳לע האָט אים געבעטן אַ געוויסע סכום אויף הוצאות החתונה. האָט ער אים געענטפערט, אַז ער איז ר״ל אַ יורד און קיינער ווייסט נישט דערפון. ער אַליין דארף יעצט אַ גרויסן סכום ער זאָל זיך קענען ארויס דרייען פון זיינע בעלי חובות. האָט אים ר׳ ישעי׳לע געהייסן, ער זאָל אַלעס אויפשרייבן און מאַכן אַ גענויען חשבון וויפיל געלט ער דארף האָבן זיך צו קענען צוריק שטעלן אויף די פיס. ר׳ ישעי׳לע האָט אים געפרעגט אויב ס׳איז דאָרט דאָ אַ לאַטערי? האָט ער געזאָגט יאָ. האָט אים ר׳ ישעי׳לע געזאָגט ער זאָל קויפן מיט אים בשותפות אַ לאַטערי נומער.

די ציאונג פון די לאַטערי איז געווען אַפּאָר טעג שפּעטער, און ר׳ ישעי׳לע איז נאָך דאָרט געווען. די לאַטערי האָט געווינען פונקט אַזויפיל, וויפיל עס איז געווען דער סכום וואָסביידע האָבן געזאָגט אַז זיי דאַרפן. ר׳ ישעי׳לע האָט גענומען נאָר וויפיל ער האָט געדאַרפט אויף הוצאות החתונה, און דער בעה״ב האָט גענומען וויפיל ער האָט געהאַט געמאַכט אַ חשבון אַז ער ברויך. דאָס איז געווען סאַך אַ גרעסערע סומע ווי ר׳ ישעי׳לע האָט גענומען, און ביידע זענען געהאָלפן געוואָרן.

בשנת תרס״ה האָט ר׳ שמואל חתונה געהאַט אין קערעסטיר. נאָך די חתונה איז ער געבליבן וואוינען אין קערעסטיר. ער האָט דאָרט געגעסן קעסט 15 יאָר, צוזאַמען מיט זיינע שוואָגערס (אויך איידעמער פון זיין שווער דער רבי ר׳ ישעי׳לע),

הרה״ג מוה״ר ר׳ **ראובן חיים** קליין הי״ד, אב״ד סנינא, בעהמ״ח ספר שו״ת מטה ראובן, און הרה״ג מוה״ר ר׳ **ישראל אברהם אלטר לאנדא** זצ״ל, אב״ד עדעלין, בעהמ״ח ספר שו״ת בית ישראל, פרקי מהרי״א, חתן ישעי׳ עה״ת וסוגיות הש״ס, און נאָך ספרים וואָס זענען נאָך נישט געדרוקט.

סנינער רב הרה״צ מוה״ר ר׳ ראובן חיים קליין זצ״ל הי״ד,
(בעהמ״ח שו״ת ספר מטה ראובן) אין די מיטעלע יאָרן.

סנינער רב אויף די עלטערע יאָרן, ווען ער האָט געוואָרט מיט אַ דעלעגאַציע,
צו ענטפאַנגען דעם טשעכישן פּרעזידענט "מאסעריק", וואָס איז דורכגעפאָרן סנינע.

בעזרת השם יתברך

ספר

מטה ראובן

חדושי הלכות ושאלות ותשובות

על ש"ע יורה דעה

אשר ספתתי ורביתי בעזר צור ישועתי
אני הגבר שפל אנשים המצפה לישועת ד' ברחמים

יק' ראובן חיים

Vranov n/T.
BUCHDRUCKEREI SAMUEL SINGER.

דער שער בלאַט פון דעם ספר מטה ראובן פון סנינער רב הי"ד

דער שער בלאַט פון דעם ספר מטה ראובן פון סנינער רב הי"ד

(בילד פון ערעלינער רב הרה"צ ר' ישראל אברהם אלטר זצ"ל.)





ב"ה

בעזה"י

באדראג־קערעסטור יע"א מזל ט"ב לישראל לפ"ק.

קול ששון וקול שמחה · מזל טוב · קול חתן וקול כלה

ברגשי כבוד וידידות נתכבדה בזה לקרוא את מע"כ נ"י להופיע אלינו בהדרתו ולשוש אתנו משוש בהגיע למזל"ט תור כלילת בתי

הבתולה הכלה המהוללה

מ"ת רחל ת"חי

עב"ג הבחור המופלג החו"ש החתן

מו"ה ישראל אברהם אלטיר שליטא

בן הרב המאה"ג החסיד מו"ה שלום לאנדא שליט"א מו"ץ דק"ק וואלאווא יצ"ו.

אשר תהי' בשט"ומ למזל"ט ביום ד' לס' בהעלותך ח"י סיון הבע"ל פה ק"ק הנ"ל יצ"ו

וביום שמחתכם ומועדיכם בשמחת צאצאיכם נשוב לכם גמולכם בגלה ברינה בשמחה רבה ובלונפ"ח.

ה"ק ישעי' בר"ם ז"ל

שהי' משמש בקודש אצל הה"צ מליסקא זי"ע

Telegramme: Steiner, Bodrogkeresztur.

Nyomatott Gesteiner Adolfnál, Tokajban

די חתונה בריוו פון עדעלינער רב זצ"ל

וה׳ ברך את **אברהם** בכל

~ בעזרת השם יתברך ~

ספר

בית ישראל

חידושים וביאורים נפלאים על דרך הפשט דף על דף

על מסכת

בבא קמא — בבא מציעא — בבא בתרא

וסוגיות

אשר הניח אחריו ברכה, כ״ק אאמו״ר הרב הגאון האמיתי, צדיק נשגב ומפורסם.
היטר מגזע תרשישים. קדיש יאמר די בקש״ת

מרן ישראל אברהם אלטר לאנדא זצללה״ה

רב ואב״ד דק״ק ערעלין יצ״ו

בעהמ״ה ספר שו״ת **בית ישראל** על ד׳ חלקי שו״ע ב״ה, **חידושי מהריא״א** על מסכת נדרים, **חתן ישעי׳** עה״ת ומועדים, **פרקא מהריא״א** על מסכת אבות, **בית ישראל** על מסכת גיטין וקידושין וסוגיות, ועוד הרבה בכתובים על מסכתות וסוגיות הש״ס

בן הגה״צ בו״ק חו״פ מרן רבי **שלום לאנדא** זצוק״ל
דומ״ץ דק״ק **וואלאוויע** יצ״ו

וחתן רבינו הקדוש זיס״ע, מופת הדור, פועל ישועות בקרב הארץ, רבן של ישראל כקש״ת מרן רבי **ישעי׳ שטיינער** זצקולה״ה **האדמו״ר מקערעסטיר** המפורסם בשמו הטוב בשם **רבי ישעי׳לע קערעסטירער** זי״ע ועכי״א

יצא לאור עולם בפעם הראשונה, מעצם כתב יד קדשו, ע״י בני המחבר זצ״ל

צבי הערש לאנדא — ישעי׳ שלום לאנדא

בעת בברוקלין, ני יארק יצ״ו שנת תשמ״ד לפ״ק

ואברהם עודנו עומד לפני ה׳

הכל עמך **בית ישראל** כולם ברכה יחד

יברך את בית ישראל

שער בלאט פון ספר בית ישראל פון עדעלינער רב זצ״ל

אַזוי ווי אין קערעסטירער הויף איז תמיד געווען אַ גרויסער עולם, פאַרשידענע מענטשן, וואָס פון זיי האָט מען געהאַט פאַרשידענע שטערונגען, האָבן די דריי שוואָגערס אין די לאַנגע ווינטער נעכט זיך באַלד נאָך מעריב געלייגט שלאָפן. ארום חצות ווען אין הויף איז שוין שטילער געוואָרן, זענען זיי אויף געשטאַנען און זיך געזעצט לערנען בנשימה אחת 8-10 שעה, (פאַרשטייט זיך נאָכן גיין אין מקוה און זאָגן ברכת התורה), און אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי אויך געלערנט. אַזוי האָבן זיי דאָרט דורך געלערנט ארבע חלקי שלחן ערוך מיט אַלע מפורשים.

בשנת תרפ״א איז הרב שמואל אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין ריטשע, וואו ער האָט געהאַט אַ שיינע ישיבה. (הרב מוה״ר ר׳ ליפא וועכטער זצ״ל וואָס האָט משמש געווען ברבנות לעצטענס אין טאָראָנטאָ - קאַנאַדא איז אויך געווען זיין תלמיד אין ריטשע, אויך הרה״ח הישיש ר׳ ברוך הלוי ביילוש נ״י וועלכער וואוינט היינט אין ברוקלין איז געווען זיין תלמיד).

יעדעס יאָר כ״ה ניסן פלעגט דער רבי ר׳ ישעי׳לע פאָרן צום צאַנזער יאָרצייט.

אין יאָר תרפ״ה אַהיים קומענדיג פון די יאָרצייט איז ר׳ ישעי׳לע שטאַרק קראַנק געוואָרן מיט אַ בלוט פאַרגיפטונג ל״ע.

צו רעכטס: הרה״ג מו״ה חיו״ט ליפא וועכטער זצ״ל
צו לינקס: מו״ה ברוך ביילוש נ״י

מוצש״ק פאַר זיין הסתלקות, האָט ער געהייסן פאַר איינעם פון זיינע חסידים אין קערעסטיר, מו״ה ר׳ אברהם שמואל סאַמעט הי״ד, ער זאָל טעלעפאָנירן צום ריטשער רב, ער זאָל שוין קומען קיין קערעסטיר. ווען ער האָט טעלעפאָנירט האָט ר׳ אברהם שמואל געזאָגט פארן ריטשער רב אַז פאַר דעם זיידן איז ב״ה שוין בעסער. ער האָט אים נישט געזאָגט אַז דער זיידע האָט אים באַפוילן ער זאָל שוין קומען. אַזוי איז דער ריטשער רב נישט געקומען תיכף.

אַ גאַנצן זונטאָג פאַרמיטאָג האָט דער זיידע ר׳ ישעי׳לע געפרעגט ״וואו איז דער ריטשער רב?״, האָט מען אים געזאָגט, אַז ר׳ אברהם שמואל סאַמעט האָט אים נישט געהייסן שוין קומען, ״אַ שאָד וואָס ער איז נישט געקומען״, האָט דער זיידע געזאָגט, ״יעצט איז שוין צו שפּעט, פאַרפאַלן״.

מיין פאָטער זצ״ל האָט מיר געזאָגט, אַז דער זיידע האָט געוואָלט מסמיך זיין דעם ריטשער רב ווייטער צו פירן דאָס רבנות. דער זיידע האָט זייער געהאַלטן פון אים, (דער זיידע ר׳ ישעי׳לע פלעגט זיך פירן, אַז פסח ביינאַכט ביים סדר ווען ער האָט געזאָגט שפוך חמתך פלעגט ער אָן טאָן ספּעציעלע ברילן, און ער האָט געזאָגט ״מיין איידעם ר׳ שמואל איז אַ מבין דערויף״), אָבער עס איז ליידער נטרפה השעה, און עס איז נישט געקומען דערצו.

ווען דער עצי חיים זצ״ל איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרפ״ו, איז ר׳ שמואל׳ס עלטערער ברודער הרה״ג מו״ה יקותיאל יודא דער בערבעשט׳ער רב נתמנה געוואָרן אַלס ראב״ד אין סיגעט, דעמאָלס איז דער ריטשער רב הרה״ג ר׳

שמואל אויפגענומען געוואָרן קיין בערבעשט למלאות מקום אבותיו.

ער האָט דאָרט געפירט די קהלה מיט אַ שיינע ישיבה ברום המעלה. עטליכע בחורים וואָס האָבן געלערנט אין ריטשע, זענען מיט געפאָרן מיט אים אויף בערבעשט.

אין יאָר תרצ״ד איז כ״ק אדמו״ר הגה״ק מרן יואל טייטלבוים זצלה״ה אַוועק געגאַנגען פון קראָלי וואו ער איז געווען ביז דעמאָלס דער אב״ד, און מ׳האָט אים אויפגענומען אַלס אב״ד דק״ק סאַטמאַר. אין יענער צייט איז דער בערבעשט׳ער רב ר׳ שמואל אויפגענומען געוואָרן פאַר אב״ד דקהי״ס (קהילת ספרדים) אין קראָלי.

דאָרט האָט ער פאַרברייטערט זיין ישיבה. ס׳האָבן געלערנט דאָרט יעדן זמן איבער 200 בחורים, און מ׳האָט זייער פלייסיג געלערנט. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט יעדן בחור באַזונדער מיט גרויס ליבשאַפט. מיין ברודער הרב ר׳ רפאל שליט״א און איך, האָבן אויך געהאַט די זכי׳ דאָרט צו לערנען. (דאָרט האָבן מיר זיך געלאָזט פאַרהערן דעם ערשטן חלק יו״ד, וואָס מיר האָבן געלערנט איידער מיר זענען געפאָרן אין די ישיבה). דעם זמן וואָס מיר האָבן דאָרט געלערנט האָט מען געלערנט מסכת חולין. (מיר האָבן געקענט די מסכת מיטן לשון אויסנווייניג.) ער האָט יעדן מוצש״ק פאַרהערט די בחורים חומש רש״י. נאָכדעם האָט מען געמאַכט אַ גרויסע סעודת מלוה דמלכה פאַר אַלע בחורים, און ער פלעגט דערציילן אַסאַך אומבאַקאַנטע מעשיות, איבערהויפט פון זיין שווער ר׳ ישעי׳לע זצ״ל.

אַ בילד פון די קראלער ישיבה

איין מעשה האָט ער דערציילט ביי אַ מלוה מלכה וואָס ער אַליין איז געווען דערביי ווען דאָס האָט פּאַסירט. (זיין דירה וואו ער האָט געוואוינט, איז געווען נעבן זיין שווער׳ס שטוב). איינמאָל קומט אַריין צום זיידן רבי ישעי׳לע איינער אַן עלטערער מענטש אַ מגולח, (אָן קיין באָרד און פּיאות) און פרעגט ״דער רבי קען מיך?״ האָט דער זיידע געזאָגט יאָ. פרעגט ער דעם זיידן פון וואו, האָט דער זיידע אים געענטפערט, אַז איינמאָל איז דער ליסקער רב זצ״ל דער בעל אך פרי תבואה, געווען זומער אין אַ באָד וואָס האָט געהייסן ״בעניע״, עטליכע ק״מ פון ליסקע. עס איז געווען ערב שבת, און מ׳האָט געדאַרפט טראָגן לחם משנה חלות קיין בעניע, האָט מען געזוכט אַ שליח וואָס זאָל דאָס טראָגן. (דער זיידע רבי ישעי׳לע איז דעמאָלס געבליבן אין ליסקע. מחמת אַ סיבה איז ער נישט געפאָרן קיין בעניע מיט זיין רבי׳ן).

פלוצלונג, איז געקומען אַ יונג יונגל בערך 10-12 יאָר און האָט געזאָגט, אַז ער וועט טראָגן די חלות קיין בעניע. האָט אים דער זיידע רבי ישעי׳לע געפרעגט ״דו וועסט קענען גיין צו פוס ביז בעניע?״, (דעמאָלס איז געווען מלחמה צייט אין פוילן, און דאָס יונגל האָט געפליכטעט קיין אונגאַרן פון פוילן) האָט דאָס יונגל געענטפערט ״אז איך האָב געקענט גיין פון ווארשא ביז ליסקע, וועל איך נישט קענען גיין פון ליסקע קיין בעניע?״, אַזויפיל האָט ער גערעדט מיט דעם יונגל נישט מער. די מעשה איז געווען בערך מיט 40 יאָר פריער, און ר׳ ישעי׳לע האָט נאָך געדענקט פון דעמאָלס דעם קול וואָס יענער האָט גערעדט די פּאָר ווערטער. זייט דעמאָלס האָט אים דער זיידע מער נישט געזען, און יעצט האָט ער אים דערקענט

און געזאָגט צו אים. ״דו ביזט געווען דאָס יונגל, איך האָב דיך דערקענט פון דיין קול״.

דא שרייב איך נאָך אייניגע קורצע דברי תורה וואָס ער האָט געזאָגט, וואָס איז נישט געדרוקט אין זיין ספר ״עלה שמואל״. (זיינע תלמידים האָבן געטראָפן עטליכע בויגנס פון זיינע כתבי ידות, נאָך די מלחמה, און האָבן דאָס געדרוקט).

ווען מיר האָבן געלערנט מסכת חולין, ווי אויבן דערמאַנט. אויף דף י״א ביי די סוגיא פון ״רוב״ זאָגט די גמרא ״סימן זמ״ן שב״ח מכני״ש״. האָט ער געטייטשט אַזוי: ״זמן״ ווען ס׳וועט קומען דער זמן פון די גאולה, ״שבח״ וועט מען לויבן השי״ת, ״מכניש״ ווען וועט דאָס זיין, ווען עס וועט זיין קיבוץ גליות, ווען משיח צדקינו וועט איינזאמלען אַלע אידן קיין ארץ ישראל בב״א.

נאָך האָט ער געטייטשט, די גמרא אין מסכת ר״ה דף י״א ע״ב, ״ר׳ יהושע אומר בניסן נגאלו ובניסן עתידים ליגאל״, האָט ער געפרעגט אַז אויב ס׳איז דורך ניסן און מ׳איז נישט אויסגעלייזט געוואָרן, ווי אַזוי קען איך זאָגן יעדן טאָג דערנאָך אני מאמין בביאת המשיח? עס איז דאָך שוין נישט ניסן און עס שטייט דאָך בניסן עתידים ליגאל?

האָט ער געענטפערט, אַז מ׳מיינט נישט אַז נאָר אין ניסן קען מען אויסגעלייזט ווערן, נאָר דער פשט איז, אַז אין ניסן וועט זיין די פקודה ווען מ׳זאָל אויסגעלייזט ווערן, אָבער די גאולה קען זיין יעדן טאָג. הלואי מיר זאָלן שוין זוכה זיין דערצו.

זה השער לה׳ צדיקים יבואו בו

משה ואהרן בכהניו ושמואל בקוראי שמו וגו׳

בעזהי״ת

ספר

עלה שמואל

דרושים נפלאים מתוקים מדבש ונופת צופים

אשר השאיר אחריו ברכה כתי״ק

הרב הגה״צ המפורסם בתורתו וצדקתו, משים לילות כימים,
איש בהיר בשחקים, הו חסיד הו עניו, הוא הגבר הקים עולה
של תורה והרבין תלמידים הרבה

בקש״ת מרן שמואל גראס זצללה״ה, הי״ד
שהי׳ אב״ד דק״ק זימשען יאר״ב בק״ק בערבעשט,
ונספה בעיאבי״ו ק״ה קדושי ישראל יצ״ו

בן הרב הג׳ הגדול הו״ב הי״פ ר׳ רפאל זצ״ל, אבד״ק בערבעשט

וחתן הרה״ק צדיק יסוד עולם, מופת הדור והדרו, פועל ישועות לעם ישראל
מרן ר׳ ישעי׳ זצ״ל מקערעסטיר

שנת כי נאמן שמואל לנביא לפ״ק

וישפט שמואל את ישראל כל ימי חייו

דבר ה׳ אל שמואל לאמר

ויהי דבר שמואל לכל ישראל

נדפס בבית דפוס
סענדר דויטש
ברוקלין, ניו יורק

שער בלאַט פונם ספר עלה שמואל

סוף חודש אייר תש״ד, האָט מען אַוועק געפירט אַלע אידן פון קראָלי קיין סאַטמאַר אין געטאָ. אויך ר׳ שמואל מיט זיין גאַנצע משפחה האָט מען פון דאָרט געפירט קיין אוישוויץ, וואו זיי זענען אומגעקומען עקדה״ש י׳ סיון הי״ד.

פאָלגענד זענען די נעמען פון ר׳ שמואל׳ס קינדער אין אייניקלעך, וואָס זענען אויך אומגעקומען מיט אים אינאיינעם עקה״ש הי״ד.

זיין עלצטער זון הרב מו״ה **יקותיאל יודא**, אב״ד שאָגאַטאָג, מיט די רבנית מרת לאה, (די טאָכטער פון הרה״צ מוה״ר ישראל יעקב ישורין רובין זצ״ל הי״ד, האדמו״ר מסאַסרעגען). זייערע קינדער: **ברוך, ברכה, רחל, חנה, רוזא בלימא, יוכבד,** און **חיים**. די אַלע זענען אומגעקומען אויף קידוש השם, סוף חודש אייר תש״ד הי״ד. ס׳איז קיינער נישט געבליבן פון די גאַנצע משפחה.

הרב ר׳ זלמן לייב אב״ד שאָגאַטאָג

מו״ה אהרן הי״ד בן הרב שמואל הי״ד


הב׳ ישעי׳ הי״ד

זיין טאָכטער, הרבנית מרת חי׳ **מאטל האראוויטץ**, די ווייב פון (אשת חתנו) הרה״ג מוה״ר **חיים פנחס** הי״ד פון מעליץ, ער איז געווען אַ געבוירענער אין מעליץ (פוילן). צוליב דעם האָט מען אים פאַרטריבן קיין פוילן, צוריק פון וואו ער איז געקומען. ער איז אומגעקומען אינאיינעם מיט די גאַנצע שטאָט מעליץ. מ׳ווייסט אַפילו נישט ווען און וואו, הי״ד. זייערע קינדער, **פערל** און **שרה**, נעקה״ש י׳ סיון תש״ד הי״ד. פון די משפחה איז ל״ע קיינער נישט געבליבן.

זיין זון מו״ה **אהרן**, וזוגתו מרת **רחל**, בת דודו (אחי אביו הרה״ח מוה״ר משה גרויס הי״ד), און זייער טאָכטער **רוזא בלימא**, נעקה״ש ב׳ סיון תש״ד. עס איז ל״ע קיינער פון זיי נישט געבליבן.

זייער שנור, מרת חי׳ **שרה**, די טאָכטער פון ש״ב הרה״ח מוה״ר ר׳ **מאיר** טייטלבוים הי״ד מהאָלמין, די ווייב פון (אשת בנו) הרה״ח מו״ה משה גרויס ז״ל בזווג ראשון, און זייערע קינדער: **ארי׳** ליבוש, **ישעי׳**, **רפאל**. נעקה״ש י׳ סיון תש״ד הי״ד.

זייערע קינדער הב׳ **ישעי׳** הי״ד, הבתולה **הענדל** הי״ד. זייער קינד **רפאל**, און דאָס קינד **שרה**, זענען אַוועק קליינערהייט ל״ע.

און דאָס זענען די נעמען פון זיינע זון וואָס זענען ב״ה ניצול געוואָרן.

אלי׳ בצלאל נ״י אַלס בחור

זיין זון, הרה״ח מוה״ר משה ז״ל, נפטר א׳ דר״ה שנת תשס״א. ער האָט ב״ה אויפגעשטעלט אַ שיין דור בנים ובני בנים עוסקים בתומ״צ. ער האָט געוואוינט אין וויליאַמסבורג - ברוקלין.

זיין זון, הרבני מו״ה **אלי׳ בצלאל** נ״י, וואָס וואוינט היינט אין ירושלים עיה״ק.

(בילד ווען דער סקולענער רבי זצ״ל האט באזוכט ביי כ״ק אאמו״ר זצ״ל אין פלארידא.

פון רעכטס צו לינקס: סקולענער רבי זצ״ל, הרב ר׳ משה גרויס ז״ל, כ״ק אאמו״ר זצ״ל, און דער מו״ל.)

דער דריטער זון

דער דריטער זון פון׳ם זיידן רבי ר׳ רפאל, הרבני החסיד מוה״ר ר׳ **משה** זצ״ל הי״ד, איז אויך נתגדל געוואָרן אין די ישיבה פון זיין טאַטן זצ״ל, און אין מעליץ. ער איז געוואָרן אַן איידעם ביי הרה״ג מוה״ר **ישכר דוב בלויגראנד** אב״ד קאלווואריא, גאַליציא. שם זוגתו **חנה**, הי״ד.

(דאָס איז דאָס בילד פון הרה״ח מוה״ר ר׳ משה גרוים זצ״ל הי״ד און זיין זון הב׳ רפאל הי״ד, וואָס זענען אַוועק עקה״ש בשנת תש״ד.)

ער איז געווען דער איינציגער פון זיינע אַלע געשוויסטער, וואָס האָט נישט געוואָלט משמש זיין ברבנות. ער האָט געוואוינט אין בערבעשט.

אין יענע צייטן איז נאָך נישט געווען קיין פלאַסטיק סחורות, פלעגט מען אָנפילן די סאַלאַמי-וואָרשטלעך אין קישקעלעך פון עופות אָדער בהמות, וואָס מ׳האָט אויסגעאַרבעט אַז זיי זאָלן זיין דין און נישט לעכעריג, און עס אָנגעפילט. די פאַבריקן וואָס האָבן געמאַכט סאַלאַמי-וואָרשטלעך האָבן געניצט די קישקעלעך.

ער האָט געמאַכט אַ פאַבריק, וואו מ׳האָט געמאַכט די קישקעלעך נאָר פון כשר׳ע עופות אָדער בהמות. ער האָט

שיין מצליח געווען, שפּעטער האָט ער זיך אריינגעצויגן קיין סיגעט, וואו ער איז געווען פון די אנשים הכי מפורסמים.

פון זיינע קונים זענען געווען אויך סוחרים פון אויסלאַנד, און דער סכום וואָס איז אים געקומען פון יענע קונים, האָט ער געלאָזט אַריין לייגן אין אַ באנק אין די שווייץ אויף זיין געהיימע קויד נומער. קיין פרעמדער האָט דעם קויד נומער נישט געוואוסט, נאָר ער און זיין בני בית כמובן. ליידער איז פון זיין גאַנצע פאַמיליע קיינער נישט ניצול געוואָרן, איז במילא נישט דאָ ווער עס זאָל פאָדערן דאָס געלט. (מיין פאָטער זצ״ל אַלס ברודער האָט אַמאָל מיט יאָרן צוריק געוואָלט עפּעס טאָן דערוועגן, אָבער ס׳איז נישט געווען צו וועמען צו רעדן.)

דאָס זענען די נעמען פון זיינע קינדער וואָס זענען אומגעקומען עקה״ש: זייער טאָכטער רחל, מיט איר מאַן הרב ר׳ **אהרן**, (בן אחיו הרה״ג מוה״ר שמואל הי״ד,) און זייער טאָכטער, **רוזא בלימא**, הי״ד, ב׳ סיון.

זייער זון הבחור המו״מ המצוין וכו׳ כמר **רפאל** הי״ד.

זייערע טעכטער - **מרים**, **ריקל**, און **חי׳ שרה**, - זענען נעבעך דערטרונקען געוואָרן בשעת די דייטשע רשעים האָבן זיי אַריבער געפירט פון איין לאַגער צום צווייטן אין לעטלאַנ״ד. עס איז נישט איבער געבליבן פון די גאַנצע משפחה קיין שום אַנדענק, הי״ד.

די ערשטע טאָכטער

די ערשטע טאָכטער פונ'ם זיידן רבי ר' רפאל, די רבנית מרת ריקל הי"ד, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרנ"ה.

בילד פון הרה"צ מוה"ר חיים אלעזר טייטלבוים זצ"ל הי"ד

זי איז געווען די רעבעצין פון הרה"ג מוה"ר חיים **אלעזר טייטלבוים** זצ"ל הי"ד, בן הרהגה"צ מוה"ר שלמה טייטלבוים זצ"ל ראב"ד גאָרליץ.

מוה"ר חיים **אלעזר** טייטלבוים זצ"ל איז געווען דומ"ץ אין די שטאָט טאָשנאַד רומעניען, ביז'ן יאָר תרח"צ לפ"ק. אין דעם יאָר וואָס ער האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער הרבנית רחל הי"ד מיט הרה"ג מו"ה משה לייב לייכטאָג הי"ד פון סאַטמאַר, איז רמ"ל געוואָרן אויפגענומען אַלס דיין אין טאָשנאַד. זיין שווער הרב מו"ה חיים אלעזר זצ"ל האָט זיך דעמאָלס אַריבער געצויגן אויף גרויס-וואַרדיין, וואו ער האָט געהאַט אַ שיין ביהמ"ד, און אויך געווען אַ מורה הוראה.

אין חודש אָב תש"א איז געקומען אַ באַפעל פון די ממשלה, אַז ווער ס'איז געבוירן אין פוילן, דארף תיכף ומיד

פאַרלאָזן אונגאַרן, און מ׳וועט זיי אַלע צוריק פירן קיין פוילן. דאָס איז געקומען אָן קיין שום וואָרענונג פון פריער. אַזוי ווי די ממשלה האָט געוואוסט יעדנ׳ס געבורט אָרט, אויך פון די וועלכע זענען געבוירן אין פוילן, זענען די פּאָליציי באַפּאַלן אַלע פוילישע געבוירענע אין די גאַנצע מדינה אויף איינמאָל. מ׳האָט זיי קודם ארויפגעפירט צו די פּאָליציי, און מ׳האָט געמאַכט פון די מענטשן אַ טראַנספּאָרט. מ׳האָט דעם גאַנצן טראַנספּאָרט אַוועקגעפירט קיין קאַמעניץ, פּאָדאָלסק - פוילן.

(דער מונקאַטשער רב הרה״ג ר׳ ברוכ׳ל זצ״ל איז אויך געווען אין דעם טראַנספּאָרט, אָבער נאָך אַפּאָר וואָכן דאָרט זיין, האָט מען אים מיט גרויס פּראָטעקציע צוריק געברענגט. ער האָט דערציילט די שוידערליכע ענויים וואָס מ׳טוט דאָרט מיט אַלע מענטשן. אין איינע פון די פאַרלאַמענט זיצונגען אין אונגאַרן, האָבן עטליכע מיניסטאָרן ימש״ו געפרעגט היתכן מ׳האָט דעם מונקאַטשער רב געלאָזט צוריק קומען. עס איז געווען אַ גרויס גערודער דאָרט, און מ׳האָט געגעבן אַ באַפעל אַז מ׳זאָל אים תיכף אַרעסטירן און צוריק שיקן קיין פוילן. דער רב האָט נישט געקענט בלייבן אין מונקאַטש, נאָר ער האָט געוואוינט אין פּעסט אַלס טמיר ונעלם).

אום סאַמע שבת קודש האָבן די פּאָליציי ארומגערינגלט דאָס הויז וואו זיי האָבן געוואוינט. ווען די קינדער האָבן דאָס באַמערקט האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז מ׳איז זיי געקומען אַרעסטירן. זיי זענען אַלע אַנטלאָפן דורך אַ אונטער טיר צו שכנים. די פּאָליציי האָבן געטראָפן נאָר די עלטערן, און נאָר זיי גענומען.

אַ פּאָר טאָג שפּעטער האָט מען זיי אַוועק געפירט פון גרויסוואַרדיין. די באַן מיט וועלכע מען האָט זיי אַוועק געפירט, איז דורכגעפאָרן די שטאָט דעברעצין וואו מיר

האָבן געוואוינט. זיי האָבן דאָרט געדאַרפט טוישן צו אַן אַנדערע באַן, און מ׳האָט געדאַרפט וואַרטן ביי די סטאַנציע אַפּאָר שעה.

דער גאַנצער טראַנספּאָרט האָט געוואַרט אין די סטאַנציע און ווער עס האָט געוואָלט האָט געקענט אהין קומען צו זיי. אַזוי ווי מיר האָבן דערפון געהערט, איז מיין פאָטער זצ״ל מיט מיר אינאיינעם ארויס געגאַנגען צו זיין שוועסטער און שוואָגער צו די באַן סטאַנציע, פון וואו מען וואָלט לייכט געקענט מאַכן אַ פּליטה. מיין פאָטער זצ״ל האָט זיי זייער געבעטן אַז זיי זאָלן אַנטלויפן, אָבער זיי האָבן בשום אופן נישט געוואָלט. מען האָט זיי דעמאָלס אַוועקגעפירט מיט אַ טראַנספּאָרט פון בערך 10 טויזנט נפשות ל״ע.

וואָס ס׳איז געוואָרן מיט דעם טראַנספּאָרט, דאָס האָבן מיר אויסגעפינען מיט אַ יאָר שפּעטער. נאָך שוידערליכע עינויים, פון די חיות בצורות אנשים ימש״ו, האָבן זיי געהייסן פאַר די אַלע אומשולדיגע מענטשן, גראָבן טיפע גריבער וואו מ׳האָט זיי אַלע קאַלט-בלוטיגערהייט אויס געשאָסן. עס איז רח״ל קיינער פון זיי נישט געבליבן הי״ד.

ווען זיי זענען אומגעקומען, און ווען זייער יאָרצייט איז, ווייסט מען נישט.

אגב וויל איך דערציילן אַן אינטערעסאַנטע זאַך. אין תש״ב בין איך געווען אין סיגעט אויף די יאָרצייט פונ׳ם זיידן הגה״ק בעל ייטב לב זצלה״ה ו׳ אלול. דער סאַטמאַרער רבי הגה״ק מרן בעל ויואל משה זצלה״ה

איז אויך געווען אין סיגעט אויף די יאָרצייט. נאָכן תהילים זאָגן, האָט ער געליינט קוויטלעך פון די וואָס האָבן אים דאָרט געגעבן. איך האָב אים אויך געגעבן עטליכע קוויטלעך, פאַר מיינע עלטערן און אויך פאַר אַנדערע.

הרהגה״צ מרן יקותיאל יהודא ט״ב זצ״ל הי״ד - אב״ד סיגעט

איך האָב אים אויך געגעבן אַ קוויטל פאַר מיין פעטער און מומע וואָס מ׳האָט זיי אַוועק געפירט מיט מער ווי אַ יאָר פריער אַז זיי זאָלן בשלום אַהיים קומען, און דער רבי זי״ע האָט נישט געוואָלט ליינען דאָס קוויטל. ער האָט דאָס באַלד אַוועק געלייגט. דעמאָלס האָב איך נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער וויל דאָס נישט ליינען, אָבער שפּעטער ווען מ׳האָט שוין געוואוסט וואָס ס׳איז געשען מיט זיי, האָב איך שוין פאַרשטאַנען.

ווען מ׳איז צוריק געקומען פון ציון הקדוש, האָט הרהגה״צ מוה״ר יקותיאל יהודא זצ״ל הי״ד אב״ד סיגעט געמאַכט אַ שיינע גרויסע סעודה, וואו כ״ק מרן

מסאַטמאַר זצוק"ל, און אויך הרהגה"צ מוה"ר יקותיאל יודא ט"ב זצ"ל הי"ד האָבן געזאָגט תורה.

זייערע קינדער וואָס זענען געבליבן אין דערהיים האָבן נישט געקענט דאָרט בלייבן, ווייל מ'האָט זיי אויך געזוכט, זענען זיי אַוועק געפאָרן פון דאָרט. 4 מיידלעך זענען געווען ביי אונז אַ לאַנגע צייט, דערנאָך זענען צוויי געפאָרן צו זייער שוועסטער קיין טאָשנאַד.

ביז... ס'איז געקומען דער ביטערער טאָג אויף גאַנץ אונגאַרן און מ'האָט זיי אַלע אַוועקגעפירט קיין אוישוויץ עקה"ש הי"ד.

פאָלגענד זענען זייערע קינדער וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם:

די רבנית מרת רחל מיט איר מאַן הרב ר' **משה לייב לייבטאג** דומ"צ טאָשנאַד הי"ד.

די מיידלעך **פעסל**, **הענדל**, **חנה**, **ברכה סימא**, **בילא**, און אַ בחור **משה ארי'**, הי"ד.

(ווען מיר האָבן זיך באַהאַלטן אין בונקער אין דעם יאָר תש"ד אין דעברעצין, איז בילא אויך נאָך געווען צווישן אונז. ערשט שפעטער האָט מען איר דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ.)

איין זון ר' **רפאל טייטלבוים** נ"י איז געבליבן לעבן נאָך די מלחמה.

דער פערטער זון


BEILA

ARON

Mitwoch Teruma 18
Feber, 6 Uhr Abend

M. D. Teitelbaum
Rabbiner.

דאס איז די חתונה בריוול וואָס דער זיידע פון די כלה (ביילא), האָט געשיקט קיין אַמעריקאָ, געשריבן אויף דייטש.

דער פערטער זון פונ׳ם זיידן רבי ר׳ רפאל, הרה״ג מוה״ר ר׳ **אהרן** הי״ד איז געבוירן געוואָרן אין בערבעשט אין יאָר תרנ״ז לפ״ק. פון זיין יוגנט אָן איז ער געוועזן אַ גרויסער מתמיד. ער האָט געלערנט מיט גרויס עיון. ער איז נסמך געוואָרן להוראה נאָך אַלס בחור פון די גרעסטע גדולים אין זיין דור. ער איז געוואָרן אַן איידעם ביי זיין קאָזין הרה״ג **אברהם חיים טייטלבוים** הי״ד, אב״ד קרעניץ, (בן דודו (אחי אמו) הרהגה״צ מוה״ר משה דוד טייטלבוים אב״ד לאַפּאָש), און חתונה געהאַט מיט זיין טאָכטער **בילא** הי״ד.

נאָך זייער חתונה איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס דומ״ץ אין לאַפּאָש. דאָרט האָט זיין זיידע און פעטער דער לאַפּאָש׳ער רב הרה״ג מוה״ר **משה דוד** זצ״ל, אָנגעפירט אַ גרויסע ישיבה. אַזוי ווי דער נייער דיין איז געווען אַ גרויסער

בעל כשרון, האָט ער אים גענומען צו צוהעלפן פירן די ישיבה.

בשנת תרצ״ה כ״א אדר ראשון ווען עס איז נפטר געוואָרן זיין זיידע און פעטער, הרה״ג מו״ה משה דוד ט״ב לאַפּאָש׳ער רב זצ״ל, איז ר׳ אהרן אויפגענומען געוואָרן אַלס לאַפּאָשער רב. זיין ישיבה האָט זיך נאָך מער פאַרגרעסערט. (ביז תרצ״ט איז לאַפּאָש געווען רומעניען, שפּעטער אין יאָר תש״ב איז לאַפּאָש שוין געווען אונגאַרן). ס׳זענען נאָך דאָ היינט עטליכע תלמידים יראים ושלמים, וועלכע האָבן דאָרט געלערנט. (אַ תלמיד וואָס וואוינט יעצט אין קרית יואל מאָנראָ הרה״ח מו״ה אליעזר שלעזינגער נ״י האָט מייסד געווען אַ גמילות חסד קאַסע אין מאנרא לזכר נשמתו פון הרה״ג ר׳ אהרן הי״ד).

אויך האָט מיר דערציילט הרה״ג מוה״ר ר׳ נתן יוסף מייזעלס שליט״א מלפנים רב בעיר לאָנדאָן, וואָס ער פירט יעצט אין מאָנסי אַ שיינע ישיבה מיט אַ ביהמ״ד ״אבני שלמה״, אַז ער האָט געלערנט אין לאַפּאָש ביי הרה״ג ר׳ אהרן הי״ד. דאָרט האָט ער זיך אויסגעלערנט ווי אַזוי מ׳ברויך צו לערנען אַ בלאַט גמרא. ער לערנט נאָך היינט אויך אויף דעם דרך. איך האָב אויך געלערנט דאָרט אין יאָר תש״ב.

דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז שנת תש״ד, ווען די פאַרשאָלטענע רוצחים ימש״ו זענען אָנגעקומען, און אַוועק געפירט די גאַנצע משפחה מיט זיין גאַנצע קהילה הק׳ קיין אוישוויץ. ביום ב׳ דשבועות יום קבלת התורה, נשמותם הוחזרה, ליוצר ובורא, נקיי׳ וטהורה, באש לבנה ושחורה, ה׳ ינקום דמם במהרה.



אַ בילד פון די לאַפּאָש'ער ישיבה אין יאָר תרצ"ב לפ"ק

פאָלגענד זענען זייערע קינדער וועלכע זענען אומגעקומען עקה״ש:

די רבנית מרת **רחל**, מיט איהר מאַן הרה״ג מוה״ר **יצחק לייפער** הי״ד (בן הרה״צ מוה״ר ר׳ יענקעלע לייפער הי״ד אדמו״ר בדעברעצין נכד הצה״ק מוה״ר ר׳ מרדכי׳לי מנאַדווערנע זי״ע), (ער איז געווען אין מונקאַ-טאַבור אין נאַגי-באַניאָ ביי די אונגאַרן ימש״ו, ביז חודש מרחשון תש״ה. אַ פּאָר טעג איידער דאָס רוסישע מיליטער איז אהין אָנגעקומען, האָט ער זיך באַהאַלטן אין אַ וואַלד, אָבער די פּאָליציי האָבן אים געטראָפן און תיכף ומיד דערשאָסן הי״ד) און זייער קינד **משה דוד** הי״ד.

זייערע טעכטער - **חנה**, **חי׳ טויבע**, **הענדל**, און **רוזא בלימא**, - זענען אויך דעמאָלס אומגעקומען, ביום ב׳ דשבועות תש״ד הי״ד.

זייער זון, הבחור המו״מ כמר **ישראל יעקב יוקל** הי״ד, איז געווען ביי אונז אין דעברעצין פון שנת תש״ג. ער איז אויך געווען פון די 14 נפשות וואָס זענען געווען מיט מיר אין בונקער.

מיר זענען אינאיינעם אָנגעקומען ח״י אָב תש״ד קיין אוישוויץ. ער איז אויך געווען צווישן די וואָס מ׳האָט אויסגעקליבן צו אַרבעטן אין אַ לאַגער. ס׳האָבן מיר דערציילט די וואָס זענען ניצול געוואָרן פון דאָרט, אַז פון די שווערע אַרבעט איז ער זייער קראַנק געוואָרן. 3 טעג איידער דער לאַגער איז באַפרייט געוואָרן, האָט ער געזאָגט אַז זיין פאָטער איז אים געקומען אין חלום און האָט אים געזאָגט ער זאָל קומען צו אים אין גן עדן, און אין דעם זעלבן טאָג החזיר נשמתו ליוצרו הי״ד. (איך האָב דאָס געהערט פון איינעם וואָס איז געווען מיט אים ביז צו די לעצטע מינוט).

פון די גאַנצע משפחה איז ליידער קיינער נישט געבליבן הי״ד.

די צווייטע טאָכטער

די צווייטע טאָכטער פון׳ם זיידן רבי ר׳ רפאל, איז געווען הרבנית מלכה ע״ה. זי איז געבאָרן געוואָרן אין בערבעשט ח׳ תמוז אין יאָר תרנ״ט. זי איז געווען די לעבנס באַגלייטערן פון איר חשוב׳ן מאַן הרה״צ וכו׳ מוה״ר ר׳ חיים שלמה הורוויץ זצ״ל. זי האָט געהאַט די זכי׳ צו קענען אַסאַך

פון לינקס צו רעכטס: הרה״צ מוה״ר חיים שלמה הורוויץ זצ״ל, זיין שוואגער כ״ק אאמו״ר הרה״צ ר׳ נפתלי זצ״ל, ויבלח״ט כ״ק אדמו״ר מהר״ם ט״ב אב״ד סאטמאר שליט״א

צדיקים פון פריערדיגן דור, אין צווישן אַנדערע, דעם בעל קדושת יר״ט זי״ע, איר זיידן דעם וואָלאָווער רב בעהמ״ח היטב איטיב זצ״ל, דעם עצי חיים זצ״ל, און הרה״צ ר׳ ישעי׳לע קערעסטירער זצ״ל ביי וועלכן זי האָט נאָך אַליין מיטגעלעבט פאַרשידענע מופתים.

זי איז נאָך איר חתונה געווען אַסאַך ביים מנחת אלעזר זצ״ל. זי האָט דאָרט אַסאַך פאַרברענגט מיט די רעבעצין פון

בעל דרכי תשובה זצ״ל. זי איז געווען ביי איר מאַנ׳ס זיידע דער בייטשער רב זצ״ל.

זי האָט ביי די אַלע צדיקים געזען אין געלערנט פון זייער עבודת הקודש. זי פלעגט מיט טרערן אין די אויגן שמועסן פון די אַלע צדיקים, איבערהויפט פון דעם בעל עצי חיים זצ״ל. בעניני כשרות איז זי מורא׳דיג נזהר געווען, ובפרט אין חומרות פון פסח. אין בערבעשט איז געווען איינגעפירט אַ חומרא אַז אַזאַ זאַך וואָס מען האָט געדאַרפט קלויבן ווי צוםביישפיל, קרויט, קערשן (טשערים), וכדומה, האָט דאָס קודם אַ אידענע בודק געווען און דערנאָך האָט אַ מאַן דאָס געדאַרפט איבער קלויבן, אָבער אויב מלכה׳לע האָט דאָס געקליבן האָט איר פאָטער דער בערבערשט׳ער רב געזאָגט אַז מ׳ברויך דאָס נישט איבער קלויבן.

זי איז געווען באַליבט ביי יעדן וואָס איז געקומען מיט איר אין פאַרבינדונג. אין אירע לעצטע יאָרן האָט זי געוואוינט אין ברוקלין נעבן מיימאַנידעס שפיטאָל. זי פלעגט אַסאַך אַריבער שיקן אַהין אירע אייניקלעך, ובפרט עש״ק, צו זען אויב ס׳איז דאָ איינער וואָס ברויך עפּעס האָבן אויף שבת, און אויב יאָ האָט זי שוין זיכער געמאַכט פאַר יענעם דאָס צו באַזאָרגן.

זי איז נפטר געוואָרן אין אַ גוטן עלטער, מיט אַ גוטן נאָמען, י״ז כסליו אין יאָר תשנ״ח לפ״ק. לויט איר צוואה האָט מען איר געפירט קיין ירושלים און באַהאַלטן אויפן הר המנוחות נאָנט צו דעם ציון פון איר מאַן. יהי זכרה ברוך ותנצב״ה.

איר מאַן איז געווען הרה"צ מוה"ר ר' **חיים שלמה הורוויץ** זצ"ל. ער איז געבוירן ח' חשון אין דעם יאָר תרנ"ט לפ"ק, אין די שטאָט סטריזשוב, צו זיין פאָטער הרה"צ מוה"ר **אלטר אליעזר** זצ"ל (בן הרה"צ ר' אהרן אב"ד בייטש זצ"ל בן הרה"ק בעל אמרי נועם זצ"ל חתן הגה"ק בעל דברי חיים זצ"ל). זיין מאַמע איז געווען די רבנית הצדיקת מרת יוטא ע"ה די טאָכטער פון הרהגה"צ מוה"ר **משה יודא ליב שפירא** זצ"ל פון סטריזשוב (בן הרה"ק מוה"ר ר' שלמה אבדק"ק מונקאַטש זצ"ל חתן הרה"ק מוה"ר ברוך אב"ד רודניק - גאָרליץ זצ"ל).

דעם נאָמען חיים האָט ער געהייסן נאָכן בעל דברי חיים, און דעם נאָמען שלמה נאָך דעם בעל שם שלמה ממונקאטש.

ער איז אויפגעוואַקסן ביי זיין זיידן הרה"צ רמ"ל אין סטריזשוב, וואָס האָט אים אויפגעצויגן און מחנך געווען ווי אַן אייגן קינד, סיי אין תורה סיי אין מידות טובות. ער האָט אים איבערגעגעבן זיין גרויסע מסורה וואָס ער האָט מקבל געווען פון זיינע עלטערן, פון זיין פאָטער דעם בעל שם שלמה ממונקאַטש, וואָס האָט נאָך געהאַט די זכיי' צו קענען אין האָבן גרויס קרבות ביים הייליגן בעל בני יששכר זצ"ל. אויך האָט רח"ש מקבל געווען פון הייליגן בעל דברי חיים זצ"ל, וואָס זיין זיידע רמ"ל האָט דאָרט געגעסן 4 יאָר קעסט.

הרב ר׳ חיים שלמה זצ״ל ביי א שמחה אין די משפחה

אַזוי האָט הרב ר׳ חיים שלמה זצ״ל געהאַט די זכי׳ מקבל זיין די עבודות פון די פריערדיגע מנהיגי התורה וחסידות. אַזוי שרייבט הרח״ש אין זיין צוואה ״ונתגדלתי על ברכיו ולמד עמי כאב את בנו עלית ונהל בדרכי תורה על בסיס התורה וחסידות נאמן״. ווייטער שרייבט ער אין די צוואה ״וזאת היא נחשב כקבלה איש מפי איש עד למעלה ראש מה ששמעו הם מאבותיהם הק׳ זי״ע ועכ״י״.

ער איז דאָרט אויפגעוואַקסן ביז צו די פטירה פון זיין זיידן רמ״ל, ב׳ חשון אין יאָר תרע״ז.

ער איז געווען נאָך אַלס קינד אַ גרויסער מתמיד. יעדער האָט באוואונדערט זיין גרויס התמדה.

נאָך די פּטירה פון הרמ״ל זצ״ל איז ער ווייטער אויפגעוואַקסן אין שטוב פון הייליגן בעל מנחת אלעזר אין די שטאָט מונקאַטש. דער בעל מנחת אלעזר האָט אים זייער ליב געהאַט, און מקרב געווען און געזאָרגט פאַר אים. דאָרט האָט ער געהאַט די זכי׳ צו שעפּן פולע הויפענס, פון די הייליגע תורה און עבודה פונ׳ם בעל מנחת אלעזר. ער האָט זיך שטענדיג געהאַלטן פאַר אַ תלמיד און חסיד פונ׳ם בעל מנחת אלעזר.

ווען עס איז געקומען די צייט אַ שידוך צו טאָן, און מ׳האָט אים אָנגעטראָגן פאַר די בערבעשטער רעבעצין ע״ה, (דאַן האָט שוין דער בערבעשטער רב נישט געלעבט). האָט זי באַלד מסכים געווען צום שידוך, משום מעשה שהי׳.

ווען דער זיידע הרב ר׳ רפאל זצ״ל איז געווען אין פּעסט אין אַ סאַנאַטאָריאום צוליב געזונטהייט. האָט דער סטריזשוב׳ער רב הרב רמ״ל זצ״ל (וואָס בשעת די מלחמה האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אין ווין,) געדאַרפט זיין אין פּעסט צו ערלעדיגן שריפטן. ער האָט מיטגענומען מיט זיך זיין באַליבט אייניקל הרב רח״ש. אַזוי ווי דער זיידע הרב ר׳ רפאל זצ״ל איז געווען אַ מחותן פון בייטשער רב הרה״צ ר׳ אהרן זצ״ל (דער עלטסטער זון פון הרב ר׳ רפאל זצ״ל הרב ר׳ יקותיאל יודא הי״ד איז געווען אַן איידעם בזווג ראשון ביים בייטשער רב) איז דער בחור הרב רח״ש געגאַנגען באַזוכן דעם בערבעשטער רב אין שפּיטאָל, און זיי האָבן פאַרברענגט אין דברי תורה.

ווען ער איז אַוועק געגאַנגען האָט דער בערבעשטער זיידע זיך אָנגערופן צו די באַבע ע״ה, אַז אַזאַ סאָרט בחור

וואָלטן מיר געדאַרפט האָבן פאַר אונזערע טעכטער. דערפאַר ווען מ'האָט דעם בחור הרב ר' חיים שלמה'ן אָנגעטראָגן פאַר איר טאָכטער די רבנית מלכה, האָט די באַבע באַלד מסכים געווען צום שידוך. האָבנדיג שוין דערויף די הסכמה פון איר מאַן זצ"ל.

זייער חתונה איז געווען אין בערבעשט, וואו ס'זענען געקומען אַסאַך רבנים אדמורי"ם, ווי דער עצי חיים זצ"ל און זיין ברודער הגה"ק בעל ויואל משה וואָס איז דעמאָלס געווען אָרשְעווער רב זצ"ל, דער בעל מנחת אלעזר זצ"ל, דער בייטשער רב זצ"ל ועוד.

מיין פאטער זצ"ל פלעגט דערציילן אַז דעמאָלס שבת שבע ברכות, וואָס איז אויס געפאַלן אין פרשת קרח האָט דער בעל מנחת אלעזר געהאַלטן אַ דרשה אין די בערבעשטער שול, וואו ער האָט כדרכו בקודש זייער געהאַקט אויף די ציונים. ער האָט זיך געשטעלט אויף דעם פסוק בוקר ויודע ה' את אשר לו. ער האָט געזאָגט ציוני'סטן, מזרחי'סטן, אגודי'סטן...

נאָך די חתונה זענען זיי געבליבן וואוינען אין בערבעשט וואו ער האָט ווייטער זייער פלייסיג געלערנט.

הררח״ש זצ״ל אַלס בחור

הררח״ש זצ״ל אַלס בחור



אין זיינע לעצטע יאָרן

הררח״ש זצ״ל מיט להבחל״ח
זיינע זון - אַלס בחורים
הרב ר׳ משה לייב שליט״א,
הרב ר׳ צבי שליט״א, הרב ר׳ יוקל שליט״א

אַזוי ווי די שטאָט סיגעט איז געווען זייער נאָנט צו בערבעשט און מ׳האָט זיך געהאַלטן זייער נאָנט צום סיגעטער הויז, איז הרב רח״ש שטאַרק מקושר געוואָרן צום בעל עצי חיים זצ״ל וואו ער האָט אַסאַך מקבל געווען פון אים. דער עצי חיים האָט זיך שטאַרק משתעשע געווען מיט אים בעניני הלכה, און ער האָט אים אויך געהאָלפן מיט פאַרשידענע תשובות וכדומה.

נאָך עטליכע יאָר האָבן זיי זיך אַריבער געצויגן קיין שימלוי, וואו דער גרויסער גאון וצדיק דער זקן ושר התורה האָט אים זייער ליב געהאַט. דער שימלויער רב איז אים געגאַנגען באַזוכן, הגם אַז רח״ש איז נאָך געווען גאָר אַ יונגערמאַן.

מיט יאָרן שפּעטער האָבן זיי זיך געצויגן קיין טעמעשוואַר, וואו ער האָט אויפגעשטעלט אַ היימיש חסיד׳יש ביהמ״ד ״דברי חיים״. די חסיד׳ישע אידן וואָס האָבן געוואוינט אין טעמעשוואַר האָבן דאָרט געטראָפן וואָס זיי האָבן געזוכט. מ׳האָט אים זייער ליב געהאַט און געשעצט, אַזוי ווייט אַז מ׳האָט אים איבערגעגעבן דעם כח צו פירן דין תורה׳ס.

אַזוי ווי טעמעשוואַר האָט באַלאַנגט צו רומעניען און פון דאָרט האָט מען ב״ה נישט דעפּאָרטירט, איז זייער גאַנצע משפחה ב״ה ניצול געוואָרן בשעת די מלחמה אין יאָר ת״ש - תש״ה. אין יאָר תש״א האָט מען גענומען אַלע אַרבעטס פעהיגע מענטשן צו אַרבעטן פאַר די מלוכה. ער מיט זיין זון הרב ר׳ רפאל ז״ל האָבן געדאַרפט איינרוקן צו

די אַרבעט. מען האָט געוואוסט אַז מען וועט זיך דאַרפן אָפּשערן באָרד און פּיאות, און אויך וועט מען דאַרפן אַרבעטן אין שבת.

דער קאָמאַנדיר פון זיין רעגימענט איז געווען אַ גרויסער רשע, דאָך האָט רח״ש געבעטן איינעם אַז ער זאָל משחד זיין דעם קאָמאַנדיר אַז ער און זיין זון זאָלן זיך נישט דאַרפן אָפּשערן באָרד און פּיאות, און נישט דאַרפן אַרבעטן שבת. יענער האָט אָבער אַפילו נישט געוואָלט הערן פון רעדן מיטן קאָמאַנדיר דערוועגן, האָט אים רח״ש שטרענג באַפוילן אַז ער מוז רעדן און משחד זיין דעם קאָמאַנדיר. דער קאָמאַנדיר האָט זיך געלאָזט משחד זיין, אַזוי אַז רח״ש מיט זיין זון האָבן זיך קיינמאָל נישט געדאַרפט אָפּשערן באָרד און פּיאות, און נישט געאַרבעט שבת.

נאָך עטליכע וואָכן זענען רח״ש און זיין זון באַפרייט געוואָרן פון דעם אַרבעטס לאַגער, אַלס רב, וואס איז פּטור געווען פון דער אַרבעט. מער האָט דער קאָמאַנדיר זיך בשום אופן נישט געלאָזט משחד זיין.

רח״ש זצ״ל מיט זיין רעבעצין ע״ה האָבן אַסאַך מיטגעמאַכט נאָך די מלחמה. דעמאָלס האָט כמעט יעדער געזוכט אויס צו וואַנדערן פון די פאַרשאָלטענע לענדער. הרח״ש און זיין משפחה האָבן געזוכט אַוועק צו פאָרן פון רומעניען. זייער עלטסטער זון הרב ר' **רפאל** ז״ל האָט שוין געהאַט חתונה געהאַט מיט די רבנית **מלכה רייזל** ע״ה. זיי האָבן געהאַט אַ קינד פון 6 חדשים. אָנפאַנג תש״ח האָבן זיי באַקומען אַ פּאַס אויס צו וואַנדערן. זיי זענען געפאָרן קיין

פראַג מיט אַן עראָפּלאַן פון וואו זיי האָבן געהאַט אין פּלאַן ווייטער צו פאָרן פרשת וישלח. ליידער אָבער איז דער עראָפּלאַן אַראָפּגעפאַלן נעבן פראַג, און 2 טעג דערויף, זענען זיי ליידערביידע אַוועק אין שפּיטאָל אין פראַג. הרב ר׳ **רפאל** ז״ל י״א כסליו, און די רבנית **מלכה** רייזל ע״ה ט׳ כסליו. זייער איינציג קינד ר׳ יעקב הערש נ״י איז מיט ניסים געבליבן לעבן. ער איז געווען גוט איינגעוויקלט אין אַ געשטריקטע דעקע, און ווען ער איז אַראָפּגעפאַלן האָט זיך זיין דעקע אָנגעהאַנקערט אויף אַ בוים, וואו מ׳האָט אים שפּעטער געפינען, ונפלאים דרכי ה׳.

הרב ר׳ רפאל ז״ל

זייערע עלטערן זענען באַלד נאָכגעפאָרן קיין פראַג וואו זיי האָבן מקדש געווען אַ שטיקל ביה״ח און מ׳האָט זיי דאָרט באַהאַלטן. (איך פאָר אָפּט קיין טשעכיי און אינאיינוועגס פאָר איך אויך קיין פראַג. איך גיי אַלס אויף זייער קבר און צינד דאָרט ליכט לזכר נשמתם).

סוף ווינטער תש״ח איז די גאַנצע משפחה אָנגעקומען קיין אַמעריקא. קודם האָבן זיי זיך באַזעצט אין ברוקלין אין ״בראָנזוויל״. דעמאָלס איז דאָרט געווען אַ חסיד׳ישע געגנט וואו הרח״ש זצ״ל האָט באַלד געעפנט אַ בית המדרש לתורה ולתפילה ״ביהמ״ד אמרי נועם״.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז די געגנט געוואָרן אויסגעשפּילט (לײדיג פון היימישע אידן), האָבן זיי זיך אַריבערגעצויגן קיין באָראָ פּאַרק וואו ער האָט אויך געמאַכט אַ שיין ביהמ״ד לתורה ולתפילה וואָס איז ב״ה ביז היינט לשם ולתפארת.

ער האָט געשריבן און ארויסגעגעבן זיין ספר דרכי נועם עה״ת, מועדים, ושו״ת. אויך איז נאָך געבליבן פון אים כתבי יד. ער האָט איבערגעדרוקט דאָס ספר חדושי רמ״ל פון זיין זיידן, און צוגעשטעלט פון זיין זיידן הרה״ק רבי משה יהודא ליב שפירא זצ״ל, סטריזובור רב, אַ תשובה וועגן שיטת ר״ת, און צו געענדיגט מיטן קונטרס השלמה וזכרון.

די לעצטע יאָרן איז ער ל״ע קראַנק געווען. ער איז נפטר געוואָרן ג׳ חנוכה תשכ״ט אין אַ שפּיטאָל אין ברוקלין, (איך בין געווען אין שפּיטאָל בשעת יציאת נשמה. ער איז געלעגן אַ פּאָר טאָג כאבן דומם ל״ע. ער האָט נישט געקענט רירן קיין איין אבר. בשעת יציאת נשמה איז געווען דאָרט מער ווי אַ מנין מענטשן. ווען מ׳האָט געזאָגט פסוקי היחוד און שמע ישראל האָט ער זיך געוואָרפן מיט אַלע אברים, דערנאָך איז געווען באַלד יציאת נשמתו הטהורה).

לויט זיין צוואה האָט מען געפירט זיין ארון קיין ירושלים עיה״ק, אויפן הר המנוחות אין די חלקה פון די רבנים, גאַנץ נאָנט צום ציון פון דעם הייליגן בעלזער רב זי״ע, ת.נ.צ.ב.ה.

זיי האָבן ב״ה איבערגעלאָזט דורות ישרים ומבורכים קינדער, אייניקלעך, אור אייניקלעך, אדמו״ר״ים, רבנים, מרביצי תורה און מגידי שיעורים.

בעזהשי"ת

זה השער לה' צדיקים יבואו בו

ספר

דרכי נועם

על חמשה חומשי תורה

חלק ראשון

פירושים ומאמרים. דרכים יקרים. על פרשיות השבוע נסדרים.
אשר בזכות אבותי הקדושים. אראלים ותרשישים.
נתחדשו החידושים.
וכסופו ליקוטים. וקונטרס שו"ת:

נכתב ונסדר מאתי בעזהשי"ת

חיים שלמה הורוויץ
מסטריזוב
הרב אב"ד מזאליזשא (סמוך מונקאטש)

בן לא"א הה"צ מו"ה **אלטר אליעזר** זצ"ל מבייטש.
בן כ"ק הגה"צ מו"ה **אהרן הורוויץ** זצ"ל אבד"ק בייטש.
בן מרן הגה"ק ציס"ע בעל **אמרי נועם** זצ"ל. אבד"ק דזיקוב יצ"ו:

ברוקלין

שנת תשט"ו לפ"ק

דפוס „בלשן" בהנהלת מרדכי שוסטערמאן

שער בלאַט פון דעם ספר דרכי נועם פון ר' ח"ש הורוויץ האדמו"ר מסטריזוב
על חמשה חומשי תורה - חלק ראשון

בעזהשי״ת

זה השער לה׳ צדיקים יבאו בו

ספר

דרכי נועם

חלק שני

שהוא על המועדים וחדשי השנה

פירושים וענינים. דרכים ובנינים. ציצים ופרחים. לשבתות וירחים.
המאמרים. מסודרים. ולימים טובים. החידושים נכתבים.
בזכות אבותי הקדושים והגאונים. חכמים ונבונים.
ובסופו ליקוטים. וקונטרס שו״ת:

מאת

חיים שלמה הורוויץ
מסטריזוב
הרב אב״ד מואליזשא (סמוך מונקאטש)

בן לא״א הה״צ מו״ה אלטר אליעזר זצ״ל מבייטש.
בן כ״ק הגה״צ מו״ה אהרן הורוויץ זצ״ל אבד״ק בייטש.
בן מרן הגה״ק ציס״ע בעל אמרי נועם זצ״ל. אבד״ק דזיקוב יצ״ו:

ברוקלין

שנת תשכ״א לפ״ק

נדפס בדפוס „בלשן" ע״י מרדכי שוסטערמאַן ישלום דוב בער פויזנער

שער בלאַט פון דעם ספר דרכי נועם פון ר׳ ח״ש הורוויץ האדמו״ר מסטריזוב
על המועדים וחדשי השנה - חלק שני

בעזהשי״ת

זה מנוסח השער של הוצאה ראשונה

ספר

חדושי הרמ״ל

חלק ראשון

חדושי מסכתות וסוגיות

מרבינו הגאון הקדוש איש האלקים אוהב ישראל א״ש ח״י רב
פעלים החסיד וכו׳ **רבי ר׳ משה יהודא ליב** זצוקללה״ה
מסאסוב יצ״ו
שהיו ספונים בכ״י, ולא באו עוד בדפוס מעולם, יצאו עתה
לאור בעזה״י בפעם הראשון, עפ״י ההעתק שהוא כי״ק אא״ז
הרב הג״הק **צי״ע** רשכבה״ג וכו׳ מו״ה **שלמה שפירא**
זצוקללה״ה אבד״ק **סטריזוב ומונקאטש** יצ״ו.

עם הגהות וביאורים

נחוצים להבנת ד״ק. ועם מראה מקומות לכל מאמרי חז״ל והמפרשים
והפוסקים המובאים בהספר הקדוש הזה.
מאתי נכדו הצעיר באלפי. הק׳ **נחמי׳ שפירא** אבד״ק סאסוב
ווין שנת תרפ״א

ועתה יו״ל בהוצאה שני׳. כל השלשה חלקים ע״י נכד המחבר הקדוש זי״ע.
בן אחותו של הרב בעהמ״ח ההגהות וביאורים. והערות.
ובסופו קונטרס בשלמה והזכרון שהוספתי בעזהשי״ת.
חיים שלמה הורוויץ מסטריזוב
בן לא״א הה״צ מו״ה אלטר אליעזר הורוויץ ז״ל מבייטש
הרב אב״ד מזאלוזשא (סמוך מונקאטש)

ברוקלין
שנת **תשי״ח** לפ״ק

שער בלאַט פון ספר פון חידושי הרמ״ל - ארויסגעגעבן דורך אדמו״ר מ׳סטריזוב

זייערע קינדער זענען:

זון, הרב ר' **משה יודא לייב** שליט"א, אדמו"ר מ'סטריזוב.

זון, הרב ר' **צבי הירש** שליט"א, אדמו"ר מ'סטריזוב.

זון, הרב ר' **ישראל יעקב יוקל** שליט"א, אדמו"ר מ'זאָליזשאָ.

איידעם, הרב מו"ה **אלי' בצלאל טייטלבוים** שליט"א.

איידעם, הרב ר' **מנחם אדלער** שליט"א, רב - ב'טאָראָנטאָ קאַנאַדרא.

איידעם, (בן גיסו הרה"צ מוה"ר נפתלי זצ"ל) הרב ר' **משה גרוים** שליט"א מאָנסי.

אין קינד'ס קינדער, וואָס זענען ב"ה לשם ולתפארת אבותם.

דער פינפטער זון

דער פינפטער זון פון'ם זיידן רבי ר' רפאל, איז מיין פאָטער הרב ר' נפתלי זצ"ל, אים וועל איך שפעטער באַשרייבן באריכות אי"ה.



כ"ק אאמו"ר הרה"צ מוה"ר ר' נפתלי זצ"ל - ביים שרייבן אן אות אינם ספר תורה פון דעם מו"ל - ר"ח סיון תשל"ט

דער זעקסטער זון

דער זעקסטער זון פונ׳ם זיידן רבי ר׳ רפאל, איז געווען הרה״ג מוה״ר ר׳ **יחיאל** (**מיכל**) **ניסן** זצ״ל, געבוירן אין בערבעשט, אין יאָר תרס״ג. דער בעל קדושת יו״ט זי״ע איז געקומען קיין בערבעשט צו זיין ברית, און ער איז געווען זיין סנדק. (דאָרט האָט מיין פאָטער זצ״ל אַלס קליין קינד געזען דעם קדושת יו״ט זצוק״ל.)

ער איז נתגדל געוואָרן אין באַוואוסטע ישיבות, וואו ער איז נאָך אַלס בחור נסמך געוואָרן להוראה. ער האָט חתונה געהאַט מיט די רבנית מרת **ראצע** הי״ד, זיין קוזין (בת דודו - אחי אמו) די טאָכטער פון הרהגה״ק מוה״ר ר׳ **אהרן טייטלבוים** הי״ד אב״ד וואָלאָווע, און צום סוף אב״ד ניר-באַטור. מ׳האָט אים אויפגענומען נאָך זיין חתונה אַלס דומ״צ אין סאַטמאַר-אודוואָרי, וואָס איז נעבן סאַטמאַר.

ליידער אָבער האָט ער נישט מאריך ימים געווען. ער האָט פלוצלונג באַקומען אַן אַפּענדיקס אַטאַקע. אין זיין דאָרף איז נישט געווען קיין געהעריגע דאָקטוירים, און ביז מ׳האָט אים אריינגעטראָגן קיין סאַטמאַר אין שפּיטאָל, איז שוין געווען שפּעט. כאָטש מ׳האָט אים נאָך אַפּערירט, האָט עס אָבער שוין נישט געהאָלפן. ער איז באַלד נאָך די אַפּעראַציע נפטר געוואָרן, ביום כ״ט תמוז תרצ״ח. מ׳האָט אים געמאַכט גאָר אַ גרויסע לוי׳. כ״ק אדמו״ר הרהגה״צ מרן מסאַטמאַר זצלה״ה (שני בשני מיט זיין מאַמען ע״ה, (א צווייטע קאָזין)) האָט אים מלו׳ געווען ביז צום ביה״ח אין סאַטמאַר, און ער איז דאָרט נטמן געוואָרן.

אַפּאָר יאָר צוריק האָט זיין זון מו״ה ישראל יעקב יוקל גרויס נ״י אַריבערגעפירט זיין ארון קיין ארץ ישראל אויפן הר הזיתים, למקום מנוחתו, נעבן זיין ברודער הרה״ג מוה״ר חנני׳ יו״ט ליפא זצ״ל אב״ד בערבעשט, וואָס האָט געוואוינט נאָך די מלחמה אין ירושלים עיה״ק, און איז דאָרט נפטר געוואָרן.

ער האָט ליידער איבערגעלאָזט אַן אלמנה מיט 7 קליינע אומשולדיגע קינדער אָן קיין פרנסה. דעמאָלס האָט זי זיך אַריבער-געצויגן קיין סאַטמאַר וואו זי האָט עוסק געווען אין עפעס מסחר כדי אויפצוהאַלטן אירע קליינע עופה׳לעך. אין יאָר תש״ד האָבן זיי נעבעך אויך מיטגעמאַכט די דעפּאָרטאַציעס, און זיי זענען אומגעקומען עקה״ש הי״ד.

פאָלגענד זענען זייערע קינדער וואָס זענען אומגעקומען עקה״ש: **העניל**, **רפאל**, **יקותיאל יהודא**, **רוזא בלימא**, **בילא**, און **שמואל**, נעק״ש ביום י״ב סיון תש״ד הי״ד.

איין זון מו״ה **ישראל יעקב יוקל גרויס** נ״י, איז ב״ה איבערגעבליבן, ער וואוינט היינט אין פענסעלוועניע - אַמעריקא. ער איז געווען אין דעם זעלבן טראַנספּאָרט קיין בערגן בעלזן מיט׳ן סאטמארער רבי׳ן זצ״ל.

בילדער פון די מצבה

פון הרה״ג מוה״ר יחיאל ניסן גרויס זצ״ל



בילד פון די מצבה אין סאַטמאַר פאַרן קריג



בילד פון די מצבה נאָכן אַריבער פירן אויף ירושלים



**אויפשריפט אויף
די אַנדערע זייט
פון די מציבה**

אין יאָר תש״ס האָבן זיך הרבני מו״ה ישראל יעקב יוקל נ״י זון פון הרב יחיאל ניסן זצ״ל, און זיין מומע די רבנית הצדיקת מסאטמאר, מרת פעסל לאה תליט״א, - דער אייבירשטער זאָל איר שיקן אַ רפו״ש במהרה, - משתדל געווען, צו מאַכן אַ שטאַרקן גדר אויף דעם גאַנצן בית החיים אין וואלאווע וועלכע איז ביז דעמאָלס געווען זייער פאַרלאָזט.

און מיט זייער באטייליגונג און די באטייליגונג פון דעם זיידן׳ס אייניקלעך, האָט מען דאַן אויך איבערגעמאַכט די מצבות פון אונזער זיידן - באַבען, און אויפגעשטעלט אַלע מצבות וואָס מ׳האָט געקענט אויפשטעלן. ישלם ה׳ שכרם ופעלם.



נייער גדר אין ביה״ח אין וואלאווע

דער בית החיים אין וואלאווע פאר'ן פאררעכטען

דער בית החיים און די מצבות אין וואלאווע נאכן פאררעכטען

דער יונגסטער זון

דער יונגסטער זון פון׳ם זיידן רבי ר׳ רפאל, הרה״ג מוה״ר ר׳ **חנני׳ יו״ט ליפא** זצ״ל, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרס״ה אין בערבעשט. זיין נאָמען האָט ער באַקומען

כ״ק אאמו״ר הרה״צ ר׳ נפתלי זצ״ל - ואחיו הרה״צ ר׳ חנניא יו״ט ליפא זצ״ל

נאָכ׳ן בעל קדושת יום טוב וואָס איז נפטר געוואָרן אין דעם יאר. אַלס יונג קינד האָט ער מיטגעמאַכט די ערשטע וועלט מלחמה. ווען זיין פאָטער איז אַוועק איז ער אַלט געווען 12 יאר. ער האָט מערסטענס געלערנט ביי זיין עלטסטן ברודער דער סיגעט׳ער ראב״ד, וואו ער איז נסמך געוואָרן להוראה.

ער האָט אויך באַקומען התרת הוראה פון ריסקעוועער רב הרה"ג וכו' מוה"ר אברהם שלמה כ"ץ זצ"ל, און פון סלאָטפינער רב זצ"ל הי"ד. זיין התמדה איז געווען זייער



הרה"צ ר' חיים יצחק אייזיק האלבערשטאם - סלאטפינער רב זצ"ל הי"ד

גרויס עד להפליא.

בזווג ראשון איז ער געווען אַן איידעם ביי הרה"צ מוה"ר ר' **אלימלך האלבערשטאם** בן הרה"צ מוה"ר ר' **משה'לע משינאָווא** האדמו"ר בוואַשארהעלי. די חתונה איז פאָרגעקומען אין וואַשארהעלי.

ער איז געבליבן וואוינען אין וואַשארהעלי ביז תרצ"ה. ווען מ'האָט אויפגענומען זיין עלטערן ברודער הרה"צ מוה"ר שמואל הי"ד קיין קראָלי, דעמאָלס האָט ער איבערגענומען דאָס רבנות אין בערבעשט.

ער האָט דאָרט אָנגעפירט דאָס רבנות לשם ולתפארת. אין זיינע צייטן האָט זיך געטוישט די מדינה פון ראָמעניען - וואָס די גאַנצע געגענט האָט געהערט ביז 39׳ למספרם פאַר ראָמעניען - און עס איז געוואָרן אונגאַרן. דאַן איז בערבעשט אויך אַריבער צו אונגאַרן.

דעמאָלס האָט הרב ר׳ חנני׳ יו״ט ליפא געהאַט זייער אַסאַך שוועריקייטן וועגן מיליטער, ווייל די אונגאַרישע האָבן אים נישט געוואָלט אַנערקענען אַלס רב. ביז ער האָט ערלעדיגט אַז ער זאָל זיין פריי פון מיליטער האָט ער געהאַט אַסאַך אויסצושטיין.

אין תש״ד (פאַר מ׳האָט געמאַכט דעם געטאָ) האָט מען אים איינגערופן צום מאָנקאַ-טאַבור, וואו ער האָט געמוזט איינרוקן. ער איז נישט געווען אינדערהיים בשעת דער געטאָ איז צושטאַנד געקומען.

זיי האָבן געהאַט 4 קינדער, **משה אלעזר**, **רפאל**, **אלימלך**, **חיים יחיאל ניסן**. דער יונגל **משה אלעזר** איז געווען בסך הכל 11 יאָר אַלט, און ער איז געווען זייער געראָטן. אין געטאָ האָט ער אַפּאָר טאָג אָפּגעשריבן וואָס עס איז דאָרט פאָרגעגאַנגען. די מאַמע מיט איהרע 4 קינדער זענען ליידער מער נישט צוריק געקומען. זייער יאָרצייט איז כ״ט אייר.

הרב ר׳ חנני׳ יו״ט ליפא דער בערבעשטער רב איז ב״ה ניצול געוואָרן, וויבאַלד ער איז געווען אין מאָנקאַ-טאַבור. ווען ער איז צוריק אַהיים געקומען נאָך זיין באַפרייאונג אָנפאַנג תש״ה קיין בערבעשט, האָט ער געטראָפן אויפן טיש ליגן זיין יונגל׳ס שריפטן וואָס ער האָט געשריבן. (מען קען

זיך נישט פאָרשטעלן די געפילן וואָס דער טאַטע האָט דעמאָלס געפילט. מיר וועלן בס"ד באַלד ציטירן דעם גאַנצן קונטרס וואָס דאָס יונגעל משה אלעזר האָט אָפגעשריבן.)

אנהויב שנת תש"ה איז דער בערבעשטער רב, און נאָך אידן פון געגענט באַפרייט געוואָרן, און זענען אַהיים געפאָרן. אין בערבעשט זענען געבליבן זייער ווייניג אידן, האָט ער זיך אַריבער געצויגן קיין סיגעט. אין סיגעט האָבן די אָרטיגע איינוואוינער אים געוואָלט אויפנעמען אַלס זייער רב, אָבער ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט אנעמען דאָס רבנות. ער האָט מער נישט געוואָלט משמש זיין ברבנות. דער עולם האָט אָבער גע'טענה'ט אַז זיי דאַרפן האָבן אַ מורה הוראה וואָס זאָל פסק'נען שאלות, מקואות, שחיטה, וכדומה, האָט ער באין ברירה אָנגענומען צו פסק'נען שאלות אָבער נישט אַלס רב.

ער האָט געוואוינט אין סיגעט בתור דיין און פוסק, ביז כ"ק אדמו"ר מהר"ם ט"ב שליט"א, וועלכער איז באַפרייט

אדמו"ר מסאטמאר שליט"א

געוואָרן נאָכן מיטמאַכן ליידער פאַרשידענע לאַגערן - וואו ער האָט אויך פאַרלוירן זיין גאַנצע משפחה הי"ד - איז

געקומען אין יאָר תש״ו קיין סיגעט. דעמאָלס האָט אים דער בערבעשטער רב איבערגעגעבן דאָס סיגעט׳ער רבנות.

דער בערבעשטער רב האָט נאָכאַמאָל חתונה געהאַט מיט הרבנית רבקה ע״ה אין יאָר תש״ו. זי איז נפטר געוואָרן כ״ח ניסן שנת תשנ״ח אין ברוקלין, והובאה למנוחתה אויפן הר הזתים אין ירושלים עיה״ק. נאָך אין סיגעט איז זיי געבוירן געוואָרן זייער בן יחיד אלי׳ נ״י. אין יאָר תש״י זענען זיי אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל. זיי האָבן זייער אַסאַך מיטגעמאַכט ביז זיי זענען אָנגעקומען קיין ירושלים עיה״ק. נאָכן זיך אויפהאַלטן אַ שטיק צייט אין ירושלים האָבן זיי ענדליך באַקומען אַ דירה אין רוממה אין שיכון הרבנים.

דאָרט האָט ער אויך נישט געוואָלט משמש זיין ברבנות, ווייל ער האָט געוואָלט ברענגן פּרנסה פון זיין אייגענע האָרוואַניע און זיין אַ מתפרנס מיגיע כפיו. ער איז געווען געשעצט ביי אַלע רבנים און רבי״ס. בדרך כלל האָט ער געדאַווענט אין סאַטמאַרער ביהמ״ד יטב לב אויף רחוב יואל וואו ער איז געווען פון די שענסטע און חשוב׳סטע מתפללים.

ליידער האָט ער נישט מאריך ימים געווען. ער איז ל״ע נישט געזונט געוואָרן אין דעם פינף און זעכציג׳סטן יאָר פון זיין לעבן, און אַ יאָר דערויף ט׳ סיון אין יאָר תש״ל איז ער נפטר געוואָרן. ער איז באַהאַלטן געוואָרן אויפן הר הזיתים, וואָס איז געגן דעם מקום המקדש.

ער האָט געזאָגט אַז דער טעם פאַרוואָס ער וויל דאָרט האָבן אַ פּלאַץ איז ווייל מיר האָפן אַז משיח וועט בקרוב

קומען, וועט מען דאָך דאַרפן מקריב זיין אַ פרה אדומה, ווייל מיר זענען דאָך טמאי מתים. ביי פרה אדומה שטייט אַז מ׳האָט דאָס גע׳שוחט׳ן אויפן הר הזיתים געגן איבער דעם קדשי קדשים, און אַז די מתים וועלן דאָרט זיין וועט מען דאָך נישט קענען שחט׳ן די פרה אדומה, וועט מען דאָך מוזן קודם הייסן די מתים אויפשטיין כדי מ׳זאָל קענען שחט׳ן די פרה אדומה, במילא האָט ער אַ חשבון אַז די מתים פון הר הזיתים וועלן פריער אויפשטיין, דערפאַר וויל ער ליגן אויפן הר הזיתים. אין זיין צוואה האָט ער געשריבן און געבעטן אַז מ׳זאָל נישט שרייבן אויף אים קיין שום שבחים, נאָר זיין נאָמען און דעם דאַטום פון זיין פטירה, תנצב״ה.

ער האָט איבערגעלאָזט איין זון הרה״ח וכו׳ מו״ה **אלי׳** שליט״א (וואָס ער איז אַן איידעם ביי הרה״ח מו״ה מנחם מענדל רובין ז״ל מ׳קערעסטיר) ער האָט ב״ה אויפגעשטעלט שיינע דורות לתפארת אבותיו.

מיר ציטירן דאָ דעם גאַנצן קונטרס וואָס דאָס יונגעל משה אלעזר האָט אָפּגעשריבן. עס איז זייער אינטערעסאנט און צוגלייך זייער האַרצרייסענד ווי אַזוי אַן עלף יעריג יונגל האָט אויפגענומען דעם מצב דעמאָלס.

הערה: די ערקלערונגען וואָס איז איינגערינגעלט זענען פונ׳ם מעתיק.

פאָלגענד איז אַ קאָפּי פונ׳ם דעקל פונ׳ם קונטרס און פון זיין כתב יד, פאַרקלענערט.



העתקה פונם קונטרס:

הקדמה יום ב׳ אמור שנת תש"ד

הנה באתי בזה אני הקטן מ"א (משה אלעזר) בן י"א [שנה] לכתוב קצת סדר מהות הגעטטא אימתי התחיל וסדר התחילו, אני כותב רק קצת אחד מאלף, הצרות של הגעטטא, כי אין אני ביכולת לכתוב כל הצרות, כי אם ארצה, ימי ושני יכלו ואני לא אגמור, אבל קצת אכתוב לזכר עולם שנזכור נסים ונפלאות שעשה עמנו ד׳ בהגלות.

ערקלערונג פון געוויסע אומבאַקאַנטע ווערטער אינם בריוו:

האקאַנצעלייא = אָפּיס
טשילאג = געלע שטערן אויף די קליידער
פריילעס = מיידלעך
הטיסהעטעש קאלטשאר = אָפיציער מיטן נאָמען קאלטשאר
מיהאלי גאבאר = נאָמען פון גאָווערנער
הקעם אלהאריטא = אַן אָרט וואו מען פאַרשפּאַרט די וואָס זענען נחשד אַלץ שפּיאָנען צום אויספּיינִיגן
הטשילאג השטערן = הויפּט פון שטאָט
פאלי ביילין = אַ נאָמען
אָרנאגי = אַן אָפיציער
הנאטער = שטאָטישער שרייבער
לעווענטעס = יונגע אַרבייטערס (פון 12 יאָר און העכער וואָס טוען זיך מושטירן צום מיליטער דינסט).
העדניק שאנדאר = אַ נאָמען
מוזאטטשאג = באַוועגונג
שאראלקאזא = שטיין אין איין שורה
הביזאטטשאג = באַהערדע

סדר היום של צרותינו

הנה, אשר התחיל ביום שני של פסח העל״ט שנת תש״ד ולמספרם April 9, בבוקר אספו פה את כל העולם להאַקאַנצעלייא, הראש של הפאַמיליע, והוא היה צריך לאמר את כל השמות. של כל אחד ואחד ועשאו מזה ליסטע גדול בארבע עקזעמפלאַרן (קאָפּי״ס), וכל העולם מפחדים מאוד.

ותיכף שלחנו שליח ביו״ט ל׳שוגאַטאָג (דאָס איז די נאָמען פון אַ שטאָט) לאיש הטשילאג (דער שטאָט עלטסטער) לידע מה זהי? והוא לא ידע ולא שמע שם כלל, ואח״כ שלחנו עוד שליח הבתולה פיגא יהודית שלוח עם איזה בחור, ואח״כ בחצי שעה נודענו ע״י גאַנץ ש״י (נאָמען), כי הליסטע שלחו לשוגאַטאָג עם שני עשפות (פאָטאָ קאַפּיעס). משם נודענו כי הליסטע נעשית ע״י 4 עקזעמפלאַרן, ואח״כ אנחנו מפחדים יותר חזק ושלחנו אח״כ עוד שליח לאמור כי הליסטע שלחו לא׳ [ובלילה באו השלוחים], ואחר השליח שהלך ואמר כי הליסטע הלך מכאן לשוגאַטאָג גם היהודים משוגאַטאָג הי׳ בפחד ותיכף הלכו להאדון הגדול ואמרו הפריילעס כי הוא חק בכל הארץ לעשות זה הליסטע והי׳ עת עד שמונה ימים לעשות זה, אבל זה הרשע עשה במזיד כדי להפחיד את העולם לשבות [פערשטערן] את היו״ט, והיינו רוהיגער.

פתאום יום ראשון דחוה״מ למספרם April 10, באו אויטאָס של אשכנזים (עס עס לייט) ועשאו שם כי מען כאַפּט צוזאַם אַלע מאַנסבילדן (מענער) להעבודה להאשכנזים, ואנחנו מפחדים מאוד, והלכו אני ואחי לגנוז (זיך צו באהאלטן), דערוואל אָבער האָט מען קיינעם נישט בעריהרט

והפחד הי׳ בחנם ושאר ימים של חוה״מ לא הי׳ כלום וויכטיגעס מה לכתוב לזכר, ובשאר הימים הלכו הנערים (יונגעלייט) להעבודה.

שביעי של פסח באמצע התפלה באו האשכנזים לביה״מ כי הנערים לא רצו לילך להעבודה, ואנחנו מפחדים כי אמרו באם לא ירצו הנערים לילך אָז יקחו את האנשים הזקנים, אבל גם מזה לא הי׳ כלום והתפלה הי׳ בלב נשבר ונדכה ולא אמרו ברכת כהנים.

אחר התפלה הלכנו לביתנו ותיכף כשהתחילו לאכול נודענו כי הטיסטהעיטעש קאלטשאר (אָפּיציער) הי׳ אצל שלמה יואל ואח״כ כשהלך ראינו כי בת של ש״י נסע לסיגעט והבינו כי נולד איזה דבר, ואבי הלך תיכף לש״י ואמר לו כי האדון אמר לו אַז מען וועט אַוועק פירן ביז אַפּאָר טאָג.

והפחד הולך וגדול עד למאוד כמעט עד כלות, ושלחנו עוד הפעם לשוגאַטאָג ואמרו לה כי לפי הנראה הוא שקר, כי הרופא אמר לה כי הוא איז בעקאַנט עם הפעדער משם והוא לא אמר לו כלל בודאי הוא שקר, אבל גם בזה לא נח נפשינו כי חשבנו כי הפעדער משוגאַטאָג אינו רוצה לאמור והפעדער מכאן הוא הי׳ רק שכור, ע״כ חשבנו שאמת רק הפעדער משם לא רצה לאמור וזה הי׳ שכור ע״כ אמר, ע״כ אנחנו מפחדים מאוד מאוד.

ואח״כ אמר ש״י כי הפעדער אמר לו אַס מען ווירד אַוועק פירן אַלע יודן פון קאמידאט קיין סיגעט, און מען וועט אָפּ קאָפּטשאָלני (צושליסן) די שטובער, וגם אמר כי אמר לו כי הרבה גזירות

באים ועד ששה ימים ווירד זיין צו זאַם געגומען כל היהודים, ונתנו לו מעות הרבה ער זאָל זיך גיט בעגיין מיט דיא מענטשן און אויך ער זאָל לאָזין בערבעשט צום סופסטן טאָג.

און פאַר נאַכטץ איז ער געוועגן אין זשאלעשט (א שטעטל) און אין פערעשט (א שטעטל) ער האָט געהייסן ביז 2 טאָג זיין געפּאַקט והפחד הולך גדול וחזק עד למאוד, וביום אחרון של פסח ש״ק בבוקר נסעתי אני לסיגעט עם איזה ווענעלע עפּעס געוואָר צו ווערין ושם לא ידעו מזה כלום, והלכנו אני ודודי ושני אנשים מסלאָטפינאָ כי גם בשם האָט מען געהייסן פּאַקן אצל לייב יאסאוויטש מסיגעט, ואמר כי הוא לא ידע מזה, אבל זה הוא יודע כי החק הזה הוא נעשית במונקאַטש בשלושה ימים קודם הי׳ אצלן אסיפה וגמרו שם זה הדבר.

ואח״כ הלך דודי אצל מיהאלי גאבאר ואמר לו כי הוא אינו יודע אבל אמר לו שילך אינטערעסירן ובאיזה שעות יבא ויאמר לו (תשובה), וכן הי׳ שדודי הלך ואמר לו האדון כי נודע לו כי היא באַפּעל של מיליטער וציוויל בעהערדע אין יכול לעשות כלל, והחק הוא במקום שאין דרים שם עשרה אלפים נפשות, כנסו היהודים אל הקאַמידאַט שטאָט והוא באַפּעל של האשכנזים.

ואנחנו מפחדים מאוד, ואני הייתי בסיגעט, ואח״כ הביאו את הרב מסטרימטערע והרב מפאָלינאָ (שטעטעלעך) עם עוד איזה אנשים לסיגעט... והם נחשדו אודות קא״מ (שפּיאָן).

ואח״כ נסע הבחור משה פ׳ לביתו כי גם הוא הי׳ בסיגעט והי׳ אצל דודי, ותיכף כשהלך מהבית של דודי חפשו אותו

אשכנז להעבודה, ואח״כ בא בנציון אברהם משה וגם הב׳ פיגא יהודית לסיגעט בבוקר הי׳ הם בשוגאַטאָג אצל האדון ואמר להם כי הוא אינו יודע כלל מזה הדבר, ומשם הלכו לסיגעט גם בסיגעט לא הי׳ יודעים יותר ממה שכתבתי למעלה וע״כ באו בחזרה לבערבעשט ואני נשארתי בסיגעט כי לא רציתי ליסע בשבת ע״כ נשארתי שם וחשבתי שביום א׳ אסע לביתי...

ביום ש״ק - קודם ערבית אחר שבנציון בא בחזרה לבערבעשט פתאום נודעו כי ביום א׳ בבוקר יתפסו את האנשים ואח״כ ווירד מען זייא אַוועק פירן, מה עשה העולם המתינו עד שיהי׳ מוצאי שבת, ותיכף הטמינו את החפצים מה שהי׳ אפשר, אנחנו לא הטמינו כמעט כלום ואנחנו הנחנו כמעט כולו הפקר הבעט גיוואַנט צי שפרייט אַלעס פרייא, הי׳ לנו ששה מצות גם זה הנחנו על השלחן, צוקער, הגעשיר של פסח, וועש, כולו הפקר.

אין אפשר לפרט על הכתב הפחד של אז, כל החפצים היקרים הנחנו שם, אבי לא נטל לו רק טלית ותפילין עם הקיטעל, וגם נטל איזה וועש, ועשינו פליטה והי׳ אָז חג פליטתנו, כמעט כל האנשים מבערבעשט ברחו מקצת לסיגעט ומקצת אל היערים במקום שהעננים נשאו, ואנחנו בלבד ברחנו לסיגעט כי אני הייתי בסיגעט והשאר ארבעים פאַמיליעס ברחנו אָז בלילה לסיגעט, ובוואד הנחנו (איבער גענעכטיגט) שם עד הבוקר, כי בסיגעט אין אפשר לילך עד אחר שעה שש ע״כ הנחנו בוואַד.

בבוקר נסענו מוואַד ונסענו לסיגעט, ובקצה העיר, בבית

השלושה של העיר, דר שם איזה איש ת"ח ובעל מוסר נפשו לישראל ושמו יוסף חיים אדלער נ"י זה שמו וזכרו לעד ולעולם עד ביאת המשיח והוא אמר להם שאין אפשר לילך על הרחוב בסיגעט, כי מען האָט געפויקט (אויסגערופן) אַס אַ יוד טאָר נישט גיין אויף דיא גאַס ביז וויא לאַנג עס וועט נישט קומען אַ נייער בעפעהל זענען זייא גיבליבן אצל יוסף חיים אדלער.

ואני הייתי בסיגעט עוד מיום ש"ק ואני לא ידעתי כלל מזה הדבר, וישנתי אצל דודי משה ובבוקר רציתי לילך אצל דודי הרב, ובאמצע הדרך אמרו לי שני אנשים שיהודי אינו רשאי לילך על הרחוב והלכתי בחזרה אצל דודי משה, ואני לא ידעתי כלל מהיהודים של בערבעשט, ובכיתי מאוד מפני שאיני יכול לילך לביתי, והייתי רעב מאוד כי גם לחם לא הי' מפני שאינו יכולים לילך על הרחוב.

והי' לי צרות מכל הצדדים בבית ובחוץ ואני לא ידעתי מהמעשה מבערבעשט, וכל היום לא הי' מה לאכול, ופתאום נודענו כי מען מאַכט גרויס ראָזיעס, מחפשים זהב וכסף ומעות, וגם אמרו כי גם אנשים מחפשים, ואני פחדתי מאוד והלכתי לגנוז על הבוידעם אני ואהרן שליט"א, וכל הרגע הלכנו לגנוז, ואחר הצהרים נודענו כי מען מאַכט געטטאָס, ובכינו מאוד מאוד כל שכן אני כי אני הייתי גר, ולא ידעתי מה לשות עצה בנפשי.

ואחר כך שמענו קול של שיססן ופחדנו מאוד מאוד כמעט עד כלות, ולא הי' בנו כח כלל, ואחר כך נודענו כי זה לא הי' כלל (שום סכנה) כי הי' להאשכנזים איזה חאָגע, עשו

זה מפני פאַראַדע, ואחר כך נודענו כי התכשיטין של הרב מסלאָטפינאָ ששלח לסיגעט לגנוז מצאו ונטלו הכל, וזה הי׳ אצל ערך שמונים אלפים פענגע, 80.000 פענגע, וגם על זה הי׳ דוה לבינו.

וכל היום שמענו צרות וצרות אין אפשר להעלות על הכתב, ואחר כך חשבתי שלא טוב להיות אצל דודי משה, כי ראשית, שהי׳ להם שני רשעים דעדעקטיוועון מן הקעם אלהאריטא (שפיאָן אָפּים) ופחדתי מאוד ורציתי לילך אצל דודי הרב, ולא ידעתי באיזה אופן שאילך אני, וחשבתי שאילך כך.

(הטשילאג) השטערן האָב איך אַראָפּ גענומען, דיא פיאות פערשטעקט, און האָב מיך אַ כאַפּ געטאָן ביז צום דודי הרב, אַלץ שייגעצעל פערשטעלט, און בין אָנגעקומען לדודי הרב בין איך געוואָר געוואָרן אַז מען האָט פון בערבעשט צוזאַם געכאַפּט, און האַלב עולם איסט זיך אָנגעלאָפן און טאַטי איס אויך דאָ, און צווייא מיידלעך זענען געוועזן ביי דודי הרב אויך אַלץ שיקסעס, זענען געגאַנגען זאָגן אַס מען איס דא.

דער נאָך האָט דודי הרב געשיקט זיין אַ מיידעלע ביס צו אבי עם איזה כתב, ואחר כך בא גם פאלי ביילין, ופאלי סיפר לי הכל, ובלילה זענען זייא גישלאָפן אויף אַ שטאַלן בוידעם מיט צרות און מיט לייז, אום אינטערגעבעט אָן שטרויא.

עכשיו אכתוב מה שהי׳ ביום א׳ בבערבעשט כי הי׳ הרשעים כך עשו, ביום א׳ בבוקר כנסו את כל היהודים שהי׳ בביה״מ און מען האָט זייא אויסגיראָבט און גאַנצן,

נטלו מהם את כל המעות ועשאו מהם ליצנות גדול, איבער הויפט הרשעים הפאלירעס האָבן געטאָן מיט די יודן גרויסע בזיונות, אין מען האָט זייא צוזאַם גינומען אין בית המדרש און באמצע המעשה בא לנו מלאך מושיע שליח מן השמים להגָאֵל את בניו לרומם את קרן ישראל, בא אְרנאגי אחד (קצין) ושאל את הנאטער באיזה חק עשו זה הדבר? ואח"כ נטל שלושים לעוועטעס והם יהי' וואך שלא לילך בהרחוב (די יונגע אַרבייטער) אחר עשרה בכל יום, ואח"כ צוָה לכל אחד לילך לביתו, זה הי' בבערבעשט...

ועכשיו אכתוב הלאה מה שהי' עמנו, הלילה עבר בצרות גדולות ובפחד גדול עד למאוד, בבוקר קמתי השכם, ודודי צוה לילך לאבי בלא טשילאג ולאמור לו כי חשב איזה פלאַן עבורינו, הנה אחרי שבכאן בסיגעט אי אפשר לישב, כי אין יודעים מה שיהי' בסיגעט, ע"כ אמר לי דודי שאומר לאבי ער זאָל זיך גיין בעהאַלטן אויף די גערטנער.

פון דאָרט ציט זיך גרויסע גערטנער מיר זאָלן זיך דאָרט דערוואל בעהאַלטן, ווייל מען האָט נישט געוויסט אַז אין בערבעשט האָט מען ארויס געלאָסט דיא מענטשן, איבער דעם האָט דודי הרב מיר געהייסן זאָגן פאַר אהרן ער זאָל זיך דערווייל דאָרט בעהאַלטן אויף דיא גערטנער.

און דערנאָך אין אַ פּאָר טאָג עס וועט שטיל ווערן זאָל מען אין אַ באַנאַכט אַהיים גיין, און גיין צו עפּעס אַ גוי, און פּראָבירן זוכן עפּעס אַ גוי, והוא ידיר בביתנו ואנחנו ננסה אצלם שיניחו אותנו, שגם אנחנו נדור שם בביתנו, במלבושים של ערלים, ושום

אדם אל ידע מזה, והלכתי אצל אבי בצרות גדולות באתי עד לשם ואמרתי לאבי את הדברים האלה, וכך רצינו לעשות שנלך.

וקודם שרצינו לילך פתאום בא הבחור שמעון יונגער מבערבעשט וסיפר לנו הכל מה שהיי׳ אצלינו את הנס הגדול שם בבערבעשט, כי בא האדון וצוה לכל אחד לילך לביתו, ותיכף הלכנו גם אנחנו לבערבעשט, רק הפאלי נשאר בסיגעט, והלכנו, ובוואַד הנחנו, ואח״כ באנו לבתינו, ובאיזה שעות אחר כך הביאו את האנשים מנאנעשט ומוואנטשעשט, (שטעטלעך), ואח״כ נטלו את כל החפצים משלמה יואל, כי הפקיד את החפצים אצל העדניק שאנדאר ומצאו את כל החפצים.

ביום ג׳ הי׳ יומא דהילולא של כבוד זקיני הקדוש מסאנז זי״ע ועכי״א, ובבוקר הביאו את האנשים מברעב (א דערפעל נעבן בערבעשט) ואח״כ את האנשים מוואד, ועד יום ש״ק נגמרו עם כל האנשים, וביום ה׳ (פ׳ שמיני) קבל אבי שליט״א איינרופצעטעל וביום עש״ק הלך מכאן, ואח״כ ביום עש״ק שלחנו שליח להביא את הילד רפאל והביאו אותו, וביום א׳ פרשת תזריע מצורע הלך אבי מסיגעט, וביום ב׳ שלחנו עוד הפעם לסיגעט לידע מה נשמע בסיגעט.

וכתבו מכתב דודי הרב וגם דודי משה מסיגעט, וכתבו, כי מחר יום ג׳ הם צריכים לילך בהאגעטטאָ, וגם זה כתבו, כי יעזור השי״ת שנחי׳ ונשוב לביתנו.

ביום ב׳ כתב אבי מסיגעט, אינפאַלס שיהי׳ איזה ענדערונג זאָלן מיר זיין גרייט צו מאַכן אַ ויברח, איך זאָל זיין פערבינדן מיט מענטשן.

ביום ג׳ תזריע מצורע הי׳ יום המר בסיגעט אצל קרובינו, רוב בכיות ויללות, ובפרט כי הי׳ אָז יומא דהילולא של מרן זקיני הקדוש סבא קדישא, נהורא נפישא, אספקלריא המאירה, כקש״ת מרן בעל דברי חיים, רבינו הקדוש מסאנז זי״ע ועכי״א, וגם הם נכדיו, ע״כ געו בבכי׳ גדולה עד לב השמים, וכל העיר כולו געו בבכי׳ גדולה עד מאוד, והלכו אָז בהאַגעטטאָ, ועזבו את בתיהם הנעים בתי מלכות.

ובפרט אצל דודי משה הי׳ בית מלכות, כמעט אי אפשר לתאר את רוב היופי, ואת רוב ההידור של הבית הזה, ועכשיו הניחו את כל הדברים והלכו בהאגעטטאָ, לבם הי׳ דוה מאוד, כי הלכו בבית קטן ד׳ על ד׳, בבית הזה הוא הקאָך, והשלאָף שטוב, והקינדער, והפאַראַד שטוב, והסאַלאָן, והוואראנדוי (פאָרטש) כולו הי׳ בבית קטן ד׳ על ד׳, מה יאמר הלה???.

מען קוקט צו, מען גייט ארויס פון אַזאַ מלכות׳דיגע שטוב אין אַ קליין שטובעלע, מה נאמר ומה נדבר הלא עונותינו גרמו זה, כמאמר הכתוב ״מי נתן יעקב למשיסה וישראל לבוזזים הלא ד׳ זו חטאנו לו״, ומפני חטאינו גלינו מארצינו...

ביום ד׳ האָט מען געמוסט שווערע זאַכן (עס איז געווען אַ שווערע טאָג), קודם ארויסשטעלן אַ ליסטע אַלע יודן וואָס וואוינען אין דער שטוב, און יעדן שטוב האָט מען אַזוי געמוזט, אין דערנאָך איז מען אומגעגאַגען אויפקאַלעכן מיט געלן קאַלעך אַ גרויסן מגן דוד, און גרויסע אותיות **געטטא**, און נאָך שווערע פערשידענע זאַכן.

ביום ה׳ האָט מען אָנגעהויבן צו בלאָזען, און מען האַלט נאָך אין איין בלאָזען, ביום ש״ק באו איזה עס. עס. של אשכנזים אין זייא האָבן אויס געשאָסן אין דרויסן עטליכע מאהָל, ביום ב׳ פרשת אחרי קדושים התענו כל העם ואמרו תהלים בבכי גדולה, וגזרו תענית בה״ב, ואז הי׳ צרות גדולות דאָס מען האָט אויסגעפּאַסט, בא המן חדש ימח שמו׳ניק גדול עם תשעה רשעים חדשים, השי״ת יעזור שימות במיתה משונה, ולא יהא לו שום שליטה בבן ברית.

ומאז התחילו הצרות בכאן עד למאוד, ותיכף ביום הראשון כשבא, הכה איזה אנשים, השי״ת יעזור שלא יהא לו שום שליטה ולא יהא לו כח בידיו, ביום ג׳ איז שטאַרק שטרענג געוואָרן, דעס גיין אויף דיא גאַס הי׳ עד למאוד, וקבלנו אָז ביום ג׳ איזה קאַרטיל מן סיגעט, וכתבו כי ישלחו את הערלית לשם עם איזה בגדים כי אין להם וד״ל.

ובלילה ההוא יום ג׳ נדדה שנתינו מפני הקול של השיססן, כי עס האָט זייער שטאַרק געשאָסן, מען האָט געהערט כמעט כל הלילה, וחשבנו שביום מחר נושע בישועה במהרה, אבל בעוה״ר עוד לא, ביום ד׳ אחרי קדושים הי׳ צרות גדולות, מען האָט געמוזט אָפּשערן דיא בערד, בייא דיא אַלטע יודן מיט דיא לאַנגע בערד איז געווען סכנות נפשות, זיי האָבן זייער געוויינט.

דער אדון הגדול משוגאַטאָג הי׳ כאן ביום ד׳ וביקש על הרב משוגאַטאָג,

שהוא לא יצטרך כך לגלח את זקנו ולא רצה נאָכגעבן, ואמר כי גם הוא אין לו זקן ע״כ צריכים לגלח את הזקנים, והי׳ אָז צרות ביום ההוא, גם זה הי׳ ביום ההוא מען איז געגאַנגען לאסענך (קוקען אויב עס איז דא לייז) אַלע מענטשן קינדער אין מענער אין וואַסער און אַסאַך האָט מען אָפּגעשוירן.

ביום ה׳ אחרי קדושים איז מען ארומגעגאַנגען נעמען מענטשן צו דיא אַרבייט פאַר דיא אשכנזים, אין אויך לאזען (באַקוקען די לייז) איז מען אומגעגאַנגען, ביום עש״ק באו האָטאָס של האשכזים ונטלו איזה אנשים להעבודה, וגם הי׳ צרות כי בבוקר השכם באו הלעבענטעס, כי עד עשרה מינוטין, אָז הי׳ קודם שעה חמשה, ואמרו כי עד שעה חמשה צריך להיות כל אחד נעור מנער ועד זקן, טף וקטן, מגדול ועד קטן, כל אחד צריך להיות נעור על מקומו.

ובבתים הדרים שם למטה אמרו, כי עד עשרה מינוטין צריכים להיות עם הגיפעק בהבית המדרש, ושם הי׳ הפחד גדול עד למאוד, וגם ביום עש״ק פרשת אחרי האָט מען אָנגעפאַנגען דאָס מוזאטטשאג, וגם ביום עש״ק עשו עם האנשים, וגם שאראלקאזא, מען האָט איבערגעציילט די מענטשן, והי׳ צרות וצרות, וגם ביום עש״ק הלך הרשע הגדול החדש ימ״ש, צו ציילן דיא מענטשן, אויך האָט מען אָפּגעשוירן דיא מענטשן וואָס האָבן געהאַט פיאות, אויך הרב משוגאַטאָג עם בנו האָט מען דעמאָלס אָפּגעשוירן.

ואז ביום ש״ק הייתי חלוש מאוד, אמרתי, ״הלב״ כי הלב

היא כואב לי מאוד, מהתענוגים הגדולים, מהצרות שמתחדשים בכל יום, ולא הי׳ בי אָז כח כמעט אַפילו לדבר דבר אחד, ולא הי׳ בי כח להתפלל, והייתי אָז חלוש מאוד, וביום א׳ פרשת אמור האָט מען אויפגעוועקט גאַנץ פרי בשעה 6:00 - וגם בלילה, הי׳ הרשע אצלינו ואמר אַז מען זאָל איבערטראָגן דעם מיסט גאַנץ פריא, אין צו רוימען, וגם זה אמר כי גם הרב צריך לעבוד כי אם לא יכה אותו מכות גדולות.

וכן הי׳ שעבד עבודה רבה בעוה״ר, אבל הסוף הי׳ שלא בא להסתכל, אַפילו פעם אחת לא בא, וביום ג׳ אמור ג״ז הי׳ צרות, מען האָט געמוזט אָפּ קאַלעכן דיא פענצטער מיט ווייסן קאַלעך, און אַז נישט איז געוועזן סכנות נפשות, וגם איזה אישה הלכה בבוקר אודות חלב והי׳ אָז קודם שעה שמונה האָט מען זי אריינגעפירט אין תפיסה צו זייא אַ גאַנצן טאָג, מען האָט זייא געגעבן אַ מתנת יד אויך, וגם שאראלקאזא עשו, וגם הלכו אודות הבוידעמס אם הם זויבער או לא.

ביום ד׳ אמור הכה הרשע את הרבני ר׳ זעליג שטערן עם עוד איזה אנשים מכות גדולות, וגם האדון הגדול הי׳ בבערבעשט ולא הלך שם אדם אליו כי הי׳ יראים, וקודם שבא האדון הגדול, עשה בחזרה את הביזאטטשאג, כי ירא מפני האדון, וגם ביום ד׳ נתנו כלי זיין להפאלירעס, להרשעים הגדולים, ימח שמם וזכרם, ובכל הלילה הם הולכים עם

הגיווער, ובלילה הי׳ אצלינו, כי הי׳ נראה בחוץ אור הנר.

והרשע חפש שני עכו״ם ונתן אותם בהמאסר עד בוקר יום ה׳, וביום ד׳ הביאו עגלות מהכפרים מלאים אכילה, וספרו העכו״ם של העגלות, כי נטלו את הכל מהבתים של היהודים, הכל מה שהי׳ לא הניחו כלום, וביום ההוא הניחו טעבעלא (טאָוועל - סיין) על הפאָסט, כי יהודי אינו רשאי לילך על הפאָסט, כי אם משעה שמונה ועד שעה עשרה, וגם אמרו הערלים כי היהודים הטמינו את החפצים בהאדמה, ומצאו הכל.

השי״ת ירחם על פליטת עמו בית ישראל שנגאל במהרה בימינו ובא לציון גואל ונזכה להרמת קרן ישראל אמן.

דער מו״ל טיילט תיקון אין סיגעט ו׳ אלול תשל״ו
בילד גענומען דורך מנחם בן זיסל ז״ל (פעטשאש)

זיבעטער קאַפּיטל

דער טאַטע הרב ר׳ נפתלי זצ״ל

דער טאַטע זצ״ל, כ״ק אדוני אבי מו״ר הרה״צ ר׳ נפתלי זצ״ל, איז געבוירן געוואָרן ביום א׳ דשבועות שנת תרס״א, וואָס איז דעמאָלס געפאַלן ביום עש״ק. וויבאַלד זיין



כ״ק אאמו״ר זצ״ל

בילדער פון מיין פאָטער זצ״ל אַלס יונגער בחור

פאָטער איז געפאָרן קיין סיגעט אויף יו״ט, איז ער נישט געוועזן אין דערהיים ווען דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן. מען האָט געשיקט אַ שליח מבשר צו זיין דעם פאָטער אַז עס איז אים נולד געוואָרן אַ בן זכר. (פון בערבעשט קיין סיגעט האָט מען אַלס געמאַכט אַן עירובי תחומים, ווייל מיט אַן עירוב האָט מען געקענט גיין פון בערבעשט קיין סיגעט שבת ויו״ט.) דער שלום זכר איז געוועזן ביי שולחנו הטהור פון בעל קדושת יו״ט זי״ע. עש״ק נשא איז געוועזן דער ברית, מ׳האָט אים אַ נאָמען געגעבן נאָך זיין פאָטערס זיידע ״נ פ ת ל י״.

דער ערשטער מלמד זיינער איז געוועזן ר׳ קלמן, אַ באַוואוסטער חסידישער מלמד, ביי וועם דער עצי חיים זצ״ל, און זיינע קינדער האָבן אויך אָנגעהויבן דאָס לערנען.

(ער איז דער זיידע פון הרבני החסיד וכו׳ מו״ה נתנאל פאָרקאָש ע״ה וועלכער האָט געוואוינט אין קרית יואל מאָנראָ ביז זיין פטירה).

דערנאָך האָט ער געלערנט אין זיין פאָטערס שיינע ישיבה, אַזוי ווי איך האָב שוין פריער געשריבן. ער האָט געלערנט אַ שטיקל צייט מיט הרה״ג וכו׳ מוה״ר נפתלי הירצקע האניג אב״ד שאַרמאַש זצ״ל. (שאַרמאַש׳ער רב זצ״ל האָט דאָס מיר דערציילט.) דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז די ערשטע וועלט מלחמה.

שנת תרע״ד ט׳ באב האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט מלחמה. דעמאָלס האָט יעדער איש מסויים געפליכטעט (אַנטלאָפן) פון זיין היים. מ׳האָט מורא געהאַט צו בלייבן ביי זיך אינדערהיים. אויך דער זיידע מיט זיין משפחה האָבן געפליכטעט אין אַ דאָרף פון זיינע גלילות.

צום סוף נאָך אַ שטיק צייט איז ער אָנגעקומען קיין קערעסטיר, צו זיין זון הרב ר׳ **שמואל** הי״ד וואָס איז געווען אַן איידעם ביי רבי ר׳ ישעי׳לע. דער זיידע איז דאָרט נפטר געוואָרן כ״ט טבת תרע״ז, (ווי איך האָב דאָס שוין באריכות באַשריבן אין אָנפאַנג ספר).

ווען דער זיידע הרב **רפאל** זצ״ל איז נפטר געוואָרן האָט מען אויפגענומען זיין עלטסטן זון הרה״ג מוה״ר

אַלס יונגערמאַן

אַלס בחור

יקותיאל **יהודא** הי״ד אַלס בערבעשטער רב. די באַבע ע״ה מיט די גאַנצע משפחה זענען צוריק געפאָרן קיין בערבעשט. אויך מיין פאָטער זצ״ל איז צוריק געפאָרן, און ער האָט געלערנט ביים עלטערן ברודער. ער האָט נאָך אַלס בחור באַקומען התרת הוראה פון בעל זכרון יהודא אב״ד סאַטמאַר זצ״ל, ווי אויך פון מאַדע׳ר רב בעל לבושי מרדכי זצ״ל. (איך געדענק אַז איך האָב געזען די התרת הוראות פאַר די מלחמה).



מצבת הרהגה"צ בעהמ"ס שו"ת לבושי מרדכי

אגב וויל איך דערציילן וואָס בעיני ראיתי ובאזני שמעתי. ווען איך בין געווען תשמ"ו ביי מיין פאָטער זצ"ל יו"ט שבועות אין פלאָרידאָ (ער האָט דעמאָלס דאָרט געוואוינט), און אויך מיין פלימעניק איז דאָרט געווען (בן אחי הרה"ח מיכאל נ"י) הרב מו"ה אברהם משה גרויס נ"י פון סקווירא. מיין פאָטער זצ"ל האָט אים געפרעגט וואָס ער לערנט, האָט ער געענטפערט אַז ער לערנט די הוראה. האָט אים מיין פאָטער זצ"ל געפרעגט וועלכן סימן ער האַלט? האָט ער געזאָגט, יו"ד

הרהגה"צ בעהמ"ס שו"ת לבושי מרדכי

סי' ק"י, הל' ספק ספיקא. האָט אים מיין פאָטער זצ"ל געזאָגט מיטן לשון דעם מחבר ורמ"א וט"ז אויף דעם סימן בעל פה. מיר זענען געוואָרן נבהל ומשתומם אַז ער געדענקט נאָך יעצט דעם לשון פון ט"ז אויסעווייניג.

ער האָט אונז דעמאָלס געזאָגט אַז ווען ער האָט געלערנט די הוראה האָט ער דאָס אַזויפיל מאָל גע'חזר'ט אַז אויב מ'האָט אים אויפגעוועקט אין מיטן שלאָף האָט ער געקענט זאָגן דעם גאַנצן מחבר און - רמ"א, ש"ך, ט"ז, - מיטן לשון אויסנווייניג ווי אשרי יושבי, אילו לא ראיתי לא האמנתי. דאָס איז געווען 2 יאָר פאַר זיין פטירה בשנת 85 לימי חייו.

ווען עס איז געקומען די צייט פון האיש מקדש, האָט מען אים אָנגעטראָגן די טאָכטער פון הרה"צ מוה"ר ר' **אברהם'לע** זצ"ל (דער זון פון הרה"צ ר' ישעי'לע זצ"ל פון קערעסטיר) הבתולה מרת **מלכה** (ע"ה). אַזוי ווי ער האָט שוין נישט געהאַט קיין פאָטער איז זיין עלטערער ברודער הרה"ג מוה"ר **אהרן** הי"ד אב"ד מ'לאַפּאָש געפאָרן גומר צו זיין דעם שידוך, אָבער ס'איז דעמאָלס דערפון גאָרנישט געוואָרן.

שפּעטער האָט דער עלטערער ברודער הגה"צ ר' שמואל אב"ד קראָלי הי"ד געשריבן א בריוו צום לאַפּאָש'ער רב, און געבעטן ער זאל נאָכאַמאָל קומען קיין קערעסטיר. ער האָפט אַז ער וועט שוין קענען גומר זיין דעם שידוך. ער בעט אים אין בריוו נאָך אַ בקשה, אַז ער זאָל נישט קומען אַזוי ווי ביים ערשטן מאָל ווען ער איז געקומען ווי אַ

קאַטשעלאַפּניק מיט אַ שטריימל וואָס האָט געהאַט 16 שפּיצן, "ווייסטו דען נישט אַז אַ שטריימל דארף האָבן 13 שפּיצן ?" (היינט וואָס מער שפּיצן אַ שטריימל האָט איז דאָס מער משובח. ווען איך האָב שפּעטער אין יאָר תש"ב געלערנט ביים פעטער דער לאַפּאָש'ער רב אין ישיבה, האָב איך געטראָפן דאָס קאַרטל וואָס ר' שמואל האָט אים געשיקט).

ער האָט אָנגענומען די בקשה און איז געפאָרן קיין קערעסטיר. ווען ער איז געווען נאָכאַמאָל אין קערעסטיר איז באַשלאָסן געוואָרן אַז די מחותנים זאָלן זיך זען.

דעמאָלס איז שוין געווען נאָך די ערשטע וועלט מלחמה. קערעסטיר איז געווען אונגאַרן, און בערבעשט איז געווען רומעניען. מ'האָט נישט געקענט גרינג באַקומען אַ וויזע מ'זאָל פאָרן פון איין מדינה צו די אַנדערע, איז באַשלאָסן געוואָרן מ'זאָל זיך טרעפן אין מיהאלי-פּאלווא, ביי די גרעניץ שטאָט, וואו מ'האָט געקענט קומען פוןביידע מדינות. געווען איז דאָרט דער זיידע ר' אברהם'לע און זיין שוואָגער דער קראָלער רב (דער ברודער פון חתן) פון די כלה'ס צד. די כלה איז נישט דאָרט געווען. פון חתן'ס צד איז געווען דער חתן, די באַבע (די מוטער פון חתן), און דער לאַפּאָש'ער רב (דער ברודער פון חתן), - און דאָרט איז בשעטומ"צ געשלאָסן געוואָרן דער שידוך.

די מאַמע ע"ה דערציילט אַז ווען דער זיידע (איהר פאָטער) איז אַהיים געקומען און איהר געווינטשן מזל טוב אַז זי איז אַ כלה געוואָרן, האָט זי צווישן די שאלות געפרעגט איהר פאָטער אויב דער חתן איז אַ שיינער. האָט איהר דער פאָטער געגעבן אַ פּאַטש, היתכן זי פרעגט נישט וואָס פאַר אַ תלמוד

חכם ער איז. די מאַמע ע"ה איז דעמאָלס אַלט געווען 16 יאָר.

מיין מוטער ע"ה דערציילט אַז ווען דער בערבעשטער זיידע ז"ל - איהר שווער - האָט געוואוינט אין קערעסטיר און איז געלעגן דאָרט קראַנקערהייט, איז זי געווען אַ קליין מיידל פון 7-8 יאָר, און זי איז דאָרט געווען אין שטוב. מ'האָט יעדן ארויס געשיקט פון שטוב און איר אויך, האָט זיך דער זיידע אָנגערופן "לאָזט זי איבער זי איז אויך מיין קינד".

דער זמן החתונה איז באשטימט געוואָרן אויף י"ב כסלו תרפ"ה אין קערעסטיר. ביילייגענד איז דאָס חתונה בריוו פון חתן'ס צד.

דאָ איז בייגעלייגט אַ בריוו וואָס הרב ר' **שמואל אהרן דייטש** ז"ל (וואָס איז דעמאָלס געווען שו"ב אין קערעסטיר) האָט געשריבן פאַר זיין זון - ה"ה הרב **חנני' יו"ט ליפא** זצ"ל וואָס איז שפעטער געוואָרן העלמעצער רב בעהמ"ח ספרי טהרת יו"ט - אין די ישיבה, וועגן די חתונה פון מיין פאָטער ז"ל און מיין מאַמע ע"ה.

אין דעם זעלבן בריוו שרייבט ער אויך וועגן דעם באַזוך פונ'ם עצי חיים זצ"ל אין באַטור, ביים חנוכת הביהמ"ד, ש"ק פרשת ויצא אין יאָר תרפ"ה, און אַזוי שרייבט ער דאָרט צווישן אַנדערע:

בעזהי״ת בערבעשט יע״א. שנת חדוה וששון לפ״ק.

קול ששון וקול שמחה
קול חתן וקול כלה

למזל טוב

נא תקחו חבל ביום חתונת בני
פאר וכבוד בתפארתכם להדרני
תבואו תשורו בשמחה ושירים
לזמן המוגבל נחוה פניכם היקרים
יום חדוה בכינורות וכלי זמרים

מזיו תפארתכם תופיעו אלינו
לשמוח אתנו בשמחת בנינו
כבד אכבדכם מאוד באהבה
היום הזה שקוינוהו לטובה
לשמחת חופת בני

הבחור החתן המופלג החו״ב
מו״ה **נפתלי** נ״י
עב״ג הבתולה הכלה המהוללה
מרת **מלכה** תחי׳
בת הרה״ח מ״ה **אברהם** שטיינער שליט״א בן מחו׳ הרה״צ המפורסים מו״ה **ישעי׳** שליט״א מק״ק באדראגקערעסטור יצ״ו

אשר תהי׳ ברצוהש״י בשעטומו״צ ביום ג׳ פ׳ וישלח י״ב יום לחודש כסלו תרפ״ה לפ״ק בעיר **באדראגקערעסטור** יצ״ו. (אונגארין)

ואי״ה בשמחת בניכם אשוב גמולכם

רוזא בלימא גרוים
אלמנת הגה״צ אבדק״ק בערבעשט זצללה״ה.

Telegramadresse:
Rabbi Steiner, Bodrogkeresztur (Ungarn)

פאנגאניא בוכדרוקערייא - ברידער ראזענטהאל מ״סיגעט.

די חתונה בריוול פונם טאַטעןץ זצ״ל



Borsod-Abauj-Zemplén megye	
Anyakönyvi hivatal. Bodrogkeresztur	Anyakönyvi szám. 19/1924.
A házasságkötés	
helye.	Bodrogkeresztur
ideje.	1924 év december hó 9 (Egyezerkilencszázhuszonnégy december kilenc ------------
A férj	
családi és utóneve:	Gross Naftalin
születési helye:	Berbenti / Románia /
személyi száma vagy születési ideje:	19o1 május 26.
A feleség	
leánykori családi és utóneve:	Steiner Malvin
családi és utóneve házasságkötés után:	-----------------
születési helye:	Bodrogkeresztur
személyi száma vagy születési ideje:	19o7 február 7.
Megjegyzések:	

Kelt. Bodrogkeresztur, 1992 december 2.

P. H.

anyakönyvvezető

אונגאַרישער הייראַטס שיין

ג' לסדר ותגדל חסדך אשר עשית עמדי להחיות את נפשי

בעזרתו יתב"ש לפ"ק ב'קערעסטיר יע"א

הרימותי בחור מים, בטוב דעת וטעם, אמריו אמרי נועם, ילד שעשועים, דרכיו מתוקנים ונאים, מופלג בתורה נחמד ונעים, ה"ה אהובי בני מחמדי חמדת לבבי כמר חנניי יו"ט ליפא דייטש ני"י לנצח לומד בישיבה שיש בה סמיכה לחיים, בק"ק האנאשאוויץ יע"א.

הנה יום בשורה הוא יבא העת עת דודים לבת ר' אברהמילע ני"י ביום ג' וישלח י"ב כסליו יהי' החתונה שלה עם בן ההגה"צ מבארבעשט אחי הרב הה"ג מריטשא ני"י והחתן היא ת"ח גדול כפי השמועה, יתן ה' שיהי' בשעטומ"צ ולמז"ט.

(אין אידיש). מרן הרב הצדיק מסיגעט בעל עצי חיים שליט"א איז געווען דעם פאַרגאַנגענעם שבת אין באַטור, און ער האָט מחנך געווען דעם נייעם בית המדרש. ער האָט געהאַלטן אַ גרויסע דרשה מיט אַ פלאַם פייערדיגע קול, וואָס לויט ווי איך האָב געהערט האָט ער איינגעריסן וועלטן אויף די מאָדע"ס פון די נשים, וואָס זיי גייען

אויפגעדעקט, מיט אַן אויסגעשטרעקטע האלדז, און אויפגעדעקטע אָרעמעס. ער האָט געזאָגט אַז לויט זיין מיינונג איז די פרוי וואָס וועט נישט צוהערן צו די קול פון די חכמים, אויב זי טוט דאָס באַוואוסטזיניג, וועט זי וועט אַוועק פון די וועלט חס ושלוי, וואָלט געווען ראוי מען זאָל איר לייגן מיט אירע אויבענדערמאַנטע קליידער.

אויב עס וועט פאַר זיי געבוירן ווערן אַ זון זאָל מען אים מלה'נען פאַרנאַכטס, כדי צו ווייזן פאַר זיי אַז זיי זענען אַ שטרויכלונג שטיין פאַר דאָס אידישע הויזגעזינד, און זיי זענען אָפגעשיידט ווידערשפעניגע צו השי"ת. אַזוי האָב איך געהערט אין זיין נאָמען. איך האָב מיך נישט געקענט שיצן אין זיין שאָטן. דער אייבירשטער זאָל אונז העלפן על דבר כבוד שמו. (ע"כ)

דאָס אויפרופן דעם חתן פאַר די חתונה איז געווען אין ריטשע, וואו דעם חתן'ס ברודער הרה"ג מוה"ר **שמואל** איז דעמאָלס געווען אב"ד. עס זענען געקומען צו פאָרן אַסאַך קרובים, געסט, און משפחה. עס האָט מיר אויך דערציילט הרה"ח מו"ה **אלחנן** חיים טייטלבוים ז"ל, וואָס זיין משפחה האָט געוואוינט אין איהעל, אַז ער איז אויך געפאָרן אויף שבת צום פאָרשפיל קיין ריטשע. ער איז נאָך דעמאָלס געווען אַ בחור.

דער מסדר קידושין איז געווען דער זיידע פון די כלה הצה"ק רבי ר' **ישעי'לע** דצ"ל.


ב"ה

[illegible]

[illegible]

הרבנית [illegible] בטוב דעת וטעם [illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible] י"ב כסלו והי' החתונה [illegible]

[illegible] אחי הרב [illegible]

[illegible] ויתן ה' [illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

אם עדיין [illegible]

[illegible]

כי [illegible] להם כי הם [illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible] והקטן [illegible]

[illegible]

[illegible]

בריוו פון בעל טהרת יו"ט וועגן די חתונה

אַכטער קאַפּיטל

די פּטירה פון הייליגן רבי ר׳ ישעי׳לע זי״ע

נאָך די חתונה איז דאָס יונגע פּאָר געבליבן וואוינען אין קערעסטיר וואו זיי האָבן געגעסן קעסט ביים זיידן ר׳ ישעי׳לע.

מיין מוטער ע״ה דערציילט אַז איינמאָל נאָך איר חתונה האָט זי געבעטן פון זיידן געלט וואָס זי האָט געדאַרפט פאַר עפעס, האָט איהר דער זיידע געזאָגט ״פאַרוואָס דארפסטו געלט דו האסט אַ גרויס פינטל אין הימל״.

(בשעת מעשה האָט זי נישט פאַרשטאַנען וואָס דער זיידע האָט געמיינט, אָבער מיט יאָרן שפּעטער האָט זי דאָס גאַנץ גוט פאַרשטאַנען. בשעת די מלחמהליידער איז כמעט די גאַנצע משפּחה פון זיידן אומגעקומען אויסער איינצעלנע אייניקלעך וואָס זענען לעבן געבליבן. און מיין מוטער ע״ה מיט אַלע איהרע קינדער שיחי׳, מיט מיין פאָטער ז״ל, זענען ב״ה ניצול געוואָרן און זענען ב״ה אַהיים געקומען גאַנצערהייט. דאָס האָט דער זיידע געמיינט ווען ער האָט געזאָגט ״דו האסט אַ גרויס פינטל אין הימל״).

מאָנטאָג ג׳ אייר תרפ״ה, איז דער זיידע ר׳ ישעי׳לע נפטר געוואָרן. זונטאָג, ב׳ אייר נאָכמיטאָג האָט ער געבענטשט אַלע אייניקלעך וואָס זענען דאָרט געווען, און אויך אַלע פרעמדע וואָס זענען געקומען נעמען אַ ברכה. מ׳האָט געדאַוונט מנחה ומעריב אין דעם שטוב וואו ער איז געלעגן. ביי מעריב נאָך קר״ש האָט מען געמיינט אַז עס איז שוין נאָך יציאת נשמה, אָבער פלוצלונג, האָט ער אויפגעהויבן

בילד פון הרה״ק רבי ר׳ ישעי׳לע קערעסטירער זי״ע

זיינע הייליגע הענט און אַ געשריי געגעבן ״ואין זולתו״, האָט מען געזען אַז ער דאַוונט מיט מעריב. מ׳האָט נאָך אריינגעברענגט צוקער אַז ער זאָל דאָס אָפּשפּרעכן. ער האָט געהייסן מ׳זאָל אָנגרייטן אַסאַך צו עסן ווייל ס׳וועט קומען אַ

גרויסער עולם, און זיי זאָלן נישט הונגעריג בלייבן. מאָנטאָג פאַרטאָג ג׳ אייר יצאה נשמתו הקדושה בקדושה ובטהרה.



די מצבה נאָכן פאַררעכטן

קלאָרע און לייענבאַרע אויפשריפט פון די מצבה

מ׳האָט געמאַכט אַ מקוה אין הויף וואו מ׳האָט געמאַכט די טהרה.

די שמועה האָט זיך שנעל צושפרייט, און מ׳האָט געעפנט די גרעניצן צווישן רומעניען און טשעכיי אַז מ׳זאָל

קענען קומען צו די לוי'. עס איז געווען גאָר אַ גרויסער עולם


האדמו"ר הקדוש מ'ראַצפערט
ר' שלום אליעזר האלבערשטאם זצ"ל הי"ד

ביי די לוי'. בתוך די מספידים איז אויך געווען הרה"צ ר' שלום אליעזר'ל פון ראַצפערט הי"ד. ער האָט נאָכגעזאָגט בשם אביו הקדוש מ'צאַנז זי"ע ועכ"י אַז ר' ישעי'לע איז געווען אַ נוטר הברית.

עס האָט דערציילט הרה"ח מו"ה משה ארי' גליק ז"ל

פון רעכטס צו לינקס: המו"ל, ר' שאול יחזקאל קרויס נ"י, ר' משה אריה גליק ז"ל.

גבאי דקהל יטב לב דסאַטמאַר, אַז אין מונקאַטש האָט געוואוינט אַ פרוי וואָס איז ל״ע געווען אַן אלמנה שוין 30 יאָר, (ער האָט געזאָגט דעם נאָמען אויך, נאָר איך געדענק שוין נישט דעם נאָמען), איינמאָל (די נאַכט וואָס דער זיידע איז נפטר געוואָרן) חלומ׳ט זי, אַז זי זעהט איהר מאַן ווי ער נעמט זיין טלית און ער לויפט. פרעגט זי אים וואו לויפסטו? האָט ער איהר געזאָגט אַז ר׳ ישעי׳לע איז יעצט נפטר געוואָרן און איך גיי אים אַ קעגן מיטן טלית וואָס ער האָט מיר געגעבן צו אונזער חתונה. צופרי ווען זי איז אויפגעשטאַנען האָט זי געהערט אַז ר׳ ישעי׳לע איז יענע נאַכט נפטר געוואָרן. (דער זיידע פלעגט פאַר זייער אַסאַך חתנים קויפן אַ טלית, צו זייער חתונה.)

נײַנטער קאַפּיטל

דער ממלא מקום הרה"צ ר' **אברהם'לע** זצ"ל

בשעת די לוי' איז מוכתר געוואָרן זיין זון הרה"צ ר' **אברהם'לע** אַלס ממלא מקום פון זיין פאָטער ר' **ישעי'לע** זצוק"ל. ר' ישעי'לע זי"ע האָט זיך געאייסערט אַז ווען ר' אברהם'לע וועט ברענגן אויף זיין ציון די קוויטלעך וואָס מ'וועט אים געבן, וועט דאָס זיין גערעכנט אַזוי ווי מ'וואָלט דאָס פאַר אים אַליין געגעבן.

מיינע עלטערן ע"ה זענען ווייטער געבליבן אין קערעסטיר ביים שווער און פאָטער דער נייער רבי.

דער זיידע ר' אברהם'לע איז נישט געווען בקו הבריאות איז ער געפאָרן יענעם זומער אין יאָר תרפ"ה קיין מאַריאַנבאַד אין באָד. מיין פאָטער ז"ל מיט מיין מוטער ע"ה זענען אויך מיט געפאָרן. דאָרט האָט מיין פאָטער ז"ל געטראָפן אַסאַך רבנים, און רביים גדולים, וואָס זענען אויך געפאָרן דאָרט אין באָד. דער גערער רבי זצ"ל איז געווען דאָרט, און מיין פאָטער ז"ל איז אים געגאַנגען באַזוכן.

מיין פאָטער זצ"ל האָט אים געזאָגט אַז ער איז דעם ייטב לב'ס אַן אייניקל, האָט אים דער גערער רבי געזאָגט אַז ער האָט דעם ספר ייטב לב.

מיין פאָטער ז"ל האָט דערציילט אַז ער איז געווען (כמדומה לי) ביים בעלזער רבי'ן פרייטאָג צונאַכטס ביים טיש. ער האָט דאָרט געטרינקען אַ גלאָז ריין וואַסער און דערנאָך האָט ער געגעסן אַ רויע פלוים (אין יוראָפּ האָט מען געוואוסט אַז מ'טרינקט

וואַסער טאָר מען נישט עסן קיין רויע פירות). ער האָט באַלד באַקומען גרויסע יסורים. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געליטן. צופרי איז ער קוים צוגעגאַנגען צו דעם מינעראַל קוואַל און ער האָט געטרינקען אַ גלעזל וואַסער פונ'ם קוואַל, און די יסורים זענען גלייך ווי אָפּגעווישט געוואָרן.

איך בין געבוירן דער בכור צו מיינע עלטערן ביום עש"ק, ט"ו סיון תרפ"ו, אין קערעסטיר. דער זיידע ר' אברהם'לע איז געווען מיין סנדק און מוהל. איך האָב באַקומען דעם ערשטן נאָמען אין די משפחה נאָכן זיידן ר' ישעי'לע.

הה"צ המפורסם מוה"ר ר' אברהמ'לע זצ"ל בן להרהצה"ק מרן רבי ר' ישעי'לע קערעסטירער

(עס איז שוין געווען אַ נאָמען ישעי' שלום נ"י, ש"ב - בנו של דודי, דער זון פון הרה"ג מוה"ר ישראל אברהם אלטר לאנדא זצ"ל אב"ד ערעלין בעה"ח שו"ת בית ישראל וש"ס. וואָס איז געווען אַן איידעם ביים זיידן ר' ישעי'לע. אויך איז געווען ר' ישעי' רידער נ"י, ער לעבט

נאָך ב"ה, ה' יאריך ימיו ושנותיו. אָבער אַ נאָמען ישעי' אַליין - און אין קערעסטיר, בין איך געווען דער ערשטער אין די משפחה.)

הרה"ח מו"ה ר' **ישעי'** ווייס ז"ל בעה"ח ספר אור בהיר על אוהחה"ק וספר לקט בהיר על רש"י ז"ל איז געווען דער ערשטער נאָמען **ישעי'** נאָכן זיידן. ער איז געבוירן געוואָרן סוף חודש ניסן, און דער ברית איז געווען ג' אייר תרפ"ו.

לויט ווי מיין מוטער ע"ה דערציילט, בין איך געווען דער ליבלינג אין די משפחה, איבערהויפט ביים זיידן ר' **אברהם'לע** ז"ל. (מ'האָט געמאַכט פאַר מיר אַ פדיון הבן. דער כהן איז געווען מיין פעטער הרה"צ מוה"ר מנחם מענדעל'ע כהנא זצ"ל הי"ד וועלכער האָט געוואוינט אין הומענע, אויך אַן איידעם ביים זיידן ר' אברהם'לע, אַ שוואָגער פאַר מיין פאָטער זצ"ל,) ליידער האָט דאָס נישט לאנג געדויערט ווייל 8 חדשים שפּעטער אין ח"י אדר ראשון אין דעם יאָר תרפ"ז איז דער זיידע ר' **אברהם'לע** נפטר געוואָרן, זי"ע.

עס איז ידוע אַז ביים עלטער זיידן ר' **ישעי'לע** האָבן זיך נישט געהאַלטן קיין בנים זכרים. זיי זענען אַלע נפטר געוואָרן קליינערהייט. ווען דער זיידע ר' **אברהם'לע** איז אַלס קליין קינד קראַנק געוואָרן, איז זיין מאַמע ע"ה געפאָרן צום רבי'ן ר' **מרדכי'לע** נאַדווערנער זצ"ל אים מזכיר זיין לרפואה שלימה, האָט ר' מרדכי'לע פאַר איהר געזאָגט "וואָס קומסטו צו מיר דיין ישעי' האָט אַ פרייען וועג אין הימל?", זי האָט זיך אָבער נישט געלאָזט און שטאַרק מפציר געווען. האָט ער איר געזאָגט, אַז ער איז איהר מבטיח אַז זיי וועלן האָבן לאחר מאה ועשרים שנה אַ קדיש, און אַזוי איז טאַקע געווען. די באַבע ע"ה איז נפטר געוואָרן כ"ב תמוז תרפ"א

און דער זיידע איז נפטר געוואָרן ג׳ אייר תרפ״ה. דער זיידע (זייער זון) ר׳ **אברהם**׳לע איז נפטר געוואָרן ח״י אדר ראשון תרפ״ז, אַזוי ווי די הבטחה פון ר׳ מרדכי׳לע איז געווען אַז זיי וועלן האָבן אַ קדיש נאָך זיך.

עס איז אויך ידוע אַז דער **רבי ר׳ מרדכי׳לע** האָט געזאָגט פאַר ר׳ **ישעי׳לען** פאַר זיין חתונה, ביי זיין שבת אויפרוף (וועלכע איז געווען ביים רבי׳ן ר׳ מרדכי׳לע,) ״אַזוי ווי דו ביזט אַ יתום דו האסט נישט ווער עס זאָל דיך באַוואַרפן, וועל איך דיך באַוואַרפן מיט חסידים״.

אויך האָט ער געזאָגט ״אין קאַפּיטל יקום פורקן שטייט ״רברביא״, דאָס מיינט מען די גאָר גרויסע רבי׳ס, ״עם זעריא״, מיינט מען די קלענערע רבי׳ס, ״טפלא״, מיינט מען די קליינע רבי׳ס, און אין הימעל האָט מען אויסגערופן אַז ״וּנְשַׂיָא מלכא״, אַז ישעי׳ איז אויך אַ רבי״.

עס האָט מיר דערציילט ר׳ **יעקב אבעלעס** ז״ל פון ווייטצען, דער מנהל פון כולל שומרי החומות אין עיה״ק ירושלים, אַז ער איז געווען דערביי ווען דער זיידע ר׳ **אברהם**׳לע איז געווען אין ווייטצן שוין אַלס רבי. ר׳ **אברהם**׳לע איז געפאָרן אהין מיט אַן אויטאָ (קאַר). איז געקומען איינער מיט אַ בקשה זיך מזכיר זיין, אַז ער זאָל געהאָלפן ווערן מיט אַ בן זכר, האָט אים דער זיידע געזאָגט אַז ער זאָל קויפן פאַר דעם אויטאָ בענזין (גאַזאָלין) דעמאָלס וועט ער האָבן אַ בן - זון. און דער איד וואָס האָט זיך מזכיר געווען האָט באַלד געלאָזט אָנפילן די קאַר מיט בענזין, און

ר' יעקב געדענקט אַז ביז צום יאָר האָט יענער שוין געהאַט אַ בן זכר.

ווען איך בין געווען בשנת תשמ"ו אין ירושלים עיה"ק, בין איך געגאַנגען אין אָפיס פון כולל שומרי החומות, און געזען דאָרט אויף די וואַנט אַ גרויס בילד פון ר' ישעי'לען האָב איך אים געזאָגט אַז עס איז מיר אַ גרויס כבוד וואָס איך זעה דעם זיידנס בילד דא, אָבער עס מיר אַ פלא, פאַרוואָס עפּעס פונקט נאָר ר' ישעי'לעס בילד הענגט דאָ און נישט פון קיין אַנדערע גדולים ? (היינט ליגן שוין דאָרט בילדער פון אַנדערע גדולים אויך) האָט ער מיר דערציילט אַזאַ מעשה.

ויהי היום, קומט אַריין אין אָפיס פון כולל שומרי החומות אַ מאָדערנער אַמעריקאנער יוד, האָט אים ר' יעקב געפרעגט פון וואו ער שטאַמט?, האָט ער אים געזאָגט אַז ער שטאַמט פון מישקאָלץ. בתוך הדברים האָט דער איד עפּעס דערמאַנט דאָס וואָרט קערעסטיר. האָט ר' יעקב אים געזאָגט אַז ער וועט אים דערציילן אַ מעשה פון קערעסטיר.

עס איז באַקאַנט אַז אין קערעסטיר האָט מען געמאַכט יעדע וואָך מוצש"ק גרויסע מלו' דמלכה'ס. איינמאָל האָבן 2 חברים - פרייע יונגען, געוואָלט זיך אַביסל לאָזן וואויל גיין, זענען זיי געפאָרן פון פּעסט צו אַ מלו' דמלכה קיין קערעסטיר. זיי האָבן צוגעקוקט ווי דער רבי טיילט פאַר יעדן עסן און שיריים. איינער פון די צוויי האָט גאָרנישט געגעסן און נישט גענומען קיין שיריים, אָבער דער אַנדערער האָט יאָ גענומען

אַביסל שיריים און דאָס אויף געגעסן. דערנאָך זענען זיי אַהיים געפאָרן.

אויפן וועג אַהיים האָבן זיי ארום געלאַכט און חוזק געמאַכט פון וואָס זיי האָבן געזען, אָבער ווען זיי זענען אָנגעקומען אַהיים, איז פאָרגעקומען אַן אינטערעסאַנטע זאַך. דער וואָס האָט געגעסן שירייםביים רבי׳ן האָט גאָרנישט געקענט עסן. איין טאָג, צוויי טאָג, ער קען גאָרנישט אין מויל נעמען. ער איז געגאַנגען צו אַ דאָקטאָר און צו אַ פּראָפעסער, און זיי האָבן בשום אופן נישט געקענט טרעפן דעם פּראָבלעם פאַרוואָס ער קען נישט עסן.

איינמאָל גיט אים דער דאָקטאָר אַ פרעג ווען ער האָט געגעסן דעם לעצטן מאָל, האָט ער זיך דערמאַנט אַז דאָס איז געווען אין קערעסטיר. האָט ער געקלערט ביי זיך אַז מן הסתם איז דאָס עסן דאָרט געווען פאַרגיפטעט און וועגן דעם קען ער נישט עסן. ער איז באַלד געפאָרן קיין קערעסטיר פרעגן וואָס מ׳האָט אים אָפּגעטאָן. אריינקומענדיג צום רבי׳ן האָט ער געפרעגט ״וואָס האָט דער רבי געמאַכט מיט מיר אַז איך קען נישט עסן?״ האָט דער רבי זיך אָנגערופן צום גבאי׳ן, ״ברענג אַריין אַ גוטע פּאָרציע זופּ און פלייש און איך וועל זעהן אויב דו קענסט נישט עסן״. אַזוי ווי ער איז שוין געווען אויסגעהונגערט פון עטליכע טעג האָט ער דאָס באַלד אויפגעגעסן. האָט אים דער רבי געזאָגט ״איך זעה אַז דו קענסט יאָ עסן, נאָר וואָס דען, דער וואָס עסט פון מיין שיריים קען מער קיין טריפות נישט עסן. פאָר אַהיים און כַּשֵׁר דיין געשיר און פיר אַ כשר

הויז דעמאָלס ווערסטו קענען געהעריג עסן", דער איד האָט נישט געהאַט קיין ברירה. ער איז אַהיים געפאָרן און אָנגעהויבן פירן אַ כשר הויז און געוואָרן אַ שומר תורה ומצות, און פאַרשטייט זיך אַז ער האָט שוין געקענט עסן ווי געהעריג.

האָט ר' יעקב ע"ה ווייטער דערציילט, אַז ווי ער האָט געענדיגט דערציילן די מעשה פאַר דעם יוד, האָט דער איד זיך זייער צו וויינט. דער איד האָט געזאָגט אַז דאָס איז געווען זיין טאַטע ע"ה. לכבוד די מעשה האָט דער זון איבערגעלאָזט גאָר אַ גרויסן סכום פאַר'ן כולל שומרי החומות. האָט ר' יעקב ע"ה מיר געזאָגט, אַז ער זעהט אַז אַפילו פון עולם העליון קען ר' ישעי'לע משפיע זיין פרנסה, וועגן דעם האָט ער געלייגט זיין בילד אין כולל שומרי החומות.

ווען איך בין געווען אין פעסט אויפן יאָרצייט פונ'ם זיידן הרה"ק ר' ישעי'לע קערעסטירער זצלה"ה, ג' אייר תשנ"ז, האָב איך געהערט פון הרב ר' **ישראל צבי ניימאן** שליט"א, וואס זיין שווער ר' **שלום יוסף שארף** ז"ל האט אים דערציילט.

זיין שווער האָט געוואוינט אין פּאָטאָק נעבן קערעסטיר, ער איז געווען אַ גרויסער חסיד פונ'ם זיידן ר' **אברהם'לע** זי"ע, און אַלס יונגערמאַן נאָך זיין חתונה האט ער אַ שטיק צייט ל"ע נישט געהאַט קיין קינדער.

איין מוצאי שבת קודש איז ר' שלום יוסף געפאָרן מיט זיין שוואָגער ר' מאיר ווילינגער קיין קערעסטיר

צו די מלו׳ מלכה צו ר׳ אברהם׳לע. (דער זיידע ר׳ ישעי׳לע האָט שוין נישט געלעבט), ווען זיי זענען אַריינגעקומען צו די מלו׳ מלכה האָט דער זיידע געהאַלטן אין מיטן טיילן פריש געקאָכטע טשאָלענט מיט פלייש דערין. דערזעענדיג זיי אַריינקומען האט זיך דער זיידע ר׳ אברהם׳לע אָנגערופן צו ר׳ שלום יוסף "דו ברויכסט דאך א בֵּן נאַ דיר, האָסטו אַ בֵּן". האָט ער זיך אָנגערופן "מיין שוואָגער ברויך אויך אַ ביין". האָט דער זיידע געזאָגט "ס׳איז דאָ פאַר אים אויך", און דער זיידע האָט געגעבן דעם ביין פאַר ר׳ שלום יוסף׳ן.

ר׳ שלום יוסף איז געווען אַ מפונק און ער האָט נישט געהאַט קיין חשק צו עסן מיט די בלויזע הענט, און ביז וואו וואָס ווען, ווילאַנג ער האָט אויפגעזוכט אַ לעפל אָדער גאָפל מיט וואָס צו עסן, האָט זיין שוואָגער ר׳ מאיר אויפגעגעסן דעם ביין. און ביז צום יאָר האָט ר׳ מאיר געהאַט אַ צווילינג, צוויי יונגלעך.

לויט ווי הרב ר׳ ישראל צבי ניימאן גיט איבער וואוינט איינער פון די צווילינג היינט אין ברוקלין. ער רופט זיך IRVING.

סוף כל סוף איז זיין שווער אויך געהאָלפן געוואָרן אַפּאָר יאָר שפּעטער.

נאָך האָט ר׳ **ישראל צבי** שליט״א דערציילט, אַז זיין זיידע ר׳ **ישראל יעקב ניימאן** האָט געוואוינט אין "מעזא-טשאט". דאָרט איז געווען אַן ערל אין אַ דאָרף וואָס האָט געהאַט אַ הויז צו פאַרקויפן וואָס וואָלט פונקט גוט געווען פאַר אים און ער האָט עס געוואָלט

אָפּקויפן. ווען זיין זיידע איז געגאַנגען רעדן מיטן ערל וועגן אָפּקויפן דאָס הויז האָט דער ערל מסכים געווען אים צו פאַרקויפן דאָס הויז, אָבער דעם ערל'ס זון האָט בשום אופן נישט געלאָזט זיין פאָטער פאַרקויפן. ווען ר' ישראל יעקב פלעגט גיין צום ערל איז דעם ערל'ס זון שטענדיג דאָרט געווען און געשטערט דעם מקח.

איינמאָל איז ר' ישראל יעקב געווען ביים זיידע'ן ר' **ישעי'לען** און אים דערציילט זיין פּראָבלעם. האָט אים דער זיידע געזאָגט "פאָר שוין יעצט צום ערל איידער די פאָרסט אַהיים און דו וועסט אי"ה מצליח זיין".

ער האָט זיך תיכף אויפגעהויבן און געפאָרן צום דאָרף וואו דער ערל האָט געוואוינט. דעם ערל'ס זון איז דעמאָלס נישט דאָרט געווען, האָט דער ערל געשיקט נאָך דעם נאָטאַר (וואָס ערלעדיגט ליגאַלע פּאַפּירן) און מ'האָט געמאַכט אַ געהעריגע קאָנטראַקט מיט עדות. ער האָט באַצאָלט, און תיכף אַוועק צום באַן אַהיים צו פאָרן.

בינו לבינו איז דעם ערל'ס זון אַהיים געקומען און זיין פאָטער האָט אים דערציילט אז ער האָט פאַרקויפט דאָס הויז פאַר'ן הער ניימאַן. דעם ערל'ס זון איז באַלד ארויסגעלאָפן צום באַן כדי צוריק צונעמען דעם קאָנטראַקט פון דעם יוד, אָבער ביז ער איז אָנגעקומען צו די באַן סטאַנציע איז די באַן שוין אוועק געפאָרן, און דער קנין איז געבליבן קנין.

אין דעם זעלבן יאָר שנת תשנ״ז לפ״ק, ווען איך בין געווען דאָו״ט אין פעסט אינאיינעם מיט מיינע ברידער מו״ה מיכאל נ״י און מו״ה שמואל נ״י, איז צוגעקומען צו אונז איינער וואָס האָט נעבעך נישט אויסגעזען ווי אַ יוד, און אונז געפרעגט וואָס מיר טוען אין פעסט? מיר האָבן אים געזאָגט אַז מיר זענען געקומען אויף אַ יאָרצייט. פרעגט ער ״נאָ און צוליב אַ יאָרצייט דאַרף מען קומען צו פאָרן פון אַמעריקא?״ און אגב האָט ער געוואָלט וויסן וועמענס יאָרצייט דאָס איז? האָבן מיר געענטפערט אַז דאָס איז עפּעס אַ יאָרצייט פון קערעסטיר, פרעגט ער ״אפשר פון ר׳ ישעי׳לע?״ האָבן מיר געזאָגט ״יאָ״.

אזוי זאָגט ער, דעמאָלס מעג מען טאַקע קומען. אויף זיין יאָרצייט לוינט זיך יאָ צו קומען. ער וועט אונז דערציילן אַ מעשה וואָס איז ביי אים אַליין געווען, ״מיט עטליכע און זיבעציג יאָר צוריק״ הייבט ער אָן צו דערציילן, ״איך בין דעמאָלס אַלט געווען אַרום 10 יאָר, און מיין יונגערע ברודער איז ל״ע זייער קראַנק געוואָרן. מיין פאָטער איז צוזאַמען מיט מיר אַריבער געפאָרן קיין קערעסטיר צום רבי׳ן ר׳ ישעי׳לע. ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין הויף פון ר׳ ישעי׳לען האָבן זיך געדרייט אין הויף אַסאַך הינער אזוי ווי געוועגליך אין אַ דאָרף, און אויך אַ גרויסע געזונטע הון ״קאָקאָש״.

מיר זענען אַריין צום רבי׳ן און מיין פאָטער האָט זיך אויסגערעדט פאַר׳ן רבי׳ן אַז זיין זון דאַרף אַ

גרויסע רפואה, האָט אים דער זיידע אָנגעווינטשען און געזאָגט אַז זיין זון וועט אי"ה געזונט ווערן.

ווען מיר זענען אַרויס פון'ם געזעגענען שטוב זענען מיר ווידער דורך דעם הויף האָבן מיר באַמערקט אַן אינטערעסאַנטע זאַך. דער הון "קאָקאָש" וואָס האָט זיך מיט אַפּאָר מינוט פריער געדרייט אין הויף פריש און געזונט, ליגט אויסגעשטרעקט טויט. קומענדיג אַהיים האָבן מיר שוין געטראָפן דעם ברודער געזונט און שטאַרק און ער לעבט נאָך עד היום!, האָט ער אויסגעפירט "צו אַזאַ רבי'נס יאָרצייט וואָס קען מאַכן אַזאַ טויש לוינט זיך טאַקע צו קומען צו פאָרן," זי"ע ועכי"א.

זייענדיג אין אודווארי אויפן יאָרצייט פון מיין שווער הרה"ג וכו' מוה"ר ר' **שמואל דוד קרויז** אב"ד אודווארי זצ"ל, אין יאָר תשנ"ז, האָב איך געהערט די פאָלגענדע מעשה פון ר' **שלמה ערנבורג** ז"ל.

זיינע עלטערן האָבן געוואוינט אין "וויטקא", וואו זיי האָבן געהאַט אַ שפּעצעריי (גראָסערי) געשעפט. ס'איז דאָרט געווען אַן ערל וואָס האָט אויך געהאַט אַזאַ געשעפט, און ער האָט זיי אויסגעטיילט אַסאַך צרות ל"ע.

ר' שלמה'ס פאָטער איז אַריבער געפאָרן צום זיידן ר' **ישעי'לע** זי"ע קיין קערעסטיר זיך מזכיר זיין. עס איז דורך אַ שטיקל צייט און עס האט זיך גאָרנישט געטוישט, איז זיין פאָטער נאָכאַמאָל געפאָרן קיין קערעסטיר. אזוי איז געווען עטליכע מאָל און ער איז

נאָך אַלץ נישט געהאָלפן געוואָרן. דער ערל האָט אים ממש נישט געלאָזט מנוחה.

אַ צייט שפּעטער איז דער ערל געפאָרן אויפן מאַרק מיט אַ וואָגן פול מיט סחורה און אין מיטן וועג האָט זיך דער וואָגן איבערגעקערט מיט'ן ערל אינאיינעם און ער איז דאָרט געבליבן, וליהודים היתה אורה.

ווען זיין פאָטער איז ווידער געווען אין קערעסטיר און דערציילט ווי אַזוי ער איז געהאָלפן געוואָרן, האָט ר' ישעי'לע זיך אָנגערופן "דער ערל איז געווען פון גאָר אַ שטאַרקע טומאה (אַ פסול) וועגן דעם איז עס אזוי שווער געגאַנגען", כן יאבדו כל אויביך השם, זי"ע ועכי"א.

דער זיידע ר' אברהם'לע זצ"ל איז נפטר געוואָרן ח"י אדר א' תרפ"ז.

דער זיידע ר' **אברהם**'לע זצ"ל האָט נישט געהאַט קיין זון, נאָר 4 טעכטער.

די 4 איידעמער פון ר' **אברהם**'לע זצ"ל זענען געווען:



בילד פון הרה"צ מוה"ר מאיר יוסף רובין זצ"ל הי"ד אדמו"ר מקערעסטיר

א) הרה"צ מוה"ר ר' **מאיר יוסף רובין** זצ"ל, הי"ד, ממלא מקום אין קערעסטיר, זוגתו הרבנית מרת **רבקה צירל** הי"ד.

פאלגענד זענען אויסגערעכענט זייערע קינדער וועלכע זענען אומגעקומען אין אוישוויץ עקדה"ש.

חי' **פעריא** אשת הרב מו"ה **אשר ישעי'** רובין הי"ד, און זייערע קינדער, **חנה אסתר**, **הינדא**, און **יוכבד לאה**, הי"ד.

הרב ר' **מיכאל** חתן הרה"ג מו"ה **שלום אדלער** אב"ד סערעדנע זצ"ל וזוגתו הרבנית **טשארנא**, און זייער טאָכטער **פיגא** הי"ד.

מרת **יוטל** הי"ד בת הרה"ג מוה"ר ר' ברוך פריינד אב"ד הוניאד הי"ד, אשת הרב מו"ה **מנחם מענדל** ז"ל בזו"ר, און זייער זון **ישראל** הי"ד.

די אומפאַרהייראַטעט קינדער וועלכע זענען ל״ע אומגעקומען עקד״ה: **ישעי׳**, **אברהם חיים**, **עטיא**, **מרדכי דוד**, **יצחק אייזיק**, **חנה**, **ברוך**, **משה אליקים בריאה**, **אלימלך**, און **יעקב**, הי״ד.

ויבדלו לחיים זייערע קינדער וועלכע זענען ב״ה ניצול געוואָרן נאָך די מלחמה.

פון לינקס צו רעכטס: הרב מבערבעשט זצ״ל, המו״ל, הרב ר׳ מענדל רובין זצ״ל, החתן הרב ר׳ אלי׳ גרויס נ״י. - שנת תש״ל

הרב מו״ה **מנחם מענדל רובין** ז״ל, (חתן הרה״ח מו״ה זאב ברוך ווערצבערגער ז״ל) וזוגתו מרת **רבקה** ע״ה, וועלכע האָבן ב״ה אויפגעשטעלט אַ שיינע משפחה יראים ושלימים. ער איז נפטר געוואָרן דאָ אין אַמעריקא כ״ז תמוז תשמ״ג ומנו״כ אין קרית יואל - מאָנראָ, וזוגתו מרת **רבקה** ע״ה איז נפטר געוואָרן ט״ו שבט תשנ״ז, ומנוחת כבודה אויך אין קרית יואל - מאָנראָ, ת.נ.צ.ב.ה.

פון לינקס צו רעכטס: אאמו"ר זצ"ל, הרב אייזן מ'קאנאדא,
אדמו"ר מ'קערעסטיר הרה"צ ר' ישכר בעריש רובין שליט"א

הרה"צ מוה"ר ישכר בעריש רובין שליט"א (חתן הרה"ג וכו' מוה"ר ר' חיים מייזעלס זצ"ל אב"ד סאָרוואָש) וזוגתו הרבנית חי' שתחי', וואָס איז ממלא מקום אבותיו אין אַמעריקא, האדמו"ר מקערעסטיר אין באָראָ פּאַרק ברוקלין, וואו זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ שיינע קהילה מיט אַ שיין בית המדרש וואָס איז לשם ולתהלה אין די גאַנצע געגנט.

זייערע פינף איידעמער זענען רבנים מפורסמים אין פאַרשידענע געגנטן (קיין זון האָבן זיי נישט, נאָר טעכטער שיחי').

הרבנית גיטל תחי' די רעבעצין פון הרה"צ מו"ה ישראל מנחם הלוי ראטענבערג שליט"א אדמו"ר מקאסאן באָראָ פּארק. זיי האָבן אַ שיין ביהמ"ד און אַ ישיבה "אור מלא" ד'קאָסאָן, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך זייערע חשוב'ע

גייענדיג צו די חופה - פון לינקס צו רעכטס:
אאמו"ר זצ"ל, החתן הרב ישראל מנחם ראטטענבערג שליט"א,
אביו הרה"צ ר' פנחס שלום זצ"ל אדמו"ר מקאסאן. - שנת תש"ט

קינדער שיחי'. די זון און איידעמער סיי דאָהי און סיי אויסלאַנד זענען רבנים מפורסמים ה' יאריך ימיהם ושנותיהם בטוב ובנעימים א"ס.

ב) דער צווייטער איידעם פון זיידן ר' **אברהם**'לע איז געווען הרה"צ מוה"ר ר' מנחם מענדל הכהן **כהנא** הי"ד זצ"ל אדמו"ר אין הומענע (סלאָוואַקאַיי), וזוגתו הרבנית מרת **הענטשא** מרים הי"ד.

זיי און זייערע קינדער, **יוסף מאיר**, **יצחק יונה**, **אברהם**, **ישעי'**, **הינדא**, **רבקה**, **צירל**, **פערל**, און **עטל**. זענען אומגעקומען עקדה"ש. ס'איז פון די גאַנצע משפחה ליידער קיינער נישט געבליבן.


אאמו"ר זצ"ל, אדמו"ר קערעסטיר-בערבעשט

ג) דער דריטער איידעם איז געווען, כ"ק אדוני אבי מו"ר הרה"צ מוה"ר ר' **נפתלי גרוים**, האדמו"ר מ'קערעסטיר-בערבעשט זצ"ל, (פאָלגט נאָך שפעטער אַ לענגערע באַשרייבונג).

ד) דער פערדער איידעם איז געווען, הרה"צ ר' **מרדכי דוב** האלבערשטאם הי"ד זצ"ל (בן הרה"צ ר' חיים האלברשטאם דומ"ץ אין סאַטמאַר זצ"ל, בן הרהצה"ק מוה"ר ר' שלום אליעזר הי"ד זצוק"ל מראַצפערט), אדמו"ר במישקאָלץ, וזוגתו הרבנית מרת **חנה** הי"ד.

ר' מאטעלע, ווי מ'האָט אים גערופן האָט חתונה געהאַט אין יאָר תרצ"ג אין קערעסטיר, ווען דער זיידע ר' אברהם'לע האָט שוין נישט געלעבט. מיר האָבן שוין דעמאָלס געוואוינט אין דעברעצין, און מ'האָט מיך אויך מיטגענומען צו די חתונה. הרה"צ ר' **שלום אליעזר**'ל הי"ד דער זיידע פונעם חתן איז געווען דער מסדר קידושין.

אַלע שוואָגערס און פעטערס פון די כלה זענען געקומען צו די חתונה, אריינגערעכנט הרה״צ ר׳ **ראובן חיים** קליין אב״ד סנינא, הי״ד, הרה״צ ר׳ **ישראל אברהם אלטר לאנדא** אב״ד עדעלין זצ״ל. (איך האָב דעמאָלס געלערנט מסכת ביצה האָבן זיי מיך פאַרהערט די גמרא וואָס איך האָב געלערנט.)



האדמו״ר הקדוש ר׳ שלום אליעזר׳ל מראצפערט

צו די שבע ברכות זענען געקומען אַסאַך רבנים. אויך הרה״צ בעל מנחת אלעזר זצ״ל ממונקאַטש איז געקומען צו איינע פון די שבע ברכות. (נאָך די חתונה בין איך באַלד אַהיים געפאָרן. איך האָב דאָך געדאַרפט גיין אין חדר.)

בילד פון הייליגן בעל מנחת אלעזר זי"ע

דער צווייטער פון לינקס
הרה"ח מו"ה אברהם שמואל סאמעט פון קערעסטיר הי"ד
בשעת זיין באזוך אין ארץ ישראל מיט הרה"ק ממונקאטש זצ"ל

צענטער קאַפּיטל

מיינע קינדער יאָרן

ביום ו' אלול שנת תרפ"ז, איז מיין ברודער **רפאל** נ"י געבוירן געוואָרן, אין קערעסטיר.

מיין פאָטער זצ"ל איז געווען אַ געבוירענער אין בערבעשט, (פאַר די ערשטע וועלט מלחמה איז בערבעשט געווען אונגאַרן, און נאָך די מלחמה האָט עס געהערט צו רומעניען און קערעסטיר האָט געהערט צו אונגאַרן). יעדער וואָס איז געבוירן אין אַ פרעמדע מדינה האָט געמוזט אין יענע צייט האָבן אַ רשיון צו קענען וואוינען אין אונגאַרן. אונזער משפחה האָט נישט געהאַט קיין רשיון דאָרט צו וואוינען, אָבער מיר האָבן דאָרט געוואוינט ביז מיין פאָטער זצ"ל האָט באַקומען אַ באַפעל אַז ער מוז תיכף פאַרלאָזן די אונגאַרישע מדינה (של גיהנום). ס'האָט נישט געהאָלפן קיין שום פּראָטעקציע. אין שנת תרפ"ח, האָבן מיר געמוזט איבערלאָזן קערעסטיר, און מיר זענען געפאָרן קיין בערבעשט צו די באַבע'ן ע"ה. מיר האָבן דאָרט געדינגען אַ דירה און געוואוינט דאָרט בערך אַ יאָר. אין בערבעשט האָט מען מיך אָפּגעשוירן און געמאַכט פיאות. נאָכן אָפּשערן האָט מען מיך געטראָגן דאָרט אין חדר. (ביז היינט געדענק איך דאָס נאָך).

אין יאָר תרפ"ט האָבן מיר באַקומען אַ רשיון צוריק צו קומען קיין אונגאַרן, האָבן מיר זיך אויפגעהויבן און צוריק געפאָרן קיין קערעסטיר. אַזוי ווי דער זיידע ר' **אברהם'לע** האָט שוין נישט געלעבט, איז שוין נישט געווען ווי מ'וואָלט

געגעסן קעסט ביים זיידן, דערפאַר האָט מיין פאָטער זצ״ל געזוכט אַ שטאָט וואו זיך צו באזעצן און האָבן פרנסה. ער האָט באַקומען אַ קאָנסוס פון אַ שטעטל ״טאניאג״ אַלס ראב״ד אָבער דאָרט האָבן נאָר געוואוינט בערך צוויי מנינים אידן. ער האָט מורא געהאַט אַז עס וועט נישט קלעקן אויף פרנסה, האָט ער דאָס נישט אָנגענומען.

ווען אונזער ברודער **רפאל** נ״י איז אַלט געוואָרן 3 יאָר האָט מען אים געמאַכט פיאות אין קערעסטיר. מ׳האָט אים געטראָגן צום מלמד אין זיידנ׳ס ביהמ״ד. איך האָב דעמאָלס צוגעקוקט מיט גרויס קנאה ווי מ׳האָט דעם א-ב באַשמירט מיט האָניג און ער האָט דאָס אָפּגעלעקט.

אין יאָר תר״צ ז׳ מנחם אָב איז געבוירן געוואָרן אונזער ברודער **אברהם** ז״ל. דער ברית איז געווען ביומא דהילולא פון הרה״צ רבי ר׳ הערשע׳לע ליסקער, בעל אך פרי תבואה זצ״ל, דער רבי פון זיידן הרה״צ רִבי ישעי׳לע זצ״ל. מען האָט אָבער נישט אַ נאָמען געגעבן נאָך אים, נאָר נאָך דעם זיידן (די מאַמע׳ס טאַטע) **אברהם**. נאָך די סעודת ברית, איז געפאָרן אָן אויטאָבאָס קיין ליסקא צו די יאָרצייט. איך בין אויך מיט געפאָרן, אַלץ 4 יעריג יונגעל. עס ליגט מיר נאָך גוט אין זכרון. (נאָך 70 יאָר, זייענדיג אין אונגארן, בין איך אויך געפאָרן צום ציון פונ׳ם הייליגן ליסקער זי״ע ועכ״י, זיך משתטח צו זיין אויף די יומא דהילולא, י״ד מנחם אב תש״ס.)

דער ברודער איז ביז צו די 6 חדשים געווען געהעריג געזונט ווי נאָרמאַל, אָבער פון דעמאָלס אָן האָט זיך ביי אים דערקענט אַ פיזישע צוריק-געשטאַנענקייט. ער האָט נישט געקענט עסן נאָר פליסיקייט וואָס מ׳האָט אים געדאַרפט

פיטערן מיט אַ לעפל. מ׳האָט דאָס גערופן ״אנגאל קאראש״ ל״ע. ער האָט זיך קערפערליך גאָרנישט אַנטוויקלט. ער האָט נישט געקענט זיצן אָדער שטיין אַליין, נישט גיין, נישט רעדן, נאָר סתם אַ קול האָט ער געקענט אַרויס געבן. ער איז געלעגן אין זיין בעטל, און מ׳האָט זיך געדאַרפט מיט אים זייער אַסאַך אָפּגעבן, פיטערן, אָפּוואַשן, וכדומה. מיין מוטער ע״ה האָט זיך מיט אים אָפּגעגעבן נאָך מער ווי מיט איהרע אַנדערע קינדער.

ער איז לײדער אַוועק געריסן געוואָרן ביי די פערצן יאָר, ב׳ שבט שנת תש״ד אין דעברעצין. דאָס איז שוין געווען נאָנט צום דעפּאָרטירן. קיין מצבה האָט מען דעמאָלס נישט געלייגט.

ווען איך בין געפאָרן נאָך די מלחמה פון אַמעריקא קיין דעברעצין בשנת תשכ״ד האָב איך אים געלאָזט מאַכן אַ מצבה, וואָס ס׳שטייט נאָך ביז היינט (שנת תשס״א). ווען איך בין אין דעברעצין גיי איך באַזוכן און צינדן ליכט אויף זיין קבר.

מיין פאָטער זצ״ל האָט תולה געווען זיין קראַנקהייט אין דעם וואָס דער ברית איז געווען ביומא דהילולא פון הייליגן ליסקער רב זצ״ל, און מען האָט נישט געגעבן אַ נאָמען נאָך אים. צוליב דעם האָט מיין פאָטער מער נישט געלאָזט געבן דעם נאָמען אברהם אַליין נאָר אַלע אייניקלעך פון מיין פאָטער זצ״ל וואָס הייסן אברהם גיט מען צו אַ נאָמען, ״צבי״ אָדער ״ישעי׳״.

אין קערעסטיר האָבן מיר געהאַט צוויי שטיבער, אַ שלאָף שטוב און אַ ספרים שטוב. מיין פאָטער זצ״ל האָט געלערנט יעדן פאַרטאָגס מיט ר׳ **אברהם שמחה** סאַמעט ז״ל. ער איז געווען אַ מלמד, (איך האָב אויך געלערנט ביי אים). איך בין געלעגן אין וויגל, בשעת דער טאַטע האָט געלערנט און מיט איין האַנט האָט ער מיך געוויגט.

איך געדענק, אַז מיין פאָטער זצ״ל פלעגט מעביר סדרה זיין פרייטאָג פאַרטאָג בשעת ער האָט מיך געוויגט, ער פלעגט מישן יעדעס בלעטל 3 מאָל, (ווען דער פסוק מיט דעם תרגום האָבן זיך נישט געענדיקט אויף דעם זעלבן עמוד) און איך מיט מיין קינדער׳ישן שכל האָב נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דארף ער אַלץ צוריק מישן...

(אגב האָב איך לעצטנס געזאָגט אַ געדאנק פאַר איינעם וואָס האָט פריש איבער-געזעצט דאָס חומש מיט תרגום, ער זאָל דאָס אַזוי מאַכן אַז יעדער פסוק חומש מיטן תרגום זאָלן זיך ענדיגן ביים סוף פון יעדן עמוד. למעשה, טעכניש, איז עס נישט אויסגעהאַלטן.)

איך בין געגאַנגען צו ר׳ אברהם שמחה סאַמעט אין חדר, ווי פריער דערמאַנט. עס איז דאָך ידוע אַז ״מבית מקום ספר תינוק בורח״... און איך בין אויך נישט געווען קיין אויסנאַם. איינמאָל איז דער טייך ״באדראג״ איבער גערינען, און די אַנדערע זייט פון די גאַס וואו מיר האָבן געוואוינט איז שוין געוואָרן פאַרפלייצט. פונקט דעמאָלס בין איך געווען אינדערהיים פון חדר עסן מיטאָג. נאָכ׳ן מיטאָג ווען מען האָט געדאַרפט צוריק גיין אין חדר, האָב איך נישט געהאַט קיין גרויס חשק, און איך האָב מיך באַהאַלטן אין אַ קליידער שאַנק אונטער די קליידער.

אַזוי ווי איך בין נישט אָנגעקומען אין חדר, האָט זיך אָנגעהויבן אַ זוכעניש. מ׳האָט מיך געזוכט אַפילו אין דעם שאַנק וואו איך בין געווען באַהאַלטן, אָבער איך בין געווען טיף אין שאַנק און מען האָט מיך נישט געטראָפן. איך האָב געהערט ווי מ׳שמועסט אַז אַזוי ווי דער באדראג איז איבער גערינען קען חלילה געשען אַן אומגליק, און מען האָט געשריגן כסדר, ישעי׳! ישעי׳! וואו ביזטו? דו ביזט דא? איך האָב מיך נישט אָנגערופן, ווייל איך האָב נישט געוואָלט גיין אין חדר. אַזוי ווי מ׳האָט מורא געהאַט אויב ס׳איז חלילה גאָרנישט געשען, האָט מען נאָכאַמאָל דורך געזוכט די גאַנצע הויז, און מ׳האָט מיך ענדליך געטראָפן אין דעם שאַנק. איך האָב באַקומען דערפאַר אַ פּאָר גוטע פעטש.

שמיני עצרת שנת תרצ״א, וואָס איז אויך געווען שבת, איז געבוירן געוואָרן אונזער ברודער **ישראל יעקב יוקל** נ״י.

די מאַמע ע״ה האָט געהאַט פיבער, אָבער קיין גראַד (פיבע״ר מעסטע״ר) איז נישט געווען, (איך בין דעמאָלס אַלט געווען 4 יאָר האָב איך נאָך געקענט טראָגן אום שבת), בין איך געגאַנגען צום דאָקטאָר ברענגען אַ גראַד. ס׳איז ב״ה גאָרנישט ערנסט געווען.

אין דעבערעצין איז געווען אַ שינאווו׳ער אייניקל הרה״צ ר׳ **ליבער האלבערשטאם** הי״ד. ער האָט געהאַט אַ בית המדרש אויף די שימאנפי גאַס #29 אין אַ געדונגענע דירה, אָבער קיין מזל האָט ער נישט געהאַט. עס איז אים שווער געגאַנגען מיט מנין, האָט ער געזוכט דאָס ביהמ״ד צו פאַרקויפן. (הגם ס׳איז נישט געווען זיין הויז אָבער אַ זכות פאַר אַ ביהמ״ד האָט ער געהאַט).

מיין פאָטער זצ״ל איז קודם געפאָרן קיין דעברעצין צו פרעגן דעם מרא דאתרא דעם דעברעצינער רב הרה״ג ר׳ **שלמה צבי הכהן שטראססער** זצ״ל אויב ער איז מסכים ער זאָל קומען זיך באזעצן אין דעברעצין, און אויב עס וועט זיין אַ מבוא פאַר פרנסה. הרב שטראססער זצ״ל האָט אים זייער וואַרעם אויפגענומען, און האָט אים געזאָגט ער וועט האָבן גרויס הנאה אויב ער וועט זיך אַריבער ציען קיין דעברעצין. און ער וועט אויך זען אַז ער זאָל האָבן מעמדות פון די בעלי בתים. מיין פאָטער זצ״ל האָט אָפּגעקויפט דעם זכות פון ביהמ״ד פון הרב ליבער, און אויך איבערגענומען די דירה וואו דאָס ביהמ״ד איז געווען. די דירה איז באשטאנען פון 3 שטיבער מיט אַ קאָך, - אַ שלאָף שטוב, אַ שטוב וואו מ׳האָט געדאַוונט, אין אַ קינדער שטוב. מיין פאָטער זצ״ל איז קודם געווען דאָרט אַליין אַ פּאָר וואָכן אויף פּראָבע. סוף זומער תרצ״ב איז די גאַנצע משפחה געפאָרן זיך באַזעצן קיין דעברעצין. איך בין דעמאָלס אַלט געווען איבער 6 יאָר.

בילד פון שימאנפי גאס #29

עלעפטער קאַפּיטל

אין דעברעצין

סוף זומער תרצ״ב איז הרה״צ ר׳ ישעי׳לע טשעחויבער הי״ד געווען אין דעברעצין אויף אַ שבת. איך האָב געהאַט די זכי׳ אים צו זען פירנדיג דעם שבת מיטאָג טיש אין ביהמ״ד עץ חיים.

צו רעכטס: הרה״ג וכו׳ מו״ה שלמה צבי הכהן שטראססער זצ״ל
צו לינקס: הרה״ג וכו׳ מו״ה זאב ראזענבערג זצ״ל, דומ״ץ.

דעברעצין איז געווען אַן אשכנזישע שטאָט. דאָרט האָבן געוואוינט בערך 10 טויזנט אידישע נפשות. עס זענען געווען 2 קהלות, אַן אָרטאָדאָקסישע קהילה און אַ שטאַטוס-קוואָ קהילה.

אין די אָרטאָדאָקסישע קהילה האָט הרה"ג מוה"ר ר' **שלמה צבי הכהן שטראסער** זצ"ל, - אַן אייניקל פון הגה"ק בעל חתם סופר זצ"ל - געדינט אַלס דער ראב"ד. אויך האָט ער געפירט אַ ישיבה פאַר גרעסערע בחורים. פון דער פרעמד דענען אויך געקומען בחורים לערנען אין זיין ישיבה.

אָרטאָדאָקס"ישע שול אין דעברעצין

עס זענען געווען 4 דיינים.

א) הרה״ג מוה״ר ר׳ **זאב וואלף ראזענבערג** זצ״ל. (ער האָט דורכגעמאַכט די דעפּאָרטאַציע אין תש״ד, און איז ב״ה צוריק געקומען.) ער איז געווען דער ערשטער דיין וואָס דעברעצין האָט אויפגענומען. ביז בערך דאָס יאָר 1870 למספרם איז קיין שום איד נישט ערלויבט געוואָרן צו וואוינען אין דעברעצין. ווען עס איז ערלויבט געוואָרן דאָרט צו וואוינען און עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ אידישע קהילה, האָט מען ר׳ וואלף׳ן אויפגענומען פאַר דיין. ער איז נפטר געוואָרן בשיבה טובה אין דעברעצין אין יאָר תש״י, ושם מנו״כ יהי זכרו ברוך.

ב) זיין זון הרה״ג מוה״ר ר׳ **מנחם ראזענבערג** הי״ד. (ער איז נפטר געוואָרן אין לאַגער אין טרעזיענשטאַט אין יאָר תש״ה, אַפאָר טאָג פאַר׳ן באַפרייען.)

ג) זיין זון הרב ר׳ **פייוול ראזענבערג** זצ״ל, (ער האָט סוף ימיו געוואוינט אין ברוקלין און איז דאָרט אַוועק. ער האָט זיך גערופן הרב מ׳דעברעצין.)

הרב שטראססער זצ״ל האָט געהאַט אַ זון הרה״ח ר׳ **מרדכי ניסן** ז״ל וואָס איז נעבעך אַוועק בחייו אין יאָר תרצ״ז. ס׳זענען געבליבן קליינע קינדער אין שטוב, האָט קהל באַשלאָסן אַז ווען ר׳ מרדכי ניסן׳ס טאָכטער וועט חתונה האָבן, און דער מאַן וועט ראוי זיין צו אַ דיינות פאָסטן וועט מען דאָס דיינות פאַר אים געבן. און יאָר תש״ב האָט די טאָכטער חתונה געהאַט מיט הרה״ג מו״ה **משה שטערן** זצ״ל בן הרה״ג אב״ד נייהייזל הי״ד בעהמ״ח ספרי מליצי אש, און מ׳האָט אים אויפגענומען אַלץ נאָך אַ דיין.

דעברעצינער רב - הרב ר׳ משה שטערן ז״ל

הרה״ג מו״ה משה שטערן זצ״ל מיט זיין משפחה האָבן ב״ה איבערגעלבט די מלחמה אין די עסטרייכ׳ישע לאַגערן, און זיי זענען צוריק געקומען נאָך די מלחמה קיין דעברעצין. זיין זיידע הרה״ג **שלמה צבי שטראססער** זצ״ל האָט אויך דורך געלעבט די מלחמה און איז אויך צוריק געקומען קיין דעברעצין. ער איז שוין געווען אין די עלטערע יאָרן, און האָט געוואָלט פאָרן וואוינען קיין ארץ ישראל, (ער איז טאַקע געפאָרן און איז דאָרט נפטר געוואָרן,) האָט ער איבער געגעבן דאָס רבנות פאַר זיין אייניקל הרב ר׳ משה שטערן זצ״ל. ער איז געוואָרן דעברעצינ׳ער רב. ער האָט מחבר געווען די ספרים בעהמ״ח שו״ת באר משה עשרה חלקים. שפעטער האָט ער געוואוינט דאָ אין ברוקלין און האָט געהאַט איינס פון די חשוב׳סטע קהילות על דרך הישן, (נפטר בש״ט פה ברוקלין נ.י. - ב׳ מנחם אב תשנ״ז לפ״ק).

אויך איז געווען אין דעברעצין אַ תופס ישיבה, אַ פלאַם פייערדיגער איד, הרה״ג ר׳ משולם פייש פרענקל ז״ל. ער איז נפטר געוואָרן תמוז אין יאָר תש״א, יהי זכרו ברוך.

די שטאַטוס-קוואָ קהילה האָט אויך געהאַט אַ רב און אַ דיין. דער לעצטער רב פאַר די מלחמה האָט געהייסן דאָקטאָר ווייס-פאל. דער דיין האָט געהייסן פריעד. ער איז געווען אַ חסיד׳ישער יוד. זיינע קינדער זענען געגאַנגען אין די אָרטאָדאָקסישע ת״ת. ער האָט נאָר געגעסן פון די אָרטאָדאָקסישע שחיטה, און אויך נאָר גענוצט די אָרטאָדאָקסישע מקוה. כאָטש זיין קהילה האָט אויך געהאַט אַ שחיטה, אַ מקוה, און אַלע צרכי הקהילה, האָט ער אָבער דאָס נישט גענוצט.

אין די דעברעצינער ת״ת זענען געווען 6 קלאַסן.

א) ר׳ **חיים געלב** הי״ד דער א״ב מלמד.

ב) ר׳ **ברוך קליין** ז״ל, חומש מלמד, דער פאָטער פון הרה״ח מו״ה **זינדל קליין** ז״ל (וועלכער איז נפטר געוואָרן דאָ אין אַמעריקא ט״ב תשנ״ה און איז נטמן געוואָרן אין קרית יואל מאָנראָ). ווען ר׳ **ברוך** איז נפטר געוואָרן אין שנת תש״א איז זיין זון ר׳ **זינדל** נתמנה געוואָרן אויף זיין פאָטער׳ס פלאַץ.

ג) ר׳ **אהרן ראטה** הי״ד, חומש רש״י מלמד.

ד) ר׳ **חיים יושע פאליק פאלקאוויטש** הי״ד, התחלת גמרא.

ה) הרב ר׳ **חיים פסח פעטמאַן** ז״ל, גמרא מלמד. (דער פאָטער פון דעם באַוואוסטן היסטאָריע שרייבער פונ׳ם צייטונג ״דער איד״, ר׳ ישכר דוב פעטמאַן ז״ל.) די לעצטע יאָרן האָט ער געוואוינט אין ברוקלין. מ׳האָט אים גערופן האָטהאַזער רב, ער האָט מחבר געווען דעם ספר תורת חיים.

ו) והרה"ח ר' יצחק אייזיק וויינבערגער זצ"ל הי"ד, גמרא תוספות מלמד. (פאָטער פון הרה"ח ר' חיים שמעון וויינבערגער ז"ל. ער האָט געוואוינט אין ברוקלין און איז נפטר געוואָרן בשנת תשנ"ד, ונטמן בקרית יואל - מאָנראָ יהי זכרו ברוך.)

אַזוי ווי איך האָב שוין אָנגעהויבן צו לערנען גמרא נאָך אין קערעסטיר פרק שנים אוחזין, האָט מען מיך געשיקט קיין דעברעצין אין ת"ת, צו די קלאַס פון ר' **חיים יושע פאליק פאלקאוויטש הי"ד.**

ער איז געווען דער פאָטער פון הרה"ח ר' שלמה מנשה פאלקאוויטש ז"ל, וועלכער איז באַוואוסט געווען אַלס איינער פון די חשוב'סטע מלמדים אין די סאַטמאַר'ער תלמוד תורה אין ברוקלין. ער איז געווען פון די ערשטע מלמדים. ווען מיין פאָטער זצ"ל האָט מייסד געווען די סאַטמאַר'ער ת"ת אין קרוין הייטס, האָט מיין פאָטער זצ"ל באוואויגן ר' שלמה מנשה'ן אַז ער זאָל ווערן אָננעמען דעם פּאָסטן. ר' שלמה מנשה ז"ל האָט אויך געלערנט דעם חק לישראל אויפן טעלעפאָן בטוב טעם ודעת. די קינדער האָבן געלערנט אין קערעסטירער ביהמ"ד פון מיין פאָטער זצ"ל, אין קרוינהייטס. מיין מוטער ע"ה האָט געקאָכט פאַר די קינדער מיטאָג בערך 2 יאָר, ווי פאַרשטענדליך אָן קיין שום געהאַלט וכדומה, ווען ס'זענען ב"ה נתרבה געוואָרן די תלמידים, האָט מען זיך געדאַרפט אַריבער ציען אין אַ גרעסערע בנין. די ערשטע תלמידים דאָרט וואָס איך געדענק זענען געווען, די קינדער פון ר' יודל

צימערמאַן ז"ל און די קינדער פון ר' שמחה בער סאנדער ז"ל, ועוד ועוד.

זיין זון ר' **שלמה מנשה** ז"ל האָט אויך צו געלערנט פריוואַט מיט מיר און מיט נאָך אַ פּאָר יונגלעך אַ שטיקל צייט אין דעברעצין בשנת תרצ"ד - תרצ"ה.

(די לעצטע יאָרן האָט ער געוואוינט אין קרית יואל - מאָנראָ. ער איז נפטר געוואָרן בשנת תשנ"ד ושם נטמן, יהי' זכרו ברוך.)

דעם ערשטן טאָג וואָס איך בין געגאַנגען אין חדר צו איינע פון די מלמדים, האָב איך געזען וואָס פאַר אַ שטרענגער מלמד ער איז. ווען איך בין אַהיים געקומען אויף מיטאָג, האָב איך געזאָגט אַז איך וויל נישט מער צוריק גיין אין חדר. ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן סיי מיט גוטן און סיי מיט שטרענגן... אפילו די אַלע שלעק וואָס איך האָב באַקומען האָט מיך נישט געקענט באַוועגן צוריק צו גיין, אַזאַ פחד האָב איך געהאַט פון'ם נייעם מלמד. דאָס איז געווען פאַר די ימים טובים פון תרצ"ג. מיין פאָטער זצ"ל האָט אָפּגעשמועסט מיט נאָך עטליכע חסידישע אידן אַז ער וועט ברענגען אַ חסידישן מלמד צו לערנען מיט מיר פריוואַט, ווייל עס איז דאך נישט קיין תכלית צו זיצן אינדערהיים. מיין פאטער זצ"ל האָט זיי געבעטן אז זיי זאלן אויך אהין געבן זייערע קינדער צום פריוואַטן מלמד.

מיין פאָטער זצ"ל האָט געברענגט אַ מלמד הרה"ח מו"ה **יעקב סאַמעט** הי"ד פון איהעלי, און איך מיט נאָך עטליכע חסיד'ישע יונגלעך האָבן ביי אים אָנגעהויבן צו לערנען. די פאָלגענדע נעמען געדענק איך, מיין ברודער

רפאל נ״י, ר׳ **פנחס** ואחיו ר׳ **דוד עסטרייכער** נ״י, ר׳ **משה לייב** ואחיו ר׳ **ישעי׳** נ״י טעפּפער, ר׳ **בערל רויזנצווייג** נ״י, און ר׳ **אברהם צבי לאנדא** נ״י (בעה״ב פון קאָנטינענטאַל האָ״ל). ויבלח״ט הרב ר׳ **עזריאל יחיאל לעווי** ז״ל, **אברהם בערגער** הי״ד, און נאָך עטליכע. קודם האָבן מיר געלערנט אין מלמד׳ס שטוב, דערנאָך אין אַ קליין ביהמ״ד אויף די טשאקאנאי גאַס 31#, בערך 2 יאָר.

ווען די קינדער זענען גרעסער געוואָרן, און מ׳האָט שוין געדאַרפט אנהייבן צו לערנען גמרא מיט תוספות. און פון די צווייטע זייט זענען אַלץ צוגעקומען קלענערע קינדער, האָט ר׳ **יעקב** נישט געקענט מיט אַלע לערנען, און עס האָט זיך פאַרלאנגט נאָך אַ מלמד. מיין פאָטער זצ״ל האָט געברענגט נאָך אַ מלמד הרה״ח מו״ה ר׳ **בעריש קעסלער** הי״ד וואָס האָט געשטאַמט פון בערבעשט, (דער שווער פון דעם באַוואוסטן עוסק בצרכי עניי ארץ ישראל מו״ה משה היללער נ״י) און מיר זענען אַריבער לערנען אין ביהמ״ד עץ חיים. עס איז שוין געווען אַ קלאַס מיט מערערע קינדער.

אָנפאַנג תרצ״ג איז די דירה וואו מיר האָבן געוואוינט געוואָרן זייער קליין בלעה״ר, און מיר האָבן זיך געהאַלטן ביים אַריבער ציען צו אַן אַנדערע דירה. מיין פאָטער זצ״ל איז מיט די גאַנצע משפחה אַריבער פרעגן דעם מונקאַטש׳ער רב דער בעל מנחת אלעזר זצ״ל - וועלכער האָט זיך פונקט געפונען אין דעברעצין אויף איבער נאַכט ביי ר׳ **משה יוסף גוטמאן** ז״ל - אין וועלכן טאָג מען זאָל זיך אַריבער ציען, און גלייכצייטיג אויך נעמען אַ ברכה.

דער מונקאַטשער רב האָט געענטפערט, מיר זאָלן זיך אַריבער ציען פרייטאָג אָדער דינסטאָג. פרייטאָג האָבן מיר זיך אַריבער געצויגן אין די נייע דירה. (איך האָב דעמאָלס באַקומען פון אים אַן אָפּגעשפּראָכענע מטבע.)

די יעצטיגע דירה איז געווען אַסאַך גרעסער, צוויי גרויסע שלאָף שטיבער, אַ גרויסע שטוב וואו מ׳האָט געדאַוונט און אויך געגעסן, און אַ שלאָף שטוב וואָס האָט אויך געדינט אַלס ווייבער שול.

נאך א בילד פון היילגן בעל מנחת אלעזר זי״ע

בילדער פונ'ם בעל מנחת אלעזר זצ"ל



בילדער פונ'ם בעל מנחת אלעזר זצ"ל

אין אונזער ביהמ״ד האָבן געדאַוונט פון די שענסטע חסידישע אידן:

אַ טייל פון די מתפללים

ר׳ אהרן הכהן פערל הי״ד.	ר׳ יונה ווייס ז״ל.
ואחיו ר׳ דוד הי״ד.	הב׳ יוסף אונגאר נ״י.
ר׳ אהרן טייטלבוים ז״ל.	ר׳ יוסף מערמעלשטיין ז״ל.
ר׳ אהרן קליין ז״ל.	הרב יחיאל מיכל ניימאן נ״י.
בנו ר׳ זרח הי״ד.	ר׳ מענדל הירש הי״ד.
בנו ר׳ ישעי׳ ז״ל.	הב׳ מרדכי אלטמאן הי״ד.
ר׳ בעריש קעסלער הי״ד.	ר׳ משה יושע שווארץ ז״ל.
ר׳ בערל ווינקלער הי״ד.	ר׳ משה מרדכי הכהן גליק ז״ל.
ר׳ הערש אלימלך בערגער ז״ל.	ר׳ משה שרייבער הי״ד.
ר׳ הערש רויזנצווייג ז״ל.	ר׳ צבי מערמעלשטיין ז״ל.
בנו ר׳ יחזקאל רויזנצווייג ז״ל.	ר׳ פנחס ראזענבערג ז״ל
ר׳ הערשל פליישמאן הי״ד.	ואחיו ר׳ יושע דוד ראזענבערג ז״ל.
ר׳ זושא׳לי שאנפעלד הי״ד.	ר׳ שאול ברוך גרינוואלד ז״ל.
ר׳ חיים שטענדיג הי״ד.	ר׳ שלמה ברוך זילבער ז״ל.
בנו מו״ה יוסף צבי שטענדיג הי״ד.	ועוד ועוד ...

אין יאָר תרצ״ג האָט זיך אַריבער געצויגן פון איהעלי קיין דעברעצין הרב ר׳ אהרן טייטלבוים ז״ל, אַ וואַרעמער חסיד׳ישער יוד, אַ האַרציגער בעל תפילה, מיט זיין משפחה. ער איז ביי אונז געווען דער שטענדיגער בעל תפילה. איך האָב כמעט נישט געהערט דאָרט קיין אַנדערן בעל תפילה דאַווענען. ימים טובים און ימים נוראים איז ער געווען דער בעל מוסף. ער האָט געדאַוונט אויף דעם זעלבן נוסח וואָס כ״ק אדמו״ר הגה״ק מסאַטמאַר האָט געדאַוונט.

פון לינקס צו רעכטס: הרב ר׳ ליפא טייטלבוים,
זיין זון דער חתן הרב ר׳ חיים צבי טייטלבוים, כ״ק אדמו״ר מהר״ם ט״ב שליט״א,
דער מחותן הרב ר׳ אלי׳ גרויס, דער מו״ל, הרב ר׳ אהרן טייטלבוים ז״ל

מיין פאָטער זצ״ל האָט יאָרן לאַנג געהאַט אַ שיעור יעדן פאַרטאָגס פון 5 אזייגער, ביז צו תפילת שחרית, מיט ר׳ **אהרן ט״ב** ז״ל און מיט ר׳ **מענדל שפיטצער** ע״ה. (ער איז נפטר געוואָרן אין ברוקלין.) ס׳איז געווען ביי אונז מנין ערב ובוקר. נאָך מנחה ומעריב האָט מיין פאָטער זצ״ל פאָרגעלערנט ברבים יעדן טאָג אַ פרק משניות. ער האָט עטליכע מאָל מסיים געווען ברבים ששה סדרי משנה. נאָך יעדן סיום האָט מען געמאַכט אַ שיינע סעודה.

פרייטאָג צונאַכטס, פלעגט מיין פאָטער זצ״ל באַלד קידוש מאַכן, אַפילו אין די ווינטער נעכט. מיר זענען נאָך געווען קליינע קינדער, און ער האָט געוואָלט אַז אַלע קינדער זאָלן הערן קידוש. שפּעטער אין מיטן די סעודה איז יעדן פרייטאָג נאַכט געקומען אַ גרויסער חסידישער עולם צום טיש, אויך פון די וואָס זענען נישט געווען פון זיינע

שטענדיגע מתפללים. מ׳האָט פאַרברענגט בשירות ותשבחות. און מ׳האָט געשטעלט וויין, כנהוג ביי אַ רבי׳שן טיש. אויך צו שלוש סעודות איז געווען אַ גרויסער עולם. סעודת מלוה דמלכה איז געפירט געוואָרן ברוב פאר, יעדע וואָך מיט אַ גרויסן עולם.

די ימים טובים האָבן געהאַט אַ באַזונדערן חן. דעם צווייטן טאָג פסח פאַר׳ן סוף סדר איז געווען גאָר אַ גרויסער עולם וואָס זענען געקומען צו ספירה ציילן. מ׳האָט פאַרברענגט מיט שירות ותשבחות כמעט ביז׳ן עלות השחר. אויך סוכות פלעגט מען זיך צוזאַם קומען צו שמחת בית השואבה. איך געדענק נאָך עטליכע ידידים וואָס פלעגן קומען, - הרב ר׳ אהרן טייטלבוים ז״ל, הרבני החסיד מו״ה ר׳ וואלף לאנדא ז״ל, ר׳ משה שרייבער הי״ד, ר׳ ישראל אייזנבערג הי״ד. (זיין יאָרצייט איז ד׳ דחוהמ״ס. איך בין געווען מיט אים אין אַרבעטס לאַגער אין גאָלעשוי. ביי די לעצטע סעלעקציע האָט מען אים ל״ע געפירט קיין אוישוויץ, הי״ד.) ר׳ יחזקאל ראזנצווייג ז״ל, ר׳ פנחס ואחיו ר׳ יושע דוד רויזנבערג ז״ל, ר׳ משה יושע שווארץ ז״ל, ר׳ הערשל פליישמאַן הי״ד, ר׳ דוד הכהן פערל הי״ד, ר׳ חיים שטענדיג הי״ד, - ועוד ועוד.

פורים פלעגט זיין לוסטיג און לעבעדיג ביז גאָר. ס׳פלעגט קומען אַ רידיגער עולם. עטליכע יאָר איז געווען ביי אונז אַ פורים רב כהן שדעתו יפה, הרבני מו״ה בנימין הכהן ווייס הי״ד (זיין אייניקל איז הרבני מו״ה בעריש הכהן ווייס נ״י, אַ וואַרעמער חסיד׳ישער יוד.) מיין פאָטער זצ״ל פלעגט אויך טרינקען כמעט עד דלא ידע.

(איך שרייב דאָ פאַרשידענע ענינים, כדי די שפּעטערע דורות פון מיין פאָטער זצ"ל און אויך אַפילו זיינע קינדער וואָס זענען נאָך געווען יונג פאַר די מלחמה און האָבן דאָס נישט געזען זאָלן וויסן דערפון, ווייל נאָך די מלחמה איז אַלעם פאַרענדערט געוואָרן.)

בילד פון ר' וואלף לאנדא ז"ל

ביום ז' אלול שנת תרצ"ג, איז געבוירן געוואָרן אונזער חשוב'ע שוועסטער מרת חי' שרה ע"ה, אין דעברעצין.

זומער אין יאָר תרצ"ה איז הגהצה"ק מרן ר' **אברהם שלום האלבערשטאם** דער סטראָפּקאָווער רבי זי"ע געווען צוגאַסט אין דעברעצין אויף איינִיגע טעג.

ער איז איינגעשטאַנען ביי ר׳ הערשל פליישמאן הי״ד. דער סטראָפּקאָווער רבי זי״ע האָט דעמאָלס געהאַט צו טאָן מיט די פיס, ער איז שווער געשטאַנען און קוים געקענט גיין. ביי די שמו״ע פון מנחה מעריב איז ער געבליבן זיצן, און פאַר מיר אלץ יונגל איז דאָס געווען אַ פלא.

כ״ק אדמו״ר מ׳סטראפקוב
מרן הגה״ק ר׳ אברהם שלום האלבערשטאם זצ״ל

אויף שבת איז דער רבי זצ״ל געפאָרן קיין סאבאסלוי נעבן דעברעצין אין באָד זיך צו היילן. ס׳איז אַהין געפאָרן אויף שבת אַ גרויסער עולם פון די אומגעגענט. מיין פאָטער זצ״ל האָט מיך אויך גענומען אַהין אויף שבת. איך בין דעמאָלס אַלט געווען 9 יאָר.

מיר זענען איינגעשטאנען ביי די מוטער פון ר׳ **שלמה ברוך זילבער** ז״ל. ר׳ שלמה ברוך ז״ל אַליין האָט געוואוינט אין דעברעצין. (ער פלעגט דאַווענען שחרית די הייליגע טעג אין מיין פאָטער׳ס ביהמ״ד. ער איז ב״ה ניצול געוואָרן צוזאַם מיט זיין משפחה אין יאָר תש״ד, און געקומען קיין אַמעריקא. זילבער׳ס קעטערינג באַלאַנגט פאַר זיין משפחה).

יאָרן שפּעטער האָב איך מיך ערשט דערוואוסט דורך

כ״ק אדמו״ר מסטראפקוב זצ״ל - אינדערמיט

מיין שוואגער, הגה״צ מוה״ר שלום קרויז שליט״א, אב״ד אודווארי יצ״ו, אז זיין פאָטער (מיין שווער), הרה״צ מוה״ר ר׳ שמואל דוד אב״ד אודווארי זצ״ל, איז אויך געווען יענעם שבת אין סאבאסלוי. האָט מיר דער אודווארי׳ער רב דערציילט אַז איידער זיין טאַטע איז אַהיים געפאָרן קיין אודווארי, איז ער זיך געגאַנגען געזעגענען ביים סטראָפּקאָוו׳ער רבי׳ן. דער רבי האָט אים בשום אופן נישט געוואָלט געזעגענען נאר אויב ער וועט קודם נעמען אַ קוויטל פון אים. ס׳האָבן נישט געהאָלפן קיין שום טענות פון מיין שווער זצ״ל. דער רבי האָט אַליין אָפּגעשריבן זיין אייגן קוויטל, עס איבער געגעבן פאַר מיין שווער, און ערשט דערנאָך האָט ער גענומען מיין שווער׳ס קוויטל. (מיין שוואָגער

דער אודוואַרי'ער רב שליט"א האָט נאָך געהאַט דאָס קוויטל די כת"י פון סטראָפּקאָוו'ער רבי'ן זצ"ל.)



ראדאמישלער רב זצ"ל (רעכטס) מיט הרה"צ ר' שמואל דוד קרויז זצ"ל אב"ד אודוואַרי - בערך שנת תרצ"ד אין באָד

תמוז אין יאָר תרצ"ה איז געבוירן געוואָרן ביי הרב ר' אהרן טייטלבוים ז"ל זיין זון ירמי' נ"י. אין דער צייט איז די באטור'ער רעבעצין (אשת דודי) די רעבעצין פון הרה"צ מוה"ר נפתלי טייטלבוים זצ"ל, געווען אין שפּיטאָל אין דעברעצין, און דער באטור'ער רב איז געקומען קיין דעברעצין מבקר חולה זיין זיין רעבעצין. אין דעם זעלבן טאָג האָט געזאָלט זיין דער ברית ביי ירמי' נ"י, האָט ר' אהרן ז"ל מכבד געווען דעם באטור'ער רב מיט סנדקאות. דאָרט איז געווען איינגעפירט אַז דער קוואַטער איז דער סנדק אויך, אָבער אַזוי ווי זיין רעבעצין וואָס האָט געזאָלט זיין קוואַטער'ן איז געווען אין שפּיטאָל, האָט מען מיך מכבד געווען מיט

קוואַטער׳שאַפט, ד.ה. אַז איך האָב איבערגעגעבן דאָס קינד פאַר דעם סנדק, (דער ברית איז געווען ביי אונז אין ביהמ״ד.)

מיר האָבן געוואוינט אין אַ הויף מיט נאָך 8 משפחות, צוזאַמען זענען מיר געווען בערך 69 קינדער. דאָס לאַנד שפּראַך איז געווען אונגאַריש, און אין די שולע האָט מען אויך נאָר געלערנט אויף אונגאַריש. עס איז געווען אַן אָרטאָדאָקסישע שולע, עקסטערע יונגלעך, עקסטערע מיידלעך, אָבער די שפּראַך איז דאָרט אויך געווען אויף אונגאַריש, אויף אַזוי ווייט אַז די קליינע קינדער, און מיידלעך איבערהויפּט, האָבן בכלל נישט געקענט רעדן קיין אידיש.

י״ב תמוז שנת תרצ״ה, אין שבת קודש, איז מיין ברודער **מיכאל** נ״י געבוירן געוואָרן. זיין סנדק איז געווען דער דעברעצינ׳ער רב הרב שטראססער זצ״ל.

ביים מלמד ר׳ בעריש קעסלער האָבן זיך פאַרמערט די תלמידים, און איך האָב שוין אויך געדאַרפט גיין אין אַ גרעסערע קלאַס, בין איך געגאַנגען לערנען אין די שטאָטישע ת״ת, אין די כתה פון הרב ר׳ **אייזיק וויינבערגער** הי״ד. ער איז געווען פון די פאַרצייטישע חסיד׳ישע אידן. זיין עולם הבא מסכת איז געווען, מסכת ביצה (עס זענען דאָ אידן וואָס האָבן זיך באשטימט איין מסכת, און דאָס לערנען זיי און חזר׳ן דאָס שטענדיג, ביים לייגן, ביים גיין, וכדומה. דאָס פלעגט מען רופן אַן עולם הבא מסכת). שטענדיג גייענדיג אָדער בשעת ווען ער האָט נישט געלערנט מיט די יונגלעך, האָט ער דאָס גע׳חזר׳ט אויסעווייניג.

ער איז געווען זייער אַ שיינער בעל תפילה. ער איז געוועזן דער בעל קורא אַ גאַנץ יאָר אין די קאסאני׳ער קלויז, און אויך דער בעל מוסף אין די ימים נוראים. מיר, די יונגלעך פלעגן אים פאַרהערן לויט זיין פאַרלאנג. ער האָט געקענט די גאַנצע חמשה חומשי תורה אויסעווייניג מיט יעדן טראָפּ. יעדן יו״ט די מיטל נאַכט פלעגט ער קומען צו אונז דאַוונען.

אין די ניין טעג, אויב ס׳איז אויסגעקומען אַז ער האָט געדאַרפט שלאָגן איינעם פון די קינדער, פלעגט ער זאָגן (פאַר אַ ווערטל), ״עס שטייט אַז מ׳זאָל נישט שעלטן אָדער שלאָגן די קינדער. שלאָגן טאָר מען נישט, שעלטן טאָר מען נישט, אָבער אַזאַ גוטע געזונטע ציפּ מעג מען יאָ געבן.״ ער איז אויך נעבעך אומגעקומען עקה״ש בשנת תש״ד הי״ד.

צוועלפטער קאַפּיטל

ביים סאַטמאַרער רבי'ן זי"ע

אין יאָר תרצ"ה שבת מברכין ר"ח אלול, איז כ"ק אדמו"ר מסאַטמאַר זצלה"ה געווען אין באניע. מיין פאָטער זצ"ל האָט געהאַט גרויס חשק צו פאָרן צום רבי'ן אויף שבת. ער האָט מיך אויך געוואָלט מיטנעמען, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין פּאַס. און איך האָב אויך נישט געהאַט קיין פּאַס, (אין יענע צייט איז באניע געווען רומעניע, אין דעברעצין איז געווען אונגאַרן. כדי צו קענען פאָרן פון איין מדינה צו די אַנדערע האָט



כ"ק אדמו"ר מסאטמאר - מרן ר' יואל טייטלבוים זי"ע

אויסגעפעלט אַ פּאַס.) מיין פאָטער זצ"ל האָט זיך געבארגט אַ פּאַס פון ר' אהרן ט"ב ז"ל אין וועלכען עס איז אויך געווען אריינגעשריבן זיין זון לייבוש נ"י וואָס איז אַלט געווען 5 יאָר. איך בין געווען הויך געוואַקסן און איך האָב נישט

געקענט פאָרן מיט דעם פּאַס אַלס 5 יעריג יונגל, ממילא איז מיין יונגערער ברודער רפאל נ"י מיט געפאָרן מיט מיין פאָטער זצ"ל אויף ר' אהרן'ס פּאַס.

ווען זיי זענען אַהיים געקומען האָט מיין ברודער רפאל דערציילט, אַז בשעת מען האָט געדאַווענט מוסף, איז ער געשטאַנען געגן איבער דעם רבין זי"ע. ער האָט געזען ווי דער רבי זצ"ל פאַרגיסט טייכן טרערן, און ער האָט זיך זייער געוואונדערט פאַרוואָס דער רבי וויינט אַזוי שטאַרק.

מיין פאָטער זצ"ל האָט דערציילט אַז ווען ער איז געווען ביחידות מיט אַ קוויטל ביים רבי'ן זצ"ל איז אריינגעקומען אַ דעלעגאציע פון סאַטמאַר פון די חשוב'סטע אנשים מכובדים וחסידים, פאָרלייגן דעם פאָלגענדן פּלאַן. וויבאַלד מ'האַלט אין מיטן בויען דאָס נייע ביהמ"ד פאַר'ן רבין זצ"ל און קיין געלט איז נישט דא, זאָל מען פאַרקויפן שטעט (זיצן) אין ביהמ"ד. עס וועלן זיכער זיין עטליכע נגידים וואָס וועלן זיין אינטערעסירט צו קויפן שטעט, און פון דעם וועט זיין אַ הכנסה פאַר'ן ביהמ"ד. דער רבי זצ"ל האָט אָבער בשום אופן נישט מסכים געווען דערצו.

ווען זיי זענען ארויס געגאַנגען, און מיין פאָטער זצ"ל איז דאָרט געבליבן, האָט דער רבי זצ"ל זיך אָנגערופן צו אים "פאַרוואָס וויל איך נישט אַז מ'זאָל פאַרקויפן זיצן אין מיין בית המדרש?, ווייל איך וויל נישט אַז ס'זאָלן זיין בעלי בתים אויף מיין ביהמ"ד! דער וואָס קויפט אַ זיץ פילט דאָך אַז ער איז בעל הבית אין דעם בית מדרש, ווייל פון זיין

געלט האָט מען דאָך געבויט דאָס ביהמ״ד. דאָס וויל איך נישט!״.

כ״ק אדמו״ר מסאטמאר זצ״ל

אין יאָר תרצ״ו, איז כ״ק אדמו״ר הרה״צ מרן ר׳ יואל טייטלבוים זצלה״ה געווען אויף אַ לינת לילה אין דעברעצין, האָט ער געדאַוונט ביי אונז אין ביהמ״ד שחרית.

צווישן די מתפללים איז אויך געווען איינער אַ שתדלן ביי די פאָליציי וכדומה, וואָס מ׳האָט נישט געוואָלט האָבן מיט אים קיין סאַך צו טאָן. מ׳האָט מורא געהאַט פון אים. אינמיטן דאַווענען האָט כ״ק אדמו״ר זצ״ל געזען אַז זיינע תפילין זענען נישט אויפן פלאַץ, איז ער צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים פאַרראָכטן די תפילין.

מיר (אַלס יונגל) האָט דאָס אויסגעקוקט ווי אַ דערוועגעניש צו זאָגן פאַר אזא פערזענליכקייט אַז זיינע תפילין זענען נישט אויפן פלאַץ, וד"ל.

אדמו"ר מ'סאַטמאַר זצ"ל איז געבליבן ביי אונז אויף אַן אנבייס (פרישטאָג), דערנאָך האָט אים מיין פאָטער זצ"ל געגעבן אַ קוויטל. מיין מוטער ע"ה האָט געבעטן אַז דער רבי זאָל אנווינטשן אַז איהר מיידל חי' שרה ע"ה, זאָל קענען רעדן אידיש (זי איז אַלט געווען איבער 3 יאָר). האָט דער רבי זי"ע געענטפערט, "זי וועט נאָך רעדן, זי וועט נאָך רעדן." (מיר די יונגלעך וואָס זענען געקומען פון קערעסטיר האָבן געקענט נאָר אידיש. מיין פאָטער זצ"ל האָט אויך נישט געקענט רעדן אונגאַריש, ווייל אין בערבעשט וואו ער איז געבוירן האָט מען נאָר גערעדט רומעניש).

אויף שבועות וואָס איז אויסגעפאַלן אין יענעם יאָר מיטוואָך און דאָנערשטאָג, איז געפאָרן אַ גרויסער עולם פון דעברעצין קיין סאַטמאַר. מיין פאָטער זצ"ל איז אויך געפאָרן. דעמאָלס האָט ער שוין געהאַט אַ פּאַס סיי פאַר זיך און סיי פאַר מיר, בין איך אויך מיטגעפאָרן. מיר זענען אָנגעקומען ערב יו"ט צופרי. די אכסני' האָבן מיר געהאַט ביי הרה"ח ר' **יחזקאל טייטלבוים** הי"ד. (ברודער פון הרב ר' אלחנן חיים טייטלבוים ז"ל וואָס האָט שפּעטער געוואוינט אין ברוקלין).

דער ר' יחזקאל האָט פריער געוואוינט אין דעברעצין זייענדיג אַן איידעם ביי ר' **צבי אייזנבערג** הי"ד. ער האָט געהאַט קינדער אין מיין עלטער, מיט וועם איך בין צוזאַמען געגאַנגען אין חדר. זיין ווייב איז ל"ע נפטר געוואָרן יונגערהייט, און די קינדער זענען געבליבן קליינע יתומים

ל״ע, האָט ער נאָכאַמאָל חתונה געהאַט קיין סאַטמאַר, (וואָס ס׳איז דעמאָלס געווען רומעניען).

זיי האָבן געהאַט אין סאַטמאַר אַ גרויסע דירה. מיר, די קינדער האָבן זיך שטאַרק געפריידט, אַז מיר האָבן זיך נאָכאַמאָל געטראָפן. הרב ר׳ אהרן טייטלבוים ז״ל איז אויך דאָרט איינגעשטאַנען.

מיר זענען געגאַנגען שלום נעמען פון רבין זצ״ל. אויפן וועג זענען מיר אַריין אין נייעם ביהמ״ד. דער ארון קודש איז ערשט ערב יו״ט פאַרטיג געוואָרן. די לייטערס (סקעפאָלד״ס) זענען נאָך געשטאַנען. אין די צוויי זייטן פון ארון הקודש זענען געווען צוויי בלומען האַלטערס וואו מ׳האָט אריינגעלייגט שיינע גרויסע בלומען. מיין פאָטער זצ״ל האָט געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז ווען די בלומען וועלן פאַרפוילט ווערן, וועט מען זיי נישט קענען ארויס נעמען, ווייל ס׳איז זייער הויעך, דערפאַר וואָלט מען געדאַרפט אַריין לייגן קונסטליכע בלומען, אָבער ס׳איז שוין געווען שפעט ס׳איז נישט געווען בכדי שיעשו. מהאָט שוין געהאַלטן אינמיטן צונעמען די לייטערס (סקעפאָלד״ס), און עס איז אַזוי געבליבן.

פון ביהמ״ד זענען מיר געגאַנגען שלום נעמען ביים רבין זצ״ל. דער רבי זצ״ל האָט מיך געפרעגט וואָס איך לערן, האָב איך געזאָגט הלכות מליחה. (יענעם זומער אין יאָר תרצ״ו האָבן מיר אַפּאָר יונגלעך געלערנט אַפּאָר וואָכן ביי הבחור חי״ל וויינבערגער הי״ד (בנו של הרה״ח ר׳ אייזיק וו״ב הי״ד) יורה דעה הלכות מליחה.) ער האָט מיך געפרעגט די טעמים פון מליחה. איך האָב אים זייער גוט געענטפערט, און ער האָט דערפון הנאה געהאַט.

יו"ט ביינאַכט איז מיין פאָטער זצ"ל געזעסן אויבן אָן כמעט נעבן רבין זצ"ל, און איך בין געזעסן אויף זיין שויס. בשעת לחיים געבן האָב איך אויך געגעבן לחיים און איך האָב געוואָלט קושן די הענט, האָט זיך דער רבי זצ"ל אָנגערופן "ס'דערקענט זיך אַז דו ביזט אַן אונגאַרישער", (ווייל די דאָרטיגע האָבן געוואוסט אַז מ'קושט נישט די האַנט בשעת'ן לחיים געבן, אינמיטן די סעודה).

איך געדענק נאָך דעם פסוק אויף וואָס דער רבי זצ"ל האָט זיך דעמאָלס געשטעלט ביי די תורה, "כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל", "כה תאמר לבית יעקב, דברים רכים, ותגד לבני ישראל, אלו דברים קשים כגידים", האָט דער רבי זצ"ל געפרעגט אַז מיר געפינען נישט ער זאָל זאָגן צוויי ערליי דיבורים, (דעם תירוץ וואָס דער רבי זצ"ל האָט געזאָגט געדענק איך שוין נישט).

ס'איז געווען זייער אַ שיינער יו"ט. יעדער האָט זייער הנאה געהאַט. מוצאי יו"ט האָט זיך מיין פאָטער זצ"ל נישט געזעגנט, ווייל מיר זענען צוגעפאָרן צו די בערבעשט'ער באַבע'ן ע"ה וועלכע האָט זיך אויפגעהאַלטן אין סיגעט, ביים עלטסטן זון הרה"ג ר' זלמן לייב הי"ד. (וואָס איז אויך געווען רומעניען).

צום באַבע'ן איז אויך געקומען אויף דעם שבת נאָך אַ זון, הרה"ג מוה"ר יחיאל מיכל ניסן ז"ל דומ"צ סאַטמאַר אודוואָרי. דאָרט האָב איך אים געזען צום ערשטן און צום לעצטן מאָל.

ווען איך בין געווען פרייטאָג פאַרמיטאָגביים פעטער ר׳ זלמן לייב הי״ד, האָב איך בייגעוואוינט אַ דין תורה פון צוויי בעלי דינים. איינער האָט געפאָדערט פון אַנדערן הונדערט לייי, און דער אַנדערער בעל דין האָט געפאָדערט פון ערשטן בעל דין צוויי הונדערט לייי. דאָס ארעמקייט איז דאָרט אַזוי גרויס געווען אַז פאַר הונדערט לייי איז מען געגאַנגען צו אַ דין תורה. (רי רומענישע מטבע רופט זיך לייי היינט הייסט דאָס אויך אַזוי. 10 לייי האָט דאַן געהאַט די ווערט ווי איין צענט אין אַמעריקא!).

פרייטאָג צונאַכטס האָבן מיר געגעסן מיט די באַבע און פעטער מיכל ביים פעטער ר׳ משה, מיין פאָטער׳ס ברודער הי״ד, וועלכער האָט אויך דאָרט געוואוינט. שבת מיטאָג האָבן מיר געגעסן די סעודה ביים פעטער ר׳ זלמן לייב הי״ד. זונטאָג נאַכט זענען מיר צוריק געפאָרן קיין סאַטמאַר און מיר זענען באַלד צו געגאַנגען צום רבי״ן זצ״ל.

מיין פאָטער זצ״ל האָט זיך געוואָלט געזעגענען, אָבער דער רבי האָט דעמאָלס קיינעם נישט געזעגנט, ווייל ער האָט געהאַלטן אינמיטן פאָרלערנען פאַר די בחורים אין דעם גבאי׳ס שטוב.

דאָרט אין פאָדער שטוב איז געווען אַ דיוואַן (קויט״ש). און איך האָב מיך דאָרט אַראָפּגעלייגט, און זייער געשמאַק געשלאָפן ביים רבינ׳ס פאָרלערנען. גאַנץ שפעט פאַרטאָגס האָט זיך מיין פאָטער זצ״ל געזעגנט.

מאנטאָג נאָכמיטאָג זענען מיר אַהיים געפאָרן קיין דעברעצין. דער פלאַן איז געווען אַז אויפן וועג אַהיים וועט מיין פאָטער זצ״ל אָפּשטייגן אין קראָלי זיך צוטרעפן מיט

זיין ברודער הרב ר' שמואל הי"ד דער קראלע'ר רב. האָט אָבער דער אייבירשטער אַזוי געפירט אַז פאָרנדיג צו די באַן סטאַנציע מיט אַ פיאַקער (וואָגן), האָבן מיר געזען אַ פיאַקער וואָס איז אונז אַקעגן געקומען פון די באַן סטאַנציע, און דערין איז געזעסן נישט קיין אַנדערער ווי דער קראָלער רב הרב ר' שמואל הי"ד, וואָס איז געקומען קיין סאַטמאַר צוליב אַ וויכטיגן ענין וואָס ער האָט געוואָלט דורכשמועסן מיטן רבי'ן זצ"ל.

מיר האָבן זיך תיכף צוריקגעדרייט, און צוגעפאָרן צו די

כ"ק אדמו"ר מסאטמאר ווען ער איז געפאָרן קיין פוילן אין יאָר תרצ"ז פאַר די מלחמה

אכסני' וואו דער קראלע'ר רב איז איינגעשטאַנען, ביי הרה"ח ר' קלמן ווייס הי"ד, (זיינע קינדער זענען געווען תלמידים פונעם קראלע'ר רב. מ'האָט יענעם טאָג געהאַט ארויסגענומען די מאנדלען פון זיינע צוויי זון הרה"ח מו"ה מרדכי אהרן נ"י און להבל"ח זיין ברודער מו"ה דוד מאיר ז"ל.) וויבאַלד מיר האָבן זיך שוין געטראָפן מיטן פעטער פון קראָלי, זענען מיר

פון סאַטמאַר גראָד אַהיים געפאָרן קיין דעברעצין אָן אָפּשטעל.

דרייצנטער קאַפּיטל

די פּטירה פון די בערבעשטער באַבע

י״ח אלול, שבת קודש, אין יאָר תרצ״ו איז אָנגעקומען אַ קאַרטל פון די באַבע׳ן ע״ה פון בערבעשט. זי שרייבט דאָרט אַז זי פיהלט זיך זייער נישט גוט. זי שרייבט צו אַז ״זי מיינט אַז דאָס איז דאָס לעצטע קאַרטל וואָס זי וועט שרייבן...״

אַזוי ווי מיין פאָטער זצ״ל האָט באַקומען דאָס קאַרטל, איז ער תיכף זונטאָג אינדערפרי געפאָרן קיין בערבעשט, מיטנעמענדיג אַ פלאַש גוטן טאקאַי׳ער וויין.

ווען מיין פאָטער זצ״ל איז אָנגעקומען האָט זיך די באַבע ע״ה זייער דערפרייט, ווייל פונקט פאַר דעם האָט זי געהאַט געזאָגט ״הלואי קומט נפתלי און ברענגט אַ ביסל גוטן וויין״. (דעמאָלס איז נישט געווען קיין פאַרטייבונגס פיל״ן (פּעי״ן קילער״ס) און זי האָט געהאַט גרויסע יסורים. די שטאַרקע וויין האָט אַביסל געשטילט די יסורים.) אַלע איהרע קינדער זענען דעמאָלס דאָרט געווען.

מאנטאָג אינדערפרי האָט זיך דער מצב אַביסל געבעסערט. דער קראָלע׳ר רב האָט געוואָלט אַהיים פאָרן, האָט זי אים געבעטן אַז ער זאָל נישט פאָרן. זי האָט דעם סיגעטער ראב״ד און דעם קראלער רב גערופן צו זיך אין שטוב און זי האָט פון זיי פאַרלאנגט זיי זאָלן איהר צוזאָגן אַז לאמו״ש זאָל מען איר טראָגן קיין סיגעט. זי האָט געזאָגט אַז וויבאַלד זי האָט משמש געווען דעם זיידן דעם ייטב לב

בחיים, (ווייל זי איז נתגדל געוואָרן ביי אים,) וויל זי אים משמש זיין בעולם העליון אויך. זיי האָבן איהר דאָס געמוזט צו זאָגן.

זי האָט אַמאָל דערציילט, אַז איינמאָל פסח ביינאַכט האָט זי זיך זייער שלעכט געשפּירט. זי האָט זיך דעמאָלס דערמאַנט, אַז אַמאָל איז זי געווען פסח ביים סדר פונ'ם זיידן דער ייטב-לב. בשעת דער ייטב לב האט געזאגט תורה, האָט ער געטייטשט די הגדה, מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות, שבכל הלילות אנו אוכלים חמץ ומצה הלילה הזה כולו מצה, האָט ער געזאָגט אַזוי, חמץ מיינט חלילה נישט גוט, מצה מיינט גוט, ווייל דער זוהר הקדוש רופט דאָך אָן די מצה "מיכלא דאַסוותא" אַ מאכל וואָס היילט. אַ גאַנץ יאָר איז חמץ-ומצה, חלילה שלעכט און אויך גוט, אָבער הלילה הזה די נאכט פון פסח כלו מצה איז נאָר גוט נאָר חסדים. פאַרוואָס יעצט פסח נאַכט שפּירט זי זיך אַזוי נישט גוט? האָט די באַבע צו זיך געטראַכט. אַזוי טראַכטנדיג פון די תורה איז איר באַלד בעסער געוואָרן.

ביום ג', כ"א אלול, האָט זי צוריק געגעבן איר טייערע ריינע נשמה אין אנוועזענהייט פון אַלע איהרע קינדער. מ'האָט מקיים געווען איר צוואה, און מ'האָט איר געפירט קיין סיגעט, וואו זי איז נטמן געוואָרן נעבן דעם אוהל פון ייטב-לב. (ווען איך בין געפאָרן פון אַמעריקא אויף קברי אבות אין שנת תשכ"ד, האָב איך געזעהן אין סיגעט אויפן בית החיים, אַז אויפן קבר פון באַבע'ן און די ארומיגע קברים איז

ארויסגעוואַקסן אַ גרויסער ווילדער פלוימען בוים וואָס האָט די מצבות אַוועק געריקט פון פלאַץ און ס'איז געווען אַ סכנה אַז אַלע מצבות ארום וועלן אומפאַלן.

איך האָב געבעטן דעם שומר פון ביה"ח ער זאָל דעם בוים אויסהאקן, דער שומר האָט מיר געזאָגט אַז אויפן ביה"ח טאָר ער גאָר נישט טאָן סיידן ער זאָל באַקומען רשות פון דעם רב הראשי אין בוקאַרעשט וואָס איז דעמאָלס געווען הרב ראזן ז"ל. איך האָב געשריבן צו הרב ראזן וועגן דעם, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער קען נישט הייסן אויס האקן דעם בוים, ווייל עס איז אַ פרוכט בוים, ביז ער באקומט נישט אַ היתר פון דריי רבנים. איך האָב אָנגעפרעגט אונזער מחותן הרה"ג מוה"ר שמואל הלוי וואזנער שליט"א, בעל שבט הלוי, און ער האָט מיר געענטפערט אַ תשובה, די שאלה ותשובה איז געדרוקט אין שו"ת שבט הלוי. אויך

הרב וואזנער שליט"א
עם בנו הרב ר' מרדכי אלימלך שליט"א

האָב איך אָנגעפרעגט ש"ב הרה"ג מוה"ר חנני' יו"ט ליפא טייטלבוים זצ"ל אב"ד ניר-באטור בעה"ח ספרי לבושי יו"ט בארבע חלקים. האָט ער מיר אויך געענטפערט אַ תשובה, די תשובה איז געדרוקט אין ספר לבושי יו"ט. איך האָב אויך אָנגעפרעגט הרה"צ אדמו"ר מסאַטמאַר שליט"א, וואָס איז דעמאָלס געווען אדמו"ר מ'סיגעט, און ער האָט אויך מסכים געווען אַז מ'מעג אויס האקן דעם בוים, אָבער בכתב האָט ער מיר דאָס נישט געגעבן. איך האָב די צוויי תשובות אַוועק געשיקט פאַר הרב ראזן ז"ל און ער האָט באַפוילן אַז מ'זאָל אויסהאקן דעם בוים.

צוויי יאָר שפּעטער בין איך נאָכאַמאָל געווען אין סיגעט און איך האָב באַצאלט פאַר'ן שומר פאַר'ן אויס האקן דעם בוים. אויך האָב איך אים געבעטן אַז ער זאָל פאַרריכטן געהעריג די מצבות, און ער זאָל מאַכן אַ בעטל פאַר די דריי מצבות וואָס זענען איינס נעבן אַנדערן, 1) די שוועסטער פון אדמו"ר מהר"ם ט"ב אב"ד דסאַטמאַר שליט"א (אַ טאָכטער פון עצי חיים זצ"ל, וואָס איז

פון רעכטס צו לינקס: באטור'ער רב זצ"ל, אודווארי'ער רב שליט"א, כ"ק אאמו"ר זצ"ל, המו"ל. בעת סעודת הכנסת ס"ת א' סיון תשל"ט

ל"ע אַוועק יונגערהייט,) 2) די מצבה פון די באַבע ע"ה, 3) די מצבה פון די באַבעס אַ שוועסטער רבקה ע"ה, (אשת דודי הרה"ח מו"ה יחיאל מיכל פרענקל תאומים הי"ד, סופר אין סיגעט, וואָס איז נפטר געוואָרן אין שנת תש"ב,) ווען איך בין געווען לעצטנס אין סיגעט בשנת תשנ"ז און אויך ב' מנחם אב תש"ם איז דאָרט אַלעס געווען בסדר.

מיין פאָטער זצ"ל איז מיטוואָך נאָך די לוי' באַלד אַהיים געקומען, און זיך געזעצט שבעה ל"ע. כמעט די גאַנצע שטאָט איז אים געקומען מנחם אבל זיין. ער האָט געדאַוונט פאַר'ן עמוד אַ גאַנץ יאָר.

אין יאָר פון די פטירה האָט איינמאָל ביי אונז באַזוכט דער פעטער דער באטור׳ער רב הרב ר׳ נפתלי זצ״ל. (דער ברודער פון מיין טאטע׳ס מאמע).

בילד פון די באַבע׳ס מצבה און די מצבה פון איר שוועסטער,
(די באַבע׳ס זון הרה״ג מוה״ר יקותיאל יהודא הי״ד ע״ה איז געווען אַן איידעם ביי איר שוועסטער)
דאָס געפינט זיך אין סיגעט נעבן דעם אוהל פון זייער זיידן דער הייליגער ייטב לב.

ער האָט נישט געוואוסט אַז זיין שוועסטער איז ל״ע נפטר געוואָרן. מיין פאָטער זצ״ל האָט נישט געדאַווענט יענעם טאָג פאַר׳ן עמוד, כדי ער זאָל נישט געוואָר ווערן, אַז זיין שוועסטער איז שוין נישט דאָ ל״ע.



מצבה פון באטור'ער רב - הרה"צ ר' נפתלי זצ"ל, נפטר לב"ע ג' אלול תרח"ץ
יומא דהילולא של אמו
הרבנית הצדיקת הענדל ע"ה

די מצבת פון זיינע עלטערן הגה"ק בעל היטב איטיב זצ"ל חוגתו הרבנית ע"ה נאכן פארעכטין בשנת תש"ם

פערצנטער קאַפּיטל

נאָך אַ פאַרלוסט ל״ע

אָנפאַנג שנת תרצ״ו האָט דער בעל הבית פון אונזער הויז, פאַרקויפט אונזער דירה, פאַר אַ לערער פון די שטאַטוס-קוואָ שולע, מיטן נאָמען קערטעס. ער האָט אונז געגעבן אַ יאָר צייט אַז מיר זאָלן זיך ארויסציען פון אונזער דירה. מיר האָבן אָבער נישט געטראָפן קיין געהעריגע הויז וואו מיר זאָלן זיך קענען אַריבער ציען. דער נייער בעל הבית האָט אָבער פון גאָרנישט געוואָלט וויסן. ער האָט אָנגעהויבן איבער צו בויען אונזער דירה לויט זיין פּלאַן, בשעת מיר האָבן נאָך דאָרט געוואוינט, און מיר האָבן גאָר נישט געקענט טאָן דערקעגן. צום סוף האָט ער אונז ממש ארויס-געשטעלט אויף די גאַס.

ענדליך האָבן מיר געטראָפן אַ הויז וואו זיך אַריין צו ציען אָבער עס איז נישט פאַרטיג געווען. עס האָט זיך אויף אונז מרחם געווען ר׳ דוד הכהן פּערל הי״ד, און אונז אריינגענומען צו זיך אויף דערווייל אין זיין דירה. ער האָט געוואוינט פּונקט געגן איבערן הויז וואו מיר האָבן געוואוינט. ער האָט געהאַט אַ קליינע דירה, און מיר האָבן זיך דאָרט ענג פּלאַצירט אויף בערך פיר וואָכן. מ׳האָט אויך דאָרט געדאַוונט, ביז ס׳איז פאַרטיג געוואָרן דאָס הויז אויף האָטוואָן גאַס 14#. און מיר האָבן זיך אריינגעצויגן אָנפאַנג זומער תרצ״ז.

די נייע דירה איז געווען אַ דירה מרווחת לויט וואָס מיר האָבן פריער געהאַט, 3 שלאָף שטיבער, אַ גרויסע ספרים שטוב, אַ בית המדרש, אַ קאָך, און אַ שפּייז, (דאָס איז אַ שטוב וואו מ'האַלט לעבנ'ס מיטל, מעל, צוקער, אַלע רויע זאַכן וכדומה. פענטר"י בלע"ז.) מיר האָבן זיך אַריבער געצויגן פרייטאָג (איך האָב זייער אַסאַך געהאָלפן ביים אַריבערציען, אַרויף פּאַקן די ספרים אויפן וואָגן און אַראָפּ נעמען פון וואָגן. איך בין געגאַנגען אַסאַך מאָל אהין און צוריק). פרייטאָג פאַרנאַכט איז שוין געווען געהעריג מנין אויפן נייעם פלאַץ. ביים דאַווענען פרייטאָג צונאַכטס בין איך פון גרויס מידקייט איינגעשלאָפן אויף אַ בענקל, און איך האָב מיך ערשט אויפגעכאַפּט שבת צופרי.

ווינטער פרשת שמות תרצ"ז, האָט הרה"צ ר' יעקעלע לייפער זצ"ל הי"ד, אַ נאַדווערנער אייניקל (מען פלעגט אים רופן דער טשאקאנאיער רבי, אויפן נאָמען פונם גאַס "טשאקאנאי" וואו ער האָט געוואוינט.) חתונה געמאַכט זיין טאָכטער אין דעברעצין, מיט אַ זון פון מעליצ'ער רב זצ"ל הי"ד, הבחור החתן בנש"ק ר' יחזקאל'ע הורוויטץ ז"ל הי"ד.

דער חתן איז געווען אַ ברודער פון הרב ר' חיים פנחס הורוויטץ ז"ל הי"ד. ר' חיים פנחס איז געווען אַן איידעם ביי מיין פאָטער'ס ברודער דער קראָלע'ר רב הרה"ג מוה"ר ר' שמואל גרויס זצ"ל הי"ד.

(אין קראלי זענען געווען צוויי באַזונדערע קהלות. דער רב אין די אַנדערע קהלה איז געווען הרה"צ מוה"ר ר' אביש הורוויץ זצ"ל הי"ד, אַ ברודער פון דעם מעליצער רב. הרב ר' אביש זצ"ל הי"ד געווען אַ פעטער פאַר דעם איידעם פון מיין פעטער דער קראָלער רב ר' שמואל זצ"ל הי"ד.)

די סעודת החתונה איז געווען אין די קאסאנ'ער קלויז.

אויף שבת פּרשת שמות איז דער סיגעטער רב הרה״צ ר׳ יקותיאל יודא טייטלבוים זצ״ל הי״ד, געקומען פון רומעניען (דעמאלס איז סיגעט געווען רומעניען) קיין נירעדהאז אויף שבת. מיין פאטער זצ״ל איז אויך געפאָרן קיין נירעדהאז לכבוד אים, און איז געבליבן דאָרט ביז זונטאג שפּעט ביינאַכט.

זונטאג נאָך מנחה מעריב זענען געקומען צו אונז געסט אויף אַ וויזיט, דעם חתן׳ס ברודער הרב ר׳ חיים פנחס. אַזוי ווי ס׳איז געווען אין די טעג פון די שבע ברכות פון זיין ברודער, איז ער געקומען מיט׳ן שטריימל אויף די גאַס. וואָס אין דעברעצין אפילו ווער ס׳האָט געטראָגן שבת ויו״ט אַ שטריימל איז נישט געגאַנגען דערמיט אויף די גאַס (אויסער מיין פאָטער זצ״ל און הרב ר׳ אהרן טייטלבוים ז״ל). און נאָכדערצו אין דערוואָכן. צוליב דעם איז דאָס געבליבן ביי מיר אַזוי שטאַרק איינגעקריצט אין זכרון.

(און פאַרוואָס שרייב איך דאָס? למען ידעו דור אחרון, כדי מ׳זאָל וויסן ווי אזוי די נאָנטע משפחה מיטגלידער האָבן זיך געפירט פאַר די מלחמה. אַלע טעג פון די שבע ברכות זענען זיי געגאַנגען מיט מלבושי שבת).

אין יאָר תרצ״ז, איז געבוירן געוואָרן אונזער ברודער **יקותיאל יהודא** ז״ל וועלכער איז נפטר געוואָרן פאַר ער איז אַלט געוואָרן דריי יאָר. ער האָט ל״ע באַקומען ״פּאָלי״אָ״ קראַנקהייט ביום ה׳ ב׳ כסלו תרצ״ט, און איז נפטר געוואָרן תיכף דערויף, זונטאָג ה׳ כסלו שנת תרצ״ט אין שפּיטאָל, אין דעברעצין.

דעמאָלס האָט מען געהאַלטן אַז די מחלה ל"ע איז אָנשטעקיג (קאָנטעזשע"ס), האָט די שפיטאָל פאַרוואַלטונג באַלד פאַרשטענדיגט די פאָליציי אַז איינער איז יעצט אַוועק פון די קראַנקהייט. די פאָליציי האָבן פאַרשלאסן אונזער גאַנצע הויז (וואו ער איז געווען פאַר ער איז אַוועק.) זיי האָבן אַרויף געלייגט אַ רויטן טאוול אויפן דרויסנדיגן טויער, מען זאָל וויסן אַז אין דעם הויז טאָר מען נישט אַריין גיין, ווייל עס איז דאָ דאָרט חלילה אַ אנשטעקיגע קראַנקהייט.

ווען מען האָט געזען אין הויז וואָס דאָ גייט פאָר, האָט יעדער וואָס איז נישט פון די משפחה געמאַכט פליטה פון הויז, נאך פאַר די פאָליציי זענען דאָס געקומען פאַרשפאַרן, אויסער איין פרוי וואָס האָט נישט באוויזן אַוועק צו גיין, (זי איז געווען די טאָכטער פון בויאמ'ער שו"ב הי"ד, אשת הרה"ח ר' אליעזר וואלף ז"ל, אחות ר' חיים משה מאַרקאוויטש נ"י).

ווען די פאָליציי איז געקומען פאַרשפאַרן דאָס הויז איז אויך מיט געקומען אַ דאָקטאָר. ער האָט געפרעגט פאַרשידענע שאלות. איין שאלה איז געווען אויב דאָס קינד האָט נישט געהאַט קיין שייכות אָדער געגעסן מיט איינעם פון די "סאבאלטש'ער" געגנט. מיר האָבן געזאָגט אַז ניין, דערנאָך האָבן מיר זיך דערמאַנט אַז יא.

איינער פון יענע געגנט, וואָס האָט זיך געדאַרפט שטעלן צום מיליטער אין דעברעצין, איז געקומען קיין דעברעצין. ביז'ן זמן וואָס ער האָט זיך געדאַרפט שטעלן האָט ער נאָך געהאַט אַפּאָר שעה צייט. נו, וואו גייט מען אַז נישט צום קערעסטירער


כ"ק אאמו"ר זצ"ל

רבי'ן ר' נפתלי'ן? איז ער געקומען צו אונז אין הויז, און דאָרט זייענדיג אין ביהמ"ד האָט ער געגעסן קוכן, וואָס ער האָט מיט זיך מיט געברענגט פון דערהיים. דאָס קינד זלמן לייב איז דאָרט געשטאַנען נעבן אים, האָט ער אים אויך געגעבן אַ שטיקל קוכן צו עסן.

די פּאָליציי האָט געשטעלט אַ פּאָליציי וואַך אויסערן טויער, אין יוצא ואין בא. לעבנס מיטל האָט מען איינמאָל אין טאָג אַריין געלייגט אין הויף אָבער מען האָט נישט געלאָזט קומען אין באַרירונג און פאַרקערן מיט די מענטשן פון הויף. יעדער וואָס איז דאָרט געווען האָט נישט געטאָרט ארויס גיין פון הויז 21 טעג, צו די לוי' ל"ע וואָס איז געווען מאנטאָג האָט קיינער פון אונז נישט געקענט אַנטייל נעמען. מיר האָבן אַפילו נישט געוואוסט וואו מען האָט אים געלייגט.

(אין שנת תשכ"ד ווען איך בין געפאָרן פון אַמעריקא אויף קברי אבות האָב איך אויפגעזוכט אין דעם חברה קדישא בוך אין דעברעצין, וואו ס'איז פאַרשריבן אַלע נפטרים און וואו זיי ליגן. - דער בוך עקזעסטירט נאָך - און איך האָב ב"ה געטראָפן דאָס אָרט וואו מ'האָט

אים געלייגט. איך האָב געלאָזט מאַכן פאַר אים און אויך פאַר מיין אַנדערן ברודער אברהם ע"ה אַ מצבה, וואָס שטייט נאָך עד היום תשס"א.)

בשעת די ערשטע וועלט מלחמה האָט געוואוינט אין דעברעצין דער קאמארנער רבי זצ"ל, און עס איז אים נעבעך אויך אַוועק אַ קינד, מען האָט אים באַהאַלטן דאָרט אין דעברעצין, און שפּעטער האָט מען געלייגט מיין ברודער נעבן אים, יהי זכרם ברוך.)

די קערעסטיר'ער באַבע הרבנית הצ' מרת **בלימא יהודית** הי"ד האָט געהערט אַז איהר טאָכטער מיט'ן איידעם זיצן ל"ע שבעה, איז זי געקומען צופאָרן צו אונז. מ'האָט איר בשום אופן נישט געוואָלט אַריין לאָזן, אפילו זי האָט מסכים געווען דאָרט צו בלייבן אינעווייניג ביז נאָך די 21 טעג.

די גאַנצע צייט וואָס מיר זענען געווען איינגעשפּאַרט האָבן מיר נישט געהאַט קיין מנין און קיין מקוה. קיינער האָט אויך נישט געקענט קומען מנחם אבל זיין. מוצש"ק וואָס איז געווען דער ערשטער טאָג חנוכה בחצות הלילה איז געקומען די פּאָליציי מיט אַ דאָקטאָר. זיי האָבן באקוקט יעדן און זענענדיג אַז יעדער איז ב"ה געזונט, האָבן זיי געזאָגט אַז מיר מעגן שוין ארויסגיין. מ'האָט אַוועק גענומען די וואַך פונעם טויער און מיר זענען באַלד געגאַנגען אין מקוה, און דערנאָך געצינדן חנוכה ליכט.

פופצענטער קאַפּיטל

צוריק אין חדר

אין די תלמוד תורה פון די שטאָט זענען מיר זייער ווייניג געגאַנגען. ביי עטליכע פון די העכערע קלאַס מלמדים האָב איך אַ שטיקל צייט געלערנט, אָבער נישט לאנג.

אין די סקול, וואָס יעדער האָט געמוזט גיין בין איך נישט געגאַנגען. מיר האָבן יעדעס יאָר גענומען אַ דאָקטאָר שריפט אַז מיר קענען נישט גיין אין סקול צוליב געזונטהייט, מיר האָבן אָבער געדאַרפט פריוואַט צולערנען אינדערהיים. סוף יאָר איז געקומען דער איגזאַזגאַט״א (פּרינציפּ״ל) און האָט פאַרהערט דאָס וואָס די קלאַס האָט געלערנט, און ער האָט געגעבן אַ גוטן רעפּאָרט קאַרט. דאָס איז געווען ביז די פערטע קלאַס.

ביי די פערטע קלאַס האָט מען שוין נישט געקענט נעמען אַ דאָקטאָר צייגעניש נאָר מ׳האָט געמוזט גיין אַליין אין סקול. דער לערער פון די פערטע קלאַס איז געווען אַ אידישער יוד. ער פלעגט אַסאַך מאָל דאַווענען ביי אונז, ער האָט געהייסן ״שאפפער״. האָט מיין פאָטער זצ״ל מיט אים אָפּגעמאַכט אַז נאָר יענע געוויסע שעה פון טאָג וואָס מ׳לערנט די לימודים וואָס מ׳מוז קענען, וועלן מיר גיין אין סקול. דאָס איז נאָר געווען איין שעה אַ טאָג. מ׳האָט געלערנט ליינען, שרייבן, רעכענען און רעליגיע (פאַרשטייט זיך נאָר אידישע רעליגיע). יעדן טאָג פון די וואָך האָט מען געלערנט איין ענין. אין די רעליגיע שעה האָט מען געלערנט אויסעווייניג ויהי בנסוע, יעדע וואָך האָט מען גע׳חזר׳ט איין שורה. ביז

סוף זמן, פון שול יאָר, האָבן מיר געקענט אויסנווייניג ויהי בנסוע מיט בריך שמיה, (גירסא דינקותא לא משתכחא, פון דעמאָלם קען איך דאָס נאָך עד היום...)

אָנפאַנג זומער פונ׳ם יאָר תרצ״ו, האָט מיין פאָטער זצ״ל געדונגען אַ בחור, כמר **יצחק אייזיק שווארץ** הי״ד, (א ברודער פון מו״ה יוסף בנימין שווארץ נ״י פון ברוקלין) ער זאָל לערנען פריוואַט מיט עטליכע בחורים. מיין ברודער **רפאל** נ״י, **משה לייב טעפפער** נ״י, **בערל רויזנצווייג** נ״י, און איך, און להבחל״ח **עזריאל** לעווי און **מתתי׳** און זיין ברודער **מענדל פערל**.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו לערנען מסכת בבא קמא. דעם ערשטן זמן האָבן מיר געלערנט ביז פרק המניח. אַלעס וואָס מיר האָבן געלערנט האָבן מיר גע׳חזר׳ט מיטן לשון אויסעווייניג. מיין פאָטער זצ״ל האָט געוואָלט אַז אַלעס וואָס מיר לערנען זאָלן מיר קענען בעל פה מיטן לשון. פאַר יעדן בלאַט גמרא וואָס מיר האָבן געקענט מיטן לשון בעל פה אָן קיין גרייז, פלעגט ער אונז געבן 10 העללער, און דאָס געלט האָבן מיר געזאמלט אין אַ באנק ביכל. סוף פונ׳ם ערשטן זמן, האָבן מיר שוין געקענט די ערשטע צוויי פרקים בעל פה.

דעם צווייטן זמן האָבן מיר אָנגעהויבן צו לערנען ווייטער פון פרק המניח, אָבער וויבאַלד די אַנדערע יונגלעך זענען געגאַנגען פאַרמיטאָג אין סקול, און איך און מיין ברודער רפאל זענען נישט געגאַנגען אין סקול, האָבן מיר פאַרמיטאָג אויך געלערנט דעם זעלבן שיעור פון נאָכמיטאָג. מיין פאָטער זצ״ל האָט געזאָגט פאַר דעם בחור וואָס האָט

מיט אונז געלערנט אַז אויב פּאַר די אַנדערע יונגלעך איז גענוג וואָס זיי לערנען אין די נאָכמיטאָג שעות און זיי קענען דאָס, איז דאָך פּאַר אונז אויך גענוג דער נאָכמיטאָג צו קענען וואָס מען לערנט דעמאָלס, און פּאַרמיטאָג זאָלן מיר לערנען אַן אַנדערן שיעור.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו לערנען פּאַרמיטאָג פון דף ע״ד און ווייטער, ביז סוף זמן האָבן מיר געקענט גאַנץ מסכת בבא קמא מיטן לשון בעל פה. בין הזמנים האָבן מיר געלערנט אַנדערע מסכתות, שבת, סוכה, ר״ה, אַלעס מיטן לשון אויסנווייניג.

שפּעטער, זענען מיר איבער געבליבן נאָר פיר בחורים, מיין ברודער רפאל, בערל רויזנצווייג, איך, און להבחל״ח עזריאל לעווי ז״ל. מיר האָבן אָנגעהויבן צו לערנען מסכת חולין גמרא רש״י תוספת, מהרש״א, מהר״ם, רא״ש, ר״ן, רי״ף. אויך האָבן מיר געלערנט טור-ב״י יו״ד. יעדן סימן לויט די גמרא וואָס מיר האָבן דעמאָלס געלערנט לויט דעם האָבן מיר געלערנט דעם סימן אין יורה דעה. מיר האָבן געלערנט פון 5:00 אזייגער פּאַרטאָג ביז 10:00 אזייגער ביינאַכט, מיט עטליכע הפסקות. עס האָט געדויערט צוויי יאָר ביז מיר האָבן געקענט גאַנץ מסכת חולין מיטן ערשטן חלק יו״ד בעל פה ישר והפוך. דאָס איז געווען נאָנט צו מיין בר מצוה אין יאָר תרצ״ט.

דאָס צאָלן פאַר דעם בחור צו לערנען מיט אונז האָט געקאסט אַסאַך געלט, איבערהויפט אַז מיר זענען נאָר געווען פיר בחורים, אָבער מיין פאָטער זצ״ל האָט נישט געקוקט דערויף. ער האָט נאָר געוואָלט מיר זאָלן לערנען פלייסיג.

הרה״צ ר׳ שלום אליעזר זצ״ל הי״ד

ביי די 11 יאָר בין איך איינמאָל געפאָרן מיט מיין פאָטער זצ״ל קיין ראַצפערט אויף אַ שבת צו הרה״צ ר׳ שלום אליעזר׳ל הי״ד. די אכסני׳ האָבן מיר געהאַט ביי זיין זון הרה״צ ר׳ זושא׳לע הי״ד. מיר פלעגן ביי אים אָפט איינשטיין ווייל ר׳ זושא׳לע איז בזווג ראשון געווען אַן איידעם ביים פעטער הרה״ג ר׳ נפתלי טייטלבוים זצ״ל אב״ד באטור, (ר׳ זושא׳לע איז געווען מיין פאָטער׳ס געשוועסטער קינד, אַ ערשטע קוזי״ן.) ווען איך פלעג זיין אַליין אין ראַצפערט בין איך אויך דאָרט איינגעשטאַנען.

פרייטאָג פאַרנאַכט זענען מיר אריינגעגאַנגען צום רבי׳ן הי״ד אריינצוכאַפן אַ טועמי׳. הרה״צ ר׳ זושא׳לע הי״ד, מיין פאָטער זצ״ל און להבלח״ט איך. דער רבי הי״ד האָט געטיילט פאַר יעדן אַ שטיקל פיש. די פיש האָט געהאַט אַלע טעמים. איך קען דאס נישט פארגעסן.

ביום י"ד מנחם אב אין יאָר תרצ"ח, איז מיין ברודער משה נ"י געבוירן געוואָרן. מיין פאָטער זצ"ל איז געווען סנדק, און מיין שוועסטער חי' שרה ע"ה איז געווען די קוואַטערין.

ביי די ערשטע יאָרצייט פון די באַבע, הרבנית רוזא בלימא ע"ה, כ"א אלול שנת תרצ"ח, בין איך אַלט געווען איבער 11 יאָר. איך האָב דעמאָלס צום ערשטן מאָל עולה געווען מפטיר. עס איז געווען פרשת כי תצא.

בערך אין יאָר תרצ"ט איז דער קאסאני'ער רבי הגה"ק מוה"ר רבי ישראל צבי הלוי רוטענבערג זצ"ל הי"ד געווען אין דעברעצין אויף אַ שבת. אין דעברעצין איז געווען אַ קאסאני'ער קלויז. רוב חסידישע אידן פון דעברעצין פלעגן דאָרט דאַווענען.

פרייטאָג צו נאַכטס האָט דער רבי געדאַוונט אין עץ חיים ביהמ"ד, איז מיין פאָטער זצ"ל אויך אַהין געגאַנגען לכבודו. און מיט גענומען מיין ברודער רפאל נ"י און מיך. נאכ'ן דאַווענען ווען מיר האָבן שלום גענומען פונ'ם רבי'ן, גיט דער רבי מיך א פרעג "ווי אַזוי הייסטו?" האָב איך געזאָגט "ישעי'", פרעגט ער פון מיין ברודער "ווי אַזוי הייסטו?" האָט ער געענטפערט "רפאל". רופט זיך דער רבי אָן "איר האָט דאָך אַ ברודער מיכאל אויך, קיין גבריאל האָט איר ניט?". עד היום איז ביי מיר אַ חידוש פלא פון וואו דער רבי האָט געוואוסט אַז מיר האָבן אַ ברודער מיכאל.



כ״ק אדמו״ר מקאסוניא
מרן ר׳ ישראל צבי רוטענבערג זצ״ל הי״ד

זעכצנטער קאַפּיטל

מיינע בחור׳ישע יאָרן - אָנפאַנג פון די מלחמה

מיין בר מצוה איז געווען עש״ק פ׳ בהעלותך, ט״ו סיון שנת תרצ״ט לפ״ק, אָבער די בר מצוה סעודה איז געווען שבת בייטאָג ביי קידוש ביי אונז אין בית המדרש. עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ גרויסער עולם. דער דעברעצינער רב הרה״ג הרב שטראססער זצ״ל איז אויך דאָרט געווען. איך האָב אים געבעטן ער זאָל מיר אנווינטשן, האָט ער מיר געזאָגט, ״דיין טאַטע איז אַ רבי, זאָל ער דיר אנווינטשן״. קיין מתנות האָט קיינער נישט גע׳חלום׳ט צו געבן.

(מיט פיר וואָכן פריער אויך שבת, איז בר מצוה געוואָרן איינער פון מיינע חברים, עזריאל לעווי ז״ל. זיין פאָטער ר׳ יחזקאל ז״ל איז געווען אַ מעהל סוחר, האָט ער געלאַדנט זיינע געשעפט פאַרבינדעטע צו די בר מצוה. צווישן זיי זענען אויך געווען אַזעלכע וואָס זענען נישט געווען קיין שומרי שבת, האָט איינער געברענגט פאַר דעם בר מצוה בחור אַ טייערע פעדער.)

תרצ״ט סוף זומער האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע וועלט מלחמה. די דייטשן ימ״ש זענען אריינגעגאַנגען קיין פוילן. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די אידישע צרות ל״ע. די גרעניצן פון די לענדער און שטעט האָבן זיך אינגאַנצן געטוישט. אונגאַרן האָט צוריק באַקומען חלקים פון טשעכיי וואָס האָט אַמאָל געהערט פאַר אונגאַרן, ווי למשל מונקאטש, בערעגסאז און גאַנץ קארפאטן רוס, אויך חלקים פון רומעניען-זיבנבערגן וואָס האָט אַמאָל געהערט פאַר אונגאַרן, ווי למשל סאַטמאַר, דעעש, קלויזנבורג, גרויסוואַרדיין.

מיין פאָטער זצ״ל האָט באַקומען אין יאָר ת״ש, אין מיטן זומער, אַן איינרוף צעטל צו גיין צום מיליטער, אָבער אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַלטן ביים גיין אין מיליטער, איז ער געפאָרן קיין פעסט, צו זיין דאָרט טמור ונעלם. ער איז דאָרט געווען אַ גאַנצן זוממער. אויף ר״ה און יו״כ איז ער געווען אין קערעסטיר, און אויף יו״ט סוכות איז ער אַהיים געקומען קיין דעברעצין.

סוף זומער, אלול אין יאָר ת״ש, איז מיין ברודער רפאל בר מצוה געוואָרן. אַזוי ווי מיין פאָטער זצ״ל איז נישט געווען אין דערהיים דעמאָלס, האָט מען אים נישט געמאַכט קיין בר מצוה סעודה.

אויף די צווייטע טעג סוכות, אָנפאַנג יאָר תש״א, איז מיין פאָטער זצ״ל געפאָרן קיין סאַטמאַר צו כ״ק אדמו״ר הרה״צ מרן רבי יואל טייטלבוים זצ״ל. עס איז געווען גרינג צו פאָרן ווייל מ׳האָט שוין דעמאָלס נישט געדאַרפט קיין פאַס.

עס איז דעמאָלס שוין שטאַרק קאַלט געווען. שמיני עצרת ווען מ׳האָט געבענטשט גשם אין דעברעצין איז געפאַלן שניי אויף די סוכה.

אין יענע צייט איז געווען אַ געזעץ אַז יעדעס הויז האָט געמוזט האָבן אַ הויזמייסטער (סופע"ר - חשעניטע"ר) וואָס האָט געוואוינט אין הויז. אויב איינער, אַפילו אַ איינוואוינער פון הויז, איז געקומען נאָך 10 אזייגער ביינאַכט, האָט ער געמוזט קלינגען אַז דער הויזמייסטער זאָל אים עפענען דעם טויער. אַזוי האָט ער געוואוסט און געהאַלטן חשבון, אויף יעדעם וואָס איז געקומען אין הויף.

בילד פון כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר זצוקללה"ה

געווענליך איז דער הויזמייסטער געווען אַן ערל, אָבער אַזוי ווי צו אונז פלעגן קומען פאַרשידענע מענטשן, אַנטלאָפענע, וכדומה וואָס זענען געווען אויסבאַהאַלטן, האָבן מיר זיך נישט געקענט ערלויבן אַז אַן ערל זאָל וואוינען אין הויף. עס איז נישט געווען אַזאַ לייכטע זאַך פון אים פטור צו ווערן, ווייל דער ערל האָט נאָך געוואוינט דאָרט אין הויף נאָך פאַר מיר האָבן זיך אהין געצויגן. ענדליך נאָך אַסאַך מיה און געלט האָבן מיר אים גע'פטר'ט.

אין דעם דירה וואו דער ערל האָט געוואוינט, האָט זיך אריינגעצויגן ר' חיים (א היימישער חסיד'ישער יוד) מיט זיין בני בית

און 3 מיידלעך הי״ד. דעמאָלס איז ר׳ חיים געווען אַן עני ואביון מיט׳ן פולן זין פון וואָרט. זיינע טעכטער זענען געווען זייער פרומע. אויף שבת האָבן זיי נישט געהאַט צו קויפן קיין פירות מיט וואָס זיי זאָלן קענען משלים זיין מאה ברכות, פלעגן זיי זיך וואשן עטליכע מאָל אין שבת, ממש צו אַ כזית, ווייל קיין סך מער איז נישט געווען. אַלעס נאָר כדי זיי זאָלן קענען מערערע מאָל בענטשן און אַזוי ארום משלים זיין די מאה ברכות. (מיט אַזאַ ארימקייט האָט מען דעמאָלס געלעבט).

ר׳ חיים האָט געהאַט אַ זון, ר׳ ברוך מיכל, וואָס האָט חתונה געהאַט קיין סעמיהאלי. ער האָט אויך נישט געקענט וואוינען און זיין אינדערהיים, צוליב דעם פראָבלעם פון גיין אין מיליטער, האָט ער אויך געוואוינט ביים פאָטער. וויבאַלד עס איז נישט געווען דאָרט קיין פלאַץ, ווייל די גאַנצע דירה איז באשטאנען נאָר פון אַ שטוב און אַ קליינע קאָך, אַ ד׳ על ד׳, האָט ער זיך געמאַכט אַ שטוב פון ברעטער נעבן זיין עלטערן׳ס דירה, און דאָס פאַרקלעבט מיט ליים. מ׳האָט דאָס שטיבל גערופן ״שארוואר״ (ד.ה. אַ פעסטונג פון בלאָטע.) ער האָט דאָרט געוואוינט ביז צום דעפּאָרטירן הי״ד.

בערך אין יאָר תש״ב איז כ״ק מרן רבינו הקדוש מסאַטמאַר זצ״ל געווען אין דעברעצין אויף אייניגע טעג (נישט אויף שבת), איז ר׳ חיים אויך געגאַנגען זיך געזעגענען צום רבי׳ן זצ״ל. ער איז קיינמאָל נישט געווען אין סאַטמאַר, ווייל ער האָט פשוט נישט געהאַט קיין געלט אויף שפּעזן צו פאָרן. ער האָט ביז דעמאָלס נישט געקענט דעם רבי׳ן און דער רבי האָט אים אויך נישט געקענט. ביים שרייבן זיין

קוויטל האָט דער גבאי ר׳ פייוויש הי״ד געפרעגט זיין נאָמען, און אנשטאָט **חיים** בן ... האָט ער געשריבן **אהרן** בן ... ווען ער האָט אהינגעגעבן דאָס קוויטל פאַר׳ן רבי׳ן זצ״ל האָט אים דער רבי געפרעגט ״דו הייסט אהרן?״ האָט ער געזאָגט ״ניין״. ״נו פאַרוואָס שטייט דאָ אהרן?״ האָט אים דער רבי געזאָגט, ״גיי לאָז דיר שרייבן אַן אַנדער קוויטל״.

אַן ענליכע מעשה האָט פּאַסירט ווען דער רבי זצ״ל איז געווען בשנת תש״ד אין דעברעצין, און ער איז איינגעשטאַנען ביי ר׳ יודל קרויס ז״ל. דעמאָלס איז דאָרט געווען איינער וואָס האָט געהייסן ר׳ נפתלי הערצקע טעפּפּער ז״ל. ער איז אויך געווען פון די וועלכע זענען נישט געפאָרן קיין סאַטמאַר, און דער רבי זי״ע האָט אים נישט געקענט פון פריער.

ער איז געוואָרן אַן אלמן ל״ע אין תרצ״ה, און געבליבן מיט 4 קינדער, 3 יונגלעך, - משה לייב, ישעי׳, און בערל, - און אַ מיידל. (אגב, די דריי זענען געבליבן לעבן נאָך די מלחמה, און זיי וואוינען אין ברוקלין).

ער האָט נאָכאַמאָל חתונה געהאַט און האָט פון דעם צווייטן הייראַט אויך געהאַט עטליכע קינדער.

ווען ער איז געווען ביים רבי׳ן זי״ע געבן א קוויטל האָט ער פשוט פאַרגעסן אַריין צו שרייבן איינע פון די קינדער פון ערשטן זיווג. ווען דער רבי זצ״ל האָט געליינט זיין קוויטל האָט ער אים געפרעגט ״נאָר אַזויפיל קינדער האסטו?״ האָט ער געזאָגט ״יאָ״, האָט אים דער רבי זצ״ל אויס גערעכנט פון קוויטל די

נעמען פון די קינדער פון זווג ראשון, האָט ער זיך געכאַפּט אַז ער האָט פאַרגעסן אַריין צו שרייבן אַ קינד. האָט אים דער רבי זצ״ל געהייסן לאָזן שרייבן אַן אַנדערע קוויטל.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז דער ר׳ חיים געוואָרן אַ שיינער בעל הבית. ער איז געווען אַ גלעזער. ער האָט געקויפט אַ קאַסטן גלאָז צו מאַכן דערמיט פענסטערס, און די פרייז דערפון איז זייער געשטיגן. כאָטש ער האָט שיין מצליח געווען איז ער געבליבן ווייטער וואוינען אין די זעלבע קליינע דירה.

זומער ת״ש זענען מיין ברודער רפאל, איך און להבחל״ח עזריאל לעווי ז״ל מיט אונזער מלמד הבה״ח אייזיק שווארץ הי״ד געפאָרן אין קאנטרי קיין רוסיש מאקרע נעבן די פוילישע גרעניץ. מיר זענען געווען דאָרט בערך 3 וואָכן.

ערב תשעה באב איז געקומען דער טערנאָווער רב הרב ר׳ **אליעזר שלמה הלוי וויזל** זצ״ל קיין דייטש מאקרע, בערך אַ תחום שבת פון אונז. שבת צופרי זענען מיר אַריבער געגאַנגען צו אים דאַווענען. ער האָט געדאַוונט פלאַם פייער. ער האָט מיר געזאָגט אַז ער איז געווען אַ תלמיד פונ׳ם זיידן הרה״צ ר׳ רפאל בערבעשטער רב זצ״ל.

ער האָט מיר דערציילט אַז דער זיידע זצ״ל פלעגט זאָגן יעדע דבר שבקדושה נאָר פון אינעווייניג. אַפילו אַן אשר יצר האָט ער נאָר געזאָגט אין אַ סידור. פרייטאָג צו נאַכטס פאַר קידוש פלעגט דער זיידע לערנען אין זיין שטוב זוה״ק, האָט

מען געהערט ווי ער פלעגט הויעך צו רעדן ווי צו זיך, "נו זעסטו רפאל אַז עס איז דאָ אַ באשעפער, איך לאָז מיך שעכטן פאַר דיר! איך לאָז מיך פאַרברענען פאַר דיר!".

דאָס איז ליידער שפּעטער מקוים געוואָרן ביי זיינע קינדער און אייניקלעך, וואָס רוב פון זיין משפחה זענען ליידער אומגעקומען על קידוש השם אין די יאָרן ת"ש-תש"ה הי"ד.

חוה"מ פסח ת"ש איז געבוירן געוואָרן אונזער חשוב'ע שוועסטער הצנועה מרת רוזא הענדל ע"ה (נפטרה כ"ז מרחשון תשמ"ח).

נאָך פסח ת"ש איז מיין ברודער רפאל מיט מיר געפאָרן קיין קראָלי, לערנען אין די גרויסע ישיבה פון דעם פּעטער אב"ד קראָלי זצ"ל הי"ד. יענעם זמן האָבן געלערנט דאָרט בערך 150 בחורים. מיר זענען איינגעשטאַנען ביים פּעטער מיט גאַנץ אש"ל (אכילה, שתיה, לינה). ער האָט אונז פאַרהערט דעם ערשטן חלק יו"ד וואָס מיר האָבן גוט געקענט.

עס איז געווען דאָרט אַ "מענזע" וואו כמעט רוב בחורים האָבן דאָרט געגעסן. דער "מענזע" גבאי איז דעמאָלס געווען (הב') מו"ה שמשון גאלדשטיין נ"י, פון וואד נעבן בערבעשט. ער איז אויפגעצויגן געוואָרן כמעט אינגאַנצן ביים פעטער הי"ד, נאָך פון ווען דער פעטער איז געווען בערבעשט'ער רב.

אין יענע צייט האָט דאָרט געלערנט ר' הערש **אלימלך כהנא** פון מ'פאלווא. אויך ש"ב ה"ב **ישראל יעקב** יוקל

גרויס פון אודוואָרי (ער איז געווען ל״ע אַ יתום פון זיין פאָטער דער אודוואר׳יער דיין זצ״ל, אַ ברודער פון קראלער רב הי״ד.) איז געווען ביים פעטער הי״ד. ווען זיין פאָטער איז ל״ע נפטר געוואָרן האָט זיין מאַמע מיט די גאַנצע משפחה זיך אריינגעצויגן קיין סאַטמאַר.

דער שיעור הישיבה איז געווען מסכת חולין, וואָס דאָס האָב איך שוין געקענט בעל פה, במילא האָב איך געהאַט צייט צו לערנען אַנדערע שיעורים.

אויף יו״ט שבועות איז דער פעטער הי״ד מיט כמעט די גאַנצע ישיבה געפאָרן קיין סאַטמאַר, אויך מיין ברודער רפאל און איך זענען מיט געפאָרן, און מיר זענען איינגעשטאַנען ביי די מומע ראצע הי״ד, יוקל׳ס מאַמע.

די ישיבה האָט אָנגעהאַלטן ביז אָנפאַנג חודש תמוז, ווען די דייטשן ימש״ו זענען באַפאַלן רוסלאַנד, און ס׳איז געוואָרן אַ חורבן עולם. די ממשלה האָט פאַרבאָטן אַלע פרעמדע בחורים וואָס זענען נישט געווען פון קראָלי צו בלייבן אין די ישיבה. אַזוי ליידער איז צושטערט געוואָרן די ישיבה.

זיבעצנטער קאַפּיטל

שמחת תורה ביים רבי'ן

אויף די צווייטע טעג סוכות אין יאָר תש"ב, בין איך אַליין געפאָרן קיין סאַטמאַר. איך בין אָנגעקומען הושענא רבה צופרי. דאָס דאַווענען מיט די הושענות האָט געדויערט כמנהג סאַטמאַר ביז שפּעט פאַרנאַכט. ווען דער רבי זי"ע איז געגאַנגען זיך וואשן צו די סעודה אין די סוכה איז שוין געווען זייער שפּעט.

ווען דער רבי זצ"ל האָט זיך געוואשן צו די סעודה האָט ער זיך זייער לאנג געווישט זיינע הענט. איך האָב דעמאָלס געטראַכט ביי מיר "ס'איז דאָך שוין אַזוי שפּעט פאַרוואָס ווישט זיך דער רבי אַזוי לאנג די הענט?" פּלוצלונג, האָט זיך געהערט אַ קראַך! דער שלאַק פון די סוכה דאַך האָט זיך פּלוצלונג אַראָפּ געלאָזט. דעמאָלס האָב איך פאַרשטאַנען אַז ווען דער רבי זי"ע ווישט זיך נישט אַזוי לאנג די הענט וואָלט ער אין מיטן שלונגען געגעסן חוץ לסוכה.

אויף די צווייטע טעג איז אויך דאָרט געווען מיין פעטער הרה"צ ר' יקותיאל יודא ראב"ד מסיגעט הי"ד און דער אַנדערער פעטער הרה"צ ר' אהרן אב"ד מלאַפּאָש הי"ד.

די הקפות שמיני עצרת ביינאַכט האָט געדויערט כמעט ביז'ן עלות השחר. (כ'האָב געהאַט געהערט נאָך פאַר דעם אַז עס איז אַמאָל געקומען קיין סאַטמאַר אַ צייטונג-שרייבער צו באַשרייבן די הקפות פון רבי'ן. ער האָט אָפּגעציילט וויפיל מאָל דער רבי זצ"ל איז ארום געלאָפן דאָס ביהמ"ד. לויט זיין חשבון איז דער רבי זי"ע ארום געלאָפן ביי די הקפות 43 קילאָמעטער! דאָס איז בערך 30 מייל. דער צייטונג

שרייבער האָט צוגעגעבן, אַז דאָס איז אַ דזשאַב ווי אַן אַנדערער דזשאַב, אָבער עס איז אַ שווערער דזשאַב... אַ גוי'אישע קאָפּ...).

עס איז מיר אויך אינטערעסאַנט געווען צו ציילן וויפיל מאָל דער רבי וועט ארום לויפן דאָס ביהמ״ד, און איך האָב געציילט איבער 40 מאָל. דאָס איז געווען ביז אינמיטן די ערשטע הקפה, און איך האָב אויפגעהערט צו ציילן.

שמיני עצרת בייטאָג האָט דער רבי זצ״ל געבענטשט גשם ביי מוסף. איך האָב אינזין געהאַט אילו לא באתי אלא בשביל זה איז שוין אויך כדאי געווען צו קומען, ווייל דאָס התעוררות איז געווען זייער גרויס. מען קען דאָס גאָרנישט איבערגעבן.

שמחת תורה נאָך די הקפות פון ביינאַכט האָט מען געגעסן די סעודה. ווען מ'האָט געבענטשט איז שוין געווען טאָג, און מען האָט שוין נישט געטאָרט טרינקען דעם כוס של ברכה.

שמחת תורה בייטאָג ביי די זעקסטע הקפה האָב איך מיך ארויפגעשטעלט אויף אַ טיש, און פון דאָרט האָב איך געקענט זען דאָס גאַנצע בית המדרש. ס'האָט אויס געזען ווי דאָס גאַנצע ביהמ״ד טאַנצט אויף איינמאָל אַרויף און אַראָפּ, ווי יעדער וואָלט געווען אויף איין ״ספרינג״. (ווייל דער עולם האָט געטאַנצט צוזאַם, אויף איינמאָל יעדער, נישט איינער אַרויף און אַן אַנדערער אַראָפּ).

מיט יאָרן שפעטער האָב איך נאָכאַמאָל געוואָלט זען דעם בילד, ביי די הקפות פון רבי'ן זצ״ל דאָ אין אַמעריקא, אָבער ס'איז נישט געווען די זעלבע. דאָס

בילד וואָס כ'האב דאָרט געזען האָב איך שוין מער נישט געזען.

מוצאי יו"ט פאַר'ן אַהיים פאָרן בין איך געגאַנגען זיך געזעגענען פון רבי'ן זצ"ל. דער רבי זצ"ל האָט מיר באצאלט די שפעזן (דער רבי זצ"ל פלעגט פאַר יעדן בנש"ק באצאָלן די שפעזן, און פאַר אַ נצרך פלעגט ער אויך צוגעבן אַ מתנה הגונה).

ווען איך בין אַהיים געקומען קיין דעברעצין, האָב איך דערציילט פאַר מיין פאָטער זצ"ל ווער ס'איז געווען דאָרט, האָט ער מיך געפרעגט פאַרוואָס איך בין נישט מיטגעפאָרן קיין לאַפּאָש מיט מיין פעטער אין זיין ישיבה?

אכטצנטער קאַפּיטל

דאָס שטעטעלע לאַפּאָש און די ישיבה

מיין פאָטער זצ״ל האָט מיך געהייסן איך זאָל פאָרן קיין לאַפּאָש אין די ישיבה. קיין דירעקטע פאַרבינדונג קיין לאַפּאָש איז נישט געווען. מען איז געפאָרן מיט'ן באַן קיין באניע (מיט אַפּאָר מאָל איבערשטייגן פון איין באַן צו די אַנדערע), און פון באניע איז מען געפאָרן מיט אַ באָס, אַ לאַסט טראָק אָדער מיט אַ וואָגן. איך בין אָנגעקומען קיין באניע מיטאָג צייט, און איך בין געגאַנגען אויפן מאַרק זוכן אַ וועג. דאָרט האָב איך געטראָפן אַ טראָק וואָס איז געפאָרן קיין מאנאשטאר וואָס איז געווען צווישן באניע און לאַפּאָש. (דאָרט איז געווען דער אב״ד, אַ זון פונ'ם ביקסאַד'ער רבי'ן זצ״ל הי״ד).

ווען איך בין דאָרט אָנגעקומען איז געווען ער״ח מרחשון פאַרנאַכט. מ'האָט מיר געזאָגט אַז מארגן איז דאָ אַ מאַרק אין מאנאשטאר עס וועט זיכער זיין וועגעלעך וואָס וועלן פאָרן קיין לאַפּאָש. איך האָב דאָרט איבער גענעכטיגט פאַר 20 העללער. (אין אַמעריקא 4 צענט). צופרי האָב איך געדאַוונט אין ביהמ״ד, און אַ גאַנצן טאָג האָב איך מיך ארום געדרייט ווי אַ נאַ... אויפן מאַרק, אפשר וועל איך טרעפן אַ וואָגן וואָס פאָרט קיין לאַפּאָש. איך האָב ענדליך געטראָפן אַ וואָגן וואָס האָט מיך געוואָלט מיט נעמען, פאַר געלט. מיר זענען אַוועק געפאָרן פון דאָרט פאַרנאַכט.

אין מיטן פאָרן איז געווען אַ שטיקל וועג וואָס איז געגאַנגען באַרג אַרויף. יעדער האָט געמוזט אַראָפּ גיין פון

וואָגן און דאָס אַרויף שטופּן דעם באַרג, ווייל די פערד האָבן נישט געהאַט קיין כח אַרויף צו פאָרן דעם בארג. אינצווישן האָט אָנגעהויבן רעגענען, קיין צודעק אויפן וואָגן איז נישט געווען, און מ׳איז געוואָרן נאַס דורך און דורך. נאָך ארום זעקס שעה בערך האלבע נאַכט, בין איך אָנגעקומען קיין לאַפּאָש אינגאַנצן דורך געווייקט. דער פעטער האָט מיך דערקענט ווייל מיר זענען געווען יו״ט אין סאַטמאַר, און איך בין געבליבן דאָרט לערנען.

אַמאָל איז דאָרט געווען אַ גרויסע ישיבה איבער 100 בחורים. צוליב די מלחמה האָט קיין פרעמדער נישט געקענט זיין דאָרט איז דעמאָלס נישט געווען מער ווי 20 בחורים. הב׳ יוסף וויינשטאק נ״י פון באניע, (היינט תשס״א וואוינט ער אין מאָנראָ) האָט אויך דאָרט געלערנט.

דער פעטער האָט מיך פאַרהערט דעם ערשטן חלק יו״ד מיט אַלע מפרשים. דאָס איז שוין געווען דאָס צווייטע פאַרהער. (צום ערשט האָט מיך דאָך געהאַט פאַרהערט דער פעטער דער קראָלי׳ער רב הי״ד און דאָס צווייטע מאָל דער פעטער דער לאַפּאָש׳ער רב הי״ד.) דער פעטער האָט געהאַט אַ בן יחיד (טעכטער האָט ער געהאַט מערערע הי״ד) הב׳ ישראל יעקב יוקל הי״ד. ער איז געווען להבחל״ח מיט צוויי יאָר עלטער פון מיר. האָט דער פעטער הי״ד געבעטן איך זאָל מיט אים איבער לערנען דעם ערשטן חלק יו״ד.

מאדיאַר-לאַפּאָש איז געווען אַ גרעסער שטעטל מיט עטליכע גלילות (אומגעגענדער). דער פעטער איז געווען רב אויף אלע גלילות, דאמאקאש-קליין, דעברעצין-אללא, לאַפּאָש, אין נאָך.

בעפאָר דער פעטער ר׳ אהרן גרויס איז געוואָרן לאַפּאָש׳ער רב, איז זיין פעטער (זיין מוטער׳ס ברודער) הרה״צ מוה״ר ר׳ משה דוד טייטלבוים זצ״ל געווען דאָרט דער רב. (שפעטער איז ער געוואָרן זיין זיידע אויך), ער האָט מסדר געווען צום דרוק די פאָלגענדע הייליגע ספרים: ייטב לב עה״ת, שו״ת השיב משה, תהלים תפלה למשה, און נאָך.

דער לאַפּאָש׳ער רב ר׳ משה דוד טייטלבוים זצ״ל, האָט געהאַט אַ זון הרה״צ ר׳ אברהם חיים טייטלבוים הי״ד וואָס איז שפעטער געווען קרעניצ׳ער רב (אין גאליציע). מיין טאטנ׳ס ברודער הרב ר׳ אהרן איז געוואָרן זיין איידעם. ווען ער האָט חתונה געהאַט האָט נאָך זיין שווער ר׳ אברהם חיים געוואוינט אין לאַפּאָש, איז ר׳ אהרן אויך געבליבן וואוינען אין לאַפּאָש.

נאָך די פטירה פון אַלטן רב כ״א אדר א׳ תרצ״ה לפ״ק האָט רוב קהל געוואָלט אויף נעמען זיין נעפיו-אייניקל פאַר רב. זיי האָבן געהאַלטן אַז ער איז מער ראוי ווי דער זון ר׳ יצחק שמואל טייטלבוים הי״ד, הגם אַז דער זון איז אויך געווען אַ קאַנדידאַט צו ווערן רב.

ער איז געווען אַן איידעם ביי זיין פעטער (זיין פאָטער, לאַפּאָש׳ער רב׳ס ברודער) הרה״צ ר׳ נפתלי טייטלבוים זצ״ל אב״ד באטור. די צוויי ברידער האָבן זיך משדך געווען, נאָך פאַר די קינדער זענען געבוירן. זיי האָבן אָפּגעמאַכט אַז אויב איינער פון זיי וועט האָבן אַ יונגל און דער אַנדערער וועט האָבן אַ מיידל, וועלן זיי זיך משדך זיין. דער באטור׳ער רב הרה״ג ר׳ נפתלי זצ״ל האָט געהאַט אַ מיידל (אגב דער באטור׳ער רב האָט נאָר געהאַט מיידלעך), און דער לאַפּאָש׳ער רב האָט געהאַט אַ יונגעל, און דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן.

ווי געוועגליך האָט דער זון אויך געהאַט אַזעלכע וואָס האָבן אים געוואָלט אַלץ רב, אָבער רוב קהל האָט געוואָלט דעם אייניקל (דעם זון׳ס איידעם). דער סאַטמאַרער רבי זצ״ל האָט אויך געהאַלטן אַז ר׳ אהרן הי״ד זאָל ווערן רב. צום סוף איז ר׳ אהרן הי״ד אויף גענומען געוואָרן אַלס אב״ד לאַפּאָש והגלילות.

דער פעטער דער אַלטער לאַפּאָש׳ער רב זצ״ל האָט געהאַט מערערע קינדער. איינער איז געווען הרה״צ ר׳ יקותיאל יהודא ט״ב זצ״ל וואָס איז ארויס געפאָרן נאָך ביים לעבן פונ׳ם פאָטער, אין יאָר תרפ״ט קיין אַמעריקא. ער האָט זיך דאָ גערופן לאַפּאָש׳ער רב. פאַר ער איז געפאָרן קיין אַמעריקא האָט ער געוואוינט אין פעסט אין אונגאַרן. ער איז געווען אַ גרויסער סוחר. צוליב אַ סיבה האָט ער פאַרלאָרן זיין גאַנצע פאַרמעגן, און ער האָט געמוזט פאַרלאָזן אונגאַרן און פאָרן קיין אַמעריקא. אין אַמעריקא איז ער געווען איינער פון די חשובע רבנים.

ווען איך האָב געלערנט אין לאַפּאָש אין יאָר תש״ב (למספרם דעצ. 14, 941׳.), האָט אַמעריקא ערקלערט קריג מיט אונגאַרן. אין אונגאַרן איז דעמאָלס געווען אַן אנטיסעמיט׳ישע צייטונג מיט׳ן נאמען ״פיגעטלענשעיג״. איינמאָל איז אריינגעקומען צום פעטער אַן ערל מיט ברענגענדיג דעם צייטונג צו ווייזן. (ווייל פאַרשטייט זיך אַז קיין שום איד האָט אַזאַ צייטונג נישט געקויפט.) דאָרט איז געווען אויסגערעכנט 9 מענטשן מיט זייערע בילדער וועלכע האָבן צוגעברענגט אז אַמעריקא זאָל ערקלערן קריג קעגן אונגאַרן. איינער פון די 9

איז געווען דער לאַפּאָשער רב מיט זיין נאָמען "הרב טייטלבוים, ניו יאָרק'ער רב" מיט זיין בילד ווי ער האַלט דעם ישמח משה'ס שטעקן אין זיין האַנט. דער ערל האָט אים דערקענט, און געזאָגט פאַר'ן רב "דאָס איז דאָך אונזער אַלטן רב'ס זון".

דער פעטער האָט אים אויך דערקענט. דער פעטער האָט געזאָגט אַז דאָס בילד איז גענומען געוואָרן אין אַמעריקא. ער האָט דערקענט דעם שטעקן וואָס ער האַלט אין זיין האַנט אַז דאָס איז דעם ישמח משה'ס שטעקן, און דעם שטעקן האָט ער באַקומען ווען ער איז שוין געווען אין אַמעריקא. ווען זיין פאָטער איז נפטר געוואָרן אין תרצ"ה, האָט מען צוטיילט די ירושה צווישן זיינע קינדער. ער האָט געהאַט אַסאַך זאַכן ירושה פון ישמח משה און מ'האָט פאַר יעדן אָפּגעשיקט וואָס איז אויס געפאַלן פאַר זיין גורל.

פאַר דעם לאַפּאָשער רבי׳ן וועלכער איז שוין דאַן געווען אין אַמעריקא איז אויס געפאַלן דעם ישמח משה׳ס טלית און זיין שטעקן. (אגב איז דאָ איינער וואָס האָט דעמאָלס געלערנט אין לאַפּאָש אין די ישיבה, ר׳ אליעזר שלעזינגער נ״י, היינט תשס״א וואוינט ער אין מאָנראָ - קרית יואל. ער האָט מיר געזאָגט אַז ער איז געווען דער וואָס האָט איינגעפּאַקט די זאַכן צו שיקן קיין אַמעריקא).

דער שטעקן האָט אַ רינגעלע כמעט אינמיטן שטעקן. דאָס דערקענט זיך אויך אויפן בילד. דער פעטער האָט מיר דערציילט ווי



ב״ה מאדיאר־לאפאש יצ״ו

שלו״ם ברכ״ה וכ״ל טוב״ה לפ״ק.

קול ששון קול חתן — וקול שמחה וקול כלה

קול אומרים הודו לה׳ וגו׳

הגדות והלל לה׳ שהחיינו עזרנו והגיענו ליום כלילת בני בן זקונים ה״ב כהלכה הנחמד הו״ש

כ״ה יצחק שמואל יחי׳

עב״ג הכלה הבתולה המהוללה

מ׳ חנה תחי׳

בת אחי הרב הגה״צ מו״ה נפתלי נ״ב שליט״א אבד״ק נירבאטאר. אשר תהי׳ אי״ה בשטו״מ יום ה׳ בהעלותך פאר״ת לפ״ק.

אתכבדה לקרוא למאהבי ידידי ואנ״ש בקריאה של הבה לקחת חבל בשמחתי להראות אותת זכרון אהבת אבות לבנים.

וברבות הטובה יושפע אור נטע״י נעמני״ם להושע בישועת טובות ונחומים כברכת אוהבכם עבד נרצה לעבדי ה׳ מהבה לישועה לעלות לציון ברננים

ה״ק משה דוד טייטלבוים חופק״ק הנ״ל יע״א.

אדרעס על פאסט־אנווייזונג:

M. D. Teitelbaum rabin, Lapuşul Unguresc.

דרוק פאן נ. אדעלשטיין, דעעש.

חתונה בריוול פון די צווי ברודער׳ס קינדער דער לאַפּאָש׳ער רב און זיין ברודער דער באטור׳ער רב

אַזוי דאָס רינגעלע קומט אהין אינמיטן דעם שטעקן. דער שטעקן האָט זיך אַמאָל צובראָכן, האָט מען דאָס אַזוי פאַרראָכטן אַז מ׳זאָל קענען דעם שטעקן צוזאַם

שרויפן. בכדי מ׳זאָל נישט זען אַז דאָס איז פון 2 שטיקער האָט מען געלייגט אַ רינגעלע דאָרט וואו ס׳איז צוזאַם געהאָפטן. כך קבלתי אין לאַפּאָש דעם טעם פון׳ם רינגעלע אויפן שטעקן.

דער פעטער הי״ד האָט געבעטן דעם ערל וואָס האָט אים געוויזן דעם צייטוג אַז ער זאָל דאָס נישט מפרסם זיין כמובן. (איך האָב נאָך די מלחמה געוואָלט האָבן די צייטונג. אַזוי ווי איך פאָר כמעט יעדעס יאָר קיין אונגאַרן האָב איך דאָס געזוכט עטליכע יאָר אין די לייברער״י׳ס. ענדליך האָב איך באצאלט פאַר איינעם ער זאָל אנברענגען צייט אין פעסט און דאָס אויפזוכן, ווייל דעם נאָמען און דעם דאַטום האָב איך גוט געדענקט. נאָך אַ פאָר יאָר האָב איך דאָס ענדליך געטראָפן, און איך האָב דאָס היינט. ס׳איז זייער אינטערעסאנט ווי אנטיסעמיט׳יש יעדעס ארטיקל איז געשריבן).

דער פעטער האָט אַוועק געשריבן די מעשה פון׳ם אַרטיקל אין די צייטונג, צום זון פון הרה״צ ר׳ זלמן לייב טייטלבוים זצ״ל, ר׳ אהרן (ארטשא) הי״ד, וועלכער האָט געוואוינט אין סאַטמאַר, (ר׳ אהרן׳ס זון, הרב ר׳ יוקל טייטלבוים, איז לאַפּאָש׳ער רבי אין אַמעריקא, קווינס נ.י.,) און אויך פאַר זיין טאָכטער וואָס האָט געוואוינט אין קאניזש״א, (זי האָט חתונה געהאַט צו מענצער,) דיי זענען געוואָרן זייער איבערראַשט דערפון, און האָבן גלייכצייטיג מורא געהאַט וואָס ס׳קען דערפון ארויס קומען.

— 6 — Függetlenség — Vasárnap, 1941 december 14 —

AKIK AMERIKÁT HÁBORÚBA SODORTÁK

EGYESÜLT ÁLLAMOK,

a szabadkőmüves zsidóság Eldorádója

Roosevelt zsidó munkatársai

Az áruló fénykép

A newyorki Kahal és az Amerikai Zsidó Komité

La Guardia, ... főpolgármester

Alex Rose, az amerikai munkáspárt zsidó ...

ELVESZETT

MEGHÍVÓ

SÍRUHÁK sport-mellények BRUCK Bálvány-u. 2.

DOKTOR BÁCSI MESÉL

אַ עמוד פון די צייטונג וואו מ׳זעט אויך דאס בילד פון דעם לאַפּאַש׳ער רבי׳ן אין אמעריקא
(דער עמוד איז שטאַרק פאַרקלענערט)

ווי אַזוי איז טאַקע דאָס בילד געקומען אין די צייטונג?, האָט דער פעטער געמאַכט אַ השערה. אַזוי ווי דער צייטונג איז דאָס גרעסטע אנטיסעמיט׳ישע צייטונג אין אונגאַרן וואָס איז געמאַכט געוואָרן צו העצן געגן אידן, און אַזוי ווי די טייטלבוים משפחה איז געווען מפורסם אַלס רבנים אין גאַנץ אונגאַרן האָבן זיי אויס געזוכט אַזאַ סאָרט משפחה מיט וואָס זיי זאָלן קענען העצן. מסתם איז דאָ אין אַמעריקא אַ ליסטע פון אַלע רבנים מיט זייערע בילדער, האָבן זיי אים אויס געקליבן.

אַזוי האָט זיך טאַקע שפעטער ארויס געשטעלט. ווען מיר זענען געקומען קיין אַמעריקא, האָבין מיר דערציילט פאַר׳ן לאַפּאָש׳ער רבי׳ן וועגן דעם, און ער האָט ניטאַמאָל געוואוסט דערפון.

דער לאַפּאָשער רבי האָט געמוזט אַוועק פאָרן פון אונגאַרן, ווייל מעשה אבות סימן לבנים, דאָס וואָס ס׳איז געשען מיט זיין זיידן דעם וואָלאָווער רב הרה״צ **ישראל יעקב** יוקל זצ״ל בעה״ח היטב איטיב, איז מיט אים אויך געשען. ער האָט געוואָלט זיין אַ סוחר, און לעבן פון די אַרבעט פון זיינע אייגענע הענט, און עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן.

ניינצנטער קאַפּיטל

די פּרשה מיטן וואָלאָווער זיידן

דער וואָלאָווער זיידע הרה"צ ר' **ישראל יעקב** יוקל זצ"ל, איז געווען אַן איידעם ביי זיין פּאָטער'ס ברודער הרה"צ רבי **יקותיאל יהודא** ט"ב אב"ד סיגעט בעהמ"ח פון די פאָלגענדע ספרים: ייטב לב עה"ת, ייטב פנים, רב טוב, שו"ת אבני צדק, און נאָך.

מיין פאָטער זצ"ל האָט אַלס בחור אַסאַך געווײלט ביים זיידן אין וואָלאָווע. דער וואָלאָווער זיידע איז שוין געווען אויף דער עלטער, און זיינע קינדער וועלכע זענען שוין דאַן געווען רבנים מפורסמים, זענען געווען פאַרנומען יעדער אין זיין שטאָט, דערפאַר איז דער טאַטע געווען דאָרט מיט זיין ברודער הרה"צ חי"ל הרב מבערבעשט זצ"ל און אים משמש געווען.

ביי אַ געלעגענהייט האָט זיי דער זיידע דערציילט אַז ווען ער האָט חתונה געהאַט, האָט אים זיין שווער דער ייטב לב - וועלכער איז דאַן געווען רב אין גאָרליץ - געגעבן אַ נדן כנהוג, און אויך צוגעזאָגט קעסט נאָך די חתונה, לויט ווי עס איז אויס גענומען געוואָרן אין די תנאים.

האָט זיי דער זיידע דאַן געזאָגט "גיט אַ קוק וואָספאַראַ חילוק ס'איז געוואָרן פון די צייט וואָס איך האָב חתונה געהאַט (אין יאָר תר"י) ביז היינט. היינט קויפט מען פון'ם נדן די מעבל און די אַנדערע צרכי הבית, ס'איז דאָך מרחיבין



פאָטאָ קאָפּי פון די תנאים

דעתו של אדם, נוצט מען רוב געלט פונ׳ם נדן דערויף, און ס׳בלייבט זייער ווייניג איבער פונ׳ם נדן צו קענען מאַכן דערפון אַ פרנסה - אַ מסחר אויפן גאַנצן לעבן.

מיר אָבער, האָבן דעם נדן אַוועק געלייגט ביז נאָך די קעסט, און מעבל האָבן מיר טאַקע נישט געהאַט. פאַר בעטן האָבן מיר גענוצט 2 שטרוי זעק אויף די פּאָדלאָגע (פלאָהר). פאַר שענק האָבן מיר אַריין געקלאַפּט נעגל אין די וואַנט און איבער גערעקט מיט 2 ליילעכער איינס פאַר מיר און איינס פאַר מיין רעבעצין. דער טיש איז געווען אַ קאַסטן, און אָנשטאַט בענקלעך האָבן מיר גענומען קליינע קעסטעלעך, און מיר האָבן געלעבט. פון נדן געלט וואָס איז געווען אַ שיינער סכום האָט מען נאָך געקענט טראַכטן וואָס צו טאָן אין עניני פרנסה.״

״איך האָב ביי מיר געהאַט געקלערט נישט צו זיין פון די כלי קודש, נאר צו זיין אַ נהנה מיגיע כפי״, האָט ווייטער דער זיידע דערציילט. ״ס׳האָט זיך טאַקע געמאַכט אַ מקום פרנסה. איך האָב מיט אַ שותף אָפּגעקויפט אַ גרויסן שטח פון פעלדער נעבן סאַטמאַר. מיר האָבן אָנגעהויבן צו גראָבן און ס׳איז באַלד נתגלה געוואָרן אַ נאַפט קוואַל. מיר זענען נישט געווען צוגערישט דערצו און דער נאַפט האָט ארויס געשטורעמט. מען האָט דאָס נישט געקענט אַזוי אָפן לאָזן, האָט מען דאָס קודם פאַרשטאָפּט מיט ערד, און זיך באַלד פאַרבינדן מיט גרויסע קאָמפּאַני׳ס וועלכע זאָלן אויף שטעלן די געהעריגע מאשינערי און גרויסע כלים מקבל צו זיין דעם אויל וכדומה, (ס׳איז געווען ממש אַ גאָלד גראָבן)״.

"איך האָב דעמאָלס געוואוינט אין סיגעט. כ'האב געדאַרפט אָפט פאָרן קיין סאַטמאַר זיך פאַרבינדן מיט די קאָמפּאַני'ס. איינמאָל אין אַ ווינטער צופרי האָב איך געהאַט אָנגעגרייט אַ שיינעם שליטן מיט וועלכן צו פאָרן קיין סאַטמאַר, האָבנדיג אַן אַפּוינטמענט מיט גרויסע פריצים. פונקט האָט מיין שוויגער (דעם ייטב לב'ס רעבעצין) ארויס געקוקט דורכ'ן פענסטער, און זי האָט מיך געזען מיטן שיינעם טילעפ'ל אַרויף שטייגן אויפן שליטן. זי איז אַריין געגאַנגען צום שווער דער ייטב לב און האָט זייער געוויינט, "אויף דעם האָבן מיר געהאָרעוועט אַז אונזערע קינדער זאָלן זיין סוחרים?!" האָט איר דער ייטב לב באַרואיגט און געענטפערט, "זאָרג נישט עס וועט זיך פון דעם גאָרנישט אויס לאָזן!"

וכך הוה, אַזוי ווי מ'האָט פאַרשטאָפּט דעם פלוס פון נאַפט, איז עס געווען פאַרטיג! ווען די קאָמפּאַני'ס זענען אָנגעקומען און האָבן אָנגעגרייט אַלע מכשירים וואָס מ'דארף האָבן כדי מקבל צו זיין דעם אויל, וואָס ס'וועט ארויס קומען, האָט מען זיך גענומען צוריק אויף צו גראָבן דאָרט וואו מ'האָט געהאַט פאַרשטאָפּט, אָבער - גראָב אהער גראָב אהין - קיין נאַפט קומט נישט.

מ'האָט אַראָפּ געברענגט גאָר גרויסע אינזשענירן פון אויסלאַנד צו פרובירן אויף צו גראָבן דעם נאַפט קוואַל. ס'איז דאָך דאָ געווען אַ קוואַל איידער מ'האָט דאָס פאַרשטאָפּט, אָבער מ'האָט גאָרנישט געפונען אויף דעם פלאַץ. (אַ שטיק צייט שפּעטער האָט דער קוואַל אויסגעקלאַפּט אין "פלאיעשט" וואָס דאָס

איז איינע פון די גרויסע נאַפט קוועלער אין רומעניען.) אַזוי האָב איך אָנגעוואָרן מיין גאַנצן נדן, און איך בין נאָך געוואָרן אַ גרויסער בעל חוב", האָט דער וואָלאָווער זיידע פאַרענדיגט.

דאָס רבנות פון בערבעשט והגלילות האָט באַלאַנגט צו סיגעט. וויבאַלד דער זיידע האָט זיך געפינען אין אַ שווערע לאַגע האָט זיין שווער, דער ייט"ל - וועלכער איז געווען סיגעט'ער רב - אים איבער געגעבן דאָס רבנות אין בערבעשט.

איינמאָל ביינאַכט אין אַ שמועס האָט ער זיי דערציילט דאָס געטועכץ וואָס איז פאָרגעקומען צווישן אים און זיין שוואָגער הרה"צ ר' **ברוך האלבערשטאם** אב"ד רודניק דער זון פון הרה"ק מרן בעל דברי חיים זצ"ל. ער איז אויך געוועזן אַן איידעם ביים ייטב לב.

דאָס שטעטל "גאָרליץ" האָט באַלאַנגט צו די גלילות פון צאַנז. אין יאָר תרי"ב האָט דער צאַנזער רב איבערגעגעבן דאָס רבנות פון גאָרליץ פאַר'ן ייטב לב. זעקס יאָר איידער ער איז געוואָרן רב אין סיגעט אין יאָר תרי"ח. ווען דער ייטב לב איז אויפגענומען געוואָרן אין סיגעט האָט ער איבערגעגעבן דאָס גאָרליץ'ער רבנות פאַר זיין ברודער הרה"צ ר' שמואל זצ"ל (דער פאָטער פון זיידן ר' יוקל), און ער איז געוואָרן רב אָן קיין שום פּראָבלעם, ואין פוצה פה ומצפצף.

בשעת ר' שמואל איז געווען דאָרט רב, איז די באַבע - זיין רעבעצין - ל"ע נפטר געוואָרן פאַר'ן יו"ט שבועות. די חברה קדישא האָבן איר נישט געוואָלט געבן קיין קרקע לקבורה נאָר פאַר גאָר אַ גרויסן סכום, וואָס דער זיידע, דער

רב האָט געהאַלטן אַז ער דארף דאָס נישט נאָך קומען. אַזוי איז זי געלעגן בלי קבורה ביז נאָך יו״ט. דערנאָך האָט מען זיך משווה געווען.

ווען דער זיידע ר׳ יוקל וואָס איז דעמאָלס געווען בערבעשט׳ער רב איז געקומען קיין גאָרליץ זיצן שבעה ל״ע, האָט ער געהערט פון דעם גרויסן בזיון וואָס מ׳האָט זיין מאַמען מבזה געווען, האָט ער געגעבן צוויי פעטש פאַר׳ן ראש הקהל. ער האָט זיך אָנגענומען פאַר׳ן כבוד פון זיין מאַמען כמובן. דעמאָלס האָט זיך אָנגערופן דער ראש הקהל ״יוקל דאָס וועט דיך קאָסטן דאָס גאָרליצ׳ער רבנות״.

ווען דער זיידע הרה״צ ר׳ שמואל איז נפטר געוואָרן (זייענדיג אין קראקע און איז דאָרט נטמן געוואָרן) ט׳ מרחשון אין יאָר תרמ״ט, איז באַלד אויף גענומען געוואָרן זיין עלטסטער זון הרב ר׳ יוקל אַלס גאָרליצער רב, און ער מיט זיין גאַנצע בני בית האָבן זיך אהין געצויגן. דאָס בערבעשט׳ער רבנות האָט ער איבער געגעבן פאַר זיין איידעם הרה״צ ר׳ רפאל גרויס זצ״ל (מיין פאָטער׳ס פאָטער זצ״ל).

אַזוי ווי דער ראש הקהל האָט נאָך דעמאָלס געלעבט און ער האָט געהאַט מיט אים אַ חשבון, ווי פריער דערמאַנט, איז געוואָרן אַ פאַרטיי וואָס האָבן ג׳טענה׳ט אַז דאָס גאָרליצער רבנות געהער פאַר צאַנז. דער צאַנזער רב זצ״ל האָט דאָס איבער געגעבן נאָר פאַר׳ן ייטב לב אָבער נישט אַז ער זאָל דאָס קענען ווייטער געבן פאַר זיין ברודער און דערנאָך פאַר זיינע קינדער, כאָטש ער איז שוין געווען דאָרט רב 33 יאָר.

דער ראה״ק האָט גע׳טענה׳ט אַז דאָס וואָס ר׳ שמואל זצ״ל איז געווען דאָרט רב איז נאָר געווען צוליב דעם כבוד פון זיין ברודער דער ייטב לב, אָבער נישט אויף ווייטער. דעם רה״ק׳ס פּאַרטיי האָבן אהין געברענגט דעם רודניקער רב הרב ר׳ ברוך ער זאָל ווערן גאָרליצער רב. דער זיידע ר׳ יוקל האָט געהאַט רוב קהל וואָס האָבן אים געוואָלט, אָבער דער רה״ק איז געווען דערגעגן, האָט מען באַשלאָסן אַז מ׳זאָל גיין צו אַ דין תורה.

דער רודניק׳ער צד האָט באַשטימט אַלס זייער בורר דעם סטראָפּקעווער רב הרה״צ ר׳ **אברהם שלום** זצ״ל, (פון זיידנ׳ס צד געדענק איך נישט ווער עס איז געווען דער בורר), און דער שליש איז געווען דער קליינווארדיינ׳ער רב (שפּעטער חוסט׳ער רב, דער בעל ערוגת הבושם). נאָך אַלע פאַרהאַנדלונגען ווען מ׳האָט געדאַרפט ארויס געבן דעם פּסק, האָט זיך דער שליש צוריק געצויגן און איז אַוועק געפאָרן. ער האָט נישט געוואָלט ארויס

מצבת הגה״ק בעל ערוגת הבושם זצ״ל
בשעת ביקורו של המו״ל על קברו בשנת תשמ״ט
בעת ממשלת הקומוניסטן שהיו צריכין אז פערמיט מיוחד

געבן קיין פסק. אַזוי איז די גאַנצע דין תורה בטל געוואָרן. (יודעי דבר האָבן געזאָגט אַז ער האָט נישט געוואָלט ארויס געבן אַ פסק וואָס איז געגן צאַנזער חסידים).

די מחלוקה האָט אָנגעהאַלטן ווייטער נאָך אַ שטיק צייט, ביז דער רודניק׳ער צד האָט צוגעזאָגט אַ סכום געלט פאַר׳ן זיידן, און ער איז וויליג געווען אָפּצוטרעטן דאָס רבנות. (מיין פאָטער זצ״ל דערציילט אַז ווען ער פלעגט פאָרן אויף קאַשוי צום סטראָפּקאָוו׳ער רב אויף אַ שבת האָט ער אים גערופן און מכבד געווען אַלס גאָרליצ׳ער אייניקל, ווייל ער האָט אויך געהאַלטן אַז דאָס גאָרליצ׳ער רבנות געהער פאַר זיין זיידן, הגם ער איז געווען דער בורר פון אַנדערן צד).

נאָכן פאַרגלייכן האָט דער רודניק׳ער רב געלאָזט פאַלן אַ שאַרף וואָרט אויפן חשבון פון די רודניק׳ער קהלה, וואָס דאָס האָט זיי זייער ווי געטאָן. זיי האָבן בשום אופן נישט געוואָלט דעם רודניקער רב אַלס זייער רב, און די מחלוקה האָט זיך נאָכמער צופלאַקערט.

די מחלוקה האט זייער וויי געטאן פאר׳ן זיידן. ער האָט געוואָלט אַוועק גיין פון דאָרט, נאָר ער האָט נישט געהאַט וואו. (קיין בערבעשט האָט ער נישט געוואָלט צוריק גיין ווייל ער האָט דאָך שוין געהאַט אַוועק געגעבן דאָס רבנות פאַר זיין איידעם). פונקט האט השי״ת צוגעפירט אז עס איז פריי געוואָרן דאָס רבנות אין וואָלאָווע, און מ׳האָט אים געשיקט פון דאָרט אַ קאָנסוס, האָט ער דאָס אָנגענומען. בערך אין יאָר תרס״א איז ער געוואָרן אב״ד וואָלאָווע והגלילות ושלום על ישראל.

צום סוף האָט דער זיידע אויס געפירט און געזאָגט, ״הארכט אויס קינדער, נישט פאַר מיר און נישט פאַר מיין

שוואָגער דער רודניקער רב האָט געשאַדט די מחלוקה.ביידע זענען מיר געוואָרן אַלטע אידן. (דער זיידע איז אַלט געווען 84 יאָר ווען ער איז נפטר געוואָרן ט״ו אלול תרפ״ד, און זיין רעבעצין די באַבע ע״ה איז נפטר געוואָרן ג׳ אלול תרפ״ד אין עלטער פון 86 יאָר, זיי האָבן געלעבט צחאַמען 70 יאָר, און זענען ביידע נפטר געוואָרן אין די זעלבע 12 טעג. דער שוואָגער האָט אויך געלעבט ביז בערך 80 יאָר. זיין יאָרצייט איז א׳ דר״ח אדר).

ווען האָט דאָס יאָ געשאַדט? פאַר די וואָס האָבן זיך געמישט אין די מחלוקה פון וועלכן צד איממער. אַלע זענען זייער באשטראָפט געוואָרן, מיט אויסערגעוועגליכע עונשים ל״ע. דעם ראה״ק׳ס טעכטער זענען אַלע משוגע געוואָרן רח״ל. זיי האָבן זיך ארום געדרייט אין די שטאָט אַלס משוגעים. מ׳האָט ליידער געזען עין בעין וואָס אַ מחלוקה ברענגט. (איך האָב געקענט איינעם זעהר אַן אָנגעזעהנער איד אַ בעמ״ח, מחמת כבודו וויל איך נישט שרייבן זיין נאָמען, וואָס ער איז געקומען קיין אַמעריקא נאָך פאַר די צווייטע וועלט מלחמה, און ער האָט דאָ געהאַנדלט מיט לולבים. ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקא בשנת תש״ח, בין איך געגאַנגען קויפן פון אים לולבים, האָט ער מיך געפרעגט ווער איך בין, און איך האָב אים געזאָגט. האָט ער מיר געזאָגט אַז ער איז מיר שולדיג אַ חוב, ווייל אַלס קינד האָט ער געוואָרפן שטיינער נאָך מיין זיידן ר׳ יוקל׳ן אין גאָרליץ. ער וויל מיט דעם וואָס ער וועט זיין איניקל גוט באהאַנדלען אַביסל מיטב זיין וואָס ער האָט געטאָן. ער האָט אויך ל״ע נישט געהאַט קיין קינדער. ער איז געפאָרן סוף ימיו קיין ארץ ישראל, וואו מ׳האָט אים דאָרט ל״ע אַראָפּגענומען זיינע פיס, און דאָרט איז ער נפטר געוואָרן).

וועגן דעם האָט דער זיידע אויסגעפירט, ״בעט איך ענק אַז טאָמער ס׳וועט זיך מאַכן אַ מחלוקה צווישן רבנים ח״ו, זאָלט איר זיך חלילה נישט מישן צו קיין שום צד. אַפילו עס דאַכט זיך אייך אַז אייער צד איז זיכער גערעכט זאָלט איהר

זיך נישט מישן. די בעלי מחלוקת וועלן זיך סוף כל סוף איבער בעטן און זיי וועלן זיך משדך זיין צווישן זיך, און ווער ס׳וועט זיך מישן וועט בלייבן דער עזות פנים, און וועט ח״ו נענש ווערן. און אויב איר וועט זיך נישט מישן, יהי׳ טוב לכם״.

דער לאַפּאָש׳ער רב אין אַמעריקא הרה״צ ר׳ יקותיאל יודא טייטלבוים ז״ל איז געגאַנגען אין זיידן׳ס פיס טריט. ער האָט אויך אָנגעהויבן האַנדלן. ווען ער איז איינמאָל געווען אויף געסטעריי ביים זיידן אין וואָלאָווע נאָך אַלץ גרויסער סוחר, האָט די באַבע זייער געוויינט. ווען ער איז אַוועק געפאָרן, פרעגט איר דער זיידע ״פאַרוואָס וויינסטו?״ האָט זי געזאָגט די זעלבע ווערטער, ״אויף דעם האָבן מיר געהאָרעוועט אַז אונזערע אייניקלעך זאָלן זיין סוחרים? האָט דער זיידע איהר געזאָגט ״זאָרג נישט ס׳וועט נישט לאנג דויערן״, און אַזוי איז טאַקע געווען. נאָך אַ קורצע תקופה האָט ער פאַרלאָרן זיין גאַנץ פאַרמעגן, און האָט געמוזט פאָרן קיין אַמעריקא.

אין אַמעריקא האָט ער איבער געדרוקט דעם ספר תהלים ״תהלה למשה״ פון אונזער הייליגן זיידן בעל ישמח משה אין צוויי ערליי סייזעס.

אַזוי ווי זיין פאָטער דער לאַפּאָש׳ער רב הרה״צ ר׳ משה דוד זצ״ל האָט געלאָזט דרוקן דעם ספר ישמח משה עה״ת האָט ער געהאַלטן אַז דאָס איז זיין חזקה צו דרוקן די ספרים פון ישמח משה. כאָטש זיין פאָטער שרייבט בפירוש אין די הקדמה, אַז יעדער קען דאָס

לאָזן דרוקן, און כאָטש ער האָט דאָס קיינמאָל נישט געדרוקט אין אַמעריקא דאָך האָט ער געהאַלטן אַז ער האָט די חזקה דערויף.

מיין פאָטער זצ״ל האָט געוואָלט לאָזן דרוקן די ישמח משה'ס עה״ת, און דער לאַפּאָשער האָט געהאַט טענות דערויף, האָט מיין פאָטער זצ״ל בהסכמת כ״ק מרן אדמו״ר מהר״י ט״ב מסאַטמאַר זצ״ל זיך דורך געקומען מיט אים, אַז ער וועט באַקומען 200 געבונדענע סעטס פון דעם ספר ישמח משה, און דערפאַר גיט ער איבער דעם רשות פאַר מיין פאָטער זצ״ל אויף אייביג צו דרוקן דעם ספר.

(דרך אגב, איך האָב ב״ה געהאַט די זכי' מגיה צו זיין דעם גאַנצן ספר ישמח משה עה״ת, עד מקום שידי יד כהה מגהה״ת. ס'האָט מיר געדויערט כמעט אַ גאַנץ יאָר, ס'איז כמעט נישט געווען אַן עמוד וואָס האָט נישט געהאַט עפּעס אַ טעות.

איידער איך האָב פאַרראָכטן די טעותים, האָב איך געפרעגט כ״ק מרן מהר״י ט״ב מסאַטמאַר זצ״ל אויב איך זאָל און אויב איך מעג פאַררעכטן די טעותים וואָס ס'זענען דאָ אינ'ם ספר ישמח משה. האָט מיר דער רבי זצ״ל געענטפערט, אַז אַזעלכע טעותים וואָס מען זעט בפירוש אַז עס איז אַ טעות איז נישט נאָר אַז איך מעג נאָר ס'איז אַ מצוה דאָס צו פאַררעכטן. אויך די לוח הטעות וואָס איז געדרוקט ביים סוף פונ'ם ספר, האָב איך מתקן געווען, בפנים הספר. זייט דעמאָלס איז שוין דאָס ספר ישמח משה עה״ת איבער געדרוקט געוואָרן דורך מיר מערערע מאָל. דאָס לעצטע מאָל האָב איך דאָס איבער געדרוקט בשנת תשנ״ה לפ״ק).

צוואַנציגסטער קאַפּיטל

צוריק אין לאַפּאָש

אצינד וועלן מיר זיך צוריק קערן צו די לאַפּאָש׳ער ישיבה.

אין די ישיבה איז געווען אַ מענזע (א קאָך וואו מ׳האָט געקאָכט פאַר בחורים). אויך זענען געווען בחורים וואָס האָבן זיך פאַרשאַפט "טעג". (מ׳האָט יעדן טאָג געגעסן ביי אַן אַנדערן בעה״ב אַזוי אַז אין 7 טעג האָט מען געגעסן ביי 7 אַנדערע בעלי בתים. אַזוי האָט זיך איבער גע׳חזר׳ט יעדע וואָך. יעדן טאָג פון די וואָך האָט מען געגעסן ביי דעם באַשטימטן בעה״ב.)

דער פעטער, דער לאַפּאָש׳ער רב, האָט געוואוינט אין קהל׳ס הויז וואָס איז געווען אין די זעלבע הויף ווי די שול, מקוה, תלמוד תורה, ישיבה, בחורים ביהמ״ד, און שעכט שטיבל. דער פעטער האָט אַ גאַנצע וואָך געדאַווענט מיט די בחורים אין בחורים ביהמ״ד, און שבת אינדערפרי האָט ער געדאַווענט אין די שול. דער זמן תפלה, שבת אינדערפרי, פלעגט זיין 9:00 אזייגער.

אין אַ געוויסן פרייטאָג צונאַכטס אינמיטן ווינטער נאָכן דאַווענען איז אריינגעקומען דער ראש הקהל צום רב און געזאָגט אַז מ׳האָט באַשלאָסן פון היינט און ווייטער שבת אינדערפרי צו דאַווענען 8:45.

דער פעטער דער רב האָט אים כמעט אָנגעכאַפּט און ארויס געוואָרפן פון שטוב, מיט אַ גוטן פּסק. היתכן אַז מען מאַכט אַזאַ החלטה - בעניני רוחניות - נישט פרעגענדיג דעם רב.

די מומע די רעבעצין הי״ד האָט פאָרגעהאַלטן פאַר׳ן רב פאַרוואָס ער האָט אַזוי באליידיגט דעם ראש הקהל, ״מיט וואָס פאַר אַ פנים וועל איך קענען גיין זונטאָג בעטן דאָס געהאַלט?״ האָט זי געקרעכצט. (יעדן זונטאָג איז די מומע געגאַנגען נעמען דאָס וועכענטליכע געהאַלט (וועזשע״ס) ביים ראש הקהל). דער פעטער האָט איר געענטפערט, ״דער לא תגורו מפני איש גייט אָן אַפילו געגן ראש הקהל אויך. זאָל מען וויסן אַז אין עניני רוחניות איז נאָר דער רב דער בעל הבית״.

אין דערברעצין וואו מיר האָבן דעמאָלס געוואוינט, האָט אויך געוואוינט אַ רבי, ר׳ יענקעלע לייפער הי״ד, אַן אייניקל פון רבי ר׳ מרדכי׳לע מ׳נאדווארנע זצ״ל. ער האָט געהאַט זייער אַ וואוילן בחור וואָס האָט שוין געהאַלטן אין שידוכים. זיין נאָמען איז געווען יצחק הי״ד. אַ שדכן פון דעעש ר׳ ברוך אברהם בינדיגער הי״ד האָט אָנגעטראָגן דעם בחור יצחק פאַר די טאָכטער פון לאַפּאָש׳ער רב, רחל הי״ד.

דער שדכן האָט אַוועק געשריבן צום פעטער, און אויסגערעכנט זייער אַסאַך מעלות אויף דעם בחור. האָט אים דער פעטער געענטפערט, אַז אַ קוגל וואָס מ׳מאַכט אויף שבת אויב ס׳איז געמאַכט פון בלויז שמאַלץ טויג נישט, ס׳מוז זיין דערין אַביסל זאַלץ, פעפער, און אויך מעל. אַזוי איז אויך מיט אַ בחור, אַ בחור מיט בלויז מעלות טויג אויך נישט.

דער פעטער האָט אָנגעפרעגט ביי מיין פאָטער זצ״ל אויף דעם בחור, און לאחר משא ומתן איז דער שידוך נגמר געוואָרן. דער פעטער האָט געגעבן 3000 פּענגא נדן.

ווען איך האָב דאָרט געלערנט איז שוין געווען אין ברען פון די מלחמה ווי אויבן דערמאַנט. מעהל אָדער ברויט האָט מען געגעבן נאָר אויף קאַרטן (קאַרטלעך), און אויך זייער ווייניג ממש נאָר אַז מען זאָל נישט אויסגיין. מ׳האָט אַסאַך אונטער געהונגערט. נישט איינמאָל האָבן מיר זיך געלייגט אָן קיין עסן.

די וועלט זאָגט אַ ווערטל ״נויט ברעכט אייזן״. מענטשן האָבן ערפינדן אַז מען קען מאַכן מעל פון ארבעס און דאָס אָפּבאקן אויף ברויט. ס׳האָט געהאַט יענעם טעם... און נאָך אַלעם איז פון דעם אויך נישט געווען גענוג.

מיין ברודער שמואל נ״י איז געבוירן געוואָרן חודש שבט אין יאָר תש״ב. איך בין נישט געווען אויפן ברית, ווייל איך בין געווען אין לאַפּאָש.

פאַר פסח פלעגן די בעלי בתים וואָס האָבן געהאַט ווייץ, קומען ווייזן דעם ווייץ פאַר׳ן רב זען אויב ס׳איז כשר לפסח משעת טחינה. די שאלה האט זיך געמאכט, ווייל אין אַסאַך פון די ווייצן איז געווען ארייגעמישט קליינע צוויבעלעך וואָס איז געוואַקסן צוזאַמען מיט די ווייץ. אויב עס איז נישט געווען קיין ששים אין די ווייץ קעגן די צוויבלעך איז דאָס ווייץ נישט כשר געווען צו מאַכן מצות אויף פסח. שמירה משעת קצירה איז כמעט נישט געווען.

אין איינע פון די דערפער וואָס האָט געהערט צו די גלילות פון לאַפּאָש, האָט געוואוינט איינער וואָס האָט געהאַט אַ וואַסער מיהל. דאָרט האָט מען געמאָלן ווייץ אויף צו באקן מצות.

מיין פעטער׳ס זון הב׳ יוקל הי״ד איז געפאָרן מיט מיר כשר׳ן די מיהל אויף פסח. מיר זענען דאָרט געווען אַ גאַנצן מעת לעת, ביז מיר האָבן געזען אַז אַלעס איז על צד היותר טוב.

צום מצות באקן האָט יעדער זיך געברענגט זיין מעל, און זיין משפחה צו צוהעלפן צום באקן. מ׳האָט זיך צוזאַם גענומען אַ חבורה און אָפּגעבאַקן פאַר יעדן לויט וויפיל זיי האָבן געברויכט. אַלעס איז ווי פאַרשטענדליך געווען מיט די השגחה פונ׳ם רב.

יענעם יאָר ווען מיר האָבן געבאַקן די ערב פסח מצות, האָבן מיר באַהאַלטן 6 ערב פסח מצות אויפן בוידעם. עס איז שוין געווען שווערע צייטן און מיר האָבן נישט געוואוסט מה יולד יום, אויב מ׳וועט דאָס קומענדיגע יאָר קענען באקן מצות (וואָס עס איז געוואָרן מיט די מצות ווייס איך נישט).

איך בין נישט אַהיים געפאָרן אויף פסח, נאָר געבליבן ביים פעטער אין לאַפּאָש.

די חתונה פון החתן הרב ר׳ יצחק לייפער הי״ד מיט אונזער קוזין די כלה רחל הי״ד איז געווען אינמיטן סיון תש״ב אין לאַפּאָש. דעם חתן׳ס עלטערן זענען געקומען אויף די חתונה. מיין פאָטער זצ״ל איז אויך געקומען. דער מסדר קידושין איז געווען דער פאָטער פון די כלה, און די ברכות האָט געזאָגט דער מחותן הרב ר׳ יענקעלע הי״ד, דער פאָטער פון חתן. ס׳איז געווען יעדן טאָג שבע ברכות, אָבער נישט אַזוי ווי מנהג אַמעריקא. צו יעדע סעודה זענען געווען ממש נאָר 10 מענטשן. צו יעדע שבע ברכות האָט מען שוין

פון הימל צוגעשיקט עפּעס אַ פּנים חדשות. אויף די לעצטע שבע ברכות האָט מען שוין געדאַרפט ברענגען אַ חולה ל״ע מיט אַ וואָגן, וואָס האָט נישט געקענט גיין אויף די פיס, ער זאָל זיין אַ פּנים חדשות, ווייל דאָס גאַנצע שטעטל איז דאָך געווען אויף די חתונה.

פון דעם נדן געלט וואָס דער חתן האָט באַקומען האָט ער געלאָזט איבער דרוקן דעם ספר שו״ת ״חכם צבי״. ער האָט צוגעלייגט דערצו די תולדות פון חכם צבי, וואָס ער האָט צוזאַמגעשטעלט. (נאָך די מלחמה האָט דאָס איינער איבער געדרוקט אין ארץ ישראל, און נישט געשריבן דעם נאָמען פון׳ם פריערדיגן מו״ל. וואָס האָט אריינגעלייגט דערין אַסאַך געלט און כוחות. עפ״י יושר וואלט מען כאָטש געדאַרפט דערמאַנען זיין נאמען.)

אויף ראש השנה תש״ג האָב איך געוואָלט אַהיים פאָרן קיין דעברעצין. איך האָב אויך געוואָלט זיין אין סיגעט אויף די יאָרצייט פון׳ם זיידן דער ייטב לב, ו׳ אלול וואָס איז דעמאָלס אויס געפאַלן מאָנטאָג פּ׳ כי תצא. אין לאַפּאָש איז געווען יעדן דאנערשטאָג אַ מאַרק וואו ס׳זענען געקומען צו פאָרן סוחרים פון איבעראל מיט וועגעלעך. אויך פון בערבעשט פלעגן קומען אידישע סוחרים, האָב איך מיך פאַרגליכן מיט אַ בעל עגלה און איך בין מיט אים געפאָרן (מער געגאַנגען ווי געפאָרן) קיין בערבעשט. אַזאַ נסיעה האָט געדויערט בערך 12 שעה.

מיר האָבן זיך ארויס געלאָזט דאנערשטאָג פאַרנאַכט. דורכפאָרנדיג דאָס דערפעל ״אללא לאַפּאָש״ האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ביי ״ר׳ יאָנטל״ וואָס האָט דאָרט געוואוינט, צו דאַוועגען מעריב. דאָרט פלעגן זיך צוזאַמען קומען די

אַלע וואָס פלעגן דורך גיין דעם בארג וואָס הייסט "ראטאנדא". ארויף דעם באַרג קען מען נישט פאָרן זיצנדיג אין וואָגן, נאָר מ׳דארף אַרויף שטיפּן דעם וואָגן ממש די גאַנצע צייט.

נאָך מעריב האָבן מיר מיט אַ גאַנצע חברותא זיך ארויס געלאָזט אין וועג. מיר זענען געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט. פרייטאָג צופרי זענען מיר אָנגעקומען קיין בערבעשט. איך בין באַלד געגאַנגען צום פעטער (מיין פאָטער זצ״ל׳ס ברודער) דער רב הרה״צ ר׳ ליפא זצ״ל.

קאַפּיטל איין און צוואָנציג

דער פעטער - נאָכן באַפרייאונג

רעדנדיג פונ'ם פעטער ר' ליפא זצ"ל וויל איך געבן אַ שטיקל שפרונג און באַשרייבן אַביסל פון נאָכן קריג. ווען דער פעטער הרה"צ ר' ליפא זצ"ל אב"ד בערבעשט איז אַהיים געקומען קיין בערבעשט נאָכן קריג, איז נאָך נישט געווען דאָרט קיין איין יוד. ער האָט זיך אריינגעצויגן קיין סיגעט, וואו ס'איז שוין געווען אַ ציבור וואָס זענען באַפרייט געוואָרן פון פאַרשידענע מונקאַ-טאַבורס. די אידן האָבן אים אויף גענומען אַלס סיגעט'ער רב. ער האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט אָננעמען דאָס רבנות. ער האָט זיך געמאַכט אַ גראָסערי סטאָר פון וואָס ער האָט געצויגן פרנסה. וויבאלד עס האט אויסגעפעלט אַ מורה הוראה אין די שטאָט, האָט ער דאָס באין ברירה אָנגענומען, אָבער נישט פאַר קיין געהאַלט. פרנסה האָט ער געהאַט פון די גראַסערי.

ווען כ"ק אדמו"ר מהר"ם טייטלבוים שליט"א אב"ד סאַטמאַר (דעמאָלס איז ער געווען זענטע'ר רב), איז באַפרייט געוואָרן פון טרעזיענ-שטאַט, (וואו ער איז געווען צחאַמען מיט אמי הרבנית (ע"ה) און מיינע געשוויסטער וואָס זענען אויך דאָרט באַפרייט געוואָרן), איז ער געפאָרן קיין סיגעט. דעמאָלס האָט דער פעטער זצ"ל אים איבער געגעבן דאָס סיגעט'ער רבנות. (דאס איז געווען אָנפאַנג פונ'ם יאָר תש"ו).

כ"ק אדמו"ר מהר"ם ט"ב שליט"א איז נישט געבליבן דאָרט מער ווי אַפּאָר חדשים, ווען ער האָט חתונה געהאַט בזיווג שני אין יאָר תש"ו, מיט ש"ב די רבנית מרת פעסל

לאה שתחי' (די טאָכטער פון מיין פעטער, הרה"צ ר' אהרן טייטלבוים הי"ד אב"ד וואָלאָווע ולאחרונה אב"ד ניר-באטור,) איז אַוועק געפאָרן פון סיגעט.

(שפעטער אין יאָר תש"ז איז מהר"ם ט"ב געפאָרן קיין אַמעריקא).

פון רעכטס צו לינקס: המו"ל, הרב ר' אלי' גרויס,
כ"ק אדמו"ר מהר"ם ט"ב שליט"א, החתן הרב ר' חיים צבי ט"ב,
הרב ר' יוסף אשכנזי שליט"א.

דער פעטער הרה"צ ר' ליפא זצ"ל איז געפאָרן קיין ארץ ישראל, ווייל ער האָט געטראַכט אַז אין ארץ ישראל, וואו מען קען אים נישט, וועט ער קענען טאָן עפּעס אַ אַרבעט און נהנה זיין פון יגיע כפּיו. פון אָנפאַנג האָבן זיי זיך זייער געפּלאָגט מיט אַ דירה און מיט פּרנסה. מיין פאָטער זצ"ל האָט זיי זייער אַסאַך ארויס געהאָלפן. איינמאָל האָט דער פעטער געשריבן פון א"י (בדרך צחות) אַז אין פסוק שטייט אַז ארץ ישראל איז אַ לאַנד "אשר לא", וואָס עס איז גאָרנישט דא, נאָר "תחסר כל בו", אַלעס פעלט דאָרט...

שפעטער האָבן זיי באַקומען אַ דירה אין שיכון הרבנים אין רוממה. זיי האָבן זיך געעפנט אַ געשעפט וואו זיי האָבן פאַרקויפט פיש, און פלייש פון עופות. רוב שבתים און ימים טובים האָט ער געדאַוונט אין סאַטמאַרער ביהמ"ד אויף

רחוב יואל וואו מ׳האָט אים מכבד געווען מיטן גרעסטן כבוד.

פון רומעניען האָט ער מיט גענומען מיט זיך אַ ספר תורה וואָס ס׳האָט באַלאַנגט פאַר זיין פאָטער הרה״צ ר׳ רפאל זצ״ל. ר׳ אביגדור קאַהאַן ז״ל האָט מיר דערציילט, אַז ער געדענקט נאָך אין יאָר תרס״א ווען מיין פאָטער זצ״ל איז געבוירן געוואָרן איז פאַרטיג געוואָרן די ספר תורה, און דעמאָלס האָט מען דאָס אַריין געגעבן אין די שול. (ר׳ אביגדור ז״ל האָט דעמאָלס געלערנט אין די ישיבה פון זיידן זצ״ל אין בערבעשט).

אויך האָט ער מיטגענומען די תפילין של רש״י פון זיין פאָטער וואָס דער באַוואוסטער סיגעט׳ער סופר האָט געשריבן. די תפילין פון כ״ק אדמו״ר מרן מהר״י ט״ב מסאַטמאַר זצ״ל זיינען אויך געווען פון דעם סופר.

א צייט שפּעטער, האָט דער פעטער זצ״ל געשיקט פון ארץ ישראל, די תפילין און די ס״ת פאַר מיין פאָטער זצ״ל. די ס״ת איז געווען ביי מיר אין ביהמ״ד בני נפתלי-ישעי׳ אין ברוקלין ביז׳ן יאָר תש״ס. (עס איז גרויס און שווער, און ס׳איז שווער צו גיין הגבה דערמיט. איך האָב דאָס געלאָזט איבער קוקן דורך אַ קאָמפּיוטער, און ס׳איז ארויס געקומען ריין אָן קיין שום גריז!. היינט באַלאַנגט דער ספר צו מיין ברודער ר׳ משה נ״י, און ער האָט דאָס אריינגעגעבן אין זיין איידעם׳ס ביהמ״ד אין מאָנסי. (הרב ר׳ משולם נתן שפיגל שליט״א)).

איידער מיין פאָטער זצ״ל האָט באַקומען זיין פאָטער׳ס תפילין האָט ער אויך געהאַט אַן אַנדערע פאָר תפילין וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון זיידן הרה״צ ר׳ ישעי׳לע. די תפילין האָט ר׳ ישעי׳לע באַקומען בירושה נאָך די פּטירה פון הרה״צ ר׳ הירש׳עלע ליסקער בעל אך פרי תבואה. די

בתים זענען געווען פון די ערשטע בתים וואָס מ'האָט דעמאָלס געמאַכט פון עור שור. די פּרשיות זענען געווען פון דעם סיגעט'ער סופר. מיין פאָטער זצ"ל האָט די תפילין געהאַט מיט זיך בשעת די מלחמה יאָרן (איך וועל נאָך שפּעטער אי"ה שרייבן מער באריכות וועגן דעם).

ווען מיין פאָטער זצ"ל האָט באַקומען זיין פאָטערס תפילין, איז מיין ברודער משה נ"י בר מצוה געוואָרן. איך האָב מיר פּונקט דעמאָלס באשטעלט אַ נייע פּאָר תפילין. די פּרשיות האָב איך געלאָזט שרייבן ביי אַ באַוואוסטן סופר ר' נחמן ז"ל אין ירושלים עיה"ק, און איך האָב אויך באשטעלט נייע בתים. האָט מיין פאָטער זצ"ל מיר געזאָגט, "געב דיינע נייע תפילין פאַר דיין ברודער משה נ"י, און איך וועל דיר געבן דעם זיידן ר' ישעי'לעס תפילין". מיין פאָטער זצ"ל האָט געוואָלט האַלטן פאַר זיך זיין פאָטער'ס תפילין.

אָבער אַזוי ווי מיינע תפילין זענען געווען ניי, האָב איך געקלערט אַז איך וועל קודם ניצן די נייע תפילין און שפּעטער וועל איך זיך טוישן מיט מיין ברודער משה נ"י. (איך האָב דעמאָלס נישט געהאַט קיין שכל), מיין ברודער האָט טאַקע באַקומען דעם זיידן ר' ישעי'לעס תפילין. מיין פאָטער זצ"ל האָט די תפילין קודם געלאָזט בודק זיין ביי אַ סופר (מיין פאָטער זצ"ל האָט נישט געוואָלט זאָגן ביי וועלכן סופר ער האָט דאָס געלאָזט בודק זיין), דער סופר האָט נישט געוואוסט וואָס פאַר אַ חשוב'ע תפילין זיי זענען, נאָר ער האָט געזאָגט פאַר מיין פאָטער זצ"ל אַז ער איז זייער נתפעל געוואָרן פון די פּרשיות. ער האָט נאָך נישט געזען אזעלכע שיינע פּרשיות.

ווען מיין ברודער משה נ״י איז בר מצוה געוואָרן האָט מיין פאָטער זצ״ל געוואוינט אין קרוינהייטס. ער האָט דאָרט געהאַט אַ בית המדרש, און געוואוינט אינ׳ם זעלבן הויז. די תפילין פלעגט מען איבער לאָזן אין ביהמ״ד. אַ פּאָר וואָכן נאָך משה׳ס בר-מצוה זענען די תפילין פּלוצלונג נעלם געוואָרן און מער האָט מען זיי נישט געטראָפן, וחבל על דאבדין.

מיין פאָטער זצ״ל האָט געטראָגן זיין פאָטער׳ס תפילין עד יומו האחרון. נאָך די פּטירה פון מיין פאָטער זצ״ל האָב איך באַקומען די תפילין. איך האָב זיי געלאָזט בודק זיין ביים סופר הרה״ח מו״ה ר׳ אהרן פאלאק ז״ל. איך בין געווען ביי אים ווען ער האָט געעפנט די תפילין, ווייל איך האָב געוואָלט זען ווי אַזוי די פּרשיות זעען אויס. דער סופר איז אויך נתפעל געוואָרן ווי שיין די פּרשיות זענען געווען, ממש ווי ניי געשריבן.

די בתים זענען געמאַכט געוואָרן אין טיסמעניץ און זענען זייער גרויס און אויך זייער שיין. ר׳ אהרן ז״ל האָט מיר געזאָגט אַז היינט קען מען שוין נישט מאַכן אַזעלכע שיינע בתים. איך האָב די בתים געלאָזט פאַררעכטן. (אָבער אַזוי ווי זיי זענען זייער גרויס ממילא האַלטן זיי זיך נישט געהעריג אויפן קאָפּ. האָט מיר ר׳ אהרן ז״ל געזאָגט, איך זאָל זיי נאָר אנטאָן נאָכדעם ווי איך וועל זיך אָפּשערן די האר. אַזוי טו איך טאַקע. יעדעס מאָל נאָכן אָפּשערן קען איך דאָס אַפּאָר טאָג געהעריג אנטאָן.)

קאַפּיטל צוויי אין צוואָנציג

תש״ב - תש״ג לפ״ק

חודש אלול אין יאָר תש״ב, בין איך געפאָרן קיין סיגעט צום יאָרצייט פון זיידן דער הייליגער ייטב לב. ערב שבת קודש פ׳ שופטים בין איך אָנגעקומען קיין בערבעטש צום פעטער הרה״צ ר׳ ליפא זצ״ל, און איך בין געווען ביי אים ביז איבער שבת. זונטאָג פ׳ כי תצא בין איך אריינגעפאָרן קיין סיגעט. איך בין איינגעשטאַנען ביים פעטער, מיין פאָטער׳ס ברודער, הרה״צ ר׳ זלמן לייב גרויס זצ״ל הי״ד דער ראב״ד אין סיגעט. כ״ק מרן מהר״י ט״ב אב״ד מסאַטמאַר זצ״ל איז אויך געקומען קיין סיגעט צו די יאָרצייט, וועלכע איז געווען מאָנטאָג פ׳ כי תצא. איך בין להבחל״ח געווען צוזאַמען מיט אים אין אוהל.

נאָכן צוריק קומען פון אוהל האָט דער סיגעט׳ער רב הרה״צ ר׳ יקותיאל יהודא טייטלבוים הי״ד - געמאַכט אַ סעודת הילולא. כ״ק אדמו״ר מסאטמאר זצ״ל האָט אויך אַנטייל גענומען אין די סעודה און געזאָגט דברי תורה. דער סיגעט׳ער רב הי״ד האָט אויך געזאָגט תורה. ער האָט זיך געשטעלט אויף דעם מאמר חז״ל לעולם ילמד אדם תורה שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה. עס איז ידוע די קשיא אז תיכף דערנאָך פירט ער אויס אַז צום סוף וועט ער אָנקומען צו לשמה, איז דאָך דאָס נישט לעולם?.

מאנטאָג נאַכט בין איך אַהיים געפאָרן מיט די באַן קיין דעברעצין. די זענטא׳ר רעבעצן הי״ד, די ווייב (בזוג״ר) פון כ״ק אדמו״ר מסאַטמאַר מהר״ם ט״ב שליט״א (וועלכער איז דעמאָלס

געווען זענטא׳ר רב) איז אויך געווען אויף די יאָרצייט אין סיגעט. און זי איז מיט די זעלבע באַן אַהיים געפאָרן קיין זענטע.

די ימים טובים פון דעם יאָר תש״ג זענען ב״ה דורך רואיג. חול המועד סוכות האָט שטאַרק גערעגנט. די סוכה איז געווען צוגעדעקט מיט אַ שלאַק ווען ס׳האָט גערעגנט. מ׳האָט נישט געקענט שלאָפן אַ טייל נעכט אין די סוכה צוליב דעם רעגן.

ערב הושענה רבה בייטאָג איז הרה״צ ר׳ מענדעלע קאראדער הי״ד פון מישקאָלץ געפאָרן קיין סאַטמאַר אויף די צווייטע טעג יו״ט. אויפן וועג איז ער אָפּגעשטיגן ביי אונז אין דעברעצין. מ׳האָט געדאַרפט וואַרטן ארום 6 שעה אויף אַן אַנדערן באַן וואָס פאָרט קיין סאַטמאַר, און ביז דערווייל איז ער אַריין געקומען צו אונז אין שטאָט.

כאָטש ס׳האָט שטאַרק גערעגנט איז ער אַריין אין סוכה, אויפגעהויבן אַביסל דעם שלאַק און זיך אַראָפּ-געלייגט אויף אַ באנק אַביסל צו שלאָפן. ער האָט נישט געוואָלט שלאָפן חוץ לסוכה אַפילו אין אַ רעגן. ער איז געווען זייער דבוק צום קערעסטירער הויף. איך האָב אים געטראָפן אין אוישוויץ בשנת תש״ד.

אין ספר מקדשי השם פון הגה״צ מוה״ר ר׳ צבי מייזליש זצ״ל, ווייצענער דיין פאַר די מלחמה, (דערנאָך אב״ד בערגן-בעלזן, טשיקאַגאָ, און מאָנסי,) ווערט ר׳ מענדעלע זייער אַסאַך דערמאַנט. ער איז געווען אַ פלאַם פייער׳דיגער יוד. ער איז געווען אין מישקאָלץ אַ באַוואוסטער מורה הוראה.

הושענה רבה פאַרטאָג האָט מען צוגעשפּאַרט די גאַסן הויפּטזעכליך וואו אידן האָבן געוואוינט. מ׳האָט געמאַכט אַ ראָזיאָ (ד.ה. די פּאָליצײ איז געגאַנגען פון הויז צו הויז און געזוכט פרעמדע מענטשן). מען האָט זיך נישט געקענט אַרויס רירן פון הויז. אַפילו צום בית המדרש האָט מען נישט געקענט גיין דאַוונען.

אין אונזער הויף זענען געווען, ווי געווענליך, עטליכע טמור ונעלמ׳ס. מיר האָבן זייער מורא געהאַט, וואָס וועט זיין אויב מ׳וועט זיי געפינען. מ׳האָט אָנגעגרייט פּאַר זיי פלעצער וואו זיך צו באַהאַלטן. די פּאָליצײ זענען אָבער ב"ה נישט אָנגעקומען ביז צו אונזער הויז. 12:00 מיטאָג האָבן זיי אויף געהערט צו זוכן, און מיר האָבן געקענט גיין דאַוונען.

נאָך סוכות תש"ג איז מיין ברודער רפאל נ"י געפאָרן לערנען קיין לאַפּאָש, און דעם לאַפּאָש׳ער פעטער׳ס זון הב׳ יוקל הי"ד איז געקומען צו אונז קיין דעברעצין. ער האָט זיך שוין געדאַרפט מעלדן צום מיליטער, איז ער געקומען זיך באַהאַלטן ביי אונז.

איך האָב לעצטנס געטראָפן אַ ספר פון מיין פאָטער זצ"ל, דאָס "ספר מי באר", וואָס איך האָב דאָרט ארייגעשריבן אויפן דעקל בזה הלשון, "היום א' לס' וירא תש"ג לפ"ק היום עת צרה גדולה לישראל כי קראו כמעט כל האנשים ישראלים מהמדינה לעבודת הצבא ליום ג' לגאמא".



קאַפּיטל דריי אין צוואָנציג

דער מופת מיט ר׳ שלום אליעזר׳ל זצוק״ל

צווישן די אַלע וואָס מען האָט איינגערופן אין מיליטער איז אויך געווען מיין פאָטער זצ״ל און ר׳ אהרן טייטלבוים ז״ל. זיי האָבן באַקומען אַ ״שאש״ איינרוף צעטל (ד.ה. אויף זאַפּאָרט) צו גיין קיין גאמא, צום מונקא-סאזאד. מיין פאָטער זצ״ל האָט בשום אופן נישט געוואָלט גיין, האָט ער זיך געוואָלט באַהאַלטן, אַזוי ווי ער האָט געטאָן ביז יעצט.

אָבער מיין מאַמע ע״ה האָט געזאָגט אַז זי וויל פאָרן קיין ראַצפערט צו הרה״צ ר׳ שלום אליעזר׳ן הי״ד, דעם הייליגן צאַנזער רבינ׳ס זון, און אים פרעגן וואס צו טאָן. מיין פאָטער זצ״ל האָט זיך געבעטן ביי איר אַז זי זאָל נישט פאָרן, ווייל אויב ער פרעגט נישט טוט ער ווי ער פאַרשטייט, אָבער אַז ער פרעגט דעם רבי׳ן וועט ער אים מוזן פאָלגן. אויב וועט דער רבי זאָגן אַז ער זאָל יאָ איינרוקן וועט ער מוזן פאלגן, און ער וויל נישט אַז ס׳זאָל קומען דערצו.

אָבער מיין מאַמע ע״ה איז געבליבן איינגעשפאַרט, און זי איז געפאָרן מיט׳ן באַן קיין ראַצפערט 2:00 אזייגער נאָך מיטאָג. ס׳האָט געדויערט בערך אַ האלבע שעה פון דעברעצין קיין ראַצפערט. ר׳ אהרן טייטלבוים ז״ל האָט אויך מיט געשיקט אַ קוויטל פאַר זיך. ווען מיין מאַמע ע״ה איז אַהיים געקומען פאַרנאַכט האָט זי איבערגעגעבן אַז דער רבי הי״ד האָט געהייסן אַז מיין פאָטער זצ״ל און ר׳ אהרן ט״ב ז״ל זאָלןביידע איינרוקן, און זיי וועלן ביידע באַפרייט ווערן.

מיין פאָטער זצ״ל האָט נישט שפעקולירט קיין איין מינוט. אַז דער רבי האָט געהייסן איינרוקן וועט ער איינרוקן. מ׳האָט שוין אָנגעהויבן איינצופאַקן זאַכן וואָס מ׳דארף מיט נעמען. אויך ר׳ אהרן ט״ב ז״ל האָט זיך איין געפאַקט און דעם אַנדערן טאָג זענען זיי געפאָרן קיין גאמא. מיטוואָך אינדערפרי זענען זיי אָנגעקומען און זיך געגאַנגען שטעלן צום מיליטער.

מ׳האָט זיי ביידע אריינגענומען אין מיליטער. ווען מיר זענען געוואָר געוואָרן דאָנערשטאָג אַז מ׳האָט זיי אָן גענומען אין מיליטער איז געוואָרן ביי אונז אַ יללה. פונקט איז געוועזן ביי אונז די רבנית פון רבי ר׳ זושא׳לע הי״ד די שנור פון רבי ר׳ שלום אליעזר׳ן הי״ד, וואָס איז דעמאָלס אַהיים געפאָרן קיין ראַצפערט. מיין מאַמע ע״ה האָט איהר געבעטן אַז זי זאָל איבערגעבן פאַר׳ן רבי׳ן הי״ד וואָס ס׳איז געשען.

מיין מאַמע ע״ה איז אויך באַלד געפאָרן קיין גאמא זען וואָס מען קען טאָן. זי האָט מיט גענומען עטליכע שטאָפ לעבער, (דאָס איז געווען אַ דעליקאַטעסן), טראַכטנדיג אַז אפשר וועט זי קענען דאָרט איינעם משחד זיין דערמיט. זי איז באַלד צוריק געקומען איינזעענדיג אַז מ׳קען ליידער גאָר נישט אויף טאָן. זי האָט זיך נישט געוואָלט פאַרזוימען ווייל זי האָט איבער געלאָזט אַ שטוב מיט 9 קינדער שיחי׳. זי איז אַהיים געקומען אויף שבת. עס איז איבעריג צו זאָגן ווי אַזוי דער שבת האָט נעבעך ביי אונז אויסגעזען.

קיין טעלעפאָן האָבן מיר נישט געהאַט. אַז מ׳האָט געוואָלט טעלעפאָנירן איז מען געגאַנגען צו די פּאָסט. פון די פּאָסט האָט מען יענעם פאַרשטענדיגט אַז אין די און די שעה זאָלסטו וואַרטן ביי די פּאָסט און יענער וועט צו דיר רעדן. ס׳האָט זיך געקענט טרעפן אַז מ׳האָט אגאַנצן טאָג געווארט ביי די פּאָסט ביז מ׳האָט געמאַכט די פאַרבינדונג. מיר האָבן נישט ערהאַלטן קיין שום ידיעה וויאַזוי ס׳איז אַדורך דער שבת ביי מיין פאָטער זצ״ל.

זונטאָג פאַרמיטאָג איז פלוצלונג מיין פאָטער זצ״ל אַהיים געקומען. די שמחה איז געווען זייער גרויס, און ער האָט דערציילט ווי אַזוי ער איז באַפרייט געוואָרן.

פרייטאָג פאַרנאַכטס האָט זייער ״סאזאד״ (רעגימענט) באַקומען אַ באַפעל אַז מארגן אינדערפרי ד.ה. שבת צופרי וועט מען זיי אַוועק שיקן אויפן רוסישן פראנט. שבת צופרי איז געקומען אַ הויך ראנגיקע קאמיסיע מיליטער לייט, און מ׳האָט דעם גאַנצן ״סאזאד״ בערך 950 מענטשן געהייסן שטעלן זיך אין אַ שורה. זיי האָבן געוואָלט שיקן צום פראָנט נאָר 850 מענטשן. זיי האָבן אויסגערופן אַז ווער ס׳איז אַ פעלד אַרבייטער אָדער ווער ס׳האָט אַסאַך קליינע קינדער זאָל זיך מעלדן.

תיכף האָבן זיך געמאָלדן די אַלע וואָס זענען געווען אין די קאַטאַגאָריע, און מען האָט זיי תיכף באַפרייט. די קאָמיסיאָן האָט זיך שוין אויפגעהויבן אַוועק צו גיין, נאָר איין אָפיציר איז נאָך געבליבן ביים טיש צוזאַם צונעמען די שריפטן.

מיין פאָטער זצ״ל האָט נישט געקענט רעדן און נישט פאַרשטאַנען קיין אונגאַריש. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס מ׳האָט אויס גערופן, און האָט זיך נישט געמאָלדן. ער איז געבליבן דאָרט שטיין אין די שורה.

פלוצלונג, איז צוגעגאַנגען צו אים אַ קליינער אָפיציר "אוירמעשטער", און האָט אים געזאָגט אויף אונגאַריש "הער ראבינער פאַרוואָס גייסטו נישט ארויס פון די רייע?". ער האָט אים אָנגעכאַפּט און ארויס געשטעלט פון די שורה. דער איינער אָפיציר וואָס איז נאָך געבליבן צוזאַם נעמען די שריפטן האָט אים געזען אויסער די שורה האָט ער אים געפרעגט, וואָס איז מיט דיר? האָט מיין פאָטער זצ״ל מיט זיין צובראכענעם אונגאַריש געזאָגט "9 קינדער". האָט ער אים באַלד באַפרייט.

ווען איינער פון די רבנים אָדער אַנדערע כלי קודש איז געווען אין מיליטער, האָט מען מורא געהאַט זיך פאָרצושטעלן פאַר די אָפיצירן אַלס אַ כלי קודש. זיי - די כלי קודש - פלעגן די רשעים ימש״ו מער פייניגן. די אידן האָבן געוואוסט ווער ס׳איז אַ כלי קודש, אָבער נישט די אָפיצירן. דעריבער איז דאָס געווען אַ גרויסע חידוש וואָס דער אָפיציר האָט אַרויס געשטעלט מיין פאָטער זצ״ל פון די רייע אַלס "הער ראבינער". מיין פאָטער זצ״ל האָט קיינמאָל נישט געקענט פאַרשטיין, פון וואו דער גוי האָט געוואוסט אַז ער איז אַ ראַבינער. דער עיקר איז, אַז אין זכות פון רבי׳ן הי״ד איז ער באַפרייט געוואָרן.

ס׳האָבן דערציילט מענטשן וואָס זענען געווען אין ראַצפערט יענעם דאנערשטאָג, אַז ווען מ׳האָט דערציילט פאַר׳ן רבי׳ן הי״ד אַז מ׳האָט דעם טאַטן אַריין גענומען אין מיליטער, האָט דער רבי זיך נישט געקענט שטעלן דאַוונען מנחה ומעריב. ער איז געגאַנגען אין זיין ביהמ״ד אַרויף און אַראָפּ און גערעדט צו זיך הויך ״נפתלי איז דאָרט געבליבן, נפתלי איז דאָרט געבליבן.״ דער עולם וואָס איז דאָרט געווען האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס און וועמען ער מיינט, אָבער דער רבי האָט פאַראַרבעט מעשים. זונטאָג דערנאָך איז מיין פאָטער זצ״ל אַהיים געקומען.

(גלייך ביים אַהיים קומען ווען ער האָט נאָך געהאַט אָפּגעשוירן די באָרד און פאות האָט ער זיך געלאָזט נעמען אַ בילד. ווען מ׳האָט זיך גענדאַרפט מעלדן צום מיליטער האָט מען גענדאַרפט האָבן אַ בילד, און דאָס האָט גענדאַרפט זיין אָן קיין באָרד און פאות. האָט ער געוואָלט זיין גרייט, אויב עס וועט שפּעטער אויסקומען ער זאָל דאַרפן אַזאַ בילד זאָל ער דאָס האָבן.)

ווען ר׳ אהרן ט״ב ז״ל האָט איינגערוקט צום מיליטער, האָט ער אריינגעגעבן פאַרשידענע דאָקטאָר שריפטן אַזוי ווי אַסאַך מענטשן האָבן געהאַט, אַז דער מענטש איז ל״ע קראַנק און איז נישט ראוי צו דינען אין מיליטער. געווענליך ווען איינער האָט געגעבן אַזעלכע שריפטן פלעגט מען זיי שיקן פאַר אַן אונטערזוכונג צו אַ מיליטערישן שפּיטאָל, זיי זאָלן פעסט שטעלן אויב דער מענטש איז טאַקע קראַנק.

דאָס מאָל האָבן זיי נישט געגלייבט קיינעם. די אַלע מענטשן וואָס האָבן דעמאָלס איינגערוקט האָט מען נישט געשיקט זיך לאָזן אונטערזוכן, נאָר מ׳האָט זיי אַלע

אָנגענומען אין מיליטער. אויסער ר׳ אהרנ׳ען האָט מען יאָ געשיקט אויף אַן אונטערזוכונג, און דער דאָקטאָר האָט טאַקע באשטעטיגט אַז ער איז נישט ראוי צו דינען. ער איז אויך באַלד באַפרייט געוואָרן און אַהיים געקומען.

יענעם ווינטער האָבן אָנגעהויבן צו קומען פלטים פון סלאָוואַקאי וועלכע זענען אַנטלאָפן קיין אונגאַרן. פון סלאָוואַקאי האָט מען שוין ליידער אין יאָר תש״ב דעפּאָרטירט די אידן צו די פאַרניכטוגס לאַגערן. צו אונז קיין דעברעצין זענען אויך געקומען עטליכע פליטים. צווישן די פליטים איז געווען הרב ר׳ דוד טייטלבוים הי״ד, זיין פאַמיליע, 5 קינדער, און זיין שוויגער, וועלכע האָבן געוואוינט אין נייטרא. צוזאַמען מיט זיי איז אויך געווען מרת מלכה רייזל ע״ה. זי איז דאַן געווען אַ כלה צום טרעסעוער רב׳ס זון הי״ד. (מער פרטים וועגן זיי וועל איך אי״ה שפּעטער שרייבן).

מיר האָבן איבער געגעבן פאַר די משפּחה אַ שטוב מיט אַ קאָך אין אונזער דירה, וואו זיי האָבן געוואוינט ביז צום דעפּאָרטירן. צווישן די סלאָוואַקישע פלטים איז אויך געווען, הרה״ג מוה״ר ר׳ ישכר שלמה טייכטאל הי״ד אב״ד פישטשאָן בעהמ״ח ספר משנת שכיר. אויך זענען געקומען פאַרשידענע פליטים פון פוילן וואָס זענען אַנטלאָפן פון דאָרטיגע געטאָס. זיי האָבן דערציילט פאַרשידענע אומגלויבליכע מעשיות, וואָספאַרא עינויים מ׳טוט מיט די אידן ר״ל. מען האָט עס ממש נישט געקענט גלייבן.

יעצט ווען איך שרייב דאָס, ווייס איך שוין אַז ס'איז נישט געווען קיין גוזמאות, און דאָס אַלעס וואָס זיי האָבן דערציילט איז נאָך נישט געווען גענוג דערציילט. זיי אַליין האָבן אויך נישט געוואוסט וואָס פאַרא רציחות'דיגע ענויים די דייטשן ימש"ו האָבן אָנגעטאָן פאַר די אידן.

(זומער תש"ג איז אויך געקומען קיין אונגאַרן פון באכנער געטאָ הרה"צ אדמו"ר מוה"ר ר' אהרן רוקח האדמו"ר מבעלזא זצ"ל און זיין ברודער הרה"צ ר' מרדכי אב"ד בילגריי זצ"ל).

בילעגרייער רב זצ"ל

בעלזער רב זצ"ל

קאַפּיטל פיר און צוואַנציג

אַ מעשה נורא ביים רבי'ן זצוק"ל

בילד פון סאטמאר'ער רב זי"ע מיט'ן רומענישן קעניג

חמשה עשר בשבט תש"ג איז כ"ק אדמו"ר מסאַטמאַר מרן מהר"י ט"ב זצ"ל געווען אין דעברעצין. ער איז געקומען פון קארצאג, וואו ער האָט געכשר'ט די מיל. מ'האָט גענוצט די מיל צו מאָלן ווייץ פאַר אַלע קהילות אין גאַנץ אונגאַרן, אויף פסח. פאַרשטייט זיך אַז יעדער חסיד'ישער איד האָט פאַר זיך אַליין געמאָלן רחיים של יד.

אויך איז כ"ק אדמו"ר זצ"ל געפאָרן צו זאמלען געלט פאַר פדיון שבוים פאַר הרה"צ ר' ישעי'לע טשעכובער'ס אַ זון וואָס איז געווען אין רוסלאנד אין סיביר. דעמאָלס איז נאָך געווען אַ מעגליכקייט אים צו העלפן, און דער עולם האָט זיך טאַקע משתתף געווען מיט גרעסערע נתינות.

דער רבי איז אײַנגעשטאַנען אויף אַ פּאָר טעג בײַ ר' ישראל אײַזנבערג'ן הי"ד. דאָרט האָט מען געמאַכט אַ חמשה עשר סעודה. ס'זענען געווען דאָרט עטליכע אנשים מכובדים ווי אויך מײַן פאָטער זצ"ל, און ר' אהרן ט"ב ז"ל. ולהבחל"ח איך בין אויך דאָרט געווען. מ'האָט געשמועסט פון פאַרשידענע ענינים, און בעיקר פון דעם מצב פון די אידן אין פוילן-רוסלאנד, וכדומה.

כ"ק אדמו"ר זצ"ל האָט זיך אָנגערופן, אַז ער האָט מורא פאַר 3 זאַכן וואָס ס'וועט זײַן נאָך די מלחמה. איינס, אַז מ'וועט געבן ארץ ישראל פאַר די אידן. צווייטנס, אַז רוסלאנד וועט באזעצן גאַנץ אייראָפּע. דריטנס, אַז נאָך די מלחמה ווען מען וועט זען מיט ווער מ'איז געבליבן וועט מען דאָס נישט אויס האַלטן.

לײַדער זענען די אַלע 3 זאַכן מקויים געוואָרן, אַ) עס איז לײַדער אויפגעקומען די מדינה. ב) רוסלאַנד האָט באַזעצט כמעט אַלע לענדער אין אייראָפּע וואו אידן האָבן געוואוינט, פוילן, אונגארן, רומעניען, טשעכיי, סלאָוואָקיי. ג) פון די אלע צדיקים און ערליכע אידן איז לײַדער כמעט קיינער געבליבן. (אין תש"ט ווען מיר זענען שוין געווען אין אַמעריקא בין איך מיט להבחל"ח מײַן פאָטער זצ"ל, געווען בײַ דעם רבי'נס חמשה עשר טיש, האָט אים מײַן פאָטער זצ"ל דערמאַנט וואָס דער רבי זצ"ל האָט געזאָגט אין תש"ג בײַ די חמשה עשר טיש אין דעברעצין, און דער רבי זצ"ל האָט מסכים געווען און געזאָגט אַז עס איז לײַדער אַלעס מקויים געוואָרן.)

אויך האָב איך דעמאָלס בײַגעוואוינט אַ מעשה נורא. דער סדר פלעגט זײַן אַז ווען און וואו דער רבי זצ"ל איז

געגאַנגען זענען נאָך געגאַנגען יונגלעך און בחורים. איך בין אויך געווען צווישן זיי. אינדערפרי פאַר׳ן דאַווענען איז דער רבי זצ״ל געגאַנגען אין מקוה, און מיר זענען אַלע מיט געגאַנגען. ווען דער רבי זצ״ל איז געווען אין וואַסער, איז ער געווען אויסגעדרייט מיטן פנים צו אונז אינגאַנצן פאַר׳מוח׳ט, מיט די אויגן צום וואַסער. ער האָט נישט געקוקט וואָס ס׳טוט זיך אויבן.

איז געווען צווישן די יונגלעך איינער וואָס האָט געהאַט אַ פאָטאָ-קאמערא. (אין יענע צייטן האָט לאנג געדויערט ביז מ׳האָט אָן געשטעלט אַ קאמערא צו מאַכן אַ בילד.) ער האָט געהאַלטן אי״ן מיטן אָנשטעלן זיין קאמערא. ער האָט געוואָלט מאַכן אַ בילד פון רבי׳ן ווען ער איז אין וואַסער. ווען דער הויז בחור - וועלכער האָט דעמאָלס געהייסן מענדל - האָט דאָס געזען, האָט ער געגעבן אַ געשריי.

דער רבי זצ״ל האָט אויף געהויבן זיין קאָפּ און געפרעגט וואָס איז דאָס געשריי, האָט אים מענדל געזאָגט אַז איינער האָט געוואָלט מאַכן אַ בילד. דער רבי זצ״ל האָט זיך באַלד אויס געדרייט צו די וואַנט, זיך געטובל׳ט און איז באַלד ארויס געקומען פון וואַסער. ער איז געווען זייער צו קאָכט. (ליידער האָט דער בחור נישט מוציא שנתו געווען רח״ל. ער איז אַלט געווען סך הכל 16 יאָר.)

ז׳ אדר תש״ג בין איך געווען אויף די יאָרצייט אין קאלוב. פון דאָרט בין איך געפאָרן אויף שבת קיין ראַצפערט. ס׳זענען געווען אין ראַצפערט אויף שבת עטליכע רבנים. הרה״צ אדמו״ר מ׳קלויזנבורג זצ״ל איז אויך געווען דאָרט. דאָס ביהמ״ד ביי הרה״צ ר׳ שלום אליעזר׳ן הי״ד איז געווען אַזוי פול מיט מענטשן אַז דאָס גאַנצע ביהמ״ד איז געווען איין שטיק וואַסער פון שווייס. אַלע ווענט זענען געווען אַזוי נאס ווי מ׳וואָלט דאָס אָפּגעגאסן מיט וואַסער.

דער קאלוב׳ער רב הרה״צ ר׳ מנחם ברוידי זצ״ל
און זיין שוואגער דעם קאסאני׳ער רבינס ברודער הי״ד

ביי שלוש סעודות איז געווען אַ חתן, האָט מען געזאָגט שבע ברכות. דער רבי הי״ד האָט געבענטשט און געזאָגט אַלע שבע ברכות. ער האָט געטרינקען דעם כוס של ברכה און האָט געשיקט פאַר די כלה אויך אָבער נישט פאַר׳ן חתן.

אין חודש סיון אין יאָר תש״ג, בין איך געווען אויף די חתונה פון מיין קאָזין הרה״ח מוה״ר מנחם מעדל רובין ז״ל (בן כ״ק דודי הרה״צ מוה״ר מאיר יוסף רובין, האדמו״ר מקערעסטיר זצ״ל הי״ד). ער איז געוואָרן אַן איידעם בזווג ראשון ביי הרה״ג מוה״ר ר׳ ברוך פריינד אב״ד הוניאד זצ״ל. די חתונה איז געווען אין סאַטמאַר. סידור קידושין איז געווען כ״ק אדמו״ר מסאטמאר זצ״ל. די שבת שבע ברכות האָט געזאָלט זיין אין סאַטמאַר, אָבער מחמת אַ סיבה וועלכע ווערט דאָ ווייטער דערציילט - צו וועלכען איך בין געווען דער גורם - איז דאָס נישט פאָרגעקומען דאָרט. (ביז יעצט האָב איך דאָס נאָך קיינמאָל דערציילט).

כ״ק אדמו״ר מ׳ביקסאד - מרן ר׳ אליעזר פיש זצ״ל



ומעשה שהי׳ כך הי׳. רוב פון דעם חתן׳ס מחותנים האָבן געהאַט זייער אכסניא ביי הרה״צ מוה״ר ר׳ חיים׳ל האלבערשטאם זצ״ל בן כ״ק מרן רבי ר׳ שלום אליעזר׳ל הי״ד. אויף צו מאָרגן׳ס פון די חתונה, בין איך מיט נאָך אַ בחור געגאַנגען צו הרה״צ מביקסאד זצ״ל הי״ד. אין מיטן וועג, האָבן 2 פּאָליציי אונז אָפּגעשטעלט און פאַרלאַנגט שריפטן. מיר זענען דאָך נישט געווען פון סאַטמאַר, האָבן זיי אונז געפרעגט וואו מיר זענען געווען ביינאַכט, האָבן מיר געגעבן די אַדרעס פון ר׳ חיים׳ל זצ״ל. זיי האָבן אונז געהייסן תיכף צו פאַרלאָזן סאַטמאַר.

מיר זענען אַוועק צום ביקסאד׳ער רבי׳ן זצ״ל זיך געזעגענען. ער איז געלעגן אין בעט פון שוואַכקייט. מיר האָבן זיך געזעגנט, און צוריק פון דאָרט צו די דירה פון ר׳ חיים׳ל זצ״ל. דאָרט האָבן מיר שוין יעצט געטראָפן אַסאַך פּאָליציי וועלכע האָבן יעדן לעגיטימירט. די אַלע געסט זענען דאָך פאַרשטייט זיך נישט געווען פון סאַטמאַר, האָט מען געהייסן אַז יעדער זאָל פאַרלאָזן די שטאָט, און עס האָט שוין נישט געקענט זיין קיין רעדע אַז די שבת שבע ברכות זאָל זיין אין סאַטמאַר. קיינער האָט נישט געוואוסט אַז איך בין געווען דער גורם אַז די פּאָליציי זענען אַהין אָנגעקומען, והשם יסלח לי.

קאַפּיטל פינף און צוואָנציג

ביים בעלזער רב זי״ע

שבועות צייט אין יאָר תש״ג, האָבן מיר געהערט אַז כ״ק אדמו״ר מבעלזא הרה״צ ר׳ אהרן זצ״ל מיט זיין ברודער דער בילגורייי׳ער רב זצ״ל, זענען ניצול געוואָרן פון פוילן און זיי זענען אין פעסט.



כ״ק האדמו״ר מבעלזא
מרן ר׳ אהרן רוקח

אין זומער תש״ג האָט מיין פאָטער זצ״ל באַקומען אַן איינרוף צעטל צום מיליטער, אָבער דעמאָלס האָט ער שוין נישט געוואָלט איינרוקן. בלייבן אינדערהיים האָט מען נישט געקענט, איז ער געפאָרן קיין פעסט וואו ער איז געוואָרן דאָרט טמיר ונעלם. רוב תפילות האָט ער געדאַוונט ביים בעלזער רבין זצ״ל. דער בעלזער רב זצ״ל איז אַריינגעקומען דעם ערשטן טאָג צו סליחות 8:45 צופרי.

כ״ק אדמו״ר הרה״צ מ׳וויזניץ שליט״א (ר׳ מאטע׳לע) האָט מיר דערציילט, (בשעת ער איז געווען ביי מיר אויף אַ וויזיט ווען ער איז געקומען קיין דעזערט-האַט-ספרינגס אויף צוויי וואָכן פרשת ויקהל (פרשת שקלים) און פרשת פקודי תשנ״ז) אַז ער מיט להבחל״ח מיין פאָטער זצ״ל

האָבן געזאָגט אין איינעם דעם ערשטן טאָג סליחות תש"ג ביים בעלזער רבי'ן זצ"ל אין פּעסט.

אויף איין שבת בין איך אויך געפאָרן צו זיין ביים בעלזער רבי'ן זי"ע, און אין איינוועגס אויך מקיים זיין כיבוד אב. איך האָב דאָרט געדאַוונט מנחה מעריב. (דאָס

בעלזער רב זצ"ל מיט זיין ברודער דער בילגורייער רב זצ"ל ביי אַ שבע ברכות אין ארץ ישראל

ערשטע מאָל וואָס איך האָב געדאַוונט אַ וואָכן טאָג אין בעלז מיט'ן רבי'ן זצ"ל.)

ער האָט אָנגעהויבן די קרבנות צו זאָגן הויך, וידבר... וידבר... אתה הוא... ואחד עשר סמנים היו בה... ולמה אין מערבין בה דבש... אשרי יושבי ביתך... ממש נאָר די ווערטער האָט מען געהערט, אַזוי שנעל ווי מ'קען זאָגן די ווערטער. ווען דער בעל תפילה האָט געזאָגט קדיש פאַר די שמונה עשרה האָב איך נאָך נישט געהאַלטן דאָרט. איך האָב שנעל אָפּגעזאָגט די ש"ע, און ווען איך האָב אויסגעטרעטן, האָט שוין דער בעל תפילה געזאָגט די הויכע ש"ע.

אויף ר"ה און יו"כ תש"ד איז מיין פאָטער זצ"ל געווען אין קערעסטיר. אינדערהיים ביי אונז איז נאָך געווען געהעריג מנין.

אין יענע צייט האָב איך אַביסל געהאַנדלט מיט צווירן (פּאָדים). איך האָב געקויפט אַ גרויסע קנויל פּאָדים, און פון דעם געמאַכט קליינע שטרענגלעך פער 4-5 יאַרד און דאָס צוזאַמען געדרייט. מען האָט דערפון געקענט ציען חיונה ווייל דאָס אָרעמקייט איז געווען זייער גרויס. אַז אַ פויער האָט געוואָלט מאַכן אַ לאַטע אויף זיין בגד, און האָט נישט געהאַט קיין געלט צו קויפן אַ גאַנצע שפּאלקע פּאָדים, האָט ער נאָר געקויפט אַ קליין שטרענגעלע פּאָדים פון אַפּאָר יאַרד.

איך פלעג קויפן אַ גרעסערן קוואַנטום פּאָדים, און עטליכע מענטשן פלעגן דאָס אַראָפּ דרייען און מאַכן די קליינע שטרענגלעך, אין פאַרשידענע קאָלירן.

איך האָב אויך געהאַנדלט מיט שיך בענדלעך. געווענליך האָט יעדע שיך בענדל ביי די צוויי עקן צוויי שטיקלעך אייזן אַז מ׳זאָל דאָס בענדל קענען גרינג אַריין ציען אין שיך לאָך. די אייזנדלעך זענען געווען צו טייער, בין איך געפאַלן אויף אַ המצאה. איך האָב געקויפט די שיך בענדלעך סחורה, אין פאַרשידענע ברייט (סייזע״ס), און דאָס צושניטן אויף פאַרשידענע לענג (סיי״ז). די עקן האָב איך איינגעטונקען אין אַ קלעב (גל״אָ) וואָס ווערט האַרט, און אַזוי האָט מען נישט געדאַרפט האָבן די אייזנס ביים עק.

די סאָרט שיך בענדלעך זענען אַסאַך ביליגער געווען ווי די נאָרמאַלע. אויף די סחורה האָב איך אַלץ געהאַט אַפּנעמערס (קאַסטומערס). איינער איז געווען ר׳ אברהם שמואל סאמעט הי״ד פון קערעסטיר. ער איז געווען אַ גרויסער סוחר פון די זאַכן.

אַזוי ווי דער בעלזע'ר רב הרה"צ רבי ר' אהר'לע זצ"ל איז געווען אין פעסט, און ס'האָט געהייסן אַז ער פאָרט פרשת וארא תש"ד קיין ארץ ישראל, בין איך מיטוואָך פרשת שמות געפאָרן קיין פעסט, צו זיין ביים בעלזער רב זצ"ל און אין איינוועגס איינקויפן סחורה אויך. נאָר אין פעסט האָט מען געקענט באַקומען גרעסערע קוואַנטומס פון די רויע סחורות.

מיטוואָך נאַכט נאָך מנחה מעריב בין איך געגאַנגען צום בעלזער רב זצ"ל. איך האָב מיך געוואָלט געזעגענען מיט אַ קוויטל. ס'איז געווען דאָרט זייער אַ גרויסער עולם, וואָס האָבן זיך אויך געוואָלט געזעגענען, אָבער מ'האָט נישט אַריין געלאָזט, (דער וואָס האָט זיך געוואָלט געזעגענען האָט געמחט וואַרטן. וואַרטנדיג, איז דער עולם הונגעריג געוואָרן, איז געווען דאָרט איינער וואָס האָט פאַרקויפט פירות און מזונות וכדומה, מ'זאָל זיך קענען דערכאַפּן דאָס האַרץ).

איך האָב דאָרט געוואַרט ביז גאָר שפעט אין די נאַכט. פאַרטאָג'ס בין איך ענדליך אָנגעקומען צו געבן אַ קוויטל. נאָכן ליינען דאָס קוויטל האָט דער רבי זי"ע אָנגעווינטשן פאַרשידענע ברכות וועלכע איך האָב נישט פאַרשטאַנען, נאָר די לעצטע ווערטער האָט איך געהערט ווי ער זאָגט "הצלחה בכל ענינים".

אַ בילד פון בעלזער רבי'ן זי"ע - אין פעסט אויפן קאָרידאָר
איידער ער איז געפאָרן קיין ארץ ישראל

דעם דאָנערשטאָג האָב איך ב"ה מצליח געווען אין דעם מסחר אויפן מאַרק. איך האָב געטראָפן צו קויפן גוטע סחורה פאַר אַ גוטן פרייז. איך בין געבליבן ביז נאָך שבת אין פעסט.

איינגעשטאַנען בין איך ביי הרב ר' מרדכי לייפער הי"ד. (מיר זענען שפעטער געווען צחאַמען אין אַרבעטס לאַגער אין גאָלעשווי ביי די דייטשן ימש"ו.) פרייטאָג צונאַכטס האָב איך געדאַווענט מיט'ן בעלזער רב זצ"ל. מנחה שבת נאָכמיטאָג, האָב איך געדאַווענט מיט הרה"צ מוה"ר חיי"ל טייטלבוים זצ"ל אב"ד סעמיהאַלי, וואָס איז אויך געווען דעמאָלס אין פעסט. מיר האָבן זיך געוואַשן צו שלש סעודות און אַריבער געגאַנגען צום בעלזע'ר רבי'נס טיש, וואָס ער האָט געפירט אין די דירה וואו ער איז איינגעשטאַנען, אויף

KERTESZ UTCA 33 (דאָס איז די נאָמען פון אַ גאַס). עס איז שוין זייער שפּעט געווען ווען מיר זענען אַהין אָנגעקומען. מ'האָט נישט אַריין געלאָזט יעדן ווייל ס'איז געווען פול ממש ביז סכנת נפשות. מיר האָבן אָבער ב"ה יאָ מצליח געווען אַנצוקומען אינעווייניג.

אין די אשכנזי'ישע שולן האָט מען שוין געהאַט אָפּגעדאַווענט מעריב פון מוצאי ש"ק, אָבער דער בעלזער רב זצ"ל האָט נאָך געהאַלטן פאַר קידוש פון'ם מיטאָג סעודה. ער האָט קידוש געמאַכט אויף אַ כוס וויין און תיכף געטרונקען נאָך אַ כוס ס'זאָל זיין קידוש במקום סעודה, דערנאָך האָט מען געדאַווענט מנחה מיט מנין, און זיך געוואַשן צו די סעודה.

דער בילגוריי'ער רב זצ"ל (אַ ברודער פון'ם בעלזער רב זצ"ל) האָט געפירט טיש אין פאָדער שטוב, און דער בעלזער רב זצ"ל האָט געגעסן אין זיין שטוב. מ'האָט כסדר אַרויס געבראַנגט שיריים פון בעלזער רב זצ"ל, און דער

בעלזער רבי זצ"ל - מיט זיין ברודער דער בילגוריי'ער רב זצ"ל

ביליגוריי׳ער רב זצ״ל האָט געטיילט שיריים פאַר די אָנוועזנדע.

עס איז זייער שפּעט געוואָרן. תיכף נאָך הבדלה בין איך אַהיים געגאַנגען צו מיין אכסני׳. זונטאָג צופרי בין איך שפּעט אויף געשטאַנען. ווען איך האָב געוואָלט גיין אין מקוה פאַר׳ן דאַווענען איז שוין די מקוה געווען געשלאָסן, אַרום 9:00 אַזייגער האָט מען צוגעשפּאַרט די מקוה.

אין פּעסט האָט געוואוינט ר׳ יוסף שאַלגאָ ע״ה, אַ גרויסער קערעסטירער חסיד. ער איז געווען פון די וואָס האָבן געהאַט דעם גרעסטן חלק אין די הצלה פון בעלזער רב זצ״ל אַריבער צו פירן פון פוילן קיין אונגארן. אויך האָט ער געהאָלפן דעם בעלזער רב זצ״ל זיך אויף האַלטן אין אונגאַרן די גאַנצע צייט. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע קאָפּיציטעטן אין פּעסט.

וויבאַלד איך האָב געוואָלט זונטאָג נאַכט אַהיים פאָרן קיין דעברעצין, האָב איך - אַלס קערעסטירער אייניקל - אָפּגעשטאַט אַ באַזוך זונטאָג נאָכמיטאָג, ביי ר׳ יוסף שאַלגאָ׳ן ע״ה אין שטוב. ווען איך בין אָנגעקומען אַהין האָב איך מיך געטראָפן מיט נאָך קערעסטירער אייניקלעך. צווישן זיי זענען געווען מיינע פעטערס, הרה״צ ר׳ מאטע׳לע הלבערשטאם הי״ד פון מישקאָלץ און הרה״צ ר׳ יקותיאל יהודא גרויס הי״ד אב״ד שאגאטאג. ר׳ יוסף איז נישט געווען אין דערהיים נאָר זיין בני בית. זי האָט געזאָגט אַז זי ווייסט נישט ווען איר מאַן וועט אַהיים קומען, אָבער אויב מיר ווילן וואַרטן ביז איר מאַן וועט אַהיים קומען, קענען מיר וואַרטן דאָרט.

ווען ר' יוסף איז אַריין געקומען און ער האָט אונז דאָרט געזען, איז ער זייער אויפגערעגט געוואָרן. מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס. זיין ווייב האָט אונז געבעטן אַז מיר זאָלן אַריין גיין אין די אַנדערע שטוב, כדי ער זאָל אונז נישט זען. ווען מיר זענען דאָרט אַריין האָבן מיר באַמערקט אַז אין קאָרידאָר שטייט דער בעלזער רבי זצ"ל.

דער בעלזער רבי זצ"ל האָט לויט'ן פּלאַן געדאַרפט מאָנטאָג אינדערפרי אַוועק פאָרן פון פעסט. מ'האָט געוואָלט האַלטן בסוד פון וואו ער וועט פאָרן און נישט מאַכן קיין פירסום דערפון, ווייל עס וואָלט זיך צוזאַמגעלאָפן אַ גרויסער עולם, און מ'וואָלט נישט געקענט פון דאָרט אַוועק פאָרן. דערפאַר האָט מען בסודי סודות (געמאַכט אַ פּלאַן, און מען האָט) זונטאָג פּלוצלונג אַוועק געפירט דעם בעלזער רב זצ"ל אויף אַזאַ פּלאַץ וואָס קיינער זאָל נישט וויסן וואו ער געפינט זיך.

דאָס איז געווען די דירה פון ר' יוסף שאַלגאָ ז"ל. דערפאַר ווען ר' יוסף שאַלגאָ איז אָנגעקומען מיט'ן בעלזער רב זצ"ל און האָט אונז דאָרט געזען, האָט עס אים וויי געטון, ווייל עס איז געוואָרן אויס סוד. אַז איינער ווייסט שוין דערפון וועט מען שוין געוואָר ווערן דערפון אין די גאַנצע שטאָט. דער גאַנצער פּלאַן איז בטל געוואָרן, און ער האָט שוין נישט געקענט אַריין ברענגען דעם בעלזער רב זצ"ל צו זיך אין די דירה. ביז דערווייל איז דער בעלזער רב זצ"ל געשטאַנען אין קאָרידאָר.

ר׳ יוסף׳ס אַ זון האָט אויך געוואוינט אין דעם זעלבן הויז. האָט ער דעם בעלזער רב זצ״ל אַריין געפירט צו אים אין די דירה.

ס׳איז שוין געווען שפעט נאָכמיטאָג. דער עולם האָט נישט געוואוסט אַז דער בעלזער רבי איז דאָרט, אָבער מיינע קרובים האָבן יאָ געוואוסט. זיי האָבן זיך זייער געוואָלט געזעגענען, אָבער די טיר איז פאַרשפאַרט! דער רבי געזעגענט נישט. האָט דער פעטער ר׳ מאטע׳לע הי״ד זייער געבעטן ר׳ יוסף׳ן, ער זאָל זאָגן פאַר׳ן בעלזער רב זצ״ל אַז ס׳זענען דאָ עטליכע קערעסטירער איינקלעך וואָס ווילן זיך געזעגענען. אפשר וועט דער רבי מסכים זיין.

ר׳ יוסף איז צוריק געקומען זאָגן אין נאָמען פון בעלזער רב זצ״ל אַז די קערעסטירער איינקלעך קענען זיך קומען געזעגענען. זענען מיר אַלע אַריינגעגאַנגען. כאָטש איך האָב מיך שוין געהאַט געזעגנט פאַר שבת, בין איך דאָך אַריין נאָכאַמאָל. ער האָט מיר נאָכאַמאָל אָנגעווינטשן, און אַזוי ווי דאָס פריער׳דיגע מאָל האָב איך נאָר פאַרשטאַנען דעם סוף פון די ברכה, ״דו זאָלסט זוכה זיין צו טאָן מצות ומעשים טובים״. נאָך דעם האָבן מיר געדאַוונט מנחה. און דער בעלזער רב זצ״ל האָט געדאַוונט פאַר זיך.

צוביסלעך איז זיך יעדער צוגאַנגען צו זיין אכסני׳. יענע נאַכט האָט מען צוגעגרייט דעם בעלזער רב זצ״ל צו די נסיעה (איבערגעטאָן און אָפּגעשוירן), ווייל אַזוי האָט מען נישט געקענט פאָרן. ער האָט געדאַרפט דורך פאָרן פאַרשידענע מדינות וואָס זענען געווען אונטער׳ן דייטשן

הערשאַפט, און דער רבי איז געפאָרן אַלץ אַ פוילישער אָפיציר. צוגעגרייט צו די נסיעה האָט ר׳ יעקב ענגל הי״ד פון טאָקאַי.

מרן הקדוש רבי ישכר דוב מבעלז זי״ע

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציג

אַ שמחה און ...

דעם זונטאָג נאַכט בין איך צוריק אַהיים געפאָרן קיין דעברעצין. מיין באַבע הרבנית בלימא יהודית הי״ד (מיין מאַמע׳ס מאַמע) איז דעמאָלס געוועזן אין מישקאָלץ ביי איר טאָכטער הרבנית חנה הי״ד, די רעבעצין פון הרה״צ ר׳ מאטע׳לע, וועלכער איז געוועזן מיט מיר צוזאַם ביים בעלזער רב זצ״ל. איך האָב געוואָלט זיין ביי די באבע, בין איך געפאָרן דורך מישקאָלץ. איך בין אָנגעקומען אַהין אַרום האַלבע נאַכט, און איך בין באַלד צו געגאַנגען צו די באַבע׳ן הי״ד.

ווען איך בין אָנגעקומען האָט מיך די באַבע געפרעגט וואָס איך טו דאָ? זי האָט פונקט באַקומען אַ טעלעגראַם אַז מיין מאַמע ע״ה האָט יענע נאַכט כ״א טבת געבוירן אַ יונגל למז״ט, האָב איך מיך תיכף אינדערפרי אויפגעהויבן און אַהיים געפאָרן. די באַבע הי״ד איז אויך געקומען קיין דעברעצין, אַזוי ווי זי פלעגט זיך פירן, יעדעס מאָל וואָס ס׳איז געבוירן אַ קינד ביי איינע פון אירע קינדער, (אַן אייניקל). אַהין צו פאָרן העלפן פאַר די יולדת.

דער יאָרצייט פונ׳ם ברעבעשטער זיידן הרה״צ ר׳ רפאל זצ״ל, פאַלט אויס אין כ״ט טבת. אַזוי ווי ער ליגט אין קערעסטיר, האָט מיין פאָטער זצ״ל געבעטן זיינע ברידער אַז אי״ה אַ טאָג פאַר די יאָרצייט וועט ער מאַכן דעם ברית, זאָלן זיי אַלע קומען צום ברית, און פון דאָרט וועלן זיי ווייטער פאָרן קיין קערעסטיר צו די יאָרצייט.

אַלע ברידער זענען טאַקע געקומען צום ברית. מיין פאָטער זצ"ל האָט מכבד געווען זיין עלטסטן ברודער הרה"צ ר' יקותיאל יהודא הי"ד ראב"ד סיגעט מיט סנדקאות, און זיין ברודער הרה"צ ר' שמואל הי"ד אב"ד קראָלי מיט מוהלות. ער איז געווען אַ מוהל מומחה. דעם ברודער הרה"צ מוה"ר ר' אהרן הי"ד אב"ד לאַפּאָש איז מכובד געוואָרן מיט די ברכות, און זיין ברודער הרה"ח ר' משה הי"ד פון סיגעט מיט סנדק מעומד. דאָס קינד האָט מען אַ נאָמען געגעבן חיים ברוך נ"י. דעם נאָמען "ברוך" האָט מען געגעבן נאָך דעם טאַטן פונ'ם בערבעשטער זיידן. אַזוי ווי ער איז ל"ע אַוועק יונגערהייט, האָט מען צוגעגעבן דעם נאָמען חיים לאוי"ט.

ס'איז געווען זייער אַ שיינע סעודה שתלמידי חכמים מסובים בה. ביי די סעודה זענען געווען אַלע ברידער פון מיין פאָטער זצ"ל אויסער הרה"צ הרב חי"ל זצ"ל, דער בערבעשט'ער רב. צוליב מיליטער שריפטן האָט ער נישט געקענט קומען.

נאָך די סעודה זענען אַלע פעטערס געפאָרן קיין קערעסטיר צום ציון הקודש אויף די יאָרצייט אויסער מיין פאָטער זצ"ל. ער האָט נישט געקענט פאָרן ווייל ער איז געווען טמיר ונעלם פון מיליטער אויס. איך מיט להבח"ל (ש"ב בן דודי מלאַפּאָש) הב' יוקל הי"ד זענען געפאָרן דינסטאָג אינדערפרי. אין קערעסטיר האָט מיין פעטער הרה"צ מוה"ר ר' מאיר יוסף רובין הי"ד האדמו"ר מקערעסטיר געמאַכט אַ שיינע סעודה, דינסטאָג מיטאָג, לכבוד די געסט.

איך, מיט להבחל״ח מיין קאָזין יוקל הי״ד, זענען צוריק אַהיים געפאָרן קיין דעברעצין יענעם אויף דערנאַכט דורך סערענטש. די זשאַנדאַרן האָבן - מחמת רשעות - אונז אַראָפּ גענומען פון די באַן, און אונז געהאַלטן ביז די באַן איז ווייטער געפאָרן, און מיר האָבן געדאַרפט וואַרטן אויף אַן אַנדערע באַן וואָס איז געפאָרן קיין נירעדהאז. און ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין נירעדהאַז האָבן מיר געשפעטיגט דעם אַנשלוס (קאָנעקשאָ״ן) באַן וואָס פאָרט קיין דעברעצין. מיר האָבן געמוזט וואַרטן ביז גאָר שפעט אין די נאַכט אויף אויף דעם קומענדיגן באַן. מיר זענען אָנגעקומען קיין דעברעצין זייער שפעט ביינאַכט ראש חודש שבט.

דאָנערשטאָג פרשת בא, ב׳ שבט, איז געקומען אַ שליח צום ביהמ״ד, וואו מיין פאָטער זצ״ל האָט געדאַוונט, און אים געזאָגט אַז ער זאָל שוין אַהיים קומען. (איך האָב אויך דעמאָלס דאָרט געדאַוונט). מיר האָבן נישט געוואוסט פאַר וואָס מ׳האָט אים אַהיים גערופן, בין איך אויך מיט געגאַנגען. ווען מיר זענען אָנגעקומען אַהיים האָט מען אונז געזאָגט די בשורה לא טובה אַז דאָס יונגל אברהם׳לע ז״ל וואָס איז ל״ע קראַנק געווען איז נפטר געוואָרן, אין זיין שטוב וואו ער איז אַלץ געלעגן.

מיין מוטער ע״ה האָט גאָרנישט געוואוסט, ווייל זי איז געווען אַ קינדפעטאָרן, און איז נישט אַראָפּ פון בעט לכל הפחות צוויי וואָכן. זי איז געלעגן אין איר שטוב, און מ׳האָט איר נישט אויסגעזאָגט אַז איר׳ס אַ קינד איז ל״ע נפטר געוואָרן. באַלד האָבן מיר געשיקט נאָך די חברה קדישא, און עס איז תיכף געקומען איינער פון די

ח"ק "לאווינגער באַטשי", און אַוועק געטראָגן דאָס קינד אין טהרה שטיבל.

פאַר מ'האָט אים אַוועק געטראָגן, האָט מען שוין געמוזט זאָגן פאַר מיין מוטער ע"ה, כדי זי זאָל זיך געזעגענען פון אים. זי האָט זיך מיט אים זייער געפּלאָגט, און מיט'ן גאַנצן האַרץ זיך אָפּגעגעבן מיט אים זיין גאַנצן לעבן. דאָס געזעגענען איז געווען האַרץ רייסענד.

עס איז געווען אַן אויסערגעווענליכע סייעתא דשמיא, אַז די ח"ק האָט געקענט ערלעדיגן מ'זאָל אים מקבר זיין אין זעלבן טאָג. מען האָט דאָס זייער זעלטן געקענט ערלעדיגן, אָבער ביי אים איז דאָס ב"ה געלונגען. ס'איז ביי אים מקויים געוואָרן דער פסוק תצא רוחו ישיב לאדמתו ביום ההוא.

ביי דעם קינד האָט פּאַסירט אַ דבר פלא. דורך דעם וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געגעסן, נאָר געטרונקען געפּיטערטערהייט מיט אַ לעפל, זענען זיינע פיסביינער געווען איינגעבויגן, מ'האָט זיי נישט געקענט אויס-גראָדן. אָבער בשעת די טהרה האָבן זיך זיינע איברים אויס-געגראָדט ווי ביי אַ געהעריג קינד, ווי נאָר מען האָט אים אַרויף געלייגט אויפן טהרה-ברעט, ווי עס האָט שפּעטער דערציילט דער חברה קדישא מאַן.

אַרויס צום פעלד איז קיינער פון די משפחה נישט געגאַנגען, דערפאַר האָבן מיר אַפילו נישט געוואוסט אויף וועלכן פּלאַץ מ'האָט אים געלייגט. קיין מצבה האָט מען אים אויך נישט געלייגט דעמאָלס. אַפּאָר חדשים שפּעטער האָט זיך ליידער אָנגעהויבן דער חורבן. מ'האָט אונז אַלע אַוועק געפירט, און ער איז געבליבן אָן אַ

מצבה. מיר זענען ל״ע געזעסן שבעה. די גאַנצע שטאָט מענטשן זענען געקומען צו אונז מנחם אבל זיין. מען זאל נישט וויסן פון קיין שום צער.

(אין תשכ״ד בין איך צום ערשטן מאָל נאָך די מלחמה געפאָרן פון אַמעריקאָ קיין אונגאַרן, און אויך קיין דעברעצין. דאָרט האָב איך אויף געזוכט אין דעם חברה קדישא בוך - וואָס איז געבליבן גאַנץ נאָך די מלחמה - דאָס פלאַץ וואו ער איז נטמן געוואָרן. איך האָב אים געלאָזט מאַכן אַ מצבה. אויך האָב איך דעמאָלס געלאָזט מאַכן נאָך אַ מצבה פאַר מיין אַנדערן ברודער יקותיאל יהודא ז״ל וואָס איז נפטר געוואָרן ה׳ כסלו תרצ״ט כנ״ל. ער האָט נאָך אויך נישט געהאַט ביז דעמאָלס אַ מצבה תנצב״ה.)

קאַפּיטל זיבן און צוואָנציג

סוכות תש״ג לפ״ק


כ״ק אדמו״ר מ׳קלויזענבורג זצ״ל

עס איז שוין געווען עטליכע יאָר וואָס די מלחמה איז אָנגעגאַנגען, און מ׳האָט נישט געקענט ברענגען קיין אתרוגים קיין אונגארן. מען האָט ערלעדיגט אַז אַן אָפיציר זאָל ברענגן 5 אתרוגים פאַר 60,000 (זעכציג טויזענט) פענגאָס. יעדער אתרוג פאַר 12,000 (צוועלף טויזענט) פענגאָס. דאָס איז געווען אַ פאַרמעגן מיט געלט. אין נאָרמאַלע יאָרן וואָלט דער שענסטער אתרוג געקאָסט 20-25 פענגאָס, אָבער ס׳איז נישט געווען קיין ברירה האָט מען געצאָלט וויפיל מ׳האָט געבעטן.

הרהגה״צ יקותיאל יודא טייטלבוים
אדמו״ר מ׳סיגעט זצ״ל הי״ד

די 5 אתרוגים האָט מען צוטיילט אַזוי: 2 אתרוגים קיין פעסט, וואו איינס איז געווען פאַר׳ן בעלזער רב זצ״ל, און דאָס אַנדערע פאַר די גאַנצע פעסטער קהלה. איינס קיין קלויזנבורג פאַר

גאַנץ זיבנבערגן, איינס קיין גרויס-וואַרדאַן, וואו אַהין ס'איז געפאָרן כ"ק אדמו"ר מהר"י ט"ב מסאַטמאַר זצ"ל, און איינס קיין ראַצפערט פאַר'ן רבי ר' שלום אליעזר הי"ד, וואו עס איז אָנגעפאָרן זייער אַ גרויסער עולם, ממש טויזנטער מענטשן.

ס'זענען געווען דאָרט אין ראַצפערט 60 רבנים מפורסמים, צווישן זיי דער קאָסאָנ'ייער רב מיט זיין זון הב' אלטר הי"ד, סיגעט'ער רב הרב ר' יקותיאל יהודא הי"ד, קלויזנבורגער רב זצ"ל, מיין פעטער הרה"צ ר' אהרן אב"ד באטאר הי"ד, מיין פעטער הרה"צ מוה"ר ר' מאיר יוסף האדמו"ר מקערעסטיר הי"ד, טשאפ'ער רב בעל שלחן העזר הי"ד, מיין פאָטער זצ"ל, און נאָך אַסאַך אַנדערע.

להבחל"ח מיין קאָזין הב' יוקל הי"ד, זון פון דעם

אינדערמיט, כ"ק אדמו"ר מ'קאסאן - הרה"צ ר' ישראל צבי ראטטענבערג זצ"ל הי"ד

פעטער הרה"צ מ'לאַפּאָש, (וואָס האָט געוואוינט ביי אונז אַזוי ווי איך האָב פריער דערמאַנט), און איך, האָבן אויך געהאַט די זכי' צו זיין דאָרט. מיר זענען אָנגעקומען ערב יו"ט, און איך האָב

באַלד אויף געזוכט מיין פאָטער זצ"ל. ער האָט מיר געזאָגט אַז דאָרט וואו ער שטייט איין, איז נישט דאָ קיין שום פּלאַץ צו שלאָפן, איך זאָל גיין פּרובירן ביי אונזער מחותנ'סטע די אודוואָרי"ער רעביצין, די אלמנה פון הרה"צ מוה"ר ר' שמואל דוד קרויז זצ"ל אב"ד דק"ק אודוואָרי, וואָס איז נפטר געוואָרן כ"ה חשון אין יאָר תרצ"ז. זייט איר מאַן איז נפטר געוואָרן האָט זי זיך צוריק געצויגן קיין ראַצפערט.

און איר זון הרה"ג מוה"ר שלום קרויז שליט"א איז אויפגענומען געוואָרן אַלס אודוואָרי"ער רב. ער איז



פון רעכטס צו לינקס: המו"ל, הגה"צ ר' יוסף לייפער אדמו"ר מ'גרויסוואַרדיין שליט"א, הגה"צ ר' שלום קרויז אב"ד אודווארי שליט"א, אדמו"ר מתולדות אברהם יצחק שליט"א

געווען אַן איידעם ביי מיין עלטער פעטער הרה"צ מוה"ר ר' ישראל אברהם אלטר לאנדא זצ"ל, עדעלינ'ער רב, בעהמ"ח שו"ת בית ישראל, אַן איידעם ביי מיין זיידן הרה"ק רבי ר' ישעי'לע קערעסטירער זי"ע. (דער אודוואָרי'ער רב שליט"א איז געווען אַן ערשטע קאָזין מיט מיין מאַמע ע"ה. דער אודוואָרי"ער רב שליט"א איז יעצט תשס"א אין ברוקלין איינער פון די גרעסטע פוסקים אין דור, בעהמח"ס - שו"ת דברי שלום ה' חלקים, דברי שלום עה"ת ג' חלקים, - ושאר ספרים).

ווען די אודוואָרי"ער רעבעצין פלעגט אַריין קומען קיין דעברעצין, פלעגט זי אַלס מחותנ'סטע אַריין קומען

צו אונז. בין איך יעצט געגאַנגען צו איר פרעגן צי ס׳איז דאָ ביי איר פלאַץ צו שלאָפן. זי האָט אונז גערן געגעבן פלאַץ צום שלאָפן. די סעודות האָבן מיר געגעסן ביים רבינ׳ס טיש. (אגב שפּעטער נאָך די מלחמה אין דעם יאָר תש״ז ו׳ ניסן, בין איך געוואָרן ביי איר אַן איידעם. איך האָב חתונה געהאַט מיט איר טאָכטער הרבנית מרת צלאַווה דבורה שתחי׳ עמו״ש).

סוכות איז אויסגעפאַלן דריי טאָג יו״ט, דאָנערשטאָג, פרייטאָג, שבת. דאָס איז געווען אַ געהויבענער יו״ט צום געדענקען. אַלע רבנים אין איינעם האָבן געדאַוונט ביי׳ם רבי׳ן ר׳ שלום אליעזר אין ביהמ״ד. די סעודות האָט יעדער געפּראַוועט פאַר זיך. אַלע רבי׳ס און רבנים האָבן געפירט טיש ביי זייער אכסני׳ און דערנאָך זענען זיי צוגעקומען צום טיש פון רבי ר׳ שלום אליעזר׳ל זצ״ל הי״ד.

יו״ט צופרי איז יעדער זייער פרי אויף געשטאַנען אתרוג צו בענטשן, ווייל 8 אַזייגער פונקטליך האָט מען זיך געשטעלט דאַוונען. הרב ר׳ יחזקאל דוד האלבערשטאם, האדמו״ר מפאקשעוויץ זצ״ל, זון פון הרה״צ הרב בנציון האלבערשטאם הי״ד, האדמו״ר מבאבאוו, און אַן אייניקל פון דעם רבי ר׳ שלום אליעזר׳ל, האָט מסדר געווען אַז יעדער זאָל זיך שטעלן אין אַ שורה, צום אתרוג בענטשן. ס׳איז געגאַנגען זייער שנעל. דעם לשם יחוד האָט מען געזאָגט בשעת מ׳איז געשטאַנען אין די רייע. אָנגעכאַפּט דעם אתרוג, געמאַכט די ברכה, אַ שאָקל געגעבן און שוין געגעבן פאַר׳ן נעקסטן.

דער פּאקשעוויצער רב איז געווען אַ פּליט פון פּוילן און האָט געהאַט גוי׳אישע שריפטן. (דער רבי הי״ד האָט געבעטן מיין פאָטער זצ״ל אַז ער זאָל אים פאַרשאַפן אַ דירה אין דעברעצין, ווייל אַזוי ווי ראַצפערט איז געווען אַ קליין דערפעל און יעדן פרעמדן האָט מען גלייך באַמערקט, האָט ער נישט געקענט דאָרט בלייבן, איבערהויפּט אַז ער איז דאָך געווען אויף פאַלשע גוי׳אישע שריפטן. מיין פאָטער זצ״ל האָט אים טאַקע פאַרשאַפט אַ געהעריגע דירה, וואו ער האָט געוואוינט מיט זיין רעבעצין און זיין זון יחיאל, פאַרשטעלט אַלס גוים. ער פלעגט קומען דאַווענען צו אונז אין דעברעצין).

דעם ערשטן טאָג יו״ט האָט געדאַווענט שחרית און הלל פאַר׳ן עמוד, הרה״צ ר׳ שלום אליעזר׳ל הי״ד. די ניענועים ביי הלל, האָט נאָר דער רבי אַליין געמאַכט זייער שנעל, און ווען מען האָט געפאַרטיגט די הושענות בערך 10 אַזייגער, האָט מען באַלד אַרום געשיקט דעם אתרוג מיט אַן ערל, מיט אַ קאַר אין אַלע שטעט אַרום, ווי דעברעצין, נירעדהאַז, באַטור, און נאך קליינע שטעטלעך. אין דעברעצין האָט מען מודיע געווען פאַר יו״ט אַז ווער ס׳וויל יוצא זיין מיט׳ן אתרוג, זאָל איינצאָלן 20 פענגאָס, ווייל יעדע שטאָט האָט געדאַרפט צושטייער געבן פאַר׳ן אתרוג.

דעם צווייטן טאָג יו״ט האָט געדאַווענט שחרית הרה״צ הרב ר׳ יקותיאל יהודא טייטלבוים אב״ד סיגעט הי״ד. ער האָט אָנגעהויבן שחרית פון עד הנה כמנהג סיגעט. ער האָט געזאָגט פאַר׳ן עמוד הלל, און געמאַכט די ניענועים ביי הלל. דערנאָך האָט ער איבערגעגעבן דעם אתרוג און לולב פאַר די ניענועים פאַר זיין זיידן הרה״צ ר׳ שלום אליעזר׳ן הי״ד. נאָכן דאַווענען האָט מען ווייטער געטראָגן דעם אתרוג צו די אַנדערע שטעט אַזוי ווי דעם ערשטן טאָג.

פרייטאָג צונאַכטס זענען אַלע רבנים געקומען צום טיש פון רבי ר' שלום אליעזר'ן הי"ד. מיט כל מקדש האָט מען מכבד געווען דעם קאָסאָני'ער רבי'נס זון הב' אלטער הי"ד. ער איז געווען אַ שיינער בעל מנגן. מנוחה ושמחה האָט מען מכבד געווען ש"ב (בן דודי) הב' ישכר בעריש רובין (יעצט האדמו"ר מקערעסטיר אין באָרא-פּאַרק ברוקלין), אויך אַ שיינער בעל מנגן. דאָס דאַווענען און די טישן זענען גאַנץ יו"ט ושבת זייער שיין געווען. מ'האָט נישט געצויגן, נאָר אַלעס געענדיגט צייטליך.

אדמו"ר מ'קערעסטיר - הגה"צ ר' בעריש רובין שליט"א - מיט'ן כוס של ברכה

זונטאָג נאָך מיטאָג בין איך מיך געגאַנגען געזעגענען. בשעת'ן געזעגענען איז אויך דאָרט געווען ר' ליפּא לעפקאוויטש (לויט מיין זכרון איז עס געווען ר' ליפּא לעפקאָוויטש נ"י פון גרויס-וואַרדיין, נאָר איך געדענק נישט אויף זיכער) און מ'האָט געשמועסט פון די צרות ישראל, האָט זיך ר' ליפּא אָנגערופן, "וואָס דאַרף זיך דער רבי זאָרגן? דער צאַנזער רבי האָט דאָך צוגעזאָגט פאַר'ן רבי'ן אַז ער וועט דערלעבן משיח'ן". (ס'איז געווען אַזאַ מימרא ביי די חסידים) האָט דער רבי געענטפערט, אַז די מעשה איז אַזוי געווען:

עס איז באַקאַנט אַז מיין פּאָטער זצ״ל האָט געליטן פון פיס ווייטאָג. איינמאָל איז געווען אַ ברית, ווען איך בין אַלט געווען בערך 11 יאָר. ווען דער טאַטע האָט אַ נאָמען געגעבן פאַר דעם קינד, האָב איך מיך בשעת די ברכה געשטויסן אַז איך זאָל טרינקען פון׳ם כוס של ברכה. אומווילנדיג האָב איך אַרויף געטרעטן אויפן טאַטנ׳ס ווייעדיגע פיס. דער טאַטע האָט געהאַלטן אינמיטן די ברכה און האָט נישט געקענט אויס רעדן. נאָך די ברכה האָט ער מיר געקלאַפּט אין רוקן זאָגנדיג ״אוי, זאָלסט מיר דערלעבן משיח׳ן, ס׳האָט מיר זייער וויי געטאָן״, אָבער ער האָט מיר נישט צוגעזאָגט אַז איך וועל דערלעבן משיח׳ן.

איך בין אַהיים געפאָרן זונטאָג און מיין פּאָטער זצ״ל איז אַהיים געקומען אויף הושענא רבה.

קאַפּיטל אַכט און צוואָנציג

דאָס יאָר תש״ד לפ״ק

פאַר חנוכה תש״ד האָט מען גערופן די מענטשן וואָס זענען געבוירן געוואָרן צווישן די יאָרן 1901 און 1905, קיין פישפאָק-לאָדאַן, זיי זאָלן זיך מעלדן צום מיליטער מיט בילדער. מען האָט זיי נישט גערופן איין צוריקן נאָר מ׳זאָל האָבן פון זיי אַ קאַרטאַטעק (א פייל). מיין פאָטער זצ״ל האָט אויך באַקומען אַזאַ באַפעל, זיך צו מעלדן קיין לאָדאַן.

אין יענע צייט אינמיטן די מלחמה האָט מען נישט געקענט קויפן קיין מעל אָדער ברויט וויפיל מ׳האָט געוואָלט, נאָר יעדער איינער האָט באַקומען אַ געוויסן סכום ברויט אָדער מעל אויף קאַרטלעך. יעדן חודש האָט מען באַקומען אַ קאַרטעל פאַר יעדן נפש. דאָס איז געווען אין אַ ביכל, און יעדן חודש האָט מען געטראָגן דאָס ביכל און מ׳האָט געגעבן פרישע קאַרטלעך. ווען איינער האָט זיך אַריבער געצויגן אין אַן אַנדערע שטאָט האָט ער מיט גענומען דאָס ביכל מיט די קאַרטלעך פון זיין שטאָט, און מ׳האָט דאָס אויף געטוישט אויף אַ ביכל פון יענע שטאָט וואו ער האָט זיך אַהין אַריבער געצויגן, ווייל יעדעס שטעטל האָט געהאַט אַנדערע קאַרטלעך.

ווען מ׳איז געגאַנגען מיט אַן אַלטע קאַרטל האָט מען אים באַלד געגעבן אַ נייע קאַרטל, אָבער כדי צו באַקומען אַ ברויט קאַרט, האָט מען געמוזט זיין אַ שטענדיגער איינוואוינער פון יענע שטאָט. אַ ברויט קאַרטל האָט געמיינט ווי אַ געהעריגע לעגיטימאַציע. אַזאַ קאַרטל האָט מען נישט געקענט באַקומען פאַר קיין

שום געלט, נאָר אין ראַצפּערט האָט מען דאָס געקענט קויפן פאַר געלט, און מיט דעם האָט מען זיך געקענט מעלדן אין דעברעצין.

אין דעברעצין האָט דעמאָלס געוואוינט אַלס פּליט דער פּישטשאנ׳ער רב הרב ר׳ ישכר שלמה טייכטאל הי״ד, בעהמ״ח שו״ת משנת שכיר. ער איז דאָך נישט געווען דאָרט לעגאַל, און נישט געהאַט קיין נאָמען... האָט ער נישט געקענט באַקומען קיין ברויט קאַרטלעך. ווען איך בין געפאָרן צום רבי׳ן קיין ראַצפּערט אויף שבת חנוכה, וואָס איז געפאַלן זאת חנוכה, האָב איך אין איינוועגס פאַרשאַפט פאַר׳ן פּישטשאנער רב ברויט קאַרטלעך. איך האָב דאָס נאָך פרייטאָג ערלעדיגט.

שבת בין איך איינגעשטאַנען ביי דעם רבי׳ן ר׳ זושא׳לע הי״ד וואָס האָט געוואוינט אין דעם זעלבן הויף וואו דער רבי הי״ד.

מוצאי ש״ק בין איך מיך געגאַנגען געזעגענען מיט אַ קוויטל ביים רבי׳ן הי״ד. איך האָב געלאָזט אַריינשרייבן אין דעם קוויטל אַז מיין פאָטער זצ״ל דאַרף פאָרן זיך מעלדן קיין לאָדאַן, איך האָב אים אָבער נישט געפרעגט אויב ער זאָל זיך גיין מעלדן, נאָר סתם מזכיר געווען אַז ער דאַרף זיך מעלדן. האָט מיר דער רבי הי״ד געזאָגט אַז ער זאָל זיך ענדערש מעלדן אין דעברעצין.

איך בין אַהיים געקומען און איבער געגעבן וואָס דער רבי האָט געזאָגט. מיט גרויס פּראָטעקציע וואָלט מען געקענט ערלעדיגן אַז ער זאָל זיך מעלדן אין דעברעצין, אָבער מיין פאָטער זצ״ל האָט נישט געוואָלט

אויס נוצן וועגן דעם קיין פּראָטעקציע, איז ער געפאָרן קיין לאָדאַן זיך מעלדן.

אַפּאָר וואָכן שפּעטער האָט מיין פאָטער זצ״ל באַקומען אַן איינרוף צעטל צום ״מאָנקאַ-טאַבאָר״. אויב ער וואָלט זיך געהאַט געמאָלדן אין דעברעצין, אַזוי ווי דער רבי האָט געהייסן, וואָלט מען דאָרט געקענט ערלעדיגן אַז ער זאָל נישט דאַרפן איינרוקן, אָבער אַזוי ווי ער האָט זיך דאָך געמאָלדן קיין לאָדאַן, האָט מען גאָר נישט געקענט ערלעדיגן. איינרוקן האָט ער אָבער נישט געוואָלט, איז ער געבליבן טמיר ונעלם אין דערהיים און איז נישט געפאָרן אין ערגעץ.

ווינטער תש״ד האָט זיך ביי אונז אויפגעהאַלטן הב׳ בנש״ק זושא׳לע הי״ד זון פון הגה״ק בעל עצי חיים זצלה״ה. ער האָט געדאַוונט ביי אונז אין ביהמ״ד.

ביי אונז אין ביהמ״ד, שבת און יו״ט, פלעגט אַ בחור נישט דאַוונען פאַר׳ן עמוד. דעמאָלס ווען ער איז געווען ביי אונז איז געווען ו׳ שבט, די יאָרצייט פון זיין פאָטער, הגה״ק בעל עצי חיים זצ״ל, האָט מיין פאָטער זצ״ל געמאַכט פאַר אים אַן אויסנאַם, און אים געלאָזט דאַוונען מוסף פאַר׳ן עמוד.

קאַפּיטל ניין און צוואַנציג

דער רבי זי"ע אין דעברעצין

ז' אדר דאָנערשטאָג, בין איך געפאָרן קיין קאַלוב אויף די יאָרצייט פון רבי אייזיק'ל קאַלוב'ער זי"ע. ס'איז געווען דאָרט זייער אַ גרויסער עולם. כ"ק אדמו"ר מרן מהר"י ט"ב מ'סאַטמאַר זצ"ל איז אויך דאָרט געווען. יענעם מיטאָג איז דער רבי זי"ע געפאָרן קיין דעברעצין כדי צו בלייבן דאָרט אויף שבת. ס'איז געווען שבת פרשת זכור, און אַ גרויסער פרעמדער עולם איז געקומען

פון רעכטס צו לינקס: ר' יעקב יצחק צימענט ז"ל, הב' יחיאל טייטלבוים הי"ד, אחיו הב' זושא'לע הי"ד, דער גבאי ר' נחום צבי קאהן

קיין דעברעצין לכבוד דעם רבי'ן זצ"ל.

דער רבי איז איינגעשטאַנען ביי ר' יודל קרויס ז"ל, וואָס איז געווען נישט ווייט פון די בתי מדרשים וואו דער רבי זצ"ל האָט געדאַוונט. דעמאָלס האָט די גאַס געהייסן

(JOSZEF KIRALY HERCEG UTCA נומער 34. היינט תשס"א הייסט די גאַס BAJCSI ZSILINSZKI UTCA.)

דאָנערשטאָג נאַכט זענען געקומען די ראשי קהלה צו מיין פאָטער זצ"ל און געבעטן אַז מיין פאָטער זצ"ל זאָל גיין צום רבי'ן זצ"ל, און בעטן דעם רבי'ן אַז היות דער רבי וועט זאָגן שבת אַ דרשה אין די שוהל, זאָל ער נישט רעדן אין די דרשה קעגען די וואָס ווילן פאָרן קיין ארץ ישראל. דאָס איז געווען צוליב דעם ווייל ווען דער



כ"ק אדמו"ר מ'סאטמאר זי"ע

רבי איז געווען און גרויס-וואַרדאַן יו"ט סוכות העעל"ט האָט ער זייער שטאַרק גערעדט קעגן פאָרן קיין ארץ ישראל. אָבער אַזוי ווי דער מצב איז שוין דעמאָלס געווען זייער אָנגעשטרענגט, עס איז שוין געווען אינמיטן די קריג, האָבן עטליכע געפלאַנט צו פאָרן קיין ארץ ישראל, און זיי האָבן נישט געוואָלט דער רבי זי"ע זאָל רעדן דערגעגן.

פרייטאָג פאַרטאָג'ס איז מיין פאָטער זצ"ל מיט ר' אהרן ט"ב ז"ל געגאַנגען צום רבי'ן שמועסן וועגן דעם ענין. די שוחטים פון דעברעצין זענען דאַן דאָרט געווען צו ווייזן זייערע חלפים, כנהוג. (אַזוי ווי די וועלט פירט זיך אַז ווען ס'קומט אַ גאַסט, אַן אדם גדול אין שטאָט גייען די שוחטים ווייזן די חלפים).

דער רבי זצ"ל האָט אויסגעהערט וואָס מיין פאָטער זצ"ל האָט אים געזאָגט. דער רבי זצ"ל האָט זיך אָנגערופן, "איך בין געגן פאָרן קיין ארץ ישראל?! פונקט פאַרקערט, מ'קען פרעגן די ציוניס'טישע פירער פון פעסט. זיי זענען געקומען צו מיר קיין סאַטמאַר אַז איך זאָל שיקן מיינע חסידים קיין ארץ ישראל, ווייל זיי האָבן נישט וואָס צו טאָן מיט די צערטיפיקאַרטן וואָס זיי האָבן, ווייל קיינער פון זייערע מענטשן ווילן נישט פאָרן קיין א"י. איך האָב געשיקט מיינע מענטשן וויפיל איך האָב נאָר געקענט. ר' יוסף פריינד'ן ז"ל (ער איז געווען ראש הקהל אין סאַטמאַר) האָב איך געשיקט, און נאָך אַנדערע זענען געפאָרן ווייל איך האָב זיי געשיקט. קענען זיי מיר זאָגן אַז איך בין געגן אַז מ'זאָל פאָרן קיין ארץ ישראל? נאָר וואָס דען? איך בין דערגעגן אַז מ'פאָרט מיט אַן אָרגאַניזאַציע מיט סיי וועלכע ס'זאָל נישט זיין, אָבער אַלס יחיד שיק איך אַליין וויפיל איך קען נאָר".

דער שבת איז געווען זייער אַ שיינער. פרייטאָג צונאַכטס האָט דער רבי געדאַוונט אין אשכנז'ישן ביהמ"ד. דאָרט האָט דער רבי זצ"ל אויך געפירט טיש. ביי אונז זענען איינגעשטאַנען אַסאַך אידן, געגעסן און געשלאָפן. מ'האָט אויסגענוצט יעדן אינטש, וואו מ'האָט נאָר געקענט פלאַצירן, אויף די טישן, אויף די בענק, און אויפ'ן פלאָר. (איך בין געשלאָפן אינאיינעם מיט הרה"צ ר' משה ארי' האלבערשטאם שליט"א האדמו"ר מנאַסויד ברוקלין (ער איז נאָך געווען דעמאָלס אַ בחור)). בסך הכל זענען ביי אונז געווען אַרום 4 מנינים פרעמדע אידן וואָס זענען געקומען לכבוד דעם רבי'ן זצ"ל!.

הרב ר' אלחנן טייטלבוים ז"ל איז אויך געווען פון די געסט וועלכע זענען געקומען צו פאָרן צום רבי'ן אויף

שבת. ביים טיש פרייטאָג צונאַכטס איז ער מיט מיין פאָטער זצ״ל געזעסן געגן איבער דעם רבי׳ן. ווען דער רבי זצ״ל האָט געגעסן די פיש האָט דער רבי געוואָרפן אַלע פאַרבן. זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן געשטויסן קוקענדיק אויפן רבי׳ן וואָס פאַר אַן עבודה דער רבי לייגט אַריין אין די פיש עסן.

(דאָס לעצטע יאָר פון ר׳ חנה ז״ל, אין יאָר תשמ״ח, איז ער געווען אין פלאָרידא ביי מיין פאָטער זצ״ל, האָבן זיי זיך דערמאַנט פון דעם טיש וועלכער איז פאָרגעקומען מיט בערך 50 יאָר פריער, און זיי האָבן דאָס נישט געקענט פאַרגעסן.)

שבת אינדערפרי האָט דער רבי זצ״ל געדאַוונט אין די גרויסע שטאָטישע שוהל. קודם האָט געדאַוונט דאָס ערשטע מנין בנוסח אשכנז. נאָך זייער דאַווענען אַרום 10 אַזייגער האָט זיך געשטעלט דעם רבי׳נס מנין וואָס האָט געדאַוונט בנוסח ספרד. פאַרשטייט זיך אַז מיין פאָטער זצ״ל האָט אויך דאָרט געדאַוונט. נאָך שחרית האָט דער רבי זצ״ל געזאָגט אַ דרשה בערך 2 שעה. דער רבי זצ״ל האָט געליינט, מיין פאָטער זצ״ל האָט עולה געווען ששי און דער רבי זצ״ל מפטיר.

ס׳קלינגט מיר נאָך יעצט אין די אויערן די קריאה וואָס דער רבי זצ״ל האָט געלייענט ״זכור את אשר עשה לך עמלק״.

נאָכן דאַווענען איז דער רבי זצ״ל געקומען צו אונז אויף קידוש. אַ גרויסער עולם האָט זיך מיט געכאַפּט, וואָס רוב דערפון זענען שוין געבליבן ביי אונז אויף די שבת מיטאָג סעודה. ס׳איז שוין געווען גאַנץ שפּעט נאָכמיטאָג ווען מ׳איז פאַרטיג געוואָרן מיט די שבת סעודה. מ׳איז באַלד געגאַנגען דאַווענען מנחה. שלש

סעודות האָט דער רבי זצ"ל געפּראַוועט אין דעם אשכנז'ישן ביהמ"ד, וואו מ'האָט געדאַוונט פרייטאָג צונאַכטס. מ'איז פאַרטיג געוואָרן מיט שלש סעודות זייער שפעט.

מוצאי ש"ק איז געפּראַוועט געוואָרן ביי אונז אין שטוב אַ סעודת מלוה דמלכה אַזוי ווי יעדע וואָך, נאָר דער חילוק איז געווען אַז די וואָך איז געווען גאָר אַ גרויסער פרעמדער עולם. דער עולם האָט געטאַנצט אַרום דעם באַלעמער "רבונו של עולם". (עסן פלעגן מיר אין בית המדרש כדי עס זאָל זיין גענוג פּלאַץ פאַר אַלע מסובים).

אינמיטן טאַנצן זענען אַריינגעקומען די פּאָליציי און האָבן געפרעגט וואו דער בעל הבית איז, האָט מען זיי געזאָגט אַז ער האָט איינגעריקט אין מיליטער, (מיין פאָטער זצ"ל איז דעמאָלס געזעסן געהעריג אויף זיין פּלאַץ.) זענען זיי באַלד אַוועק געגאַנגען און מ'האָט קיינעם נישט לעגעטעמירט, ויהי לנס. (דעם שבת געדענקען נאָך די אַלע וואָס זענען דעמאָלס דאָרט געווען.)

דער רבי זצ"ל איז געבליבן אין דעברעצין ביז מיטוואָך מיטאָג, תענית אסתר. דעמאָלס איז ער אַהיים געפאָרן קיין סאַטמאַר מיט אַ קאַר. אַ גאַנצע וואָך איז געקומען אַ גרויסער עולם זיך געזעגענען. אויך ביי יעדע סעודה בייטאַכט פלעגט זיין אַן עולם צו זען די עבודה ביים עסן. איינמאָל ביים סוף פון די סעודה האָט מען אַריינגעברענגט אַ לעקעך. אַזוי ווי ס'איז געווען אַ שאלה אויב דאָס איז פון דברים הבאים בתוך הסעודה און מ'ברויך צו מאַכן דערויף עקסטערע אַ ברכה אָדער נישט, האָט דער רבי זי"ע מכבד געווען הרה"ח מו"ה ר' וואלף לאנדא ז"ל, וועלכער איז געווען אָנוועזנד, ער זאָל מאַכן

אַ ברכה אויף די מזונות און אינזין האָבן מוציא צו זיין דעם רבי'ן זי"ע.

דער ר' וואלף לאנדא ז"ל איז געווען איינער פון די געהויבענסטע חסיד'ישע אידן אין דעברעצין. ער איז געווען אַ פייערדיקער יוד, אַ סטראָפּקאַווער חסיד. ער פלעגט כמעט יעדן פרייטאָג צונאַכטס, יעדן יו"ט נאַכט, יעדן יומא דפגרא, פורים וכדומה, קומען צום טיש צו מיין פאָטער זצ"ל, און צומאָל פלעג ער קומען אַפילו סתם צו אַ מלוה דמלכה.

איך בין געווען אין ירושלים עיה"ק אויף אַ חתונה אין יאָר תשנ"ג, האָב איך געדאַווענט שבת בייטאָג אין סאַטמאַר'ער ביהמ"ד אויף רחוב יואל. דער ראב"ד הרה"צ ר' משה ארי' פריינד זצ"ל האָט מיך געלאַדנט צו זיך אַהיים אויף קידוש און צו די סעודת שבת, האָב איך אים געזאָגט אַז אויף די סעודה קען איך נישט גיין ווייל מ'וואַרט אויף מיר מיט די סעודת שבת ביי די שבע ברכות, אָבער אויף קידוש בין איך יאָ געגאַנגען.

אַהיים גייענדיג פון ביהמ"ד צו קידוש, איז אונטער אים געגאַנגען איינער פון זיינע משמשים און געטראָגען אַ בענקל, אויף וועלכן דער ראב"ד זצ"ל פלעגט זיך אַראָפּ זעצן אונטערוועגס צוליב זיין שוואַכקייט. ווען ער האָט זיך אַראָפּ געזעצט איז צו געקומען צום ראב"ד אַ ספרד'ישער איד אָנגעטאָן אין ווייסע בגדים, און אים געבעטן אַז ער זאָל נעמען פון אים אַ שמעק טאַבאַק, האָט ער אים צוליב געטאָן. (איך האָב באַמערקט אַז דאָס טאַשנטיכל

האָט ער אַרומגעוויקלט אַרום דעם האַלז און ער האָט נישט געוואָלט טראָגן אום שבת אין ירושלים עיה"ק כאָטש עס איז דאָ דאָרט אַן עירוב), ער האָט גענומען אַביסל טאַבאַק און דאָס געשמעקט זיצנדיג.

האָב איך אים דערציילט אַז דער ר' וואלף לאנדא ז"ל פלעגט זיך פירן אַז פאַר'ן דאַווענען פלעגט ער צוגיין צו איינעם וואָס פלעגט טיילן טאַבאַק אין ביהמ"ד (אין אַלע בתי מדרשים זענען דאָ אַזעלכע וואָס ווילן טאָן אַ מצוה און טיילן טאַבאַק פאַר די מתפללים), און אים בעטן "זייַ מוחל געב מיר אַ שמעק טאַבאַק", ווייל יענער האָט אַ הנאה אַז ער קען איינעם געבן אַ שמעק טאַבאַק, און ר' וואלף האָט געוואָלט מיט אים טאָן גמילות חסד פאַר'ן דאַווענען מיט'ן בעטן אַ שמעק טאַבאַק. דער ראב"ד זצ"ל האָט דאָס זייער משבח געווען. (דער ראב"ד זצ"ל האָט אויך געטאָן דאָס זעלבע. אינטערעסאַנט איז געווען אַז די יאָרצייט פון ר' וואלף לאנדא ז"ל איז פונקט אויסגעפאַלן דעם אַנדערן טאָג. ער ליגט אויפ'ן הר המנוחות. ס'איז אויך געווען דאָרט זיינ'ס אַן אייניקל ביים קידוש וואָס איז געקומען אויף זיין יאָרצייט. איך האָב אַפילו נישט געוואוסט אַז ער איז דאָרט).

דערמאנענדיג ר' וואלף ז"ל, איז כדאי צו שרייבן עטליכע קורצע שטריכן פון דעם טייערן איש חסיד.

ר' וואלף ז"ל איז געקומען קיין אַמעריקאָ בערך אין יאָר תשי"ב מיט זיין גאַנצע משפחה, וועלכע זענען ב"ה ניצול געוואָרן פון דעם נאַצי'שן גיהנום אין יאָר תש"ד-ה'. ער איז געווען זייער

צוגעבינדן צו כ״ק אדמו״ר מהר״י ט״ב מסאַטמאַר זצ״ל.

אין זיינע לעצטע טעג איז ער ל״ע נישט געזונט געווען. ווען ער איז געווען אין שפּיטאָל, אייניגע טעג איידער ער איז ל״ע נפטר געוואָרן, זענען מיין פאָטער זצ״ל להבחל״ח מיט מיר, געגאַנגען אים מבקר חולה זיין. ער איז נאָך געווען ביים קלאָרן זינען. ער האָט דערציילט אַז שמחת תורה איז ער געווען ביי די הקפות פון כ״ק אדמו״ר מסאַטמאַר זצ״ל, און בשעת די הקפות האָט ער זיך זייער זייער שלעכט געפילט. האָט ער געקלערט אַהיים צו גיין, אָבער ער האָט זיך באַלד באַרעכנט אַז אויב אים איז באַשערט אַז ער זאָל דאַרפן איבער געבן זיין נשמה פאַר׳ן יוצר כל, זאָל דאָס זיין דאָ בשעת די הקפות ביים רבי׳ן זצ״ל און ער וועט נישט אַהיים גיין.

אַפּאָר וואָכן נאָך יו״ט סוכות, אין חודש כסליו, איז ער נפטר געוואָרן, און מ׳האָט אים געפירט קיין ירושלים עיה״ק, וואו ער איז באַהאַלטן געוואָרן אויפן הר המנוחות. זיינע קינדער און אייניקלעך און אור אייניקלעך זענען אַלע חשוב׳ע באַקאַנטע אידן, און מגידי שיעור אין די קהלה, ישיבה, און תלמוד תורה ד׳סאַטמאַר.

קאַפּיטל דרייסיג

די צרות הייבן זיך אן

יעצט וועל איך אי״ה באַשרייבן וואָס ס׳איז דורך אויף אונזער משפחה פון ווען די דייטשן ימש״ו זענען אַריין געקומען קיין אונגאַרן ביז נאָך די מלחמה. הגם ס׳קען זיין אַז די זמנים זענען נישט פּונקטליך, ווייל היינט ווען איך שרייב דאָס זענען שוין אַריבער אַסאַך יאָרן זייט די מלחמה, אָבער די פאַקטן וואָס איך וועל באַשרייבן זענען פּונקטליך. עס ליגט מיר נאָך פריש אין זכרון.

איך וועל אָנהייבן מיט אַ קורצע באַשרייבונג פון אַפּאָר בלעטער וואָס איך האָב געשריבן א׳ קרח תש״ז, האַרט נאָכן קריג, ווען דער פּחד און די גאַנצע איבערלעבעניש פון די מלחמה איז נאָך געליגן אין דיביינער.

ב״ה, א׳ קרח תש״ז לפ״ק פה מחנה ראנסהויפן יצ״ו מדינת אסטרייך.

איך האָב דעם היינטיגן טאָג אָנגעהויבן צו שרייבן דאָס וואָס איז איבער מיר דורכגעגאַנגען פון דעם טאָג אין וועלכע די דייטשן ימ״ש האָבן באַזעצט אונגאַרן, כ״ד ימים לחדש אדר שנת תש״ד לפ״ק, (ולמספרם מערץ 19 - 944׳).

איך וויל אָנהויבן צו שרייבן אָבער איך קען נישט, ווייל די הענט הייבן מיר אָן צו ציטערן, ווען איך דערמאַן מיך די אַלע שוידערליכע בילדער און מיטמאַכענישן וואָס איך האָב אַליין געזען און אַליין מיטגעמאַכט.

ווען איך זאָל האַלטן אין איין שרייבן, בייטאָג און ביינאַכט, זומער און ווינטער, וואָלט איך נישט געקענט אַראָפּ שרייבן דאָס אַלעס וואָס די בלוט דורשטיגע חיות רעות, די היטלעריסטן ימ״ש, האָבן געזינדיגט און געטאָן קעגן די גאַנצע וועלט, און איבערהויפּט פאַר אונז אידן. דאָס איז אומבאַשרייבליך!

דאָך האָב איך מיר גענומען אַ ביסל קוראַזש צו שרייבן אַ טייל פון די איבערלעבענישן, כדי מענטשן זאָלן וויסן און געדענקען, ווען אַלעס וועט זיך אָפּשטילן און קומען אויף אַ געהעריגען שלום אָפּמאַך. אין יאָרן אַרום, 10 - 20 יאָר שפּעטער, וועט די וועלט אינגאַנצן פאַרגעסן וואָס פאַר אַ בלוטדורשטיג פאָלק עס איז געוועזן, און עס איז, דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק ימ״ש, און אַז מ׳דאַרף זיך פון דעם מיאוס׳ן פאָלק דערווייטערן מיט וואָס ס׳איז נאָר מעגליך.

נישט נאָר קעגן אונז אידן זענען זיי אַזוי שמוציג און ברוטאַליש אומגעגאַנגען, נאָר קעגן די גאַנצע וועלט, איבערהויפּט קעגן די אייראָפּעאישע לענדער, און נישט נאָר קעגן זייערע פיינט, נאָר קעגן זייערע גוטע פריינד אויך, און קעגן דעם גאַנצן מענטשליכן געפיהל, אַזוי ווי איהר וועט ווייטער ליינען און זעהן.

איך בעט דעם ליינער וועלכער וועט ליינען די געשיכטע, ער זאָל נישט טראַכטן אַז איך בין אַ מגזם (איבערטרייבער) וואָס האָט ליב צו זאָגן פאַרשידענע אויסגעטראַכטע און איבערגעטריבענע זאַכן. פאַרקערט, איך האָב נאָך צו ווייניג געשריבן, ווייל צופיל שרייבן האָב איך נישט געקענט. מיינע נערווען וואָלטן דאָס נישט

אויסגעהאַלטן. דאָס אַלעס וואָס דאָ איז געשריבן איז 100 פּראָצענט אמת. איך האָב דאָס אַלעס געזען מיט מיינע אויגן און אַלעס אַליין מיטגעמאַכט.

אויך ווערן דאָ דערמאָנט אין די באַשרייבונג מערערע אידן וועלכע זענען געווען מיט מיר צוזאַמען, וועלכע זענען ליידער אומגעקומען אין לאַגער, נאָר דעם פּונקטליכן טאָג ווען זיי זענען אַוועק קען איך ליידער נישט שרייבן, ווייל לויט די פּאַרהעלטענישן האָבן מיר נישט געקענט צו קומען צו אַ שטיקל פּאַפּיר אַ בליי אָדער אַ פעדער, אַז מיר זאָלן דאָס פאַרשרייבן.

* * *

זונטאָג, אַ וואָך נאָך פּורים, כ״ד חודש אדר תש״ד, (למספרם MARCH 19 - 944) אין די שטאָט דעברעצין, איז יעדער אויפגעשטאַנען צופרי ווי געווענליך. יעדער האָט זיך געהאַט זיין באַשטימטע געשעפט, זיין פּרנסה. די שטאָט (דעברעצין) איז געווען גאַנץ רואיג. מ׳האָט ווי געווענליך פּאָליטיזירט, געשמועסט פון די פראָנטן, פון די אינוואַזיע, וועלכע האָט ערשט מיט אַפּאָר חדשים שפּעטער דערלעבט צו קומען א.א.וו.

נאָכמיטאָג אַרום 3 אַזייגער האָט מען געהערט אַ גרויס גערודער פון גרויסע שווערע פליגער וועלכע זענען אַרום געפלויגן אַרום די שטאָט גאַנץ נידריג.

געווענליך ווען אַ פליגער מאַכט אַ גרויס גערודער גייט יעדער אַרויס קוקן וואָס דאָס איז. דאָ איז אויך אַזוי געווען. יעדער איז אַרויס געלאָפן קוקן וואָס עס גייט פאָר, האָט מען געזען ווי עטליכע פליגערס פליען גאַנץ נידריג און זיי דרייען זיך אַרום די שטאָט אַסאַך מאָל.

פלוצלונג, האָב איך באַמערקט אַז פון די פליגערס שטעקן אַרויס מענטשן וואָס האַלטן מאַשין געווער גרייט צו שיסן. מ׳האָט די מענטשן געקענט גוט געהעריג זען אַזוי נידריג זענען זיי געפלויגן.

אין דעברעצין איז דאָ אַ גרויסע האָטעל וואָס האָט געהאַט אַ הויעכע קוימען. די פליגערס האָבן געדאַרפט אויסקרויזן דעם קוימען זיי זאָלן נישט אַריינקראַכן דערין. קיינער האָט זיך נישט געחלום׳ט אַז דאָס זענען געווען באַזעצונגס טרופּן (גרופּעס פון דייטשע סאָלדאַטן וואָס האָבן זיך אַראָפּ געלאָזט און באַזעצט די שטאָט).

3:30 נאָכמיטאָג איז אויף אַמאָל שטיל געוואָרן. מ׳האָט מער נישט געזען די פליגערס. זיי זענען אָפּגעשטיגן אויפן דעברעצינער פלוג-פּלאַץ, (Airport).

ווי געוועינליך איבערהויפּט זונטאָג גייען די מענטשן (פאַרשטייט זיך ערלים) אין פאַרשידענע פאַרוויילונגס פּלעצער, זענען זיי היינט אויך געגאַנגען, אָבער, זיי זענען באַלד צוריק אַהיים געגאַנגען. מ׳האָט געגעבן אַ באַפעל אַז אַלע פאַרוויילונגס פּלעצער זאָלן זאָפאָרט - ד. ה. פון 3:30 נאָכמיטאָג - פאַרשפּאַרט ווערן.

אויך פלעגן די אונגאַרישע סאָלדאַטן האָבן פריי זונטאָג, און זיך אַרום דרייען אַזוי פרייערהייט אין די שטאָט, אָבער אום 4 אַזייגער נאָכמיטאָג האָט געבלאָזן אַ מיליטערישער אַלאַרעם אַז יעדער סאָלדאַט וואָס איז אויף אורלויב און איז נישט אין זיין מיליטערישן באַראַק, זאָל זאָפאָרט אַריינגיין אין זייער קאַסאַרנאָ (צו זייער רעגימענט).

יענעם זונטאָג פאַרנאַכט 8:00 אַזייגער האָט געדאַרפט פאָרקומען אַ פאָרשטעלונג פון ״יוסף שפּיל״,

איינגעאָרדנט פון די אידישע יוגנט (נישט חסיד׳ישע). דער שפּיל האָט געשפּילט געהעריג. מען האָט דעם שפּיל נישט געשטערט. ס׳האָט געדויערט פון 8:00 ביז 11:00 בייּנאַכט.

7:00 אַזייגער פאַרנאַכט איז געקומען צו אונז איינער פון סיגעט, און האָט געפרעגט אויב מיר ווייסן עפּעס וועגן דעם וואָס ער האָט געהערט אין גאַסטהויז פון די ביקא האָטעל, אַז די דייטשן האָבן באַזעצט פּעסט. אויך האָט ער געפרעגט אויב ער זאָל זיך טרויען צו פאָרן מיט די באַן וואָס פאָרט קיין סיגעט 11:00 אַזייגער בייּנאַכט. האָבן מיר אים געזאָגט אַז אויב די שמיעה איז אמת דעמאָלס איז אַ סכנה צו פאָרן.

8:00 אַזייגער בייּנאַכט האָט דער ראַדי״אָ גערעדט אויף אונגאַריש, און איבער געגעבן נייעס פון לאָנדאָן, בין איך געגאַנגען צו אַ שכן וואָס האָט געהאַט אַ ראַדי״אָ צו הערן נייעס, אפשר וועט לאָנדאָן מעלדן עפּעס דערפון, אָבער פון לאָנדאָן האָט מען גאָרנישט געמאָלדן דערפון. דער עולם איז געווען צווייפלדיג אין די זאַך, און דער מאַן פון סיגעט איז דעמאָלס אַוועק פון אונז. זייט דעמאָלס ווייס איך נישט וואָס מיט אים איז געשען.

זונטאָג נאַכט איז אַדורך גאַנץ רואיג. ווי געוועהנליך האָט מען געשמועסט דערפון אָבער נאָר אַזוי האַלב דייטיג (אין די בחינה פון אל תפתח פה...).

מאָנטאָג אינדערפרי בין איך געגאַנגען אין ביהמ״ד ווי געוועהנליך. דאָרט האָט מען שוין געשמועסט, אַז ס׳איז ליידער אמת אַז די דייטשן האָבן באַזעצט גאַנץ אונגאַרן. מ׳האָט געזאָגט אַז מ׳האָט געזען וואַגאָנען

אָנגעלאָדנט מיט פאַרשידענע טייערע מעבל שטיקער וכדומה פון די טייערע פעסט׳ער האָטעלן. דער עולם איז געווען זייער דערשראָקן פון די נייעס.

מ׳האָט געשמועסט אַז דאָס וואָס די נעכטיגע פליגער האָבן זיך אַרום געדרייט העכער די שטאָט מיט מאַשין געווער אין דרויסן, איז געווען ווייל די דייטשן האָבן געוואָלט לאַנדן מיט זייערע פליגער אויפן דעברעצינער לופט פעלד, און דער קאָמאַנדיר פונ׳ם לופט פעלד האָט זיי נישט געוואָלט לאָזן לאַנדן, אָבער די עראָפּלאַנען האָבן געוואָרנט אַז אויב מ׳וועט זיי נישט לאָזן לאַנדן וועלן זיי שיסן. זיי זענען געווען גרייט דערצו, ווי מיר האָבן אַליין געזען די סאָלדאַטן מיט מאַשין געווער אין זייערע הענט.

אַזוי האָבן זיי זיך אַרום געדרייט מיט די עראָפּלאַנען און די מאַשין געווער, און אונגאַרן האָט געזען אַז זי האָט נישט קיין ברירה. דער קאָמאַנדיר האָט באַקומען אַ באַפעל פון פעסט אַז ער זאָל זיי לאָזן לאַנדן, און ביז אַ קורצע צייט שפּעטער האָט ער זיי געלאָזט לאַנדן. דעמאָלס האָבן די דייטש׳ן ימ״ש באַזעצט מיט אַ טייל סאָלדאַטן דעברעצין.

אַזוי איז דורך דער מאָנטאָג׳דיגער טאָג. מאָנטאָג נאַכט איז אויך געווען שטיל.

דינסטאָג צופרי ווען איך בין געגאַנגען אין אשכנז׳ישן ביהמ״ד דאַווענען, האָט מען דערציילט אַז אַ גרויסע גרופּע דייטשע מיליטערלייט שטייען אין די גאַסן, און ווען אַ איד גייט דורך טשעפּענען זיי מיט אים.

די אידן האָבן שוין מורא געהאַט אַרויסצוגיין אויף די גאַס. מ׳האָט זיך שוין געפּאָרכטן פון די דייטשן ימ״ש. גאַנץ פרי אין די נאָכמיטאָג שעה׳ן, האָט שוין יעדער צוגעשפּאַרט דעם טויער פון הויף. איבערהויפּט ביי אונז אין הויף האָבן געוואוינט בלויז אַזעלכע מענטשן וואָס האָבן נישט געטאָרט אַרויס גיין אויף די גאַס ווייל זיי זענען געווען טמיר ונעלם׳ניקעס (אַזוי האָט מען גערופן די אַלע מענטשן וואָס זענען אַנטלאָפן פון מיליטער, אָדער האָבן נישט איינגערוקט צום מיליטער א.ז.וו.).

פאַרשטייט זיך אַז אין דעם הויף האָבן די איינוואוינער געלעבט מיט אַסאַך אַ גרעסערע שרעק ווי אין אַנדערע הויפן, ווייל אין דעם הויף איז געווען מער ווי אַ מנין פון די אומלעגאַלע מענטשן. איך בין אויך געווען צווישן זיי.

קאַפּיטל איין אין דרייסיג

אַנגסט און שרעק איבעראַל

אונזער הויף האָט זיך געגרעניצט מיט'ן הויף פונ'ם שטאָטישן ביהמ"ד, און איינע פון די פענסטערס פונ'ם משמש'ס דירה איז אויך געווען אָפן צו אונזער הויף.

דינסטאָג, אַרום 8:00 אַזייגער פאַרנאַכט האָבן מיר אַרויס געהערט פון יענע דירה געוואַלדיגע וויי געשרייען. ווען מיר זענען געלאָפן קוקן וואָס דאָס איז, האָבן מיר געזען דעם משמש'ס שוויגער, אַ פרוי פון בערך 70 יאָר שרייט "ראַטעוועט! ראַטעוועט! די דייטשן האָבן אַוועק געטראָגן מיין איידעם און מיין טאָכטער, און מיך מיט 3 קליינע קינדער האָבן זיי איבערגעלאָזט!".

מיר האָבן שפּעטער אויסגעפונען אַז די דייטשן זענען אַריינגעקומען אין הויז פונ'ם משמש מיט רעוואָלווערן אין די הענט און אויסגערופן "הענד הויך", "זאָפאָרט קומט מיט אונז". די גאַנצע משפחה איז זייער איבערראַשט און דערשראָקן געוואָרן, און דער משמש מיט זיין ווייב זענען מיטגעגאַנגען מיט די דייטשן ימ"ש, נישט וויסענדיג וואוהין מען פירט זיי און פאַרוואָס מען רופט זיי. זיי זענען געגאַנגען אַזוי ווי מ'פירט די לעמעלעך צו די שחיטה. די אַלטע מוטער און די קליינע קינדערלעך האָבן אַזוי געשריגן, אַז זייער געשריי איז אַרויף עד לב השמים.



דעם משמש'ס הויז און די ביהמ"ד הויף: גאנץ רעכטס איז געווען אַ טיר. דעם טיר פלעגט מען געוויינליך נישט נוצן, נאר בשעת די געטא האט מען דאס גענוצט. נעבן דעם טיר איז געווען אַ עפענונג אריין צו אונז אין הויף. אויך איז געווען פענסטערס אריין צו אונז אין הויף.

ביי אונז אין די דירה האָט געוואוינט אונזער׳ס אַ קרוב, הרב ר׳ דוד טייטלבוים הי״ד. ער איז געווען אַ געבוירענער אין טעטש-טשעכיי. שפּעטער האָט ער געוואוינט אין נייטרא-סלאוואקאיי. דאָרט זענען די דייטשן שוין געווען באַלד 2 יאָר, און פון דאָרט האָבן זיי באַלד דעפּאָרטירט אַלע אידן קיין אוישוויץ, דערפאַר האָבן זיך פיל אידן פון סלאָוואָקיי אַריבערגעשווערצט די גרעניץ קיין אונגאַרן. צווישן זיי איז געווען ר׳ דוד, זיין פרוי, מיט 3 קליינע קינדער, און זיין שוויגער. זיי זענען געקומען קיין דעברעצין, און מיר האָבן זיי איבערגעגעבן אַ חלק פון אונזער דירה.

דער ר׳ דוד האָט דאָך שוין מיטגעמאַכט די זאַכן. ער האָט זייער אַסאַך געזען נאָך אין די סלאָוואָקאיי, האָט ער תיכף געזאָגט אַז עס איז ביטער ווי גאַל, ווייל דאָרט האָבן זיי אויך אַזוי געטאָן. קודם האָבן זיי גענומען די יונגע מענטשן, דערנאָך די קינדער מיט די עלטערע מענטשן. ער האָט שוין געוואוסט וואָס די דייטשן ימ״ש מיינען.

ר׳ דוד האָט זיך תיכף אָנגעטאָן די שטיוול, א.א.וו. וואָס ער האָט נאָר געהאַט, און האָט ביי זיך באַהאַלטן געלד, כדי ער זאָל זיין מאַרש גרייט זיך צו קענען לאָזן אין וועג אַריין. ער האָט גערעכנט אַז די דייטשן וועלן באַלד גיין צו די אַנדערע שכנות׳דיגע הייזער, און אָנקומען צו אונז אויך.

קענט איר זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ פאניק ביי אונז אין הויז האָט זיך געשאַפן זעענדיג אַז תיכף דעם אַנדערן טאָג ווי די רשעים זענען אַריינגעקומען קיין

אונגאַרן הייבן זיי שוין אָן צו טאָן אַזעלכע זאַכן. מ׳האָט נישט געוואוסט וועלכע זאַכן מ׳זאָל פריער כאַפּן זיך אָנצוטאָן כדי מ׳זאָל זיין גרייט אין וועג. מיר האָבן גערעכנט אויף 100 פראָצענט אַז מ׳וועט באַלד קומען צו אונז אין הויף אויך, אַוועק צו פירן די יונגע מענטשן.

דאָס אַלעס האָט זיך אָפּגעשפּילט בערך אין איין שעה. דערנאָך האָט מען געזאָגט פון׳ם משמש׳ס פענסטער אַז זיי זענען ב״ה בשלום צוריק געקומען.

זיי האָבן דערציילט, אַז די דייטשן האָבן זיי אַרויס געפירט פון זייער וואוינונג, צוגעפירט צום ביהמ״ד און באַפוילן אַז זיי זאָלן אויפמאַכן אַלע שטענדערס וואָס זענען געווען צוגעשפּאַרט. זיי האָבן דורך געזוכט דעם גאַנצן ביהמ״ד פון עק צו עק, נאָר זיי האָבן גאָרנישט געטראָפן.

דערנאָך האָט מען זיי צוגעפירט צו די שטאָט׳ישע שול וועלכעס איז אויך געווען אין זעלבן הויף, און זיי האָבן אים געהייסן ער זאָל אויפמאַכן די שול, האָט ער זיי געזאָגט אַז ער האָט נישט די שליסלעך פון די שול, נאָר אַן אַנדערער משמש וועלכער וואוינט אין אַן אַנדערע גאַס. זיי האָבן אויף איהם אָנגעהויבן צו שרייען אַז ער האָט יאָ די שליסלעך, און האָבן אויפגעהויבן אויף איהם די רעוואָלווער גרייט צו שיסן. ער האָט אָבער ווייטער געזאָגט אַז ער האָט נישט די שליסלעך. (אַזוי איז טאַקע געווען דער אמת, ער האָט טאַקע נישט געהאַט די שליסלעך פון די שול, ווייל ער איז געווען דער משמש נאָר פון ביהמ״ד, נישט פון די שול).

סוף כל סוף נאָך לאַנגע דיסקוסיעס (טענה׳ריי) האָבן זיי פאַרלאַנגט פון אים שריפטן ער זאָל זיך לעגיטימירן. ער

האָט באַלד אַרויס גענומען זיינע שריפטן און האָט זיי געוויזן, (זיי האָבן פאַרשטאַנען אין די שריפטן ווי דער האן אין בני אדם). האָבן די דייטשן זיי פריי געלאָזט, און זיי זענען צוריק אין זייער דירה בשלום.

עס איז געווען אַ גרויסער פרייד אַז זיי זענען ניצול געוואָרן פון די רשעים׳ס הענט. חיי שעה איז אויך געלעבט, כאָטש קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס ס׳וועט זיין שפּעטער, אָבער אויף פאָרלייפיג (לפי שעה) זענען זיי קודם געראַטעוועט געוואָרן.

דער משמש מיט זיין גאַנצע משפחה זענען ב״ה ניצול געוואָרן און איבערגעלעבט דעם קריג. מ׳האָט זיי דעפּאָרטירט קיין עסטרייך און זיי זענען אַלע צוריק געקומען. ער האָט צוריק גענומען זיין פריערדיגע פּאָסטן און איז יעצט תש״ז אויך ווייטער משמש אין דעברעצין. ער הייסט ר׳ אייזיק רויזנבערג.

ווען ער האָט דערציילט די גאַנצע פּאסירונג האָבן מיר זיך אַביסל באַרואיגט, אָבער דעם פּחד האָבן מיר נאָך אַלץ געהאַט.

ס׳איז פאַריבער בערך אַ האַלבע שעה פון די געשיכטע מיט׳ן משמש, פּלוצלונג, צו אונזער גרויס שרעק הערן מיר אַ קלאַפּ אין די טיר פון אונזער דירה. אונזערע הערצער האָבן זיך גענומען קלאַפּען ווי מיט האַמערס. מיר האָבן געפרעגט ״ווער איז דאָרט?״ האָט מען געענטפערט ״אַ יוד״, און מיר האָבן פרייער אָפּגע׳אָטעמ׳ט.

ווען ער איז אַריין געקומען האָט ער דערציילט אַז ער איז אַ מיליטער אַרבייטער פון דעברעצין, און האָט געהאַט אורלויב (וואַקאַציע) אַהיים צו גיין צו זיין בני בית יעדע נאַכט. היינט נאַכט אויפן וועג אַהיים האָבן אים דייטשע סאָלדאַטן אָפּגעשטעלט און געבעטן פון אים געלט. זיי האָבן אים געפרעגט ״וויפיל וואלסטו געצאָלט אַז עס זאָל נישט פּאַסירן דאָס וואָס פּאַסירט יעצט מיט דיר?״. ער האָט נישט געהאַט קיין גראשן צו די נשמה, און ער האָט זיך געבעטן ביי זיי, אַז ער איז אַ מיליטער אַרבייטער און האָט נישט קיין געלט, זיי זאָלן אים אפּלאָזן ער זאָל קענען גיין אַהיים. נאָך לאַנגע דינגענישן האָבן זיי אים ענדליך אָפּגעלאָזט.

אַזוי ווי ער האָט ווייטער מורא געהאַט צו גיין אויף די גאַס, ווייל דאָרט זענען געשטאַנען אַסאַך דייטשע סאָלדאַטן, איז ער אַריין אין מקוה הויף וואָס איז געווען דאָס נאָנטסטע פון וואו ער איז געשטאַנען. פון מקוה הויף איז ער אַריבערגעקראָכן אין ביהמ״ד הויף, און ער האָט אָנגעקלאַפּט ביים משמש ער זאָל אים דורך זיין פענסטער לאָזן אַריבער גיין צו אונזער הויף. די אַנגסט און שרעק פון׳ם משמש, ווען דער איד האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין טיהר איז אומבאַשרייבליך, ווייל ער איז זיכער געווען אַז ״זיי״ זענען שוין ווידער דאָ. ווען ער האָט אויף געמאַכט די טיר און דערזען דעם איד וועמען ער האָט געקענט, איז ער אַביסל צו זיך געקומען.

פון משמש׳ס דירה איז ער אַריבער געקראָכן צו אונזער הויף, געקלאַפּט אויף אונזער טיר און איז אַריין געקומען צו אונז. נאָכ׳ן דערציילן האָט ער געבעטן אַז מיר זאָלן אים עפענען דעם טויער צו די האָטוואָן גאַס,

כדי ער זאָל קענען אַרויס גיין פון יענע זייט גאַס וואָס איז נאָנט צו זיין דירה. מיט גרויס פחד האָבן מיר געעפנט דעם טויער, ציטערנדיג אַז אפשר גייען פונקט אַדורך דייטשע סאָלדאַטן און זיי וועלן באַמערקן אַז אַ איד איז אַרויס פון דעם טויער און וועלן אַריינקומען אונז בארַאַבעווען. (ס׳איז ב״ה דעמאָלס קיינער נישט געווען אויף די גאַס). כאָטש ס׳איז נאָך נישט געווען שפעט, אינגאַנצן אַרום 9:30 אוונט, און די גאַס איז אַ הויפט גאַס וואס געוועהנליך איז דאָ דאָרט אַ גרויס פאַרקער, און טראמאווייי״ס פאָרן אַרום, פונדעסטוועגן איז אַזוי שטיל געווען אויף די גאַס אַז מען האָט געקענט הערן אַ פליג פליען. מיר האָבן איהם אויפגעמאַכט דעם טויער, און ער איז בשלום אַהיים געגאַנגען.

נאָך די אַלע זאַכן וואָס האָט זיך אָפגעשפילט אָנפאַנג נאַכט האָבן מיר אָנגעהויבן צו שפעקולירן אַז מיר זאָלן מאַכן אַ באַהעלטעניש (אַ בונקער אין די ערד).

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

רויבערייַ און שלעק

צווישן די טמיר ונעלם׳ניקעס וואָס זענען געווען ביי אונז אין שטוב איז געווען אַ יונגערמאַן מו״ה ישראל מענדל אבראמאוויטש הי״ד פון קאוואטשהאזא. ער איז געווען אַן אַנטלאָפענער פון מיליטער, וואָס אויב מ׳כאַפּט אים קומט אים זאָפאָרט משפט מות ר״ל אָן קיין משפט. ער איז געווען אַ פאַכמאַן אין בוי אַרבעט.

ער האָט אָנגעוויזן אַ פּלאַץ וואו ס׳וועט זיין גוט געאייגנט פאַר אַ בונקער. מיר האָבן גע׳חשבונ׳ט אַז די מלחמה וועט נישט לאַנג דויערן, ווייל דאָס רוסישע מיליטער איז שוין געשטאַנען ביי די אונגאַרישע גרעניצן. אויך האָט מען געוואַרט אַז די ענגלענדער - אַמעריקאַנער זאָלן אָנהייבן די אינוואַזיא אויף פראנקרייך, דערפאַר האָבן מיר גערעכנט אַז מיר וועלן מאַכן אַ בונקער און מיר וועלן זיך דאָרט באַהאַלטן עד יעבור זעם.

מיר האָבן זיך תיכף געוואָלט נעמען דערצו נאָר אַזוי ווי ס׳איז געווען ביינאַכט האָט מען גאָרנישט געקענט טאָן כדי עס זאל זיך נישט ארויסהערן. מיר האָבן געמוזט וואַרטן ביז דעם אַנדערן טאָג אינדערפרי.

די נאַכט איז מען דורכגעשלאָפן מיט גרויס פחד. צופרי בין איך געגאַנגען אין ביהמ״ד דאַווענען, און איך האָב גערעכנט אַז קיינער ווייסט נאָך נישט פון די מעשה וואָס איז געשען די פאָריגע נאַכט מיט׳ן משמש.

דערווייל קומענדיג אין ביהמ״ד הער איך דערציילן נאָך אַ מעשה. נעכטן נאַכט זענען אַריין 3 דייטשע סאָלדאַטן ימ״ש צום רב פון שטאָט, הרה״ג ר׳ שלמה צבי

הכהן שטראססער זצ״ל, אַ איד פון איבער די שמונים, (אויך זיין רעבעצין איז געווען בערך אַזוי אַלט,) און זיי האָבן געהייסן ״הענדע הויך״ און ״זאָפאָרט קומט מיט אונז״. זיי די עלטערע מענטשן זענען געוואָרן אַזוי איבערגעשראָקן אַז זיי זענען ממש אין חלשות געפאַלן.

די אַלטע רעבעצין האָט זיך אָנגעהויבן בעטן רחמנות אַז זיי זאָלן זיי לאָזן מנוחה. די ימ״ש׳ניקעס האָבן געפרעגט וויפיל געלד זיי פאַרמאָגן, האָבן זיי געזאָגט 300 פענגאָס. די ימ״ש׳ניקעס האָבן געהייסן אַז זיי זאָלן אַהין געבן דאָס געלד און דעמאָלס וועלן זיי אפלאָזן און נישט אַוועק פירן.

א בילד פון הרב שטראססער דעברעצינער רב זצ״ל

דער רב מיט די רעבעצין האָבן אַוועק געגעבן זייער גאַנצע געלד. די דייטשן האָבן זיי געוואָרנט אַז זיי זאָלן פאַר קיינעם נישט דערציילן, האָט די רעבעצין פאַר זיי געזאָגט אַז מאָרגן צופרי דאַרף די גיין איינקויפן עפּעס עסנוואַרג אין זי האָט נישט מער קיין פרוטה, וועט זי דאָך מוזן זאָגן אַז זי האָט נישט קיין געלד ווייל מ׳האָט דאָס פון זיי צוגענומען. אַז די דייטשן האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי צוריק געגעבן פאַר די רעבעצין 20

פענגאָס, אַז זי זאָל נישט דאַרפן בעטן פון אַנדערע קיין געלד.

(דער דעברעצינ'ער רב מיט זיין רבעצין, זענען ב"ה אויך ניצול געוואָרן. נאָך די מלחמה זענען זיי געפאָרן קיין ארץ-ישראל, און זענען דאָרט נפטר געוואָרן תנצב"ה.)

נאָך אַסאַך מענטשן האָבן דערציילט ענליכע מעשיות, ווי די דייטשן זענען צו זיי אַריין רויבן און זיי האָבן גערויבט וואָס זיי האָבן געטראָפן. אויף אַסאַך פלעצער זענען זיי אַריין און האָבן איבערגעדרייט דאָס גאַנצע הויז פון איין עק צום אַנדערן און האָבן צוגענומען צירונג, זילבערוואַרג, און אַלעס וואָס עס האָט זיך זיי געגלוסט.

אויף איין פלאַץ האָבן זיי צוזאַם געפּאַקט דאָס גאַנצע ווייס וועש און דאָס אַוועק געטראָגן. צופרי האָט מען דאָס געטראָפן צושפּרייט אין הויף און צו וואַרפן, סתם רשעות.

הערנדיג אַזעלכע מעשיות, האָט יעדער צוגעשפּאַרט זיין גאַסן טויער גאַנץ פרי נאָכמיטאָג, מ'זאָל נישט קענען אַריינקומען אין הויף. זייט דעמאָלס פלעגן די דייטשן נאָכגיין אידן וועלכע זיי האָבן געטראָפן גיין אויף די גאַס. ווען יענער איז אַריין אין אַ טויער זענען זיי אים באַלד נאָכגעגאַנגען, און האָבן דאָרט גערויבט וואָס זיי האָבן געקענט.

ווי ס. ס. טראגן ארויס זאכן פון א יודיש הויז

דאָנערשטאָג נאָכמיטאָג אַרום 3:00 אַזייגער, מיר קוקען אַרויס דורכן פענסטער אויף די האָטוואָן גאַס, זעען מיר ווי אַ דייטש גייט צו צו איינעם און פרעגט אים עפּעס, און יענער ווייזט אים אויף אונזער הויף. דער דייטש איז געקומען צו אונזער טויער וואָס איז געווען פאַרשפּאַרט, און געקלינגען מיט'ן גלאָק אַז מ'זאָל עפענען.

טראָץ אונזער געוואַלדיגע שרעק האָבן מיר נישט געהאַט קיין ברירה און געמוזט עפענען דעם טויער. דערווייל איז מען אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק. דער דייטש האָט נאָר געברויכט אַ לופט פּאָמפּ פאַר אַ רעדל פון זיין קאַר, האָט אים דער מענטש אין גאַס אָנגעוויזן אויף אונזער הויף אַז דאָרט וואוינט אַ איד מר. שטערן וועלכער האָט אַ בייסיקל געשעפט, און ער האָט מן הסתם אַ לופט פּאָמפּ.

מר. שטערן האָט אים געזאָגט אַז ער פאַרמאָגט גאָר אַ קליינע פּאָמפּ וואס איז נאָר גוט פאַר בייסיקלעך אָבער עס קען נישט גענוצט ווערן פאַר אַ ראָד פון אַ קאַר, און דער דייטש איז אַוועק געגאַנגען.

ביז יענעם דאָנערשטאָג האָט מען שוין געהאַט אָפּגעבאַקן מאַשין מצות אויף פסח פאַר קהל. אַביסל האַנט מצות האָט מען שוין אויך געהאַט געבאַקן, אָבער דער עיקר האַנט מצות פלעגט מען באַקן ערשט פון ר"ח ניסן און ווייטער. אַזוי ווי די ימ"ש'נקעס זענען אַריין געקומען האָט מען שוין נישט געקענט באַקן געהעריג קיין האַנט מצות, ממילא איז האַנט מצות געווען זייער ווייניג. מיר פלעגן באַקומען שמורה האַנט מצות פון קהל 3 קילאָ פער נפש, אָבער דעמאָלס האָבן מיר געמוזט נעמען אויך מאַשין מצות צוליב מאַנגל אין האַנט מצות.

ס'איז געווען אַ סכנה זיך צו דרייען אויף די גאַס, ווייל ווען אַ סאָלדאַט, אַ דייטש אָדער אַן אונגאַרישער, האָט דערזען אַ יוד, האָט ער אים - אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען - געשלאָגן מכות רצח. אַ שטיקל צייט שפּעטער איז אַרויס אַ נייע געזעץ, אַז יעדער איד מוז טראָגן אויף זיין אויבערן בגד אַ געלן שטערן (מגן דוד). די גרויס האָט געדאַרפט זיין אַ געוויסע מאָס. ווען מ'האָט געטראָפן אָן דעם האָט מען באַלד ארעסטירט.

דורך די גאַנצע צייט פון די מלחמה האָט קיין שום ליכט נישט געטאָרט זיך אַרויס זען ביינאַכט פון די פענסטערס. די פענסטערס האָבן געמוזט זיין פאַרהאָנגען מיט אַ שוואַרצע סחורה אַז ס'זאָל זיך חלילה נישט אַרויס זען קיין שום ליכטיגקייט. טאָמער ס'האָט אַרויס

געשפאַרט אַפילו אַ קליינער שיין האָט שוין יענער באַקומען דערפאַר אַ גרויסע שטראָף, אַלץ חשד אַז ער איז אַ שפּיאָן, און ער וויל געבן סימנים פאַר פרעמדע קריג׳ס עראָפּלאַנען, זיי זאָלן וויסן וואו צו וואַרפן די באָמבעס.

פון ווען די נאַציס ימ״ש זענען אַריין געקומען קיין אונגאַרן, פלעגן זייער אָפט קומען עראָפּלאַנען צו באָמבאַרדירן די שטאָט. ווען מ׳האָט געבלאָזן אַ סיירי״ן צו וואָרענען אַז פרעמדע עראָפּלאַנען קומען, האָט יעדער געמוזט אַראָפּ גיין אין קעלער, וואו ס׳איז געווען צוגעגרייט אַ באַזונדער פלאַץ פאַר אַלע איינוואוינער פון דעם הויף, וואָס איז געווען באשיצט געגן באָמבעס. (כ״ז אַהער איז דאָס וואָס איך האָב געשריבן אין יאָר תש״ז.)

אין יעדן הויז אויפן בוידעם, האָט מען געמוזט האָבן גרייט עטליכע פעסער מיט וואַסער, אַז אינפאַלס ס׳ווערט אַ שריפה פון די באָמבעס זאָל מען דאָס קענען באַלד אויסלעשן. אַזוי ווי ווינטער ווערט דאָך דאָס וואַסער געפרוירן, האָט מען געמוזט אַריין לייגן אַ געוויסע מאָס זאַלץ אַז די וואַסער זאָל נישט פרירן. די אונגאַרישע פּאָליציי ימ״ש פלעגן אָפט קומען דאָס קאָנטראָלירן, און אָך און וויי איז געווען אויב ס׳איז נישט געווען געהעריג לויט זייערע פאָרשריפטן.

זייער אָפט פלעגן מיר דאַרפן אַראָפּ לויפן אין קעלער. די צווייטע נאַכט פסח איז אויסגעפאַלן אום מוצאי שבת קודש. ווען מיין מוטער ע״ה האָט געצינדן ליכט פאַר דעם סדר, (פאַרשטייט זיך אַז די פענסטערס זענען געווען פאַרהאָנגען,) האָט פלוצלונג אָנגעהויבן צו פייפן דער

אַלאַרעם. אַ קינד האָט אויסגעלאָשן די ליכט און מיר זענען אַלע אַראָפּ געלאָפן אין קעלער. יעדער האָט געכאַפּט עפּעס מיט זיך.

איך געדענק אַז מיין ברודער רפאל שליט"א האָט געכאַפּט דעם טאָפּ זופּ און פלייש און מיט דעם איז ער אַראָפּ געלאָפן אין קעלער. אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט געבלאָזן דער אַנדערער אַלאַרעם, אַז ס'איז שוין נישט קיין סכנה, זענען מיר צוריק אַרויף געגאַנגען אין די שטוב אָפּרעכטן דעם סדר. מען קען אַליין פאַרשטיין ווי אַזוי דער סדר האָט אויסגעזען. דאָס איז שוין נישט געווען דער זעלבער סדר ווי אַלע יאָרן ביז יעצט. דעם גאַנצן יו"ט פּסח האָט מען ליידער געהערט נישט גוטע שמועות.

קאַפּיטל דריי און דרייסיג

מען בויט אַ בונקער

אסרו חג פּסח האָט מען שוין געהערט, אַז אין פאַרשידענע שטעט און דערפער האָבן די אונגאַרישע זשאַנדאַרן צוזאַם גענומען מיט גרויס אכזריות אַלע אידן פון די דערפער. מ׳האָט זיי אַוועק געפירט צו אַ זאַמל פונקט (געטאָ). זיי האָבן נישט געלאָזט מיט נעמען מיט זיך נאָר קליינע זאַכן וואָס מ׳האָט געקענט טראָגן מיט די הענט. רוב מענטשן, מענער, פרויען און קינדער, האָבן געמוזט גיין צו פיס אַסאַך קילאָמעטער, ביז צום נייעם פּלאַץ וואו מ׳האָט זיי געפירט. די גאַנץ אַלטע און קראַנקע האָט מען געפירט מיט וועגענער, אָבער זיי האָבן אויך נישט געטאָרט מיט נעמען מיט זיך נאָר קליינע זאַכן.

אין דעברעצין איז נאָך דערווייל נישט געווען די גזירה, איז דעמאָלס נאָכאַמאָל אויפגעקומען דער געדאנק אַז מיר זאָלן מאַכן אין הויז אַ בונקער, וואו מ׳זאָל זיך קענען באַהאַלטן עד יעבור זעם. אונזער הויז איז געווען געבויט אַביסל העכער ווי די גאַס (Street Level). מ׳האָט געדאַרפט אַרויף גיין 7 שטיגן צום ערשטן שטאָק (אַביסל נידריגער ווי אַ פּאַרלאָר) און אונטער דעם איז געווען אַ קעלער מיט 6 באַזונדערע שטיבער. דער דאַך פון קעלער איז געווען הויך כמעט ווי אַ געהעריגע דירה, און ס׳האָט געהאַט נידריגע קליינע פענסטערס.

אַ גאַנץ יאָר איז דאָס געווען פאַרדינגען פאַר עטליכע סוחרים. דאָס האָט געדינט אַלס מאַגאַזין פאַר אַ געשיר סוחר, ארמין גאָלדשטיין ז״ל. עופות סוחרים

האָבן געהאַלטן דאָרט שמאַלץ, און מיר האָבן אויך געהאַלטן דאָרט פאַרשידענע פּראָדוקטן ווי קאַרטאָפּל, צוויבל, וכדומה.

דאָרט האָבן מיר באַשלאָסן צו מאַכן דעם בונקער. דער קעלער איז געווען געבויט איבער די גאַנצע לענג פון הויז, האָבן מיר אַראָפּ גענומען די טיר פון די לעצטע שטוב אין קעלער, דורך וואו מ׳איז אַריין געגאַנגען פון איין קעלער שטוב צו די אַנדערע. מיר האָבן דאָס פאַרבויט געהעריג, אַז ס׳זאל אויסזען ווי דאָרט ענדיגט זיך דאָס הויז און דער קעלער גייט נישט ווייטער. אויך האָט מען ביי יענע וואַנט צו געשטעלט אַפּאָר שענק (קלאַזעט׳ס) אַז ס׳איז קיינעם נישט איינגעפאַלן אַז דער קעלער גייט נאָך ווייטער.

איידער מ׳האָט פאַרבויט די וואַנט האָט מען דאָרט אַריין געטראָגן אַ דיוואַן (קויטש), 2 בענק, אַפּאָר זעק פענעצלעך (טאָפּ״ט), וואָס מיר האָבן געבאַקן און פיטער־שמאלץ. (מיר האָבן נישט גענוצט שמאַלץ פון געשטאָפּטע גענז נאָר געפיטערטע). אויך האָבן מיר אָנגעגרייט מעל, בונדלעך, און ענליכע פּראָדוקטען וועלכע קענען שטיין לאַנג און ווערן נישט פאַרדאָרבן.

וואַסער האָבן מיר אויך געהאַט דאָרט אין קעלער, ווייל יעדעס הויז וואָס האָט געהאַט אַ וואַסער לייטונג (סינקס וכדומה), האָט אין קעלער געהאַט דינע רערן (פּייפּ״ס) וואָס האָט אַ קראַן (פאָסע״ט). (ווינטער פלעגט דאָס וואַסער ווערן געפרוירן אין די פּייפּ׳ס. דאָרט איז נישט געווען אַזוי ווי דאָ אַז דאָס גאַנצע הויז מיט דעם בעיסמענ״ט ווערט געהייצט, און אינסולירט, אַז די וואַסער רערן זאָלן נישט פרירן. יעדע נאַכט האָט מען אַרויס געלאָזט אַלע וואַסערן וואָס זענען געווען אין די פּייפּ׳ס, דורך אַ

קראַן אין קעלער, און ליידיגע רערן פרירן נישט.) אין דעם פאַרבויטן קעלער (בונקער) איז אויך געווען אַ פייפ (Pipe) מיט אַ קראַן.

(ווען מ׳האָט שפעטער אַוועק געפירט די אידן פונ׳ם געטאָ, האָט די שטאָט צו אונזער מזל נישט פאַרשלאָסן דאָס וואַסער לייטונג פון הויז, אַזוי האָבן מיר געהאַט שטענדיג וואַסער אין בונקער.)

דעם בונקער האָבן מיר געבויט בסוד מיט אונזערע אייגענע הענט. דער הויפט אַרכיטעקט און בוי מייסטער איז געווען ר׳ ישראל מענדל אבראמאוויטש הי״ד (וועלכער איז געווען בַיי אונז טמיר ונעלם ווי אויבן דערמאַנט).

דער אַריינגאַנג צום בונקער איז געווען דורך די דירה פון אויבן. אין די דירה איז דער פלאָר געווען צוזאַם געשטיקלט פון פאַרשידענע ברעטלעך (נישט קיין טייל״ס אָדער לינאָלעאָ״ם), און ווען ס׳האָט זיך אויסגעריבן אַ שטיקל פלאָר האָט מען דאָס אויסגעטוישט מיט אַן אַנדערן ברעטל. דער גאַנצער פלאָר איז געווען געמאַכט פון פאַרשידענע ברעטלעך, קורצע און לאַנגע ברייטע און שמאָלע, אַזוי אַז עס איז אין ערגעץ נישט געווען אייניג. יעצט האָט מען ביי די עק פון די שטוב אויסגעשניטן אַ שטיקל פלאָר, וואָס איז גענוג געווען אַז איינער זאָל זיך קענען דורכשטופן דעם לאָך. אין דעם דאַך פון קעלער האָט מען אויך אויסגעהאַקט די זעלבע גרויסע לאָך, אַזוי האָט מען זיך געקענט אַריינגליטשן אין בונקער פון אויבן.

ביי די וואַנט, העכער דעם אָרט וואו דער אַריינגאַנג איז געווען, האָט מען צו געלייגט אַ הענג שאַפע (קלאָזעט) און מ׳האָט אַריינגעהאָנגען דערין פאַרשידענע קליידער און בעקיטשעס. די שאַנק האָט געהאַט אַ לעדל אונטן. אַז מען האָט געוואָלט אַריין גיין אין בונקער האָט מען קודם

געדאַרפט עפענען דעם קלאַזעט און אַרויס נעמען דאָס לעדל, אויפהייבן דעם האָלצענעם צודעק און אַזוי אַריין אין בונקער.

פון דעם פלאָר ביז צו דעם קלאַזעט, איז געווען הויך בערך 15 צענטימעטער (כמעט 6 אינטשעס). ס׳איז געווען אַזוי געמאַכט, אַז מ׳האָט געקענט פון בונקער אויפמאַכן דאָס דעקל און אַרויס שטופן די הענט אויבן, אויף מאַכן די קלאַזעט טיר און אַרויס שטופן דאָס לעדל פון׳ם קלאַזעט. אַזוי האָט מען געקענט אַרויס און אַריין גיין פון בונקער.

ווען דער בונקער איז פאַרטיג געוואָרן, האָבן מיר געזאָגט פאַר הרב ר׳ יחזקאל דוד האלבערשטאם, פאקשעוויצ׳ער רב זצ״ל, וואָס איז דעמאָלס געווען ביי אונז (אַזוי ווי פריער דערמאַנט), אַז אין דעם שטוב איז דאָ אַ בונקער און ער זאָל דאָס גיין טרעפן (ער איז דאָך געווען אַ פּליט פון פוילן וואָס האָט שוין געהאַט געזען פאַרשידענע בונקערס, און מיר האָבן געוואָלט זען צו ער וועט דאָס טרעפן), אָבער ער האָט בשום אופן נישט געקענט טרעפן דעם בונקער. אַזוי פאַכמאַניש איז דאָס געווען געבויט.

פאַר ווען מיר האָבן דאָס געבויט האָבן מיר אַליין נישט געוואוסט. דער גאַנצער בונקער איז געווען בערך 6 מעטער די ברייט און 3 מעטער די לענג (בערך 18 פיס ברייט און 9 פיס לאַנג). ס׳האָט געהאַט אַ קליין פענסטער׳ל צום הויז פון׳ם שכן, אַן אויגן דאָקטאָר אַ גרויסער אַנטיסעמיט. מיר האָבן דאָס פענסטער׳ל פאַרשטאָפּט גוט מיט שמאַטעס אַז מ׳זאָל פון דעם בונקער חלילה נישט ארויס הערן. שפעטער ווען מיר האָבן גענוצט דעם בונקער

האָבן מיר דאָס נאָר שפּעט ביינאַכט אויף געמאַכט ס'זאָל אַריין קומען אַביסל פרישע לופט.

דעם דעברעצינער רב'ס הויז אין דעברעצין
בילד גענומען - תשס"א לפ"ק

קאַפּיטל פיר און דרייסיג

פאַרשפּאַרט אין געט״א

פאַר יו״ט שבועות האָט מען אין דעברעצין אויך געמאַכט צוויי געטאָס. די גרויסע געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן אויף די האָטוואָן גאַס. פון אונזער הויז, האָטוואָן גאַס נומבער 14, ביז די ענדע פון די גאַס נומבער 72. דער געטאָ איז נאָר געווען אויף איין זייט גאַס, ווייל די האָטוואָן גאַס איז אַ הויפּט גאַס, און מען האָט נישט געקענט אָפּשפּאַרן די גאַס צוליב דעם פאַרקער.

די אַלע טויערן און פענסטערס וואָס זענען געווען אויף די זייט פון די האָטוואָן גאַס, זענען געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, און די טויערן אָפּגעשלאָסן און אָפּגעזיגלט פון דרויסן דורך די פּאָליציי, אַזוי אַז מ׳האָט אַפילו נישט געקענט אַרויס קוקן אויף די גאַס. די האָטוואָן גאַס איז געווען פון איין זייט און די סעטשעני גאַס פון די אַנדערע זייט. די גאַסן אינצווישן איז געווען דער געטאָ. (JOSZEF, KIRALY HERCEG, SIMONFI UTZA). דאָרט האָט מען אַריין געשטופּט אַלע אידן וואָס האָבן געוואוינט אין די אַנדערע גאַסן, בערך זיבן טויזנט נפשות.

אין יעדן הויז און אין יעדע שטוב האָט מען אַריינגעלייגט וויפיל נפשות מ׳האָט נאָר געקענט. ס׳איז געווען זייער ענג. צו אונז איז צוגעקומען ר׳ אהרן ט״ב ז״ל מיט 12 נפשות, אויסער דעם וואָס ס׳זענען שוין געווען ביי אונז מערערע אַנדערע פרעמדע מענטשן.

אונזער הויף האָט זיך געגרעניצט מיט׳ן שטאָטישן שול הויף. ביים סוף פון אונזער הויף איז געווען אַ טיר פון אונזער הויף צום שול הויף, און מיר האָבן געקענט דורך אונזער הויף צוקומען צום שול הויף וואָס איז אויך געווען אין געטאָ.

אויף די אַנדערע זייט פון האָטוואָן גאַס, צווישן די האָטוואָן גאַס און די טשאָקאַנאָי גאַס איז געווען דער קליינער געטאָ. איין וואָך שפעטער האָט מען דעם קליינעם געטאָ אויסגעליידיגט און מ׳האָט יעדן אַריבער געפירט צום גרויסן געטאָ. די ענגשאַפט אין געטאָ איז געוואָרן אומגעהויער גרויס. (דער געטאָ האָט געהאַט אַ טויער אין די פאשטי גאַס נעבן די האָטוואָן גאַס פון וואו מ׳האָט געקענט אַרויס גיין פון געטאָ נאָר מיט אַן ערלויבעניש פערמיט.) ווען מ׳האָט געדאַרפט אַרויסגיין פון געטאָ איינצוקויפן לעבנס מיטל פאַר די מענטשן פון געטאָ אָדער מען האָט געדאַרפט גיין אין שפיטאָל צי ל״ע ביי אַ לוי׳ וכדומה, האָט מען געמוזט האָבן אַן ערלויבעניש.

אויך האָט מען געהאַלטן אין איין אַרויס פירן מענטשן צו די אַרבעט, אַוועק צו רוימען די חורבנות וואָס די עראָפּלאַנען האָבן אָנגעמאַכט ביים באָמבאַרדירן. איך האב אויך געמוזט גיין אַפּאָר מאָל.

וואָספאַראַ צרות מ׳האָט געליטן אין געטאָ שרייב איך נישט, ווייל ס׳זענען שוין וועגן דעם באַשריבן געוואָרן אין אַסאַך ביכער. איך וויל בעיקר שרייבן און דערציילן די פּאַסירונגען און די גרויסע נסים וואָס אונזער משפחה האָט דורך געלעבט דורך די צייט פון די מלחמה.

איינמאָל צופרי אום 8:00 אַזייגער, איך בין פונקט אַהיים געקומען פון דאַוונען, האָט פלוצלונג געפּיפן דער אַלאַרעם. יעדער איז אַראָפּ אין קעלער. איך בין געבליבן שטיין נעבן קעלער טיר. איך האָב געהערט עראָפּלאַנען פליען, און עס האָט זיך מיר פאַרגלוסט דאָס צו זען. ווען איך האָב געהאַט אָפּגעציילט 7 זילבערנע פליגערס, האָבן פלוצלונג אָנגעהויבן פליען באָמבעס. מער האָב איך נישט איינגעשטעלט צו ציילן. איך בין אַראָפּגעלאָפן אין קעלער ווי שנעל די פיס האָבן מיך געטראָגן. ס׳זענען דעמאָלס געפאַלן עטליכע באָמבעס אין שכינות פון געטאָ, אָבער קיין איין באָמבע איז ב״ה נישט געפאַלן אין געטאָ.

פאַר שבועות האָבן מיר געשיקט דורך די פּאָסט, פעקלעך מיט ברויט און אַנדערע עסנוואַרג, פאַר מיין פעטער הרה״צ מוה״ר ר׳ אהרן טייטלבוים הי״ד אב״ד ניר-באטור, וואָס ער איז געווען אין געטאָ נעבן נירעדהאַז. שבועות איז דאָס פעקל צוריק געקומען, מיט די באַמערקונג אַז ער האָט אויסגעוואַנדערט. וואו אַהין איז נישט געשטאַנען.

שבועות איז דעמאָלס אויסגעפאַלן זונטאָג און מאָנטאָג פ׳ נשא, דריי טאָג יו״ט. ערב שבת האָט מען אַרויס געלאָזט אַ שם, אַז יונגע מענטשן פון 18 יאָר און העכער ווילן זיך קענען מעלדן פרייוויליג צום ״מאָנקאַ-טאַבאָר״ (צו אַרבעטן), דעם צווייטן טאָג שבועות און מ׳וועט זיי באַלד אַוועק שיקן. ווער ס׳האָט נאָר געקענט זיך מעלדן האָט זיך געמאָלדן. מ׳האָט זיך געוואָלט זען אַרויס פון געטאָ. איך האָב זיך אויך געמאָלדן אָבער מ׳האָט מיך נישט געוואָלט אָננעמען.

יו״ט שבועות זענען מיר נאָך אַלע געווען אינדערהיים מיר האָבן געדאַוונט אין אונזער ביהמ״ד. אקדמות האָט מיין פאָטער זצ״ל דעמאָלס געזאָגט מיט אַזעלכע בכיות וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט. דאס קען איך און וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אויך דעם שחרית וואָס ר׳ אהרן טייטלבוים ז״ל האָט געדאַוונט פאַר׳ן עמוד איז געווען מיט אַזעלכע בכיות, איבערהויפּט די תפילה פון אהבה רבה, ושבור עול הגוים ועול הגליות מעל צוארינו, אַז איך געדענק דאָס נאָך היינט מיט עטליכע אין 50 יאָר שפּעטער.

באַלד נאָך יו״ט האָט מיין פאָטער זצ״ל באַקומען אַן איינרוף צעטל צום ״מאָנקאַ-טאַבאָר״, און דעמאָלס האָט ער איינגערוקט כדי ער זאָל אַרויס פון געטאָ. מיין מוטער ע״ה איז איבערגעבליבן מיט 9 קינדער אַליין.

ס׳איז אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע שמועות אַז מ׳וועט דעם גאַנצן געטאָ אויסליידיגן און דעם גאַנצן עולם פירן אויסער די שטאָט, אין אַ ציגל פאַבריק, וואו די ציגיינער וואוינען. שפּעטער איז דאָס טאַקע באַשטעטיגט געוואָרן.

די רשעים האָבן באַשטימט דעם ביטערן טאָג אויף פרייטאָג, עש״ק שלח, כ״ה סיון. יעדע משפחה האָט זיך געמוזט צוזאַם פּאַקן, און מען האָט נאָר געמעגט מיטנעמען אַזעלכע זאַכן וואָס מ׳קען נעמען אין די הענט. די איבריגע זאַכן האָט מען געדאַרפט איבערלאָזן אין די דירות.

קאַפּיטל פינף אין דרייסיג

מען באַהאַלט זאַכן

קודם האָט די פּאָליציי אַרויף געפירט עטליכע עשירים און זיי זייער געפייניגט, זיי זאָלן אויסזאָגן וואו זיי האָבן באַהאַלטן זייערע פאַרמעגנס. אַ טייל האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן די פייניגונגען און זיי האָבן אַרויס געגעבן וואָס זיי האָבן געהאַט באַהאַלטן.

אויך זענען געווען מענטשן וואָס האָבן געהאַט וואָס צו באַהאַלטן, אָבער האָבן נישט געהאַט וואו דאָס צו באַהאַלטן אַז קיינער זאָל נישט וויסן דערפון, ווייל ס׳האָבן דאָך געוואוינט זייער אַסאַך משפחות צוזאַמען אין איין הויף, און יעדער האָט געוואוסט איינער פון אַנדערן.

אַזוי ווי אונזער הויז איז געווען דאָס ערשטע הויז אין געטאָ, און דאָרט זענען געווען בלויז היימישע משפחות, האָט מען געקענט דאָרט באַגראָבן פאַרשידענע זאַכן, דאָס האָט מען געטאָן נאָר ביינאַכט ווען ס׳איז געווען גוט טינקעל, ווייל פון די הייזער פון אויסערן געטאָ האָט מען געקענט אַריין זען אין אונזער הויף. אַסאַך גריבער זענען געגראָבן געוואָרן ביי אונז אין הויף און אין קעלער, צו באַהאַלטן זאַכן.

אַזוי ווי איך האָב שוין פריער געשריבן, אַז מר. גאָלדשטיין ז״ל, האָט געהאַט אַ מאַגאַזין פון שניט וואַרע (סחורה) ביי אונז אין קעלער, האָט ער דאָרט אין קעלער באַגראָבן אַ גרויסן קאַסטן מיט פאַרשידענע סחורות. (ער איז ב״ה צוריק אַהיים געקומען און צוריק אַרויס גענומען זיינע סחורות.)

אויך האָבן עטליכע עופות הענדלער באַגראָבן אַסאַך געגזענע שטאָפּ שמאַלץ, אין גרויסע קאַנעס (פעסלעך). (ווען מיין פאָטער זצ״ל איז באַפרייט געוואָרן, באַלד נאָכן קריג, חודש חשון אין יאָר תש״ה אין דעברעצין, האָבן אָנגעהויבן קומען קיין דעברעצין אַנדערע אידן וואָס זענען אויך באַפרייט געוואָרן, און עס איז נישט געווען קיין שום כשר'ס צו עסן, האָט מיין פאָטער זצ״ל אויסגעגראָבן די שמאַלץ אין געמאַכט אַ כשר'ע קאָך, און געקאָכט פאַר אידן.)

הרב ר' אהרן טייטלבוים ז״ל האָט דאָרט באַגראָבן זיינע זילבערנע כלים וואָס ער האָט נאָך געהאַט בירושה פון הייליגן ישמח משה זצ״ל, און נאָך פאַרשידענע זאַכן.

איינמאָל איז צו מיר געקומען אין געטאָ ר' אברהם פרענקל ז״ל, זון פון אונזער קאָזין הר״ר חיים אפרים פרענקל הי״ד, און ער האָט מיך געבעטן אַז איך זאָל פאַר אים באַגראָבן אַ קליין קעסטעלע מיט פאַרשידענע זאַכן. אַזוי ווי ס'איז געווען בייטאָג האָב איך נישט געקענט דעמאָלס גראָבן. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין צייט צו וואַרטן ביז ביינאַכט ווייל ער האָט זיך געוואָלט שווערצן קיין רומעניען נאָך יענע נאַכט. האָב איך אים געוויזן אַ פּלאַץ, וואו איך וועל דאָס באַגראָבן. ער איז באַלד אַוועק געפאָרן, און איך האָב דאָס ביינאַכט באַגראָבן דאָרט וואו איך האָב געהאַט אָנגעוויזן.

קאַפּיטל זעקס אין דרייסיג

מען פירט אַוועק - מען שפילט באַהאַלטן...

עס איז אָנגעקומען דער פינסטערער טאָג, וואָס איז געווען באַשטימט מ׳זאָל אַוועק פירן די מענטשן פון געטאָ. ס׳האָט געהייסן אַז גאַנץ פרי פרייטאָג וועט מען אונז אַלע אַוועק פירן. מיין מוטער ע״ה מיט אַלע קינדער, די גאַנצע משפחה פון ר׳ אהרן טייטלבוים ז״ל, און אויך אַלע פרעמדע וואָס זענען געווען ביי אונז זענען אַראָפּ געגאַנגען אין בונקער. ס״ה זענען מיר געווען 35 **נפשות**. מיר האָבן געקלערט אַז מ׳וועט דאָרט זיין ביז די פּאָליציי וועט ענדיגן זוכן און קיינעם נישט טרעפן דאָרט. זיי וועלן פאַרשפּאַרן און אָפּזיגלען די דירה. און ווען זיי וועלן אַוועקגיין, וועלן מיר אַרויף קומען אין די דירה ווייטער זיין דאָרט נאָרמאַל. קיינער וועט דאָך נישט צוריק קומען און זוכן אין אַ פאַרזיגעלטע דירה.

מיר זענען דאָרט געווען אַ שטיקל צייט אין בונקער 35 נפשות צוזאַם געדרוקט, און די פּאָליציי איז נאָך נישט געקומען. מיר האָבן געזען אַז עס איז פשוט נישט מעגליך צו בלייבן דאָרט אין אַזאַ ענג פלאַץ אַזוי לאַנג, איז יעדער אַרויף געגאַנגען אין די דירה.

אַרום 1:00 אַזייגער מיטאָג זענען די מלאכי חבלה אָנגעקומען אַוועק שלעפּן אַלע מענטשן און אויסליידיגן די דירה. שנעל האָבן זיך 14 נפשות אַראָפּגעגליטשט אין בונקער אַריין. מיך האָט מיין מוטער ע״ה ממש מיט דער געוואַלד אַראָפּ געשטופּט דורכן לאָך, אַז איך זאָל אַראָפּ גיין אין בונקער.

אין בונקער זענען געווען:

1) הרב יחיאל מיכל ניימאן שליט"א.

2) ר' לייבוש טייטלבוים נ"י.

3) המו"ל.

און להבחל"ח:

4) הרב ר' אהרן טייטלבוים ז"ל.

5) הרב ר' דוד טייטלבוים הי"ד.

6) זיין זון דאָס קינד נפתלי הי"ד.

7) הרב ר' יצחק זאב מייער בעהמ"ח מהרש"א הארוך ז"ל.

כ"ק אאמו"ר זצ"ל והרב ר' יצחק זאב מאיר זצ"ל - בעת הכנסת ס"ת ר"ח סיון תשל"ט

8) הרב ר' אלי' הערש ראטה הי"ד.

9) ר' ליפא קירשבלום הי"ד.

10) ר' ישראל מנחם (מענדל) אבראהאמאוויטש הי"ד.

11) הב' ישראל יעקב יוקל גרוים הי"ד (מיין קאָזין) זון פונ'ם פעטער הרה"ג מוה"ר ר' אהרן גרוים אב"ד לאַפּאָש הי"ד.

12) מיין קוזינע בילא טייטלבוים הי"ד, די טאָכטער פונ'ם פעטער הרה"ג מוה"ר חיים אלעזר טייטלבוים הי"ד (וואָס איז אומגעקומען אין קאמעניץ-פּאָדאָלסק בשנת תש"ב.)

13) מיין קוזינע מלכה רייזל ע"ה.

14) ר' אברהם ווידער הי"ד.

די קוזינע מלכה רייזל ע״ה איז ב״ה ניצול געוואָרן, און נאָך די מלחמה איז זי געוואָרן אַ שנור ביי מיין פעטער הרה״צ מוה״ר ר׳ חיים שלמה הורוויץ זצ״ל. זי האָט חתונה געהאַט מיט׳ן פעטער׳ס זון הרב מו״ה ר׳ רפאל הורוויץ ז״ל.ביידע זענען ליידער אומגעקומען אין אַן עראפּלאַן קראַך (ווי אויבן דערמאַנט ביי דעם חלק פון יחוס המשפחה).

איידער איך בין אַראָפּ געגאַנגען אין בונקער האָב איך אָנגעקוקט מיין יונגסטן ברודער׳ל וואָס איז דעמאָלס אַלט געווען 4 חדשים, חיים ברוך נ״י און איך האָב זייער געוויינט. ווער ווייס אויב איך וועל אים נאָכאַמאָל זעהן? אַזוי וויינענדיג האָב איך מיך אַראָפּ געגליטשט אין בונקער.

די מאַמע ע״ה איז געווען פאַרנומען מיט די אַנדערע קינדער שיחי׳, אָבער אַזוי ווי איך האָב געהאַט פיבער און מיין האַלז האָט וויי געטאָן, האָט זי מיר נאָך אין די לעצטע מינוט אויפגעקאָכט אַ הייסע גלאָז טיי מיט 2 אספירין און מיר דאָס אַראָפּ געשיקט אין בונקער. איך האָב באַלד איינגענומען די 2 אספירין, אויסגעטרונקען די טיי און איך בין איינגעשלאָפן.

ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט איז שוין אויבן אין די דירה געווען שאַ שטיל. מ׳האָט שוין יעדן וואָס איז געווען אין די דירה געהאַט אַוועק געפירט. וואו אַהין האָבן מיר נישט געוואוסט. איך האָב זייער געוויינט.

ביז היינט ווען איך דערמאַן מיך דערפון, קומט מיר נאָך טרערן אין די אויגן, וואָס דאָס הייסט אַ מאַמע. אין די צייט וואָס זי ווייסט נישט וואָס וועט זיין מיט איהרע 8 פיצלעך קינדער און וואו מ׳פירט זיי אַוועק, דאָך האָט זי אין די לעצטע מינוט אינזין געהאַט פאַר מיר צו קאָכן אַ גלאָז טיי און אַראָפּ שיקן אין בונקער, יהי שמה מבורך.

פון דעמאָלס אָן האָב איך מער נישט געוואוסט און נישט געהערט פון מיין טאַטע, מאַמע און געשוויסטער. אויך זיי האָבן גאָרנישט געהערט פון מיר, (15 חדשים. ביז מיר האָבן זיך ב״ה צוריק געטראָפן אין דעברעצין, אַזוי ווי שפּעטער באַשריבן.)

קאַפּיטל זיבן אין דרייסיג

דאָס לעבן אין בונקער

דאָס לעבן אין בונקער איז געווען מיט גאָר גרויסע שוועריגקייטן. מיר האָבן געציטערט יעדע מינוט אַז מ׳זאָל אונז נישט טרעפן. אויך די פּלאַץ איז געווען זייער ענג, פאַר 14 מענטשן. עס איז פּשוט נישט געווען קיין לופט צום אָטעמען, און מען האָט נישט געטאָרט רעדן קיין הויך וואָרט.

די ערשטע פּאָר טעג זענען מיר נישט אַרויף אין די דירה אַ גאַנצן טאָג, נאָר ביינאַכט האָבן מיר איינגעשטעלט ארויפצוגיין נאָר צו גיין אין בית הכסא, און תיכף צוריק אַראָפּ אין בונקער.

אַזוי ווי אויבן דערמאַנט איז אין בונקער געווען אַ קויטש, 2 בענק, און אַפּאָר שעלפ״ס פאַר דאָס עסנוואַרג וואָס מ׳האָט אָנגעגרייט. ביים שלאָפן האָט מען זיך איינגעטיילט אין 2 שיפטן. 6 מענער אויף איינמאָל אין די אַנדערע 6 דאָס נעקסטע מאָל. מ׳איז געשלאָפן אין די ברייט פון קויטש און די 2 מיידלעך זענען געשלאָפן אויף די בענק. ס׳איז געווען יענע שלאָף! פון יעדן ריר וואָס ס׳האָט זיך געדאַכט אַז מ׳הערט האָט מען זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוואַלדיגען פחד.

עס איז געווען שטאָק פינסטער. עס האָט גענומען אַפּאָר טאָג ביז מיר האָבן זיך אַביסל צוגעוואוינט, און זיך געקענט אָרגאַנידירן.

ווען די פּאָליציי האָט אַוועק געפירט די מענטשן פון די דירה, האָבן זיי פאַרשלאָסן די דירה און אַרויף

געלייגט אַ זיגל פון דרויסן, זיכער צו מאַכן אַז קיינער זאָל נישט אַריין אין די דירה, אָבער די פענסטערס האָט מען געקענט עפענען פון אינווייניג.

אויפן בוידעם זענען אויך געווען באַהאַלטן 4 מענטשן. צווישן זיי איז געווען הב׳ אלעזר בערגער פון איהעל הי״ד, און אַ בחור לאנדא פון קליינוואַרדיין הי״ד. אויך אין קעלער אויסערן בונקער זענען געווען די משפחה פון הרב ר׳ מיכל׳ע ניימאן, וואָס מען האָט זיי נאָך אַפּאָר טאָג געכאַפּט, און אַוועק געפירט. די וועלכע זענען געווען אויפן בוידעם פלעגן יעדע נאַכט אַראָפּ קומען פון בוידעם און שלאָפן אין קעלער, נישט אין בונקער, און מיר האָבן זיי געגעבן צו עסן.

די הויפּט אַריינגאַנג צו אונזער הויז איז געווען פון די האָטוואָן גאַס. בשעת מ׳האָט געמאַכט דעם געטאָ איז דער אַריינגאַנג געוואָרן פאַרשלאָסן פון דרויסן, אָבער פון אונטן אין הויף וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט די שטאָטישע שול הויף, וואו ס׳איז אויך געווען דאָס אשכנז׳ישע ביהמ״ד און די מקוה, איז געבליבן אָפן. דורך יענעם אריינגאַנג פלעגן מיר זיך ביינאַכט אַריבערכאַפּן אין די מקוה.

איינמאָל ווען מיר זענען געווען דאָרט האָבן מיר געהערט אַ גערודער פונ׳ם בוידעם פון ביהמ״ד, זענען מיר געוואָר געוואָרן אַז דאָרט באַהאַלטן זיך אויך אידן, ר׳ חיים אפרים פרענקל הי״ד מיט זיין ווייב הי״ד, ר׳ משה ברוין הי״ד און נאָך עטליכע מענטשן. מיר האָבן יעדע נאַכט געטראָגן פאַר זיי צו עסן. איינמאָל ביינאַכט ווען מיר זענען געגאַנגען טראָגן דאָס עסן, האָבן מיר זיי

שוין מער נישט געטראָפן דאָרט. מיר האָבן פאַרשטאַנען דערפון אַז מ׳האָט זיי געכאַפּט. (מיר האָבן זיך שפּעטער צוזאַם געטראָפן אין שאַרוואַר פון וואו מ׳האָט אונז געפירט קיין אוישוויץ.)

איין שטוב פון אונזער דירה, האָט געהאַט אַ פענסטער פון וואו מ׳האָט געקענט זען דעם אַריינגאַנג פון הויף. הגם ס׳איז געווען אַ לאַנגער הויף בערך 60 מעטער (בערך 180 פיס) ביז צו דעם פענסטער האָט מען געקענט קלאָר זעהן ווער ס׳איז אַריינגעקומען אין הויף. מיר האָבן אָרגאַניזירט שומרים פון צופרי ביז ביינאַכט, איינגעטיילט יעדע פּאָר שעה אַן אַנדערער, צו שטיין ביים פענסטער און קוקן אויב איינער קומט אַריין אין הויף. (געקומען זענען געווענליך נאָר פּאָליציי צו גנב׳נען. אין אונזער הויף איז געווען אַ ביציקל געשעפט, פלעגן זיי אַסאַך מאָל קומען צו גנב׳נען חלקים פון ביציקלעך וכדומה).

אויב מ׳האָט געזען איינעם אַריינקומען אין הויף, האָט דער שומר נאָך געהאַט צייט אַרונטער צו גיין אין בונקער און מ׳האָט געוואוסט אַז ס׳איז יעצט אַ סכנה און מ׳דאַרף זיין זייער שטיל. זייט מיר האָבן איינגעשטעלט אַ שומר האָט אַביסל אויסגעוועפט די פחד און אַנדערע מענטשן פלעגן אויך אַרויף גיין בייטאָג אין די דירה. אויב ס׳איז געוואָרן אַ סכנה איז נאָך אַלס געווען צייט אַז אַלע זאָלן אַראָפּ גיין זיך באַהאַלטן אין בונקער. מיט די צייט זענען מיר יעדן פאַרטאָג׳ס און פאַרנאַכטס אַרויפגעגאַנגען אין די דירה וואו ס׳איז געווען אונזער בית המדרש מיט ספרי תורות. מיר האָבן יעדן טאָג געדאַוונט אַלע 3 תפילות מיט מנין.

מיר האָבן זיך ערלויבט יעדע נאַכט צו קאָכן אין די דירה פון די רויע פּראָדוקטן וואָס מיר האָבן אָנגעגרייט,

בונדלעך, קאַרטאָפל, וכדומה. אויך האָבן מיר געמאַכט זויערטייג יעדן טאָג און געמאַכט דערפון "פאַנקעס" (דאָנאַטס), דאָס האָבן מיר יעדע נאַכט אָפּגעקאָכט אין וואַסער און אין שמאַלץ.

ווי פאַרשטענדליך האָט דאָס קאָכן און באַקן געדאַרפט זיין זייער שנעל, אַז די שפּאָר אויף וואָס מ'האָט געקאָכט זאָל זיך שנעל אויסקיהלן. אויב וועט חלילה איינער אַריינקומען אין די דירה זאָל ער נישט טרעפן אַ וואַרעמע שפּאָר. (מיר האָבן געהאַט אַ חקירה. ווען מ'קאָכט אין אַ טאָפּ בונדלעך, ווי אַזוי קאָכט זיך דאָס שנעלער? אויב ס'איז דאָ אין טאָפּ אַסאַך בונדלעך דעמאָלס טוט איין בונדעל אַריינגעבן זיין היץ אין אַנדערן בונדעל און במילא קאָכט זיך דאָס שנעל, אָדער פאַרקערט, ווען ס'איז דאָ ווייניג בונדלעך דעמאָלס גייט דאָס הייסע וואַסער אַרום יעדן בונדעל עקסטער און אַזוי קאָכט זיך דאָס שנעלער? ס'איז געווען אַ שאלה אויף הלכה למעשה, ווי אַזוי מיר זאָלן קאָכן אַז עס זאָל זיך וואָס שנעלער אָפּקאָכן. מיר האָבן נישט געקענט קומען צו אַ מסקנה. ס'איז געבליבן אַז אי"ה ווען מיר וועלן באַפרייט ווערן וועלן מיר פּושט זיין די חקירה.

די גאַנצע צייט זייט מיר זענען ב"ה באַפרייט געוואָרן, האָבן מיר - די אַלע וואָס האָבן איבערגעלעבט די צרות - זיך נישט באַמיט דאָס מברר צו זיין, ווייל ס'האָט קיינעם נישט באַרירט למעשה, און בכלל איז ב"ה פאַרגעסן געוואָרן די גאַנצע שאלה. לעצטנס ווען איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן מיינע זכרונות האָב איך מיך דערמאַנט אין די חקירה, און איך קלער אַז כ'האָב געטראָפן דערצו אַ תשובה.

אין די משנה אין מס' מעשרות, פרק א' משנה ו', בפירש הרע"ב (ברטנורא) "הפרד" ח"ל: משמע שאם נפרד כל גרעין והחום הולך בכל גרעין לבד אז המה מתבשלים יותר מהר מבאם המה מחוברים עכ"ל, פון דעם איז געדרונגען אַז ווען די קערעלעך זענען עקסטער ווערט דאָס שנעלער געצייטיגט, קען זיין אַז עס ווערט אויך שנעלער געקאָכט.)

נאָך אַפּאָר טעג זענען עטליכע פון בונקער אויך אַרויפגעגאַנגען שלאָפן אין די דירה אין די געהעריגע

בעטן, ווייל ווייטער צו שלאָפן אַזוי אין בונקער איז געווען ממש אומדערטרעגליך. מיר האָבן געהאַט מזל אַז מ׳האָט נאָכנישט געהאַט אויסגעליידיגט די דירה. אַלעס איז געווען אַזוי ווי מ׳האָט דאָס איבערגעלאָזט ווען מ׳האָט יעדן אַוועק געפירט. איך בין אויך אַרויף געגאַנגען שלאָפן אין מיין בעט. ס׳איז געווען אָפּגעמאַכט צווישן אונז אַז אויב חלילה מ׳וועט אונז טרעפן אויבן זאָלן מיר נישט דערציילן אַז ס׳זענען דאָ נאָך מענטשן אין בונקער.

איין נאַכט בערך 2 וואָכן וואָס מיר זענען שוין געווען אין בונקער, 6 מענטשן זענען זיך געשמאַק געשלאָפן אין די דירה, פלוצלונג, הערן מיר ווי אַ פּאָליציאַנט וועקט אויף איינעם און פרעגט אים, ״וויפיל מענטשן זענען דאָ?״ מיר זענען געשלאָפן צוטיילט אין עטליכע צימערן, און ס׳איז געווען טונקל, האָט דער פּאָליציאַנט נישט געקענט זען וויפיל מענטשן מיר זענען. (אַריין גיין דעמאָלס אין בונקער אַז דער פּאָליציאַנט זאָל נישט באַמערקן איז שוין נישט געווען מעגליך). יענער האָט געענטפערט 5 הגם מיר זענען געווען 6. דער פּאָליציאַנט האָט אים געזאָגט, ״ברענג זיי אַהער״.

צום ערשט איז ער געגאַנגען צום שטוב וואו ס׳איז געווען דער עפענונג צום בונקער און האָט שנעל פאַרמאַכט די טיר וואָס פירט צום בונקער, אַזוי אַז די וואָס זענען געווען אין בונקער האָבן פאַרשטאַנען אַז ס׳איז דאָ אַ סכנה אויבן. דערנאָך האָט ער נאָך צוגעברענגט נאָך 4 מענטשן און מיט אים צוזאַם זענען מיר געווען 5. מיר האָבן דעם פּאָליציאַנט אונטער געקויפט מיט 500 פּענגאָ און אַ האַנט זייגערל, און ער

הָאט אונז גאָרנישט געטאָן. ער הָאט אונז צוגעזאָגט אַז ער וועט דאָס נישט מעלדן אין די פּאָליצײ אָפיס (ווייל דאָס וואָלט דעם פּאָליציאַנט געקענט ברענגען צרות. ער האָט נישט געטאָרט אַריין גיין אין אַן אָפּגעזונדערטע דירה, איבערהויפּט אַליין. יעדער וואלט פאַרשטאַנען אַז ער איז פּשוט געגאַנגען אַהין גנב'ענען, און אַזוי האָט ער אונז צופעליג געטראָפן).

אַפאָר טאָג האָבן מיר מורא געהאַט, אַז אפשר דאָך וועט ער אויסזאָגן, און מיר האָבן זייער ערנסט גענומען די וואַך וואָס מיר האָבן געהאַט ביים פענסטער. כאָטש ס'האָט אויסגעזען אַז דער פּאָליציאַנט האָט טאַקע נישט געמאָלדן פאַר דעם פּאָליצײ דעפּאַרטמענט, איז אָבער דער פחד נישט אַזוי גרינג אַוועק. (נאָך היינט פיל איך דעם פחד).

קאַפּיטל אַכט און דרייסיג

מיר שווערצן זיך אַרויס פון בונקער

מיט די דרויסענדיגע וועלט האָבן מיר נישט געהאַט קיין שום פאַרבינדונג. קיין ראַדיאָ האָבן מיר נישט געהאַט צו הערן נייעס, קיין צייטונג אויך נישט, און מיר האָבן נישט געוואוסט וואו די מלחמה האַלט. דאָס עסן האָט זיך שוין צוביסלעך אָנגעהויבן אויסצולאָזן און מיר האָבן נישט געוואוסט ווי לאַנג מיר וועלן נאָך דאַרפן זיין אין בונקער.

באין ברירה האָבן מיר באשלאָסן, אַז ר׳ ישראל מענדל אבראהמאוויטש הי״ד און להבחל״ח איך זאָלן זיך אַרויסשווערצן פון געטאָ, זוכן צו פאַרשאַפן נאָך עסן.

(הגם דער געטאָ איז שוין געווען ליידיג פון אידן 4 וואָכן אָבער ס׳איז נאָך אַלץ געווען אַרומגענומען און פּאָליציי שומרים זענען געשטאַנען ביים טויער. די אונגאַרישע פּאָליציי האָט צוביסלעך אָנגעהויבן אויסצוליידיגען די זאַכן פון יעדע דירה, און זיי אַריינגעטראָגן קודם אין די גרויסע שול און דאָס האָט געדויערט צייט. זיי זענען געגאַנגען פון דירה צו דירה און אויסגעליידיגט אַלע זאַכן פון די דירות. אַזוי לאַנג ווי דאָס איז נישט פאַרטיג געוואָרן איז דער געטאָ געווען פאַרשפאַרט, כדי די גוים זאָלן נישט גיין אין די דירות גנב׳ענען. אויף אונזער דירה איז נאָכנישט געקומען די רייע מ׳זאָל דאָס אויסליידיגן.)

מיר האָבן געמאַכט אין בונקער מיט די הענט פאַרשידענע פאַלטשע זיגלען און מיט דעם געמאַכט פאַרשידענע גוי׳אישע שריפטן. איך האָב געהאַט שריפטן וואָס מיין נאָמען איז געווען GROSZ האָב איך אויסגעמעקט די G און ס׳האָט זיך געליינט ROSZ, אַן אונגאַרישער נאָמען. אַזוי האָב איך געמאַכט פאַרשידענע אונגאַרישע שריפטן. אויך ר׳ ישראל מענדל הי״ד האָט

געמאַכט פאַרשידענע אונגאַרישע שריפטן. מיר האָבן באַשטימט אַז מוצש״ק כ״ה תמוז זאָלן מיר זיך ביידע אַרויסשווערצן פון געטאָ, און זען וואָס מיר וועלן קענען אויפטאָן אינדרויסן.

מיר האָבן נאָך שבת פאַרנאַכטס געדאַווענט מיט מנין, געלייענט געהעריג, געמאַכט שלש סעודות מיט מנין, און מוצש״ק האָבן מיר זיך איבערגעטאָן אויף מאָדערנע אַנצוגער. קיין באָרד און פּיאות האָבן מיר נישט געהאַט. מיר האָבן אויסגעקוקט ווי להבדיל אַנדערע יונגע שקצים.

אונזער הויז איז געווען צו די האָטוואָן גאַס, ווי אויבן דערמאָנט. די פענסטערס זענען געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער פון דרויסן, אָבער אַרויסקוקן דורך די שפּאַלטן אויף די גאַס האָט מען געקענט. מיר האָבן אָפּגעשמועס׳ט, אַז ווען מיר וועלן בשלום אַרויסגיין פון געטאָ, זאָלן מיר דורך גיין דאָס הויז און איינער וועט שטיין ביים פענסטער און אונז זען כדי זיי זאָלן וויסן אַז מיר זענען בשלום אַרויס געקומען.

(אונזער גאַנצער פּלאַן איז געווען אַז מיר זאָלן זונטאָג נאַכט זיך צוריק שווערצן אין געטאָ.) מיר האָבן אָנגעהויבן אונזער שווערצעריי אום 2:00 אַזייגער פאַרטאָג׳ס. קודם זענען מיר אַריבער געקראָכן אַ הויכן צוים פון אונזער הויז וואָס איז געווען #14 צו הויז #12 און פון דאָרט צו #10 און צו #8. די אַלע צוימען זענען געווען הויכע און מיר האָבן געמוזט זייער שטיל קריכן בכדי מ׳זאָל נישט הערן אַז עמיצער גייט אַרום אין הויף. פון דאָרט זענען מיר אַריין געקראָכן אין

הויף פון דעם גרויסן BIKA HOTEL און ב״ה ביז אַהין זענען מיר בשלום אָנגעקומען אום 5:30 פאַרטאָג׳ס.

אינצווישן איז שוין ליכטיג געוואָרן, האָבן מיר זיך באַהאַלטן דאָרט אין הויף צווישן ווייַן פעסער און געוואַרט ביז דער טויער פון הויף וועט זיך עפענען. פלוצלונג, האָבן מיר געזען אַן אַרבעטער וואָס קערט דעם הויף און ער האָט אונז באַמערקט. ער האָט אונז געפרעגט וואָס מיר זוכן דא, האָבן מיר אים געזאָגט אַז מיר זוכן דעם באַרבירער. ״דער באַרבירער איז נאָך פאַרשפאַרט״, איז געווען זיין תשובה. זענען מיר באַלד אַרויס דורך דעם טויער אויף די (מכלומר׳שט) פרייע גאַס. צום ערשט זענען מיר געגאַנגען אויף די האַטוואָן גאַס און דורכגעגאַנגען אונזער הויז, מ׳זאָל אונז זען אַז מיר זענען בשלום אַרויס, אַזוי ווי עס איז געווען אָפּגעשמועסט. דערנאָך האָבן מיר געהאַט אין פּלאַן צו צו גיין אויף עטליכע פּלעצער, איינהאַנדלען עסנוואַרג און אויך געוואָר ווערן וואָס עס הערט זיך אויפן פראָנט מיט די מלחמה.

מיר זענען געגאַנגען צו אַ בעקערין, וועלכע פלעגט יעדע וואָך קומען צו אונז און ברענגען 2 גרויסע ברויט, נישט פאַר געלט, נאָר פשוט אַלס חסיד׳יסטע פון מיין פאָטער זצ״ל. (מיין פאָטער זצ״ל האָט אָפּגעקויפט דאָס הויז וואו מיר האָבן געוואוינט פון איר ברודער וואָס האָט געהייסן הארעוויטץ.) מיר אַלע האָבן איר זייער גוט געקענט און אויך זי האָט אונז אַלע גוט געקענט. (איר מאַן איז מכלומר׳שט געווען אַ גר. ער האָט געהייסן SZUTS. זיי האָט מען נישט אַוועק געפירט, און זיי זענען נישט געווען אין געטאָ, ווייל ער איז געווען אַן אָפיציר אין די ארמיי. עמטליך איז ער געווען אַ גוי.)

מיר זענען געגאַנגען צו די בעקערין די ערשטע ווייל מיר האָבן געוואָלט מאַכן קאָנטאַקט מיט איר, כדי מיר זאָלן קענען פון איר האָבן ברויט אין בונקער.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אַהין איז געווען 6:30 צופרי. די בעקערין האָט מיך באַלד דערקענט הגם איך בין געווען אינגאַנצן פאַרשטעלט. זי איז געוואָרן זייער איבערראַשט פון מיין פּלוצלונג׳דיגע ערשיינונג און אויך מיך אַזוי צו זען. זי האָט געהאַט דאָרט אַ משרתת וועלכע פלעגט איר צוהעלפן מיט די אַרבעט אין די בעקעריי. די משרתת איז אויך דאָרט געווען ווען מיר זענען אַהין געקומען. אַזוי רעדענדיג, האָט די בעקערין באַמערקט אַז די משרתת איז נעלם געוואָרן. זי האָט זיך זייער דערשראָקן ווייל זי האָט מורא געהאַט אַז אפשר האָט די משרתת דערקענט אַז מיר זענען אידן און געגאַנגען מעלדן צו די פּאָליציי, דערפאַר האָבן מיר תיכף געמאַכט פליטה פון דאָרט.

מיר האָבן געהאַט געקלערט דאָרט צו דאַווענען, אָבער ווי עס פאַרשטייט זיך האָבן מיר שוין דאָרט נישט געדאַווענט. בערך אַ שעה שפּעטער זענען מיר צוריק געגאַנגען אַהין. ס׳האָט זיך אַרויס געשטעלט אַז די גאַנצע פחד איז געווען אַן אומזיסטע, אַ ״פאָלס אַלאַרעם״ ווי מ׳זאָגט. די משרתת האָט פשוט געזען אַז איר בעל הבית׳טע איז פאַרנומען מיט געסט, איז זי פשוט אַוועק געגאַנגען צו איר שכן.

זי האָט אונז געגעבן ברויט צו עסן און האָט געזאָגט אַז וועגן שפּעטער, זאָלן מיר צוריק קומען נאָכאַמאָל מיטאָג צייט וועט זי דעמאָלס זען וואָס מ׳קען טון.

דערנאָך זענען מיר געגאַנגען צו אַ פאַמיליע "מיללער", וואָס די פאַמיליע האָט מען אויך נישט אַוועק געפירט. ער איז געווען אַ טראָקער וואָס האָט געפירט לאַסט מיט וועגענער (נישט מיט קיין טראָקס), אָבער ער האָט אונז גאָרנישט געקענט העלפן. מיר זענען אויך געגאַנגען אויפזוכן דעם ברודער פון הרב ר' יצחק זאב מייער ז"ל וואָס איז געווען מיט אונז אין בונקער. זיין ברודער האָט געהייסן "אסקאר" און האָט ל"ע געהאַט נאָר איין האַנט. אין די ערשטע וועלט מלחמה איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן אויפ'ן פראָנט אַלס סאָלדאַט ל"ע. אַזוי ווי ער איז געווען אַ מלחמה געליטענער האָט מען געמאַכט אַן אויסנאַם און מ'האָט אים נישט אַוועק געפירט.

דער "ביקאָ האָטעל" - וויאַזוי עס זעט היינט אויס

הרב ר' יצחק זאב האָט אונז געזאָגט אַז מ'קען אים טרעפן אין "ביקאָ האָטעל" דאָרט וואו מ'שפילט שאַך. מיר זענען אַהין געגאַנגען און זיך נאָכגעפרעגט אויף אים. מיר האָבן נישט געוואָלט פרעגן אויף זיין נאָמען מייער ווייל דאָס איז דאָך אַ אידישער נאָמען, וועט דאָס

זיין אויפפאַלענד, האָבן מיר געפרעגט אויף אַ נאָמען "מאָדיאָר" וואָס האָט נאָר איין האַנט. מ'האָט אונז אָנגעוויזן אויף אַ גרויסן צימער וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן.

ווען מיר זענען נאָך געווען ביי די טיר האָט ער אונז באַמערקט און איז באַלד צוגעקומען צו אונז. מיך האָט ער באַלד דערקענט. מיר האָבן אים דערציילט אַז מיר זענען צו אים אָנגעקומען דורך זיין ברודער ר' יצחק זאב ז"ל וועלכער איז באַהאַלטן צוזאַמען מיט אונז אין בונקער. דאָס איז געווען פאַר אים אַ נייעס. מיר האָבן אים געבעטן אַז ער זאָל כסדר אַריין שטופן עפּעס צייטונגען דורך דעם גאַסן טויער, וואָס איז צו די האָטוואָן גאַס און אויך אַז ער זאָל שרייבן. מיר האָבן אים אויך געבעטן אַז ער זאָל אויסאַרבעטן אויף וואָספאַרא אופן מ'זאָל קענען אַריין ברענגען עפּעס עסן אין בונקער. ער האָט צוגעזאָגט אַלעס צו טאָן. ער האָט אמת'דיג געוואָלט העלפן מיט וואָס ער וועט נאָר קענען.

ס'איז שוין געווען בערך 2:00 אַזייגער מיטאָג. מיר האָבן שוין געענדיגט די פאַרבינדונגען וואָס מיר האָבן געוואָלט ערלעדיגן, אָבער מיר האָבן גאַדאַרפט וואַרטן ביז ביינאַכט זיך צוריק צו שווערצן צום בונקער, ווייל ווי פאַרשטענדליך האָט מען בייטאָג ווען ס'איז ליכטיג ניטאַמאָל געקענט טראַכטן דערפון.

ס'איז געווען אַ וואַרעמ'ער זונטאָג אין חודש תמוז. אַלע שקצים האָבן ווי געוויינליך פאַרברענגט זייער טאָג ביים שטראַנד (ביים סווימינג פול). מיר האָבן נישט געקענט אַהין גיין דורכצושטופן דעם טאָג אויס מורא אַז

די שקצים׳לעך וועלן דערקענען אַז מיר זענען אידן, האָט מיין חבר גע׳עצה׳ט אַז מיר זאָלן אַריין גיין אין אַ מאָווי, וואָס דאָרט איז טונקל און מיר זאָלן דאָרט פאַרבלייבן ביז ס׳וועט ווערן נאַכט, ווען מיר וועלן זיך צוריק אַריין שווערצן אין געטאָ און אין בונקער.

״איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען אין אַ מאָווי זאָל איך יעצט גיין?! איך קען נישט גיין!״ האָב איך אַנטשלאָסן געזאָגט. ער האָט זיך צו מיר געבעטן אַז מיר זאָלן יאָ גיין, ווייל ער האָט שוין געהאַט מיטגעמאַכט פאַרשידענע צרות ביים מיליטער, פון וואו ער איז אַנטלאָפן און ער האָט געוואוסט מער פון מיר, אָבער איך האָב בשום אופן נישט געוואָלט גיין אַהין. צום סוף האָבן מיר געקויפט אַן אונגאַרישע צייטונג און געפאָרן אין וואַלד, וואו ס׳איז דאָ אַ פּאַרק מיט בענק און מיר האָבן זיך דאָרט אַראָפּ געזעצט ליינען די צייטונג ביז די נאַכט וועט צופאַלן.

קאַפּיטל ניין אין דרייסיג

מיר ווערן געכאַפּט

מיר זענען געזעסן דאָרט אַפּאָר מינוט און געפילט אַז מיר זענען זייער אויפפאַלנד. 2 יונגע (פאַרשטעלטע) שקצים (להבדיל) שיין אָנגעטאָן זיצן אַזוי סתם און זיי ליינען אַ צייטונג? זיי גייען נישט אויפ׳ן שטראַנד זיך באָדן?

ווי מיר זיצן דאָרט זענען צוגעקומען צו אונז 2 שקצים און האָבן געפרעגט אויב זיי קענען זיך זעצן אויף די באַנק וואו מיר זענען געזעצן. ס׳איז געווען דאָרט פלאַץ, האָבן מיר געזאָגט אַז יא.

זיצענדיג דאָרט אַפּאָר מינוט האָבן מיר געזען ווי זיי וואונקען פאַר אַ פּאָליציאַנט. מיר האָבן זיך נישט געוואָלט פון דאָרט אויפהויבן און גיין ווייטער, ווייל דעמאָלס וואָלט דאָס געווען זייער אויפפאַלענד. פלוצלונג הויבן מיר זיך אויף? וואָס עפּעס? מיר האָבן דאָך נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן. מיר זענען ״געהעריגע״ גוים מיט גוי׳אישע שריפטן...

דער פּאָליציאַנט איז צוגעקומען צו אונז און האָט אונז געפרעגט פון וואו מיר זענען? האָבן מיר געזאָגט אַז מיר זענען פון דאָהי פון דעברעצין. (די 2 שקצים ימ״ש זענען באַלד אַוועק געגאַנגען.) ער האָט געבעטן אונזערע שריפטן און מיר האָבן אים געגעבן פאַרשידענע ערליי שריפטן, אַ דעברעצינער איינמעלד צעטל און אַ לעגיטימאציע צעטל (יונגע אַרבייטער פון 12 יאָר און העכער וואָס טוען זיך מושטירן צום מיליטער דינסט). כאָטש אַלעס האָט געשטימט, זענען מיר אָבער דאָך געווען פאַרדעכטיגט אין זיינע אויגן. ער האָט אונז

געהייסן מיר זאָלן אַריין גיין אין זייער וואַך שטוב, וואָס זיי האָבן אין וואַלד.

מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען אַז דאָרט וועט מען אונז גוט בודק זיין... און מיר וועלן זיך נישט קענען ארויסדרייען, ווייל דאָרט זענען דאָ נאָך אַנדערע פּאָליציי אויך, האָבן מיר אים אַזוי גייענדיג אויסגעזאָגט דעם אמת אַז מיר זענען אידן און מיר וועלן אים געבן 300 פּענגאָס ער זאָל אונז אָפּלאָזן. ער האָט אָבער געזאָגט אַז מיר זאָלן גיין אין וואַך שטוב און דאָרט וועט ער זען.

מיר זענען אַהין געקומען און קיינער איז נישט געווען דאָרט נאָר דער איינער פּאָליציאַנט. מיר האָבן אים ווייטער געבעטן אַז ער זאָל אונז אָפּלאָזן, האָט ער אונז געפרעגט ווי אַזוי מיר זענען אַרויס פון געטאָ. מיר האָבן אים געזאָגט אַז מיר זענען שוין פאַר 3 וואָכן צוריק אַרויס פון געטאָ. מיר זענען צוגעגאַנגען צום וואַך ביים געטאָ טויער און מיר האָבן געגעבן פאַר'ן שומר 300 פּענגאָס און ער האָט אונז אַרויס געלאָזט (דאָ האָבן מיר זיך באַ'נאַר'ישט). דער פּאָליציאַנט האָט געזאָגט אַז ער גלייבט דאָס נישט.

מיר האָבן זיך אָבער געהאַלטן ביי דעם שטאָל און אייזן פעסט מיט אונזער געשיכטע, אַז אַ פּאָליציאַנט האָט אונז אַרויס געלאָזט פאַר געלט. ער האָט אונז געזאָגט אַז אויב מיר האַלטן זיך ביי "דעם" קען ער אונז נישט אַרויס לאָזן. מיר מוזן אים אויסזאָגן דעם "אמת". ער האָט געזאָגט אַז אויב פון ווען ער לאָזט אונז יעצט אַרויס וועלן מיר קענען ביז אַ האַלבע שעה זיין אין רומעניע. וואָלט ער אונז אַרויס געלאָזט, אָבער ער האָט מורא אַז טאָמער וועט אונז שפּעטער אַן אַנדערער

פאָליציאַנט כאַפּן און יענער וועט זיין אַ שלעכטער, וועלן מיר אים זאָגן אַז אַן אַנדערער פאָליציאַנט האָט אונז יאָ אַרויס געלאָזט און מיר וועלן אים פאַר׳מסר׳ן, ממילא קען ער איז נישט אַרויס לאָזן. (דאָס איז געווען אונזער טעות. אויב מיר וואָלטן געזאָגט אַז מיר זענען מיט אַפּאָר וואָכן צוריק אַרויס געקראָכן פון געטא, און מיר מישן נישט אַריין אַ פאָליציאַנט אין די מעשה, וואָלט ער אונז אפשר פריי געלאָזט. - דעם פאָליציאַנט׳ס נומער וואָס ער האָט געהאַט אויף זיין פּאַסיק מיט גרויסע בוכשטאַבן געדענק איך נאָך. דער נומער איז געווען 9833.)

ער האָט אונז געקייטעלט און אונז געפירט מיט דעם לעקטעריש "ווילאמאש" טראמוויי, צום הויפּט פאָליציי סטאַנציע אויף קאשאטה גאַס. מיר זענען געגאַנגען אַ גאַנצן צייט פאָרנט, פאַר׳ן פאָליציאַנט. ווען מיר זענען אַהין אָנגעקומען זענען מיר ווייטער געגאַנגען און זיך נישט אָפּגעשטעלט ביים פאָליציי סטאַנציע. אַזוי ווי איך בין זייער ווייניג געגאַנגען אויף די גאַסן אין דעברעצין איז מיר קיינמאָל נישט אויסגעקומען איך זאָל אַפילו וויסן וואו דער פאָליציי סטאַנציע איז. האָט אונז דער פאָליציאַנט געזאָגט "זעהסט אַז דו ביסט נישט קיין דעברעצינער, ווייל דו ווייסט ניטאַמאָל וואו דער פאָליציי סטאַנציע איז".

ער האָט אונז אַריין געפירט צום פאָליציי הויפּט. מ׳האָט דאָרט אויפגענומען אַ פּראָטאָקאָל פון אונז. (דרך אגב: יעצט ווען איך שרייב דאָס, בין איך אויך אין דעברעצין. מיר זענען געפאָרן אויף קברי אבות און איך פּרוביר צו באַקומען דעם פּראָטאָקאָל פון דעמאָלס.) איך האָב געהאַט ביי מיר אַ גאָלדענע פעדער און אויך 500 פּענגאָס, האָט דאָס דער פאָליציי הויפּט צוגענומען פאַר זיך. מ׳האָט אויסגעליידיגט אונזערע טאַשן און אויך די גוי׳אישע שריפטן. מ׳האָט דאָס אַלעס צוזאַם געבינדן

מיט די תפילין וואָס מיר האָבן געהאַט (מיר האָבן נאָך דעם טאָג נישט געהאַט געלייגט קיין תפילין) און מ׳האָט אונז צו געפירט צום שומר פון תפיסה.

די תפיסה איז געווען אין די זעלבע געביידע. דער פּאָליציאַנט וואָס האָט אונז געכאַפּט האָט געפרעגט דעם הויפּט פון די פּאָליציי אויב ער זאָל צונעמען די פאַלשע גוי׳אישע שריפטן, האָט ער געזאָגט אַז ער זאָל דאָס לאָזן צווישן אונזערע אַנדערע זאַכן, ווייל ס׳קען זיי נאָך אפשר צוניץ קומען.

ווען מיר זענען אָנגעקומען צו די תפיסה איז געווען 5:00 אַזייגער פאַרנאַכט, און דעמאָלס האָט מען אַרויס געפירט די אַלע וואָס זענען געזעסן פון פריער אין די תפיסה אין הויף אויף אַפּאָר מינוט אַביסל אויף די לופט. דער שומר פון די תפיסה איז אויך מיט געגאַנגען, האָבן מיר געוואַרט אַז דער שומר זאָל קומען און צונעמען אונזערע זאַכן.

ביז דערווייל האָב איך אַריינגעכאַפּט און געלייגט תפילין. מיין חבר האָט מיך געבעטן אַז איך זאָל נאָר זאָגן קר״ש און שמ״ע בכדי ער זאָל אויך קענען לייגען תפילין. ער האָט דאָס שוין געהאַט לײדער געטאָן אין מיליטער, אָבער איך האָב דאָס נאָך קיינמאָל נישט געטאָן, האָב איך דאָס נישט געקענט פועל׳ן ביי מיר. איך האָב שנעל אָפּגעדאַווענט ביז נאָך די שמ״ע, אָבער ווען איך האָב אויסגעטאָן די תפילין, איז שוין דער שומר צוריק געקומען און האָט פון אונז צוגענומען אַלע זאַכן און מיין חבר האָט מער נישט געקענט לייגען דעמאָלס קיין תפילין.

נאָכדעם ווי דער שומר האָט אונז איבערגענומען האָט מען אונז אַריין געפירט צו די אַנדערע ארעסטאַנטן אין אַ גרויסן צימער אין קעלער. עס זענען געווען דאָרט האַרטע בענק צום שלאָפן. קודם כל האָב איך געדאַווענט דאָס וואָס איך האָב פאַרפעלט צו דאַווענען אין די תפילין, און דערנאָך האָב איך געוואַרט ס׳זאָל טונקל ווערן אַז מ׳זאָל קענען דאַווענען מנחה ומעריב. נאָך מעריב האָב איך מיך געלייגט שלאָפן אויף די האַרטע באַנק. (מיך האָט דאָס גאָרנישט געשטערט ווייל איך בין זייער אַסאַך געשלאָפן אויף די האַרטע בענק ביי אונז אין ביהמ״ד.)

אַזוי ווי איך בין זייער מיד געווען, פון די פריערדיגע נאַכט אין וועלכע איך בין אַ גאַנצע נאַכט געקראָכן אויף די פלויטן און אַ גאַנצן טאָג האָב איך אויך נישט גערוהט, בין איך באַלד איינגעשלאָפן. פאַרטאָג׳ס ווען ס׳איז נאָך געווען טונקל האָט מיך איינער אויפגעוועקט. איך האָב אים דערקענט אַז ער איז געווען איינער פון די 4 וואָס זענען געווען אויפ׳ן בוידעם, אָבער איך בין געווען אַזוי מיד אַז כ׳האָב נישט געהאַט קיין כח אים צו פרעגן ווי אַזוי ער קומט אַהער.

קאַפּיטל פערציג

דער בונקער ווערט אַנטפּלעקט

צופרי ווען ס׳איז שוין געווען אַביסל ליכטיג האָב איך געזען דורך דעם פענסטער, וואָס איז געווען אין די תפיסה צו די גאַס, אַז מען ברענגט צום תפיסה די אַלע וואָס זענען געווען אין בונקער. מיר האָבן נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי איז דאָס געשען אַז מ׳האָט אַלע געכאַפּט. ווען מ׳האָט זיי אַלע אַריין געברענגט אין אונזער תפיסה האָבן זיי דערציילט, אַז אַזוי ווי אין אונזער הויף איז געווען אַ ביציקל געשעפט, איז פונקט דעם זונטאָג בייטאָג אַריין געקומען אין הויף פון אונטן 2 פּאָליציי און האָבן פון דעם געשעפט גענומען פאַרשידענע חלקים פון ביציקלעך און דאָס צוזאַם געפּאַקט. זיי האָבן דאָס אָנגעגרייט אַז ביינאַכט ווען ס׳וועט זיין טונקל, וועלן זיי דאָס אַוועק טראָגן. ביז דערווייל האָבן זיי דאָס געלייגט אין דעם קעלער, וואו ס׳פלעגן ביינאַכט אַראָפּ קומען די 4 מענטשן וואָס זענען געווען אויפ׳ן בוידעם.

די מענטשן פונ׳ם בוידעם האָבן נישט געהאַט קיין אַהנונג אַז מ׳האָט עפּעס אַראָפּ געלייגט אין קעלער, און ביינאַכט זענען די 4 מענטשן אַראָפּ אין קעלער אַזוי ווי אייביג. אינמיטן די נאַכט זענען געקומען די 2 פּאָליציי נעמען זייער גניבה, האָבן זיי דאָרט געטראָפן די 4 מענטשן. די פּאָליציי האָט זיי באַלד אַוועק גענומען, זיי צו פירן צו די פּאָליציי סטאַנציע.

פאַר איינעם פון די 4 געכאַפּטע, איז געלונגען צו מאַכן פליטה פון אונטער זייערע הענט, און ער האָט זיך

באַהאַלטן צווישן די בוימלעך וואָס איז געווען אין הויף. ס׳איז שוין געווען סוף חודש, די לבנה האָט נישט געשיינט און קיין לעקטער האָט נישט געטאָרט ברענען ביינאַכט, איז געווען זייער פינסטער. זיי האָבן אים נישט געקענט טרעפן. זיי האָבן געשטאָכן מיט זייערע שווערדן צווישן די בוימלעך אָבער זיי האָבן אים נישט געטראָפן. די פּאָליציי האָבן געזאָגט אַז ווען ס׳וועט ליכטיג ווערן וועלן זיי צוריק קומען אים זוכן, ווייל זיי האָבן דאָך אים געהאַט און ער איז פון זייערע הענט נעלם געוואָרן. זיי מוזן אים טרעפן.

למעשה איז דער איד וואָס איז אַנטלאָפן, אַריבער אין הויף פון ביהמ״ד און האָט זיך באַהאַלטן אין די מקוה וואו מען האָט אים שפּעטער געכאַפּט.

ווי אויבן דעמאָנט פלעגן די מענטשן אַרויף קומען פון בונקער פאַרטאָג׳ס, צו גיין אין בית הכסא וואָס איז געווען אין די דירה. יענעם טאָג זענען אָבער די פּאָליציי געקומען אַפיר זוכן דעם פערטן אַנטלאָפענעם, זענען זיי

בילד וואו די פּאָליציי אַנטדעקט אַ בונקער

געקומען באַלד פאַרטאָג׳ס אים זוכן. די מענטשן פון בונקער האָבן נישט געוואוסט פון די גאַנצע מעשה, האָבן זיי נישט געקלערט אַז אַזוי פרי וועלן קומען פּאָליציי אין הויף, איז נאָכנישט געשטאַנען קיין וואַך צו זעהן אויב עמיצער קומט אַריין.

פונקט איז דעמאָלס געווען איינער וואָס האָט נישט געוואָלט קיינמאָל אויס טון די שוך. (ער פלעגט טענה׳ען אַז ער איז אַ מפונק), ער האָט באַמערקט אַ פּאָליציאַנט אינעם הויף, אָבער אָנשטאַט ער זאָל זיך אַראָפּ לייגן אויף דער ערד אַז די פּאָליציי זאל אים נישט זען, (ווייל די דירה איז געווען מיט 6 שטיגן העכער דעם הויף, און סתם אַזוי וואָלט דער פּאָליציי נישט אריינגעקומען אין די אָפּגעזונדערטע דירה) איז ער שנעל געלאָפן צום בונקער טיר. באַלד איז אַן אַנדערער אויך געלאָפן צום בונקער טיר. די פּאָליציי האָבן געהערט עפּעס אַ גערודער אין די דירה זענען זיי אַרויף אויף די שטיגען פון וואו מ׳האָט געקענט אַריין זען אין די דירה און האָבן געזען ווי איינער גייט אַריין אין בונקער. זיי האָבן אויפגעמאַכט די דירה און האָבן נאָך געטראָפן איינעם וואָס האָט געהאַלטן אינמיטן אריינגיין אין בונקער. אַזוי האָבן זיי געכאַפּט דעם גאַנצן בונקער. מ׳האָט זיי אַלע געברענגט אין די תפיסה וואו מיר זענען געווען.

מאָנטאָג זענען מיר אַלע געווען אין די תפיסה אין דעברעצין. מאָנטאָג נאַכט האָט מען אונז געקייטעלט איינעם צום אַנדערן פער צוויי און מ׳האָט אונז געפירט צו די באַן סטאַנציע, כדי אונז צו פירן קיין פּעסט. מיך האָט מען צוגעקייטעלט צו אַ שייגעץ, סתם אַ פאַרברעכער נישט קיין איד. נאָר 2 פּאָליציי האָבן אונז געפירט. ס׳איז געווען זייער טונקל גייענדיג צו די באַן.

מיר האָבן זיך געטראָפן מיט די מענטשן וואָס זענען אָנגעקומען מיט די באַן. ווען מיר וואָלטן נישט געווען געקייטעלט וואָלטן מיר זיך געקענט אויסמישן צווישן די אַנדערע מענטשן. ווען איך וואָלט נישט געווען געקייטעלט צו אַ שייגעץ, וואָלט איך גאַנץ רואיג זיך געקענט אויסמישן צווישן די אַנדערע מענטשן, אָבער מיט אַ שייגעץ האָב איך דאָס נישט געקענט טאָן.

מיר זענען געפאָרן מיט אַ געהעריגע באַן קיין פעסט. מיר האָבן אַלע געהאָפט אַז מ׳זאָל קומען באָמבאַרדירן אַז מיר זאָלן מוזן אַרויס גיין פון די באַן און אַזוי קענען פון דאָרט אַנטלויפן, אָבער די גאַנצע נאַכט איז נישט געווען קיין שום אַלאַרעם. דינסטאָג צופרי זענען מיר אָנגעקומען קיין פעסט, וואו מ׳האָט אונז געפירט אין ״טאָלאָנץ״ תפיסה. דאָרט האָט מען איינגעזאַמעלט די אַלע אידן וואָס מ׳האָט געכאַפּט פון פאַרשידענע פלעצער, וואו זיי האָבן זיך באַהאַלטן.

דאָרט האָב איך מיך געטראָפן מיט ר׳ יצחק לעווי נ״י. ער האָט שוין דעמאָלס געהאַט חתונה געהאַט גאָר יונגערהייט. (ער האָט נאָך נישט געהאַט קיין באָרד.) ער איז געווען אין סאַטמאַרער געטאָ. ער האָט מיר דערציילט אַז ער איז אַנטלאָפן פון געטאָ מיט גוי׳אישע שריפטן און איז געווען אין באניע ביים באַן סטאַנציע. ס׳האָט זיך אים ל״ע געמאַכט אַ מכה אונטער זיין אָרעם, און ס׳האָט אים זייער וויי געטאָן האָט ער אַביסל געקרעכצט. ס׳איז דאָרט פונקט דורך אַן ערל ימש״ו און האָט באַמערקט אַז ער קרעכצט האָט ער אים געפרעגט וואָס ער קרעכצט. קודם האָט ער אים נישט געוואָלט זאָגן אָבער דער ערל האָט

נישט אָפּגעלאָזט, האָט ער אים געזאָגט אַז ער האָט אַ מכה אונטער דעם אָרעם און ס׳טוט אים זייער וויי.

רופט זיך אָן דער ערל, "לאָז מיך דאָס זען". ער האָט נישט געהאַט קיין ברירה און האָט אויפגעקנעפּלט זיין העמד. דער ערל האָט באַמערקט אַז ער האָט אָן אַ טלית קטן, האָט ער געזען אַז ער איז אַ יוד. ער האָט אים באַלד איבער געגעבן פאַר די פּאָליציי און מ׳האָט אים געברענגט קיין פּעסט. (אגב בין איך אויך געווען אין לאַגער מיט ר׳ יצחק׳ן, אין גאָלעשוי. ער איז געווען דער איינציגער וואָס האָט נישט געגעסן אין לאַגער קיין פלייש וואָס מ׳האָט אַמאָל אַריין געלייגט אין די זופּ. ער איז אויך ב״ה באַפרייט געוואָרן. ער איז יעצט איינע פון די חשוב׳סטע בעלי בתים אין קרית יואל - מאָנראָ).

דאָרט אין תפיסה אין טאָלאָנץ, האָב איך געזען אַ איד וואָס פון זיין התנהגות האָב איך געזען אַז ער מוז זיין אַ בנן של קדושים, (קיין באָרד און פּיאות האָט דאָך קיינער נישט געהאַט, ווייל די אַלע וואָס מ׳האָט געכאַפּט האָבן דאָך געהאַט גוי׳אישע שריפטן, דאָך האָט מען געקענט דערקענען פון איינעם׳ס התנהגות ווער ס׳איז אַן אידעלער איד.) האָב איך אים געפרעגט ווער ער איז. ער האָט מיר געזאָגט אַז מען רופט אים ר׳ ברוך׳ל פון ווישעווע, האָב איך שוין געוואוסט אַז ער איז ווישעוועער רב. (אגב מיט אים בין איך אויך געווען צוזאַמען אין לאַגער גאָלעשוי וואו ער איז ל״ע נפטר געוואָרן הי״ד.) אין פּעסט האָט מען אונז געברענגט כשר׳ע עסן פון די קהילה.

קאַפּיטל איין אין פערציג

פון איין גלות צום אַנדערן

אין די תפיסה אין "טאָלאָנץ", האָט מען אונז געהאַלטן עטליכע טעג און דערנאָך האָט מען אונז געפירט קיין "שאַרוואַר". דאָרט האָט מען צוזאַם גענומען אַלע אידן, שיריים, וועלכע האָבן זיך געהאַט באַהאַלטן פון גאַנץ אונגאַרן. עס זענען געווען בערך 1500 נפשות. מען האָט אונז אַלע אַיינגעשפאַרט אין איין גרויסן באַראַק מיט באָנק בעטן.

ס׳זענען געווען דאָרט אַסאַך באַקאַנטע היימישע אידן. מו"ה משה מענדלאוויטש און זיין ברודער הב׳ דוד מענדלאוויטש הי"ד, (ברידער פון הרה"ג לאדאנ׳ער רב ז"ל און מו"ה מנחם מאיר מענדלאוויטש נ"י פון ברוקלין,) זענען אויך דאָרט געווען. זיי האָבן מיך זייער מקרב געווען מיט וואָס זיי האָבן נאָר געקענט. זונטאָג, תשעה באב, וואָס איז דעמאָלס געווען אַ נדחה, האָבן זיי מיר געגעבן שבת ביי שלש סעודות צום פאַרפאַסטן 2 רעפטלעך פוטער ברויט, וואָס איז געווען זייער געשמאַק. ס׳איז דאָך כמעט גאָרנישט געווען צו עסן, מען האָט ממש געהונגערט, איז דאָס ברויט געווען מחי׳ נפשות.

אגב: ר׳ משה הי"ד האָט מיר דערציילט אַ מעשה פון זיין פאָטער ז"ל. זיין פאָטער האָט חתונה געהאַט קיין זענטא און איז געבליבן דאָרט וואוינען. אין יענע צייט איז דער זיידע ר׳ ישעי׳לע געווען אויף שבת אין זענטא און כנהוג האָט מען אָנגעגרייט פאַר׳ן זיידן גרויסע חלות לכבוד שבת. ווען דער זיידע האָט נאָך קידוש, פרייטאָג

צונאַכטס, אָנגעהויבן די חלה, איז זיין פאָטער געשטאַנען אויף דער זייט און האָט געשמייכלט. נאָך די המוציא האָט אים דער זיידע ר' ישעי'לע געפרעגט, "פאַרוואָס האָסטו געשמייכלט, ווייל דו האָסט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ גרויסע חלה?! פאַרוואָס האָסטו נישט געקוקט וואָספאַראַ שאַרף מעסער איך האָב אַז עס פאַלט נישט פון די חלה קיין איין ברעקעלע". (ס'איז ידוע אַז די ברעקעלעך זענען מרמז אויף פאַרשידענע פגמים, וועגן דעם קלויבט מען צוזאַמען די ברעקעלעך פון די המוציא און מ'עסט דאָס אויף. דער זיידע האָט אים געוואָלט מרמז זיין אַז פון אים פאַלט נישט קיין ברעקעלעך וד"ל.)

אגב וויל איך צוברענגן נאָך אַ מעשה, וואָס איך האָב געהערט פון ר' אהרן פאללאק ז"ל סת"ם. ער און זיינע עלטערן האָבן געוואוינט אין זענטא פאַר די ערשטע וועלט מלחמה אין יאָר תרע"ד. זיין זיידע'ס פרנסה איז געווען, ווי מ'פלעגט דאָס צו רופן, "מאַרקן פאָרער". ער האָט אָנגעפאַקט אַ וואָגן מיט פאַרשידענע סחורות און פלעגט אַוועק פאָרן יעדן מוצש"ק. ער איז אַרום געפאָרן אין יעדן שטעטל וואו ס'איז געווען מאַרק טאָג, און דאָרט פאַרקויפט זיינע סחורות און אויף שבת פלעגט ער אַהיים קומען.

א גאַנצע וואָך האָט ער נישט געגעסן קיין וואַרימע געקעכטס נאָר קאַלטע עסן, ווייל ער איז געווען אַ חסיד'ישער איד און האָט נישט געגעסן כאָטש וואו. צוליב דעם וואָס ער האָט נישט

געהעריג געגעסן, פלעגט ער ל״ע שטאַרקליידן אויפ׳ן מאָגן.

אויף ימים נוראים, פלעגט ער יעדעס יאָר פאָרן קיין סיגעט, צום עצי חיים זצ״ל. אין דעם יאָר תרע״ד, ווען ס׳האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט מלחמה, איז כמעט יעדער אַנטלאָפן פון זייער היים. אויך דער עצי חיים זצ״ל איז אַוועק געפאָרן פון סיגעט, און קיינער האָט נישט געוואוסט וואו.

אַזוי ווי ער האָט נישט געוואוסט וואו דער עצי חיים זצ״ל איז, האָט ער זיך באַקלערט און געפאָרן קיין ראַצפערט צו ר׳ שלום אליעזר׳ל הי״ד, דער שווער פון עצי חיים. ער האָט געטראַכט אַז דאָרט וועט ער אפשר געוואָר ווערן וואו דער עצי חיים איז, און ער וועט קענען אַהין פאָרן אויף יו״כ. אָבער אַזוי ווי דאָרט האָט מען אויך נישט געוואוסט וואו דער עצי חיים איז, איז ער געפאָרן אויף יוה״כ קיין קערעסטיר.

ער איז געווען געוואוינט צו זען אין סיגעט אַ גרויסע עבודה אין די הייליגע טעג, דאָס דאַווענען, די דרשות, תקיעת שופר, אַלעס מיט גרויס התלהבות. דאָ אין קערעסטיר, זעט ער יו״כ צופרי אין ביהמ״ד ווי דער זיידע ר׳ ישעי׳לע זאָגט ברכת התורה און בשעת מעשה פאַררעכט ער די טישטוכער אויפ׳ן טיש. און די פענסטער, וכדומה. ״צו אַזאַ רבי׳ן האָב איך געדאַרפט קומען קיין קערעסטיר?״ האָט ער געקלערט, ״נאָר וואָס קען איך

טאָן? מ'קען דאָך יעצט נישט אַוועק פאָרן. ס'איז דאָך יו"כ." אַ גאַנצן טאָג האָט אים געשטערט דער געדאַנק פאַרוואָס ער איז אַהער געקומען קיין קערעסטיר.

מוצאי יו"כ האָט מען געגעבן צו עסן פאַר'ן גאַנצן עולם וואָס איז דאָרט געווען. ר' ישעי'לע זי"ע פלעגט אַליין אויסטיילן דאָס עסן פאַר'ן עולם. ר' ישעי'לע האָט אויסגעטיילט אַ קנאָבל-באָרשט. (פאַר די וואָס ליידן אויפן מאָגן ל"ע איז דאָס זייער נישט גוט און נישט געזונט). ווען ער איז צוגעקומען צו דעם איד און אים אָנגעפולט אַ גאַנצן טעלער פונם באָרשט, האָט דער איד געשמייכלט און נישט געוואָלט עסן דערפון.

דער זיידע ר' ישעי'לע זי"ע איז געבליבן שטיין נעבן אים, און ער האָט געמוזט אויפעסן דעם טעלער באָרשט. ווען די טעלער איז שוין געווען ליידיג, זאָגט דער זיידע צו אים, "זענטער איד! איך זעה אַז איר קענט יאָ עסן. עסט אויף נאָך אַ טעלער באָרשט!" און דער זיידע האָט אָנגעגאָסן נאָך א טעלער, וואָס ער האָט געמוזט אויפעסן. דער זיידע האָט זיך דערנאָך אָנגערופן צו אים, "זענטער איד, איהר ווערט זען אַז ס'וועט זיך אייך יאָ האָבן געלוינט צו קומען קיין קערעסטיר". פון דעמאָלס אָן און ווייטער האָט ער נישט געוואוסט מער פון מאָגן ווייטאָג. ער האָט געקענט אַלעס עסן, קאַלטס און וואַרעמס און נישט געפילט מער קיין שום ווייטאָג זי"ע.

אין שאַרוואַר, האָט מען גענומען די אַרבעטס-פעהיגע מענטשן צו אַרבעטן ביי פעלד אַרבעט. איך האָב אויך געמוזט אַרבעטען אויפ׳ן פעלד.

אידן ביי צוואַנגס אַרבייט אין די ארבייט׳ס לאַגערן

ס׳איז אַזוי הייס געווען אַז מיר האָבן זיך אויסגעטאָן די אויבער קליידער און אויך דאָס העמד. די זון האָט געברענט און דער גאַנצער רוקן איז מיר געוואָרן רויט ווי פייער אַז ס׳האָט זיך אָפּגעשיילט די הויט. איך האָב געמוזט ווייטער גיין דעם אַנדערן טאָג אויך אַרבעטן, אָבער איך האָב שוין נישט אויסגעטאָן מיין העמד. אינמיטן אַרבעטן בין איך אַריין געפאַלן אין אַ וואַסער. איך בין אינגאַנצן נאַס געוואָרן און איך האָב געמוזט אויסטאָן מיין העמד ס׳זאָל זיך אויסטרוקענען. די זון איז זייער שטאַרק געווען און איך בין אויך נאַס געווען האָט זיך מיין רוקן נאָכמער אָפּגעברענט. איך האָב געהאַט שמערצליכע יסורים.

קאַפּיטל צוויי און פערציג

די דעפּאָרטירונג

אין שאַרוואַר זענען מיר געבליבן ביז ערש״ק פרשת ואתחנן ט״ו מנחם אב. אין יענעם ביטערן טאָג איז פלוצלונג דער לאַגער באַפאַלן געוואָרן דורך אַ מחנה מלאכי חבלה, עס. עס. לייט ימש״ו. זיי האָבן באַפוילן אַז יעדער זאָל אַרויס גיין פון די באַראַקן און זיך מיטנעמען די זאַכן, ווייל מ׳גייט יעדן אַוועק פירן. (וואו אַהין האָט מען אונז פאַרשטייט זיך נישט געזאָגט.) מיר האָבן נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי זיי ווילן אונז פירן, ווייל דעמאָלס האָט מען דאָך שוין געהאַט אויפגעהערט צו דעפּאָרטירן פון אונגאַרן.

מיר האָבן געוואוסט, אַז לײדער זענען שוין אַלע שטעט און דערפער פון גאַנץ אונגאַרן דעפּאָרטירט געוואָרן אין חודש אייר-סיון. די לעצטע דעפּאָרטאַציע איז געווען אין תמוז פון דעברעצין. נאָר אין פּעסט זענען איבער געבליבן אידן, פון וואו מ׳האָט נישט דעפּאָרטירט. מיר האָבן זייער געהאָפט אַז מיר אַלע וואָס זענען געבליבן אין שאַרוואַר וועלן שוין אויך נישט דעפּאָרטירט ווערן, און דערפאַר האָבן מיר נישט געקענט פאַרשטיין וואו זיי ווילן אונז פירן.

לײדער אָבער, איז אונזער טראַנספּאָרט געווען דער לעצטער טראַנספּאָרט וואָס די עס. עס. ימש״ו האָבן פאַרכאַפּט, און מ׳האָט אונז אויך אַוועק געפירט, אַזוי ווי אַלע אונגאַרישע אידן. (עטליכע מענטשן האָבן זיך פּרובירט צו באַהאַלטן אויף פאַרשידענע פּלעצער, מ׳האָט אָבער איבערגעזיפּט דעם גאַנצן לאַגער און מ׳האָט כמעט יעדן באַלד געטראָפן. פאַר הרב ר׳ מיכל ניימאַן שליט״א איז ב״ה יאָ געלונגען צו

בלייבן באַהאַלטן. ער האָט זיך באַהאַלטן און אריינגעשטופט אין די קאַנאַליזאַציע (סאוע"ר פיי"פ). דאָס האָט ער מיר דערציילט שוין נאָך די באַפרייאונג).

אידן מאַרשירן אַרויס פון שטאָט אין באַגלייטונג פון די דייטשע עס. לייט

מען האָט אונז אַרויס געשטעלט אויפן הויף. און אויסגערופן, אַז אַלע אויסלענדישע בירגער זאָלן זיך מעלדן. אַסאַך האָבן זיך געמאָלדן, איך אויך, ווייל מ'האָט געקלערט אַז אפשר וועט מען די אויסלענדישע נישט דעפּאָרטירן, אָבער מ'האָט כמעט קיינעם נישט אַרויס גענומען פון דעם טראַנספּאָרט. פרייטאָג נאָכמיטאָג האָט מען אונז אַלע, יונגע, אַלטע, מענער, פרויען און קראַנקע, - געפירט מיט אַן עס. וואַך צו די באַן סטאַנציע. מ'האָט אונז אַלע אַריינגעשטעלט אין בהמה וואַגאָנען. 90-100 נפשות אין אַ וואַגאָן, אָן קיין עסן און אָן קיין וואַסער. יעדער האָט נאָר געהאַט דאָס וואָס ער האָט גענומען מיט זיך.

דעם גאַנצן שבת׳דיגן טאָג איז מען געפאָרן, באַגלייט דורך אונגאַרישע סאָלדאַטן. מוצאי שבת איז מען דורכגעפאָרן אַ סטאַנציע אין אונגאַרן, (איך געדענק נישט

באַן גלייזן ווי די באַנען האָבן געפירט די אידן אויף זייער לעצטן וועג הי"ד

דעם נאָמען פון די שטאָט,) וואו מ׳האָט געגעבן ערלויבעניש פאַר עטליכע פון אונז אַראָפּ צו גיין מיט וואַך, פון די באַן, צו אַ ברינע, צו ברענגען וואַסער פאַר אַלע אידן אויף די וואַגאָנען. איך בין אויך אַראָפּ געגאַנגען. איינער האָט געהאַט אַ האַנט זייגער, האָב איך געהערט אויפן וועג ווי אַן אונגאַרישער פּאָליציאַנט בעט פון אים זיין האַנט זייגער, זאָגנדיג, "וואו אַהין מ׳פירט ענק וועט מען דאָך פון דיר סיי ווי אַלעס צו נעמען". זעט אויס אַז די אונגאַרישע פּאָליציי האָבן געוואוסט וואו אַהין מ׳פירט אונז.

מאָנטאָג צופרי, ח״י מנחם אב פאַרטאָג׳ס, זענען מיר אָנגעקומען צו אַ סטאַנציע וואו ס׳איז געווען מערערע באַן גלייזן (שינעס). מ׳האָט אונז געלאָזט וואַרטן אַ



מען שטייגט איין אין די וואַגאָנען צום אַוועק פירן רח״ל

שטיקל צייט, ביז מ׳האָט ענדליך אויפגעמאַכט די טירן פון די וואַגאָנען. מיר האָבן געזען דאָרטן מענער, מיט געשטרייפטע קליידער, זיך אַרום דרייען נעבן די וואַגאָנען. זיי האָבן געהייסן יעדן איינעם, שנעל אַרויסגיין און זיך שטעלן אין אַ שורה. ״לויס! לויס!״ האָבן זיי געשריגן, ד.ה. שנעל! שנעל! פון איין זייט

האָבן מיר געזען באַראַקן, אַרומגענומען מיט עלעקטרישע דראָטן. ס׳איז נישט געווען קיין צייט מ׳זאָל קענען אָבזערווירן וואָס עס גייט פאָר, נאָר מיר האָבן זיך געמוזט יאָגן שנעל, שנעל, צו שטעלן אין אַ רייע און מאַרשירן פאָראויס.

ביים שפּיץ איז געשטאַנען דער ימ״ש׳ניק, דר. מענגעלע שם רשעים ירקב, און האָט געוויזן מיט אַ שטעקעלע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיין פאַרשאָלטענע האַנט. ״דו גיי רעכטס, און דו גיי לינקס.״

טויער ארײַנגאַנג קיין אוישוויץ

(די אַלע וואָס זענען געווען מיט אונז אין בונקער זענען געגאַנגען אויף די רעכטע זייט, אויסער הרב ר׳ דוד ט״ב׳ס 9 יעריג יונגל, אָבער לײדער צום סוף זענען נישט אַלע פון די 14 געבליבן לעבן נאָך די מלחמה נאָר 6, - הרב ר׳ אהרן טייטלבוים זצ״ל, זיין זון הרבני מו״ה לייבוש ט״ב נ״י, הרב ר׳ יצחק זאב מייער ז״ל, הרב ר׳ יחיאל מיכל ניימאן שליט״א, המו״ל, און די רבנית מרת מלכה רייזל הורוויץ ע״ה).

בעפאָר מיר, איז געגאַנגען ה״ב צבי אלימלך שפּירא הי״ד, אַ זון פון קיוויאשד׳ער רב זצ״ל (וואָס האָט לעצטנס געוואוינט אין ברוקלין). ער האָט געהאַט אויפן קאָפּ, אויף אַ טייל פלעצער, אויסגעקראָכנע האָר. קודם האָט ער אים געהייסן גיין לינקס און דערנאָך האָט ער געטוישט זיין

מיינונג און אים צוריק גערופן און געהייסן גיין אויף רעכטס. אָבער ליידער איז ער אויך שפּעטער ל״ע אומגעקומען הי״ד. מיך האָט ער געשיקט אויף די רעכטע זייט. (אגב וויל איך באַמערקן, אַז די רעכטע זייט אָדער די לינקע זייט, מיינט די רעכטע זייט פון דעם ימ״ש׳ניק און די לינקע זייט מיינט מען אויך פון די לינקע זייט פון דעם ימ״ש׳ניק, נישט די רעכטע אָדער די לינקע פון די קדושים).

ווען מ׳איז פאַרטיג געוואָרן מיט די סעלעקציע, האָט מען אַלע פון די רעכטע זייט, געהייסן גיין אַ היפּש לאַנגע וועג צופיס, ביז צו אַ באָד. דאָרט, האָט מען יעדן אַריין געפירט אין אַ גרויסן ליידיגן באַראַק, און געהייסן אַלעס אויסטאָן, און איבערלאָזן דאָרט אין דעם גרויסן באַראַק אַלע זאַכן וואָס מ׳האָט געהאַט. מ׳האָט נאָר געמעגט מיטנעמען די שיך און אַ פּאַסיק אָדער הויזן טרעגער.

ווער ס׳האָט געהאַט גוטע אָדער שיינע שיך, האָט מען דאָס אויך צוגענומען. (צוליב צוויי סיבות, קודם כל האָבן די דייטשן ימ״ש דאָס גענומען פאַר זיך צו נוצן, און אויסער דעם האָבן זיי די גוטע שיך אויפגעשניטן אפשר איז דאָ באַהאַלטן דאָרט געלט, צירונג וכדומה.) פאַר די אַלע וואָס מ׳האָט צוגענומען זייערע שיך, האָט מען געגעבן אַן אַנדערע פּאָר שיך געמאַכט פון איין שטיק האָלץ. זיי האָבן בכלל נישט געקוקט וואָספאַראַ מאָס די שיך איז, צו דער מענטש קען גיין דערמיט צו נישט. די האָלצענע שיך פאַר זיך איז געווען אַן אָפּקומעניש צו גיין דערין, ווייל זיי בייגן זיך גאָרנישט און אודאי אויב ס׳איז נישט געווען די ריכטיגע מאָס.

אַזוי, אינגאַנצן אויסגעטאָן, האָט מען געמוזט אריינגיין אין אַן אַנדערע שטוב, וואָס איז געווען

געמאַכט דאָרט צו נעמען אַ שויער. די עס. עס. אַליין, האָבן קודם יעדן אָפּגעשוירן אַלע האָר וואָס מ׳האָט געהאַט און דערנאָך האָט מען גענומען אַ שויער.

פון דאָרט איז מען געגאַנגען צו אַ דריטע שטוב, וואו מ׳האָט פאַר יעדן געגעבן אָנצוטאָן געשטרייפטע הויזן, אַ העמד, אַ געשטרייפטע רעקל און אַ "מיטצע" קאַפּל. איך האָב אין מיין הויזנטרעגער באַהאַלטן 20 אונגאַרישע פּענגאָס, אונטער דאָס אייזנדל מיט וואָס מ׳מאַכט דעם הויזנטרעגער קלענער און גרעסער, אַזוי אַז מ׳האָט נישט געקענט באַמערקן אַז עפּעס איז דאָרט באַהאַלטן.

אָנגעטאָן אין די נייע העפטלינג קליידער, מיט אָפּגעשוירענע האָר, האָט קיינער נישט דערקענט דעם אַנדערן. איבערהויפּט די מיידלעך און פרויען וואָס זענען געבליבן אָן אַ קאַפּל אָדער אַ טיכל זענען נישט געווען צום דערקענען.

נאָכן אָנטאָן האָט מען אונז געפירט אין אַן אַנדערן באַראַק. דאָרט האָט מען שוין צוטיילט די מענער פון די פרויען. די מענער האָט מען געפירט אין אַ בלאָק, וואו

דער עלעקטריק צוים וואס האט ארומגענומען די לאגערן

עס איז געווען בלויז מענער און די פרויען האָט מען געפירט אין אַ בלאָק, וואו עס איז געווען בלויז פרויען. צווישן די מענער בלאָקן און די פרויען בלאָקן, איז געווען אָפּגעטיילט מיט עלעקטרישע דראָטן. מ׳האָט נישט געקענט צוקומען פון די מענער זייט צו די פרויען זייט אָדער פאַרקערט.

פאַר׳ן אַריין גיין אין בלאָק, האָט אַ קאַפּאָ אויסגערופן, ״אויב איינער האָט עפּעס ווערט זאַכן אָדער געלט וואָס איז אים געלונגען דורך צו שווערצן ביז אַהער, זאָל ער דאָס אַרויסלייגן נאָך איידער מ׳גייט אַריין אין בלאָק, ווייל אין בלאָק וועט מען יעדן עקסטער זייער גוט באַזוכן. ביי וועמען מ׳וועט טרעפן עפּעס אַ זאַך וועט זיין אחת דתו להמית.״ ס׳זענען נאָך געווען איינצעלנע וואָס ס׳איז זיי געלונגען עפּעס דורכצושווערצן און זיי האָבן דאָס דאָרט אַרויסגעגעבן איידער מ׳איז אַריין אין באַראַק. איך האָב די 20 פּענגאָס נישט אַהין געגעבן, און מ׳האָט דאָס נישט געטראָפן ביי מיר. (ווי אַזוי די באַראַקן האָבן אויסגעזען וועל איך נישט באַשרייבן, ווייל דאָס איז שוין זייער אַסאַך באַשריבן געוואָרן.)

איך האָב געטראָפן אין באַראַק, הרב ר׳ מענדעלע היימליך (ר׳ מענדעל׳ע קאָראַדער) הי״ד, און נאָך זייער אַסאַך היימישע באַקאַנטע מענטשן וועלכע זענען שוין געווען דאָרט פון פריער. די אַלע זענען שוין געווען אויסגעהונגערט, הויט און ביינער, פון דאָס ביסל עסן וואָס מ׳האָט דאָרט געגעבן.

דעם ערשטן טאָג ווען מ׳האָט אונז געגעבן צו עסן, האָבן מיר דאָס נישט געקענט עסן. בלויז פונ׳ם אָנקוקן דאָס עסן אַליין איז אונז פאַרגאַנגען דער אַפּעטיט. נאָך

אַפּאָר טעג האָט מען שוין נישט געקוקט וואָספאַראַ עסן אָדער אין וואָס פאַר אַ כלי מ׳גיט, נאָר מ׳האָט געוואָלט האָבן וואָס מער. אַ גאַנצן טאָג האָט מען נאָר גערעדט אָדער געטראַכט פון עסן.

ווען מ׳איז אַריינגעקומען אין באַראַק צום ערשטן מאָל, האָט יעדער באַקומען אַ כלי אין וועלכן ער האָט יעדן טאָג באַקומען זיין עסן. יעדער האָט באַקומען אַן אַנדערע מין כלי, איינער אַ טאָפּ, איינער אַ ראַנדל (א רינדעכיגע טאָפּ אין וואָס מ׳פרעגעלט), איינער אַ נאַכט געשיר, וכדומה. דאָס איז געווען די איינציגסטע פאַרמעגן וואָס מ׳האָט דאָרט פאַרמאָגט. (די כלים האָט מען צוגענומען פון די מענטשן ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין אוישוויץ.)

ווען מ׳האָט געברענגט דאָס עסן אין אַ גרויסן קעסל, האָט זיך יעדער געשטעלט אין אַ רייע. מ׳האָט געטיילט פאַר יעדן אין די כלי וואָס ער האָט געהאַט. די "שיינע" כלים (דישעס) אַליין האָבן אויך נישט צוגעהאָלפן צום אַפּעטיט, אָבער די מאַנגל פון עסן האָט צוגעברענגט מ׳זאָל זיך רייסן דערויף.

קאַפּיטל דריי און פערציג

די אַרבעט אין לאַגער

פון יעדע נייע טראַנספּאָרט וואָס איז אָנגעקומען, האָט מען תיכף אַוועק גענומען מענטשן אויף אַנדערע פּלעצער אַרבעטן. מען פלעגט קומען קיין אוישוויץ אויסקלויבן פעהיגע אַרבייטערס, סיי פון די פאַבריקן וועלכע האָבן געאַרבייט און צוגעהאָלפן פאַר די דייטשע מלחמה מאַשין, און סיי פון פאַרשידענע אַנדערע דייטשע פּריוואַטע פאַבריקן וואָס האָבן געדאַרפט האָבן אַרבייטער.

זעלבסט פאַרשטענדליך, אַז מ׳האָט נאָר געזוכט אַזעלכע אַרבייטער וואָס האָבן אויס געקוקט אַביסל מענטשליך, נישט קיין מאָזלמענער (אַזוי האָט מען גערופן דאַרע שוואַכע מענטשן), און דערפאַר האָט מען נאָר גענומען ארבייטער פון די נייע טראַנספּאָרטן, וועלכע זענען נאָך נישט געווען אַזוי אויסגעהונגערט.

אַזוי ווי אונזער טראַנספּאָרט איז געווען ניי, פריש געקומען פון אונגאַרן מאָנטאָג, איז פרייטאָג אָנגעקומען אַ קאָמיסיע פון לאַגער ״גאָלעשוי״, וואָס איז אין אויבער-שלעזיען 56 קילאָ-מעטער פון אוישוויץ. זיי האָבן געדאַרפט האָבן 150 מענטשן, וואָס זאָלן ערפילן דעם פּלאַץ פון די אַנדערע מענטשן וואָס זענען דאָרט געפאַלן ווי פליגן פון די שווערע אַרבעט. מ׳האָט מיך אויך אויסגעקליבן צווישן די 150.

(איך וועל פּרובירן אַביסל צו באַשרייבן ווי אַזוי דער לאַגער גאָלעשוי האָט אויסגעזען, און וואָס פאַר אַן אַרבעט מען האָט דאָרט געטאָן.)

דער לאַגער גאָלעשוי האָט באַלאַנגט צו אוישוויץ און פון דאָרט האָט מען געברענגט יעדע פּאָר טאָג צו עסן פאַר אונז. אויסער די זאַכן וואָס מ׳האָט געדאַרפט קאָכן פריש, האָט מען געקאָכט אין לאַגער.

אין גאָלעשוי איז געווען אַ צעמענט פאַבריק. בערך 5 ק״מ ווייט פון׳ם לאַגער זענען געווען הויכע שטיינער׳נע בערג, פון וואָס מ׳האָט געמאַכט די צעמענט. דער לאַגער אַליין איז געווען אַ געהעריגע 2 שטאָקיגע בילדינג. עס האָבן דאָרט געאַרבעט בערך 950 מענטשן (ווען מ׳האָט געוואָלט באַשטראָפן איינעם אין אוישוויץ האָט מען אים געשיקט קיין גאָלעשוי). ס׳זענען געווען דאָרט עטליכע קאָמאַנדאָס. (פאַרשידענע ערליי אַרבייט, יעדע סאָרט אַרבעט האָט געהייסן אַ ״קאָמאַנדאָ״,) די וואָס האָבן געאַרבעט ביי די בערג האָט געהייסן קאָמאַנדאָ ״שטיין-ברוך״.

אין ״שטיינברוך״ אַליין איז געווען 4 קאָמאַנדאָס. מען האָט געבויערט טיפע לעכער אין די בערג. מען האָט אויפגעשאָסן די בערג מיט דינאַמיט, וואָס מ׳האָט אריינגעלייגט אין די לעכער און גרויסע און קליינע שטיינער זענען אַראָפּגעפאַלן פון באַרג. אונטן ביים באַרג זענען געווען באַן גלייזן (שינע״ס), וואו ס׳איז צו געקומען אַ לאָקאָמאָטיוו (א באַן וואָס פאָרט אויף קוילן), מיט קליינע אָפענע וואַגאָנען.

צו יעדן וואַגאָן זענען צוגעטיילט געוואָרן 2 מענטשן. יעדער האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ נומער וואַגאָן ס׳געהער צו אים, און יעדע 2 מענטשן האָבן געמוזט אָנפולן אַ וואַגאָן מיט די שטיינער וואָס זענען אַראָפּ געפאַלן פון באַרג. די גרויסע שטיינער האָט מען

געמוזט צו קלאַפּן מיט אַ גרויסן שווערן האַמער אויף קליינע שטיקלעך, און דערנאָך האָט מען דאָס אַריין געוואָרפן אין וואַגאָן מיט שאָוולען.

יעדע אַנדערטהאַלבן שעה האָבן די 2 מענטשן געמוזט אָנפולן אַ וואַגאָן. דערנאָך האָט מען אַוועק געפירט די אַלע פולע וואַגאָנען, און אין 15 מינוט איז שוין געווען דאָרט פרישע וואַגאָנען אָנצופילן. יעדע 2 מענטשן האָבן געדאַרפט אָנפולן יעדן טאָג 5 וואַגאָנען.

ס'איז געווען איינגעטיילט אין 2 שיפטן. יעדע שיפט האָט געאַרבעט 12 שעה. די ערשטע שיפט איז אַרויס פון לאַגער אום 2:00 אַזייגער פאַרטאָג'ס און געאַרבעט ביז די אַנדערע קאָמאַנדאָ איז אָנגעקומען אום 2 אַזייגער נאָכמיטאָג. די אַרבעט אין דעם קאָמאַנדאָ איז אָנגעגאַנגען פיר אין צוואָנציג שעה אין טאָג. ס'זענען געווען גרויסע רעפלעקטאָרן וועלכע האָבן באַלויכטן דעם גאַנצן געגנט במשך פון אַ גאַנצע נאַכט. יעדע וואָך האָבן זיך די קאָמאַנדאָס געטוישט. ווער ס'האָט געאַרבעט איין וואָך פאַרטאָגס, האָט די אַנדערע וואָך געאַרבעט נאָכמיטאָג.

מיט יעדע קאָמאַנדאָ איז מיט געגאַנגען אַ דאָקטאָר, (אויך אַ העפטלינג) ווייל ביי די שטיינברוך קאָמאַנדאָס זענען ליידער געווען אַסאַך עקסידענט"ס. עס זענען געווען שטיינער וואָס זענען לויז געוואָרן ביים עקספּלאָדירן און זענען נישט באַלד אַראָפּגעפאַלן, און שפּעטער אינמיטן אָנלאָדענען די וואַגאָנען פלעגן אַראָפּפאַלן די גרויסע שטיינער (ווייל די וואַגאָנען זענען געשטאַנען אונטן פון די בערג), און געשעדיגט אָדער גע'הרג'ט זייער אַסאַך מענטשן ל"ע.

צוליב דעם טאַקע האָט אין די שטיינברוך קאָמאַנדאָס אַלץ אויסגעפּעלט פרישע מענטשן משלים צו זיין די פאַרוואונדעטע.

נאָך אַ קאָמאַנדאָ איז געווען וואָס האָט געהייסן "זייל-באַן". די ימ"ש'ניקעס האָבן געוואָלט מאַכן אַ זייל-באַן (אַ טשע"ר-ליפ"ט), אַז מ'זאָל נישט דאַרפן פירן די שטיינער מיט אַ באַן צו די פאַבריק, נאָר מ'זאָל דאָס פירן פון די שטיין-גראָבן גראָד אין די צימענט פאַבריק מיט די זייל באַן (טשע"ר-ליפ"ט). דאָס איז אַסאַך שנעלער און אַסאַך ביליגער.

אויך איז געווען איין קאָמאַנדאָ וואָס האָט געאַרבעט אויף די ביימער. כדי צו בויען צווישן די בערג דעם זייל-באַן, האָט מען קודם געדאַרפט אויסהאַקן די ביימער וואָס זענען געווען אין דעם שטח. די אינזשענירן האָבן אָנגעוויזן וואו מען זאָל אויסהאַקן די ביימער אַז עס זאָל נישט שטערן דעם זייל-באַן.

דאָס איז געווען אַ ביטער שווערע אַרבעט. סיי דאָס אויסהאַקן די ביימער און סיי דאָס אַוועק פירן די ביימער, זיי זאָלן נישט שטיין אין וועג. די ביימער זענען געווען זייער גרויסע, און מען האָט געדאַרפט זייער אַכט געבן מ'זאָל נישט געשעדיגט ווערן פון די ביימער, וועלכע זענען געפאַלן נאָכן אָפּזעגן. 2 מענטשן האָבן געמוזט שלעפּן דעם שווערן בוים אַ לאַנגען מהלך. זעלבסט פאַרשטענדליך, אַז די אַלע אַרבעטן זענען געטאָן געוואָרן, אונטער די אינזשענירן פון די פאַרשאָלטענע עס. עס. און אויך עטליכע קאַפּאָס. די קאָמאַנדאָ האָט

נאָר געאַרבעט בייטאָג פון ווען ס׳איז לעכטיג געוואָרן ביז ביינאַכט.

אַן אַנדערע קאָמאַנדאָ האָט געהייסן דייל-באַן 2. זיי האָבן געדאַרפט בויען שווערע אייזענע-שטאָלענע שטאַנגען און דאָס באַפעסטיגן אין דער ערד, כדי צו קענען אויפהענגען דעם דייל-באַן איבער די לופט. מען האָט געדאַרפט גראָבן טיפע גריבער און דאָס אָנפולן מיט צימענט, אַז די שטאַנגען זאָלן זיך האַלטן. דעם צימענט וואָס האָט אויסגעפעלט אָנצופילן די גריבער, האָבן די אַרבעטער געמוזט שלעפּן אויף די פּלייצעס, ווייל די טראָקס האָבן נישט געקענט פאָרן אויף די בערג. מען האָט אָנגעלאָדנט אַ טראָק מיט 50 קילאָ׳דיגע זעק (אַרום 110 פונט) און דער טראָק איז צו געפאָרן ביז וואו ער האָט געקענט. פון דאָרט און ווייטער האָט יעדער העפטלינג עטליכע מאָל אַ טאָג, געמוזט אַליין טראָגן אַ זאַק פון 50 קילאָ, עטליכע קילאָ-מעטער, ביז צום פּלאַץ וואו ס׳האָט זיך פאַרלאַנגט. די קאָמאַנדאָ האָט אויך נאָר געאַרבעט בייטאָג.

נאָך אַ קאָמאַנדאָ וואָס האָט געאַרבעט אינ׳ם צימענט פאַבריק, האָט געהייסן ״קאָלע״. ס׳איז דאָך געווען אַ צימענט פאַבריק, וואו מ׳האָט געמאַכט צימענט פון די שטיינער און דאָס האָט פאַרניצט אַסאַך ענערגיע. מען האָט דאָס געדאַרפט כסדר אָנהייצן. מען האָט כמעט יעדן טאָג געברענגט קוילן צו הייצן די פאַבריק. מ׳האָט דאָס געדאַרפט אויס לאָדענען פון די וואַגאָנען און אַריינטראָגן אין דעם פאַבריק. די קאָמאַנדאָ האָט געאַרבעט נאָר אין לאַגער. זיי זענען נישט אַרויס געגאַנגען פון לאַגער צו אַנדערע אַרבעט. די קאָמאַנדאָ

האָט געהייסן פון די גרינגסטע אַרבעט פאַר די העפטלינגען.

נאָך אַ קאָמאַנדאָ איז געווען וואָס האָט געאַרבעט אין די צימענט פאַבריק אַליין, אָנצולאָדענען דעם צימענט אין זעק און אַריינלייגן די זעק אין וואַגאָנען.

עס זענען געווען נאָך פאַרשידענע אַרבעטן אין דעם לאַגער, ביי די לאָנדרי, ביי די קאָך, (אָנגרייטן דאָס עסן, שיילן פּאָטעטאָס,) רייניגען דעם באַראַק א.ד.ג. אָבער די הויפּט אַרבעט איז געווען די קאָמאַנדאָס, ״די שטיין-ברוך 4 קאָמאַנדאָס, די זייל-באַן קאָמאַנדאָס, אין די קאָלע קאָמאַנדאָ״.

דעם ערשטן זונטאָג גאַנץ פרי איידער מ׳האָט אונז געפירט קיין גאָלעשוי, האָט מען אונז קודם גענומען דאָרט אין אוישוויץ צו נעמען אַ באָד. מ׳האָט געהייסן יעדן איינעם מען זאָל זיך אַליין באַשמירן מיט אַ קרים (זאַלב), אויף אַלע פלעצער וואו ס׳וואַקסט האָר, אונטער די אָרעמס וכדומה (להבדיל ווי ביי אַ מצורע). כמעט קיינער האָט זיך נישט געוואָלט אַליין באַשמירן, איז געווען דאָרט איינער וואָס איז געשטעלט געווען, אַז ווער ס׳וועט זיך נישט אַליין באַשמירן, זאָל ער דאָס טאָן. מ׳איז געשטאַנען אין די רייע און ער האָט געשמירט, נישט געקאַרגט. נאָכן באַשמירן האָט יעדער אָנגעהויבן צו טאַנצן פון יסורים. די זאַלב האָט אויסגעגעסן אַלעס וואָס איז געווען אויף יענעם אָרט. ס׳איז געווען בבחינת ראה עניי ועמלי ושא לכל חטאתי. עס האָט טאַקע נישט אָנגעהאַלטן זייער לאַנג, אָבער דאָס ביסל צייט פון די יסורים האָט

אויסגעקוקט ווי אַן אייביקייט. דערנאָך האָט מען זיך געבאָדן. און אָנגעטאָן פרישע העפטלינג קליידער. מ׳האָט אונז אַרויפגעלאָדנט אויף 3 טראָקס און מיר זענען געפאָרן קיין גאָלעשוי.

(ווען די צרות האָבן זיך אָנגעהויבן אין אונגאַרן, איז אַרום געגאַנגען אַ תפילה פון רבינו תם, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער "בבקשה מכם מיכאל גבריא-ל וכו׳, אַז ווער ס׳זאָגט דאָס יעדן טאָג דער ווערט ניצול מכל צרה וצוקה וכו׳. איך האָב דאָס אָנגעהויבן צו זאָגן פון בערך תש״ב יעדן טאָג און אַפילו מער מאָל אין טאָג עד היום הזה.)

אויפן גאַנצן וועג פאָרנדיג קיין גאָלעשוי, האָב איך געהאַלטן אין איין זאָגען די תפילה פון רבינו תם. ס׳האָט ב״ה געהאָלפן און ס׳העלפט נאָך ב״ה עד היום הזה, אַז איך קען דאָס ב״ה דערציילן נאָך עטליכע אין פופציג יאָר. השי״ת זאָל ווייטער העלפן צו אַלעם גוטן עבגצבבב״א.

אין חודש אייר תשס״א בין איך געפאָרן קיין גאלעשוי צו זען דעם לאַגער און די צימענט פאבריק ווי איך בין געווען בשעת די מלחמה, די פאַבריק איז אינגאַנצן חרוב ונחרב כן יאבדו כל אויביך ה׳, בייגעלייגט זענען עטליכע בילדער פון דעם בנין

ביים אריינגאנג צו די שטאָט גאלעשוי

קאַפּיטל פיר און פערציג

אין לאַגער גאָלעשוי

מיר זענען אָנגעקומען קיין גאָלעשוי, כ״ד מנחם אב, אין יאָר תש״ד, זונטאָג אַרום מיטאָג צייט. ס׳זענען דאָרט שוין געווען פון פריער אַלטע היימישע מענטשן. איך געדענק נאָך, ר׳ ישראל אייזנבערג פון דעברעצין הי״ד און הרב קאליש הי״ד, דער סאָבאדקאָ׳ער רב. די וועלכע זענען דעמאָלס געקומען קיין גאָלעשוי מיט מיר אינאיינעם, לויט וויפיל איך געדענק, זענען געווען הרב ר׳ ברוך׳ל, ווישעווער רב הי״ד, הרב ר׳ מרדכי לייפער הי״ד בנו של הרה״צ ר׳ יעקעל׳ע פון דעברעצין הי״ד, ר׳ יעקב ענגל פון טאקאי הי״ד, הרב ר׳ דוד טייטלבוים הי״ד, טעטשער רב׳ס זון פון נייטרא און הרב שלמה ברוך פראגער אב״ד פעטרא-וואסעלע הי״ד.

די לעבן געבליבענע נאָך די מלחמה להבלח״ט, וואָס זענען געווען אין גאָלעשוי זענען: ר׳ אברהם בערגער (שטערן) נ״י, ר׳ יוסף שמואל גערטנער נ״י, ר׳ אליעזר עסטרייכער נ״י פון דעברעצין, כ״ץ - באנדוי פון דעברעצין, (ער איז געוואָרן אַ "בלאָק-עלטסטער"), דער מו״ל, ר׳ מרדכי שמואל שפיגל ז״ל, ר׳ שלום קאפלאוויטש ז״ל, זיין זון יעקב נ״י, ועוד.

ווען מ׳איז אָנגעקומען קיין גאָלעשוי, האָט מען געדאַרפט דאָרט נאָכאַמאָל גיין אין באָד און אויך נאָכאַמאָל באַשמירן מיט דעם זאַלב. דאָרט האָב איך מיך שוין אַליין "באַשמירט". איך האָב איינגעטונקען מיינע 2 לעצטע פינגערס אין דעם זאַלב, אָבער באַשמירט האָב איך מיך מיט די ערשטע צוויי פינגערס, אַזוי אַז די זאַלב האָט גאָרנישט צוגערירט אין ערגעץ. כאָטש זיי זענען

געשטאַנען דאָרט קוקן אויב מ׳באַשמירט זיך, האָבן זיי אָבער נישט באַטראַכט מיט וועלכע פינגער מ׳שמירט זיך. אַזוי האָב איך בס״ד איינגעשפּאָרט די גרויסע יסורים.

פון באָד, האָט מען אַלע 150 מענטשן געפירט אין אַ באַראַק, וואו מיר זענען געוועזן זונטאָג און מאָנטאָג. קיין בעטן זענען נישט געווען און מיר זענען געשלאָפן אויף דער ערד. (ס׳איז נאָך דעמאָלס נישט קאַלט געווען, ס׳איז געווען סוף חודש אב.) מאָנטאָג פאַרנאַכט, האָט מען אונז אַלע אַריינגעפירט אין די הויפּט בילדינג, וואו מ׳האָט יעדן אויסגעפרעגט אַלע זיינע אינפאָרמאַציע, ווי אַזוי מ׳הייסט, וואו מ׳איז געבוירן, וואו מ׳האָט געוואוינט, וכדומה.

מ׳האָט יעדן אַריינגעברענט אַ נומער אויף זיין לינקע האַנט, וואָס מען קען דאָס קיינמאָל נישט אויס-מעקן. (נאָר די מענטשן וועלכע מ׳האָט אויסגעקליבן צו אַרבעטן אין די לאַגערן וואָס האָבן באַלאַנגט קיין אוישוויץ, האָבן באַקומען איינגעברענטע נומערן. זיי האָבן אָנגעהויבן פון נומער 1 ביז נומער 200,000, דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן נומערן A-1 ביז A- 20,000 דערנאָך B-1 ביז B- 20,000) איך האָב באַקומען דעם נומער B-5756.

דינסטאָג, האָט מען אויסגע׳שורה׳ט די אַלע נייע מענטשן אין לאַגער הויף און דער לאַגער פירער האָט געהאַלטן אַ רעדע. ער האָט געזאָגט, ״פון היינט אָן און ווייטער איז קיינער נישט קיין נאָמען, נאָר אַ נומער. דער מענטש איז מער נישט קיין בעל הבית אויף זיך. ער קען נישט טאָן וואָס ער וויל, נאָר וואָס מ׳וועט הייסן פאַר דעם נומער צו טאָן, צו עס געפעלט אים צו נישט, מוז

דאָס דער נומער מאַכן!״ דער מענטש איז געוואָרן ווי אַ גולם (ראָבאָט) וואָס טוט וואָס מ׳באַפעלט אים.

נאָך די האַרציגע רעדע, האָט ער געפרעגט ווער פון צווישן אונז קען רעדן דייטש. ס׳האָט זיך געמאָלדן איינער אַ דעברעצינ׳ער כ״ץ באנדי. ער האָט געדאַרפט איבערזעצן אויף אונגאַריש, אַלעס וואָס דער לאַגער ימ״ש׳ניק האָט געזאָגט. ער האָט אים באַשטימט צו זיין אַ ״בלאָק-עלטסטער״. דאָס איז אַ מין ״קאַפּאָ״ וואָס האָט די אחריות פון דעם בלאָק וואו די מענטשן שלאָפן, אַז ס׳זאָל זיין דאָרט זויבער, שטיל, וכדומה. אַזאַ ״פּערזענליכקייט״ (אַ ״בלאָק-עלטסטער״) איז נישט אַרויסגעגאַנגען אַרבעטן.

דער לאַגער פירער האָט באַפוילן, אַז יעדע צוויי נומערן, זאָלן טראָגן אַ לאַנגן שווערן קלאָץ. איך מיט נאָך אַ נומער האָבן זיך ממש אונטערגעבראָכן אונטער די שווערע משא, אָבער אַז מ׳איז אַ נומער און נישט קיין מענטש, איז דאָך נישט שייך נישט צו קענען...

מיר זענען געווען ביז נאָך שבת אין דעם פּראָוואָזאָריש׳ן באַראַק. מוצש״ק האָב איך מיך געוואַשן צו אַ כזית לכבוד מלו׳ דמלכה. איך בין געזעצן צוזאַמען מיט להבחל״ח ר׳ יעקב הכהן ענגל פון טאקאי הי״ד, און מיר האָבן דערציילט מעשיות פון צדיקים. ער האָט מיר געזאָגט אַז זיין טאַטע הרה״ח ר׳ שלמה ענגל הי״ד פון טאקאי, פלעגט צו זיין אין קערעסטיר ביים זיידן ר׳ ישעי׳לען, כמעט יעדע וואָך ביי די מלו׳ דמלכה.

זיין פאָטער ר׳ שלמה הי״ד האָט זיך געהאַט געאייסערט פאַר אים, אַז 620 מאָל איז ער געווען יעדן

מוצש״ק ביים רבי״ן ר׳ ישעי׳לע אָן אויסצולאָזן אַפילו איינמאָל. ער איז געווען מערערע מאָל, אָבער 620 איז ער געווען איינס נאָכן אַנדערן. מיין פאָטער זצ״ל האָט דערציילט, אַז אַזוי ווי ס׳איז אַ מנהג צו דערציילן מעשיות פון צדיקים מוצש״ק, פלעגט ר׳ שלמה ענגל הי״ד אויך דערציילן מעשיות פון זיידן ר׳ ישעי׳לען. אַסאַך מאָל פלעגט דער זיידע זצ״ל אויסבעסערן אָדער צוגעבן צו די מעשה.



די בילדוג אין לאגער גאלעשא ווי מ׳האט געוואוינט

קאַפּיטל פינף אין פערציג

א מעשה פון רבי ישעי'לע דערציילט אין לאַגער

אַזוי ליגנדיג אינאיינעם להבחל"ח מיט ר' יעקב ענגל'ן הי"ד, האָט ער מיר דערציילט וואָס דער בעל המעשה אַליין האָט אים דערציילט. ווען בעלזער רב זצלה"ה איז געווען אין פּעסט, (אַזוי ווי עס שטייט אויבן), איז געווען אַ גרויסער עולם וואָס האָט זיך געוואָלט געזעגענען און געוואַרט אַ לאַנגע צייט מ'זאָל קענען אַריין גיין צום בעלזער רב זצ"ל. מ'האָט געקענט דאָרט אָפּשטיין אַ גאַנצע נאַכט און וואַרטן. ווי נישט ווי, אַזוי וואַרטנדיג ווערט מען דאָך הונגעריג, איז געווען דאָרט איינער, וואָס האָט נישט געהאַט קיין באָרד און פּיאות, און האָט דאָרט פאַרקויפט מזונות, פּירות וכדומה. (איך האָב געקענט דעם איד זייענדיג דאָרט ביים בעלזער רב זצ"ל.)

ר' יעקב הי"ד, וועלכער איז געווען אַ גרויסער בעלזער חסיד, פלעגט זיך זייער אַסאַך דרייען דאָרט ביים בעלזער רב זצ"ל. (אגב לויט ווי איך האָב דעמאָלס געהערט, איז ר' יעקב הי"ד געווען דער, וועלכער האָט צוגעגרייט דעם בעלזער רב זצלה"ה, איידער ער איז אַוועק געפאָרן פון פּעסט פון ר' יוסף שאַלגאָ'ן ז"ל קיין ארץ ישראל). ר' יעקב הי"ד האָט אַסאַך געשמועסט מיט דעם וואָס האָט דאָרט פאַרקויפט די פּירות. איינמאָל האָט ער פאַר ר' יעקב'ן געזאָגט "דו ווייסט וואָס הייסט אַ רבי? הער וועל איך דיר דערציילן וואָס עס האָט מיט מיר אַליין פּאַסירט":

אַלס קליין קינד, בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ טיפע ברין און ביז מ'האָט מיך אַרויסגענומען, האָט געדויערט אַ היבש ביסל צייט. פון גרויס שרעק בין איך ל"ע שטום געוואָרן און נישט געקענט רעדן נאָר הערן. איך האָב געשטאַמט פון אַ פשוט אידיש הויז, וואו מ'האָט אפשר געהיטן שבת אָבער נישט קיין סאַך מער פון דעם. (אין יענע צייטן איז נאָך נישט געווען קיין שולן (סקולס) פאַר אַזעלכע קינדער, איז ער נעבעך אויפגעוואַקסן אָן קיין תורה, און שמירת שבת, א.א.וו.)

שפּעטער האָב איך חתונה געהאַט מיט אַ פעסט'ער מיידל מיינס גלייכן. נאָך די חתונה האָט זי געהאַנדלט מיט "זאַכאַרין", "שטיינדלאך פאַר צינדערס". צו האַנדלן מיט די זאַכן, איז געווען שטרענג פאַרבאָטן (אַזוי ווי אין אַמעריקאָ צו האַנדלען מיט דראָג'ס). איינמאָל, איז מיין ווייב מיט איר שותפ'טע געגאַנגען אויף די גאַס, און איהר שותפ'טע האָט געטראָגן אַ פעקל פון די טריפה'נע סחורה. זיי האָבן באַמערקט אַז די פּאָליציי גייען זיי נאָך, האָט איהר שותפ'טע אַהין געגעבן דאָס פעקל פאַר מיין ווייב, און די שותפ'טע האָט אָנגעהויבן צו לויפן.

אַזוי ווי די פּאָליציי האָט געזען ווי יענע פרוי לויפט אַוועק, האָבן זיי די ערשטע זאַך אָפּגעשטעלט מיין ווייב און איהר געפרעגט, "וואָס האָסטו אין פעקל?" האָט זי געענטפערט פאַר די פּאָליציי אַז זי ווייסט נישט. די אַנדערע פרוי, מיט וועלכע זי איז יעצט געגאַנגען, איז אַ פרעמדע, און זי קען איר אַפילו נישט, נאָר זי האָט איהר געבעטן

אַז זי זאָל האַלטן דאָס פּעקל פאַר איהר, און זי ווייסט נישט וואָס איז דאָ אין פּעקל.

די פּאָליציי האָט אויפגעמאַכט דאָס פּעקל, און מ'האָט דאָרט געטראָפן די טריפה'נע זאַכן. די פּאָליציי האָט איר באַלד ארעסטירט. זי האָט גע'טענה'עט אַז זי קען נישט די פרוי וואָס איז אַנטלאָפן, זי ווייסט אַפילו נישט ווער זי איז, אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן קיין שום טענות. מ'האָט באַשטימט אַ טאָג ווען דער משפט זאָל זיין, אָבער ביז צום משפט האָט מען איר אַרויס געלאָזט.

אין יענער צייט, איז דער רבי ר' ישעי'לע געווען אין פּעסט, און מיין ווייב האָט געהערט אַז ס'איז דאָ אין פּעסט אַ (Csoda Rabbi) וואונדער רבי וואָס ווייזט מופתים. זי איז געגאַנגען צו אים און האָט אים דערציילט איהר ביטער פּעקל. דער רבי זצ"ל האָט איהר געזאָגט אַז זי זאָל גיין צום הויז פונ'ם שופט וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אויף דעם משפט (Case), און אים דערציילן איהר געשיכטע. זי זאָל אים בעטן אַז ער זאָל איר באַפרייען, און ר' ישעי'לע האָט צוגעלייגט, אַז אויב ער וועט רעדן צו איהר שטרענג, וועט דער שופט האָבן אַ מיתה משונה.

זי איז אַריבער געגאַנגען צום שופט, אַזוי ווי רבי ר' ישעי'לע האָט געהייסן און אים דערציילט די גאַנצע מעשה. דער שופט האָט צו איהר גערעדט זייער אַנטיסעמיטיש, אַז אַלע אידן זענען וכו' וכו'. ער האָט גערעדט מיט גרויס האַס און

אויפרעגעניש. פון גרויס אויפרעגונג, האָט ער באַקומען אַ האַרץ אַטאַק און איז דאָרט געבליבן אויפן פלאַץ. כן יאבדו כל אויביך ה׳.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און באַלד צוריק געגאַנגען צום רבי׳ן רבי ישעי׳לע פרעגן וואָס ווייטער צו טאָן. ר׳ ישעי׳לע האָט איהר געזאָגט אַז זי זאָל גיין צום נייעם שופט, וועלכן מ׳האָט באַשטימט אויפן אָרט פונ׳ם אַלטן שופט, און ער וועט איר באַפרייען. אַזוי איז טאַקע געווען. דער נייער שופט האָט איר באַפרייט ביים פראָצעס.

דערזעענדיג דעם גרויסן מופת, האָט מיין ווייב מיך געבעטן מיר זאָלןביידע אַריבער פאָרן קיין קערעסטיר צום רבי׳ן (אינצווישן איז שוין ר׳ ישעי׳לע אַוועקגעפאָרן פון פעסט). אפשר וועט דער רבי קענען מאַכן אַ נס אַז איך זאָל קענען רעדן. איך האָב מיך נישט געלאָזט צופיל בעטן, און מיר זענען געפאָרן קיין קערעסטיר. מיין ווייב האָט געלאָזט אָנשרייבן אַ קוויטל מיט די בקשה אַז איר מאַן זאָל קענען רעדן.

פרעגט מיך ר׳ ישעי׳לע זצ״ל, ״דו עסט כשר׳ס?״ האָב איך געשאָקלט מיט׳ן קאָפּ אַז ניין. ״דו האַלטסט שבת?״ האָב איך ווידער געשאָקלט מיט׳ן קאָפּ אויף ניין. האָט מיר דער רבי געזאָגט, ״זאָג, איך וועל האַלטן שבת,״ און איך האָב באַלד נאָכגעזאָגט, ״איך וועל האַלטן שבת.״ פון דעמאָלס אָן, קען איך געהעריג רעדן. דער רבי האָט אַריינגערופן זיין זון (מיין זיידע) ר׳ אברהם׳לע און האָט

אים געהייסן אַז ער זאָל מיט מיר לערנען די אלף - בית און נאָך אַנדערע אידישע דינים. זייט דעמאָלס, עס איך נאָר כשר'ס און האַלט שבת, ווייל איך האָב מורא אַז טאָמער נישט... "יעצט פארשטייסטו?" האָט ער אויסגעפירט צו ר' יעקב'ן, "אט דאָס הייסט אַ רבי" זי"ע ועכ"י.

אין דעם לאַגער גאָלעשוי, איז געווען אַ ביהכ"ס, וואו ס'איז געווען אויפגעשריבן "פאַר הונט און פאַר אידן איז איינטריט פאַרבאָטן". ס'איז געווען דאָרט אַן אַנדערע ביהכ"ס ספעציעל פאַר די העפטלינגען, אָבער קיין וואַסער זיך צו וואַשן די הענט איז נישט געווען דאָרט.

איינמאָל, ווען דער לאַגער פירער ימ"ש איז דאָרט דורכגעגאַנגען, איז צו אים צוגעגאַנגען הרב ר' מרדכי לייפער הי"ד און האָט פון אים געוואָלט בעטן רשות אַז נאָכן גיין אין ביהכ"ס, זאָל ער אים ערלויבן זיך צו וואַשן די הענט, אין דעם ביהכ"ס וואו ס'איז דאָ וואַסער. ער האָט אָנגעהאַט זיין העפטלינג "מיטצע" (קאַפּל) ווען ער האָט געוואָלט רעדן צום לאַגער פירער. האָט דער ימ"ש'ניק אים געגעבן צוויי געזונטע פעטש, און האָט אים געזאָגט, "ווען דו שטייסט פאַר הער ג-ט שטייסטו אויך מיט די מיטצע?" מער האָט ער זיך שוין נישט געטרויט צו בעטן פון אים עפעס.

קאַפּיטל זעקס און פערציג

דער סדר היום

די פּאָר טעג, ווילאַנג מיר זענען געווען אין די פּראָוואָזאָרישע בלאָק, האָבן מיר נאָר געאַרבעט אין לאַגער, נישט ביי די געהעריגע קאָמאַנדאָס. אַ טייל האָבן געאַרבעט ביי די קאָלע און אַ טייל ביי אַנדערע אַרבעט. נאָך די צווייטע וואָך, האָט מען יעדן איינגעטיילט אין אַ געהעריגע קאָמאַנדאָ. מיך האָט מען אויסגעקליבן צו די ערגסטע קאָמאַנדאָ, שטיין-ברוך 2. אין די קאָמאַנדאָ זענען געווען אַרום 80 מענטשן. אַ חלק פון די מענטשן זענען שוין לאַנג געווען אין די קאָמאַנדאָ, און אַ חלק זענען יעצט צוגעקומען פון אונזער פרישן טראַנספּאָרט.

עס איז געווען אַ וואַך פון די עס. עס. לייט. מיר האָבן געאַרבעט אויף אַ גרויסן שטח, האָבן זיי געמוזט היטן אַז קיינער זאָל נישט מאַכן קיין פליטה. אויף די אַרבעט, ס׳זאָל געהעריג געמאַכט ווערן, איז געשטעלט געוואָרן אַ ״קאַפּאָ״. טאָמער ער האָט געזען אַז איינער פוילט זיך אונטער, האָט ער געשלאָגן ״מכות רצח״. דער קאַפּאָ פון שטיין-ברוך 2, איז געווען אַן אַלטער דייטש, אַ פּאָליטישער געפאַנגענער, אַ רשע מרושע. וואָס האָט געהייסן באָדנער, און מיין גורל האָט מיך צוגעטיילט צו זיין אונטער זיין אויפזוכט.

ווען מען האָט עקספּלאָדירט די שטיינער מיט דינאַמיט, אַזוי ווי פריער באַשריבן, זענען די שטיינער אַראָפּגעפאַלן פון באַרג אין פאַרשידענע גרויסן (סייזעס). די גאָר גרויסע שטיינער האָט מען מיט אַ גרויסן שווערן האַמער צו האַקט אויף קלענערע שטיקלעך. די שטיינער

וואָס מ׳האָט געקענט אויפהייבן מיט די הענט, האָט מען מיט די בלויזע הענט (נישט מיט קיין הענטשיך) אריינגעוואָרפן אין דעם וואַגאָן, און די גאַנץ קליינע שטיינער האָט מען אַרויף געוואָרפן אין וואַגאָן מיט אַ שאָוועל אָדער אַן אייזערנע גאָפּל.

אַזוי ווי די וואַגאָנען זענען נאָר געווען אָפּן פון אויבן, האָט מען געדאַרפט יעדן שאָוועל אויפהייבן גענוג הויך אַז מ׳זאָל דאָס קענען אַריינוואַרפן אין וואַגאָן. די שאָוולען אָדער גאָפּלען זענען געווען זייער נישט צוגעפּאַסט פאַר די אַרבעט. עס זענען געווען קרומע, געבויגענע, מיט גאר גרויסע הענטלעך אדער גאר קליינע הענטלעך א.א.וו. אַזוי אַז מיט די כלים אַליין, איז זייער שווער געווען צו אַרבעטן.

דאָס האָבן זיי ספּעציעל געגעבן אַזעלכע כלים כדי שווערער צו מאַכן אַרבעט, למען ענותו בסבלותם. יעדעס מאָל, ווען מ׳איז געגאַנגען אַרבעטן, האָט יעדער געזוכט און געכאַפּט אַ שאָוועל וואָס ער האָט געקלערט אַז ס׳וועט גוט זיין פאַר אים. יעדעס מאָל האָט מען פּרובירט אַן אַנדער שאָוועל, ווייל קיין איינס איז דאָך נישט געווען גוט.

די גרויסע שטיינער, האָבן געהאַט שפּיציגע עקן, וואָס האָבן צוקראַצט די הענט. מיר האָבן פּרובירט דאָס אַריין צו לייגן ערשט אין וואַגאָן, שיף אין די ווינקלען, אויף אַזאַ אופן אַז עס זאָל ווי מער אָנפולן דעם וואַגאָן, מיר זאלן דערנאָך נישט דאַרפן אַריינוואַרפן צופיל פון די קליינע שטיינדלעך.

יעדן טאָג, איידער מ׳האָט אָנגעהויבן די אַרבעט, האָט מען ממש נישט געקענט בייגן די פינגער ווייל זיי זענען געווען צוקראַצט און געקראַכט פול מיט אייטער. נאָר, ווען מ׳האָט שוין געהאַלטן אינמיטן, איז דאָס שוין געגאַנגען, כל התחלות קשות...

פאַרטאָגס, איידער מ׳איז אַרויס געגאַנגען צו די אַרבעט, האָט מען אונז געגעבן אַ טעפל שוואַרצע ערזאַץ קאַווע, נישט קיין עכטע קאַווע. דאָס האָט אונז געדאַרפט געבן גענוג כח צו קענען אַרבעטן ביז מיטאָג צייט, אַרום 2:00 - 3:00. ווען מ׳איז צוריק געקומען אין לאַגער, האָט מען געגעבן אַ מין געמיזע זופּ (געוואָרן געמאַכט פון פאַרשידענע פאַרפוילטע גרינצייג) וכדומה.

פאַרנאַכטס, אַרום 6:00 אַזייגער, האָבן די מענטשן פון גאַנצן לאַגער (אויסער די מענטשן וואָס זענען 2:00 אַזייגער מיטאָג געגאַנגען אַרבעטן די נאַכט שיפט) געמוזט שטיין אין לאַגער הויף. יעדער, אָן קיין אויסנאַם, אויסגעשטעלט אין רייעס, פער 5 מענטשן אין אַ רייע. עס האָט געמעגט שנייען, רעגענען, בלאָזן ווינטן, עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. דעמאָלס האָט מען אָפּגעציילט צו זען אויב קיינער פעלט נישט. דאָס ציילן האָט געהייסן ״אַפּעל״ (נישט אַפּיל...).

נאָכן ציילן, איז יעדער צוריק אין בלאָק, וואו מ׳האָט געטיילט אַ קליין שוואַרץ ברויט וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ ציגל. פאַר יעדע 4 מענטשן האָט מען געגעבן איין ברויט. יעצט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די שווערע אַרבעט פון צוטיילן דעם ברויט, אַז ס׳זאָל אויסקומען פּונקט אייניג פאַר יעדן. מיט קיין פּיצעלע

ברעקעלע זאָל חלילה נישט איינער האָבן ווייניגער פון אַנדערן. (ווען איך שרייב דאָס יעצט זעט דאָס אויס ווי אַ גוזמא).

פון אַזאַ נערונג, האָט די קערפּער נישט געהאַט קיין שום וויטאַמינען, אַז דער קערפּער זאָל זיך קענען אַליין היילן פון די אייטערדיגע וואונדן.

מיין ערשטע אַרבעט, איז געווען אין די קאָמאַנדאָ וואָס האָט געאַרבעט פון 2:00 אַזייגער מיטאָג ביז 2:00 אַזייגער פאַרטאָגס. פאַר די קאָמאַנדאָ, האָט מען געגעבן איין ברויט פאַר 4 מענטשן, איידער מ׳איז אַרויסגעגאַנגען צו די אַרבעט. אַרום 8:00 אַזייגער ביינאַכט איז געווען פויזע, און מען האָט אַרויסגעברענגט אַ קעסל קאַווע. ווען מ׳איז צוריק געקומען אין לאַגער, אַרום 2:00 אַזייגער פאַרטאָג׳ס, האָט מען געגעבן אַ טעלער פון די גמיזע זופּ, און נאָכדעם איז מען זיך געגאַנגען לייגן שלאָפן ביז אַרום 8:00 אַזייגער צופרי. דעמאָלס האָט מען געציילט די מענטשן וואָס האָבן געאַרבעט ביינאַכט.

פאַר מיר האָט מען צוגעטיילט צו אַרבעטן ביי איין וואַגאָן מיט הרב ר׳ מרדכי לייפער הי״ד. מיר האָבן געדאַרפט אָנפולן, יעדע איינס און אַ האַלב שעה, אַ וואַגאָן מיט שטיינער. איך בין דעמאָלס געווען אַ יונגער בחור, און איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געאַרבעט קיין שווערע פיזישע אַרבעט. מיין שותף האָט אוודאי נישט געאַרבעט ביז דעמאָלס קיין שום פיזישע אַרבעט. אַזעלכע 2 מענטשן האָבן געדאַרפט אָנפולן 5 וואַגאָנען יעדן טאָג.

מיר (נישט מיר נאָר די צוויי נומערן) האָבן געמוזט אַרבעטן די עבודת הפרך. איך האָב רחמנות געהאַט אויף מיין שותף, ווייל ער איז געווען עלטער פון מיר. אויסער דעם, איז ער דאָך געווען אַ רבי וואָס האָט געוואוינט אין פעסט, האָב איך פרובירט צו אַרבעטן פאַר אים אויך. איך האָב געשאָוועלט 3 שאָוולען און ער נאָר איינס. פאַרשטייט זיך אַז ס׳איז געווען יענע עבודת הפרך, אָנצופילן אַ וואַגאָן אין איינס און אַ האַלב שעה.

אינצווישן איז אונטער געקומען דער חודש אלול, און דער וועטער האָט אָנגעהויבן ווערן קעלטער. סליחות וואָך, האָב איך נאָך אַלץ געאַרבעט אין די נאַכט שיפט. מיר זענען אויפגעשטאַנען בערך נאָך חצות ביינאַכט און געטרינקען אַ קאַווע, און געאַרבעט ביז 2 אַזייגער מיטאָג. דער וועג צו די אַרבעט האָט געדויערט בערך 1 שעה. אין די צייט, האָב איך געזאָגט פאַרשידענע שטיקלעך פון די סליחות, וואָס איך האָב געדענקט אויף אויסנווייניג. דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז שבת.

זונטאָג, ערב ר״ה, וואָס איז געווען זכור ברית, זענען מיר צוריק געקומען פון די אַרבעט 2:00 אַזייגער מיטאָג, ווייל יענעם זונטאָג האָט מען געטוישט די שיכט, דאָס הייסט מאָנטאָג מיטאָג - ר״ה ביי טאָג, האָב איך (נישט איך נאָר דער נומער) אָנגעהויבן צו אַרבעטן פון 2:00 אַזייגער ביי טאָג ביז 2:00 אַזייגער פאַרטאָגס. זונטאָג ערב ר״ה פאַרנאַכט, נאָכן אַפּעל, האָט מען געגעבן אַ גריז זופּ אין אַ שיסעלע. איך האָב דאָס אַרויף געטראָגן צו מיין בעט. פון ווען מיר האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין אַ געהעריגע קאָמאַנדאָ, האָט מען אונז געגעבן צו שלאָפן אין אַ געהעריגע בנין, אין שטאָקעדיגע בעטן מיט

אָפּטיילונגען. ד.ה. באַנ״ק בע״ד׳ס איינגעטיילט אין סעקשאָנ״ס. יעדע 6 מענטשן אין אַ סעקשאָן.

ס׳איז געווען אַ 2 שטאָק׳יגער בנין אין לאַגער. יעדער שטאָק האָט געהאַט אַ ״בלאָק-עלטסטער״, וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיין שטאָק. אַלע מענטשן זענען געשלאָפן אין די 2 שטאָקן, געמישט די טאָג אַרבייטער מיט די נאַכט אַרבייטער. ווען די נאַכט אַרבייטערס זענען אויפגעשטאַנען, בערך חצות, האָבן זיך די טאָג אַרבייטער וואָס זענען געשלאָפן אויך אויפגעוועקט, און דאָס זעלבע פאַרקערט, ווען מ׳האָט אויפגעוועקט די טאָג אַרבייטער, אַרום 6 אַזייגער צופרי האָבן זיך די נאַכט אַרבייטער, וואָס האָבן זיך נישט לאַנג צוריק געלייגט, אויך אויפגעוועקט.

פאַר יעדע 2 מענטשן, האָט מען געגעבן 3 קאָלדרעס, צו שלאָפן צוזאַמען און זיך צודעקן דערמיט. מיר איז אויסגעקומען צו שלאָפן צוזאַמען מיט ר׳ אברהם׳לע שפיצער הי״ד, אויך פון דעברעצין. איך האָב נישט געקענט שלאָפן צוזאַם מיט נאָך איינעם, האָב איך אים געזאָגט אַז ער זאָל זיך נעמען 2 קאָלדרעס און פאַר מיר וועט גענוג זיין 1 קאָלדרע. ער האָט אָבער נישט געוואָלט, ער האָט געזאָגט אַז ווען צוויי שלאָפן צוזאַם איז וואַרעמער, אַזוי ווי ס׳איז טאַקע דער אמת. איך האָב דאָך נישט געקענט שלאָפן צוזאַם מיט נאָך איינעם, האָט ער מיך געסטראַשעט אַז ווען ער וועט אַהיים קומען, וועט ער מיך אויסזאָגן פאַר׳ן טאַטן.

אינטערעסאַנט איז, אַז שפּעטער, ווען מ׳האָט ליקווידירט אונזער לאַגער און צוטיילט די מענטשן

אויף פאַרשידענע פלעצער, האָט מען אים געפירט קיין בערגן-בעלזן אין העפטלינג לאַגער. אין בערגן בעלזן איז געווען 2 לאַגערן, איינס פאַר די העפטלינגען, וואָס דאָרט איז געווען זייער אַ שווערער ביטערער לאַגער, און אין אַנדערן לאַגער זענען געווען מענטשן מיט זייערע פאַמיליעס אינאיינעם. מיין מוטער ע"ה מיט אַלע מיינע געשוויסטער שיחי' זענען אויך געווען אין דעם לאַגער, (דער אופן ווי אַזוי זיי האָבן דורכגעמאַכט די מלחמה און ווי אַזוי זיי זענען ניצול געוואָרן, דאָס איז אַ באַשרייבונג פאַר זיך. איך בין נישט געווען דאָרט מיט זיי במילא קען איך נישט באַשרייבן זייער געשיכטע, נאָר מיין ברודער הרב ר' רפאל שליט"א, האָט דאָס אַביסל באַשריבן).

דאָרט, אין בערגן-בעלזן, האָט מען געקענט אַריבער זעהן פון איין לאַגער צום אַנדערן. ר' אברהם שפיטצער הי"ד איז דאָרט געווען, האָט ער דערקענט מיין מאַמע'ן ע"ה און האָט אַריבער געשריגן צו איהר אַז איך בין געווען מיט אים אין גאָלעשוי און אַז איך לעב. מיין מוטער ע"ה האָט אים איינמאָל אַריבער געוואָרפן אַ שטיקל ברויט. אַן עס. מאַן ימ"ש האָט דאָס אינאַכט גענומען, און ער האָט אים נעבעך געשלאָגן מכות רצח. (מיין מאַמע ע"ה האָט דאָס מיר דערציילט נאָכן באַפרייען).

אין גאָלעשוי, איז אויך געווען איינער פון דעברעצין, מיטן נאָמען קעלנער. זיינע עלטערן האָבן באַלאַנגט צו די שטאַטוס-קוואָ קהילה. ער איז געווען אַ

ספּאָרט׳לער. ער האָט געהאַט געוואונען אין יאָר 937׳, אין די "אָלימפּיק" שפּיל, אַ "גאָלד מעדאַל".

זיין טאַטע האָט געהאַט ליגן ביי מיין פאָטער זצ"ל אין ביהמ"ד, זייער אַ שיינע ספר תורה. ער האָט נישט געוואָלט אַז ס׳זאָל זיין אין די שטאַטוס-קוואָ שול. איינמאָל אין יאָר, שמחת תורה ביינאַכט, האָט מען דאָס ספר געטראָגן אויף אַפּאָר מינוט צו די שטאַטוס-קוואָ שול, אַז ער זאָל מאַכן די הקפות מיט זיין ספר.

איינמאָל, איז דער בעל הבית פון׳ם ספר תורה געקומען בעטן פון מיין פאָטער זצ"ל אַ הלואה פון 20 פּענגאָ, און ער האָט געגעבן פאַר מיין פאָטער זצ"ל אַ כתב אַז ער קומט אים 20 פּענגאָ׳ס.

ס׳איז געווען אַ פּלא אַז מר. קעלנער זאל זיך דאַרפן באָרגן 20 פּענגאָ׳ס, ווייל מיר האָבן געוואוסט אַז ער איז פאַרמעגליך. זייענדיג מיט זיין זון אין לאַגער האָט ער מיר דערציילט דעם סוד, אַז זיין פאָטער האָט דאָס ספּעציעל געבאָרגט פון מיין פאָטער, ווייל ער האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן די ספר תורה אַלץ ירושה פאַר זיינע קינדער. ער האָט גענומען 20 פּענגאָ׳ס אַלס פאַרזיכערונג, אַז אויב זיינע קינדער וועלן פאַרלאַנגען די ס"ת, זאָל מיין פאָטער זצ"ל זאָגן, איך קען דאָס נישט געבן, ווייל אייער פאָטער איז מיר שולדיג געבליבן געלט.

(ווען איך בין באַפרייט געוואָרן האָב איך דאָס פאַרציילט פאַר מיין פאָטער זצ"ל. די ס"ת איז נעבעך פאַרלוירן געגאַנגען אַזוי ווי אַלע אַנדערע ספרים.)

קאַפּיטל זיבן אין פערציג

ראש השנה - יום כיפּור

אויף דעם טעלער גריז וואָס איך האָב באַקומען ערב ר"ה פאַרנאַכט, האָב איך געמאַכט קידוש של ראש השנה. דאָס שיסעלע איז פול געוואָרן, נישט מיט קיין גריז, נאָר פון מיינע טרערן. ס'איז געווען האכלתם לחם דמעה. (גרי"ז) ס'איז געווען אין לאַגער איינגעפירט אַז אויב איינער האָט פלייסיג אָדער גוט געאַרבעט,



2 מאַרק פון לאַגער פלאסענבורג - וואָס איך האָב אַוועק געלייגט לזכרון

האָט ער באַקומען אייניגע דייטשע עס. עס. מאַרקן, (דייטשע לאַגער מאַרק) וואָס פאַר דעם האָט מען געקענט קויפן אַ שטיקל קעז (קווארג"ל, די טעם איז זייער שלעכט געווען) אָדער נאָך אַ טעלער זופּ.

איך בין נאָך געווען אַ גרינער דאָרט, האָב איך נאָכנישט געהאַט די מעגליכקייט צו ערווערבן אַזעלכע מאַרקן. מיין חבר, ר׳ אליעזר עסטרייכער פון דעברעצין, האָט געהאַט עטליכע מאַרקן. פרייטאָג צונאַכטס שבת תשובה, ווען מיר זענען אַהיים געקומען פון די אַרבעט, 2 אַזייגער פאַרטאָגס, האָט מען געגעבן אַ טעלער זופּ צו עסן. דעמאָלס האָט מיר מיין חבר געגעבן אַ מאַרק, און איך האָב פאַר דעם גענומען נאָך אַ טעלער זופּ. פון דאמאָלס אָן, האָב איך מער גאָרנישט געקענט עסן און אויך נישט אַרויס גיין אין ביהכ"ס. זעט אויס אַז איך האָב מיר פאַרדאָרבן דעם מאָגן פון די "געשמאַקע" זופּ.

מוצאי שבת בין כסא לעשור, האָב איך נאָך געאַרבעט ביינאַכט, פון שבת מיטאָג ביז 2:00 אַזייגער ביינאַכט מוצש"ק. זונטאָג נאַכט האָב איך אָנגעהויבן צו אַרבעטן די נאַכט שיכט, פון 2:00 אַזייגער פאַרטאָגס ביז 2:00 אַזייגער מיטאָג. אַהיים קומענדיג פון די אַרבעט, האָב איך זיך זייער שלעכט געשפּירט. איך האָב גאָרנישט געהאַט געגעסן. אַפילו דאָס ברויט, האָב איך אויך נישט געקענט אויפעסן. אין לאַגער האָב איך געבראָכן, כאָטש איך האָב נישט געהאַט וואָס צו ברעכן.

איך בין געגאַנגען צום דאָקטאָר וואָס איז געווען מיט אונז אין לאַגער, דאָקטאָר רובינשטיין. ער האָט מיר געגעבן אַ פּיל, און געהייסן איך זאָל ווייטער אַרויסגיין אַרבעטן. איך בין געווען זייער שוואַך. איך האָב נישט געגעסן און שווער געאַרבעט, אָבער אַז מ׳איז אַ נומער איז דאָך נישט שייך...

מאָנטאָג נאַכט, שלוש עשרה מדות, ווען מיר זענען אַרויס געגאַנגען אַרבעטן, איז געפאַלן אַ רעגן געמישט מיט אייז אַז ס׳איז אַריין אין אַלע אברים. ווען מ׳איז אָנגעקומען צום אַרבעטס פּלאַץ, האָב איך מיך פשוט נישט געקענט רירן. איך האָב מיך געשטעלט נעבן מיין וואַגאָן, אָבער איך האָב נישט געקענט אָנהייבן צו אַרבעטן. איך בין געשטאַנען נעבן וואַגאָן און גאָרנישט געטאָן.

פלוצלונג, זע איך ווי דער קאַפּאָ גייט צו צו אַ בוים. ער ברעכט אַראָפּ פון׳ם בוים אַ גרויסן צווייג און קומט צו גלייך צו מיר. נישט פרעגנדיג אָדער זאָגנדיג קיין וואָרט, הויבט ער אָן צו שלאָגן און קלאַפּן הושענות אויף מיין קאָפּ און אויפן גאַנצן קערפּער. ס׳האָט זיך געגאָסן בלוט פון קאָפּ אָבער ער האָט ווייטער געקלאַפּט. ווען ס׳איז שוין נישט געבליבן קיין איין בלעטל אויפן צווייג, די הושענות זענען שוין געווען אויסגעקלאַפּט, הערשט דעמאָלס האָט ער אויפגעהערט צו שלאָגן.

ס׳איז צוגעקומען צו מיר דער לאַגער דאָקטאָר און האָט מיט די מאַראַסטיגע רעגן וואַסער פון די ערד, מיך אַרום געוואַשן און פאַרבינדן דעם קאָפּ. די הענט זענען מיר געוואָרן אַזוי געשוואָלן פון די קלעפּ, אַז יענעם טאָג האָב איך שוין נישט געאַרבעט. איך האָב געקלערט אַז דאָס אַלעס האָט זיך געלוינט, ווייל יעצט, אַז איך וועל גיין צום דאָקטאָר אין לאַגער, וועט ער מיר כאָטש געבן אַפּאָר טאָג ״שוינונג״, און איך וועל נישט דאַרפן אַרבעטן אום יום כיפור.

2 מאָל אַ וואָך, איז אַ קראַנקער, וועלכער האָט זיך שוין איינמאָל געלאָזט אונטערזוכן, געגאַנגען צום דאָקטאָר, זונטאָג און מיטוואָך. טאָמער איינער איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן, האָט ער געקענט גיין ווען ער איז קראַנק געוואָרן, כאָטש וועלכן טאָג.

ווען איינער איז קראַנק געוואָרן, איז ער געגאַנגען צום דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט אים אונטערזוכט און אויב ער האָט באַשטעטיגט אַז דער מענטש קען נישט אַרבעטן, האָט ער אים געזאָגט אַז ביז׳ן נאָנסטן מיטוואָך (אָדער זונטאָג, לויט וועלכן טאָג אין די וואָך עס איז געווען) זאָל ער נישט אַרויסגיין צו די אַרבעט. מיטוואָך האָט ער אים נאָכאַמאָל אונטערזוכט. אויב ער איז נאָך אַלץ געווען קראַנק, האָט ער אים געהייסן צוריק קומען דעם נעקסטן זונטאָג. אויב ביז דעמאָלס איז אים שוין בעסער געוואָרן האָט ער אים שוין געשיקט אַרבעטן, טאָמער ס׳איז אים נישט בעסער געוואָרן, האָט ער אים ווייטער געהייסן בלייבן אין לאַגער נישט צו אַרבעטן. אַזאַ איינער, וואָס האָט נישט געאַרבעט וועגן קראַנקהייט, האָט געהייסן אַז ער איז אין ״שוינונג״.

דעם דינסטאָג, ווען מ׳האָט צושמעטערט מיין קאָפּ, איז פּונקט געווען דאָרט אַ קאָמיסיע פון אוישוויץ אין אונזער לאַגער. ווען איך בין צוריק געקומען פון די אַרבעט, זענען מיר אַריין אין עס זאַל, און איינער פון די קאָמיסיע מיט׳ן קאַפּאָ, זענען צוגעקומען צו מיר פרעגן פון וואָס מיין קאָפּ איז געשעדיגט געוואָרן. דער קאַפּאָ האָט געפרעגט, צי פון דעם שטיין וואָס איז געפאַלן פונ׳ם באַרג אָדער פון שלאָגן?, דער קאַפּאָ האָט נישט געוואָלט אַז איך זאָל זאָגן אַז ס׳איז פון דעם וואָס ער

האָט מיך געשלאָגן, האָט ער מיר אַריינגעגעבן אַ תירוץ אין מויל, פרעגענדיג צי דאָס האָט פּאַסירט פון דעם שטיין וואָס איז אַראָפּ געפאַלן אָדער פון שלאָגן.

איך האָב געענטפערט, ״איך ווייס נישט״. ער האָט אָבער נישט נאָכגעלאָזט און נאָכאַמאָל געפרעגט, ״ווי אַזוי איז דאָס געשען?״ האָב איך ווייטער געזאָגט ״איך ווייס נישט״. איך האָב געקלערט ביי מיר, אויב וועל איך זאָגן אַז ס׳איז פונ׳ם שלאָגן, וועט טאַקע דער קאַפּאָ באַקומען אַ פּאָרציע מוסר, אָבער איך וועל ווייטער בלייבן אונטער זיין קאָמאַנדאָ, און ער וועט מיך נאָך מער רודף׳ן. דערפאַר האָב איך אים נישט געוואָלט דירעקט באַשולדיגן. ס׳האָט זיך ב״ה געלוינט, ווייל פון דעמאָלס אָן איז ער נישט געווען אַזוי שטרענג צו מיר.

נאָכן עסן, בין איך געגאַנגען צום לאַגער דאָקטאָר איבערצובינדן די וואונדן, און אויך בעטן אַז ער זאָל מיר געבן אַפּאָר טאָג ״שוינונג״. דער דאָקטאָר האָט איבערגעבינדן מיין קאָפּ, און כאָטש די הענט זענען אויך געווען גוט געשוואָלן פון די קלעפּ, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אַז מיט די וואונדן קען איך נאָך גיין אַרבעטן.

הערשט יעצט, הערנדיג אַז איך וועל דאַרפן אַרבעטן יו״כ, האָב איך אָנגעהויבן צו פילן אַלע ווייטאָגן. איך האָב אים זייער געבעטן אַז לכל הפחות ביז נאָך יו״כ זאָל ער מיר געבן שוינונג. אָבער כאָטש ער איז געווען אַ יוד, האָט ער מיר געענטפערט, ״אויב איך האָב די ברירה צו געבן ״שוינונג״ פאַר איינעם, וואָלט איך דאָס געגעבן פאַר אַזאַ איינעם וואָס איז שוין דאָ אין לאַגער אַ לענגערע צייט, און נישט פאַר דיר וואָס דו ביזט נאָר דאָ

אַפּאָר וואָכן". ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן און אַנשטאָט כפּרות שלאָגן ערב יו"כ, בין איך פאַרטאָג'ס ארויס צו די אַרבעט, ביז 2:00 אַזייגער מיטאָג אַזוי ווי יעדן טאָג.

קאַפּיטל אַכט אין פערציג

ערב יום כיפור - מי יחי׳ ומי ...

ביי אונז אין לאַגער זענען געווען 3 העפטלינגען וואָס זענען געווען אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע שוין אַפּאָר טעג. מ׳האָט זיי באַשולדיגט אַז זיי האָבן געוואָלט אַנטלויפן פון לאַגער. איינער האָט טאַקע פרובירט צו אַנטלויפן, נאָר מ׳האָט אים געכאַפּט אין אַ ווערצהויז (באַר) און צוריק געברענגט אין לאַגער. ער האָט געהייסן שאלאמאן פון וואשארהעלי. די אַנדערע צוויי זענען נישט אַנטלאָפן, נאָר מ׳האָט געמאַכט אויף זיי אַ בילבול אַז זיי האָבן געוואָלט אַנטלויפן. איינער האָט געהייסן יאסקאוויטש פון מישקאָלץ, און דער צווייטער אברהם ישכר ברוין פון סערדאהעלי.

זיי זענען געשלאָפן אין אַ באַזונדערע שטוב, און זענען אויך געגאַנגען באַזונדער אַרבעטן. זיי האָבן געהאַט אויף זייערע קליידער אויפן רוקן, אַ גרויסן רויטן פלעק. יעדן צופרי און פאַרנאַכטס, ווען די מענטשן זענען אַרויסגעגאַנגען אַרבעטן, זענען זיי געשטאַנען ביים טויער אַרומגעצוימט, אַז יעדער זאָל זיי זען, און יעדער זאָל וויסן אַז אויף די מענטשן וואַרט אַ גרויסער משפט פאַר וועלן אַנטלויפן פון לאַגער. וואָס פאַר אַ משפט האָט מען נישט געוואוסט.

ערב יום כיפור אויפן וועג צוריק פון די אַרבעט, 2 אזייגער מיטאָג, האָבן מיר געזען אין לאַגער הויף אויפגעשטעלט אַ תלי׳ ר״ל. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אָנגעגרייט פאַר די וועלכע האָבן געוואָלט

אַנטלויפן, אָבער מיר האָבן נישט געוואוסט אויב ס'איז פאַר איינעם אָדער פאַר אַלע דריי.

עס איז כל נדרי פאַרנאַכטס 6:00 אַזייגער, מיר זענען אַלע געשטאַנען אין הויף ביים אַפּעל פּלאַץ, מיט גרויס האַרץ קלאַפּעניש, עס איז געווען אַ געמישעכטץ פון שרעק פאַר'ן יום כיפור, (וואָס האָט יעדער גאָרנישט אַנדערש אויסגעזען ווי אַן אַנדערע טאָג, פונדעסטוועגן האָט די האַרץ געקלעמט פאַר'ן יום הקדוש), און שרעק פאַר דאָס בעפאָר שטייענדע, וואָס דאָ גייט פאַסירן.

אויפן הויף איז געשטאַנען די תליי', אונטער די תליי' איז געווען אַ טיש און אַ קליין בענקעלע. דער לאַגער פירער ימ"ש האָט אַהין געפירט צוויי פון די דריי מר. א. י. כ. אויף איין זייט פון טיש, און דעם אַנדערן מר. י. אויף די אַנדערע זייט טיש. מ'האָט זיי געהייסן דאָרט שטיין, דערנאָך האָט איינער פון די קאָמיסיע, וועלכער איז אַ טאָג פריער געקומען פון אוישוויץ אויסגערופן, "לויט די פאַראָרדענונג פון רייכסמיניסטער הימלער (ימש"ו), פאַראורטיילע דעם העפטלינג שאלאמאן פון מאראשוואשארהעלי צום טויט דורך הענגען, וועגן אונערלויבטן פערלאָזן דעם אַרבעטס פּלאַץ, און וועגן זיך פאַלש לעגעטימירן פאַר די דייטשע געהיים פּאָליציי (ווען מ'האָט אים געכאַפּט). די אַנדערע צוויי אידן, מוזן צוהעלפן צו זיין טויט, דורכן אַוועק ציען דעם טיש ווען מ'וועט אויף אים אַרויף לייגן דעם שטריק."

קיין ברירה האָט מען סייווי נישט געהאַט. קודם כל, אויב מען האָט נישט אויסגעפאָלגט פונקטליך יעדן באַפעל, איז געווען אחת דתו, ביטערע קלעפּ, אַ קויל אין

קאָפּ, אָדער נאָך ערגער מיט מיתות משונות ל״ע, האָט מען נעבעך געטאָן אַלעס וואָס מ׳האָט געהייסן געצוואונגענערהייט אָן אַ קאָפּ. אויסער דעם, האָט מען נישט געהאַט קיין שום נאָרמאַלע געפילן, מען איז געווען ווי אָפּגע׳שוחט׳ן, יעדער מענטש האָט געפילט ווי אַ ראָבאַ״ט, ווי אַ נומער. מען האָט נישט געהאַט קיין עסן, נישט קיין וואַסער, נישט קיין געהעריגע בית הכסא, א.א.וו. די מח האָט נישט פונקציאָנירט נאָרמאַל. מען האָט נעבעך אויסגעפאָלגט אַלע באַפעלן אָן טראַכטן.

דערנאָך האָט דער לאַגער פירער צוגעפירט שאלאמאנען צום טיש, געבינדן די הענט אויף אונטן, און האָט אים געהייסן אַרויפגיין אויף דעם בענקעלע און דערנאָך אויף דעם טיש. ער האָט סייווי נישט געהאַט קיין ברירה, און האָט געפאָלגט. ווען ער איז שוין געווען אויפן טיש, איז דער לאַגער פירער אויך אַרויף אויפן טיש, ער האָט גענומען דעם שטריק און אַרויפגעוואָרפן אויף שאלאמאנס האַלז, דעמאָלס האָט ער געשריגן ״שמע ישראל״. דער לאַגער פירער האָט אים נאָך אויך אויסגעדרייט זיין האַלז, און איינגעצויגן דעם שטריק און איז אַראָפּ פונ׳ם טיש. די צוויי העפטלינגען וואָס זענען געשטאַנען אויף די צוויי זייטן פון טיש, האָבן אַוועק געשלעפּט דעם טיש פון אונטער אים, און ער איז געבליגן דאָרט הענגען ר״ל הי״ד.

מר. ברוין האָט ב״ה איבערגעלעבט די מלחמה. ער וואוינט היינט תשס״א אין סאן-דיעגא קאליפאָרני״ע, און איך בין נאָך מיט אים אין פאַרבינדונג עד היום. מיר רעדן אַמאָל אָדער שרייבן זיך אַ לשנה טובה קאַרטל. ער האָט אויך

באַשריבן די געשיכטע, און ער האָט מיר געזאָגט אַז עס פאַרפאָלגט אים נאָך עד היום, דאָס אַז ער האָט געדאַרפט אַרויסציען דעם טיש פון אונטער מר. שאלאמאן הי"ד. פון מר. י., האָב איך מער נישט געהערט. איך ווייס אַפילו נישט צי ער האָט איבערגעלעבט די מלחמה.

נאָך דעם שוידערהאַפטיגן ספּעקטעקאַל, איז מען אַריינגעגאַנגען אין עס זאַל צו נאַכטמאָל, וואָס איז געווען אַ גריז זופּ. איך האָב דאָס שנעל אויפגעגעסן. ס'איז שוין געווען שפּעט פאַר כל נדרי. מיר האָבן אָפּגעשמועסט אַז תיכף נאָכן עסן, וועלן מיר זיך צוזאַם קומען אין איינע פון די בלאָקן אין אַ ווינקל, און מיר וועלן דאַווענען כל נדרי וויפיל מ'קען אויסעווייניג.

מ'קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, מיט וואָספאַראַ געמיטער מיר זענען געגאַנגען דאַווענען, נאָך אַזאַ סעודה המפסקת. מיר זענען געווען עטליכע מנינים. הרב קאליש פון קאניזשא האָט געזאָגט אַ כל נדרי דרשה און מיר האָבן אָנגעהויבן דאַווענען. אינמיטן די שמ"ע, איז אַריינגעקומען אַ "בלאָק-עלטסטער" און האָט אונז געכאַפּט ווי מיר דאַווענען (הגם ער איז אויך געווען אַ יוד). ער האָט אָנגעהויבן צו שרייען און שלאָגן מיט אַ קאַנטשיק, יעדן וואָס איז אים געקומען אונטער די האַנט, און אַזוי איז בטל געוואָרן דאָס גאַנצע דאַווענען בציבור.

מיר האָבן אָפּגעשמועסט אַז מאָרגן, ווען מיר וועלן צוריק קומען פון די אַרבעט, 2 אַזייגער מיטאָג, וועלן מיר צוזאַמשטעלן אַ מנין, און מיר וועלן דאַווענען בציבור אויף אַן אַנדער אָרט. מיין מאָגן האָט נאָך אַלס ווײ

געטאָן. איך האָב נאָך נישט געקענט עסן קיין שום ברויט, אַזוי אַז איך האָב געהאַט אַוועק געלייגט 3 פּאָרציעס ברויט פון פאַר יו"כ. דאָס אַוועק צולייגן איז נישט געווען וואו, ווייל קיינער האָט גאָרנישט פאַרמאָגט, קיין שום שענקל אָדער אַ לעדל וואו אַהין עפּעס צו לייגן. מ'האָט דאָך גאָרנישט גאָרנישט געהאַט וואָס אַוועק צו לייגן.

די איינציגע פאַרמעגן וואָס מיר האָבן געהאַט איז געווען די אָרימע קליידונג וואָס מ'האָט אָנגעטאָן איינמאָל אין צוויי וואָכן. דאָס איז באַשטאַנען פון אַ העמד, אַ הויז און אַ רעקל, וואָס מען האָט באַקומען פון לאַגער מאַגאַזין. קיין שום אַנדערע חפצים האָט מען נישט געהאַט, אַזוי אַז מ'האָט נישט געדאַרפט און נישט געהאַט קיין שום פּלאַץ וואו עפּעס אַוועק צו לייגן. אַזוי ווי איך האָב יעצט געהאַט 3 פּאָרציעס ברויט, וואָס דאָס איז געווען דאָס גאַנצע חיות פון מענטש, און איך האָב דאָס נישט געהאַט וואו צו לייגן, האָב איך דאָס מיט מיר מיטגענומען, ווען מיר זענען אַרויס כל נדרי נאַכט אום 2:00 אַזייגער פאַרטאָגס צו די אַרבעט.

לכבוד יו"כ איז געווען תכבד העבודה. אַזוי ווי יעדן טאָג האָט מען געדאַרפט אָנפולן 5 וואַגאָנען מיט שטיינער, אַזוי ווי איך האָב שוין אויבן געשריבן, האָט מען אָבער לכבוד יו"כ געמוזט אָנפולן 6 וואַגאָנען. מ'האָט געמאַכט וויניגער פויזע פון איין וואגן צום אַנדערן, און תיכף ווי מ'האָט אַוועק געפירט דעם פולן וואַגאָן, איז שוין געווען גרייט די קומענדיגע ליידיגע וואַגאָן אָנצופולן.

ווען די קומענדיגע קאָמאַנדאָ איז געקומען אונז איבער ווערקסלן, 2 אַזייגער מיטאָג, האָבן זיי דערציילט אַז אין לאַגער איז חושך. דער לאַגער פירער איז געוואָר געוואָרן אַז ס'זענען דאָ אַזעלכע ווערלכע פאַסטן היינט צוליב יו"כ, און ער וויל בשום אופן נישט צולאָזן אַז אַפילו איינער זאָל פאַסטן. דער לאַגער פירער מיט זיינע משרתים שטייען דאָרט און צווינגען יעדן איינעם צו עסן. אויב מען טרעפט אַ שטיקל ברויט ביי איינעם, נעמט מען דאָס צו פון אים. ער באַקומט נאָך אלץ צוגאַב אַ פּאָרציע מכות רצח, און ערשט דערנאָך מוז ער אויפעסן די זופּ וואָס מ'גיט.

איך האָב געהאַט ביי מיר 3 פּאָרציעס ברויט. וואָס טוט מען? ווי אַזוי גיט מען זיך אַן עצה? אויפן וועג צוריק צום לאַגער, האָב איך געבעטן 2 אידן צו נעמען פון מיר אַ פּאָרציע ברויט, און זיי ווערלן מיר דאָס אָפּגעבן שפּעטער. אויב מ'וועט דאָס צונעמען פון זיי וועט זיין פאַרפאַלן. מיט ציטער'דיגע געמיטער, זענען מיר צוריק אָנגעקומען אין לאַגער. וועגן מאַכן אַ מנין, האָט שוין נישט געקענט זיין קיין רעדע. ס'איז געווען בערך 2:30 מיטאָג, ווען מיר זענען צוריק געקומען פון די אַרבעט. אין הויף האָבן מיר נאָך געזען די תלי' מיט'ן איד דערויף ל"ע, הי"ד.

מיר זענען באַלד אַריין אין עס זאַל, וואו ס'האָבן זיך געדרייט די מלאכי חבלה אַכט געבן אַז קיינער זאָל חלילה נישט פאַסטן. מ'האָט געטיילט אַ זופּ פאַר יעדן. איך האָב דאָס אומבאַמערקטערהייט אַריינגעגאָסן אין טעלער פון מיין שכן ווערלכער האָט נישט געפאַסט, אַזוי איז מיין טעלער באַלד ליידיג געוואָרן. ווען מ'איז

צוגעקומען צו מיר זען צו איך עס, איז שוין מיין טעלער געווען ליידיג, מען האָט מיך נישט באַטאַפּט. קודם איז איין פּאָרציע ברויט וואָס איז געלעגן ביי מיר געווען גערעאַטעוועט. איין פּאָרציע האָב איך אויך שפּעטער צוריק באַקומען און דער צווייטער איד, פּאַר וועם איך האָב געגעבן צו האַלטן די דריטע פּאָרציע, האָט געזאָגט אַז מ׳האָט דאָס פון אים צוגענומען. איז דאָך פאַרפאַלן. בין איך געבליבן כאָטש מיט 2 פּאָרציעס ברויט.

אַזוי ווי מען האָט נישט געקענט מאַכן קיין מנין, איז יעדער געגאַנגען אויף זיין בעט זיך אָפּצוריען ביז צום אַפּעל אום 6:00 אַזייגער. איך בין אַריין אין בעט אינגאַנצן צובראָכן טראַכטנ׳דיג צו מיר. ״אַז מען קען נישט דאַווענען בציבור דאַווען איך בכלל נישט.״ איך האָב זייער נישט געוואָלט דאַווענען ביחידות. נאָכן אָפּליגן בערך אַ האַלבע שעה, מיט טרויעריגע מחשבות, האָב איך צו מיר געזאָגט. ״מיט וועמען טריצטו? מיט הקב״ה? וואָספאַראַ נאַרישקייט איז דאָס מיט׳ן אייבערשטן קען מען נישט טריצן״, און איך האָב אָנגעהויבן צו דאַוונען ביחידות מיט שטילע זיפצן, וויפיל כ׳האָב געקענט אויף אויסנווייניג.

אום 6:00 אַזייגער פאַרנאַכטס זענען מיר געשטאַנען ביים אַפּעל, אויסגעשטעלט ווי אַ ח. יעדער האָט זיך געקענט שטעלן נעבן וועם מ׳האָט געוואָלט, פּער 5 אין אַ שורה. מיר האָבן זיך געשטעלט אַפּאָר מנינים איינער נעבן אַנדערן, און געדאַוונט די שמ״ע פון נעילה, וואָס איינער האָט אָפּגעשריבן פון אויסעווענדיג אויף אַ פּאַפּיר פון אַ צימענט זאַק, ערב יום כיפור. פאַרשטייט זיך אַז מ׳האָט דאָס חלילה נישט געטאָרט באַמערקן, אָבער מ׳האָט ב״ה

געקענט דאַווענען מיט מנין. ביז מ׳איז פאַרטיג געוואָרן מיט׳ן ציילן האָבן מיר לכל הפחות אָפּגעדאַווענט נעילה מיט מנין.

מיט הערצער פול מיט האָפענונג, האָבנ׳דיג כאָטש איין תפילה געדאַוועגט מיט מנין, זענען מיר אַריינגעגאַנגען אין עס זאַל (אויספּאַסטן...) נאָכן אַפּעל. קיין סאַך האָב איך נישט געקענט עסן. מיין מאָגן איז נאָך אַלץ נישט געווען אין אָרדענונג. דאָנערשטאָג מיטאָג, אַ טאָג נאָך יום כיפור, ווען מיר זענען אַהיימגעקומען פון די אַרבעט, האָב איך אַביסל געגעסן אָבער איך האָב דאָס באַלד אויסגעבראָכן אין עס זאַל. עס איז געווען השגחה פּרטית אַז דער לאַגער דאָקטאָר, דר. רובינשטיין, איז פונקט דורכגעגאַנגען און האָט דאָס באַמערקט. (איך האָב דעמאָלס געאַרבעט פון אינמיטן די נאַכט ביז שבת מיטאָג, ווייל דעמאָלס האָט זיך געטוישט מיין שיפט, ד.ה. אַז זונטאָג ערב סוכות האָב איך געדאַרפט אָנהייבן אַרבעטן פון מיטאָג ביז 2:00 אַזייגער פאַרטאָג׳ס).

קאַפּיטל ניין אין פערציג

דער דאָקטאָר דער גוטער שליח

שבת מיטאָג ווען איך בין אַהיים געקומען פון די אַרבעט האָב איך מיך זייער שלעכט געשפירט. (איך האָב נישט געקענט עסן און נישט געקענט אַרויסגיין.) איך בין געגאַנגען צום דאָקטאָר זיך באַקלאָגן אויף מיין מאָגן, ער זאָל מיר געבן עפּעס אַ מעדעצין. אַזוי ווי ער איז דאָך דאָרט געווען דאָנערשטאָג ווען איך האָב געבראָכן, האָט ער מיר געגעבן "שוינונג" ביז מיטוואָך, ד.ה. אַז איך וועל נישט דאַרפן אַרויס גיין אַרבעטן דעם ערשטען און צווייטען טאָג סוכות, וואָס איז אויסגעפאַלן מאָנטאָג און דינסטאָג. על כל נשימה ונשימה תהלל קה.

זונטאָג אינמיטן די נאַכט, האָב איך מיך זייער שלעכט געשפירט. איך האָב ווידער געבראָכן. איך האָב אַפילו נישט געהאַט קיין צייט צו גיין צום ביהכ"ס נאָר איך האָב געבראָכן נעבן מיין בעט.

צופרי, ווען דער "בלאָק-עלטסטער", וואָס האָט געהייסן "גאבריעל" אַ פראַנצויזישער יוד, אַ רשע מרושע, איז דורכגעגאַנגען דעם בלאָק, האָט ער געזען אַז דאָרט איז אָנגעבראָכן, ווייל ס'איז דאָך נישט געווען מיט וואָס אויף צו וואַשן, האָט ער געפרעגט, "ווער האָט דאָס געטאָן?" קיינער האָט נישט געענטפערט, און איך אויך נישט. האָט ער געהייסן די אַלע וואָס זענען געווען אין די בעטן זאָלן אַראָפּ גיין. ווען ער האָט מיך געזען האָט ער פאַרשטאַנען אַז מסתם האָב איך דאָס געטאָן, ווייל ער האָט מיך דאָנערשטאָג בעפאָר אויך געזען ברעכן אין עס

זאַל. קודם האָט ער מיך שטאַרק געשלאָגן, און דערנאָך האָט ער געהייסן איך זאָל מאַכן 50 ״פּוש אַפּס״.

אָן קיין כח האָב איך דאָס געמאַכט, ווען דער ״בלאָק-עלטסטער״ באַגלייט דאָס מיט אַפּאָר גוטע פּעטש. עס האָט זיך מיר געגאָסן די טרערן, דערמאַנענדיג זיך בשעת מעשה פון די די גוטע צייטן פון דערהיים. ווי מען פלעגט אויפשטיין דעם ערשטן טאָג סוכות גאַנץ פרי אַז מ׳זאָל וואָס פריער אתרוג בענטשן, און דאָ דאַרף איך יעצט אויפשטיין צו מאַכן ״פּוש אַפּס״. ב״ה אַז איך האָב כאָטש נישט געדאַרפט אַרויסגיין אַרבעטן.

מיטוואָך, דעם ערשטן טאָג חוהמ״ס, איז געקומען צו אונזער לאַגער אַ קאָמיסיע פון אוישוויץ, אויסצוקלויבן די שוואַכע מענטשן וואָס זענען שוין נישט פעהיג צו אַרבעטן. מ׳האָט איינגערעדט אַז מ׳פירט די מענטשן אין אַ סאַניטאַריאָם, זיך צו ערהוילן און מיר האָבן זיי געגלייבט. מיר האָבן נישט געוואָלט גלויבן אַז ס׳איז דאָ אַ קראַמאַטאָריאָם, וואו מ׳פאַרברענט די מענטשן לעבעדיגערהייט. יענע מיטוואָך און דאָנערשטאָג איז געווען די לעצטע ״סעלעקציע״ (מ׳האָט אויסגעוועלט און אויסגעקליבן ווער עס זאָל בלייבן און ווער עס זאָל גיין...).

אויך אין די אַנדערע לאַגערן וואָס האָבן געהערט צו אוישוויץ, און אין אוישוויץ אַליין, האָט מען אין יענעם טאָג אויסגעקליבן, די אַלע וואָס זענען נישט ראוי מער צו אַרבעטן, יונגע און אַלטע. שפּעטער האָבן מיר ערשט אויסגעפונען וואָס ס׳איז ליידער געוואָרן מיט זיי. די וואָס זענען געווען אין אוישוויץ אַליין האָבן ליידער יאָ געוואוסט אָבער זיי האָבן סיי ווי גאָרנישט געקענט טאָן.

אונזער לאַגער דאָקטאָר, דאָקטאָר רובינשטיין, האָט געהאַט דאָס לעצטע וואָרט ווען מ׳זאָל צוריק שיקן.

יענעם מיטוואָך צופרי, בין איך נאָכאַמאָל געגאַנגען צום דאָקטאָר זען אויב איך וועל ווייטער זיין אויף ״שוינונג״ ביז מאָנטאָג, אָדער ער וועט מיך שוין דעם נעקסטן טאָג שיקן אַרבעטן. מיין עיקר כוונה איז געווען אַז דער דאָקטאָר זאָל מיך אויך צוריק שיקן מיט די אַנדערע מענטשן וואָס מ׳שיקט צוריק קיין אוישוויץ.

דער דאָקטאָר האָט מיר געגעבן ווייטער ״שוינונג״ ביז דעם אַנדערן זונטאָג, הושענא רבה. דאָס האָט געמיינט אַז מען שיקט מיך נישט צוריק קיין אוישוויץ, נאָר איך בלייב דאָ ווייטער אַרבעטן. איך האָב פּרובירט אויסצוניצן פּראָטעקציע אַז מ׳זאָל מיך יאָ צוריק שיקן... איך האָב מיך געוואָנדען צו איין ״בלאָק-עלטסטער״, אַ דעברעצינער, כ״ץ באנדי. דעמאָלס האָב איך אים אַוועק געגעבן די 20 פּענגאָס וואָס כ׳האָב נאָך געהאַט באַהאַלטן פון אוישוויץ, אפשר וועט ער קענען עפּעס אויפטאָן, אָבער איך האָב (ב״ה) ביי קיינעם נישט געקענט גאָרנישט פּועל׳ן.

אויף דעם איז געזאָגט געוואָרן ״אַ מענטש טראַכט און דער אויבערשטער לאַכט״, יושב בשמים ישחק. עס איז געווען ניסי ניסים אַז מען האָט מיך ב״ה נישט צוריק געשיקט, און דער גוטער שליח דערצו איז געווען דאָקטאָר רובינשטיין.

מיטוואָך נאָכמיטאָג בין איך נאָכאַמאָל אַריין אין ״דאָקטאָר׳ס אָפּיס״. דאָרט איז געווען אַן אַנדערער דאָקטאָר אויך, אַ איד, דאָקטאָר ״ווייל״. איך בין צו אים

צוגעגאַנגען און האָב אים געזאָגט אַז איך שפּיר זיך זייער נישט גוט. אַזוי ווי דער הויפּט דאָקטאָר - דאָקטאָר רובינשטיין - האָט מיך דערזען, האָט ער מיך געפרעגט, ״וואָס טוסטו דא? דו ביזט שוין היינט דא געווען?״ האָט אים דער דאָקטאָר ״ווייל״ געזאָגט, ״ער שפּירט זיך נישט גוט וועגן דעם איז ער געקומען״.

דאָקטאָר רובינשטיין האָט אים געהייסן ער זאָל נעמען פון מיר דעם טעמפּעראַטור (מעסטן דעם פיבער), אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין פיבער. האָט דאָקטאָר רובינשטיין געזאָגט אויף פּויליש פאַר דאָקטאָר ווייל׳ן ״ער וויל איך זאָל אים צוריקשיקן קיין אוישוויץ, וועגן דעם קומט ער אַזויפיל מאָל, אָבער איך וויל אים דוקא נישט צוריק שיקן!״, און דאָקטאָר רובינשטיין איז צוגעקומען צו מיר, אַראָפּ געלאָזט 2 פּעטש און געזאָגט אויף מאַמע לשון, אויף אידיש, ״וואָס מיינסטו, אַז דו ביזט אין די ישיבה? דו קענסט גיין צום דאָקטאָר וויפיל מאָל אין טאָג דו ווילסט? דו ביזט שוין געווען היינט ביי מיר, גיי שוין אַרויס!״ ער האָט מיך ממש אַרויסגעוואָרפן פון אָפּיס.

דאָנערשטאָג איז שוין געווען צוזאַמגעשטעלט די ליסטע פון די וועלכע זענען אויסגעקליבן געוואָרן ליידער צו גיין אין ״סאַניטאַריאָם״. בערך 50 מענטשן זענען ליידער געוואָרן אויסגעקליבן, אויך אַסאַך היימישע באַקאַנטע, ווי ר׳ ישראל אייזנבערג הי״ד פון דעברעצין, ר׳ יעקב ענגל הי״ד פון טאקאי, הרב ר׳ ברוך האגער, דער ווישעווער רב הי״ד, א.א.וו.

פרייטאָג פאַרנאַכטס נאָכן אַפּעל, האָט מען די אַלע אַרויפגעלייגט אויף אַ טראָק. מ׳האָט פון זיי צוגענומען די איינציגע זאַך וואָס מ׳האָט דאָרט פאַרמאָגט, אַ לעפל מיט וואָס מ׳האָט געגעסן. מ׳האָט זיי געזאָגט אַז דאָרט וועט מען זיי געבן אַנדערע. פרייטאָג נאַכט ד׳ דחוה״מ סוכות, זענען זיי אַוועק געפאָרן פון אונז, און ליידער ווי מיר האָבן שפּעטער געהערט, האָט מען זיי באַלד געפירט אין ״סאַניטאַריאָם״... קיין אוישוויץ. ד.ה. זייער יאָרצייט איז איין טאָג פאַר הושענא רבה הי״ד.



ביים אריינגאנג צו דעם שפיטאָל ״האלע דער קראנקן״

קאַפּיטל פופציג

די מכה פאַר אַ רפואה

זונטאָג הושענא רבה, בין איך נאָכאַמאָל געגאַנגען צום דאָקטאָר, און ער האָט מיך צוריק געשיקט איך זאָל גיין אַרבעטן. מ׳האָט מיך דעמאָלס איינגעטיילט אַז איך זאָל גיין אין די קאָמאַנדאָ צייל-באַן. די אַרבעט דאָרט איז געווען, אַזוי ווי אויבן דערמאַנט, אויסצוהאַקן גרויסע דיקע ביימער, פון וועלכע מ׳האָט געמאַכט גרויסע דיקע שטאַנגען צו האַלטן די דראָטן, וואָס האָבן געזאָלט פירן די צייל-באַן מיט שטיינער פון די בערג, גראָד צו די צימענט פאַבריק.

נאָכן אָפּשניידן דעם בוים, האָבן דאָס 2-3 מענטשן געטראָגן אויף דעם פּלאַץ וואו מ׳האָט באַשטימט דאָס אַריינצוגראָבן אין צעמענט. דאָרט האָט מען גוט אַרומגעפּוצט דעם בוים פון אַלע צווייגן, און אָפּגעהויבלט. ווען ס׳איז שוין גרייט געווען האָט מען דאָס אַריינגעבויט אין צימענט.

די קאָמאַנדאָ האָט געאַרבעט פון 6:00 אַזייגער צופרי ביז 6:00 אַזייגער פאַרנאַכטס. שמיני עצרת בייטאָג האָב איך אָנגעהויבן נאָכאַמאָל צו אַרבעטן. ס׳איז שוין געווען דעמאָלס גוט קאַלט.

אַרום מיטאָג צייט, האָב איך געשפּירט אַ ווייטאָג אין די רעכטע קני פון מיין פוס. איך האָב דאָס באַקוקט און געזען אַז ס׳איז דאָרט דאָ אַ קליינע מכה. ס׳האָט זייער וויי געטאָן. פאַרנאַכטס, ווען מ׳איז צוריק געגאַנגען צום לאַגער, האָב איך שוין כמעט נישט געקענט גיין. 2

מענטשן האָבן מיך געמוזט העלפן אָנצוקומען צום לאַגער. איך בין באַלד געגאַנגען צום דאָקטאָר. דער פוס איז געווען זייער געשוואָלן און ס׳האָט זיך געצויגן אַ רויטער שטראך ביז העכער די קני. איך האָב געהאַט שמערצליכע יסורים. דער דאָקטאָר האָט מיר נאָכאַמאָל געגעבן "שוינונג" ביז מיטוואָך. געלויבט דער אויבערשטער, כ׳האָב נישט געדאַרפט אַרבעטן שמחת תורה. איך האָב געהאַט גרויסע יסורים, אָבער קיין מעדעצין האָט מען נישט געגעבן, נאָר מ׳האָט עס סתם אַזוי געלאָזט אָן קיין באַהאַנדלונג.

מיטוואָך בין איך נאָכאַמאָל געגאַנגען צום דאָקטאָר. פון די וואונד איז געוואָרן אַ גרויסע אינפעקשאָן, און איך האָב געהאַט הויך פיבער. (אין אונזער לאַגער איז אויך געווען אַ שפיטאָל וואו ס׳זענען געווען אידישע דאָקטורים, גרויסע כירורגן ספעציאַליסטן, וואָס זיי פלעגן מאַכן פאַרשידענע אַפּערעישאַן׳ס אויפן מאָגן וכדומה. די רשעים ימ"ש, די עס. עס., וואָס אַ טייל פון זיי זענען געווען דאָקטורים, זענען אַלץ געשטאַנען ביי די אַפּערעישאַן׳ס. זיי האָבן זיך געלערנט פון די אידישע דאָקטורים). ווי דער דאָקטאָר האָט געזען די אינפעקשאָן אויף מיין פוס, האָט ער דאָס גוט פאַרבינדן, און מיך באַלד אַריינגעלייגט אין שפיטאָל. ער האָט מיר געזאָגט אַז מאָרגן ד.ה. דאָנערשטאָג, וועט ער מיך אַפּערירן און אַרויסשניידן דעם אינפעקשאָן.

אין שפיטאָל איז דער מצב בעסער געווען אין אַלע הינזיכטן. קודם כל איז דאָרט געווען וואַרעם, און מ׳האָט נישט געדאַרפט גיין אַרבעטן. דאָס עסן איז אויך געווען אַביסל מער, במילא איז געווען אַ מציאה צו זיין אין שפיטאָל. פון שפיטאָל פענסטער, האָב איך אַרויסגעזען אין הויף וואו מ׳שטייט צום אַפּעל 2 מאָל אַ טאָג און ווי מ׳גייט אַרויס צו די אַרבעט.

איך האָב געליטן געוואַלדיגע יסורים, און מ׳האָט מיר נישט געגעבן קיין שום פאַרטייבונגס מעדעצין. דער דאָקטאָר האָט נישט אָנגעזאָגט אין שפּיטאָל אַז מ׳זאָל מיר נישט געבן דאָנערשטאָג צופרי צו עסן, אַזוי ווי דער סדר איז פאַר אַן אַפּעראַציע. דאָנערשטאָג נאָכמיטאָג בין איך אַראָפּ פון בעט צו גיין אין ביהכ״ס. דער דאָקטאָר, וואָס איז פּונקט דאָרט געווען און האָט מיך געזען, האָט זיך דערמאַנט אין מיר און באַלד געזאָגט פאַר דעם שפּיטאָל דאָקטאָר אַז מאָרגן צופרי זאָל ער מיר נישט געבן צו עסן, און ער וועט מיך מאָרגן צופרי ד.ה. פרייטאָג, אַפּערירן.

פרייטאָג פאַרטאָג׳ס האָב איך געשפּירט אַז דער פוס איז מיר בעסער געוואָרן. די יסורים האָבן אַביסל נאָכגעלאָזט. כ׳האָב נישט געוואוסט פאַרוואָס, ווייל דער פוס איז דאָך געווען פאַרבינדן און איך האָב נישט געקענט זעהן וואָס ס׳טוט זיך אויף דעם פוס.

צופרי האָט מען מיך אַריינגעפירט אין דעם אָפּעראַציע צימער און מיך צוגעבינדן צום בעט. מ׳האָט מיך געדאַרפט איינשלעפן. (די פּראָצעדור פון איינשלעפן איז אַזוי צו געגאַנגען. מ׳האָט אָנגעשמירט די נאָזלעכער מיט עפּעס אַ זאַלב. און מ׳האָט אויף דעם אַרויפגעלייגט אַ טוך וואָס איז געווען דערויף פאַרשידענע מעדעצינען ״עטער״ וכדומה. ס׳איז נישט געווען קיין גרינגע זאַך דעמאָלס איינצושלעפן.) ווילאַנג מ׳האָט זיך געפּאָרעט מיט׳ן איינשלעפן, האָט אַן אַנדערער דאָקטאָר אַראָפּ געשניטן דעם באַנדאַזש פון די פיס. דער דאָקטאָר האָט באַטראַכט דעם פיס און געזען אַז די מכה האָט געפּלאַצט פון זיך אַליין. ס׳איז געווען פול מיט בלוט און אייטער, און ס׳האָט שוין נישט אויסגעפּעלט

אויפצושניידן די מכה, נאָר מ׳האָט דאָס געמוזט אויסרייניגען.

דא האָט זיך דער עס. דאָקטאָר אָנגערופן אַז מ׳דארף מיך שוין נישט איינצושלעפן. דער אידישער דאָקטאָר האָט געוואוסט אַז אָן איינשלעפען איז דאָס אויסרייניגן אויך גרויסע יסורים, און עס פעלט יאָ אויס איינצושלעפן, אָבער דער ימ״ש, דער עס. עס., האָט נישט געוואָלט לאָזן. ער האָט געזאָגט אַז ס׳איז אַ שאָד פאַר דעם איינשלעף מעדעצין, און דער דאָקטאָר האָט נישט געהאַט קיין ברירה, ער האָט זיך נישט געקענט קעגן שטעלן.

דער דאָקטאָר רובינשטיין האָט זיך גענומען צו די אַרבעט (ער איז אויך געווען אַ כירורג). ער האָט אויפגעשניטן אויף 2 זייטן פון וואו די מכה האָט געפּלאַצט, און ער האָט אָנגעהויבן פון אונטער די הויט צוקראַצן דאָס לעבעדיגע פלייש, ביז ער האָט אַרויס געקראַצט דאָס גאַנצע בלוט און אייטער. איך האָב געהאַט יסורי איוב, אָבער איך האָב מיך נישט געקענט וואַרפן ווייל איך בין געווען צוגעבינדן צום בעט. איך האָב זייער געשריגן אָבער ס׳האָט מיר גאָר נישט געהאָלפן.

(דאָקטאָר רובינשטיין האָט געזאָגט אַז אויב ער וועט אי״ה באַפרייט ווערן, וועט ער מער נישט קענען זיין קיין דאָקטאָר, ווייל ער איז שוין אין לאַגער אַפּאָר יאָר, און האָט געמוזט טאָן זאַכן וואָס זענען נישט לויט די דאָקטאָר׳ס פאָרשריפטן, אין היגענישע זאַכן, לינדערן יסורים, וכדומה. ער האָט זיך ליידער געמוזט צוגעוואוינען צו זאַכן וואָס איז נישט אויסגעהאַלטן לויט די מעדעצינישע-מענטשליכע פאָרשריפטן, האָט ער מורא אַז ער וועט חלילה אויך ווייטער, טאָן די זאַכן וואָס ער האָט געטאָן אין לאַגער. ער איז געווען זייער אַן

אָרנטליכער מענטש, אַזוי ווי איך האָב געשריבן אַז ער האָט מיך בעזה״ש מציל געווען פון צוריק שיקן קיין אוישוויץ. ער האָט יאָ געוואוסט וואָס גייט פאָר אין אוישוויץ).

ווען ער איז פאַרטיג געוואָרן מיט׳ן רוצח׳ישן אָפּעראַציע, האָט ער דאָס פאַרבינדן און מיך צוריק געפירט אין שפּיטאָל. איך האָב נאָך געהאַט פיבער, האָט מען מיך געהאַלטן דאָרט עטליכע טעג ביז דער פיבער וועט אַוועק גיין. מ׳האָט געמאָסטן דעם פיבער 2 מאָל אַ טאָג, צופרי און פאַרנאַכטס. נאָך עטליכע טעג האָב איך געשפּירט אַז איך האָב שוין נישט קיין פיבער, האָב איך פאַרשטאַנען אַז מ׳וועט מיך אַרויסשרייבן פון שפּיטאָל.

עס איז מיר דורך אַ סקרוך אין די ביינער, און ס׳איז ממש אַ שאָד געווען אַרויסצוגיין פון שפּיטאָל. קודם כל איז אין דרויסן געווען זייער קאַלט. איך האָב געזען וואָס ס׳טוט זיך אין דרויסן, דורך דעם פענסטער וואָס איז געווען פון שפּיטאָל צום הויף. אויך דאָס עסן איז בעסער געווען אין שפּיטאָל, און עס האָט זיך מיר אינגאַנצן נישט געגלוסט אַרויסצוגיין. וואָס האָב איך געטאָן? יעדעס מאָל, ווען דער דאָקטאָר האָט מיר געגעבן צו מעסטן דעם פיבער, האָב איך מיט די הענט דעם גראַד געריבן, און אַזוי איז דער גראַד אַרויפגעגאַנגען, ווייזענדיג אַז איך האָב פיבער, און אַזוי האָב איך געקענט בלייבן דאָרט נאָך אַ גאַנצע וואָך, אַפילו איך האָב שוין אין אמת׳ן נישט געהאַט קיין פיבער.

דעם לעצטן טאָג, איידער מ׳האָט מיך אַרויסגעשריבן, האָב איך על פי טעות צופיל אַרויפגערוקט דעם גראַד. דער דאָקטאָר האָט פאַרשטאַנען אַז ס׳איז נישט מעגליך איך זאָל האָבן אַזויפיל פיבער,

האָט ער מיר געהייסן אַראָפּקומען פון בעט און מיך זעצן נעבן אים. ער האָט אַכטונג געגעבן אויף מיר ביז כ׳וועל אַרויסנעמען דעם גראַד פון אונטער די אָרעם. פאַרשטייט זיך אַז איך האָב נישט געהאַט קיין פיבער, ווייל נעבן אים האָב איך נישט געקענט אַרויפרוקן די טעמפּראַטור. ווי ער האָט געזען אַז כ׳האָב נישט קיין פיבער האָט ער מיך באַלד אַרויסגעשריבן פון שפּיטאָל. סך הכל בין איך געוועזן נאָך די אַפּאַראַציע 2 וואָכן אין שפּיטאָל, ב״ה פאַר דעם.

בשעת איך בין געלעגן אין שפּיטאָל, איז אויך געלעגן דאָרט דער שטאַטוס-קוואָ ראַבינער פון נירעדהאַז. ער האָט געהאַט אַ קליינעם תנ״ך מיט זיך. ער האָט מיר איינמאָל געבאָרגט דעם תנ״ך און כ׳האָב געקענט אויסזאָגן גאַנץ תהלים אויף איינמאָל. אויך איז געלעגן דעמאָלס דאָרט הרה״ח מו״ה הערצקא ווידער ז״ל, אַ זון פונ׳ם נירעדהאַזער רב, הרה״ג מוה״ר שלמה דוב זצ״ל.

ווען מ׳האָט מיך אַרויסגעשריבן פון שפּיטאָל, האָט מען מיך נאָך נישט געשיקט באַלד אַרבעטן. דער דאָקטאָר האָט מיר געגעבן שוינונג, ביז די מכה וועט זיך פאַרהיילן.

(ווען איך בין אַרויס פון שפּיטאָל, האָט דער דאָקטאָר פאַרבינדן די קני. אַזוי ווי די קני האָט געהאַט אַ גרויסע עפענונג אין דערמיט, וואָס ס׳איז געוואָרן ווען די מכה האָט פון זיך אַליין געפּלאַצט, און די 2 זייטן פון די עפענונג האָט דער דאָקטאָר בשעת די אַפּאַראַציע אויפגעשניטן, כדי ער זאָל קענען גוט אויסרייניגן די מכה, אַזוי איז די גאַנצע הויט אונטער די קני געוואָרן ווי אַ גרויסער טונעל. האָט ער דאָס אַזוי פאַרבינדן, אַז אין איין שניט האָט ער אַריינגעלייגט אַ שטיקל גאָ״ז און אין די אַנדערע שניט האָט ער דאָס דורכגעצויגן. קיין שום זאַלב אָדער מעדעצין האָט ער נישט געגעבן, נאָר פּשוט פאַרבינדן, און אַזוי האָט זיך דאָס געזאָלט פאַרהיילן פון זיך אַליין).

אַזוי ווי איך בין געווען אויף ״שווינונג״, האָב איך גערדאַרפט גיין יעדן מיטוואָך און זונטאָג צום דאָקטאָר זען אויב די מכה האָט זיך שוין אויסגעהיילט. פאַרשטייט זיך אַז איך האָב נישט געוואָלט אַז ס׳זאָל זיך שנעל פאַרהיילן, דערפאַר האָב איך יעדעס מאָל, נאָכדעם ווי איך בין אַרויס פון דאָקטאָר, אַרויסגענומען די גאָ״ז וואָס ער האָט אַריינגעלייגט כדי ס׳זאָל זיך נישט היילן. איידער איך בין צוריק געגאַנגען צו אים, האָב איך אויפגעריסן דעם וואונד און צוריק געלייגט די גאָזע.

אַזוי האָב איך געצויגן נאָך גאַנצע 4 וואָכן וואָס כ׳האב נישט גערדאַרפט אַרויסגיין צו די אַרבעט. דעמאָלס זענען געווען די שווערסטע טעג, ווייל דער ווינטער האָט זיך אָנגעהויבן און די קליידונג אַרויסצוגיין אַרבעטן זענען נישט געווען גענוג וואַרעם. ב״ה זכות אבות איז מיר ביי געשטאַנען אַז איך האָב געקענט בלייבן אין לאַגער 6 וואָכן. דער לאַגער אַליין איז געווען געהייצט מיט צענטראַל הייצונג, איז דאָרט נישט קאַלט געווען.

די קאָך, וואו מ׳האָט געקאָכט פאַר די לאַגער מענטשן, איז אויך געווען אין די לאַגער בילדינג. (מ׳האָט מיך אַסאַך מאָל גענומען, בשעת איך בין געווען אין ״שווינונג״, אין די קאָך צו העלפן שיילן פּאָטעטאָס וכדומה.) אין לאַגער איז געווען אַ 12-13 יעַריג יונגל, אַן אייניקל פון הגה״ק ר׳ אברהם׳לע מטשעכענאוו זצ״ל, (איך געדענק שוין נישט ווי אַזוי ער האָט געהייסן, אפשר נחמן.) וואָס די עס. עס. ימש״ו האָבן אים געניצט אַלס זייער משרת. ער איז געווען זייער אַ וואויל קינד און איז אייביג געווען אין די קאָך.

ער האָט מיך זייער מקרב געווען. בשעת איך בין געווען אין שוינונג האָט ער מיך אַריינגענומען אין די קאָך ווען ער האָט נאָר געקענט, וואו איך האָב געהאָלפן שיילן קאַרטאָפל וכדומה. אינאײנוועגס האָט מען דאָרט געקענט עפּעס איבערבייסן.

נאָך די 6 וואָכן וואָס איך האָב נישט געאַרבעט (2 וואָכן אין שפּיטאָל און 4 וואָכן אין שוינונג). בין איך צוריק אַרבעטן, אָבער איך האָב שוין געאַרבעט נאָר אין לאַגער אַליין. איך האָב נישט געדאַרפט אַרויסגיין פון דעם שטח פון גאַנצן לאַגער. איך פלעג אַרבעטן אין די צימענט פאַבריק וואָס האָט אויך באַלאַנגט צום לאַגער. מ׳האָט געדאַרפט אויפלאָדענען צימענט זעק אויף טראָקס אָדער אויף באַן וואַגאָנען, און מ׳האָט געדאַרפט אויסלאָדענען פון די וואַגאָנען קוילן און נאָך פאַרשידענע עבודת הפרך. לייכט איז עס פאַרשטייט זיך נישט געווען.

אָבער דאָך האָב איך נישט געדאַרפט אַרויסגיין עטליכע מייל יעדן טאָג צו און פון די אַרבעט, וואָס דאָס אַליין איז געווען אַ גרויסע אָפּקומעניש.

די וואָס זענען נפטר געוואָרן דאָרט אין לאַגער, האָט מען ליידער צוריק געפירט קיין אוישוויץ. לויט ווי איך געדענק צווישן אַנדערע, זענען דאָרט נפטר געוואָרן הרב ר׳ ברוך׳ל הי״ד אב״ד ווישעווע, און ר׳ משה שטערן פון מאקעווע הי״ד.

אַמאָל, אַמאָל, פלעגט מען צוגעבן צום ברויט אַ שטיקל מאַרגאַרין. פאַר חנוכה האָב איך אָפּגעשפּאָרט אַפּאָר שטיקלעך מאַרגאַרין, מיט וואָס איך האָב געצינדן חנוכה ליכט. זעלבסט פאַרשטענדליך אַז איך האָב דאָס

געצינדן זייער באַהאַלטן, מ׳זאָל דאָס חלילה נישט באַמערקן.

די אַרבעט אין לאַגער איז אַלץ שווערער געוואָרן, ווייל ס׳איז געווען ווינטער, און עס איז געווען זייער קאַלט. וואָס אָנצוטאָן איז נעבעך נישט געווען, נאָר איין העמד, איין הויז, איין רעקל און איין מיטצע (קאַפּל). די מענטשן וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אַרבעטן אינדרויסן פון לאַגער, האָבן מורא׳דיג געליטן פון די ביטערע קעלט.

דאָרט אין דעם לאַגער אין גאָלעשוי, איז אויך געווען צוזאַמען מיט מיר הרב ר׳ דוד טייטלבוים הי״ד, וואָס איז געווען אַ פּליט פון סלאוואקיי, און האָט געוואוינט ביי אונז אין דעברעצין. ער איז געווען אין בונקער צוזאַמען מיט מיר, און האָט נעבעך זייער שווער געאַרבעט. איינמאָל האָט ער מיך געבעטן אַז פאַר מ׳גייט שלאָפן, זאָל איך אים פאַרבינדן זיין האַנט ביים אַקסל, העכער זיין עלענבויגן, מיט אַ האַנדטוך מיט׳ן גרעסטן כח וואָס איך קען, כדי דאָס בלוט זאָל נישט קענען צירקולירן אַ גאַנצע נאַכט. ער האָט געהאָפט אַז די האַנט וועט געשוואָלן ווערן ביז צופרי, און אַזוי וועט ער אפשר נישט מוזן אַרויסגיין אַרבעטן. ליידער האָט דאָס נישט געהאָלפן, כאָטש די האַנט איז געשוואָלן געוואָרן האָט ער דאָך געמוזט גיין אַרבעטן.

בערך אינמיטן חודש דעצ׳ האָט מען געברענגט צו אונז אין לאַגער נייע אַרבעטער, 25 אונגאַרישע, שטאַרקע אָנגעפרעסענע, געזונטע ״כלאַפּאַקעס״, גוים-רוצחים פון אונגאַרן, וואָס האָבן געקענט אַרבעטן. זיי זענען נאָך נישט געווען אויסגעהונגערט.

אַפּאָר טעג נאָך זייער אָנקומען, האָבן 2 פון זיי געמאַכט אַ פליטה פון לאַגער. ביים אַפּעל פאַרנאַכט׳ס, נאָכדעם וואָס זיי זענען נעלם געוואָרן, האָט מען פון די איבריגע 23 אויסגעקליבן 5. קודם האָט מען פאַר יעדן פון זיי געגעבן מיט׳ן גרעסטן כח 25 שמיץ, און מ׳האָט אויסגערופן ביים אַפּעל אַז אויב ביז 48 שעה וועט מען די צוויי מענטשן נישט טרעפן, דעמאָלס וועט מען די 5 נעמען אַנשטאַט זיי און מ׳וועט זיי הרג׳ענען. מ׳האָט געוואָלט דורך דעם אָפּשרעקן די אַנדערע אַז זיי זאָלן אַפילו נישט חלום׳ן פון אַנטלויפן.

דעם נעקסטן אינדערפרי, ווען מיר זענען אַראָפּ געגאַנגען אין עס זאַל, האָבן מיר געזען די צוויי אַנטלאָפענע ליגן דאָרט אין אַ טייך בלוט. מ׳האָט זיי געכאַפּט, צוריק געברענגט אין לאַגער, און דאָרט האָט מען זיי דערשאָסן ביי די שטיגן וואו מ׳גייט אַריין און אַרויס. כן יאבדו כל אויביך ה׳ וכו׳.

דער ווינטער האָט זיך אַזוי געצויגן מיט די גרויסע קעלט אָן קיין געהעריגע קליידונג. די וואָס האָבן געאַרבעט אין די צימענט פאַבריק, ביים פּאַקן דעם צימענט אין פּאַפּירענע זעק, האָבן זיך געמאַכט פון אַ גרויסן זאַק אַזוי ווי אַ העמד און דאָס אָנגעטאָן אונטער די קליידער, זיך צו באַשיצן פון די גרויסע קעלט (נישט לשם ענוי). אויב מ׳האָט איינעם געטראָפן מיט אַ זאַק אונטער זיינע קליידער, האָט ער באַקומען אַ גרויסע שטראָף, אָבער מ׳האָט זיך דאָך איינגעשטעלט און גע׳גנב׳עט אַ פּאַפּירענעם זאַק און אָנגעטאָן.

אַזוי האָבן מיר געאַרבעט ביז עש״ק פרשת בא אין יאָר תש״ה. די גאַנצע צייט האָבן מיר נישט געהאַט קיין תפילין אָדער עפּעס אַ ספר, אויסער איין סעט תנ״ך, וואָס דער נירעדהאַזער ראבינער האָט געהאַט מיט זיך. דאָס איז נישט געגאַנגען פון איינעם צום צווייטן, נאָר ער האָט דאָס געהאַלטן ביי זיך באַהאַלטענערהייט ווי פאַרשטענדליך.

אויך איז געווען איינער יאַקאָב (יעקב), וועלכער איז געווען אַ גאַנצער מיוחס ביי די עס. עס. און איז געווען אַ גאַנצער יוצא ונכנס ביי זיי. ער האָט אַפילו געגעסן זייער עסן. ער האָט געהאַט באַהאַלטן אַפּאָר תפילין. אַמאָל, אַמאָל, פלעג ער דאָס געבן באַהאַלטענערהייט אָנצוטאָן, פאַר וועם ער האָט געהאַט צוטרוי.

די חרוב געוואָרענע צימענט פאַבריק

קאַפּיטל איין און פופציג

מען עוואַקואירט דעם לאַגער

פרייטאָג מיטאָג עש״ק פ׳ בא, האָט מען פלוצלונג אַריינגעברענגט אַלע קאָמאַנדאָס וואָס האָבן געאַרבעט אויסערן לאַגער, און אויך אַלע וואָס האָבן געאַרבעט אין לאַגער אַליין. מ׳האָט געמאַכט אַן אַפּעל אינמיטן טאָג, און מ׳האָט אויסגערופן אַז מ׳גייט שוין דעם נאָכמיטאָג עוואַקואירן (אַוועק פירן) דעם גאַנצן לאַגער צופוס. נאָר די קראַנקע וואָס זענען אין שפּיטאָל, וועט מען פירן מיט טראָקס.

פאַרנאַכט׳ס האָט מען פאַר יעדן געגעבן איין שטיקל ברויט און איין קאָלדרע (קאָץ), און דער גאַנצער לאַגער בערך 900 מענטשן האָבן אָנגעהויבן דעם מאַרש. מיר זענען געגאַנגען די גאַנצע נאַכט. ס׳איז געווען גאָר אַ גרויסער שניי, ממש ביז העכער די קני. מיר האָבן געקענט זען פון דערווייטענס דער הימל באַלויכטן פון די שטאַרקע באַשיסונגען, און מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז דער פראָנט פונ׳ם שונא איז נישט ווייט פון וואו מיר זענען. אָבער הרשעים כים נגרש, זיי האָבן נישט נאָכגעלאָזט, נאָר פשוט געוואָלט ווי מער אויספּלאָגן די שוואַכע מענטשן.

ווער ס׳האָט נישט געהאַט קיין כח מער צו גיין האָט מען גלייך אויפן אָרט דערשאָסן ל״ע. איך האָב ליידער צוגעזען אַרום 25 מענטשן, וואָס זייער קערפּער איז געבליבן ליגן אינמיטן וועג הי״ד.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר מאַרשירט, נישט טרויענדיג זיך אָפּצושטעלן אויף אַ מינוט. שבת פאַרטאָגס

זענען מיר אָנגעקומען אין אַ דאָרף, וואו מ'האָט אונז אַריינגעלייגט אין אַ גרויסע בילדינג, אָן קיין עסן און טרינקען. פאַרנאַכטס (שלוש סעודות) האָט מען אונז באַפוילן ווייטער צו מאַרשירן אַ גאַנצע נאַכט מוצאי ש״ק. זונטאָג אינדערפרי זענען מיר אָנגעקומען קיין גלייוויץ, נישט ווייט פון אוישוויץ, צו אַ באַן סטאַנציע. דאָרט זענען שוין געווען אַנדערע העפטלינגען, וועלכע מ'האָט עוואַקואירט פון אַנדערע לאַגערן. מ'האָט אונז אַלע אַריין געלייגט אין בהמה וואַגאָנען, 90-100 מענטשן אין איין וואַגאָן.

אָן קיין שום עסן און טרינקען, אָדער אנדערע מענטשליכע געברויכן, זענען מיר געשטאַנען צוגעפּרעסט איינער צום אַנדערן, ווי הערינג אין אַ פאַס. צו זיצן אָדער זיך אַראָפּצולייגן, פון דעם איז נישט געווען קיין רעדע, אָבער אַפילו שטיין איז קוים געווען פּלאַץ. דעם צווייטן טאָג פון פאָרן איז שוין ליידער געוואָרן מער פּלאַץ, ווייל אַסאַך מענטשן זענען ליידער אומגעקומען אין די וואַגאָנען. מען האָט די נפטרים צוזאַמען געלייגט איינעם אויפן אַנדערן, און ס'איז געוואָרן מער פּלאַץ פאַר די לעבעדיגע.

אַזוי איז מען געפאָרן ביז מיטוואָך צופרי. די גאַנצע צייט האָט מען נישט געגעבן קיין שום עסן און טרינקען, נאָר מ'האָט דערהאַלטן דאָס חיות פון די שניי וואָס איז געפאַלן. מיר זענען דאָך געפאָרן אין אָפענע וואַגאָנען אָן קיין דאַך, האָבן מיר כאָטש געהאַט אַ ביסל שניי, וואָס מ'האָט אונז צוגעשיקט פון הימל. מיטוואָך צופרי זענען מיר אָנגעקומען צו אַ סטאַנציע, וואו מ'האָט אויפגעמאַכט די טירן פון די וואַגאָנען און געהייסן יעדן אַרויסגיין. מיר האָבן אַרויסגענומען די אַלע נפטרים. ס'איז ליידער

געוועז אַסאַך אין יעדן וואַגאָן. זיי זענען געוועז געפּראָרן ווי אַ שטיק אייז. מ׳האָט זיי געלייגט איינעם אויפן אַנדערן אינדרויסן נעבן די טיר פון יעדן וואַגאָן. (וואָס ס׳איז געוואָרן מיט זיי ווייס איך נישט.)

ווען די וואַגאָנען זענען געוועז ליידיג, האָט מען יעדן געהייסן צוריקגיין אין וואַגאָן. אַזוי ווי די נפטרים זענען געלעגן נעבן די אָפענע טיר פון וואַגאָן, האָבן מיר נישט געהאַט קיין ברירה, נאָר דורכצוגיין אויף די קערפּער פון די נפטרים הי״ד. (זיי זאָלן אונז מוחל זיין).

ווען איך בין צוריק אין מיין וואַגאָן, האָב איך געטראָפן דאָרט אַ שטיקל פאַרבלוטיגט ברויט. ס׳איז געוועז אַזוי פאַרפראָרן אַז כ׳האָב דאָס בשום אופן נישט געקענט קייען. כ׳האָב געהאַלטן אַ שטיקל אין מיין מויל און ס׳האָט זיך צוביסלעך אויפגעלאָזט.

מ׳איז נאָך געפאָרן אַ שטיקל צייט, ביז מ׳איז אָנגעקומען אין באַנהויף פון די שטאָט אראַנענבורג (נישט ווייט פון בערלין). דאָרט זענען אויך אָנגעקומען אַסאַך אַנדערע העפטלינגען פון פאַרשידענע לאַגערן וואָס זענען געוועז נעבן אוישוויץ. איך האָב דאָרט געטראָפן אַסאַך באַקאַנטע, ווי ר׳ יחזקאל סאמעט ז״ל, ר׳ יונתן בנימין פייערווערקער ז״ל, (נאָכן באַפרייען זענען זיי געוואָרן שוואָגער׳ס, ר׳ יונתן ז״ל האָט חתונה געהאַט מיט די שוועסטער פון ר׳ יחזקאל ז״ל), און ר׳ אליעזר וואלדמאן ז״ל. דאָרט האָב איך געלייגט תפילין, וואָס כ׳האָב שוין אַ לאַנגע צייט נישט געהאַט געלייגט און אַפילו נישט געזען. ר׳ יחזקאל סאמעט ז״ל האָט געהאַט אַפּאָר תפילין, און מ׳איז געשטאַנען ביי אים אין די רייע צו לייגן תפילין. פאַרשטייט זיך אַז אַלעס איז געוועז בסוד סודות. איך

גערענק, אַז איינמאָל וואַרטענדיג אין די רייע, האָב איך געזען ווי ר׳ יחזקאל ז״ל האָט געשניטן אַ שטיקל ברויט וואָס ער האָט געהאַט. איך בין געשטאַנען נעבן אים און געהאַפּט, אפשר וועט אַראָפּ פאַלן אַ ברעקעלע און איך וועל דאָס קענען עסן, אָבער ס׳איז נישט אַראָפּ געפאַלן אַפילו קיין איין ברעקעלע!

אין אראנענבורג האָט מען אונז אַריינגעפירט אין אַ גרויסע עראפלאַן פאַבריק (הענגער בלע״ז), וואו מיר זענען געשלאָפן אויפן בלויזן צימענט, אָן קיין צודעקן וכדומה. מ׳האָט געטיילט דאָרט נומערן פאַר יעדן. איך האָב באַקומען אַ נומער 132422. געאַרבעט האָבן מיר דאָרט גאָרנישט, און צו עסן האָט מען געגעבן עפּעס אַ געמויזעכץ (גרינצייג) זופּ. דער ״הענגער״ איז אַזוי גרויס געווען, אַז ווען די אַלע מענטשן - בערך 2000 - האָבן זיך געשטעלט אין די רייע צו באַקומען דאָס ביסל זופּ, האָבן די מענטשן נישט אַרומגענומען דעם ״הענגער״. איך האָב מיך איינמאָל אַריינגעשטעלט אין די רייע און ביים סוף פון די רייע נאָכאַמאָל. ס׳איז מיר געלונגען צו באַקומען נאָך איין פּאָרציע זופּ.

מיר זענען דאָרט געווען בערך 10 טעג. דערנאָך, האָט מען אונז ווייטער איינוואַגאָנירט אין אָפענע בהמות וואַגאָנען און געפירט קיין פלאסנבורג.

פלאסנבורג איז געווען אַ לאַגער פון בערך 30,000 מענטשן פון פאַרשידענע מדינות. פּאָליטישע געפאַנגענע, און פאַרשידענע אַנדערע פאַרברעכער, רוצחים, וכדומה, ווי אויך בערך 3000 אידן. דער סדר דאָרט איז געווען, אַז ווען ס׳איז אָנגעקומען אַהין אַ נייער טראַנספּאָרט, האָט

מען די נייע מענטשן קודם געפירט אין אַ קוואַראַנטין בלאָק אויף אַפּאָר טאָג (אָפּגעזונדערט און איזולירט פון מענטשן). פון דעם בלאָק האָט קיינער נישט געקענט אַרויס אָדער אַריין גיין.

נאָך אַפּאָר טאָג האָט מען יעדן געפירט אין באָד, וואָס איז געווען בערך 15 מינוט פון׳ם בלאָק וואו מ׳איז געווען. מ׳האָט זיך קודם אויסגעטאָן ווי אדם הראשון קודם החטא, נאָר שיך האָט מען פאַר עטליכע איבער געלאָזט. מ׳איז אַזוי געגאַנגען אָן קיין שום קליידונג, אין די גרעסטע פרעסט אינמיטן פעברוא״ר (פעברואר 4-5) ביז צום באָד. די באָד איז געווען אַ גרויסער צימער מיט אַסאַך שויערס. די פענסטערס זענען געווען אויסגעבראָכן, קיין בענק איז נישט געווען, נאָר פשוט אַ צימענטענע פלאָר. דאָרט האָט מען גענומען אַ שויער און מ׳איז געבליבן שטיין אַ גאַנצע נאַכט אויפן צימענט, מיט אָפענע פענסטערס, אָן קיין קליידער, ווייל פרישע קליידער האָט מען געגעבן נאָר פאַרטאָג׳ס.

די פרישע קליידער זענען באַשטאַנען פון אַ העמד, אַ הויז, אַ רעקל, און אַ קאַפּל. די זעלבע זאַכן וואָס מ׳האָט געגעבן אין אוישוויץ, נאָר דאָ האָט מען נישט געגעבן קיין געשטרייפטע העפטלינג קליידער ווי אין אוישוויץ, נאָר פאַרשידענע ציווילע קליידער, וואָס מ׳האָט צוגענומען פון די מענטשן וואָס מ׳האָט געברענגט אין לאַגער פון פאַרשידענע פלעצער. אינמיטן רעקל אויפן רוקן איז געווען אַריינגענייט אַ שטיקל פון געשטרייפטע העפטלינג סחורה.

איינער וואָס האָט געדאַרפט אַ שיך נומער 39, האָט געקענט באַקומען אַ נומער 46 אָדער פאַרקערט. אויך מיט די הויזן אָדער רעקל איז געווען דאָס זעלבע. דא האָט זיך אויך געטאָן אַ טויש געשעפט מיט די קליידער. אויב האָט מען געהאַט מיט וועמען צו טוישן האָט מען געטוישט און טאָמער נישט איז מען געבליבן מיט וואָס מ׳האָט באַקומען.

נאָכן טיילן די קליידער, איז מען געגאַנגען אין אַן אַנדערן בלאָק, נישט וואו מ׳איז געווען פריער, אַזוי אַז אַפילו ווער ס׳האָט זיך שוין געהאַט פאַרשאַפט עפּעס אַ חפץ, אַ לעפל, אַ מעסער, וכדומה, האָט דאָס שוין יעצט אויך נישט געהאַט. מ׳האָט דאָך געדאַרפט אַלעס איבערלאָזן אין קוואַרענטין בלאָק פון וואו מ׳איז געגאַנגען אין באָד.

אין דעם לאַגער זענען געווען פאַרשידענע קאָמאַנדאָס וואָס האָבן געאַרבעט ביי פאַרשידענע אַרבעט, ברענגען האָלץ פון וואַלד צום הייצן, רוימען, אַרבעטן אין די קאָך, אין די באָד, שניידערס, וכדומה.

איין אַרבעט קאָמאַנדאָ איז געגאַנגען אין קוואַראנטין בלאָק, וואו די נייע אָנגעקומענע האָבן איבערגעלאָזט אַלע זאכן, און זיי האָבן סאָרטירט די צוגענומענע קליידער. דאָס האָט מען שפּעטער אויסגעוואַשן און געטיילט פאַר דעם נעקסטן טראַנספּאָרט.

אַזוי איז אויסגעקומען אַז אין דעם לאַגער זענען געווען פאַרשידענע קליידער, ציווילע, אָדער העפטלינג, אָבער איין זאַך איז געווען זיכער, אַז מיט די קליידער

וואָס מ׳איז געקומען פון אַן אַנדערן לאַגער, דאָס האָט מען נישט צוריק באַקומען. אַפּילו איינער האָט זיך שוין עפּעס פאַרשאַפט אין אַן אַנדערן לאַגער האָט ער דאָס אַלעס פאַרלאָרן, פונקט ווי אין אוישוויץ.

אויך איז געווען אַ שניידער קאָמאַנדאָ וועלכע האָבן פאַרראָכטן די בגדים וואָס ס׳האָט אויסגעפעלט צו פאַררעכטן. ביי די אַרבעט זענען געווען שטענדיגע אַרבייטער, און ווען ס׳האָט נאָך אויסגעפעלט אַרבייטער ביי איין קאָמאַנדאָ, האָט מען גענומען אַנדערע פּראָוואָזאָרישע אַרבייטער פון פאַרשידענע בלאָקן.

מ׳האָט צוטיילט די אַלע וואָס זענען געקומען פון אָראַנענבורג צו פאַרשידענע בלאָקן. ס׳זענען געווען דאָרט בערך 30 בלאָקן, און אין יעדן בלאָק איז געווען מער ווי טויזנט מענטשן, אידן און להבדיל ערלים. מיך האָט מען געשיקט אין בלאָק 5, וואו ס׳זענען דאָרט געווען רוסישע און אוקריינישע פאַרברעכער, רשעים גמורים. זיי האָבן געאַרבעט ביי טאָג און ביינאַכט זענען זיי געשלאָפן אין דעם בלאָק. זיי האָבן געהאַט זייערע בעטן אונטן. פאַר אונז די נייגעקומענע האָט מען געגעבן צו שלאָפן אויף 3 שטאָקיגע בעטן.

די בעטן זענען געווען געמאַכט צו נוצן איין בעט פאַר איינעם, אָבער אַזוי ווי ס׳איז נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר די נייגעקומענע האָט מען פאַר יעדע **8** מענטשן געגעבן **איין** בעט. נישט נאָר אַראָפּצולייגן איז נישט געווען קיין פּלאַץ, נאָר אַפילו צו זיצן איז אויך נישט געווען קיין פּלאַץ. דאָך האָט מען זיך מסדר געווען אויף אַזאַ אופן: 2 מענטשן זענען געזעסן ביי די 2 עקן פון דעם

בעט און 2 ביי די אנדער 2 עקן. אויף יעדנס שויס איז געזעסן איינער, און אַזוי איז מען "געשלאָפן" 8 מענטשן אויף איין בעט.

די בעטן האָבן געהאַט ברעטער אַנשטאַט די מאַטראַצן, און די ברעטער זענען נישט געווען געמאַכט אַז זיי זאָלן אויסהאַלטן אַזאַ שווערע משא פון 8 מענטשן. איבערהויפּט ווען מ׳האָט זיך געוואָלט אין בעט איבערדרייען אויף די אַנדערע זייט, האָט דאָס די האָלץ נישט אויסגעהאַלטן. די בעטן האָבן זיך איינגעבראָכן איינער העכערן דעם אַנדערן, און די מענטשן זענען געפאַלן איינער אויפן אַנדערן. מ׳האָט געשריגן אוי מיין פיס! אוי מיין האַנט! אוי מיין קאָפּ! וכדומה. די אַנדערע מענטשן פון דעם בלאָק, מיינסטנס רוסישע און אוקריינישע רוצחים, וואָס זיי האָבן געאַרבעט ביי טאָג, האָבן זיך אויפגעוועקט פון די יסורים געשרייען פון די אידן. זיי האָבן גענומען פון די ברעטער פון די בעטן און האָבן אָנגעהויבן צו קלאַפּן אויף אונזערע קעפּ. אַזוי איז מען "געשלאָפן" כמעט יעדע נאַכט.

איך בין דאָרט, אין דעם נייעם לאַגער, געגאַנגען צום דאָקטאָר, ווייל מיין פוס האָט נאָך אַלס וויי געטאָן. דער דאָקטאָר דר. וויל, וועלכער האָט באַהאַנדלט מיין פוס אין גאָלעשוי, איז אָנגעקומען אַהער אויך אַלס דאָקטאָר, און ער האָט דאָ אויך באַהאַנדעלט מיין פוס.

קאַפּיטל צוויי אין פופציג

פּסח תש״ה אין לאַגער

דאָרט אין לאַגער האָט מען געקענט האַנדלען מיט עסן, למשל פאַר אַ שטיקל ברויט האָט מען געקענט קויפן רויע קאַרטאָפל. אַזוי ווי ס׳האָט זיך דערנענטערט פּסח, האָבן מיר, אַפּאָר היימישע מענטשן, אָפּגעשמועסט צו פאַרקויפן דאָס ברויט וואָס מ׳באַקומט יעדן טאָג פאַר רויע קאַרטאָפל. אָפּקאָכן האָט מען דאָס געקענט, ווייל אין יעדן בלאָק איז געווען אַ שפּאָר-אויבן וואו מ׳האָט געהייצט, און אין עטליכע בלאָקן זענען געווען ״בלאָק-עלטסטע״ וועלכע זענען נישט געווען קיין רשעים. זיי האָבן ערלויבט צו קאָכן ביי זיי קאַרטאָפל.

אַרום 2 וואָכן פאַר פּסח, האָט מען אויס געקליבן ספּעציעל יונגערע העפטלינגען, און מ׳האָט זיי אַריינגעלייגט אין אַ יוגנטליכן קוואַראנטין בלאָק, וואָס פון דעם בלאָק איז געווען אין יוצא ואין בא. מ׳האָט פון דאָרט נישט געקענט אַרויס אָדער אַריין גיין, מ׳איז געווען איינגעשפּאַרט. מיך האָט מען אויך אַהין געלייגט, אַזוי זענען די פּלענער וועגן קאַרטאָפל אויף פּסח בטל געוואָרן, ווייל אין דעם בלאָק האָט מען גאָרנישט געקענט טאָן.

פּסח תש״ה איז געווען דאָנערשטאָג און פרייטאָג. לכבוד די ערשטע נאַכט פּסח, האָט מען להכעיס געטיילט אַ זופּ געמאַכט פון שטיקלעך חמץ, האָב איך גאָרנישט געקענט עסן. מיר האָבן זיך צוזאַמען געזעצט, אַלע אידישע אינגלעך, און געזאָגט אויסנווייניג פון די הגדה וואָס מ׳האָט געדענקט. מרור האָבן מיר געהאַט איבער

גענוג, אַז עס איז נאָך געבליבן אויף כורך אויך. די צווייטע נאַכט פּסח האָב איך אָנגעהויבן צו ציילן ספירה.

מיר זענען געווען איינגעשפּאַרט אין דעם בלאָק ביז נאָך פּסח. דערנאָך האָט מען מיך געשיקט אין בלאָק נומער 3, וואו איך בין געווען ביז יום ב׳-ג׳ אייר תש״ה.

דאָרט אין לאַגער האָט יעדער באַקומען אַ נומער, וואָס איז געווען אַרויפגענייט אויף די לינקע זייט פון זיין רעקל. איך האָב אויך באַקומען אַ נומער 46529. בלאָק נומער 3 איז אויך פול געווען, און עס איז נישט געווען דאָרט קיין פּלאַץ וואו זיך צו לייגן. מיין פּלאַץ איז אויסגעקומען אונטער אַ בעט מיט נאָך מענטשן. טאָמער איינער האָט געברויכט אַרויסגיין אינמיטן די נאַכט, האָט ער געדאַרפט איבערקריכן אַפּאָר שלאָפעדיגע מענטשן. די מענטשן האָבן זיך אויפגעוועקט און געמאַכט קולות פאר׳ן אויפוועקן, אָבער מ׳האָט דאָך נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה.

זונטאָג ב׳ אייר איז אָנגעקומען אַ פרישער טראַנספּאָרט, האָט מען מיך, מיט נאָך אַנדערע העפטלינגען, אויסגעקליבן צו אַרבעטן ביי די קאָמאַנדאָ וואָס סאָרטירן די קליידער. די אַלע וואָס האָבן געאַרבעט ביי סאָרטירן די בגדים, האָבן די ערשטע זאַך אויסגעטאַפּט אַלע טאַשן פון יעדן בגד. טאָמער האָט ער געטראָפן אַ בעסערן בגד פון דעם וואָס ער האָט אָן געהאַט, האָט ער דאָס אויפגעטוישט מיט זיינעם, כאָטש די בגדים זענען נישט געווען דיסאינפעקטירט פון אַלע ערליי כינים, שרצים, א.ד.ג. עס איז געווען אַ גאַנצער

געווינס אַז מ׳האָט געקענט אַרבעטן ביי די קאָמאַנדאָ, אַפילו נאָר פראָוואָזאָריש.

אַזוי ווי איך האָב באַקומען די נייע אַרבעט ביי די קאָמאַנדאָ, האָב איך די ערשטע זאַך אויפגעטרישט מיין אויבער ראָק (מאנטעל) אויף אַן אַנדערן גרעסערן און שווערערן פון וואָס איך האָב געהאַט. אויך האָב איך געטראָפן אין איינע פון די טאַשן, אַ קליין שערל און אַ ראָל ״בענד עיד״ טעיפ. אויף וואָס איך דאַרף דאָס האָב איך נישט געוואוסט, אָבער קודם האָב איך דאָס גענומען.

פלוצלונג, איז געוואָרן אַן אַלאַרעם אין לאַגער. ס׳האָבן געבלאָזן די סיירינ״ס. דאָס האָט געמיינט אַז מ׳גייט מאַכן אַ וויכטיגע מודעה. מ׳האָט אויסגערופן אַז אַלע אידן פון יעדן בלאָק זאָלן זיך שטעלן אין ליין, בכדי מ׳זאָל וויסן וויפיל אידן ס׳זענען דאָ אין יעדן בלאָק. פאַרוואָס זיי האָבן דאָס געדאַרפט וויסן, האָט מען נישט געמאָלדן.

יעדן טאָג האָב איך געדאַוונט שחרית (אָן קיין תפילין, ווייל קיין תפילין איז נישט געווען), און אויך מנחה ומעריב, אָבער יעצט אין די ספירה טעג, וואָס ס׳איז נאָך געווען טאָג ווען מ׳האָט געדאַרפט גיין שלאָפן, האָב איך געדאַרפט וואַרטן ביז ס׳ווערט זיכער נאַכט צו קענען דאַווענען מעריב און ציילן ספירה.

זונטאָג, די נאַכט צו ליל ח״י ספירה, האָט מען אויסגערופן אַז מ׳זאָל זיך גאַנץ פרי לייגן שלאָפן. ס׳איז נאָך געווען פאַר דעם זמן מעריב, האָב איך נישט געקענט דאַווענען מעריב פאַר׳ן גיין שלאָפן. איך האָב געוואַרט,

ליגנדיג אין בעט, ביז איך בין געווען זיכער אַז ס׳איז שוין נאַכט, און הערשט דעמאָלס האָב איך געדאַווענט.

איך האָב געדאַווענט מעריב צושטיל, אָבער אַזוי ווי איך בין געלעגן צוזאַמען געפּרעסט איינער צום אַנדערן, איז כאָטש ווי שטיל כ׳האָב פּרובירט צו דאַווענען, האָט דאָס דער שכן מיינער געהערט און עס האָט אים געשטערט פון זיין שלאָף. ער האָט מיך כסדר געשטויסן און געשריגן "שאַ" "שאַ", אָבער כ׳האָב דאָך געענדיגט דאַווענען און ציילן ספירה.

ר׳ יחזקאל סאמעט ז"ל - ר׳ יונתן פייערווערקער ז"ל

קאַפּיטל דריי אין פופציג

ג׳ אייר תש״ה - די פיר ניסים

מאָנטאָג, ג׳ אייר, די יאָרצייט פון׳ם הייליגן זיידן רבי ר׳ ישעי׳לע קערעסטירער זי״ע ועכ״י, זענען געשען מיט מיר פיר ניסים אין לאַגער.

גאַנץ פרי, בערך 5:30, האָט מען אויסגערופן אַז אַלע אידן פון יעדן בלאָק זאָלן זיך שטעלן צום אַפּעל. מ׳האָט זיך אויסגעשטעלט אין לאַגער הויף איינער אונטערן אַנדערן, 5 מענטשן אין אַ שורה. אַזוי איז געווען אין יעדן בלאָק.

ווילאַנג מען האָט זיך געגרייט צום אַפּעל, האָט אַן עס. עס. מאַן, וואָס איז געשטאַנען אויסערן דראָטענעם עלעקטרישן צוים מיט וואָס דער לאַגער איז געווען אַרומגענומען, אַריינגעוואָרפן עטליכע ברויטן פאַר די אידישע העפטלינגען. ווער ס׳האָט געכאַפּט דער האָט געהאַט. זייער ווייניג האָבן געכאַפּט. איך בין געווען צווישן די וואָס האָבן נישט געכאַפּט.

נאָכן אַפּעל האָט מען אויסגערופן אַז מ׳גייט שוין פון דאָ גראָד צו די באַן סטאַנציע און מ׳וועט ווייטער פאָרן... וואו אַהין האָט מען נישט געזאָגט. אַריינגיין צוריק אין בלאָק האָט מען שוין נישט געלאָזט. ס׳איז אַפילו נישט געווען נאָך וואָס צו גיין, ווייל קיינער האָט דאָך נישט געהאַט קיין שום זאַך אין בלאָק. פון די אַלע בלאָקן צוזאַם איז געווען בערך 3000 אידן. (שפּעטער האָב איך געהערט אַז פון די 3000 מענטשן וואָס מ׳האָט אַוועק געפירט פון פלאסנבורג, זענען לײדער איבער געבליבן נישט מער ווי 300.)

צו יעדע 100 מענטשן וואָס מ'האָט אָפּגעציילט, האָט מען צוגעשטעלט 2 עס. עס. לייט צו באַגלייטן צו די באַן סטאַנציע, אַ וועג פון בערך 5 קילאָמעטער צו גיין.

יעדער עס. עס. מאַן האָט געהאַט אַ פּעקל מיט זיינע זאַכן און אויך אַ פּעקל מיט עסן פאַר זיך וואָס ער האָט געדאַרפט צו טראָגן. קיין שום עס. עס. מאַן האָט אָבער נישט געוואָלט טראָגן די אייגענע פּעקלעך, האָבן זיי עס אהינגעגעבן פאַר די העפטלינגען צו שלעפּן.

אין די גרופּע, וואו איך בין געגאַנגען, האָט דער עס. עס. געגעבן צו טראָגן איינס פון זיינע פּעקלעך פאַר איינעם וואָס איז געגאַנגען פאַר מיר אינמיטן די שורה. איך האָב געזען אַז פון פּעקל האָט אַרויסגעשטאַרט אַ ברויט, האָב איך מיך אַזוי צוגעשאַרט איך זאָל זיין אונטער דעם פּעקל. אינמיטן וועג האָב איך אַרויסגענומען דאָס ברויט פון דעם פּעקל. (איך האָב מיך איינגערעדט, אַז קיינער האָט נישט באַמערקט.)

אַזוי ווי ס'איז געווען ג' אייר, דעם זיידן ר' ישעי'לעס יאָרצייט, האָב איך - נאָך אינמיטן מאַרשירן צום באַן הויף - געטיילט "תיקון" פון דעם ברויט, פאַר מיינע שכנים וואָס זענען געגאַנגען אין מיין גרופּע. צווישן זיי זענען געווען די 2 ברידער, מיינע פריינט, מו"ה צבי און זיין ברודער מו"ה מאיר שלום קליין, די קינדער פון מו"ה יצחק אייזיק קליין ז"ל פון קערעסטיר. זיי האָבן זיך ממש דערהאַלטן דאָס חיות פון דעם שטיקל ברויט (זיי געדענקען דאָס נאָך עד היום, תשס"א). איך האָב מיך ווייטער געהאַלטן נאָנט צו דעם מענטש וואָס האָט געטראָגן דאָס פּעקל, כדי ביי אַ געלעגנהייט זאָל איך קענען נאָכאַמאָל עפּעס אַרויסנאַשן.

דער וועג צום באַן הויף האָט געדויערט בערך איין שעה. ביים סטאַנציע זענען שוין געשטאַנען וואַגאָנעס מיט וואָס מ׳פירט בהמות. ס׳זענען געווען צוויי ערליי וואַגאָנען, אָפענע, ד.ה. אָן קיין דאַך, און פאַרמאַכטע וואַגאָנען וועלכע האָבן יאָ געהאַט אַ דאַך. די וואַגאָנען זענען געווען אויסגעשטעלט אין אַ סדר. די 100 מענטשן וועלכע זענען אָנגעקומען צום ערשט זענען אַריין אין דעם ערשטן ליידיגן וואַגאָן, און אַזוי ווייטער אין די רייע. מ׳האָט זיך נישט געקענט וועלן, אין וועלכע וואַגאָן מען זאָל אריין, אַ פאַרמאַכטע אָדער אַן אָפענע.

מיין גרופּע איז אריינגעגאַנגען אין אַ פאַרמאַכטן וואַגאָן. דער וואָס האָט געטראָגן דאָס פּעקל פאַר דעם עס. עס. מאַן איז אויך מיט׳ן פּעקל אַריינגעקומען אין דעם זעלבן וואַגאָן. יעדער האָט זיך געכאַפּט אַ פּלאַץ אין וואַגאָן וואו צו זיצן. די עס. עס. לייט האָבן אַריין געלייגט זייערע פּעקלעך אין וואַגאָן, און זיי אַליין האָבן זיך אַרום געדרייט אינדרויסן פון די וואַגאָנען ביז די באַן איז געפאָרן.

איך האָב מיר געכאַפּט אַ פּלאַץ נעבן דעם פּעקל עסן פון דעם עס. עס. מאַן, און איך האָב מיך תיכף גענומען זוכן דערין, פאַרשטייט זיך קיינער זאָל נישט באַמערקן, אָבער דער עס. עס. מאַן האָט דאָס יאָ באַמערקט, ער האָט אָנגעהויבן צו שרייען אויף מיר וואָס איך זוך אין זיין פּעקל. האָט זיך איינער אָנגערופן צום עס. עס. מאַן, אַז אויפן וועג צום באַן הויף, האָב איך שוין אַרויסגענומען פון דעם פּעקל אַ ברויט. דעמאָלס האָב איך ביי מיר געקלערט, ״דו שלעכטער מענטש, נישט גענוג אַז דער עס. עס. האָט געזען אַז איך האָב געוואָלט עפּעס נעמען,

און איך בין שוין אַזוי אויך אויף צרות, מוזטו מיך אויך פאַר׳מסר׳ן״.

געוועגליך ביי אַזאַ פאַל, אַז מ׳האָט איינעם געכאַפּט גנב׳נען פון די עס. עס. לייט, האָט מען אָן קיין דרישה וחקירה תיכף אויפן אָרט דערשאָסן. אַזוי ווי ס׳איז אָבער געווען ג׳ אייר, האָט דער אויבערשטער געהאָלפן אין זכות פון דעם בעל ההילולא זי״ע, און דער עס. עס. האָט מיר גאָרנישט געטאָן. דאָס איז געווען דער ערשטער נס.

דער עס. עס. מאַן האָט זיך אָנגערופן אַז ער ברויך נישט האָבן אין זיין וואַגאָן אַ גנב. ער האָט גענומען איינעם פון אַ שפּעטערע גרופּע וואָס זענען געגאַנגען צו אַן אַנדערן וואַגאָן און מיך אויפגעטוישט מיט יענעם. אַזוי איז אויסגעקומען אַז איך בין געפאָרן אין אַן אָפענעם וואַגאָן.

בערך נאָך אַ שעה, ווען אַלע וואַגאָנען זענען שוין געווען אָנגעפילט, האָט די באַן אָנגעהויבן צו פאָרן. (דעמאָלס האָבן מיר פאַרשטאַנען פאַרוואָס מ׳האָט נעכטן געציילט וויפיל אידן ס׳זענען דאָ אין לאַגער, בכדי מ׳זאָל וויסן וויפיל וואַגאָנען אָנצוגרייטן). אַזוי ווי ס׳איז באַשטאַנען פון אַסאַך וואַגאָנען, איז געווען איין לאָקאָמאָטיוו פון פאָרנט און איינס ביים סוף פון די וואַגאָנען. ס׳איז געווען בערך 7:00 אַזייגער צופרי ווען די באַן האָט אָנגעהויבן צו פאָרן. וואו אַהין, האָט קיינער נישט געוואוסט.

איך האָב אָנגעהויבן צו דאַווענען, ווען די באַן האָט אָנגעהויבן צו פאָרן. ווען איך האָב געהאַלטן ביי ויברך דוד, האָבן מיר פלוצלונג געזען עראָפּלאַנען פאָרן העכער אונז זייער נידריג. זיי האָבן אָנגעהויבן צו שיסן, קודם

אויף די לאָקאָמאָטיוון בכדי זיי זאָלן נישט קענען ווייטער פאָרן, און דערנאָך אויף אונזערע וואַגאָנען.

די עס. עס. לייט אליין זענען נישט געזעסן אין וואַגאָן צוזאַמען מיט אונז, נאָר אינדרויסן פון די וואַגאָנען. ביי די פאַרמאַכטע וואַגאָנען, איז געווען אַ קליין שטיבעלע אויסערן וואַגאָן, און דאָרט זענען געזעסן די 2 עס. עס. לייט וואָס האָבן געהיטן דעם וואַגאָן. ביי אַן אָפענע וואַגאָן, האָבן די עס. עס. לייט געמאַכט פאַר זיך אַ פלאַץ וואו זיי זאָלן זיצן העכער די מענטשן.

אַלע וואַגאָנען, סיי די אָפענע און סיי די צוגעמאַכטע, זענען געווען פאַרשלאָסן פון דרויסן. מ׳האָט דאָס בשום אופן נישט געקענט עפענען פון אינעווייניג.

אַזוי ווי די עראָפּלאַנען זענען געקומען באָמבאַרדירן די באַן (זיי זענען געווען אַמעריקאנער עראָפּלאַנען), און האָבן געזען די עס. עס. שומרים, האָבן זיי געמיינט אַז די גאַנצע באַן איז פול מיט דייטשע מיליטער. זיי האָבן באַשאָסן די וואַגאָנען מיט מאַשין געווער, און ס׳איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה. די עס. עס. לייט זענען באַלד אַראָפּ געלאָפן זיך צו באַשיצן אונטער די וואַגאָנען. זיי האָבן נישט געעפנט די וואַגאָנען אַז די העפטלינגען זאָלן זיך אויך קענען אַביסל באַשיצן.

פון די פאַרמאַכטע וואַגאָנען איז נישט געווען מעגליך אַרויס צו לויפן, און עס זענען ליידער געפאַלן זייער אַסאַך קרבנות דאָרט. די וועלכע זענען געווען אין די אָפענע וואַגאָנען, אויב מ׳האָט געהאַט כח האָט מען זיך געקענט אַרויפדראַפּענען אויף די וואַנט (די וואַנט איז געווען

היפּש הויך, העכער די הייעך פון אַ מענטש.) און אַרויסשפּרונגען, זיך צו באַהאַלטן אונטערן וואַגאָן. פאַר יעדן וואָס איז געווען אין מיין וואַגאָן איז געלונגען אַרויסצושפּרונגען פון וואַגאָן, אויסער פאַר מיר. איך האָב אָנגעהאַט דעם שווערן ווינטער ראָק, וואָס כ׳האָב נעכטן גענומען אין די באָד, און איך בין אויך זייער שוואַך געווען. איך האָב מיך בשום אופן נישט געקענט אַרויפדראַפּענען אויפן וואַנט פון וואַגאָן.

בלייבנדיג אַליין אין וואַגאָן, האָב איך געזען אַז אַלע פּעקלעך פון די עס. עס. זענען אויך געבליבן אין וואַגאָן. איך האָב באַלד גענומען דאָס שערל, וואָס כ׳האָב געהאַט גענומען נעכטן אין די באָד, און איך האָב אויפגעשניטן אַ פּעקל מיט עסן. איך האָב פון דאָרט אָנגעהויבן אַרויס צו נעמען זאַכן, ווען פּלוצלונג זענען די עראָפּלאַנען נאָכאַמאָל געקומען באַשיסן די וואַגאָנען.

איך האָב שנעל גענומען דאָס פּעקל, וואָס איך האָב געהאַלטן אינמיטן בדק׳נען, און אַרויף געלייגט העכער מיין קאָפּ. איינינגע קוילן זענען דורכגעפלויגן נעבן מיר. איין קויל איז דורכגעפלויגן נעבן מיין אויג, און ס׳האָט דורכגעלעכערט אין די אויבערשטע טייל פון די נאָז. איך האָב נאָך אַ צייכן דערפון עד היום. אויך איז איין שפּליטער פון אַ קויל אַריין אין די הויט פון מיין נאָז, און עס ליגט נאָך דאָרט ביז היינט (איך האָב דאָס נישט געלאָזט אַפּערירן אַרויס צו נעמען, וויבאַלד עס איז נישט קיין סכנה).

ווען די עראָפּלאַנען זענען ווייטער געפלויגן, האָב איך פון דעם פּעקל אַרויסגענומען 2 ברויט, איין קאַרטאָן ציגאַרעטלעך (10 פּעקלעך), 1 פּושקע קאָנזערוון (קענ״ס) און אַ

פלעשל צוקער. איך האָב דאָס צוטיילט אין מיינע טאַשן. ווען איך האָב געהאַט די אַלע זאַכן באַהאַלטן ביי מיר, האָב איך זיך מיט אַלע כחות אָנגעשטרענגט, אַרויפגעדראַפּעט אויף די וואַנט פון וואַגאָן און אַרויס געשפּרונגען. יעצט האָב איך ערשט געזען וואָספאַראַ נס דאָס איז געווען, וואָס דער עס. עס. מאַן האָט מיך אַרויסגעטריבן פון אַ פאַרמאַכטן וואַגאָן צו אַן אָפענעם.

אונטערן וואַגאָן האָט געהערשט אַ צומישעניש. ס׳איז פונקט געווען נאָנט צו אַ באַן סטאַנציע, און מ׳איז געלאָפן וואו מ׳האָט נאָר געקענט. אויך די עס. עס. זענען געלאָפן זיך צו באַשיצן. איך בין אַריינגעלאָפן אין אַ מאַגאַזין און זיך דאָרט באַהאַלטן. אַזוי ווי כ׳האָב געהאַט ברויט, האָב איך קודם אָנגעהויבן צו עסן, וואָס זיכער איז זיכער. ווען עס איז שטיל געוואָרן פון די עראָפּלאַנען, האָבן די עס. עס. אָנגעהויבן צוריק צוזאַמנעמען די מענטשן צו די וואַגאָנען.

איך בין מיר געזעסן באַהאַלטן אין דעם מאַגאַזין און געגעסן ברויט, ווען אינדערמיט איז אַריין געקומען אַן עס. עס. מאַן צו זוכן דאָרט מענטשן. ער האָט מיך דאָרט געטראָפן אינמיטן די סעודה, האָט ער אַרויסגעצויגן זיין רעוואָלוועד קעגן מיר, און געפרעגט פון וואו איך האָב ברויט? ער האָט מיך געוואָלט שיסן אויפן אָרט, (אָבער ס׳איז דאָך געווען ג׳ אייר,) האָב איך אים זייער געבעטן און האָב אים געזאָגט, אַז פאַר מיר זענען אַוועק פון לאַגער האָט מען געוואָרפן ברויט, און פון דאָרט האָב איך דאָס. ער האָט אָנגענומען מיין תירוץ און צוריק געלייגט דעם רעוואָלוועד. "זאָפאָרט פאַרשווינד פון היער און גיי צוריק צו די וואַגאָנען," האָט ער געשריגן.

דא אַליין איז געשען 2 ניסים. איינס, אַז דער עס. עס. מאַן האָט מיך נישט דערשאָסן פאַרדעם וואָס איך האָב מיך באַהאַלטן אין מאַגאַזין, און דאָס צווייטע, אַז ער האָט מיך נישט דערשאָסן ווען ער האָט מיך געזען עסן ברויט. די 4 וואונדערבאַרע ניסים האָבן זיך אָפּגעשפּילט, אַלעס אין איין שעה.

איך בין שנעל צוריק געגאַנגען צו די וואַגאָנען. דער גאַנצער עולם איז נאָך געווען באַהאַלטן אונטערן וואַגאָן, בין איך אויך אַהין געגאַנגען. איך האָב מיט׳ן שערל אויפגעמאַכט די פּושקע קאָנזערוון און געוואָלט עסן דערפון. די שכנים האָבן געזען ווי איך האָב אַ פּושקע קאָנזערווען, האָט יעדער געבעטן אַ ביסל, און איך האָב געטיילט פאַר יעדן.

צוביסלעך האָב איך מיך דערזען אינדערמיט, און יעדער אַרום מיר. ס׳איז געוואָרן אַ שטופּעניש און אַ גערודער, און איך האָב מורא געהאַט מ׳זאָל אויסגעפינען אַז איך האָב געהאַט די פּושקע, האָב איך דאָס אַראָפּגעלייגט. זאָלן זיך די איבריגע שלאָגן דערויף, און איך האָב מיך אוועק געררוקט פון דאָרט כאילו לא הי׳, אַז ס׳איז נישט פון מיר, און איך ווייס פון גאָרנישט.

קאַפּיטל פיר און פופציג

דער פינפטער גרויסער נס

ווען מ׳איז שוין געווען צוריק אין וואַגאָן, האָבן די עס. עס. לייט באַמערקט אַז זייערע פּעקלעך זענען געוואָרן באַ׳גנב׳ט. זעט אויס אַז נישט נאָר איך בין געווען אַזוי קלוג, נאָר אין אַנדערע וואַגאָנען זענען אויך געווען חכמים. די עס. עס. זענען געווען מלא כעס אַז מ׳האָט באַ׳גנב׳ט זייערע זאַכן, האָבן זיי אויסגערופן, אַז מען גייט אויסטאַפּן יעדן מענטש באַזונדער אין יעדן וואַגאָן. ביי ווען מ׳וועט טרעפן אַ זאַך וואָס ס׳האָט געהערט פאַר די עס. עס., וועט יענער גלייך געשאָסן ווערן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ זוכעניש און אַ באַטאַפּעניש. ביים סוף פון יעדן וואַגאָן אינעווייניג האָבן זיך אויסגעשטעלט 5 עס. עס. לייט, אין די ברייט פון׳ם וואַגאָן. די עס. עס. לייט האָבן באַטאַפּט יעדן איינעם באַזונדער. יעדן מענטש וואָס זיי האָבן געענדיגט באַטאַפּן, איז דורכגעגאַנגען צווישן די 5 עס. עס. לייט צום אַנדערן זייט וואַגאָן, און די עס. עס. לייט האָבן זיך אַביסל פאָראויס גערוקט. זיי זענען געווען די מחיצה צווישן די וואָס מ׳האָט שוין באַטאַפּט און די וועלכע מ׳האָט נאָך נישט באַטאַפּט.

איך האָב ליידער אַליין צוגעזען ווי מ׳האָט באַזוכט די מענטשן, אין אַנדערע וואַגאָנען. די מענטשן, וואָס מ׳האָט ביי זיי געטראָפן זאַכן, האָט מען אַראָפּגענומען פון וואַגאָן און דערשאָסן בפני כל עם ועדה. מיין וואַגאָן איז נאָך נישט געווען באַזוכט.

איך האָב געהאַט ביי מיר איבערגעבליבן אַ גאַנץ ברויט, 10 פעקלעך ציגאַרעטלעך און אַ פלאַש צוקער. וואו דאָס צו באַהאַלטן אין וואַגאָן איז נישט געווען, און פאַרשטייט זיך אַז קיינער האָט נישט געוואָלט נעמען פון מיר אַ חלק. איך האָב געמוזט שנעל טראַכטן וואָס צו טאָן מיט די זאַכן.

אַזוי ווי איך האָב געהאַט אַ לאַנגען שווערן ראָק, האָב איך אויפגעריסן די פוטער (ליינונג). איך האָב אויף יעדע זייט פון׳ם ראָק געלייגט 5 פעקלעך ציגאַרעטלעך, דאָס שאַכטל צוקער האָב איך געעפענט און אַריינגעגאָסן אין די טאַש פון די הויזן. דאָס ברויט האָב איך אַראָפּגעלאָזט אין די הויזן צו די פוס. (די הויזן זענען געווען אונטן צוגעבינדן אַזוי אַז דאָס ברויט איז נישט אַרויסגעפאַלן.) דאָס אַלעס האָב איך געטאָן בליץ שנעל. איך האָב נאָכגעקוקט וועלכער עס. עס. מאַן איז שטאַרק בודק, און וועלכער גיט נאָר אַ טאַפּ אויבערפלעכליך (נישט אַזוי ווי מ׳איז בודק ביים עירפאָרט ביז אונטן). איך האָב זיך צוגעשאַרט צו דעם עס. עס. וואָס איז נישט שטאַרק בודק, און איך בין ב"ה דורך בשלום.

אַזוי ווי איך בין דורכגעגאַנגען דעם קאָנטראָל, איז צו מיר צו געשפּרונגען אַ יונג פויליש שייגעץ, איך ווייס נישט מיט וואָספאַרא שאַנד ווערטער אים צו רופן, און אַרויסגענומען דאָס ברויט פון מיינע הויזן. איך האָב מיך געבעטן ביי דעם שקץ טמא. "וואָס ווילסטו פון מיר?, נעם דיר דאָס גאַנצע ברויט. דו האָסט דאָך קיין שום הנאה נישט וואָס דו שיקסט איינעם צו אַ זיכערן טויט ר"ל." ער האָט אָבער פון גאָרנישט געוואָלט הערן נאָר מיך צוגעפירט צום עס. עס. מאַן, און איבערגעגעבן פאַר אים אַז איך האָב געהאַט אַ גאַנץ ברויט. (די אַלע וואָס זענען געווען אין

לאַגער האָבן געוואוסט די פלעצער אויפן קערפּער וואו מ׳פלעגט באַהאַלטן זאַכן. איינס אַזאַ פלאַץ איז געווען אונטן ביי די הויזן. מ׳האָט די הויזן אונטן ביי די שיך צוגעבינדן און מ׳האָט דאָרט עפּעס באַהאַלטן).

ס׳איז דאָך אָבער נאָך אלץ געווען ג׳ אייר, איז ב״ה געשען דער פינפטער נס. דער עס. עס. האָט מיר געגעבן 2 פּעטש, צוגענומען דאָס ברויט און גאָרנישט!! איך בין ב״ה ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט רח״ל.

דאָס באַטאַפּן אין אונזער וואַגאָן איז ווייטער אָנגעגאַנגען. מ׳האָט אַראָפּגענומען די מענטשן ביי וועם מ׳האָט געטראָפן עפּעס זאַכן און זיי ליידער דן געווען למיתה הי״ד.

קאַפּיטל פינף און פופציג

וואָגעלנישן אויפן וועג

די גאַנצע מעשה, פון ווען מיר זענען אַוועקגעפאָרן פון פלאסנבורג, דאָס באָמבאַרדירן, ביז ס'איז שטיל געוואָרן, האָט געדויערט בערך אַ האַלבע טאָג. אַזוי ווי מ'האָט צושאָסן די לאָקאָמאָטיוון האָט מען נישט געקענט ווייטער פאָרן. מיר זענען געבליבן דאָרט אין די וואַגאָנען ביז מיטוואָך אינדערפרי, ווען עס זענען אָנגעקומען אַנדערע לאָקאָמאָטיוון. קיין שום עסן האָט מען די גאַנצע צייט נישט געגעבן.

מיטוואָך אינדערפרי קוים וואָס די באַן איז אָפּגעפאָרן אַפּאָר מייל, זענען ווידער געקומען פרישע עראָפּלאַנען און באשאָסן די באַן. יעצט האָבן זיי נאָר באשאָסן די לאָקאָמאָטיוון, נישט די מענטשן, איז ב"ה נישט געפאַלן קיין קרבנות פונ'ם שיסן. די באַן האָט נאָך אָנגעצויגן אַריינצופאָרן אין אַ באַן סטאַנציע, וואו יעדער איז אַרויסגעלאָפן פון די באַן. אויף די באַן סטאַנציע זענען געווען פאַרשידענע סחורות, ווי אויך זעק מיט פּאָטעטאָס.

אַזוי ווי איך בין דאָך שוין געווען צוגעוואוינט (עקספּיריענסד) צו נעמען, האָב איך מיך געזעצט נעבן די זעק פון די פּאָטעטאָס. צום אַלעם ערשטן האָב איך אָנגעהויבן צו עסן די פּאָטעטאָס זענען געווען גאַנץ אַ שיינע מאָס (סייז), און איך האָב אין איין אָטעם אויפגעגעסן נישט מער און נישט ווייניגער, ווי **דריי און פערציג (43) פּאָטעטאָס!** רויע און נישט געשיילטע, גלייך פונ'ם זאַק אַרויס, אָן קיין

גוזמא. ס׳איז שווער צו גלייבן אַזאַ זאַך! איך אַליין פאַרשטיי נישט היינט ווי אַזוי איך האָב דאָס געקענט באווייזן. מ׳איז אָבער געווען אַזוי אויסגעהונגערט נאָך חדשים פון נישט עסן, אַז מ׳האָט געגעסן און געגעסן, און נאָר געוואָלט נאָך עסן. איך האָב גענומען עטליכע פּאָטעטאָס, וויפיל כ׳האָב געקענט אַריינלייגן אין מיין טאַש, אויף שפּעטער.

קוים וואָס איך האָב געענדיגט מיין שטיקל אַרבעט, איז שוין גרייט געווען אַן אַנדערע לאָקאָמאָטיוו. מיר זענען געפאָרן ווייטער ביז דאָנערשטאָג צופרי ווען מ׳האָט אונז נאָכאַמאָל באשאָסן. מיר זענען דעמאָלס געבליבן שטיין אינמיטן אַ פריי פעלד, ביז פאַרנאַכטס. דאָס מאָל האָט מען געברענגט טראָקס. מ׳האָט זיך געשטעלט אין אַ שורה און אַרויפגעלאָדנט אויף יעדן טראָק וויפיל ס׳איז נאָר געווען מעגליך און אפשר נאָכמער. ווען ס׳איז געקומען די רייע פאַר מיר איז שוין נישט געווען קיין פּלאַץ. די איבערגעבליבענע בערך 180 מענטשן, זענען געבליבן דאָרט ביז פרייטאָג פאַרנאַכטס.

געשלאָפן זענען מיר אין די וואַגאָנען, און בייטאָג זענען מיר געווען אינדרויסן, אָבער נאָר גאָר נאָנט נעבן די וואַגאָנען. איינער פון אונז, וועלכער איז פּערצופאַל אַביסל אהינצו געגאַנגען פון זיין וואַגאָן, האָט מען גלייך דערשאָסן הי״ד.

ס׳איז נישט מעגליך אַראָפּ צו שרייבן די אַלע מיטמאַכענישן פון׳ם לאנגן וועג, וואו מ׳האָט זיך באגעגנט מיט׳ן טויט יעדע מינוט. מען האָט נישט געוואוסט צו מען וועט נאָך דערלעבן די קומענדיגע

מינוט. קיינער האָט נישט געוואוסט וועמענס רייע וועט זיין נעקסט.

פרייטאָג פאַרנאַכט, האָט מען געמאַכט שורות פער אין אַ רייע, פון די איבערגעבליבענע מענטשן, און מ'האָט אָנגעהויבן צו גיין צופוס. נאָך אַזויפיל פלאג און הונגער, אָן קיין עסן אָדער טרינקען, פארשטיי איך נישט עד היום ווי אַזוי מ'האָט דאָס אויסגעהאַלטן. (איך האָב יאָ געהאַט געגעסן רויע פּאָטעטאָס מיטוואָך, און כ'האָב נאָך געהאַט איבערגעליבן אַביסל, דערפאַר בין איך נישט געווען אַזוי אויסגעהונגערט). מען האָט פשוט נישט געהאַט קיין כח צו גיין. די פיס האָבן זיך געשלעפּט מיט געוואַלד פון זיך אליין. ס'איז געווען פרייטאָג צונאַכטס, האָב איך קידוש געמאַכט אויף לחם משנה פון צוויי רויע פּאָטעטאָס... וואָס איך האָב נאָך געהאַט.

אַ היפּשע פּאָר שעה זענען מיר געגאַנגען, ווען די עס. עס. לייט באַגלייטן אונז מיט אנגעשטעלטע ביקסן, ווער ס'איז אַרויס פון די רייע, אָדער האָט נישט געהאַט קיין כח צו גיין מער, האָט מען באַלד געשאָסן. אינמיטן די נאַכט האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אָפּרוען אויף אַ פרייען פעלד. מיר זענען געשלאָפן דאָרט אויפן נאַסן גראָז. ס'איז געווען דעמאָלס נאָך פסח, און ס'איז נאָך גאַנץ קאַלט געווען. צו לאַנג האָט מען אונז נישט געלאָזט דאָרט רוען, בלויז געציילטע שעות. דערנאָך האָט מען אונז געטריבן ווייטער אין וועג ביז'ן עלות השחר, ווען מיר זענען אָנגעקומען נעבן די שטאָט רעגנסבורג אין דייטשלאנד. מיר האָבן זיך אַראָפּ געלייגט אויף די נאַסע גראָז, אויף אַ פעלד, צווישן ביימער, ארומגערינגעלט מיט עס. עס. לייט.

דער עס. עס. פירער, וואָס האָט געפירט אונזער טראַנספּאָרט, האָט איבערגעגעבן אַ באַריכט פאַר דעם עס. עס. מאַן, וואָס האָט אונז דאָרט איבערגענומען. איך בין דערביי געשטאַנען, און זיינע ווערטער קלינגען נאָך יעצט אין מיינע אויערן. "171 אַרויסמאַרשירט, 21 דערשאָסן אויפן וועג, 150 אָנגעקומען!" דאָס איז געווען דער קאַלטבלוטיגער באַריכט.

אַזוי ווי די באַפעלקערונג האָט דאָך שוין געזען אַז באַלד דערנענטערט זיך דער סוף פון די מלחמה, האָבן זיך די ציווילע מענטשן (אַז מ׳קען זיי אָנרופן מענטשן) געוואָלט וויַיזן פאַר בעלי רחמנות. ווען זיי האָבן געהערט אַז ס׳איז אָנגעקומען דאָ אין וואַלד קאַצעטניקעס, האָבן זיי אָפּגעקאָכט אַ וואָגן קאַרטאָפל און דאָס געברענגט פאַר אונז צו עסן. די עס. עס. האָבן געהייסן פאַר יעדן מ׳זאָל זיך שטעלן אין אַ רייע און מ׳וועט פאַר יעדן טיילן.

אַזוי ווי מ׳איז שוין דעמאָלס נישט געווען בגדר אנושי, צוליב דעם געוואַלדיגן הונגער, איז יעדער באַפאַלן דעם וואָגן. יעדער האָט געוואָלט וואָס פריער כאַפּן. מ׳האָט מורא געהאַט אַז ס׳וועט נישט איבערבלייבן, כאָטש ס׳איז געווען גענוג. (נישט 43 פאַר יעדן ווי איך האָב געהאַט) די עס. עס. האָבן נאָכאַמאָל באַפוילן מ׳זאָל זיך שטעלן אין אַ רייע. אַזוי ווי קיינער האָט נישט געהאָרכט, האָבן די עס. עס. לייט אָנגעהויבן צו שיסן צווישן די מענטשן וואָס האָבן זיך געשטויסן. ס׳זענען ליידער געפאַלן דאָרט עטליכע מענטשן (איינער פון זיי איז געווען דער שוחט פון דעברעצין מו״ה שמשון הי״ד), אָבער די מענטשן האָבן זיך ווייטער געשטויסן, כאילו לא הי׳. (מען איז געווען אַזוי

אויסגעהונגערט, אַז מען וואָלט געקענט אויפעסן פופציג פּאָטעטאָס אויך, איבערהויפּט געקאָכטע, נישט נאָר דריי אין פערציג).

ווען די עס. עס. לייט האָט געזען אַז ס׳העלפט נישט דאָס וואָרענען און אויך נישט דאָס שיסן, האָבן זיי אינגאַנצן אַוועק געשיקט דעם וואגן מיט די פּאָטעטאָס, און קיינער האָט גאָרנישט געהאַט. איך האָב מיך נישט געשטויסן, ווייל כ׳האָב נאָך געהאַט איבער געבליבן אַביסל פון די מיטוואָכ׳דיגע רויע פּאָטעטאָס. און אויך אַביסל צוקער.

איך דערמאַן מיך צוריק, אַז אין תש״ב, ווען ס׳זענען אָנגעקומען קיין דעברעצין-אונגאַרן פליטים פון פוילן, וואָס זיי האָבן שוין ליידער געליטן פון די צרות און הונגער אַפּאָר יאָר פריער אין די געטאָס, האָט איינער פון די פליטים דערציילט, אַז אין איין פלאַץ, וואו ער איז געווען אין געטאָ, איז מען געשטאַנען אין די רייע און זיך אַרום געשטויסן נאָך עפּעס עסן און אין סוף פון די רייע האָט מען געשאָסן מענטשן. דעמאָלס אין יאָר תש״ב איז נאָך אין אונגאַרן פאַרהעלטניסמעסיג געווען רואיג, און קיינער האָט נישט געקענט גלייבן אַזעלכע מעשיות. מ׳האָט געזאָגט אַז אַלעס איז נאָר פּראָפּאָגאַנדע, אויסגעטראַכטע פאַנטאַזיעס, אָבער יעצט האָב איך מיך אַליין איבערצייגט אַז ס׳איז ליידער געווען דער ריינער אמת.

שבת נאָכמיטאָג האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו רעגענען. מיר זענען געשטאַנען אונטער די ביימער, און מיר זענען געוואָרן דורכגעווייקט נאַס. ס׳איז געווען

פאַרנאַכטס בשעת שלוש סעודות, האָב איך געזאָגט פאַר דעם וואָס איז געשטאַנען נעבן מיר, ״ס׳שטייט אין די ספרים הקדושים, אַז פאַר ביאת המשיח שיתגלה בב״א בשעת מנחה פון שבת, וועט זיין אַזעלכע גרויסע צרות ל״ע, אַז מ׳וועט דאָס שוין נישט קענען מער אויסהאַלטן, און דעמאָלס וועט פלוצלונג משיח קומען און אונז אויסלייזן. יעצט האַלטן מיר שוין דאָרט אַז מ׳קען דאָס נישט מער אויסהאַלטן, וועט משיח אודאי יעצט קומען און אונז אויסלייזן.״ אָבער ליידער איז ער נאָך נישט געקומען. ואע״פ שיתמהמה עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבוא.

קאַפיטל זעקס און פופציג

אויפן וועג צום באַפרייאונג

שפעט פאַרנאַכטס, האָט מען אונז צוריק צוזאַמען גענומען און געפירט אין אַ שייער פון תבואה. גייענדיג צום שייער, האָב איך צוגעזען ווי אַן עס. עס. מאַן ימש"ו האָט נעבעך גענומען 6 העפטלינגען. ער האָט זיי געהייסן זיך אויסלייגן אויף דער ערד, און ער האָט זיי קאַלטבלוטיג, איינס נאָך איינס, דערשאָסן הי"ד.

אין דעם שייער איז אויך געווען אַ וואָגן, האָבן מיר זיך אַריינגעלייגט דאָרט 6 מענטשן, ווען פלאַץ איז אפשר געווען פאַר 2. איך האָב שוין געוואַרט איך זאָל איינשלאָפן און אַביסל פאַרגעסן פון די צרות, אָבער אַזוי ווי ס'איז נאָך נישט געווען זיכער נאַכט. און איך האָב נישט געקענט דאַווענען מעריב און ציילן ספירה, האָב איך מיך געשטאַרקט און צוגעוואַרט ביז כ'האָב געקענט דאַווענען מעריב און ציילן ספירה. ענדליך



ווי ס. ס. שיסט א העפטלינג

בין איך איינגעשלאָפן, דורך געווייקט נאַס און צוזאַמגעפרעסט, ממש ווי אין אַ פאַס הערינג.

זונטאָג אינדערפרי, ט׳ אייר, כ״ד לספירת העומר, האָט מען אונז גענומען אויף אַן אַנדער פּלאַץ, אין אַ הויז מיט אַ גרויסן הויף. די זון האָט אויפגעשיינט, און מיר האָבן זיך אַ ביסל אויסגעטרוקנט פון דעם נעכטיגן רעגן. אַ גאַנצן טאָג זענען מיר געווען אין דעם הויף, און פאַרנאַכטס האָט מען אונז צוזאַמען גענומען. איך מיט נאָך אַפּאָר מענטשן, האָבן זיך פּרובירט צו באַהאַלטן אויבן אויפן בוידעם.

אויפן בוידעם פון הויז איז געווען אָנגעהויפט אַסאַך שטרוי. מיר זענען אַריינגעקראָכן טיף אין שטרוי. די עס. עס. לייט זענען אַרויפגעקומען אויפן בוידעם און אויסגערופן אַז יעדער וואָס איז דאָרט זאָל שוין אַראָפּקומען. עס איז געווען שטיל... קיינער האָט זיך נישט גערירט. האָבן די עס. עס. גענומען זייערע שפּיזן (נישט אושפּיזין) און געשטאָכן אין שטרוי, ביז מיר האָבן זיך אַלע אַרויסגערוקט פון דאָרט.

מ׳האָט אונז אַרויפגעלאָדנט אויף איייניגע אָפענע טראָקס און אַוועק געפירט פון דאָרט. אינמיטן וועג זענען מיר דורכגעפאָרן אַ שטאָט, און אונזער טראָק האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַן אַנדערן אָפענעם טראָק. אין יענעם טראָק זענען געווען ענגלישע קריג׳ס געפאַנגענע, זיי האָבן אונז געפרעגט אויב מיר האָבן ציגאַרעטן? האָב איך געזאָגט אַז איך האָב, אָבער נאָר אויב זיי געבן מיר דערפאַר אַ שטיקל ברויט. זיי האָבן אָבער אויך נישט געהאַט קיין ברויט, האָב איך זיי געגעבן אַפּאָר

ציגאַרעטלעך סתם אַזוי. איך האָב דאָך געהאַט גענוג (פון דעם עס. עס. מאַן׳ס פּעקל,) ווייל איך האָב נישט גערייכערט.

אינמיטן די נאַכט זענען מיר אָנגעקומען אין אַ דאָרף. מ׳האָט אונז אַריינגעלייגט אין אַ גרויסן מאַגאַזין, וואו עס איז געווען שטרוי אויפן פּלאָר. מיר האָבן זיך געלייגט אויף דעם שטרוי. דאָס איז געווען פאַר אונז ווי אַ געשמאַקע באַקוועמע בעט, נאָך אַזויפיל טעג נישט האָבנדיג אפילו אַ דאַך איבערן קאָפּ. מיר האָבן געשפּירט אַז אונטערן שטרוי איז דאָ קאַרטאָפל (נישט געקאָכטע) וואָס דאָס האָט אונז אויך זייער דערפרייט. קודם וועט זיין אַ ברכה צו מאַכן.

צופרי האָבן די עס. עס. לייט גענומען אייניגע פון אונז און געזאָגט אַז מ׳נעמט זיי אויף אַ פּלאַץ וואו זיי וועלן עפּעס קאָכן פאַר אונז. מיר האָבן געוואַרט אַ שטיקל צייט, מיט די האָפענונג אַז זיי זאָלן צוריק קומען מיט׳ן עסן, אָבער זעענדיג אַז קיינער קומט נישט, האָבן מיר זיך געכאַפּט, אַז די וואַך פון די עס. עס. לייט זענען נעלם געוואָרן...

מיר זענען געגאַנגען זיך בעסער אומקוקן וואָס עס טוט זיך, האָבן מיר געזען דורך די טיר פון׳ם מאַגאַזין אַ גרויסן טאַנק - מיט אַ ווייסן 5 עקיגן שטערן - אַדורכפאָרן. מיר האָבן געמיינט אַז דאָס איז אַ רוסישער טאַנק, ווייל זייער סימבאָל איז אויך אַ 5 עקיגער שטערן. מיר האָבן נישט געוואוסט אַז דער רוסישער שטערן איז רויט, און דער אַמעריקאַנער שטערן איז ווייס.

אומקאָנטראָלירבאַר, זענען מיר אַלע אַרויסגעלאָפן פון׳ם מאַגאַזין צו די טאַנקען און טראָקס, און מיר זענען

געוואָר געוואָרן אַז דאָס זענען אַמעריקאַנער. מיט אומבאַשרייבליכע שמחה האָבן מיר זיך אַרומגענומען און געטאַנצט. נאָך אַזויפיל צרות זענען מיר ב״ה באַפרייט געוואָרן פון די דייטשע רוצחים ימש״ו! מיר האָבן זיך אַליין נישט געגלייבט, אַז מיר האָבן טאַקע דערלעבט דעם אַזוי לאַנג ערוואַרטעטען חלום, און וויפיל האָבן דאָסליידער אין די לעצטע מינוטן נישט דערלעבט ה״י!

ווי אַזוי איז שייך צו קענען שילדערן די גליקליכע געפילן פון די לעבנס געבליבענע! ווער קען דען באַגרייפן, פון וואו מיר האָבן גענומען די אויסערגעוועהנטליכע כוחות צו קענען טאַנצן, אין אַזאַ אָפּגעשוואכטע מצב אין וועלכע מיר האָבן זיך געפינען.

פון די טאַנקען, האָבן די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן געוואָרפן פאַר אונז פאַרשידענע סאָרט עסן, פושקעס פלייש, קוקיס, וכדומה. מיר האָבן זיך צוגעכאַפּט דערצו ווי הונגעריגע וועלף. מיר זענען אַריין אין ערשטן הויז, וואו זיי האָבן פאַר אונז געקאָכט צו עסן. איך געדענק, אַז דאָס ערשטע געהעריגע מאכל וואָס כ׳האָב דאָרט געגעסן, איז געווען אַ פּאָטעטאָ קוגל. (שוין נישט רוי).

איך האָב נישט געוואוסט וועלכער טאָג אין חודש עס איז, נישט לויטן אידישן לוח און נישט להבדיל אויפן גוי׳אישן. נאָר דאָס האָב איך געוואוסט (פון ספירה ציילן) אַז ס׳איז כ״ה לספירת העומר און אַז דאָס יאָר איז, תש״ה.

דער טאָג פון באפרייאונג איז אויסגעפאַלן, י׳ אייר, אין יאָר תש״ה לפ״ק, און להבדיל 23 אַפּריל 1945.

ברוך שהחיינו והגיענו לזמן הזה.

קאַפּיטל זיבן און פופציג

די ערשטע טעג נאָכן באַפרייאונג

ווען איך בין באַפרייט געוואָרן מאָנטאָג, י׳ אייר אין יאָר תש״ה, אין אַ דאָרף נעבן די שטאָט ״קאַם״, איז נאָך די מלחמה ווייטער אָנגעגאַנגען, בערך נאָך 2 וואָכן, ביז דעם 8׳טן מאי למספרם, אָבער איך בין שוין ב״ה געווען באַפרייט.

וואו צו גיין האָב איך נישט געהאַט. די ערשטע פּאָר טעג זענען מיר, אַלע געוועזענע העפטלינגען, געשלאָפן אין אַ סקול געביידע. דאָרט האָב איך מיך געטראָפן מיט מיין פריינד מו״ה זלמן ליכטמאן נ״י. ער איז נאָך אויך געווען אַ בחור. מיר האָבן אַרויסגענומען אַ שטוב אין אַ ליידיגע דירה, וואו מיר האָבן געכשר׳ט אַ כלי, און אין דעם געקאָכט דאָס בעסטע מאכל, קאַרטאָפל. אַזוי האָט דאָס אָנגעהאַלטן אַפּאָר טאָג.

אַזוי ווי עס האָט פּאַסירט מיט כמעט יעדן נאָכן קריג, בין איך ל״ע קראַנק געוואָרן. מ׳האָט מיך געלייגט אין אַן אַמעריקאַנער מיליטערישע שפּיטאָל אין די שטאָט ״קאם״. קיין היימישע אָדער באַקאַנטע האָב איך נישט געהאַט, און איך האָב נישט געהאַט קיין שום סיבה פאַרוואָס צו וועלן אַרויס גיין פון שפּיטאָל. דאָס לעבן איז געווען אָן קיין ציל, אָן קיין שום שטרעבן. ס׳איז נישט געווען וואָס צו טאָן און צו וועם צו רעדן. איך בין געווען אַליין, און אינגאַנצן צובראָכן.

כאָטש איך בין שוין ב״ה געוואָרן געזונט, בין איך געבליבן אין שפּיטאָל ווילאַנג מ׳האָט מיך נישט אַרויסגעוואָרפן. איך האָב אַפילו צוגעהאָלפן דאָרט מיט


Klein Károly
Kecskemét
Bergsman Pál
913 Budapest
Friedman Rubin
und Elias
Riga
Grosz Isaje
d u Debreczen
Hotran 14
Kohn Majer
u Alsóvisó
Mielnicki Rachmil
R [illegible]
Epstein Simon p
[illegible] Dombrova
Drattler Lajos u.
Munkács
Müller Ervin p
[illegible]
Modovnik Ábrahám
p [illegible]
Grosz León
[illegible]
Blum Salamon
u Szamosujvár
Rozenbaum Ezekiel
Berlin

אַ ליסטע פון אַ טייל מענטשן וועלכע זענען דעמאָלס געווען אין דעם שפּיטאָל

פאַרשידענע אַרבעט, און דערפאַר האָט מען מיך גערן געהאַלטן דאָרט.

ווען איך בין ענדליך אַרויס פון שפּיטאָל, האָב איך מיך דאָרט באַקענט מיט צוויי אידישע יונגלעך, פנחס האָבערפעלד נ״י און אלי׳ גוטמאכער ע״ה. מיר האָבן גענומען אַ דירה אינאיינעם אין די שטאָט ״קאם״. מיר -

Adler Sandor .... M'Siget
Beer Zoltan .... Budapest (Drava)
Beliok Jakob & Levik .... Riga
Berenyi Bela .... Also-Sag
Bergman Pal (1913) .... Budapest
Binenstok Chaim .... Sosnovitz
Blum Salamon .... Szamos-Ujvar
Borzikovszki Majse .... Chensztechov
Dackevits Johan Josef .... Warsova
Deutsch Gyorgy .... Sombathely
Drattler Lajos .... Munkacsov
Emmer Jakob .... Szokolov
Epstein Simon Gurnucsa .... Dombrova
Etler Josef .... Sopron
Feldhun Lea .... Riga
Feldman Herman .... Tob
Feldmaus Abraham .... Szandamiys
Fisch Herman .... Bardiev
Frajmovits Moses .... M'Siget
Frey Wiktor .... Novy-Targ
Friedman Rubin und Elias ....Riga
Fuchs Ignatz .... Budapest (Lovag Utca)
Gross Leon .... Szdunszka Vola
Grosz Jsaje (**המחבר**) .... Debrecen (Hatvan Utca 14)
Guttman Gyula es fia Vili....................... Nyregyhaza
Haas Alex .... Darmis-Stat Arhilgen (Dieburgers Strasse 31)
Hegedus Sandor .... Ungvar
Hoch Miksa .... Leva-Levice
Horovitz Aron .... Krakov
Kahan Majer ....Alsovisa
Katz Mendel .... Kalisz

דאס איז א ליסטע פון יודן מיט וועם איך בין געווען אין שפיטאל אין קאַם אין תש"ה

Klein Albert	Girokuta
Klein Karoly	Kecskemet
Klein Sandor	Nyiradony
Kuszlarszki Manyek	Zuranisz
Lencsner abraham	Czenstachova
Lentowits Pinkus	Licmanstad
Lorberbaum Rachmiel	Belzice (Kreiz Lublin)
Meisner Bernat	Papa
Michlovits Abraham	Dombrova-Gurnicsa
Mielnuicki Rachmiel	Sosnovitz
Miodovnik Abraham	Novikarcsin
Moskowitz Armin (1912)	Tiszaujlak
Muler Ervin	Licmanstad
Padova Henrich	Melec-Halla
Perl Sandor (Gabi)	Nagysolos
Rein Kalman	Kaposvar
Resnik Abram	Wilna
Rona Ervin	Szatmar Nemeti
Rosenbaum Chezkel	Berlin
Ruzsevitz Pinkusz	Vielun
Seiden Mendel	Szczucin
Sherman Wolf	Riga
Steinbrecher Aron	Czenstochov
Stern Sandor	Szekekly-Hid
Tesler Mendel	Felso-Visa
Ulice Alga	21
Weisz Jeno (1924)	Tiszaujlak
Wertheimer Josef	Hajdusamson
Wolf Margl	Dukla
Wolf Tibor	Ungvar
Woyngust Johan	Opatov-Kal
Zelmanovits Rudolf	Nagysolos

דאס איז א ליסטע פון יודן מיט וועם איך בין געווען אין שפיטאל אין קאַם אין תש"ה

די געוועזענע העפטלינגען - זענען געגאַנגען אין וועלכע דירה מיר האָבן געוואָלט און געבעטן אַ שטוב צו וואוינען. קיינער האָט אונז נישט געזאָגט "ניין". אונזער דירה איז געווען ביי איינעם מיט'ן נאָמען "שטרייכער", אויף האפנער גאַס נומ. 18.

מיר האָבן שוין ב"ה געהאַט וואו צו שלאָפן, אָבער מיר האָבן דאָך געדאַרפט האָבן צו עסן אויך. מיר האָבן געזוכט עפּעס אַן אַרבעט, צו קענען פאַרדינען אויף עסן. איך האָב באַקומען אַרבעט ביי די אַמעריקאַנער מיליטער אין די קאָך, און פון דעם האָב איך געהאַט צו עסן. דאָרט, אין די שטאָט קאַם, איז אויך געווען אַן אַנדערע שפּיטאָל. אין דעם שפּיטאָל זענען געווען אידן, פלעג איך אַמאָל אַהין גיין. איך האָב צומאָל געקענט דאָרט צוזאַמשטעלן אַ מנין צו מנחה ומעריב, אָבער נישט צו שחרית.

ווען איך האָב געדאַוונט מיט מנין, האָב איך געדאַוונט פאַר'ן עמוד און געזאָגט קדיש אויך, ווייל ווער אין די וועלט האָט זיך געקענט חלום'ען אַז איך זאָל נאָך דעמאָלס האָבן עלטערן מיט אַלע געשוויסטער. איך האָב געמיינט אַז די גאַנצע וועלט איז חרוב געוואָרן און ס'זענען מער נישט געבליבן קיין אַנדערע אידן רח"ל. נישט נאָר איך, נאָר כמעט יעדער דאָרט האָט אַזוי געטראַכט.

מען האָט נישט געקענט פאָרן פון איין שטאָט צו אַן אַנדערע שטאָט, נאָר מיט אַ מיליטערישע ערלויבעניש. איך האָב סייווי נישט געהאַט וואו צו פאָרן. איך בין געבליבן מיט מיינע 2 חברים אין די שטאָט קאַם. מיר האָבן דאָרט געלאָזט מאַכן צוזאַמען בילדער.

איך האָב נאָך דאָס בילד אָבער מיט די צייט האָב איך פאַרגעסן זייערע נעמען, און איך האָב דאָס נישט געדענקט ביז לעצטנס.

לעצטנס, איז געדרוקט געוואָרן אַ בילדער בוך פונ׳ם חורבן, דורך די אגודת ישראל אין אַמעריקאָ, וואו אייניגע מענטשן האָבן באַשריבן זייער היסטאָריע ביז נאָך די מלחמה. דאָרט האָב איך געזען אַ גאַנצע באַשרייבונג פון מר. פנחס האָבערפעלד נ״י, וואו ער האָט אַריינגעלייגט דאָס בילד וואָס מיר האָבן צוזאַמען גענומען אין קאם, איך האָב מיך דאָרט דערקענט, און אַזוי האָב איך

פון רעכטס צו לינקס: אלי׳ גוטמאכער ע״ה, פנחס האבערפעלד נ״י, המו״ל

מיך דערמאַנט זייערע נעמען.

איך האָב בכלל נישט געוואוסט וואו מר. האָבערפעלד געפינט זיך. פון דעם בוך בין איך געוואָר געוואָרן אַז ער האָט ב״ה מצליח געווען אין אַמעריקאָ, ער איז אין כשר׳ע רעסטאָראַנט ביזנעס,

און ער איז איינער פון די חשוב׳ע בעלי בתים תומכי תורה אין פלעטבוש ברוקלין.

אינמיטן חודש אב, האָב איך געהערט אַז אין מינכען, און אויך נעבן מינכען, זענען דאָ די.פּי. לאַגערן (אַמעריקאַנער לאַגערן, וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן און ערהוילט, די אַלע העפטלינגען און לאַגער געליטענע) פון די געוועזענע העפטלינגען. בין איך געגאַנגען בעטן אַ פּערמיט, איך זאָל קענען פאָרן קיין מינכען. אַזוי ווי מען האָט נישט געגעבן קיין פּערמיט קיין מינכען, האָב איך גענומען אַ פּערמיט צו פאָרן צו אַן אַנדערע שטאָט ״גארמיטש פּאַרכן קירכען״, וואָס אויפן וועג פאָרענדיג אַהין איז מען דורכפאָרן די שטאָט מינכען. (אגב, אין יענע שטאָט האָט דעמאָלס געוואוינט דער געוועזענער אונגאַרישער פירער ״האָרטי״).

דער וועג האָט גענומען דריי טאָג, און דאָנערשטאָג נאָכמיטאָג בין איך אָנגעקומען קיין מינכען. דאָרט האָט מען מיר געזאָגט אַז נישט ווייט פון מינכען, אין ״פעלד-אפינג״ (א לאַגער פון פליטים), איז דאָ אַ היימישער חסידישער עולם אין דעם די.פּי. לאַגער. איך בין באַלד, נאָך דעם דאָנערשטאָג פאַרנאַכטס, אַהין געפאָרן. דאָרט זענען געווען דער קלויזנבורג׳ער רב זצ״ל, הרה״ג ר׳ יודא גאטליב מישקאלצ׳ער רב זצ״ל, און דער קראסנער רב זצ״ל, (די רבנים האָבן דעמאָלס פון מיר גובה עדות געווען, אויף אַפאָר מענטשן וואָס זענען געווען מיט מיר אינאיינעם אין לאַגער גאָלעשוי, אַז זיי זענען דאָרט נפטר געוואָרן).

איך האָב עדות געזאָגט אויף עטליכע אידן, צווישן זיי אויף מו״ה משה שטערן פון מאקעווע הי״ד, וואָס איז געשטאָרבן אין גאָלעשוי. ער האָט דאָרט אין ״פעלד-אפינג״ געהאַט אַ זון הב׳ חיים שטערן נ״י. ער האָט

טאַקע באַלד אָנגעהויבן צו זאָגן קדיש. (שפּעטער איז ער געוואָרן אַן איידעם ביים באוואוסטן ר׳ יעקב שרייבער ז״ל פון לאָנדאָן.)

אויך האָב איך דאָרט געטראָפן מיין פריינט און קאָזין, הב׳ לייביש נ״י בן הרב ר׳ אהרן ז״ל טייטלבוים, צו וועמען איך האָב מיך גאָר שטאַרק דערפרייט. מיט אים בין איך דאָך געווען צוזאַמען אין בונקער, אין דעברעצין. ער האָט מיר דערציילט דעמאָלס, אַז זיין טאַטע איז ב״ה אויך ניצול געוואָרן, נאָר ער איז די וואָך געפאָרן קיין בערגן בעלזן, וואָס דאָרט איז אויך געווען אַ די.פּי. לאַגער. וואָס עפּעס איז אים איינגעפאַלן אַהין צו פאָרן? נאָר די מעשה איז געווען אַזוי:

ר׳ אהרן ז״ל האָט געהאַט אַ גוטן פריינד פון דערהיים, פון איהעל, הרב ר׳ יצחק קליין ז״ל, וואָס ער איז אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקאָ נאָך פאַר די מלחמה. ער האָט געדענקט זיין אַדרעס, און ער האָט אים געשריבן אַ בריוו. ר׳ יצחק האָט אים צוריק געשריבן, אַז ער האָט געזען אין די אַמעריקאַנער צייטונג, אַז ר׳ אהרן׳ס פאַמיליע געפינט זיך אין בערגן בעלזן. (זעט אויס אַז אין די אַמעריקאַנער צייטונגען זענען געווען פאַרשידענע ליסטעס פון די וועלכע זענען לעבן געבליבן. הגם יעצט זענען זיי שוין נישט דאָרט געווען, ווייל ג׳ אייר האָט מען זיי געפירט קיין טערעזיענשטאָט). ער האָט אויסגערעכנט אינם בריוו די נעמען פון ר׳ אהרן׳ס ווייב און די נעמען פון אַלע זיינע קינדער (אויסער איין יונגל פון 8 יאָר, שלמה הי״ד, וואָס איז געשטאָרבן דאָרט אין בערגן בעלזן), וואָס זענען לעבן געבליבן. ער ענדיגט צו דאָס קאַרטל מיט די ווערטער ״ואולי הם כבר חזרו לביתם״. ר׳ אהרן איז תיכף געפאָרן קיין בערגן בעלזן, דאָרט מער געוואָר צו ווערן.

ס'איז געווען דעמאָלס שבת מברכים, אלול תש"ה. איך האָב געוואוסט אַז מיין פאַמיליע, מיט ר' אהרן'ס פאַמיליע, האָבן זיך שטענדיג געהאַלטן צוזאַמען, האָב איך געהאָפט אַז אויב זיי זענען לעבן געבליבן, אפשר איז מיין מאַמע ע"ה אויך לעבן געבליבן, אַזוי ווי דער אמת איז טאַקע געווען, און אַ פונק פון האָפענונג האָט זיך אנגעצינדען אין מיר... איך האָב שוין נישט אויסגעוואַרט אַז ר' אהרן זאָל צוריק קומען און דערציילן וואָס ס'טוט זיך דאָרט, נאָר איך האָב באַשלאָסן צוריק צו פאָרן קיין קאַם נעמען מיינע זאַכן (דעמאָלס האָב איך שוין יאָ געהאַט עפּעס זאַכן,) תיכף נאָך שבת, און פון דאָרט פאָרן קיין דעברעצין.

פרייטאָג און שבת בין איך געבליבן אין "פעלד-אפינג", (א לאַגער פון פליטים). פרייטאָג האָב איך געדאַוונט מיט'ן מנין פון קלויזנבורגער רב זצ"ל. דאָרט האָב איך געדאַוונט מיט תפילין. עס זענען געווען ווייניג פאָר תפילין. דער בעל תפילה האָט נישט אָנגעהאַט קיין תפילין ביי די שמו"ע, אָבער דער רב זצ"ל האָט יאָ געהאַט. שבת בין איך אויך געווען ביים טיש וואָס דער קלויזנבורער רב זצ"ל האָט געפירט. ער איז געווען דער הויפּט רב אין "פעלד-אפינג".

זונטאָג האָב איך געוואָלט באַלד אַוועק פאָרן, אָבער איך האָב דאָך געדאַרפט פאַרשאַפן אַ פערמיט צוריק צו פאָרן. אַזוי ווי איך האָב דאָך נאָר געהאַט אַ פערמיט צו פאָרן קיין "גארמיטש פאַרכן קירכען", און נישט קיין מינכען, האָב איך געמוזט קודם פאָרן קיין "גארמיטש פאַרכן קירכען", און פון דאָרט שאַפן אַ פערמיט צוריק צו פאָרן קיין קאַם. דערווייל האָב איך פאַרברענגט דעם

גאַנצן זונטאָג׳דיגן טאָג, אין דעם די.פּי. לאַגער, און ביינאַכט בין איך הערשט געפאָרן.

זונטאָג נאַכט בין איך אָנגעקומען קיין "גארמיטש פאַרכן קירכען". איך בין אַריין אין איינע פון די דירות אין געבעטן פלאַץ צו שלאָפן. צופרי בין איך געגאַנגען אין שטאָט-הויז און באַקומען אַ רשיון צוריקצופאָרן קיין קאם. מאָנטאָג נאָכמיטאָג בין איך געפאָרן און אָנגעקומען קיין קאם, און תיכף דעם זעלבן מאָנטאָג בין איך געפאָרן צו די גרעניץ פון טשעכיי, ווייל קאם איז נישט ווייט פון די טשעכישע גרעניץ.

ביים גרעניץ בין איך געבליבן שטעקן, ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין פערמיט דורכצופאָרן די גרעניץ קיין טשעכיי. ביי די באַן סטאַנציע האָט מען מיר געזאָגט אַז מאָרגן, ד.ה. דינסטאָג נאָכמיטאָג, וועט פאָרן אַ גאַנצער טראַנספּאָרט קיין פראַג, און דעמאָלס וועל איך אויך קענען מיטפאָרן. איך בין צוריק געפאָרן קיין קאם צו מיינע חברים איבערנעכטיגן, און דינסטאָג נאָכמיטאָג בין איך צוריק געפאָרן צום גרעניץ.

פאַרנאַכטס בין איך געפאָרן מיטן באַן, פון די גרעניץ שטאָט קיין פראַג, און מ׳איז אָנגעקומען מיטוואָך צופרי. פון פראַג בין איך געפאָרן מיט אַ באַן קיין פעסט. איך בין אָנגעקומען קיין פעסט דאָנערשטאָג נאָכמיטאָג. אין פעסט׳ער באַנהויף זענען אַלץ געווען מענטשן, וואָס האָבן אָפּגעוואַרט די אויסלענדישע באַנען, ווייל ס׳האָבן געהאַלטן אין איין אָנגעקומען אַהין פליטים וואָס האָבן נישט געוואוסט וואו צוגיין. אין פעסט איז געווען אַן אָרט, וואס מ׳האָט צוגעגרייט פאַר די פליטים וואָס זענען

אָנגעקומען. מ׳האָט זיי געגעבן בגדים אָנצוטאָן און עפּעס געלט, זיי זאָלן קענען ווייטער פאָרן וואו אַהין זיי האָבן געוואָלט, וכדומה.

ווען איך בין אָנגעקומען צו דעם זאַמל-פּונקט, האָב איך מיך קודם געדאַרפט רעגיסטרירן. דערנאָך האָט מען געדאַרפט וואַרטן ביז מ׳האָט געגעבן די זאַכן, וואָס זיי האָבן געגעבן פאַר יעדעם. וואַרטנדיג דאָרט אין הויף איז געווען איינער וואָס האָט מיך דערקענט. ער האָט מיך געפרעגט ״וואָס טוסטו דא? דיינע עלטערן זענען דאָך אינדערהיים, אין דעברעצין״. (איך האָב נאָך דעמאָלס גאָרנישט געוואוסט פון מיין משפחה. איך האָב ערליך אָפּגעהאַלטן דעם קדיש זאָגן.) ער האָט מיר געגעבן די אַדרעס וואו זיי וואוינען, אין הויז פון ר׳ אלי׳ בלאס הי״ד, אויף סעטשעני גאַס 31, ווייל אונזער הויז, אין וועלכען מיר האָבן געוואוינט פאַר די מלחמה, איז געוואָרן באָמבאַרדירט.

(דער ר׳ אלי׳ איז געווען דער מחבר פון׳ם ספר ט. המשפחה אין אונגאַריש. דאָס ספר האָט געהאַט די זכי׳ און איז געוואָרן איבערגעזעצט און צושפּרייט אויף די גאַנצע וועלט וואו ס׳איז נאָר דאָ אידן, דורך הרב יחיאל מיכל ניימאן שליט״א, אויף צענדליגער לשונות, אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן).

דאָס האַרץ האָט פאַרפעלט אַ קלאַפּ פון גרויס איבערראַשונג. איך האָב אים פשוט נישט געוואָלט גלויבן, אָבער ער האָט מיר אַזוי זיכער געזאָגט, אַז איך האָב באַלד איבערגעלאָזט דעם זאַמל-פּונקט. איך האָב שוין נישט געדאַרפט קיין קליידער און קיין געלט. איך בין געלאָפן מיט איין אָטעם צו די באַן סטאַנציע, און געטראָפן אַ באַן וואָס פאָרט קיין דעברעצין. די באַנען זענען אָבער געווען זייער איבערגעפולט. מענטשן זענען

געשטאַנען אויף די דעכער, אויף די שטיגן. און אויך צווישן די וואַגאָנען. רוסישע סאָלדאַטן זענען אויך געפאָרן אויף די באַנען, צו קענען באַרויבן די פּאַסאַזשירן.

זיי פלעגן אַוועק נעמען די פּעקלעך, וואָס די פּאַסאַזשירן האָבן געהאַט, און אינמיטן פאָרן האָבן זיי דאָס אַראָפּ געוואָרפן פון די פאָרנדיגע באַן. ביי די נאָנטסטע סטאַנציע זענען זיי אָפּגעשטיגן און צוריקגעגאַנגען צופיס נעבן די באַן רעלסן און אויפגעקליבן די אַראָפּ געוואָרפענע פּעקלעך. קיינער האָט זיך נישט געקענט קעגן שטעלן.

איך האָב געהאַט ביי מיר מער ווי 50 טאָלער, וואָס כ׳האָב באַקומען פון סאָלדאַטן ווען איך האָב געאַרבעט ביי זיי. אויך האָב איך געהאַט אַ גאָלדענע (טומאה - קדושין) רינגל, וואָס כ׳האָב צוגענומען פון אַן עס. עס. אָפיציר, האַרט נאָכדעם וואָס איך בין באַפרייט געוואָרן. ווען די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן האָבן צוזאַמגענומען אַלע דייטשע אָפיצירן און סאָלדאַטן און זיי אַרויפגעלייט אויף אַ טראָק, בין איך גראַדע דאָרט געווען. כ׳האָב געזען אויף אַ דייטשן אָפיציר אַ רינגל אויף זיין פינגער. איך האָב אים געזאָגט אַז ער זאָל דאָס מיר אַהער געבן, אָבער ער האָט נישט געוואָלט. בין איך צוגעגאַנגען צו אַן אַמעריקאַנער שומר, און האָב אים מיט שטים לשון געזאָגט אַז דער עס. עס. סאָלדאַט וויל עס מיר נישט געבן. דער שומר האָט אים געהייסן, ער זאָל דאָס מיר זאָפאָרט אַהין געבן. פאַרוואָס האָב איך דאָס געטאָן? איך האָב פשוט נאָר געוואָלט אַביסל נקמה נעמען פון אַ דייטשן אָפיציר.

איך האָב געהאַלטן דאָס געלט און גאָלדן רינגל, אין די אינטערשטע הויזן טאַש. איך האָב געכאַפּט אַ פּלאַץ אויפן באַן, צווישן די וואַגאָנען, און מיך אַרויפגעזעצט אויף מיין קליין פּעקל, וואָס האָט געהאַט עפּעס קליידונג און נאָך אַפּאָר קלייניקייטן. ויסעו.

איך בין געזעסן זייער צוזאַם געדריקט. נישט ווילנדיג בין איך איינגעשלאָפן, זיצענדיג אויף מיין פּעקל. איך האָב פּרובירט מיך אויף צו האַלטן, ווייל די רוסישע סאָלדאַטן זענען אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעגאַנגען אין די וואַגאָנען און האָבן גע׳גנב׳ט וואָס זיי האָבן נאָר געקענט, אָבער איך בין דאָך געווען זייער פאַרמאַטערט, און די אויגן האָבן זיך נישט געוואָלט האַלטן אָפן. ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט האָב איך געטראָפן מיין אונטערשטע הויזן טאַש אויפגעשניטן און מיינע זאַכן וואָס זענען דאָרט געווען זענען נעלם געוואָרן.

קאַפּיטל אַכט און פופציג

די רירענדע באגעגעניש...

די נסיעה פון פעסט, האָט דעמאָלס געדויערט 10-12 שעה (היינט ווען איך שרייב דאָס, און איך בין אויף וואַקאַציע אין דעברעצין, דויערט אַזאַ אַ נסיעה פון פעסט קיין דעברעצין 2-3 שעה). איך בין אָנגעקומען קיין דעברעצין בערך 10:00 אַזייגער פרייטאָג פאַרמיטאָג. איך בין געגאַנגען גראָד צו די סעטשעני גאַס, צום אַדרעס וואָס מ'האָט מיר געגעבן אין פעסט. איך האָב נישט אָנגעהאַט די בחור'ישע קליידער פון פאַר די מלחמה, נאָר אַ ליכטיגע רעגן מאנטל מיט אַ (מיטצי שיפקא) קאַפּל.

גייענדיג אינמיטן די סעטשעני גאַס, האָב איך פון דערווייטנס דערזען מיין מאַמען ע"ה קומען אַ קעגן מיר. יאָ! מיין טייערע מאַמע! מיר האָבן זיך באַלד אַרומגענומען און זיך געקושט, ווען טרערן פון פרייד גיסן זיך פון ביידנ'ס אויגן. (ווען איך שרייב דאָס יעצט אין תשנ"ז אין דעברעצין, גיסן זיך די טרערן פון מיינע אויגן, דערמאַנענדיג זיך וואָספאַראַ שמחה מיין מאַמע האָט געהאַט, זיך טרעפענדיג מיט אַ זון וואָס זי האָט שוין קיינמאָל נישט געקלערט מער צו זען, און אויך די שמחה וואָס איך האָב געהאַט).

זי איז דעמאָלס געווען אויפן וועג, גייענדיג צום מאַרק איינקויפן אויף שבת, אָבער זי איז שוין נישט געגאַנגען ווייטער. מיר זענען אינאיינעם אַהיים געגאַנגען צו אאמו"ר זצ"ל. ווען ער האָט מיך געזען, האָט ער מיך אַרומגענומען און מיר געגעבן אַ קוש. (דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, וואָס איך געדענק אַז מיין פאָטער זצ"ל זאָל מיר געבן אַ קוש.) לויט ווי איך געדענק, האָט ער פאַר דעם לאַגער קיינמאָל נישט געגעבן קיין קוש פאַר קיין קינד. (און... אוים קדיש!)

די שמחה אין די משפחה איז געווען עד אין לשער, מען קען דאָס ניטאַמאָל פּרובירן צובאַשרייבן. מיר האָבן נישט געוואוסט וואָס צו טאָן פאַר גרויס פרייד. ס׳איז שוין געווען מער ווי אַ יאָר וואָס מיר האָבן נישט געהערט איינער פון אַנדערן. קיינער האָט נישט געגלייבט אַז דער אַנדערער לעבט, און יעצט האָבן מיר זיך אַלע ב״ה מיט די עלטערן אינאיינעם געטראָפן. אה! ווי גרויס זענען דיינע חסדים הייליגער באשעפער. חסדי השם כי לא תמנו.

אַן ערך פון דריי חדשים נאָך די מלחמה האָט געענדיגט, ווילאַנג מיר האָבן געהערט עפּעס איינער פון אַנדערען. ביי מיינע עלטערן איז מקויים געוואָרן דער פסוק, ״ראות פניך לא פללתי״, אַזוי ווי ביי יעקב אבינו, און אין אַ געוויסן זין איז דאָ ערגער געווען. ביי יוסף הצדיק האָט דער פאָטער יעקב טאַקע נישט געוואוסט אַז יוסף לעבט, אָבער יוסף האָט יאָ געוואוסט אַז זיין פאָטער און זיינע ברידער לעבן. דאָ האָט קיינער נישט געוואוסט איינער פון אַנדערן.

דאָנערשטאָג, אַ טאָג פאַר מיין אַהיים קומען, זענען זיי געוואָר געוואָרן אַז איך לעב. דעמאָלס איז אַהיימגעקומען מיין פריינט מו״ה אליעזר נ״י ב״ר יצחק שמעון ז״ל עסטרייכער, מוכ״ס פון דעברעצין. איך בין געווען מיט אים צוזאַם אין לאַגער גאָלעשוי, און מיר האָבן זיך געטראָפן נאָכן באַפרייאונג אין דייטשלאַנד. ווען ער איז אַהיים געקומען, אַ טאָג פאַר מיר, און האָט געהערט אַז מיינע עלטערן לעבן, איז ער תיכף, אין זעלבן טאָג געגאַנגען זיי אָנזאָגן די בשורה טובה. מיין מוטער

ע״ה האָט דאָס אים געדענקט צום גוטן, ביז איר לעצטע מינוט. (זי האָט אים גערופן סרח בת אשר, ווייל ער איז געווען דער ערשטער אָנצחאָגן די בשורה, אַזוי ווי סרח וואָס האָט די ערשטע געזאָגט די בשורה פאַר׳ן זיידן יעקב ע״ה אַז יוסף לעבט).

די בשורה אַז איך בין אַהיים געקומען, האָט זיך באַלד פאַרשפרייט אין די גאַנצע שטאָט. ר׳ אברהם פרענקל ז״ל, וועלכער האָט מיר געגעבן צובאַהאַלטן אין געטאָ מיט אַ יאָר פריער, אַ קעסטעלע מיט ווערט זאַכן, האָט נישט געדענקט פונקטליך דאָס פלאַץ וואו מ׳האָט עס באַהאַלטן. ער איז געקומען מיך בעטן, אַז כאָטש עס איז פרייטאָג נאָכמיטאָג, זאָל איך אים נאָר אַזויפיל טאָן, צו גיין קוקן אויב אויף דעם פלאַץ וואו איך האָב דאָס באַהאַלטן איז שוין געוואָרן געגראָבן.

זייער אַסאַך פלעצער אין אונזער הויף איז שוין געווען אויפגעגראָבן, דורך אַנדערע מענטשן וואָס האָבן אויך געהאַט דאָרט באַהאַלטן פאַרשידענע זאַכן. איך בין געגאַנגען און געזען אַז אויף דעם פלאַץ וואו איך האָב באַהאַלטן זיין קעסטעלע, איז נאָכנישט געגראָבן געוואָרן. ר׳ אברהם ז״ל איז געווען שטאַרק בשמחה. זונטאָג זענען מיר געגאַנגען און אַרויסגעגראָבן דאָס קעסטעלע. ער האָט מיר געגעבן אַ האַלב פאַרפוילטע 5 דאָללאַר, שכר טירחה. זעט אויס אַז דאָס איז אויך געווען באַהאַלטן דאָרט.

סוף חודש אלול, האָט מיין פאָטער זצ״ל געוואָלט פאָרן קיין סיגעט, צום ציון פון מיין פאָטער׳ס מאַמע, אויף די יאָרצייט וואָס געפאַלט אויס כ״א אלול. (אגב ווען איך שרייב דאָס יעצט, זונטאָג פ׳ עקב י״ד אב תשנ״ז, בין איך אויך אין דעברעצין. עס איז

היינט די יאָרצייט פון הייליגן ליסקער רב זצ״ל דער בעל אך פרי תבואה. איך האָף אי״ה באַלד אַהין צו פאָרן זיך משתטח צו זיין אויף זיין ציון. אויך האָף איך בעזהשי״ת צו פאָרן קיין סיגעט דינסטאָג פ׳ עקב ט״ז אב, צו זיין אויפן ציון פון מיין באַבע, מיין טאַטע׳ס מאַמע ע״ה, די בערבעשט׳ער רעבעצין, און אויפן ציון פון מיין זיידן הגה״ק בעל ייטב לב זי״ע ועכ״י).

מיין פאָטער זצ״ל האָט מיך מיטגענומען קיין סיגעט. קיין פּאַס אָדער וויזעס האָבן מיר נישט געהאַט, נאָר מיר זענען געפאָרן אַזוי, אויף ג-ט׳ס בעראָט. מיר זענען געווען אין סיגעט ביים בערבעשט׳ער רב, הרה״ג מוה״ר ר׳ ליפא זצ״ל, דער ברודער פון מיין פאָטער זצ״ל, וואָס האָט דעמאָלס דאָרט געוואוינט. ער איז דעמאָלס געווען סיגעטער רב. ער איז דעמאָלס געווען אַן אלמן ל״ע. זיין רעבעצין מיט די קינדער זענען ליידער נישט צוריק געקומען פון דעפאָרטירן.

מיר זענען געווען אין סיגעט 2 טאָג, ביז׳ן יאָרצייט. דערנאָך זענען מיר געפאָרן קיין סאַטמאַר, און מיר זענען געגאַנגען באַזוכן ביי ר׳ שמעון נ״י און זיין ברודער ר׳ מרדכי אהרן ווייס נ״י. זיי האָבן געמאַכט אַ סעודה לכבוד מיין פאָטער זצ״ל, אָבער ער האָט גאָרנישט געגעסן ווייל ער האָט אַלץ געפאַסט אין דעם יאָרצייט טאָג פון זיינע עלטערן.

די גרעניץ פון רומעניען צוריק קיין אונגאַרן איז נישט גרינג אַדורך געגאַנגען. מיר זענען געפאָרן מיט אַ רוסישן טראָק פון סאַטמאַר, ביז צו די גרעניץ אין ניר-אבראַן, אָבער די רומענער האָבן געבעטן שריפטן און מיר האָבן נישט געהאַט. עס זענען דאָרט געווען נאָך אַנדערע וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שריפטן. מ׳האָט יעדן אַראָפּ

גענומען פונ׳ם טראָק און געהייסן וואַרטן ביי די גרעניץ. מיין פאָטער זצ״ל און איך האָבן זיך באַלד געלאָזט גיין דורך אַ פעלד, אַריין קיין אונגאַרן. ס׳איז נאָר געווען געציילטע קילאָ-מעטער ביז וואמאש-פירטש, וואָס איז שוין געווען געהעריג אונגאַרן. מיר זענען געגאַנגען צו די באַן סטאַנציע, וואו ס׳איז באַלד געקומען אַ באַן קיין דעברעצין, און מיר זענען ב״ה בשלום אָנגעקומען פאַר שבת אַהיים.

קאַפּיטל ניין און פופציג

צוריק אויף דייטשלאנד?

בינו לבינו, איז אויך ר' אהרן טייטלבוים ז"ל מיט להבחל"ח זיין זון הב' לייבוש נ"י אַהיים געקומען פון די.פּי. לאַגער "פעלד-אפינג". דאָרט אין לאַגער זענען געווען אַסאַך היימישע חסיד'ישע אידן, וואָס זענען אויך ניצול געוואָרן פון די קאַצעט לאַגערן, און האָבן דעמאָלס געוואוינט אין די די.פּי. לאַגערן. פון דאָרט, איז געווען אַ מעגליכקייט ווייטער צו פאָרן קיין ארץ ישראל אָדער אַמעריקאָ, צו אַ מקום מנוחה. פון אונגאַרן איז נישט געווען קיין שום אויסזיכט צו קענען אַרויספאָרן צו אַן אַנדערע מדינה.

ר' אהרן ז"ל האָט צוגערעדט מיין פאָטער זצ"ל, אַז

ביי אַ משפחה חתונה אין ברוקלין - דער אויבנאן פון רעכטס צו לינקס:
הרב ר' אהרן טייטלבוים ז"ל, אאמו"ר ז"ל, דער חתן, מחותן, דער באטור'ער רב זצ"ל.

מיר זאָלן אַלע צוריק פאָרן קיין דייטשלאנד, און פון דאָרט וועט מען זען וואו אַהין מ׳וועט קענען אַרויס פאָרן.

דערווייל זענען אונטער געקומען די הייליגע טעג, ר״ה, יו״כ און סוכות. געדאַוונט האָט מען אין אשכנז׳ישן ביהמ״ד. אינמיטן די הקפות, שמחת תורה ביינאַכט, זענען אַריינגעקומען אין ביהמ״ד עטליכע ציוני׳סטישע יונגען, און זיי האָבן אָנגעהויבן צו זינגען ציוני׳סטישע ניגונים וכדומה. מיין פאָטער זצ״ל מיט די איבריגע חסיד׳ישע אידן האָבן איבער געלאָזט די הקפות און זענען אַהיימגעגאַנגען.

באַלד נאָך סוכות האָבן מיר זיך צוזאַמען געפאַקט, איבערגעלאָזט אַלעס אין דעברעצין און געפאָרן קיין פעסט, וואָס פון דאָרט וועט מען קענען ווייטער פאָרן ביז דייטשלאַנד. די משפחה פון ר׳ אהרן טייטלבוים ז״ל איז אויך געפאָרן מיט אונז. מ׳האָט זיך געדאַרפט שווערצן פאַרשידענע גרעניצן. אַ ציוני׳סטישע אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעפירט מיט די גרעניץ שווערצעריי. די אָרגאַניזאַציע האָט געהייסן ״בריחה״.

ווען מיר זענען געווען אין פעסט, האָט זיך מיין פאָטער זצ״ל געטראָפן אויף די גאַס מיט הרה״צ ר׳ זוסמאן מערץ זצ״ל. ר׳ זוסמאן זצ״ל האָט אַרומגענומען מיין פאָטער זצ״ל, אים געקושט און ער האָט געמאַכט אויף אים אַ ברכת שהחיינו בשם ומלכות. מיין פאָטער זצ״ל איז אויך אַרויף צו די אָרטאָדאָקסישע קאַנצעליי, וואו דער ראש הקהל איז געווען קאהאן פראנקל, און

האָט אים געזאָגט זיין החלטה, אַז ער רישט זיך צו פאַרלאָזן אונגאַרן.

מר. פרענקל האָט אים געבעטן ברחמים ער זאָל דאָס נישט טאָן, און גע׳טענה׳ט מיט מיין פאָטער, ״איהר זענט ב״ה אַהיים געקומען די גאַנצע משפחה געזונטערהייט, און אַז איר וועט פאַרלאָזן אונגאַרן אין אַזאַ שווערע צייט, וועט ווערן אַ גאַנצע מהומה צווישן די אונגאַרישע אידן, היתכן מ׳פאַרלאָזט אין אַזאַ צייט דאָס לאנד״.

אָבער מיין פאָטער זצ״ל האָט נישט געוואָלט הערן און געדענקען פון בלייבן אין אונגאַרן, ווייל די רוסן זענען געווען דאָרט. אַ גרויסער רוסישער אפיציער, אַ יוד, האָט געהאַט געוואָרנט מיין פאָטער זצ״ל, ״אויב דו ווילסט מגדל זיין דיין משפחה אויפן אידישן וועג, זאָלסטו וואָס פריער אַנטלויפן פון אונגאַרן, ווייל ס׳קען ווערן שפּעט און מ׳וועט נישט קענען אַנטלויפן״. ס׳האָט זיך ליידער שפּעטער אַזוי אַרויסגעוויזן אַז ווער ס׳איז געבליבן האָט מער נישט געקענט אַנטלויפן, אַפילו מ׳האָט געוואָלט.

פון פּעסט זענען מיר ווייטער געפאָרן דורך פאַרשידענע שטעט, ווי סארוואש, שאפּראן, א.א.וו. ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין ווין. דאָרט איז געווען אַ פּלטים לאַגער, אין רוטשילד שפּיטאָל. מיט אונזער גרופּע, זענען אויך מיטגעקומען אַנדערע מענטשן, ר׳ שלמה מנשה פּאָלקאָוויטש ז״ל, און די שוועסטער פון ר׳ אהרן ט״ב׳ס ווייב, די אלמנה שרה קאהן ע״ה מיט אירע

2 טעכטער, (איין טאָכטער, שענקא תחי׳, האָט שפּעטער חתונה געהאַט צו הרה״ח

מו"ה ר' יודל הכהן רויזנבערג ז"ל, און די אַנדערע, מרת טילא ע"ה, האָט חתונה געהאַט צו ר' לייב'עלע קאַרפן נ"י. זי איז ליידער נפטר געוואָרן נאָך שבועות תשנ"ז).

אונזער ציל איז געווען אָנצוקומען קיין דייטשלאנד. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין ווין אויף עטליכע טעג. פון דאָרט, האָט די "בריחה" געמאַכט אַ גאַנצן טראַנספּאָרט, פון עטליכע הונדערט מענטשן און אַריבער געפאָרן מיט אַ באַן קיין לינץ עסטרייך. אין לינץ זענען מיר געווען אין אַ די. פּי. לאַגער עטליכע וואָכן. פון דאָרט האָט מען אונז געפירט קיין בראנא ראנצהויפן, דער גרעניץ צווישן עסטרייך און דייטשלאנד, אויף די זייט פון עסטרייך, כדי מ'זאָל אונז אַריבערשווערצן קיין דייטשלאנד.

די "בריחה" האָט געהאַט דאָרט אַ וועג דורך וואו זיי האָבן געשווערצט ביז דעמאָלס. זיי האָבן דאָרט געהאַט קליינע לאָדיקלעך (שיפלעך), וואָס מ'האָט געטריבן מיט די הענט, און מיט דעם פלעגן זיי אַריבער שווערצן די מענטשן דורכן טייך וואָס הייסט "אין", וואָס האָט אָפּגעטיילט עסטרייך פון דייטשלאנד.

מיר זענען 2 נעכט געשלאָפן אין בראנא. דעם צווייטן פאַרטאָג'ס זענען מיר - אַ גרופּע פון בערך 40 מענטשן - געגאַנגען צופוס ביז צום טייך, און אַפּאָר קילאָמעטער האָבן מיר געטראָגן אויפן רוקן די קליינע געשוויסטער. ס'איז נאָר געווען דאָרט 1 שיפל. מ'האָט קודם אַריבער געפירט וויפיל ס'איז אַריין אין דעם שיפל און דערנאָך איז דאָס שיפל צוריק געקומען אויפנעמען אַנדערע מענטשן. אויף די אַנדערע זייט גרעניץ, האָבן אויך

אָפּגעוואַרט מענטשן פון די "בריחה", און ווייטער געפירט די אנגעקומענע אין פאַרשידענע די.פּי. לאַגערן.

זעט אויס, אַז די גרעניץ וועכטער האָבן שוין פריער געהאַט באַמערקט אַז מענטשן שווערצן זיך דאָרט ביי די גרעניץ, האָבן די אמעריקאנער סאָלדאַטן געשטעלט שומרים ביי די דייטשע זייט פונ'ם גרעניץ. זיי האָבן געוואָלט כאַפּן די פירערס. דאָס ערשטע שיפל פון אונזערע מענטשן איז נאָך אַריבער געפאָרן בשלום. דאָס שיפל איז צוריק געקומען און האָט אויפגענומען נאָך מענטשן, צווישן זיי מיין פאָטער זצ"ל, ר' שלמה מנשה פאָלקאוויטש ז"ל, און אייניגע פון מיינע געשוויסטער שיחי'.

דאָס אַלעס איז פאָרגעקומען זייער שטיל ווי פאַרשטענדליך. דאָס שיפל האָט זיך געגליטשט אויפן וואַסער שטילערהייט, און ווען מיר זענען שוין געווען אינמיטן וואַסער האָבן מיר געהערט פון די אַנדערע זייט גרעניץ אַ גרויס גערודער. פלוצלונג, האָבן די סאָלדאַטן געשאָסן אין די לופט, און האָבן געשריגן אויף דעם שיפל, "האַלט ווייל מיר שיסן". ר' שלמה מנשה ז"ל און אויך מיין פאָטער זצ"ל האָבן געשריגן, "מיר האַלטן". מיר האָבן נישט געהאַט קיין סאַך ברירות און מ'האָט אונז צוריק געפירט. אַפילו די וואָס זענען שוין געווען אויף די אַנדערע זייט גרעניץ האָט מען צוריק געברענגט קיין בראנא, אויף די זייט פון עסטרייך. פון דאָרט האָבן מיר געמוזט צוריק גיין צופיס, צו דעם לאַגער פון וואו מיר זענען געקומען.

די לאַגער פירער האָבן זייער געוואָלט אַז מיין פאָטער זצ״ל זאָל בלייבן דאָרט אין לאַגער. זיי האָבן געוואָלט האָבן דאָרט אַ רב. זיי האָבן אים שוין געהאַט געבעטן דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר זענען אַהין געקומען אַז ער זאָל בלייבן דאָרט, און ער האָט נישט געוואָלט, אָבער דער אויבערשטער האָט אַזוי געפירט אַז מ׳האָט אונז צוריק געברענגט אין לאַגער. מיר האָבן געדאַרפט וואַרטן ביז ס׳וועט זיך מאַכן אַן אַנדערע געלעגנהייט אַריבער צו שווערצן די גרעניץ, אויף אַן אנדער פּלאַץ. מיט קליינע קינדער איז דאָס נאָך שווערער געווען, איבערהויפּט אַז ס׳איז שוין אינצווישן געוואָרן ווינטער.

מ׳האָט אונז געזאָגט אַז פון בראנא וועט מען אויך קענען ווייטער אויסוואַנדערן. מ׳האָט אונז צוגעשטעלט אַ געהעריגע דירה, און מיר זענען דערווייל דאָרט געבליבן. די אַנדערע וועלכע זענען מיטגעקומען מיט אונז זענען נאָך אַ שטיקל צייט ווייטער געפאָרן. (אגב די שטאָט ״בראנא״ איז דאָס געבורט אָרט פון דעם ימח שמו׳ניק, הגם מען האָט געשמועסט אויף אים אַז ער איז אַ שד, אָבער זיין פאָטער ליגט דאָרט באַגראָבן).

קאַפּיטל זעכציג

דעם טאַטע׳ן זצ״ל׳ס הצלה

יעצט וועל איך מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב, און בקיצור דערציילן ווי אַזוי מיין פאָטער זצ״ל איז ניצול געוואָרן, לויט ווי ער האָט דערציילט.

ווי איך האָב שוין געשריבן, איז מיין פאָטער זצ״ל אַוועק פון געטאָ און איינגערוקט צום ״מאָנקאַ-סאַזאַד״, ווען מ׳האָט אים איינגערופן פון געטאָ. ווען מ׳האָט אויסגעליידיגט די געטאָ איז ער שוין געווען אין ״מאָנקאַ-סאַזאַד״. זיין סאַזאַד איז געווען אין האָטהאַז, נעבן דעברעצין. ער האָט דאָרט געהאַט פיל באַקאַנטע, און דורכדעם איז אים בע״ה געלונגען צו ערלעדיגן ער זאָל נישט דאַרפן אַרבעטן שבת. ער איז געווען אַ שומר אין אַ באַראַק ווען מ׳איז אַרויסגעגאַנגען אַרבעטן אויפן פעלד. מ׳פלעגט זיי אַריינברענגען אויך קיין דעברעצין אַרבעטן, שוין נאָכדעם וואָס מ׳האָט אַוועקגעפירט די אידן.

אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען ביז סוכות אין יאָר תש״ה. דעמאָלס האָט מען זיי אַלע אַריינגעברענגט קיין דעברעצין, מיט די כוונה אַוועק צו פירן הושענא רבה, צום רוסישן פראָנט. מיין פאָטער זצ״ל האָט געבעטן עטליכע היימישע אידן פון זיין ״מאָנקאַ-סאַזאַד״, אַז זיי זאָלן זיך באַהאַלטן אין דעברעצין און נישט מיטפאָרן מיט דעם סאַזאַד. מ׳האָט געהאַט די מעגליכקייט דאָס צו טאָן. מ׳האָט זיך געקענט באַהאַלטן ביז דער סאַזאַד וועט אַוועק פאָרן.

מיין פאָטער זצ״ל האָט געזאָגט, ״וואָס דאַרף איך פאָרן צום פראָנט און דאָרט וואַרטן ביז די רוסן זאָלן מיך באַפרייען? דער רוסישער פראָנט מיט אונגאַרן איז דאָך שוין כמעט נעבן דעברעצין. איך וועל דאָ וואַרטן אַז זיי זאָלן אַהער קומען מיך באַפרייען.״ קיינער האָט אָבער נישט געוואָלט אַראָפּ בלייבן, מ׳האָט פשוט מורא געהאַט.

ס׳איז געווען אין דעם ״מאָנקאַ-סאַזאַד״ אויך עטליכע משומדים, וועלכע האָבן געטראָגן אַ ווייסע באַנד אָנשטאַט אַ געלע אָרעם באַנד, וואָס אַלע אידישע ״מאָנקאַ-סאַזאַד״ מענטשן האָבן געמוזט טראָגן. עטליכע פון די משומדים זענען געווען פון דעברעצין, וואָס זייערע גוי׳אישע ווייבער האָט מען נישט דעפּאָרטירט, ווייל זיי זענען נישט געווען קיין אידן. זיי זענען ווייטער געבליבן וואוינען אין זייערע דירות.

מיין פאָטער זצ״ל האָט זיך געווענדעט צו זיי מיט זיין פאָרשלאַג, אַז זיי זאָלן וועלן בלייבן דאָ אין דעברעצין באַהאַלטן. פיר משומדים האָבן אָנגענומען זיין עצה, אָבער מיין פאָטער זצ״ל האָט געוואָלט האָבן מיט זיך כאָטש איין היימישן. נאָך שווערע מיה און טענה׳עריי, איז אים ענדליך געלונגען צו באַוועגן ר׳ יחזקאל הלוי לעווי ז״ל, וועלכע האָט זיך אויך דאָרט געפינען אין ״מאָנקאַ-סאַזאַד״, ער זאָל אויך בלייבן דאָרט באַהאַלטן.

די משומדים זענען געווען באוואוסטע פערזענליכקייטן. זיי האָבן געהאַט אַסאַך גוי׳אישע באַקאַנטע, און אַזוי האָבן זיי זיך פאַרשאַפט אַ

באַהאַלטונגס אָרט, אויף אַ בוידעם אין אַ גרויסע הויז, אויף די פּיאַץ (PIAC) גאַס. דער הויזמייסטער האָט מסכים געווען אַז זיי זאָלן זיך באַהאַלטן (פאַרשטייט זיך פאַר גוט באַצאָלט). הושענה רבה ביינאַכט, ווען מ׳האָט דעם ״מאָנקאַ-סאַזאַד״ אַריינגעלייגט אין די וואַגאָנען מ׳זאָל זיי אַוועק פירן, זענען די 6 מענטשן אַראָפּגעבליבן.

אַזוי ווי מ׳האָט כמעט יעדן טאָג באָמבאַרדירט די שטאָט, האָבן די מענטשן פון דעם גאַנצען הויז, וואו זיי זענען געווען באַהאַלטן, געמוזט אַראָפּגיין אין קעלער. די זענען אויך אַראָפּ אין קעלער. דער הויזמייסטער האָט מורא באַקומען און האָט זיי מער נישט געוואָלט האַלטן. זיי זענען געווען דאָרט כמעט 2 וואָכן.

יעצט האָבן זיי געמוזט זוכן אַן אַנדער אָרט זיך צו באַהאַלטן. די משומדים האָבן באַפוילן דורכ׳ן הויזמייסטער, צו זייערע ווייבער וואָס האָבן געוואוינט אין די ווילאַס, נעבן דעם גרויסן וואַלד, זיי זאָלן פאַרשאַפן אַ ליידיגע ווילאַ נעבן זייער הויז. ביי זיך אַליין אינדערהיים האָבן זיי מורא געהאַט צו זיין, אָבער עס זענען געווען אַסאַך ליידיגע הייזער, וואָס די בעלי בתים האָבן איבערגעלאָזט צוליב מורא פון די רוסן. די ווייבער האָבן צוריק באַפוילן אַ תשובה, אַז זיי האָבן אַ ליידיג הויז נעבן זייער הויז, וואו זיי וועלן קענען זיין אין אַ ליידיגן קעלער.

די פּחדים וואָס זיי האָבן איבער געלעבט אויפן בוידעם אין די 2 וואָכן, דאָס קען מען גאָרנישט שילדערן. דאָס איז ענליך צו די באַקאַנטע מעשה, וואָס ווערט דערציילט. ס׳איז געווען אַמאָל אַ קעניג, וואָס מ׳האָט אין

אים מורד געווען און אים געוואָלט הרג׳נען ל״ע. ער איז אַנטלאָפן וואו די אויגן האָבן אים געטראָגן. אַזוי אַנטלויפנדיג איז ער איז אָנגעקומען צו אַ איד אין שטוב, און זיך געבעטן ביי אים ער זאָל אים ראַטעווען. דער איד האָט אים באַהאַלטן אין זיין בעט אונטער די דאָכנע.

די סאָלדאַטן זענען אַריין געקומען צום איד אין שטוב. אַדורך געקוקט דעם גאַנצן הויז, אויף צו זוכן דעם קעניג, אָבער מ׳האָט אים נישט געטראָפן. דאָרט אונטער די דאָכנע איז דער קעניג געלעגן און געצאַפּלט פון גרויס שרעק, און האָט זיך צו געהערט צו אַלעם וואָס קומט פאָר אין שטוב, ביז די סאָלדאַטן האָבן ענדליך פאַרלאָזט דעם הויז.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט מען געכאַפּט די אויפשטענדלער וואָס האָבן געוואָלט הרג׳נען דעם קעניג, און מ׳האָט זיי פאַראורטיילט מיט זייער פאַרדינטע שטראָף. דער קעניג האָט זיך צוריק געזעצט אויף זיין כסא מלוכה מיט גרויס שטאַרקייט. דעמאָלס האָט ער געלאָזט רופן דעם איד וואָס האָט אים מציל געווען, און ער האָט אים זייער מקרב געווען פאַרדעם וואָס ער האָט אים געראַטעוועט דאָס לעבן.

איינמאָל האָט דער קעניג געמאַכט אַ גרויסע סעודה, און דער איד איז אויך געווען געלאַדענט צו די סעודה. כטוב לב המלך ביין, ווען דער איד האָט געזען אַז דער קעניג איז גוט אויפגעלייגט, און עס איז אַ גוטע געלעגנהייט, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געפרעגט, ״אדוני הקיסר, איך וואָלט זייער געבעטן דעם הער קיסר

זאָל מיר זאָגן וויאַזוי ער האָט געפילט ווען ער איז געווען באַהאַלטן אינטער די דאָכענע".

ווי דער קעניג האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך זייער אויפגערעגט און געשריגן, "אַ מין חוצפה צו פרעגן אַזאַ שאלה פון דעם קעניג, און אים דערמאַנען יענע שווערע מינוט. זאָפאָרט זאָל מען דעם איד אַוועק פירן אין תפיסה, און ביז אַפּאָר טאָג זאָל מען אים אויפהענגען ל"ע." דער איד האָט זיך נעבעך געבעטן און געוויינט, ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. מ'האָט דעם איד פאַראורטיילט למיתה דורך די תלי' ל"ע.

ווען עס איז אָנגעקומען דער באַשטימטער זמן, האָט מען אַרויס געפירט דעם איד צו די תלי'. דער הענקער האָט שוין אַרויפגעלייגט דעם שטריק אויף זיין האַלז, און דער איד האָט זיך שוין געגרייט אַז אָט אָט... פלוצלונג, האָט דער קעניג געהייסן מ'זאָל אים אַראָפּנעמען פון די תלי'. מ'האָט תיכף געטאָן ווי דער קעניג האָט געהייסן. דעמאָלס האָט דער קעניג צוגערופן דעם איד און געזאָגט, "אַזוי האָב איך געפילט ווען איך בין געלעגן אונטער די דאָכענע".

"איך האָב דיך נישט געוואָלט הרג'נען", האָט דער קעניג מסביר געווען, "און אַפילו נישט מצער זיין. איך האָב דיר נאָר געוואָלט ענטפערן אויף דיין פראַגע, ווי אַזוי איך האָב געשפירט ווען איך בין געלעגן אונטער די דאָכענע. איך האָב דיר נישט געקענט אַנדערשט מסביר זיין. דו וואָלטסט עס קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען, ביז דו ביזט נישט אַליין געווען ביי די תלי'. יעצט ווייסטו וואָס

פאַר אַ טעם איך האָב דעמאָלס געשפּירט אונטער די דאָכענע.״

דער נמשל רעדט פאַר זיך אַליין, קאַמענטאַרן זענען איבעריג... מען קען שרייבן און דערציילן אָן אַ שיעור, אָבער קיינער פון דעם היינטיגן דור וואָס האָט דאָס ב״ה נישט מיטגעמאַכט, וואָלט דאָס נישט געוואָלט קענען פאַרשטיין, נאָר די וועלכע האָבן איבערגעלעבט דעם בונקער, זיי קענען דאָס משיג זיין. דער רבוש״ע זאָל העלפן, לא תקום פעמים צרה. קיינער זאָל דאָס טאַקע קיינמאָל נישט קענען משיג זיין און פאַרשטיין.

קאַפּיטל איין און זעכציג

אין מויל פון די לייבן...

ס'איז געוואָרן אָפּגעמאַכט אַז שבת בראשית, שבת מברכים, מרחשון תש"ה, וועלן די זעקס באַהאַלטענע אַריבערגיין אין זייער נייע דירה, אין אַ ווילאַ, אין וואַלד, נעבן קליניק. צו גיין אויף די גאַס, איז געווען זייער אַ גרויסע סכנה. מ'האָט אָפּגעשטעלט מענטשן אויף די גאַסן און געבעטן שריפטן, און ווער ס'האָט נישט געהאַט קיין געהעריגע שריפטן, האָט מען באַלד חושד געווען אַלס אַ שפּיאָן, אָדער אַז ער איז אַ יוד. מען האָט אים תיכף געשאָסן ל"ע, אָן קיין שום חקירות ודרישות.

מען האָט נישט געטאָרט גיין צוזאַם, כדי ס'זאָל נישט זיין אויפפאַלענד. איינער פון די משומדים, וואָס האָט גוט געקענט דעם וועג, איז געגאַנגען פאָראויס. די איבעריגע זענען נאָכגעגאַנגען אָפּגערוקט איינער פון'ם אַנדערן, אויף אַזויפיל אַז מ'זאָל נאָך קענען זען פון דערווייטנס, דעם וואָס גייט פאַר אים, כדי צו וויסן וואו אים נאָכצוגיין. די שרעק איז געווען געוואַלדיג גרויס. ר' יחזקאל לעווי ז"ל, וועלכער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט מיין פאָטער זצ"ל, האָט אויף דעם גאַנצן וועג גייענדיג, ממש אויפגעגעסן מיין פאָטער זצ"ל, פאַרוואָס ער האָט אים געהייסן דאָ בלייבן, זיך באַהאַלטן. ענדליך זענען זיי אַלע ב"ה בשלום אָנגעקומען צום קעלער, וואו ס'איז געווען באַשטימט צו בלייבן.

זיי האָבן גאָרנישט געקענט מיטנעמען, קודם כל ווייל ס'איז געווען שבת, און אויסערדעם האָבן זיי נישט

געוואָלט זיין אויפפאַלנד מיט טראָגן פעקלעך. נאָר די תפילין האָט מיין פאָטער זצ״ל יאָ מיטגענומען. ער האָט געקלערט מוטב שיחלל שבת אחת ואל יחלל תפלות הרבה, ווייל אויב ער נעמט ווען נישט מיט די תפילין וואָלטן זיי נישט געהאַט מער קיין תפילין. די תפילין האָבן געשטאַמט פון רבי ר׳ הערשל׳ע ליסקער זי״ע, און מיין פאָטער האָט דאָס געהאַט בירושה פון זיידן ר׳ ישעי׳לע זי״ע.

זיי זענען געווען אין קעלער ביז דאָנערשטאָג ב׳ מרחשון, אונטער גאַנץ רואיגע אומשטענדן, אויב מען קען עס אַזוי אָנרופן. איין פאַרטאָג׳ס, און... מען קלאַפּט אין פענסטער. איינער פון די באַהאַלטענע האָט געפרעגט, ״ווער איז דאָס?״ האָט מען געענטפערט, ״די דייטשע הויפט קאָמאַנדאָ״. די רוסן זענען שוין געווען אַזוי נאָנט, אַז די דייטשן זענען אַרום געלאָפן זוכן פלעצער זיך צו באַהאַלטן. זיי האָבן געבעטן ערלויבעניש אַריינצוקומען, אין זייער דירה אין קעלער. פאַרשטייט זיך אַז מ׳האָט זיי דאָס געגעבן.

פון שבת אָן, האָט זיך מיין פאָטער זצ״ל שוין נישט געהאַט געשוירן די באָרד, כאטש ער האָט געהאַט מיט זיך אַ שער מאַשינדל, ווייל מ׳האָט געוואוסט אַז דער פראָנט איז שוין סיי ווי אַרום די שטאָט, אָט אָט ווערט מען באַפרייט. פאַרוואָס זאָל ער זיך שניידן די באָרד? יעצט אַז מ׳האָט געהערט אַז די דייטשע הויפט קאָמאַנדאָ איז דאָ, האָט ער זיך תיכף אָפּגעשוירן די באָרד.

מ׳האָט אָפּגעמאַכט צו זאָגן אַז זיי זענען אונגאַרישע פעלד אַרבייטער, און אַזוי ווי מ׳שיסט שטאַרק אינדרויסן

האָבן זיי זיך באַהאַלטן אין קעלער. מיין פאָטער זצ"ל האָט געזאָלט הייסן אַז ער איז ל"ע שטום, ווייל ער האָט נישט געקענט רעדן קיין אונגאַריש. איינער פון זיי האָט געקענט אַ ביסל דייטש, איז ער געווען דער דאָלמאָטשער. די דייטשן האָבן געזאָגט פאַר זיי, אַז זיי זאָלן אַנטלויפן פון דאָ ווייל "ס'איז זיך מער צובעפירכטן פון די רוסן ווי פון דעם באָמבאַרדירן", האָבן זיי צוגערעדט. עס לוינט זיך צו ריזיקירן און אַנטלויפן אַפילו עס פאַלן באָמבעס, כדי נישט צו אַריין פאַלן אין די הענט פון די רוסן. אָבער זיי זענען דאָרט געבליבן, זאָגנדיג אַז זיי האָבן דאָך מורא אַרויס צו גיין יעצט אויפן גאַס.

די דייטשע קאָמאַנדע איז געווען די וואָס האָט באַקומען די אינפאָרמאַציע פון'ם פראָנט, און ווייטער אַרויס געגעבן די באַפעלן צום פראָנט. זיי האָבן תיכף אריינגעצויגן פאַרשידענע קאָמיוניקאַציע און פאַרבינדונג געצייגן אין דעם קעלער, טעלעפאָנען וכדומה, אַז זיי זאָלן קענען ווייטער זיין פאַרבינדן מיט'ן פראָנט.

יעדע באַפעל אָדער אינפאָרמאַציע וואָס זיי האָבן באַקומען פון פראָנט, האָבן זיי געדאַרפט איבער זאָגן פונקטליך, כדי זיכער צו מאַכן אַז מ'האָט גוט פאַרשטאַנען. אויך דעם באַפעל וואָס דער קאָמאַנדיר האָט אַרויס געגעבן פאַר'ן פראָנט, האָט דער פון'ם פראָנט וואָס האָט דאָס איבערגענומען, געדאַרפט פונקטליך איבער זאָגן דעם באַפעל וואָס ער האָט באַקומען. (אַזוי אַרבעט דאָס ביי אַסאַך אָפּטיילונגן פון מיליטער, אָדער אַנדערע וויכטיגע אינפאָרמאַציע).

די דייטשן זענען געווען אין איינע פון די שטיבער פון קעלער, און די 6 באַהאַלטענע זענען געווען אין אַן אַנדערע שטוב. מ׳האָט אָבער געהעריג אַריבער געהערט פון איין שטוב צו די אַנדערע, און דורכדעם האָבן זיי געהערט און געוואוסט פונקטליך אַלעס וואָס ס׳טוט זיך אויפן פראָנט. אַרום 10:00 אַזייגער פאַרמיטאָג, האָבן זיי געהערט ווי איינער פון די דייטשן האָט געפרעגט דעם קאָמאַנדיר, צי די מענטשן וואָס זענען דאָרט באַהאַלטן, ״פילייכט זינדן זיי אידן?״ אָבער דער קאָמאַנדיר האָט גאָרנישט רעאַגירט דערויף. ס׳איז זיי דורך אַ סקרוך אין דיביינער ווען זיי האָבן דאָס געהערט. די הערצער האָבן געפלאַטערט פון שרעק. דאָס הייסט ממש בדור אריותא, אין לייבן גרוב!

די דייטשן האָבן זיי געהאַלטן אין איין וואָרענען אַז זיי זאָלן אַנטלויפן ווילאַנג ס׳איז נאָך צייט, אָבער מ׳האָט זיי נישט געהאָרכט. זיי האָבן כסדר געהערט ווי דער פראָנט האַלט. אין דעברעצין זענען געווען גאַסן שלאַכטן, מ׳האָט געקעמפט כמעט אויף יעדע גאַס. יעדע שטיקל צייט איז אַריין געקומען די נייעס אין די קאמאנדא אַז נאָך אַ גאס איז שוין איינגענומען דורך די רוסן. אום 12:50 מיטאָג האָט די קאָמאַנדאָ באַקומען אַ באַפעל אַז דעברעצין איז שוין אינגאַנצן אַרומגענומען פון די רוסן, און די הויפט קאָמאַנדאָ האָט נאָך איין גאַס פון וואו צו אַנטלויפן. די קאָמאַנדאָ האָט באַלד איבערגעשניטן אַלע זייערע קאָמיוניקאַציע זאַכן, די טעלעפאָנען וכדומה, און זענען תיכף אַנטלאָפן.

אַזוי ווי די דייטשן ימ״ש זענען אַוועק פון דאָרט, זענען די מענטשן וואָס זענען דאָרט געווען באַהאַלטן

ממש געפאַלן אין חלשות, פון דעם גרויסן שרעק און אָנשטרענגונג וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט אין די קורצע צייט. אַזוי ווי די הייליגע חז"ל זאָגן "אין אדם דר עם נחש בכפיפה אחת". דאָ זענען זיי פאַקטיש געווען אין מויל פון דעם שרעקליכן שלאַנג, און זיי זענען ב"ה ניצול געוואָרן.

דערווייל זענען זיי נאָך געבליבן דאָרט און נישט אַרויס פון דעם קעלער. זיי האָבן מורא געהאַט אַז אפשר וועלן נאָך די דייטשן צוריק שלאָגן די רוסן, און די דייטשן וועלן חלילה צוריק קומען, און דאָס לעבן איז נאָר איינס מען קען עס נישט איינשטעלן. מען האָט געלעבט אונטער זייער אַ גרויסע דרוק און אָנגעצויגענקייט.

קאַפּיטל צוויי אין זעכציג

ענדליך ב אַ פ ר י י ט . . .

פרייטאָג פאַרטאָג׳ס האָבן זיי געהערט אַ גרויסן טומל אויבן אין די דירה. דאָס רוסישע מיליטער זענען אַריינגעקומען, און צווישן יאָ און ניין האָבן זיי אויפגעבראָכן די טירן און אַריין אין קעלער. נישט ווי די דייטשן וואָס האָבן געבעטן רשות אַריינצוקומען, נאָר זיי האָבן אויפגעבראָכן די טירן, און זענען אַריינגעקומען, און געטראָפן דאָרט די אַלע באַהאַלטענע מענטשן.

די מענטשן האָבן זיך באַלד אידענטיפיצירט אַלס אידן, אָבער די רוסן האָבן געפרעגט „פאַר וואָס זענט עטץ נישט געגאַנגען קעמפן צוזאַם מיט די פאַרטיזאַנער?" זיי האָבן אויסגעטאַפּט יעדן, און וואָס ס׳איז זיי געפאָלן האָבן זיי צוגענומען פאַר זיך. זיי האָבן איבערגעדרייט דעם גאַנצן קעלער, זיי האָבן אויך געטראָפן די תפילין, וואָס מיין פאָטער זצ״ל האָט באַהאַלטן אין קעלער צווישן די קוילן צום הייצן, וואָס איז געווען דאָרט. איינער פון די רוסישע סאָלדאַטן האָט דאָס געוואָלט אויפשניידן, צו זען וואָס עס איז דאָ דאָרט אינעווייניג באַהאַלטן, און פלוצלונג איז אַן אַנדערער סאָלדאַט צוגעשפרונגען און האָט נישט געלאָזט ער זאָל טשעפּען די תפילין. דער סאָלדאַט איז געווען אַ יוד.

אויף די גאַס איז געווען אַ סכנה צו גיין, ווייל ווי נאָר די רוסן האָבן געזען אַ מענטש האָבן זיי אים באַלד גענומען צו די אַרבעט און דערנאָך אַוועק געפירט קיין רוסלאַנד. מיין פאָטער זצ״ל איז געגאַנגען דאָרט אין שפּיטאָל (קליניק), וואָס איז געווען נישט ווייט פון דעם

קעלער וואו זיי זענען געווען. ער איז נאָר אַהין געגאַנגען, כדי ער זאָל זיך נישט דרייען אויף די גאַס. דער וואָס האָט איבערגענומען דאָס שפּיטאָל איז געווען אַ רוסישער אָפיציר, אַ יוד.

נאָכן אפּזיין אין שפּיטאָל עטליכע טעג, איז מיין פאָטער זצ"ל געגאַנגען בעטן פון דעם קאָמענדאַנט אַ שריפט, ער זאָל קענען אַרויס גיין אין די שטאָט. האָט דער קאָמענדאַנט געפרעגט, "וואָס ברויכסטו? אַ קוויטל?! גוט איך וועל דיר געבן". ער האָט אים געגעבן אַ כתב מיט אַ גרויסן זיגל און האָט אים געזאָגט, "דו קענסט גיין". מיין פאָטער זצ"ל האָט אים געפרעגט "וואָס שטייט אין כתב?" האָט ער אים געזאָגט "ס'איז גוט!". ער האָט אים נישט געוואָלט זאָגן וואָס ס'שטייט דערין, אָבער מיין פאָטער זצ"ל האָט דאָס געלאָזט מיט אַן אַנדערן אָפּליינען. ס'איז דאָרט געווען געשריבן, אַז דעם מענטש זאָל מען נישט טשעפּען, ווייל ער טוט אָרגאַניזירן שניידערס פאַר די רוסישע ארמיי.

פון שפּיטאָל, איז ער דאָס ערשטע געגאַנגען צו אונזער געוועזענע הויז אויף האָטוואָן גאַס, אָבער דאָס הויז איז געווען חרוב. די גאַנצע לענג פון הויז איז געטראָפן געוואָרן פון אַ באָמבע און איז געווען צושמעטערט.

אין די צייט וואָס מיר זענען געווען אין געטאָ, האָבן מיר אַלע ספרים אַראָפּגעטראָגן אין קעלער, אין דעם חלק פון קעלער וואָס איז געווען באַשטימט פאַר אַן אנטרינונגס אָרט (שעלטע"ר). ווען ס'האָט געבלאָזן דער סיירין איז מען דאָרט געגאַנגען זיך באהאלטן. אונזער

בנין איז געווען זייער שטאַרק געבויט, מיט זייער דיקע ווענט. דער קעלער איז געווען געבויט ווי אַ כיפה. ווען די באָמבע איז געפאַלן אויפן הויז, איז דאָס געפאַלן העכער דעם קעלער וואו די ספרים זענען געווען. עס האָט טאַקע געמאַכט אַ לאָך אין פלאַפאָן (סילינג) פון קעלער, העכער די ספרים, אָבער דער דאַך איז נישט איינגעפאַלן.

קאַפּיטל דריי און זעכציג

מען הייבט אָן דאָס לעבן אויפסניי

ווען מיין פאָטער זצ"ל האָט נישט געקענט אריינגיין אין זיין הויז, איז ער אַריין אין אַ ליידיגע דירה וואָס האָט געהערט פאַר אַ ביר אַנגראָסיסט (האָלסעילע"ר), אַפּאָר הייזער אַוועק פון אונזער דירה. ס'איז געווען אַ גרויס הויז מיט אַסאַך שטיבער. דאָס איז געשטאַנען אויף האָטוואָן קאָרנער פאשטי גאַס. די אייגנטימער פון דעם הויז זענען אַנטלאָפן פון די שטאָט און זענען דערווייל נישט צוריק געקומען.

צוביסלעך, האָבן די אידן וואָס זענען באַפרייט געוואָרן אָנגעהויבן קומען קיין דעברעצין, בפרט די פון אַרום דעברעצין, און אויך אַלע וואָס זענען באַפרייט געוואָרן פון "מאָנקאַ-טאַבאָר". אויך האָט זיך געהאַט באַהאַלטן אין דעברעצין ר' בערל אייזדארפער הי"ד. (ער איז ל"ע גע'הרג'עט געוואָרן אין ברוקלין.) די אַלע וואָס זענען אָנגעקומען קיין דעברעצין, איז זייער ערשטע אַדרעסס געווען די דירה פון מיין פאָטער זצ"ל. ער האָט אויפגעגראָבן פון אונזער הויף די טיזנ'ס שמאַלץ וואָס מ'האָט געהאַט דאָרט באַגראָבן, און האָט געקאָכט פאַר די מענטשן וואָס זענען געקומען.

ער איז אויך באַלד געגאַנגען אין אונזער חרוב געוואָרענע הויז, און פון דאָרט אריבערגעברענגט אַלע ספרים צו זיין נייע דירה. מיין פאָטער זצ"ל דערציילט אַז וויבאַלד ער האָט אַוועק געטראָגן די ספרים, איז דער גאַנצער קעלער איינגעפאַלן, און מ'האָט מער נישט געקענט דאָרט אַריינגיין, ויהי לנס.

ר׳ מענדל זופניק פון ברוקלין - דער אויבערשטער זאָל אים שיקן אַ רפואה שלימה במהרה - דערציילט מיר כסדר. ער קען נישט פאַרגעסן, ווי ער צוזאַמען מיט אַ חבר, זענען אָנגעקומען קיין דעברעצין. נאָ וואו גייט מען? צו רבי ר׳ נפתלי׳ן. דאָרט האָט מען זיי אויפגענומען בכבוד גדול, מ׳האָט זיי געגעבן צו עסן, און אַ שטוב צו שלאָפן.

אינמיטן די נאַכט האָט זיך די דאָכענע, מיט וועלכע זיי האָבן זיך צוגעדעקט, אויפגעריסן, און ס׳איז געפלויגן פעדערן אין די גאַנצע שטוב. ס׳איז געוועזן זייער אומבאַ׳טעמ׳ט. נישט גענוג אַז מ׳האָט זיי געגעבן צו עסן און אַ שטוב צו שלאָפן, האָבן זיי נאָך אָנגעמאַכט אַ חורבן, וואָס וועט דער רבי זאָגן? אָבער צופרי, ווען מיין פאָטער זצ״ל האָט געזען וואָס ס׳איז געשען, האָט ער זיי באַרואיגט און מיט אַ שמייכל׳דיג פנים אַ זאָג געגעבן, ״ס׳איז גאָרנישט, מ׳וועט נעמען אַן אַנדערע דאָכענע״.

מיין פאָטער זצ״ל האָט דערציילט, אַז דאָס שווערסטע זאַך ביי אים איז געוועזן פרייטאָג. אַ גאַנצע וואָך האָט ער געקאָכט אין פאַרשידענע כלים, יעדעס מאָל אין אַן אַנדערע כלי. פרייטאָג האָט ער שוין געהאַט אויסגענוצט אַלע כלים צום קאָכן, האָט ער געדאַרפט אפוואַשן אַלע כלים פון אַ גאַנצע וואָך, און דאָס איז געוועזן יענע אַרבעט. עס איז דאָך אָבער נישט געוועזן קיין אַנדערע ברירה. ער האָט דאָס געמוזט אַליין טאָן. ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדערן וועמען ס׳זאָל דאָס טאָן פאַר אים.

אויך האָט מיין פאָטער זצ״ל דערציילט, אַז ווען ער איז אַהיים געקומען האָט ער נישט געהאַט קיין געהעריגע קליידער אָנצוטאָן. אין די גרויסע שול זענען געווען אַסאַך מלבושים, וואָס די אונגאַרישע סאָלדאַטן האָבן צוזאַמען גענומען ווען מ׳האָט אויסגעליידיגט דעם געטאָ, האָט ער געוואָלט נעמען פון דאָרט עפּעס קליידער, שיך וכדומה, פאַר אייגן געברויך. ער האָט זיך אַריין געכאַפּט אין די שול און אויפגעזוכט אַ נאָרמאַלע פּאָר שיך.

ער האָט אָנגעטאָן איין שיך, און אַזוי ווי ער האָט געוואָלט אָנטאָן דעם אַנדערן שיך, זענען פּלוצלונג אַריינגעקומען רוסישע סאָלדאַטן און געהייסן ער זאָל שוין אַרויסגיין פון דאָרט און ער זאָל גאָרנישט נעמען. זיי האָבן אים נישט געלאָזט נעמען דעם אַנדערן שיך, און ער האָט געמוזט אַרויסגיין פון די שול מיט איין שיך. שפּעטער זענען געקומען די רוסן מיט טראָקס און האָבן אַלעס אַוועק געפירט.

מיין פאָטער זצ״ל האָט מסדר געווען אַ מנין. דער עולם האָט געדאַווענט אין דעם אשכנז׳ישן ביהמ״ד. צוביסלעך האָט זיך צוריק אָנגעהויבן ווייטער צופירן אַ אידיש לעבן. ס׳זענען כסדר געקומען פרישע מענטשן וואָס זענען באַפרייט געוואָרן. זיי האָבן געהערט אַז ס׳איז דאָ אַ אידישע קהלה אין דעברעצין, זענען זיי אַהין געקומען.

מיין פאָטער זצ״ל האָט די גאַנצע צייט נישט געהערט פון זיין משפחה. ער איז געווען אַליין אין דעברעצין. סוף ווינטער איז ער געפאָרן קיין טעמעשוואַר, וואו ס׳האָט

געוואוינט זיין שוואָגער, הרה״צ ר׳ חיים שלמה הורוויטץ זצ״ל מיט זיין שוועסטער, הרבנית מלכה ע״ה. ער איז געווען דאָרט ביז נאָך יו״ט פסח, דערנאָך איז ער צוריק געקומען קיין דעברעצין. פונקטליך ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט מיין מאַמע ע״ה ווייס איך נישט, דאָס איז געווען בערך סוף חודש תמוז. ווען איך בין אַהיים געקומען אין חודש אלול איז שוין די גאַנצע משפחה געווען אין דערהיים צוזאַמען.

די רעטונג פון מיין מוטער ע״ה, מיט די איבריגע געשוויסטער שיחי׳, האָט מיין ברודער הרב ר׳ רפאל שליט״א באַשריבן אויף ענגליש אין אַ חיבור, ווייל ער איז געווען מיט זיי אינאיינעם. אַזויפיל איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז די זעלבע ניסים וואָס מיט מיר האָט זיך געטראָפן אין ג׳ אייר תש״ה אין איין עק דייטשלאנד, האָט זיך אויך געטראָפן מיט מיין מוטער ע״ה און אירע קינדער אין אַנדערן עק דייטשלאנד.

דאָס האָט פאַסירט, ווען מ׳האָט זיי געפירט מיט די באַן פון בערגן-בעלזן קיין טרעזיען-שטאַט. דאָרט האָט מען אויך באַשאָסן זייער באַן אין ג׳ אייר און עס זענען ליידער געווען אַסאַך קרבנות, אָבער מיין מאַמע ע״ה מיט אַלע אירע קינדער זענען ב״ה דעמאָלס ניצול געוואָרן. אַלעס אין זכות פון הייליגן זיידן ר׳ ישעי׳לע זצוק״ל זי״ע ועכ״י, וואָס זיין יאָרצייט איז געווען אין יענעם טאָג.

די געשוויסטער שיחי׳ וואָס זענען אַהיים געקומען מיט מיין מוטער ע״ה , זענען געווען: מיין ברודער הרב ר׳ רפאל שליט״א, מיין ברודער מו״ה ר׳ יוקל נ״י, מיין שוועסטער מרת חי׳ שרה ע״ה, מיין ברודער מו״ה מיכאל

נ"י, מיין ברודער מו"ה משה נ"י, מיין שוועסטער מרת רוזא הענדל ע"ה, מיין ברודער מו"ה שמואל נ"י, און מיין ברודער מו"ה חיים ברוך נ"י.

און מיט דעם ענדיג איך די שפּאַנענדע היסטאָרישע דערציילונג, בחתימה מעין הפתיחה, אַז מ'קען ב"ה דערציילן אין פריידן די גרויסע ניסים וואָס ס'איז אַדורך אויף יעדן באזונדער, סיי ביי אונזער משפחה, און סיי ביי אַלע אַנדערע אידישע קינדער וואָס זענען אַרויס פון דעם שרעקליכן גיהנם, מאפילה לאורה. חסדי ה' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו. שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו והקב"ה מצילנו מידם.

עפּילאָג

בראַנאָו תש״ו

אין ראנסהויפן - בראנא, עסטרייך איז געווען בשעת די מלחמה אַן אַלאָמיניאום פאַבריק. מ׳האָט געבויט פאַר די אַרבייטערס פון די פאַבריק געהעריגע באַקוועמע דירות. נאָך די מלחמה האָט די ״אונרא״ (דאָס איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון די ״יו-ען״ וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט אויף די פלטים אין די די. פּי. לאַגערן), איבערגענומען די הייזער און געמאַכט פון זיי אַ די. פּי. לאַגער ווי ס׳זענען געווען בערך 100 משפחות. מ׳האָט געוואוינט אין געהעריגע געבויטע הייזער. יעדעס הויז איז געווען איין שטאָק הויך, מיט אַכט דירות אין איין הויז. יעדע הויז האָט געהייסן אַ בלאָק. ס׳זענען געווען 13 אַזעלכע בלאָק׳ן אויסער די בלאָק פאַר די לאַגער אָפיסעס, וואו מ׳האָט אויך געטיילט דאָס עסן. אין יעדע דירה האָבן געוואוינט עטליכע משפחות. אַזוי ווי מיר זענען געווען בע״ה אַ גרעסערע משפחה האָבן מיר באַקומען אַ גאַנצע דירה, אויסער איין שטוב ווי אַ פרעמדער האָט געוואוינט. מיר האָבן געהאַט 3 שטובער מיט אַ קאָך און אַ באַדע צימער.

מ׳האָט געטיילט צו עסן, רויע פּראָדוקטן פון וואָס יעדער האָט פאַר זיך געקאָכט. מ׳האָט אויך געטיילט פלייש, פאַרשטייט זיך נישט קיין כשר פלייש. ס׳איז דאָך נישט געווען ווער ס׳זאָל זאָרגן פאַר כשרות.

ביז מיר זענען אַהין געקומען זענען געווען דאָרט ווייניג פרומע מענטשן, די פרומערע האָבן כמובן נישט

געגעסן דאָס פלייש, אָבער די פרייע האָבן ליידער געגעסן וואָס מ׳האָט געגעבן.

יעדער לאַגער האָט געהאַט אַ באַשטימטע צאָל מענטשן. אַ פרעמדער וואָס איז נישט געווען פונ׳ם לאַגער האָט נישט געקענט באַקומען קיין דירה אָדער אַ קאַרט פאַר פּראָדוקטן. ווען צו איינעם איז געקומען אַ גאַסט פון אַן אַנדערן לאַגער, האָט ער אים געגעבן צו עסן און שלאָפן פון זיינעם.


CARD NO 5

UNRRA PX CAR

DP CAMP NO 609 DP NO

Date

Name GROSS SZAJA

Signature

WELFARE OFFICER
U.N.R.R.A.
welfare officer

מיט דעם קאַרטל האָט מען באַקומען פּראָדוקטן א.ד.ג.

* * *

Dec. 4, 1945

זייער אַסאַך פליכטלונגען וועלכע זענען שפּעטער געקומען האָבן שוין נישט געהאַט קיין פּלאַץ אינ׳ם לאַגער. מ׳האָט זיי געשטעלט אויף אַ ליסטע. ווען אַ משפחה אָדער אַ מענטש איז אַוועק געפאָרן האָט מען געקענט איבערגעבן דאָס ליידיג געוואָרענע פּלאַץ פאַר אַן אַנדערען פליכטלונג. אונזער לאַגער איז באַשטאַנען פון בערך 250 נפשות.

די ליסטעס זענען געווען איינגעטיילט לויט פּאַרטייען (פרומע, פרייע, א.ד.ג.), יעדער האָט געמוזט געהערן צו אַ פּאַרטיי. פון וועלכע פּאַרטיי ס׳איז אַוועק געפאָרן איינער, יענע פּאַרטיי האָט געהאַט אַ רעכט אויסצוקלויבן איינעם צו פאַרנעמען דאָס פּלאַץ. אַזוי ווי ס׳זענען געווען מערסטנס פרייע האָבן די פרומע מענטשן כמעט נישט געקענט אָנקומען אַהין.

ווען מיין פאָטער זצ״ל איז אָנגעקומען אַהין האָט ער מיך געשיקט קיין זאלצבורג. (דאָרט איז געווען אַ דורכפאָר לאַגער וואו ס׳פלעגן אָנקומען גרעסערע טראַנספּאָרטן פון אנדערע מדינות). מיין פאָטער האָט געהאָפט אַז צווישן די פליטים וועל איך טרעפן אַ שוחט, וועלכער וועט מסכים זיין צו קומען צו אונז אין לאַגער.

פונקט איז דעמאָלס אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט פון אונגארן, און צווישן זיי איז געווען הרבני החסיד וכו׳ מו״ה אברהם דוד הלוי לעווינגער ז״ל, אַ שו״ב. ער האָט זיך געהאַלטן צוזאַם מיט עטליכע היימישע מענטשן פון ווייטצן, וועלכע האָבן ליידער פאַרלאָרן זייערע משפחות אין אוישוויץ הי״ד. איך האָב אים צוגערעדט, ער זאָל קומען צו אונז אין לאַגער מיט זיינע חברים. איך האָב זיי

פאַרשפּראָכן אַז מיין פאָטער זצ"ל וועט פאַר זיי אַלע ערלעדיגן צו קענען זיין פאַרשריבן אין אונזער לאַגער, און זיי האָבן מסכים געווען.

מיין פאָטער זצ"ל איז געגאַנגען צום אונרא לאַגער פירער, אַן אַמעריקאַנער גוי, און איהם געבעטען אַ דירה פאַר דעם שו"ב און זיינע חברים. ער האָט אים מסביר געווען אַז אָן קיין שו"ב קען דער לאַגער נישט פונקציאָנירן. דער לאַגער פירער האָט באַלד מסכים געווען צו געבן פאַר זיי אַ רשיון זיך דאָרט צו באַזעצן. אין אייניגע טעג אַרום זענען זיי שוין געווען ביי אונז אין לאַגער.

זיי זענען געווען אַ גרופּע פון פיר מענטשן: מו"ה אברהם דוד הלוי לעווינגער ז"ל, דער שו"ב, הרה"ח מו"ה יעקב אבעלעס ז"ל, וועלכער האָט שפּעטער געוואוינט אין ירושלים עיה"ק, (ער איז געווען דער ראש פון כולל שומרי החומות). מר. קירשבלום, אַ ספרא רבה. און דער פערדער געדענק איך נישט ווער דאָס איז געווען.

מיר האבן זיך באלד פאַרבינדן מיט אַ שלאַכט הויז פון וואו מ'האָט געקויפט פלייש ביז יעצט. מיר האָבן זיי געזאָגט אַז פון היינט און ווייטער וועט אונזער לאַגער נאָר קויפן די פלייש וואָס אונזער שוחט וועט שעכטן. זיי האָבן גאָרנישט געהאַט דערגעגן. איך פלעג אַלץ מיטגיין צום שעכטן, כדי צו נעמען שימוש. די התרת הוראה האָב איך שוין געהאַט פון פריער, אָבער קיין שימוש האָב איך נישט געקענט האָבן, ווייל אין אונגארן איז געווען פאַרבאָטן פון יאָר 37' צו שעכטן בהמות גסות. דאָרט אין בראנא האָב איך

צום ערשטן מאָל געזען אַ ריאה, אַ סירכה, וויאַזוי מ׳מאַכט בדיקת פנים, וויאַזוי מ׳איז ממשמש אַ סירכה וכדומה. (דעמאָלס האָב איך אויך געלערנט שמלה חדשה, און זיך געלערנט אויף שחיטת עופות, איך האָב גוט געקענט די הלכות מיטן לשון בעל פה, אָבער געשאָכטן האָב איך נישט.)

צוביסלעך זענען מיר שוין געווען עטליכע אידן שומרי תורה ומצות. מיר האָבן באַלד צוזאַם געשטעלט אַ מנין ביי אונז אין שטוב, צום דאַווענען, צופרי און ביינאַכט. ס׳איז געווען איינער פון רוסלאנד וואָס האָט מיטגעברענגט אַ ספר תורה, אין וועלכן מיר האָבן געליינט. איך געדענק אַז איך האב געליינט אין פרשת ויגש דעם פסוק ״כל הנפש הבאה מצרימה ששים״. מ׳האָט מיך פאַרראָכטן ששים ושש, אָבער איך האָב נאָכאַמאָל געליינט נאָר ששים. ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז ס׳האָט פשוט געפעלט דאָס וואָרט ושש, כאָטש ס׳איז געווען אַן אַלט ספר, נאָך שבת האָב איך דאָס פאַרראָכטן.

אַפאָר וואָכן שפעטער האָט מיין פאָטער זצ״ל געפויעלט אַז מ׳זאָל געבן אַ באַזונדערע בנין פאַר אַ בית המדרש און אויך אַז די קינדער זאָלן קענען דאָרט לערנען. אַזוי האָט זיך צוביסלעך אָרגאַניזירט אַ שטיקל קהל׳יש לעבן.

אין עסטרייך האָט זיך געגרינדעט אַ התאחדות הרבנים, וואָס דער הויפט אפיס איז געווען אין באדגאסטיין, מיין פאָטער זצ״ל איז אויך געווען איינע פון די הויפט מיטגלידער.

בילדער ווי די קינדער לערנען אונטער די השגחה פון מיין ברודער הרב ר' רפאל שליט"א

פון רעכטס צו לינקס: חיים גרויס, שמואל גרויס, רויזנשטיין,
יוקל גרויס, שינדלער, שינדלער, מאלץ, טשימערינסקי

פון לינקס צו רעכטס: הב' רפאל גרויס - מנהל, רויזנשטיין, שינדלער,
גרויס, שינדלער, מאלץ, טשימערינסקי, שמואל גרויס, חיים ברוך גרויס.

מיין פאָטער זצ"ל פלעגט אָפט פאָרן קיין זאלצבורג און קיין באדגאסטיין וואו עס פלעג אָפט פאָרקומען אסיפות פון די רבנים, בעניני דת. אין זאלצבורג איז דעמאָלס געווען דער רב הרה"ג מוה"ר שלמה זלמן ברוין ז"ל מחבר ספרי שערים מצויינים בהלכה - ועוד על ש"ס. אין באדגאסטיין איז געווען דער רב הראשי פון די אַמעריקאַנער זאָנע, הרב ר' יהושע אראנסאן.

בילד פון כרטיס חבר - אַלץ חבר ביי די התאחדות הרבנים, וואו איך האָב אויך באַלאַנגט

אַזוי ווי כ׳האָב פריער געשריבן האָט יעדער געהערט צו אַ פאַרטיי. איך האָב נישט געוואוסט קיין חילוק צווישן אגודת ישראל - פועלי אגודה - צעירי אגודה. איך האָב געמיינט אַז די יונגע קינדער געהערן צו צעירי אגודה, די ערוואַקסענע צו פועלי אגודה און די עלטערע צו אגודת ישראל. מיר האָבן זיך פאַרשריבן אַלץ אגודת ישראל.

מיר זענען געווארן אַנערקענט אין לאַגער אַלס פאַרטרעטער פון די אגודה. מען האָט מיך אויסגעוועלט צו זיין דער פירער. איך האָב געהאַט די אויפגאַבע צו אויסוועלן נייע מענטשן אויפן פלאַץ פון די וואָס זענען אַוועקגעפאָרן. איך האָב אויך געשריבן בריף צו די צענטראַלע פון די אגודה קיין אַמעריקא, מיט די ליסטע פון אַלע מענטשן וועלכע באַלאַנגען צו די אגודה פאַרטיי. זיי האָבן עטליכע מאָל

בילד פון אגודה

געשיקט פעקלעך מיט עסנוואַרג, קענס, און אויך ציגערעטלעך פאַר יעדן אויף די ליסטע.

אויך האָט מען געמאַכט אַ קאָמיטע פון מענטשן וואָס קומען פון מארמאראש, ס׳האָט געהייסן אַז די מארמאראש׳ער פאַראיין פון אַמעריקא וועט שטיצן די שארית הפליטה יוצאי מארמאראש, אָבער למעשה האָט זיך דערפון גאָרנישט אויסגעלאָזט.

אין מיטן ווינטער תש״ו זענען עטליכע מענטשן פון אונזער לאַגער אַוועק געפאָרן. איך האָב געוואָלט ברענגן היימישע מענטשן, אויף זייער אָרט.

אין די שטאט ״שטייער״, וועלכע איז אויך אין עסטרייך, איז געווען אַ טראַנזיט לאַגער. אַהין בין איך געפאָרן זוכן מענטשן, איך האָב געטראָפן הרב ר׳ מרדכי דוב האלבערשטאם ז״ל. (מיט זיין רעבעצין הרבנית מרת פעסל ע״ה די טאכטער פון הרה״ח ר׳ אלי׳ גאלדבערגער פון איהעל.) דער זון פונ׳ם גארליצער רב הרה״צ ר׳ אלישע זצ״ל. זיי זענען דעמאָלס געקומען פון רוסלאנד (סיביר) ווי זיי זענען געווען פאַרשיקט אין די מלחמה יאָרן.

RANSHOFEN BEI. BRAUNAU.

1. BERMAN ELLA
2. DEUTSCH ADINA
3. ELEFANT MIKLOS
4. " " ANNA
5. GROSS NAFTALI RABBI
6. " MARGIT
7. " SAJE
8. " RAFAEL
9. " ISRAEL
10. " SARA
11. " MICHAEL
12. " MOISE
13. " ROSA
14. " SAMUEL
15. " CHAIM
16. " MAJER
17. " FRIEDA
18. " SMIL
19. BERMAN LUDVIG
20. KLEIN SAMUEL
21. " SARA
22. " HERSCH
23. " IGNATZ
24. " RIFKA 20
25. " SAJE
26. KASIERER GEZA
27. LÖVINGER DAVID
28. MÁGED TERÉZ
29. " ESTER FEIGA
30. MÁRTON DAVID
31. MOSKOVITS MÁRTON
32. " " MOISE
33. NEULINGER SAMUEL
34. PÁSKES MIRJAM
35. ROSENBERG (HENRIK) EMERIK
36. " " HELENA
37. " " SAMUEL
38. " " ETA
39. " " FRIDA
40. TEITELBAUM PESSEL LEA.
41. WEISZ SUEL
42. WIEDER SIMCHE JOSEF
43. " FRANCISKA

- ליסטע פאַר די אגודה -

Namens Liste der " Soherot Hapléta "aus " Marmaros "in Lager
Ranshofen bei Braunau Camp 609 Austria.

1/	Elefant	Miklos	1918	Elefant	Jakab	Schwarts	R.	Felsővisó
2/	"	Anna	1921					
3/	Rabi Grosz	Naftali	1901	Gross	Rafael	Teitelbaum	R.	Rabi aus Berbest
4/	"	Margit	1907					
5/	"	Rafael	1927	Gross	Naftali	Steiner	M.	Berbest
6/	"	Israel	1931	"	"	"	"	"
7/	"	Sara	1933	"	"	"	"	"
8/	"	Michali	1935	"	"	"	"	"
9/	"	Mosez	1938	"	"	"	"	"
10/	"	Roza	1940	"	"	"	"	"
11/	"	Samuel	1942	"	"	"	"	"
12/	"	Chaim	1944	"	"	"	"	"
13/	Grosz	Baja	1946	"	"	"	"	"
14/	"	Ewa	1928					
15/	Klein	Samuel	1921	Klein	David	Klein	Ch.	Vulchovce
16/	"	Sara	1921					
17/	Lebowits	Géza	1920	Lebowits	Mardche	Reinhart	Sz.	Bustahaza
18/	"	Ibolya	1929					
19/	Krausz	Abraham	1894	Krauss	Jida	Lebowits	F.	Bustahaza
20/	"	Ilona	1896	Klein	Izrael	Neuman	Zs.	Faljens
21/	Lax	Juda	1922	Lax	Alter	Finjasz	M.	Majszen
22/	"	Zlate	1926					
23/	"	Alter	1946	Lax	Juda	Kobelska	Z.	Majszen
24/	Kasirer	Géza	1920	Kassirer	Salamon	Markovits	F.	Petrowa
25/	"	S. Feige	1925	Maged	Mozes	Klein	M.	Técs
26/	Maged	Terez	1928	"	"	"	"	"
27/	Rosenberg	Samuel	1924	Rosenberg	Jakob	Kahan	S.	Bucskó
28/	"	Eta	1928	"	"	"	"	"
29/	"	Frida	1930	"	"	"	"	"
30/	Rosenbaum	Samuel	1911	Rosenbaum	Jenő	Rosenbaum	J.	Chuszt
31/	"	Adela	1920	Lipschitz	Samuel	Lipsits	P.	Dolha
32/	Kleinman	Misa	1922	Kleinman	Joel	Shrman	Sz.	Teretzki
33/	"	Laura	1925					
34/	"	Janek	1946	Kleinman	Misa	Hofman	L.	Teretzki
35/	Salamon	Herman	1923	Salamon	Mozes	Fersberger	E.	Fisk
36/	"	Reizel	1927	Lebovits	Abraham	Koplowits	F.	Chuszt
37/	"	Frida	1946	Salamon	Herman	Lebovits	R.	Fisk
38/	Moskowits	Marton	1927	Moskovits	Mendel	Hofman	E.	Danilo.
39/	"	Mozes	1928	"	Juda	Moskovits	E.	"
40/	Lipschitz	Salamon	1923	Lipsits	Samuel	Lipsitz	F.	Dolha
41/	Rosenberg	Emerich	1921	Rosenberg	Burech	Baumberger	B.	Rezavlje
42/	"	Heléna	1927	Adler	Mendel	Rosenfeld	D	M. Siget
43/	"	Irma	1932	Rosenberg	Burech	Baumberger	B.	Rezavlje
44/	Schvimer	Herman	1913	Schvimer	Bernat			Szucha-Boranka
45/	"	Fani	1911	Lipsitz	Samuel	Lipsitz	P.	Dolha
46/	Lipschitz	Roza	1922	"	"	"	"	"
47/	Schneider	Samuel	1929	Schneider	Mendel	Siffer	S.	Visnisztudeni
48/	Gelber	Salamon	1924	Gelber	Jakab	Majer	F.	Sz.csel
49/	"	Lea	1925	Davidovits	Majse	Rotter	M.	M. Sziget
50/	"	Avrom	1946	Gelber	Salamon	Davidovits	L.	Szicsel
51/	Israel	Adalbert	1923	Israel	Mor	Israel	R.	M. Sziget
52/	"	Janina	1925					
53/	"	Roza	1947	Israel	Adalbert	Chari	J.	M. Sziget
54/	Löwinger	David	1912	Löwinger	Ch. Hilel			Noszumező
55/	Gross	Majer	1910	Gross	J. Samson	Vider	S.	Szicsel
56/	"	Frida	1918	Marton	Samuel	Waldman	K.	Csertező
57/		Smiel	1946	Gross	Majer	Marton	F.	Szicsel
58/	Klein	Israel	1894	Klein	H. Berr	Fetenstein	S.	Munkács
59/		Alvin	1918	Klein	Israel	Steimetz	L. Malke	Técs
60/	"	Chaim	1920	"	"	"	" "	"
61/	"	[illegible]	1922	"	"	"	" "	"
62/	"	[illegible]	[illegible]	"	"	"	"	"
63/	Klein	Baja	1926	Klein	Israel	Steimetz	L. M.	Técs
64/	Weinstein	Mozes	1914	Weinstein	Rubin	Akerman	F.	Foljene
65/	"	Sara	1927	"	"	"	"	"
66/	"	Chana	1929	"	"	"	"	"
67/	Weinstein	S. Josef	1909	"	"	"	"	"
68/	"	Rifka	1920	Kahan	Majer	Steimetz	R.	Barse
69/	Scharf	Jenő	1918	Scharf	Mendel	Davidovits	E.	Szilest
70/	"	Etel	1922					
71/	Glück	Marton	1904	Glück	Lázár	Freund	Ch.	M. Sziget
72/	"	Olga	1914					
73/	"	Jochevet	1947	"	Marton	Klein	O.	M. Sziget
74/	Bernstein	Sandor	1922	Bernstein	Chajm	Stein	A.	M. Sziget
75/	"	Lili	1928	"	"	"	"	"
76/	Berman	Ludvik	1924	Berman	Volf	Klein	S.	Coladna
77/	"	Ella	1927	Marton	Herman			Csertező
78/	Krausz	Berta	1895	Stein	Mozes	Frankel	S.	M. Sziget
79/	"	Ansel	1926	Krausz	Samuel	Stein	B.	"
80/	"	Klara	1927					
81/	Kaufman	Josef	1911	Kaufman	Zoltan	Gutman	Sz.	Berbest
82/	"	Elisabet	1913					
83/	Kaufman	Tibor	1917	"	"	"	"	"
84/	"	Mirjam	1925					
85/	"	Emil	1946	Kaufman	Tibor	Farkas	M.	"
86/	Gelbartovitz	Szima	1920	Grün	Zsigmond	Rosenfeld	E.	Volowe
87/	"	Fisel	1946	Gelbrtovitz	Wolf	Grün	Sz.	"
88/	Halberstam	Markus	1910	Halberstam	Elise	Twersky	F. R.	M. Sziget
89/	"	Pesl Lea	1914	Teitelbaum	Ch. Josef	Veinberger	M.	Berbest
90/	Szabovits	Miklos	1923	Szabovits	Mor	Grosinger	S.	M. Sziget
91/	Weisz	Gyula	1923	Weisz	Mor	Paskesz	O.	"
92/	"	Saul	1928	Weisz	Aron	Fajovits	O.	Wlowe
93/	Rosenberg	Endre	1921	Rosenberg	Samuel	Zinger	I.	M. Sziget
94/	//	Laszlo	1923	"	"	"	"	"
95/	Paskesz	Mirjam	1924	Paskesz	Fülöp			Kőrösmező
96/	Chajmovits	Bencion	1924	Chjmovits	Marton		R.	Szuchberank
97/	Kirsenbaum	Leon	1909	Kirsenbaum	M. Benjamin	Spigel	S.	"
98/	"	Piri	1920	"	"	"	"	"
99/	Weilinger	Samuel	1919	Rosental	Mor	Weilinger	Zseni	Trebusan
100/	Teitelbaum	Roza	1922	Teitelbaum	Ch. Josef	Veinberger	M.	Berbest

Schriftführer Vorsitzender.

פון רעכטס צו לינקס: ר׳ שמואל רוינבוים ז״ל,
הרב ר׳ מאָטעלע האלבערשטאם ז״ל, המו״ל

זיי זענען געווען אין דעם טראַנזיט לאַגער עטליכע טעג. זיי האָבן געוואָלט פאָרן ווייטער קיין דייטשלאנד מיט די באַן, נאָר די באַן איז אַוועק געפאָרן איידער זייערע

פעקלעך זענען אָנגעקומען, זיי זענען געשטאַנען ביי די באַן סטאַנציע ממש ווי פאַרלאָרן. איך האָב זיי נישט געקענט און אויך זיי נישט מיך. ער איז צוגעקומען מיך פרעגן אויב איך האָב אפשר אַ פאַפּיראָס (ציגערעטל), האָב איך אים געפרעגט ווער ער איז און פון וואו ער קומט? קודם האָט ער מיך געפרעגט וואָס גייט דיך דאָס אָן? אבער צום סוף האָט ער מיר געזאָגט ווער זיי זענען. איך האָב זיי פאָרגעשלאָגן צו קומען מיט מיר צו אונזער לאַגער מיט די באַן וואָס דאַרף באַלד אָנקומען, און וועגן זייערע פעקלעך זאלן זיי זיך נישט זארגן, מ׳וועט דאס נאכשיקן צו אונזער לאַגער.

זיי האָבן זיך זייער דערפרייט צו מיין פאָרשלאַג. זיי זענען מיטגעקומען מיט מיר צום לאַגער, וואו זיי האָבן באַקומען אַ דירה אין אונזער בלאָק און אויך קאַרטן צו עסן. זיי האָבן ממש אויפגעלעבט, נאָך אַפּאָר יאָר זיין אין סיביר און אַרום וואַנדערן האָבן זיי ענדליך דערגרייכט צו אַ שטיקל מקום מנוחה.

(אגב, הרב ר׳ מרדכי דוב ז״ל איז שפּעטער אליין אנגעקומען קיין ארץ ישראל וואו ער האָט נאָכאַמאָל חתונה געהאַט און געהאַט זיין איינציג קינד, אַ טאָכטער. זיין איידעם הרב מיכל האלבערשטאם שליט״א איז דער מנהל פון די בעלזער מוסדות אין ארץ ישראל).

מרת בלומא פעדער ע״ה די ווייב פון ר׳ מענדל פעדער ז״ל, אַן אָפּשטאַמיגע פון קערעסטיר, וועלכע האָבן געוואוינט און אַמעריקא נאָך פאַר די מלחמה, פלעגט אונז שיקן אין לאַגער אַריין, פעקלעך מיט קליידונג פון אַמעריקא, קיין אַנדערע קליידונג האָבן מיר נישט באַקומען.

יעדער איז געגאַנגען אָנגעטאָן וואָס ס׳האט געפּאַסט לויטן מאָס, (אַפילו אויב עס איז נישט געווען לפי כבודו.)

סוף ווינטער תש״ו האָבן מיר געהערט אַז דער איהעלער רב הרה״צ ר׳ אלעזר מייזליש זצ״ל איז אין אַ לאַגער אין זאלצבורג. מיין פאָטער זצ״ל האָט מיך אַהין געשיקט צו ברענגען דעם איהעל׳ער רב צו אונז ביז איבער פסח. אַלץ גאַסט אויף אונזער חשבון.

הרב אלעזר מייזליש זצ״ל אב״ד איהעל, הרב יוסף פאנעטה זצ״ל אדמו״ר דעעש, הרב צבי מייזליש זצ״ל אב״ד ווייטצען, הרב חיים מייזליש אב״ד סארוואש

דער איהעלער רב האָט אָבער נישט געוואָלט קומען, ער האָט געזאָגט אַז ער קלערט צוריק צו פאָרן קיין אונגארן וואו ער האָט איבערגעלאָזט זיינע ספרים, ער וויל זיי אַרויסברענגען פון דאָרט. ער האָט צוגעגעבן אַז די גאַנצע

משפחה פון זיין שווער, דער דעעש'ער רב הרה"צ ר' יוסף פאנעט זצ"ל זענען אויך דאָ אין זאלצבורג, זאָל איך ענדערשט מיטנעמען זיין שוואגער, דעם אילאנדער רב הרב ר' צבי מאיר שליט"א מיט זיין בני בית.

פון לינקס אויף רעכטס: הרב ר' יודא'לע שליט"א קאצקא'ער - דעעש'ער רב, זיינע איידעמער, הרב ר' יוסף חיים מאסקאוויטש שליט"א, שאצ'ער רב, החתן הרב ישכר דוב טויב שליט"א

דער אילאנדער רב הרב ר' צבי מאיר שליט"א, איז טאַקע מיטגעקומען מיט מיר קיין בראנא. איך האָב זיי איבערגעגעבן מיין שטוב, וואו זיי האָבן זיך צוביסלעך איינגעאָרדנט. נאך פסח האָט ער אויך געברענגט אהין זיין ברודער, הרב ר' יודע'לע שליט"א מיט זיין בני בית. אַזוי ווי זיי האָבן נישט געהאַט קיין שטוב וואו צו וואוינען, זענען זיי געשלאפן אויפן בוידעם פון אונזער בלאק.

אַפאָר וואכן שפעטער האָט דער אילאנדער רב באקומען פאר זיך אַ דירה. האָט ר׳ יודא׳לע מיט זיין ב״ב איבערגענומען מיין שטוב.

דער אילאנדער רב האָט אויך געברענגט אהין זיינע 3 יונגערע שוועסטער, מיידלעך. די רעבעצי׳ן פון הרה״צ מביקסאד תחי׳, די רעבעצין פון הרה״צ ר׳ נפתלי׳טשע האלבערשטאם שליט״א אדמו״ר מ׳באבוב. און די רעבעצין פון הרב ר׳ בעריש לויפער תחי׳. זיי זענען געבליבן דאָרט כמעט אַ גאַנצן זומער תש״ו.

פון לינקס צו רעכטס זיצנדיג: הרה״צ מו״ה ר׳ יוסף פאנעט זצ״ל אב״ד דעעש, הרה״צ מו״ה לוי יצחק גרינואלד זצ״ל, אב״ד צעהלים, החתן,
הרה״צ מו״ה אשר אנשיל יונגרייז זצ״ל, אב״ד טשענגער

זייער פאָטער דער דעעש׳ער רב הרה״צ ר׳ יוסף זצ״ל מיט זיין זון הרה״צ ר׳ אלימלך שליט״א וואָס איז נאָך

געוועזן אַ בחור, זענען אויך געקומען אַהין אויף אַ שטיקל צייט. דער דעעש׳ער רב איז געקומען אַלס מוהל, צו אַ ברית וואָס איז פאָרגעקומען ביי אונז אין לאַגער, און אַזוי זענען זיי שוין געבליבן דאָרט אַ שטיקל צייט.

די גאַנצע דעעש׳ער משפחה איז געבליבן ביי אונז אין לאַגער ביז סוף זומער תש״ו פון וואו זיי זענען געפאָרן קיין פּאַריז. פון דאָרט זענען זיי שפּעטער אָנגעקומען קיין אַמעריקא.

איך פלעג אָפּט פאָרן קיין לינז. (דאָס איז אויך עסטרייך, אין די אַמעריקאַנער זאָנע). דאָרט איז אויך געוועזן אַ גרויסער די.פּי. לאַגער, און אויך קיין וועגשייד וואָס איז געוועזן נעבן לינז, וואו עס איז אויך געוועזן אַ די.פּי. לאַגער.

אין בראנא איז נישט געוועזן קיין מקוה, נאָר מ׳פלעגט פאָרן קיין זאלצבורג. די מענער פלעגן זיך טובל׳ן אין טייך וואָס איז געוועזן אין בראנא. ערב יו״כ זענען מיר - מענער - געפארן מיט אַ גרויסען טראָק קיין זאלצבורג צום מקוה, סוף תש״ו האָבן מיר באקומען אַ פערמיט צו בויען אַ מקוה אין בראנא. דאָס בויען האָט געדויערט אַרום אַ האַלב יאָר, אין חודש אדר תש״ז איז עס פאַרטיג געוואָרן.

אָנפאַנג תש״ז האָט דער וועגשייד׳ער רב הרה״ג מו״ה יואל הלוי היימליך שליט״א, (וואָס האָט געוואוינט צענדליגער יארן אין מאנטרעאל קאנאדא, און יעצט תשס״א וואוינט ער אין אמעריקא אין ברוקלין), אָנגעטראָגן פאַר מיינע עלטערן אַ שידוך פאַר מיר, די טאָכטער פון הרה״ג מוה״ר ר׳ שמואל דוד קרויז זצ״ל אב״ד ש. אודווארי. זיין אלמנה, איר טאָכטער און איר זון, הרב ר׳

אשר אנשיל ז״ל אב״ד ראצפערט ברוקלין יע״א, מיט זיין בני בית זענען נישט לאַנג פארדעם אָנגעקומען פון אונגארן

אדמו״ר מ׳ראצפערט ז״ל אין די יונגע יאָרן

און זענען יעצט געווען אין וועגשייד׳ער לאַגער.

איך בין געפאָרן, מיט הרב ר׳ מרדכי דוב האלבערשטאם ז״ל, צום וועגשיידער לאַגער. דער לאַגער איז געווען צוזאַם געשטעלט פון באַראַקן געמאַכט פון ברעטער.

פון רעכטס צו לינקס: המו״ל, להבחל״ח אדמו״ר מ׳ראצפערט זצ״ל, נכדו החתן אברהם בנציון נ״י

אַזוי ווי ס׳איז שוין געווען ווינטער איז שוין דאָרט גוט קאַלט געווען, די קעלט האָט אריינגעדרינגן דורך לעכער אין שפּאַלטן.

נאָך פאַרשידענע פאַרהאַנדלונגען איז באַשלאָסן געווארן אַז דאָס מיידל זאל קומען קיין בראנא אויף תנאים. מיר האָבן אויך ערלעדיגט אַז איר מוטער מיט איר ברודער זאָלן קומען וואוינען קיין בראנא, וואו די אומשטענדן זענען געווען פיל בעסער. אונזער תנאים איז פאָרגעקומען ד׳ טבת תש״ז אין בראנא, און דערנאָך איז איר גאַנצע משפחה געקומען וואוינען קיין בראנא.

(מיין פאָטער זצ״ל פירט אַ חתן ישכר דוב שווימער ז״ל צו די חופה אין בראנא. אונטער אים איז דער אילאנדער רב הרב ר׳ צבי מאיר פאנעט שליט״א. און צו די רעכטע זייט איז דער שו״ב ר׳ אברהם דוד ז״ל.)

דורך די צייט זענען פארגעקומען עטליכע חתונות.

ר׳ שמואל רויזנבוים ז״ל האָט חתונה געהאַט דאָרט אין אדר תש״ז.

די זמן פון אונזער חתונה איז באַשטימט געוואָרן אויף ז׳ ניסן תש״ז. די הוצאות החתונה האָבן טאַקע נישט

געקאָסט קיין סאַך, אָבער דאָס ווייניג איז אויך נישט געווען. איינער פון לאַגער וואָס האָט מיטגעברענגט געלט מיט זיך פון רוסלאנד, האָט אונז געגעבן 10$ (צען דאלאר) צושטייער, פון דעם האָט מען געקויפט פלייש און אַנדערע צוגעהערן צו די חתונה. יעדער גוטער פריינד פון לאַגער האָט געהאָלפן צו קאָכן, באַקן וכו׳. אונזער חתונה איז פאָרגעקומען בשעטומ״צ דאָנערשטאָג, פ׳ צו, ו׳ ניסן תש״ז, ביינאַכט.


עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון וקול שמחה
למזל טוב
קול חתן וקול כלה

די איינלאַדענונג צו אונזער חתונה - געשריבן מיט אַ טייפריידער און געמאַכט קאָפּי׳ס



JOEL TEITELBAUM
GRAND RABBI
of SATMAR
in JERUSALEM, Palestine
P. O. B. 5105
166 RODNEY STREET
BROOKLYN 11, N. Y.
Tel. EVergreen 7-0976

יואל טייטלבוים
אבדק"ק
סאטמאר והגלילות
בעיה"ק ירושלם תובב"א
ת. ד. 5105
כעת בברוקלין, נ. י.

ב"ה ברוקלין

2747

אַ וואונטש בריוו פון כ"ק אדמו"ר מסאטמאר זצ"ל צו מיין פאָטער זצ"ל לכבוד מיין חתונה

קיין חתונה מלבושים האָב איך נישט געהאַט, איך האָב מיר געבאָרגט אַן אַנצוג פון שו"ב ר' אברהם דוד לעווינגער ז"ל מיט וואָס איך בין געגאַנגען צו די חופה. אַ שטריימל האָב איך געהאַט, ווייל מיין שוויגער ע"ה האָט מיטגענומען אַ שטריימל ווען זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון אונגארן, כדי איר טאָכטער זאָל חתונה האָבן נאר מיט איינעם וואָס וועט זיך ווען אָנטאָן אַ שטריימל. נאָך די מלחמה האָבן אַסאַך יונגע מענטשן נישט געוואָלט אָנטאָן אַ שטריימל, אָבער ב"ה ביי מיר איז דאָס נישט געווען קיין פראָבלעם, אדרבא איך האָב דוקא יאָ געוואלט גיין אין אַ שטריימל. (היינט זעט מען נישט אַזאַ שטריימל, וואָס זי האָט געברענגט, אָבער ס'איז דאָך געווען אַ שטריימל).


CHIEF RABBI OF THE U. S. A. ZONE OF AUSTRIA
JESZUA ARONZON
BADGASTEIN · POSTFACH 95

ב"ה

מעלת כבוד אהובי ידידי
הרב החסיד המפורסם ופו"פ [illegible] שליט"א גרוס
ולבנו חתן תמים במעלות נכבד ונעלה שיחי'
מו"ה ישראל שמחה לאויט"ו
אי"ה ובברכת מזל טוב!
הנני בזה להביע ברכתי הכי לבביות ליום שמחת לבבם,
סלחו לי על אי השתתפותי [illegible] בקיבוץ [illegible] - כי [illegible] מאד
[illegible] כמובן
ברכתי להורים הנכבדים - שיראו רב נחת מצאצאיו,
[illegible] - שמירה וגדולה ויתאחדו על שלחנם בביתם הבנוי
[illegible] בארצנו הקדושה לשם ולתפארת אבותיהם.
בברכת הפסח כשר ושמח - לאותי [illegible]
ידידכם המשתתף בשמחתכם
יהושע ארונזאהן
ה' - 13 - לחודש האביב [illegible]
באדגסטיין

נאָך איינס פון די פילע באַגריסונגען לכבוד די חתונה



חתונה וואונטש

די חתונה איז פאָרגעקומען אין ביהמ״ד פון לאַגער.

די אונטערפירערס זענען געווען מיינע עלטערן ז״ל, און דער ברודער פון די כלה, הרב מו״ה אשר אנשיל קרויז זצ״ל

פון לינקס צו רעכטס: המו״ל, הרב מראצפערט זצ״ל, הגאב״ד ירושלים הרה״צ ר׳ משה ארי׳ זצ״ל, החתן אברהם בנציון נ״י, בסעודת שבע ברכות בעיה״ק

האדמו״ר מראצפערט מיט זיין רעבעצין תחי׳.

עס האָבן געגראַמט אויף די חתונה הרבני החסיד (דעמאָלס נאך געווען אַ בחור) מו״ה פרץ אנפאנג נ״י, וואָס וואוינט היינט אין ברוקלין, און מו״ה מרדכי יואל גרינצווייג נ״י. ס׳איז געווען אַ שיינע היימישע חתונה.

די לאַגערן וועלכע זענען לכתחילה אויפגעשטעלט געווארן נאָר אויף 2 יאָר, האָט זיך געדאַרפט צו שליסן סוף זומער תש״ז. די לאַגער פירערס האָבן געזען דערצו אַז יעדער פון זיין פאַרטיי זאל זיך ווענדן צו די (צענטראַל) הויפט פאַרטיי וואָס איז געווען אין זאלצבורג, מ׳זאָל זיי ווייטער שיקן פון דעם לאַגער. אַלע טראַנספּאָרטן זענען געגאַנגען דורך די ״בריחה״, (אַזוי האָט געהייסן די אָרגאַניזאַציע וואָס האָט זיך באַפאַסט צו אָרגאַניזירן ווי אַזוי און וואו די מענטשן זאָלן גיין).

הרב מראצפערט זצ״ל עם בנו הב׳ שמואל דוד הי״ד, ולהבחל״ח בנו יושע ברוך נ״י

מיר זענען אַוועק געפאָרן פון אונזער לאַגער נאָך תשעה באב. אונזער ציל (פון די ״בריחה״ אויס) איז געווען מיר זאָלן אָנקומען קיין איטאליע. זיי האָבן צו געשטעלט אַלע טראַנספּאָרטאַציע

מיטלן, באַן, טראָקס, צו פוס, וכדומה. ביז איטאליע האָט מען געדאַרפט דורך שווערצן פאַרשידענע גרעניצן. דערפאַר האָבן נאָר געציילטע מענטשן געקענט גיין אויף איינמאָל.

מיין מוטער ע״ה מיט די קינדער האָבן זיי געפירט מיט טראָקס, אויף פאַרשידענע אופנים ביז זיי זענען אָנגעקומען קיין איטאליע. מען האָט זיי פּלאַצירט אין אַ קיבוץ פון די אגודה, אין די שטאָט ״אקווי״. מיין פאָטער זצ״ל, איך און מיין רעבעצין תחי׳ און מיין שוויגער ע״ה, זענען נישט מיטגעפאָרן מיט זיי. קודם זענען מיר געפאָרן קיין ״האהענעמס״. דאָס איז אויך געווען אין די אַמעריקאַנער זאָנע פון עסטרייך. מיר זענען אַהין אָנגעקומען ערב שבת. דער לאַגער איז געווען איבער געפילט, און מיר האָבן ממש נישט געהאַט וואו צו שלאָפן. מיר האָבן זיך צוטיילט יעדער ביי אַן אַנדערן באַקאַנטן וואָס מיר האָבן דאָרט געטראָפן. מיר האָבן נישט געקענט איינשטיין אויף איין פּלאַץ, ווייל עס איז נישט געווען וואו...

זונטאָג פאַרטאָגס האָט געדאַרפט פאָרן אַ באַן פון האהענעמס קיין איטאליע. אונזער גרופּע בערך 50 מענטשן וואָס זענען געפאָרן מיט די ״בריחה״ זענען געווען אומלעגאַלע פּאַסאַזשירן. די ״בריחה״ האָט אונטערגעקויפט די באַאַמטע, פון׳ם ערשטן סטאַנציע פון וואו די באַן איז געקומען, ער זאָל אָפּזיגלען איין לאַסט וואַגאָן, וואָס איז אויך געווען אַ טייל פון׳ם באַן. ביים איטאליענישן גרעניץ וועט מען נישט עפענען אָן אָפּגעזיגעלטן לאַסט וואַגאָן צו

אונטערזוכן. אין דעם וואַגאָן האָבן מיר זיך געדאַרפט דורך שווערצן דעם גרעניץ.

ווען די באַן איז אָנגעקומען קיין האהענעמס, האָבן מיר געדאַרפט איינשטייגן אינ׳ם לאַסט וואַגאָן אומבאַמערקטערהייט. מיר זענען אַלע געשטאַנען ביי די אַנדערע זייט פונ׳ם באַן, נישט אויף די זעלבע זייט וואו די פּאַסאַזשירן שטייגן איין. אָן אָנפירער פון "בריחה" איז געשטאַנען דאָרט און געעפענט דעם וואַגאָן אַז מיר זאָלן שנעל איינשטייגן. ווייל די באַן איז נישט לאַנג געשטאַנען ביי דעם סטאַנציע.

אַזוי ווי עס איז געווען אַ שטיקל גערודער איז דער קאנדאקטער פונ׳ם באַן - וועלכער האָט פון נישט געוואוסט פון דעם גאַנצן געשעפט - געקומען זען וואָס עס גייט פאָר. זעענדיג אַז מענטשן שטייגן איין אין אַ לאַסט וואַגאָן האָט ער אָנגעהויבן שרייען אויף אונז, מיר זאָלן שוין אָפּטרעטן. מען האָט פּרובירט אים אונטער צוקויפן מיט גרויס געלט אָבער עס האָט נישט געהאָלפן, און פונ׳ם גאַנצן פּלאַן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם... מיר האָבן אַלע געדאַרפט צוריק גיין צום לאַגער.

ביינאַכט האָט די "בריחה" אונז געפירט ביז אַפּאָר קילאָמעטער פאַרן איטאליענישן גרעניץ מיט צוויי טראָקס. פון דאָרט האָבן מיר געמוזט קלעטערן צופיס 6-7 שעה דורך בערג און טאָלן, פעלדער און וועלדער, זיך אַריבער צו שווערצן דעם גרעניץ. פאַרטאָגס זענען מיר ענדליך

אָנגעקומען קיין איטאליע וואו מען האָט אונז פלאַצירט אין אַ שטאַל פון בהמות.

2 טעג זענען מיר געווען דאָרט באַהאַלטן, מיר האָבן געדאַרפט זיין שטיל, כדי מ׳זאל אונז נישט באַמערקן, ווייל מיר זענען נאָך געווען אין געפאַר צוריק געשיקט צו ווערן קיין עסטרייך אויב מען טרעפט אונז. מיר האָבן געהאַט אַביסל צו עסן, וואָס איינער פון די ״בריחה״ האָט אונז געברענגט, און געטרונקן האָבן מיר פריש געמאָלקענע מילך פון די בהמות פון דעם שטאַל.

דעם דריטן טאָג ביינאַכט זענען מיר ווייטער געגאַנגען צופיס אַ היבשע פּאָר שעה ביז צו אַ באַן סטאַנציע. איינער פון די ״בריחה״ האָט אונז געגעבן אַ באַן קאַרט צו די שטאָט ״מאראנא״ אין איטאליע. מיר האָבן זיך אַלע צוטיילט אין אַנדערע וואַגאָנען כדי עס זאָל נישט זיין אויפפאַלנד, און נישט ציען קיין אויפמערקזאַמקייט פון אומגעוואונטשענע אויגן. מיין פאָטער זצ״ל און איך, האָבן זיך פאַרבינדן דאס פנים כאילו מיר האָבן צאָן ווייטאָג, ווייל איינער מיט אַ באָרד איז געווען זייער אויפפאַלנד.

מיר זענען אָנגעקומען קיין מאראנא אַרום 7 אַזייגער צופרי. ביי די באַן סטאַנציע האָט אונז איינער אָפּגעוואַרט און צוגעפירט צו אַ יודישע סאַניטאָריאָם. דאָרט האָבן מיר געהאַט אַ געהעריגע בעט זיך אַביסל אָפּצורוען און אויך עפּעס צו עסן.

נאָך 2 טאָג, האָט מען אונז געפירט מיט אַ טראָק קיין מילאנא. מיר זענען אָנגעקומען פרייטאָג אינדערפרי, פאַר

שבת סליחות. מ׳האָט אונז געפירט אין קהל׳ס הויז Via Unione 5, דאָס איז גאָר אַ גרויסע געביידע אַפּאָר שטאָק הויך, אָבער די גאַנצע הויז איז שוין געווען פול מיט פּליטים. מענשטן זענען געשלאָפן אין די קאָרידאָרן, אויף די שטיגן און אויך אויפן פרייען הויף. אויך פאַר אונז איז געבליבן פלאַץ צו שלאָפן נאָר אין הויף.

עס זענען געווען עטליכע פּליטים וועלכע האָבן יאָ געוואוינט אין מילאנא, אין פּריוואטע דירות, ווי למשל די ברידער ר׳ יעקב יושע ע״ה, ר׳ אלי׳ דוד ע״ה, ר׳ מרדכי לייב ע״ה און ר׳ אברהם וואלף ע״ה טירנויער. זיי האָבן געזען דערצו אַז מיין פאָטער זצ״ל זאָל אויך זיין אין אַ פּריוואַטע הויז.

מיר זענען געבליבן אין מילאנא ביז מוצש״ק ערב ר״ה. מיר האָבן געזאָגט סליחות זכור ברית 12 אַזייגער ביינאַכט מוצש״ק אין מילאנא, (איך האָב געזאָגט סליחות פאַרן עמוד), און נאָך סליחות זענען מיר אַרויס געפאָרן צו די באַן סטאַנציע. מיר זענען געפאָרן אין אַ לאַסט וואַגאָן, צו אַ קיבוץ פון די אגודה וואָס איז געווען אין די שטאָט ״אקווי״ ווי אונזער משפחה איז שוין געווען דאָרט, אַזוי ווי פריער דערמאַנט.

מיר זענען אָנגעקומען אַהין זונטאָג מיטאָג צייט, ערב ראש השנה תש״ח. דאָרט האָבן מיר געטראָפן אַ שיינעם קיבוץ פון היימישע יודן, מיט אַ בית המדרש, וואו מ׳האָט געדאַווענט ערב ובוקר מיט שיעורי תורה וכדומה. אַ מקוה טהרה איז נישט געווען, אָבער ס׳איז געווען דאָרט אַ טייך וואו מ׳איז געגאַנגען זיך טובל׳ן. ווען מיין פאָטער זצ״ל איז

אַהין געקומען האָט ער געזען דערצו אַז מ׳זאָל מאַכן אַ געהעריגע מקוה. מיין פאָטער זצ״ל איז אַליין געקראָכן אויפן דאַך צו זען אַז די מי גשמים וואָס קומט פון דאַך זאָל זיין בתכלית הכשרות. מ׳האָט באַלד געבויט אַ בור הטבילה און אויך אַן אוצר פאַר מי גשמים (דאָרט רעגנט אַסאַך). 4 וואָכן נאָך אונזער אָנקומען אַהין איז שוין פאַרטיג געווען אַ כשר׳ע מקוה.

אין דעם לאַגער איז אויך געווען אַ שוחט, ס׳איז געווען אָרגאַניזירט אַן אלגעמיינע קאָך, און יעדער האָט געגעסן אינאיינעם אין בית המדרש. ווער עס האָט געוואָלט האָט אויך געקענט קאָכן פאַר זיך אַליין. דירות זענען דאָ אויך נישט געווען בריוח. מיינע עלטערן ע״ה האָבן געהאַט איין גרויסע שטוב אינאיינעם מיט אַלע קינדער. די ערשטע פּאָר וואָכן בין איך אויך געווען אין די זעלבע שטוב אינאיינעם מיט מיין רעבעצין תחי׳. שפּעטער האָבן מיר געוואוינט אין איין שטוב מיט אַן אַנדער פּאָר פאָלק. אַ קאָלדערע (דאָכענע-קאָץ) איז גענוצט געוואָרן אַלץ מחיצה צו צוטיילן די שטוב. ענדליך נאָך אַ שטיקל צייט האָבן מיר באַקומען אַ שטוב פאַר זיך אליין.

אין הויף פון קיבוץ האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ סוכה. נאָך יו״כ איז מיין פאָטער זצ״ל געפאָרן קיין גענעווא מיט די באַן, אַ וועג פון בערך 3 שעה. דאָרט האָט געוואוינט אַן אתרוג סוחר. מיין פאָטער זצ״ל האָט געקויפט ביי אים 4 אתרוגים, 1 אתרוג מיט אַ פּיטום, און 3 אתרוגים אָן קיין פּיטום. דער סוחר האָט געזאָגט אַז זיי זענען קאלאבריער

״יאנעווער״ אתרוגים וואָס וואַקסן אָן אַ פּיטום. מיין פאָטער זצ״ל האָט געצאָלט פאַר יעדן אתרוג אינאיינעם מיט די לולב און הדסים 1 איין דאָלאַר.

נאך יו״ט סוכות האָב איך איבער גע׳חזר׳ט הלכות שחיטת עופות. איך בין געפאָרן אין אַ די.פּי. לאַגער וואָס האָט געהייסן ״קרעמאנא״. ס׳איז געווען דאָרט אַ גרויסער היימישער חסידישער עולם. דער רב פון לאַגער איז געווען הרה״צ מוה״ר משה פרישערמאן זצ״ל, דער טאָמעשעווער רבי. דער שו״ב איז געווען הרה״ח וכו׳ מו״ה ר׳ אהרן קליין ז״ל. ער איז געווען זענטער שו״ב פאַר די מלחמה.

איך האָב מיך ביי אים פאַרהערט הלכות שחיטת עופות, געשטעלט אַ חלף און גע׳שוחט׳ן אונטער זיין אויפזיכט עטליכע עופות, ער האָט מיר דאַן געגעבן אַ כתב הודעה.



כתב הודעה

ר׳ אהרן איז געווען דער איינציגער שו״ב אין איטאליא וואָס האָט גע׳שוחט׳ן גסות. ס׳איז געווען אין איטאליע עטליכע די.פּי. לאַגערען וואו ס׳האָבן געוואוינט אַסאַך היימישע יודן. אַזוי ווי דאָרט האָט מען אויך געדאַרפט כשר פלייש, איז ר׳ אהרן געפאָרן כמעט אַ גאנצע וואָך פון איין לאַגער צום אַנדערן שחט׳ן. ער פלעגט נאָר זיין אינדערהיים אויף שבת, און אויך אין דעם טאָג וואָס מ׳האָט געדאַרפט צו שחט׳ן פאַר זיין לאַגער גסות. אדער אַ גאנצע וואך איז ער נישט געווען אינדערהיים, אין זיין לאַגער אין ״קרעמאנא״ האָט אָבער אויסגעפעלט אויך אין מיטן די וואָך אַ שוחט פאַר עופות. האָט ער מיך געבעטן אַז איך זאָל קומען קיין קרעמאנא יעדע וואָך צו שחט׳ן עופות ווען עס וועט אויספעלן.

עטליכע וואָכן בין איך אַהין געפאָרן. מיין אכסניי׳ אין קרעמאנא לאַגער איז געווען ביי הרה״ח ר׳ יונה וויטריאל ז״ל.

ווען דער שוחט וואָס איז געווען אין אונזער לאַגער ״אקווי״ איז אַוועק געפאָרן, האָב איך גע׳שוחט׳ן עופות אויך פאַר אונזער לאַגער.

מיר זענען געווען אין אקווי ביז פאַר פסח תש״ח. דעמאָלס האָט זיך דער קיבוץ אויפגעלעזט. מיר זענען געפארן קיין ״לידא די רומא אסטיא״ אַ שטעטל נעבן רומא. דאָרט איז אויך געווען אַ קיבוץ פון די אגודה וואָס האָט געהייסן ״שאר ישוב״. דער קיבוץ איז געווען אין אַ דריי שטאָקיגע בנין און פאַרשטייט זיך אויך איבער געפולט.

אונזער גאַנצע משפחה האָט באַקומען דעם פּאָרצימער (קאָרידאָר) אויסגעלייגט פול מיט בעטן. מיין רעבעצין תחי׳ און איך האָבן אויך דאָרט געוואוינט, מיט אַ מחיצה געמאַכט מיט אַ קאָלדערע. שפּעטער האָבן מיינע עלטערן ז״ל באַקומען אַ געהעריגע צימער. בין איך געבליבן דאָרט אין קאָרידאָר צוטיילט מיט אַ קאָלדערע, בשותפות מיט מו״ה אברהם וואלף טירנויער ז״ל. אַפּאָר וואָכן שפּעטער האָבן מיר אויך באַקומען אַ דירה אויפן שטאָק.

פון רעכטס צו לינקס ר׳ צבי ליפשיץ ז״ל, ר׳יעקב דוד אבעלעס ז״ל, המו״ל, ר׳ יונה וויטריאל ז״ל, הרב ר׳ פנחס וויינבערגער שליט״א

אין דעם קיבוץ איז געווען דאָס ביהמ״ד, וואו יעדער האָט געדאַוונט. עס איז אויך געווען דאָרט אַ כשר׳ע מקוה. ס׳איז געווען דאָרט אין ״אסטיא״ אַ גרויסער היימישער עולם. נישט אַלע האָבן געוואוינט אין קיבוץ נאָר אייניגע האָבן געוואוינט אין פּריוואַטע דירות, אינצווישן די איז געווען, ר׳ יונה וויטריאל ע״ה, און זיין ברודער ר׳ חיים נ״י,

ר׳ שמעון ווייס נ״י פון מאנרא בעהמ״ח נועם תדרוש, ר׳ אהרן קליין שו״ב ז״ל, (ווען דער קראמאנאר לאַגער האָט זיך אויפגעלעזט, זענען עטליכע פון דאָרט געקומען קיין אסטיא), הרב ר׳ פנחס וויינבערגער שליט״א מנהל פון כולל שומרי החומות רמבעהנ״ס אין אַמעריקא, (מיר האָבן אינאיינעם גענומען הודעא אויף שחיטת עופות ביי ר׳ אהרן קליין ז״ל), און ר׳ ישראל טרעגער נ״י מיט זיין משפחה שיחי׳ וועלכע וואוינען יעצט תשס״א אין בני ברק.

להבחל״ח דער פאלטישאנער רב הרה״צ ישראל

פון לינקס צו רעכטס: הרב ר׳ אלחנן חיים טייטלבוים ז״ל, החתן אפרים אהרן טייטלבוים נ״י, הרב ר׳ ישראל אברהם שטיין זצ״ל, אב״ד פאלטישאן, הרה״ג מו״ה שלום קרויז שליט״א, אב״ד אודווארי

אברהם שטיין זצ״ל מיט זיין פאַמיליע שיחי׳, (אגב איז אים דאָרט געבאָרן געוואָרן אַ יונגל, און דער ברית איז געווען דאָרט). ר׳ אברהם זאב ז״ל און זיין ברודער מו״ה ר׳ אלי׳ דוד טירנויער ז״ל מיט זייערע משפחות שיחי׳. (ר׳ אלי׳ דוד ז״ל איז געווען אָנפאַנג תש״ח אין אַ לאַגער נעבן מילאנא, וואו ס׳איז אים געבאָרן זיין זון מו״ה יעקב ברוך נ״י. ער האָט מכבד געווען מיין פאָטער

זצ"ל מיט סנדקאות, און איך בין מיט געפאָרן מיט מיין פאָטער צום ברית). און ר' משה וואלף שווארץ ז"ל.

נעבן רומא איז געווען אַ שטעטל וואָס האָט געהייסן "פראשקאטי". דאָרט האָבן עטליכע רבנים - הרה"ג ר' אפרים אשרי שליט"א, ולהבחל"ח הרה"ג ר' אייזיק מאשקאוויטש זצ"ל, (וועלכער האָט שפעטער געגרינדעט אַ ישיבה מאור הגולה אין מאנטרעאל קאנאדא), הרה"ג ר' בנימין - געגרינדעט אַ ישיבה פאַר בחורים ישיבת "מאור הגולה". עס זענען געפאָרן אַהין בחורים פון אַלע לאַגערן. ס'איז געווען זייער אַ גוטע ישיבה ברוחניות און אויך בגשמיות. מיינע צוויי ברידער הרב ר' רפאל שליט"א און מו"ה יוקל נ"י האָבן דאָרט געלערנט.

אין רומא איז געווען דער הויפט אפיס פונ'ם דזשוינט. ווער ס'האָט געהאַט שריפטן און אַ וויזע צו פאָרן קיין

בילד פון ישיבת מאור הגולה אין פראשקאטי - איטאליע
פון רעכטס צו לינקס: מיינע ברודער, הב' יוקל נ"י, הב' רפאל נ"י, והב' מרדכי פרידמאן נ"י

אמעריקא, ארגענטינא, אורוגוואיי, א.או. האָט די דזשוינט

פאַר זיי ערלעדיגט שיפ׳ס קאַרטן. אָבער די וועלכע האָבן געוואָלט פאָרן קיין ארץ ישראל, פאַר זיי האָט די דזשוינט גאָרנישט ערלעדיגט, דאָס האָט באַלאַנגט צו אַן אַנדערע אָפטיילונג.

מיין פאָטער זצ״ל האָט באַקומען אויפנאַמס שריפטן אַלס אַ רב פון אַ שוהל אין ניו יאָרק, דורך מיין קרוב הרה״ג מוה״ר חי״ל טייטלבוים זצ״ל אב״ד ניר-באַטור (בעהמ״ח לבושי יו״ט ד׳ חלקים). איך האָב נישט געקענט פאָרן מיט זיינע שריפטן צוזאַמען, ווייל נאר ביז 18 יאָר האָבן עלטערן געקענט מיטנעמען זייערע קינדער. עלטערע קינדער האָבן געדאַרפט האָבן אַ באַזונדערע ערלויבעניש אריינצוקומען קיין אַמעריקא.

איך בין שוין דעמאָלס עלטער געווען, האָב איך געדאַרפט האָבן אַ באַזונדערע אויפנאַמע צו קענען קומען קיין אַמעריקא מיט מיין רעבעצין תחי׳, אויסער די קוואָטע.

פון רעכטס צו לינקס: כ״ק אאמו״ר זצ״ל,
הרה״ג מוה״ר חי״ל טייטלבוים זצ״ל אב״ד ניר-באטור

אַפּאָר וואָכן שפּעטער האָב איך אויך באַקומען אַן אויפנאַמע אַלס רב פון די ישיבה פון הרב ר׳ שמשון רפאל הירש ז״ל אין וואשינגטאן הייטס, אויך דורך ש״ב הרה״ג מוה״ר חי״ל ט״ב זצ״ל אב״ד ניר-באַטור. איך פלעג כמעט יעדן טאָג אַריינפאָרן קיין רומא צום דזשוינט, צו ערלעדיגן די שריפטן פאר מיינע עלטערן און געשוויסטער, און אויך פאַר מיר.

די שריפטן פון מיינע עלטערן זענען באַשטעטיגט געוואָרן פאַר מיינע שריפטן. ווען זייערע שריפטן זענען ערלעדיגט געוואָרן, האָט די דזשוינט צוגעשטעלט פאַר זיי די שיפ׳ס קאַרטן.

אגב וויל איך דערמאַנען אַ העכסט אינטערעסאַנטע זאַך, ווי פאָרזיכטיג די רבנים פלעגן זיין, זיך צו באַוואָרענען, ס׳זאָל חלילה נישט אַרויס קומען אַ מכשול דורך זיי.

כדי צו קענען באַקומען אויפנאַמ׳ס שריפטן פון אַמעריקא אַלס אַ רב אָדער מגיד שיעור, האָט דער יעניגער געברויכט צו ווייזן צוויי התרת הוראה פון צוויי רבנים אַז ער איז געווען אַ כלי קודש פאַר די מלחמה.

איז געווען אַ געוויסער פלוני וואָס האָט באַקומען איין התרת הוראה פון הרהגה״צ דער קלויזנבורגער רב זצ״ל, וואָס איז שוין דאַן געווען אין אַמעריקא, און איינס פונ׳ם ריסקעווער רב זצ״ל, צו קענען דורך דעם באַקומען אַן אויפנאמ׳ס שריפט צו פאָרן קיין אַמעריקא.

ער האָט מיר געוויזן ביידע התרת הוראות, און איך האָב באַלד באַמערקט אַז ביידע זענען פאַלש. האָט ער מיך געפרעגט פון וואו זע איך דאָס אין די

קלויזנבורגער רב זצ"ל (ביי אַ סידור קידושין אין אַמעריקא), **המו"ל, החתן ר' שלו' יוסף טויב נ"י, אונטערן חתן - זיין שווער ר' ליפא לעפקאוויטש ז"ל**

כתבים אַז זיי זענען נישט אמת?.

האָב איך אים געוויזן: אַז אין דעם קלויזנבורגער רב'ס היתר הוראה שטייט דער דאַטום פון א' בראשית תש"ח ברוקלין, וואָס אַזאַ דאַטום קען נישט זיין אין חוץ לארץ, ווייל שמחת תורה קען נישט אויספאַלן אין שבת. און אין ריסקעווער רב'ס התרת הוראה פירט ער אויס ביים סוף, "ולא" יאה להורות מיט אַן "א", אנשטאט "ולו" יאה להורות מיט אַ "ו", ווי מ'שרייבט געווענליך ביי אַ התרת הוראה.

אַזוי און מיט ענליכע אופנים האָבן זיך די רבנים באַוואָרענט, אַז אויב מ׳וועט ווייזן אַזעלכע כתבים פאַר בני תורה, וועלן זיי זען אַז דאָס איז נאָר געגעבן געוואָרן פאַר אייגן געברויך...

ווען מיינע שריפטן זענען ענדליך ערלעדיגט געוואָרן בין איך געפאָרן קיין נאפאלי מיט מיין רעבעצין תחי׳ בעטן אַ וויזע קיין אַמעריקאַ. דאָרט איז געווען דער אַמעריקאַנער קאָנסול וואָס האָט געגעבן די וויזעס קיין אַמעריקאַ.

ער האָט דורכגעקוקט אַלע שריפטן, און האָט אויך געבעטן אַן עמטליכע הייראַטס שיין וואָס מיר האָבן נישט געהאַט. איך האָב אים געוויזן אַז איך האָב אַ כתובה, האָט ער מיר געזאָגט אַז איך מעג טאַקע וואוינען מיט מיין ווייב להלכה ווייל איך האָב אַ כתובה, אָבער כדי צו קענען געבן אַ וויזע אויך פאַר מיין רעבעצין תחי׳ מוז איך האָבן אַן עמטליכע הייראַטס שיין.

מיר זענען צוריק געפאָרן קיין רומא, און נאָך דעם זעלבן טאָג האָבן מיר דאָרט ערלעדיגט עמטליך אַ הייראַטס שיין. מיר זענען צוריק געפאָרן קיין נאפאלי אַ טאָג שפּעטער און מיר האָבן באַקומען די וויזעס, ר״ח סיון תש״ח.

מיינע שריפטן זענען באשטעטיגט געוואָרן שפּעטער ווי מיינע עלטערנס, האָב איך שוין נישט געקענט פאָרן אינאיינעם מיט זיי, אויך מיין ברודער מו״ה יוקל נ״י האָט באַקומען זיין וויזע אַפּאָר וואָכן שפּעטער ווי די עלטערן, און ער האָט אויך נישט געקענט מיטפאָרן מיט זיי.

מיינע עלטערן מיט מיינע געשוויסטער זענען מיט מזל אַוועק געפאָרן פון איטאליא קיין אַמעריקא פון די האַפן שטאָט נאפּאלי מיט די שיף "וואלקאניא" אין מיטן חודש סיון תש"ח.

מיין שוויגער די אודווואריער רעבעצין, הרבנית ברײנדל קרויז ע"ה, איז געווען מיט אונז צוזאַמען אין איטאליא. אינצווישן איז זי ל"ע קראַנק געוואָרן, און זי איז געווען אין אַ שפּיטאָל נעבן רומא. מיר האָבן נישט געקענט פאַרשאַפן קיין שריפטן פאַר איר מיט צו פאָרן מיט אונז קיין אַמעריקא.

ווען מיר האָבן שוין געהאַט די וויזע צו פאָרן קיין אַמעריקא, זענען מיר אַריינגעפאָרן איין זונטאָג קיין רומא צו גיין באַזוכן די שוויגער. אַזוי ווי אין שפּיטאָל האָט מען נאָר געקענט גיין באַזוכן נאָכמיטאָג, האָבן מיר געקלערט דערווייל צו גיין צום "וואטיקאן" באַקוקן דאָרט אַנטיק זאַכן.

מיר זענען אָנגעקומען צום "וואטיקאן" 9:30 פאַרמיטאָג. דער "וואטיקאן" איז אין מיטן די שטאט רומא, (דאָס פאַרנעמט אַ היבש חלק פון די שטאָט.) אַרומגענומען אַזוי ווי מיט אַ מויער. מ'קען דאָרט אַריינגיין נאָר דורך אַ טויער. ווען מיר זענען אַהין אָנגעקומען איז שוין געשטאַנען דאָרט אַ שורה מיט מענטשן פון עטליכע גאַסן לאַנג, וואָס האָבן אויך געוואָלט אַריינגיין צום "וואטיקאן".

אַזוי ווי מיר זענען געווען "רעפאגיש" (רעפיוחש"י - פּליטים) האָבן מיר זיך נישט געדאַרפט שטעלן אין די רייע, איבערהויפּט אַז מיר האָבן געהאַט אַן אַמעריקאַנער וויזע,

זענען מיר גראָד צוגעגאַנגען צום הויפּט טויער. מיר האָבן געוויזן אונזער רויטן קרייץ פּאַספּאָרט מיט די אַמעריקאַנער וויזע דערין און מ׳האָט אונז באַלד אַריין געלאָזט. מ׳האָט אונז געהייסן גיין אויפן צווייטן שטאָק אין אַ צימער פול מיט גלחים. זיי האָבן געפרעגט אויב מיר ווילן געבן עפּעס אַ נדבה פאר זיי? האָב איך געזאָגט "ניין".

ביים אַריינגאַנג האָט מען אונז געגעבן אַ פּערמיט אריינצוגיין. מיר האָבן געמיינט אַז דער פּערמיט איז צו קענען אַריַין אין מאָזעאום, וואו ס׳זענען דאָ אַנטיק זאַכן. מיר זענען אַראָפּ אין אַ ריזיגן הויף וואו ס׳איז געווען פלאַץ פאר איבער 50 טויזענט מענטשן. מיר זענען געווען כמעט די ערשטע אין דעם הויף, האָבן מיר זיך געשטעלט גאַנץ פאָרנט וואו ס׳זענען שוין געשטאנען בערך 8 - 10 מענטשן. מיר האָבן געקלערט אַז מן הסתם וואַרט מען ס׳זאל זיך אָנקלויבן אַ גאַנצע גרופּע און דערנאָך וועט אונז איינער אַרומפירן, ווייזן דעם מאָזעאום.

איך בין געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ טונקעלן אַנצוג, אַ קורץ רעקל, ווייל איך האָב פּשוט נישט געהאַט קיין לאַנג רעקל, און אַ פּוילישן הויכן סאַמעטענע הוט. (מיר זענען דוקא געגאַנגען מיט הויכע ביבער היטן, ווייל אין איטאליע גייען להבדיל די גלחים אין פלאַכע סאַמעטענע ביבער היטן. אין קיבוץ אין "אקווי", איז אין די שטאָט געווען אַ סעמינאַר פון גלחים. ווען די סטודענטן זענען אַרויס געקומען פון זייער סקול און זענען געגאַנגען אויף די גאַס, האָבן זיי פון דערווייטנס אויסגעזען להבדיל אלף אלפי הבדלות אַזוי ווי חסידישע בחורים מיט ביבער הוטן, און אַנצוגער ממש אַזוי ווי בעקיטשעס מיט ראָזשאָוואָלקעס. זיי האָבן אַפילו געהאלטן די הענט אין די אַרבלען נישט אין די טאַשן. די גויים פלעגן זיך אויפשטעלן פאַר מיין

פּאָטער זצ״ל וואָס איז געגאַנגען מיט אַ פלאַכע היט מיינענדיג אַז ער איז אַ גלח רח״ל, און עס איז געווען זייער אומאנגענעם, דעריבער האָבן מיר געטוישט אויף הויעכע ביבער היטן.)

אַזוי ווי מיר זענען געווען אָנגעטאָן אַנדערש ווי די אַנדערע מענטשן, איז צו אונז צוגעקומען אַ גלח פרעגן ווער מיר זענען. האָט זיך אָנגערופן איינער פון די מענטשן וועלכע זענען דאָרט געשטאַנען (מן הסתם איז ער געווען אַן אַמעריקאַנער) אַז איך בין אַ יודיש׳ער ראַבינער. איז דער גלח אַוועק געגאַנגען.

ס׳האָט נישט גענומען מער ווי אַפּאָר מינוט, און פלוצלונג איז דער הויף וואו מיר זענען געשטאַנען פול געוואָרן. די אַלע מענטשן וועלכע זענען געשטאַנען אין די רייע אינדרויסן, האָבן אַריינגעשטראָמט מאַסנווייז. מ׳האָט זיך ממש נישט געקענט רירן פון גרויס געדרענג. מיר האָבן געפרעגט איינעם ״וואָס גייט דאָ פאָר?״ האָט מען אונז געענטפערט אַז דער פויפּסט גייט אַרויסקומען אויפן באַלקאָן וואָס איז אויף דעם ערשטן שטאָק, פאַר זיינע זונטאָג׳דיגע סערוויסע״ס, אַזוי ווי יעדען זונטאָג. (אגב איז דאָס געווען דער זעלבער פויפּסט וואס איז געווען אין די מלחמה יאָרן, ווען איטאליע האָט צוגעהאָלפן פאַרן דייטש!)

מיר זענען געבליבן שטיין דאָרט צומישט, מיט גרויס האַרץ קלאַפּעניש. אַרויסצוגיין פון דאָרט איז נישט געווען שייך, עס איז געווען אוממעגליך זיך אַדורך צושטיפּן אַזויפיל טויזענטער מענטשן. 10 מינוט דערויף האָט מען אַרויסגעברענגט דעם פויפּסט אויף אַ שטול, אויפן באַלקאָן.

ער איז געווען אָנגעטאָן אין ווייסע מלבושים מיט אַ ווייס קאַפּל אויפן קאָפּ. אַלע מענטשן האָבן געשריגן אין געפּאָכעט מיט זייערע טאַשטיכלעך ״פּאַפּאַ!״ ״פּאַפּאַ!״ אַפּאָר מינוט. דערנאָך האָט זיך דער פּויפּסט אויפגעשטעלט פון זיין שטול, ער האָט צושפּרייט זיינע הענט, אין אַ פאָרעם פון אַ צלם (קרייץ) און דעמאָלס איז תיכף שטיל געוואָרן אין גאַנצן הויף. ס׳איז געווען אַזוי שטיל אַז מ׳האָט אַזש געקענט הערן אפילו דאָס זשומען פון אַ פליג. אַלע מענטשן האָבן זיך אַראָפּ געבוקט צו דער ערד, און געבליבן אַזוי דורכאויס די גאַנצע רעדע.

מיר זענען געשטאַנען ממש אנטקעגן דעם באַלקאָן וואו דער פּויפּסט איז געשטאַנען. מיין רעבעצין האָט מיך געפרעגט ״וואָס טוט מען?״ האָב איך געזאָגט ״מ׳בלייבט שטיין!״ מיר האָבן אים גוט געזען און געהערט וואָס ער האָט גערעדט (און נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט). ער האָט אונז אויך גוט געזען. אַפּאָר מינוט האָט אָנגעהאַלטן דאָס פּראָפּלען פון׳ם פּויפּסט, אָבער פאַר אונז האָט דאָס אויסגעזען ווי יאָרן.

ווען ער איז פאַרטיג געוואָרן מיט זיין פּראָפּלען האָט זיך יעדער אויפגעשטעלט, און מ׳האָט דעם פּויפּסט צוריק אריין געטראָגן דורכן באַלקאָן. מיר האָבן געציטערט ממש אימת מות. עס איז געווען אַ געוואלדיגע חוצפה צו שטיין גראד צווישן 50 טויזנט ערלים וואָס אַלע בוקן זיך פאַר׳ן פּויפּסט און נאָר מיר בלייבן שטיין אנטקעגן אים. מיר האָבן זיך געוואָלט וואָס שנעלער טרעפן אינדרויסן, נאָך איידער

ס׳וועט זיך אפשר דערמאַנען איינער פון די מענטשן זיך אָנצונעמען פאַרן כבוד פון׳ם פויפסט, און אונז חלילה שעדיגן. מ׳קען זיך נישט פאָרשטעלן וואָס פאר אַ ניסים מיר האָבן דעמאָלס געהאַט, אַז מיר זענען ב״ה פון דאָרט אַרויס בשלום, מיר זענען שוין נישט געווען מער אינטערעסירט צו זען אנטיק זאַכן. מיר האָבן שוין געהאַט גענוג...

עס האָט נאָך געדויערט אַביסל צייט ביז מיר האָבן באַקומען פלאַץ אויף אַ שיף צו פאָרן קיין אַמעריקא. דריי טעג זענען מיר איינגעשטאנען אין אַ האטעל אין גענאווע פון וואו די שיף האָט געדאַרפט פאָרן. די דזשוינט האָט באשטעלט אין באצאלט דעם צימער פאַר אונז. מיר זענען מיט מזל אָפּגעפאָרן ד׳ אב תש״ח מיט׳ן שיף וואָס האָט געהייסן סאטארניא.

12 טעג האָט געדויערט די רייזע מיטן שיף. מיר זענען געווען בערך 50-60 מענטשן אין איין גרויסן צימער, מענער און פרויען באַזונדער, ווייל מיר זענען געפאָרן מיט די ביליגסטע שפעזן. אין דעם יו״ט חמשה עשר באב אין יאָר תש״ח, (פונקט 4 יאָר פון ווען מ׳האָט מיך ל״ע אַוועק געפירט פון שארוואר קיין אוישוויץ), האָבן מיר בעזרת השם דערגרייכט **״אַמעריקא!״** און געלאַנדעט אין ניו יאָרק.

ב"ה

בגמר ספרי לא אוכל לעצור רוח מלברך את אחי היקרים שיחי' כולם אהובים כולם ברורים, בעלי הדפוס

"אחים גרויס"

ה"ה הרב ר' רפאל שליט"א, הרה"ח מו"ה מיכאל נ"י, הרה"ח מו"ה משה נ"י, הרה"ח מו"ה שמואל נ"י,

אשר מעת יסדו את בית הדפוס שלהם בשנת תשכ"א, נדפסו על ידיהם עד עכשיו יותר מעשרות אלפי ספרי קודש על טהרת הקודש, במחירים נוחים לכל אחד ובספ"י, ובדין היא שיוטלו שכרם.

ע"כ אברכם שהשי"ת יעזור להם שיוכלו להמשיך להלן את עבודתם הקודש מתוך הרחבת הדעת מתוך ברכה והצלחה ועושר וכבוד עבגצבב"א. כ"ד אחיכם המוציא לאור את ספרי הזה.

חודש סיון תשמ"א הרב ישעי' גרויס

גם להביא' תודה רב להעוסקים באמונה בספרי זה

ה"ה הרבני מו"ה יוסף בן ציון רייך נ"י, מו"ה אשר אבא פערל נ"י,
והב' שמואל ענגעל נ"י
ישלם השם פעלם ותהי משכורתם שלמה אכי"ר.

בס"ד

אבעלעס הרה"ח יעקב ז"ל, מנהל כולל שומרי החומות ירושלים עיה"ק...................קט"ז
אבראמאוויטש הרה"ח ישראל מנחם הי"ד, קאוואטשהאזא - דעברעצין.............. רפ"ט רח"צ
אדלער הרב מנחם שליט"א, רב בטאראנטא קאנאדא...........................ע"ג
אדלער הרב שלום הי"ד, אב"ד סערעדנע ....קכ"ה
אהרנסאן הרב יושע זצ"ל, באדגאסטיין...עפילאג
אייזדארפער הרה"ח בערל הי"ד, דעברעצין - אונגוואר - ברוקלין ....תע"א
אייזנבערג הרה"ח צבי הי"ד, דעברעצין...קנ"ט
אייזנבערג הרה"ח ישראל הי"ד בן צבי הי"ד, דעברעצין ....קמ"ט, רל"ז, שנ"ה
אנפאנג הרה"ח פרץ נ"י ....עפילאג
אשרי הרב אפרים שליט"א, אב"ד קאוונא - ניו יארק ....עפילאג
בינדיגער הרה"ח ברוך אברהם הי"ד, דעש...רט"ו
בלויגראנד הרב ישכר דוב הי"ד, אב"ד קאלווואריא ....מ"ח
בערגער הב' אלעזר הי"ד איהעל..שי"ב
בערגער הרה"ח אברהם (שטערן) נ"י ....קמ"ה, שנ"ה
ברוידי הרב מנחם זצ"ל, אב"ד קאלעוו בעהמ"ח דברי מנחם............................רל"ט
ברוין הרב שלמה זלמן זצ"ל, מחבר שיעורים מצוינים בהלכה ועוד ....עפילאג
ברוין הרה"ח משה הי"ד, דעברעצין ....שי"ב
ברוין אברהם ישכר נ"י, סערדעהעלי - ס. דיעגא ....שע"ח
גאטליב הרב יודא זצ"ל, אב"ד מישקאלץ - ברוקלין ....תל"ט
גאלדשטיין ארמין ז"ל, דעברעצין..רצ"ו, ש"ה
גאלדשטיין הרה"ח שמשון נ"י, וואד - ברוקלין...קפ"ט
גוטמאכער מו"ה אלי' ע"ה...תל"ו
גוטמאן הרה"ח משה יוסף, דעברעצין...קמ"ה
גינז הרב משה זצ"ל, אב"ד קערעסטיר... כ"ד
גליק הרה"ח משה ארי' ז"ל, גבאי ביהמ"ד סאטמאר - ברוקלין...................קי"א
געלב הרה"ח חיים הי"ד, דעברעצין ....קמ"ב
גערטנער הרה"ח יוסף שמואל נ"י, ברוקלין - מאנסי........................... שנ"ה

מפתח שמות האנשים המובאים בפנים בספר

גרויס הרב ברוך זצ"ל, מעליץ .... ג'

גרויס הרב ר' רפאל זצ"ל בן הרב ברוך זצ"ל, אב"ד בערבעשט .... קאַפיטל א'-ב'-ה'. כ"ח, ל"א, ס"ג צ"ט, קפ"ח , קפ"ט, ר"ח

גרויס הרב יקותיאל יודא הי"ד, ראב"ד סיגעט .... כ"ח, ל', ל"ט, נ"ג, נ"ד, ס"ג, צ"ט, קס"א, קס"ב, קע"ג, קצ"א, ר"ג, רכ"ה

גרויס הרב שמואל הי"ד בן הרב רפאל זצ"ל, אב"ד ריטשע - בערבעשט - קראלי .... ו', י"ט, ל"א, ל"ג, ל"ט, מ', מ"ה, ע"ח, צ"ט, ק"א, ק"ב, ק"ו, קס"ג, קע"ב

גרויס הרב יקותיאל יהודא הי"ד בן הרב שמואל הי"ד, אב"ד שאגאטאג .... כ"ח, מ"ה, רמ"ח

גרויס הרה"ח אהרן הי"ד בן הרב שמואל הי"ד .... מ"ה, מ"ו

גרויס הרה"ח משה ז"ל בן הרב שמואל הי"ד, מ'קראלי .... מ"ו, מ"ז

גרויס מו"ה אלי' בצלאל נ"י בן הרב שמואל הי"ד, בירושלים עיה"ק .... מ"ז

גרויס הב' ישעי' הי"ד בן הרב שמואל הי"ד .... מ"ו

גרויס הרה"ח ר' משה הי"ד בן הרב רפאל זצ"ל, מ'סיגעט .... מ"ו, מ"ח

גרויס הב' רפאל הי"ד בן הרה"ח משה הי"ד .... מ"ט

גרויס הרב אהרן הי"ד בן הרב רפאל זצ"ל, אב"ד לאפאש .... נ"ה, נ"ו, ק"א, קצ"א, קצ"ו, קצ"ז, ש"ח

גרויס הב' ישראל יעקב יוקל הי"ד בן הרב אהרן הי"ד, מ'לאפאש .... נ"ח, ש"ח

גרויס הרב יחיאל (מיכל) ניסן זצ"ל בן הרב רפאל זצ"ל, דומ"ץ אודווארי ... ע"ד, קס"א

גרויס הרה"ח ישראל יעקב יוקל שליט"א בן הרב יחיאל (מיכל) ניסן זצ"ל .... ע"ה

גרויס הרב חנני' יו"ט ליפא זצ"ל בן הרב רפאל זצ"ל, אב"ד בערבעשט . ע"ה, ע"ז, ע"ט

גרויס הרה"ח אלי' שליט"א בן הרב חיי"ל זצ"ל, אב"ד בערבעשט .... פ"א, פ"ב

גרויס הרב נפתלי זצ"ל בן הרב רפאל זצ"ל, אב"ד קערעסטיר - בערבעשט .... ע"ג, צ"ז, קכ"ט, קס"ה, קע"ה, רל"ג, תנ"ז - תע"ה,

גרויס הרב ישעי' שליט"א בן הרב נפתלי זצ"ל, אב"ד קערעסטיר - בערבעשט .... המו"ל

גרויס הרב רפאל שליט"א בן הרב נפתלי זצ"ל .... מ', קל"ב, קל"ג, קמ"ה, קנ"ז, קע"ח, קפ"א, קפ"ד, קפ"ט, רכ"ז

גרויס הרה"ח ישראל יעקב יוקל שליט"א בן הרב נפתלי זצ"ל .... קל"ו

גרויס הרה"ח מיכאל שליט"א בן הרב נפתלי זצ"ל .... ק' קכ"ב, קנ"ד, קפ"א

גרויס הרה"ח משה שליט"א בן הרב נפתלי זצ"ל .... ע"ג, קפ"א, רכ"ב, רכ"ג, רכ"ד

גרויס הרה"ח שמואל שליט"א בן הרב נפתלי זצ"ל .... קכ"ב, רט"ז

גרויס הרה"ח חיים ברוך שליט"א בן הרב נפתלי זצ"ל .... רנ"ג, תע"ה

גרינוואלד	הרב משה בן עמרם זצ״ל, אב״ד חוסט בעל ערוגת הבושם	ר״ט
גרינצווייג	הרה״ח מרדכי יואל	עפילאג
דייטש	הרב חנני׳ יו״ט ליפא בן שמואל אהרן זצ״ל, אדמו״ר העלמעץ	כ״ז, ק״ג, ק״ה
דייטש	הרב שמואל אהרן הי״ד, קערעסטיר - מישקאלץ	ק״ג
האבערפעלד	מו״ה פנחס נ״י	תל״ו, תל״ח
האגער	הרב ברוך הי״ד, אדמו״ר ווישעווע	של״ג, שנ״ה, שפ״ט
האגער	הרב מרדכי (ר׳ מאטעלע) שליט״א, אדמו״ר וויזניץ - מאנסי	רמ״ב
האלבערשטאם	הרב חיים בעל דברי חיים זצ״ל, אב״ד צאנז	ר״ז
האלבערשטאם	הרב יחזקאל שרגא זצ״ל בן הרב חיים זצ״ל, אב״ד שינעווע	ט׳
האלבערשטאם	הרב אברהם שלום זצ״ל בן הרב יחזקאל שרגא זצ״ל, הרב מסטראפקוב	ק״נ
האלבערשטאם	הרב יצחק ישעי׳ הי״ד בן בעל דברי חיים זצ״ל, אדמו״ר מטשעחוב - קראקע	קל״ח, רל״ו
האלבערשטאם	הרב שלום אליעזר הי״ד, בן בעל דברי חיים זצ״ל, אדמו״ר ראַצפערט	קכ״ט, רמ״א, ר״ס, רס״א
האלבערשטאם	הרב זושא׳לע הי״ד בן הרב שלום אליעזר הי״ד, ראצפערט	ק״פ, ר״ל
האלבערשטאם	הרב חיים זצ״ל בן הרב שלום אליעזר הי״ד, דומ״ץ סאטמאר	קכ״ט, רמ״א
האלבערשטאם	הרב מרדכי דוב הי״ד בן הרב חיים זצ״ל, דומ״ץ מישקאלץ	עפילאג
האלבערשטאם	הרב ברוך זצ״ל בן הרב בעל דברי חיים זצ״ל, אב״ד רודניק - גארליץ	ר״ז
האלבערשטאם	הרב אלישע הי״ד בן הרב ברוך זצ״ל, אב״ד גארליץ	עפילאג
האלבערשטאם	הרב מרדכי דוב זצ״ל בן הרב אלישע הי״ד, גארליץ - ירושלים	קכ״ט
האלבערשטאם	הרב בנציון הי״ד בן הרב שלמה זצ״ל, אב״ד באבוב	ר״ס
האלבערשטאם	הרב יחזקאל דוד זצ״ל בן הרב בנציון הי״ד, אב״ד פאשקאוויץ - ברוקלין	ר״ס, רצ״ט
האלבערשטאם	הרב נפתלי צבי שליט״א בן הרב שלמה זצ״ל, אדמו״ר באבוב	עפילאג
האלבערשטאם	הרב חיים יצחק אייזיק הי״ד, אב״ד סלאטפינא	ע״ח
האלבערשטאם	הרב יקותיאל יודא זצ״ל, אדמו״ר קלויזענבורג - קרית צאנז	תל״ט, תמ״א
האלבערשטאם	הרב ליבער הי״ד, נכד בעל דברי יחזקאל, דעברעצין - מאטא סאלקע	קל״ו
האלבערשטאם	הרב אלימלך הי״ד בן הרב משה מ׳שינאווא זצ״ל, אדמו״ר וואשערהעלי	ע״ח
האלבערשטאם	הרב משה אריה שליט״א, אדמו״ר נאסויד - ברוקלין	רס״ט
האניג	הרב נפתלי הירצקע זצ״ל, אב״ד שארמאש	י״א, צ״ח

הורוויץ הרב אהרן זצ״ל, אב״ד בייטש .... כ״ט, ס״א
הורוויץ הרב אלטר אליעזר בן הרב אהרן זצ״ל, אב״ד בייטש........ס״א
הורוויץ הרב חיים שלמה זצ״ל בן הרב אלטר אליעזר זצ״ל, אדמו״ר מ׳סטריזוב .... ט׳, נ״ט, ס״א, ש״ט, תע״ד
הורוויץ הרב רפאל ז״ל בן הרב חיים שלמה זצ״ל, ... ס״ח, ש״ט
הורוויץ הרה״ח יעקב צבי נ״י בן הרב רפאל זצ״ל........ס״ח
הורוויץ הרב משה יודא לייב שליט״א בן הרב חיים שלמה זצ״ל, אדמו״ר מ׳סטריזוב........ ע״ג
הורוויץ הרב צבי הירש שליט״א בן הרב חיים שלמה זצ״ל, אדמו״ר מ׳סטריזוב........ע״ג
הורוויץ הרב ישראל יעקב יוקל שליט״א בן הרב חיים שלמה זצ״ל, אדמו״ר מ׳זאלישא .... ע״ג
הורוויץ הרב אביש הי״ד זצ״ל, אב״ד קראלי........קע״ב
הורוויץ הרב יחזקאל׳ע הי״ד, מ׳מעליץ - דעברעצין .... קע״ב
היימליך הרב מנחם יוסף הלוי הי״ד (ר׳ מענדעלע קאראדער), דומ״ץ מישקאלץ .... שמ״ו
היימליך הרב יואל שליט״א בן הרב מנחם יוסף הי״ד, אב״ד וועגשייד - ברוקלין........ עפילאג
העללער הרב שלמה לייב זצ״ל, ראב״ד סיגעט בעל ערך ש״י........ ל״א, ל״ב
וואזנער הרב שמואל הלוי שליט״א, אב״ד זכרון מאיר - בני ברק........קס״ז
וואלדמאן הרה״ח אליעזר ז״ל, ביסטריץ - ברוקלין........ת״ד
ווידער הרה״ח אברהם הי״ד, שו״ב נאנאש........ ש״ח
ווידער הרה״ח הערצקא ז״ל בן הרב שלמה דוב מנירעדהאז זצ״ל........ שצ״ו
וויזל הרב שלמה אליעזר הלוי זצ״ל, אב״ד טערנאווע........י״א, קפ״ח
וויטריאל הרה״ח חיים נ״י, זענטא - ברוקלין........ עפילאג
וויטריאל הרה״ח יונה ז״ל, זענטא - ברוקלין........ עפילאג
וויינבערגער הרב יצחק אייזיק הי״ד, דעברעצין ....קמ״ג, קנ״ד, ק״ס
וויינבערגער הרה״ח חיים שמעון ז״ל בן הרב יצחק אייזיק הי״ד, דעברעצין - ברוקלין .... קמ״ג

ווינבערגער חנני׳ יו״ט ליפא הי״ד בן הרב יצחק אייזיק הי״ד .... ק״ס
ווינבערגער הרב פנחס שליט״א, מנהל כולל שומרי החומות בארה״ב .... עפילאג
ווינשטאק הרה״ח יוסף נ״י, באניע - קרית יואל .... קצ״ה
ווינשטאק הרה״ח יצחק יונה זצ״ל, (חותנו של רבי ר׳ ישעי׳לע קערעסטירער זי״ע) ...... כ״ד
ווייס הרה״ח קלמן הי״ד, סאטמאר ....קס״ג
ווייס הרה״ח שמעון נ״י בן קלמן הי״ד, סאטמאר - קרית יואל .... תמ״ט
ווייס הרה״ח מרדכי אהרן נ״י בן קלמן הי״ד ....קס״ג, תמ״ט
ווייס הרה״ח דוד מאיר ז״ל בן קלמן הי״ד .... תמ״ט
ווייס הרה״ח בנימין הכהן ז״ל, דעברעצין..קמ״ט
ווייס הרה״ח בעריש הכהן נ״י, דעברעצין - ברוקלין ....קמ״ט
ווייס הרה״ח ישעיה ז״ל, בעהמ״ח ספר אור בהיר - ברוקלין..............................קט״ו
ווינקלער הרב מרדכי זצ״ל, בעל לבושי מרדכי..צ״ט
וועכטער הרב חנני׳ יו״ט ליפא ז״ל, באטור - טאראנטא - קאנאדא.............................ל״ז
זופניק הרה״ח מענדל נ״י, ברוקלין ....תע״ב
זילבער הרה״ח שלמה ברוך ז״ל, דעברעצין - ברוקלין ....קנ״א

❖ ❁ ❖ ❁ ❖

טייטלבוים הרב משה זצ״ל בן הרב צבי זצ״ל, בעל ישמח משה......................קצ״ח, קצ״ט
טייטלבוים הרב יקותיאל יודא זצ״ל בן הרב אלעזר ניסן זצ״ל, אב״ד סיגעט בעל ייטב לב ....
............ז׳, נ״ב, קי״ג, קס״ה, קס״ו, קצ״ו, ר״ג, ר״ו, ר״ז, ר״ח, ר״ט, רי״ח, רכ״ה
טייטלבוים הרב חנני׳ יו״ט ליפא זצ״ל בן יקותיאל יודא זצ״ל, בעל קדושת יו״ט ....
....י״ב, כ״ג, נ״ט, ע״ד, ע״ז, צ״ח
טייטלבוים הרב חיים צבי זצ״ל בן הרב חנני׳ יו״ט ליפא זצ״ל, אב״ד סיגעט בעל עצי חיים ..
.... י״א, ל׳, מ׳, נ״ט, ס׳, ס״ד, ס״ו, צ״ח, ק״ג, ק״ה, קס״ח
טייטלבוים הרב יקותיאל יודא הי״ד בן הרב חיים צבי זצ״ל, אב״ד סיגעט.........................
.... קס״ג, רכ״ה, רס״א
טייטלבוים הרב משה שליט״א, אדמו״ר זענטא - סיגעט - סאטמאר - ברוקלין ....ר״כ
טייטלבוים הרב יואל זצ״ל בן הרב חי״ל זצ״ל, אב״ד ארשווע, קראלע, סאטמאר, בעל ויואל
משה .... מ׳, קנ״ח, קפ״ד, רכ״ה
טייטלבוים הרב נפתלי זצ״ל בן הרב ישראל יעקב יוקל זצ״ל, אב״ד באטור..... קנ״ג, ק״פ, קצ״ו
טייטלבוים הרב שמואל זצ״ל בן הרב אלעזר ניסן זצ״ל, אב״ד גארליץ ....ז׳
טייטלבוים הרב ישראל יעקב יוקל זצ״ל בן הרב שמואל זצ״ל, אב״ד בערבעשט - גארליץ -
וואלאווע, בעהמ״ח ספר היטב איטיב ....ז׳

טייטלבוים הרב משה דוד זצ"ל בן הרב ישראל יעקב יוקל זצ"ל, אב"ד לאפאש ....נ"ה, קצ"ו
טייטלבוים הרב אברהם חיים הי"ד בן הרב משה דוד זצ"ל, אב"ד קרעניץ ....נ"ה, קצ"ו
טייטלבוים הרב יקותיאל יודא זצ"ל בן הרב משה דוד זצ"ל, אדמו"ר לאפאש - אַמעריקא ... .ר', רי"ב
טייטלבוים הרב י"י יוקל שליט"א בן הרב אהרן הי"ד, אב"ד לאפאש - אַמעריקא - קווינס. ר'
טייטלבוים הרב יצחק שמואל הי"ד בן הרב משה דוד זצ"ל...קצ"ו
טייטלבוים הרב אהרן הי"ד בן הרב ישראל יעקב יוקל זצ"ל, אב"ד וואלאווע - באטור......... .... ע"ד, ר', רכ"א, ש"ג, ד"ש, ש"ו, ש"ז
טייטלבוים הרב חנני' יו"ט ליפא זצ"ל בן הרב אהרן הי"ד, אב"ד באטור - ברוקלין .... קס"ז, עפילאג
טייטלבוים הרב דוד הי"ד, מ'טעטש - נייטרא - דעברעצין ..רל"ד, רפ"ד, ש"ח, שנ"ה, שצ"ט
טייטלבוים נפתלי הי"ד בן הרב דוד הי"ד... ש"ח
טייטלבוים הרב יחזקאל הי"ד, מ'איהעלי - דעברעצין - סאטמאר ....קנ"ט
טייטלבוים הרב אלחנן חיים זצ"ל, מ'איהעלי - ברוקלין ....ק"ו, קנ"ט, רס"ט
טייטלבוים הרב אהרן זצ"ל בן הרב ארי' לייביש זצ"ל, מ'איהעלי - דעברעצין.................. .... קמ"ז, קמ"ט, קנ"ג, קע"ג, רכ"ט, ש"ח, שמ"ג, תנ"א, תנ"ב
טייטלבוים הרה"ח ארי' לייביש שליט"א בן הרב אהרן זצ"ל, מ'דעברעצין - ברוקלין........... ....ש"ח, שמ"ג, ת"מ, תנ"א
טייטלבוים הרב ירמי' שליט"א בן הרב אהרן זצ"ל, דעברעצין - ברוקלין.................... קנ"ג
טייטלבוים הרב שלמה זצ"ל, ראב"ד גארליץ ....נ'
טייטלבוים הרב חיים אלעזר הי"ד, דומ"ץ טאשנאד - גרויסווארדיין..............נ', ש"ח
טייטלבוים ר' רפאל נ"י בן הרב חיים אלעזר הי"ד..נ"ד
טייטלבוים הרה"ח מאיר הי"ד, מ' איהעלי - הולמין..מ"ו
טייטלבוים חנני' יו"ט ליפא זצ"ל, אב"ד סעמיהאלי ....רמ"ו
טייטלבוים הרב אלי' בצלאל שליט"א בן הרב חיים הי"ד, אדמו"ר מ'באניע.................ע"ג

❖ ❁ ❖ ❁ ❖

טייכטאל הרב יששכר שלמה הי״ד, אב״ד פישטשאן בעל שו״ת משנת שכיר ......רל״ד, רס״ה
טירנויער הרה״ח יעקב יושע ז״ל ...... עפילאג
טירנויער הרה״ח מרדכי לייב ז״ל ...... עפילאג
טירנויער הרה״ח אברהם זאב ז״ל ...... עפילאג
טירנויער הרה״ח אלי׳ דוד ז״ל ...... עפילאג
טירנויער הרה״ח יעקב ברוך נ״י בן הרה״ח אלי׳ דוד ז״ל ...... עפילאג
טעפפער הרה״ח נפתלי הערצקע ז״ל ...... קפ״ז
טעפפער הרה״ח משה יודא לייב נ״י, דעברעצין ...... קמ״ה, קע״ה
טעפפער הרה״ח ישעי׳, דעברעצין ...... קמ״ה
טרעגער הרה״ח ישראל הכהן נ״י, בני ברק ...... עפילאג
כ״ץ באנדי, דעברעצין ...... שנ״ה, שנ״ז, שפ״ח
כ״ץ הרב אברהם שלמה זצ״ל, אב״ד ריסקעווע - בני ברק ...... ע״ח
כהן הרב משה ז״ל, מעליץ ...... ג׳
כהנא הרב מנחם מענדל זצ״ל, אדמו״ר הומנע ...... קט״ו, קכ״ח
כהנא הרה״ח צבי אלימלך נ״י בן יוסף אריה ז״ל, מיהאלי - פאלווא - ברוקלין ...... קפ״ט
לאווינגער הרה״ח אברהם דוד ז״ל, שו״ב ווייטצען - ברוקלין ...... רנ״ה, עפילאג
לאנדא הרב ישראל אברהם אלטר זצ״ל, אב״ד עדעלין ...... ל״ד, קי״ד, ק״ל, רנ״ט
לאנדא הרה״ח ישעי׳ שלום נ״י בן הרב ישראל אברהם אלטר זצ״ל ...... כ״ו
לאנדא הרה״ח זאב ז״ל, מ׳דעברעצין ...... קמ״ט, רע״א, רע״ב, רע״ג
לאנדא הרה״ח אברהם צבי נ״י בן הרה״ח זאב ז״ל, דעברעצין - ברוקלין ...... קמ״ה
לויפער הרה״ח בעריש נ״י בן הרב שמעון זצ״ל ...... עפילאג
לייפער הרב מרדכי זצ״ל, מ׳נאדבורנע - בישטענע ...... נ״ח, קט״ו, רט״ו
לייפער הרב יעקעלע הי״ד, אדמו״ר מדעברעצין ...... נ״ח, רט״ו, רי״ז
לייפער הרב מרדכי הי״ד בן הרב יעקב הי״ד, אדמו״ר פעסט ...... רמ״ו, שנ״ה, שס״ג, שס״ז
לייפער הרב יצחק הי״ד בן הרב יעקב הי״ד, מ׳דעברעצין ...... נ״ח, רט״ו, רי״ז
ליכטמאן הרה״ח זלמן נ״י, ביסטריץ - ברוקלין ...... תל״ה
ליכטנשטיין אב״ד קראסנא זצ״ל, ברוקלין ...... תל״ט
לעווי הרה״ח יחזקאל שרגא הלוי ז״ל, דעברעצין - ירושלים עיה״ק ...... קפ״ג, תנ״ח, תס״ג
לעווי הרה״ח עזריאל יחיאל הלוי ז״ל, דעברעצין - מאנטרעאל ...... קמ״ה, קע״ח, קע״ט, קפ״ג, קפ״ח
לעווי הרה״ח יצחק נ״י, סאטמאר- קרית יואל ...... של״ב
לעפקאוויטש הרה״ח חנני׳ יו״ט ליפא נ״י, גרויסווארדיין - ברוקלין ...... רס״ב
מאשקאוויטש הרב יצחק אייזיק זצ״ל, ישיבת מאור הגולה, רומא - מאנטרעאל ...... עפילאג
מייזליש הרב צבי זצ״ל, אב״ד ווייטצען בעל מקדשי משם ...... רכ״ו
מייזליש הרב חיים זצ״ל, אב״ד סארוואש ...... קכ״ז

מייזליש הרב אלעזר זצ״ל, אב״ד איהעל - מיאמי - פלארידא .... עפילאג
מייזליש הרב נתן יוסף שליט״א ....נ״ו
מייער הרב יצחק זאב ז״ל, בעל מהרש״א הארוך, דעברעצין - ברוקלין.........................
ש״ח, שכ״א, שמ״ג

מענדלאוויטש הרב משה הי״ד, ראצפערט - מאקאווע...............................של״ד
מענדלאוויטש הב׳ דוד הי״ד ....של״ד
מענדלאוויטש הרה״ח מנחם מאיר נ״י...של״ד
מערץ הרב זוסמאן זצ״ל, קאשוי - ברוקלין ....תנ״ב
ניימאן הרב יחיאל מיכל שליט״א, דעברעצין - ברוקלין - מאנסי ....
ש״ח, שי״ב, של״ט, שמ״ג, תמ״ג

ניימאן הרב ישראל צבי שליט״א, פעסט ....קי״ט, ק״כ
ניימאן הרה״ח ישראל יעקב ז״ל, מעזא - טשאטה.. ק״כ
סאמעט הרה״ח אברהם שמואל הי״ד, קערעסטיר.................................. ל״ט, רמ״ד
סאמעט הרה״ח יחזקאל ז״ל בן הרה״ח אברהם שמואל הי״ד, איהעל - ברוקלין..............
ת״ד, ת״ה

סאמעט הרה״ח אברהם שמחה הי״ד, מלמד קערעסטיר ....קל״ה
סאמעט הרה״ח יעקב הי״ד, איהעל - דעברעצין ....קמ״ד
ענגעל הרה״ח שלמה הי״ד, טאקיא.. שנ״ז, שנ״ח
ענגעל הרה״ח יעקב הי״ד בן הרה״ח שלמה הי״ד, טאקיא ....
רנ״א, שנ״ה, שנ״ז, שנ״ט, שפ״ט

עסטרייכער הרה״ח אליעזר נ״י בן יצחק שמעון ז״ל, דעברעצין - ברוקלין............................
שנ״ה, שע״ג, תמ״ז

עסטרייכער הרה״ח פנחס נ״י בן משה אלי׳ ז״ל, דעברעצין - ברוקלין ....קמ״ה
עסטרייכער הרה״ח דוד נ״י בן משה אלי׳ ז״ל, דעברעצין - ברוקלין.............................קמ״ה
פאללאק הרה״ח אהרן הכהן ז״ל, סופר זענטע - ברוקלין................................. רכ״ד, של״ה
פאלקאוויטש הרה״ח חיים יושע פאליק הי״ד, דעברעצין .... קמ״ב, קמ״ג
פאלקאוויטש הרה״ח שלמה מנשה ז״ל בן חיים יושע פאליק הי״ד, דעברעצין - קרית יואל......
קמ״ג, תנ״ג, תנ״ה

פאנעט הרב יוסף זצ״ל, אב״ד אילאנדא - דעעש - ברוקלין............................... עפילאג
פאנעט הרב צבי מאיר שליט״א בן הרב יוסף זצ״ל, אב״ד אילאנדא - דעעש - ברוקלין ...
עפילאג

פאנעט הרב יודא׳לע שליט״א בן הרב יוסף זצ״ל, אב״ד קאצקא - דעעש - ברוקלין - פלארידא
עפילאג

פאנעט הרב אלימלך שליט״א בן הרב יוסף זצ״ל, אדמו״ר דעעש - ברוקלין .... עפילאג

פארטוגאל	הרב אליעזר זוסיא זצ"ל, אדמו"ר סקולען	מ"ז
פארקאש	הרה"ח נתנאל ז"ל, ברוקלין - קרית יואל	צ"ח
פייערווערקער	הרה"ח יונתן ז"ל, ברוקלין - קרית יואל	כ"ד
פליישמאן	הרה"ח מרדכי ז"ל, זענטע - ברוקלין	ל"ב
פליישמאן	הרה"ח נפתלי נ"י בן הרה"ח מרדכי ז"ל	ל"ב
פליישמאן	הרה"ח צבי (הערשעל) הי"ד, דעברעצין	קמ"ט, קנ"א
פעדער	הרה"ח מענדל ז"ל, ניו יארק	עפילאג
פעטמאן	הרב חיים פסח זצ"ל, אב"ד האטהאז - דעברעצין - ברוקלין	קמ"ב
פעטמאן	הרב יששכר דוב ז"ל בן הרב חיים פסח זצ"ל, דעברעצין - ברוקלין	קמ"ב
פערל	אהרן הכהן הי"ד, דעברעצין	קמ"ז
פערל	דוד הכהן הי"ד, דעברעצין	קמ"ט, קע"א
פערל	מענדל	קע"ח
פערל	מתתיהו	קע"ח
פרידמאן	הרב שלמה זלמן זצ"ל, אב"ד ראחוב	י"א
פריינד	הרב ברוך הי"ד, אב"ד הוניאד	קכ"ה, ר"מ
פריינד	הרב משה אריה זצ"ל, ראב"ד ירושלים עיה"ק	רע"ב
פריינד	ישראל בן הרב ברוך הי"ד	קכ"ה
פרישערמאן	הרב משה זצ"ל, אדמו"ר מ'טאמאשאוו - קראמאנא - ברוקלין	עפילאג
פרעגער	הרב שלמה ברוך הי"ד, אב"ד פעטראוואסעלא	שנ"ה
פרענקל	הרב משולם פייש זצ"ל, תופס ישיבה דעברעצין	קמ"א
פרענקל	הרה"ח חיים אפרים הי"ד, דעברעצין	ש"ו, שי"ג
פרענקל	הרה"ח אברהם ז"ל בן הרה"ח חיים אפרים הי"ד, לאנדאן	ש"ו, תמ"ח, תנ"ג
פרענקל	הרה"ח יחיאל מיכל הי"ד, סיגעט	כ"ט, קס"ח
קאהאן	הרה"ח אביגדור ז"ל, ברוקלין	רכ"ב
קאפלאוויטש	הרה"ח שלום ז"ל, ברוקלין	שנ"ה
קאפלאוויטש	הרה"ח יעקב נ"י בן הרה"ח שלום ז"ל, ברוקלין	שנ"ה
קארפען	הרה"ח לייבעלע נ"י, ברוקלין	תנ"ד
קליין	הרב יצחק זצ"ל, איהעל - ברוקלין	ת"מ
קליין	הרב ראובן חיים הי"ד, אב"ד סנינא בעל מטה ראובן	ל"ד, ק"ל
קליין	הרה"ח אהרן ז"ל, שו"ב זענטע - איטאליע - ברוקלין	עפילאג
קליין	הרה"ח ברוך ז"ל, מלמד דעברעצין	קמ"ב
קליין	הרה"ח יוסף זונדל ז"ל בן הרה"ח ברוך ז"ל, דעברעצין - ברוקלין	קמ"ב
קליין	הרה"ח יצחק אייזיק ז"ל, קערעסטיר - ברוקלין	תט"ו
קליין	הרה"ח מאיר שלום נ"י בן הרה"ח יצחק אייזיק ז"ל	תט"ו
קליין	הרה"ח צבי הירשל נ"י בן הרה"ח יצחק אייזיק ז"ל	תט"ו

קעסלער הרה"ח ישכר בעריש הי"ד, מלמד דעברעצין .... קמ"ה, קמ"ז, קנ"ד
קרויז הרב שמואל דוד זצ"ל בן הרב שלום זצ"ל, אב"ד אודוואַרי ....קכ"ג, קנ"ב, רנ"ט, עפילאג
קרויז הרב שלום שליט"א בן הרב שמואל דוד זצ"ל, אב"ד אודוואַרי - ברוקלין...קנ"ב, רנ"ט
קרויז הרב אשר אנשיל זצ"ל בן הרב שמואל דוד זצ"ל, אב"ד ראצפערט - ברוקלין...... .... עפילאג
קרויס הרה"ח יודא ז"ל, דעברעצין..קפ"ז, רס"ז
ראבינאוויטש הרב ברוך ירחמיאל זצ"ל, אב"ד מונקאטש ....נ"א
ראזענבוים הרה"ח שמואל ז"ל .... עפילאג
ראזענבערג הרב זאב וואלף זצ"ל, דומ"ץ דעברעצין............................ק"מ, קל"ח
ראזענבערג הרב מנחם צבי הי"ד בן הרב זאב וואלף זצ"ל, דומ"ץ דעברעצין...............ק"מ
ראזענבערג הרב פייוול זצ"ל בן הרב זאב וואלף זצ"ל, דומ"ץ ורב דעברעצין - ברוקלין ......ק"מ
ראזענבערג הרה"ח יושע דוד ז"ל, דעברעצין - ברוקלין .... קמ"ז, קמ"ט
ראזענבערג הרה"ח פנחס ז"ל, דעברעצין - ברוקלין..קמ"ז
ראזענבערג הרה"ח יצחק אייזיק ז"ל, משמש דעברעצין .... רפ"ו
ראזענבערג הרב יודא הכהן ז"ל, ברוקלין ....תנ"ד
ראזענצווייג הרה"ח שמואל צבי ז"ל, דעברעצין...קמ"ז
ראזענצווייג הרה"ח יחזקאל ז"ל בן הרה"ח שמואל צבי ז"ל, דעבערצין......................קמ"ז
ראזענצווייג הרה"ח ישכר דוב בערל נ"י בן יחזקאל ז"ל ....קמ"ה, קע"ח, קע"ט
ראטה הרב אלי' צבי הי"ד, איהעלי... ש"ח
ראטה הרה"ח אהרן, מלמד דעברעצין ....קמ"ב
ראטטענבערג הרב ישראל צבי הלוי הי"ד, אב"ד ואדמו"ר קאסאני .... קפ"א, רנ"ח, רס"ב
ראטטענבערג הב' אלטר הי"ד בן הרב ישראל צבי הלוי הי"ד - קאסאני................. רנ"ח, רס"ב
ראטטענבערג הרב פנחס שלום הלוי זצ"ל, אדמו"ר מ'קאסאני - אַמעריקא ....קכ"ח
ראטטענבערג הרב ישראל מנחם הלוי שליט"א בן הרב פנחס שלום זצ"ל.........................קכ"ח
רובין הרב ישראל יעקב ישורון הי"ד, אדמו"ר סאסרעגן ....מ"ה
רובין הרב אשר ישעי' הי"ד בן הרב ישראל יעקב ישורון הי"ד, אדמו"ר סאסרעגען... קכ"ה
רובין הרב מאיר יוסף הי"ד, אדמו"ר קערעסטיר.............................. קכ"ה, ר"מ, רנ"ג
רובין הרב מיכאל הי"ד בן הרב מאיר יוסף הי"ד, קערעסטיר .... קכ"ה
רובין הרב מנחם מענדל ז"ל בן הרב מאיר יוסף הי"ד, קערעסטיר - ברוקלין .... פ"ב, קכ"ו, ר"מ
רובין הרב ישכר בעריש שליט"א בן הרב מאיר יוסף הי"ד, אדמו"ר קערעסטיר - ברוקלין .... קכ"ז, רס"ב

רוקח הרב אהרן זצ"ל, אדמו"ר בעלז.........ס"ט, קי"ג, רל"ה, רמ"ב, רמ"ג, רמ"ה, רמ"ו, רמ"ז, רמ"ח, רמ"ט, רנ"ב, רנ"ז, שנ"ט

שאלגא הרה"ח יוסף ז"ל, פעסט.........רמ"ח, רמ"ט, שנ"ט

שארף הרה"ח שלום יוסף ז"ל, פאטאק.........קי"ט

שווארץ הרה"ח בנימין יוסף נ"י, דעברעצין - ברוקלין.........קע"ח

שווארץ הרה"ח יצחק אייזיק הי"ד.........קע"ח, קפ"ח

שווארץ הרה"ח משה וואלף ז"ל.........עפילאג

שווארץ הרה"ח משה יושע ז"ל, דעברעצין - ברוקלין.........קנ"ט

שטיין הרב ישראל אברהם זצ"ל, אב"ד פאלטישאן.........עפילאג

שטיינער הרב ישעי' זצ"ל, אדמו"ר קערעסטיר י"ט, כ"א, כ"ד, ל"ב, ל"ג, ל"ז, ל"ט, מ', מ"ב, נ"ט, צ"ט, ק"א, ק"ו, ק"ח, קי"א-ק"כד, קל"ג, רכ"ב, רכ"ג, רנ"ט, של"ד, של"ה, של"ו, של"ז, שנ"ז, שנ"ח, שנ"ט, שס"א, שס"ב, שס"ג, תי"ד, ...תט"ו, תס"ד, תע"ד

שטיינער הרב אברהם זצ"ל, אדמו"ר קערעסטיר.........כ"ה, ק"א, ק"ב, ק"ה, קי"ג, קי"ד, קט"ו, קט"ז, קי"ט, ק"כ, קכ"ד, קכ"ח, קל"ב, שס"ב

שטענדיג הרה"ח חיים הי"ד, דעברעצין.........קמ"ט

שטערן הרה"ח משה הי"ד, זענטע - מאקעווע.........שצ"ח, תל"ט

שטערן הרה"ח חיים נ"י בן הרה"ח משה הי"ד.........תל"ט

שטערן הרב משה זצ"ל, אב"ד דעברעצין - ברוקלין.........ק"מ, קמ"א

שטראססער הרב שלמה צבי הכהן זצ"ל, אב"ד דעברעצין......... ....קל"ז, קל"ט, ק"מ, קמ"א, קנ"ד, קפ"ג, רפ"ט

שטראססער הרה"ח מרדכי ניסן ז"ל בן הרב שלמה צבי הכהן זצ"ל.........ק"מ

שלעזינגער הרה"ח אליעזר נ"י, קרית יואל.........נ"ו, קצ"ט

שפיגל הרב משולם נתן שליט"א.........רכ"ב

שפיגל הרה"ח מרדכי שמואל ז"ל, ברוקלין.........שנ"ה

שפיצער הרה"ח אברהם הי"ד, דעברעצין.........שס"ט, ש"ע

שפיצער הרה"ח מנחם ז"ל, דעברעצין - ברוקלין.........קמ"ח

שפירא הב' צבי אלימלך הי"ד בן הרב מקיוויאשד - ברוקלין זצ"ל.........שמ"ג

שפירא הרב חיים אלעזר זצ"ל, בעל מנחת אלעזר.........נ"ט, ס"ג, ס"ד, ק"ל, קל"א, קמ"ה

שפירא הרב משה יודא לייב זצ"ל, אב"ד סטריזוב.........ס"א

שפירא הרב צבי אלימלך זצ"ל, בעל בני יששכר.........ס"א

שפירא הרב שלמה זצ"ל, אב"ד מונקאטש.........ס"א

שרייבער הרב משה הי"ד, דעברעצין.........קמ"ט

שרייבער הרה"ח יעקב ז"ל, ברוקלין - לאנדאן.........ת"מ

מו״ח הרה״ג מוה״ר שמואל דוד קרויז זצ״ל אב״ד אודוואַרי



מצבת מו״ח זצ״ל באודוואַרי

בשעת'ן מאכן אַ נייע צוים אַרום דעם בית החיים אין אודווארי - אלול תשנ"ר לפ"ק

דער מו"ל מיט אַ מנין אין די יאָרצייט פון זיין שווער זצ"ל - כ"ה מרחשון תשנ"ח לפ"ק

די מצבה פון כ"ק אאמו"ר הרה"צ מוה"ר נפתלי גרויס זצלה"ה



די מצבה פון מיין מוטער הרבנית הצדיקת ע״ה

סעודות הילולא געפראוועט ביים יאָרצייט פון זיידן,
הרה״ק רבי ר׳ ישעי׳לע קערעסטירער זי״ע

תשנ״ה אין קערעסטיר

פון לינקס צו רעכטס: הרב ר׳ אברהם צבי הלוי וואזנער שליט״א - דומ״ץ קערעסטיר-בערבעשט,
הרב ר׳ אברהם משה גרויס נ״י, ר׳ שמואל נ״י בן הרב ר׳ משה גרויס ז״ל, המו״ל.
שטייענדיג, הרב אהרן משה ישעי׳ קרויז נ״י, אחי מו״ה שמואל נ״י,

תשנ״ח אין פעסט

המו״ל, ולהבחל״ח הרה״צ מו״ה שלמה אברהם אלי׳ גרין זצ״ל פון בני ברק (ער פלעגט צענדליגער יאָרן
ספעציעל קומען קיין קערעסטיר צו די יאָרצייט. דאָס לעצטע יאָר תש״ס איז ער אויך געווען, אויפן וועג אַהיים, אפשטעלענדיג
זיך ביי זיין זון אין לאנדאן, איז ער דאָרט נפטר געוואָרן עש״ק במדבר), ולהבח״ל ישעי׳ רידער נ״י.

תשנ"ט אין קערעסטיר (בעת חנוכת הבית)

פון לינקס צו רעכטס: המו"ל, הרב ר' שמואל דוד קרויז שליט"א דומ"ץ אודוואַרי, הרה"ג וכו' מוה"ר שלום קרויז שליט"א אב"ד אודוואַרי, הרה"צ וכו' מוה"ר ישכר בעריש רובין שליט"א אדמו"ר קערעסטיר באראַ-פּאַרק, הרה"ג הרב מייזליש שליט"א אב"ד ליעזש לאנדאן, הרה"ג הרב זעלטנרייך שליט"א אב"ד טשאַקעווע, הרב מברעזעדעוויץ שליט"א

תש"ס אין קערעסטיר

פון לינקס צו רעכטס: הרה"ג אב"ד טשאַקעווע שליט"א, ר' שלמה רידער נ"י, המו"ל.
שטייענדיג: הרה"צ מברעזעדעוויץ שליט"א, מיין ברודער הרה"ח מו"ה שמואל נ"י

די סעודת הילולא פון ג' אייר תשס"א וואס איז געווען אין דעברעצין

משפחה בילדער וכדומה
ביי פאַרשידענע סעודות מצוה,
שמחות און אַנדערע געלעגנהייטן

הכנסת ספר תורה פונם מו"ל שנת תשל"ט
אין דערמיט: כ"ק אאמו"ר זצ"ל, הרה"ג וכו' מו"ה יצחק זאב מייער זצ"ל,
בעהמ"ח מהרש"א הארוך

כ"ק אאמו"ר זצלה"ה

בשעת די סעודה פונם הכנסת ספר תורה
פון רעכטס צו לינקס: הרה"צ מוה"ר משה הלל קאהן זצ"ל אב"ד ס. דזשארץ
הרה"ג מוה"ר חי"ל ט"ב זצ"ל אב"ד באטאר בעהמ"ח שו"ת לבושי יו"ט

סעודת בר מצוה להבחור בן ציון ברוך דוד לידער נ"י
פון רעכטס צו לינקס: הרה"צ אדמור מקלויזנבורג שליט"א בארא-פארק,
בר מצוה בחור, המו"ל

פון רעכטס צו לינקס: כ״ק אאמו״ר זצ״ל, להבחל״ח גיסי הרה״ג מוה״ר שלום קרויז שליט״א אב״ד אודווארי, חתנו (החתן) הרה״צ נפתלי ארי׳ לייבוש זצ״ל, אבי החתן הרה״צ וכו׳ מוה״ר מנחם שלמה טויב זצ״ל אדמו״ר קאלעוו, וחותנו הרה״צ מוה״ר ישכר דוב רוקח אדמו״ר לינסק זצ״ל.

פון רעכטס צו לינקס: המו״ל, גיסי הרה״ג מוהר״ש אב״ד אודווארי שליט״א, כ״ק אאמו״ר זצ״ל, להבחל״ח הרה״צ מוה״ר שמעון נתן נטע בידערמאן אדמו״ר מלעלעוו שליט״א, להבחל״ח מו״ה שלום גראסבערג ז״ל, אדמו״ר מסטאניסלאוו שליט״א

פון רעכטס צו לינקס: גיסי הרה"ג מוהר"ש אב"ד אודווארי שליט"א,
הרה"צ ר' יודא'לע אדמו"ר מדעעש שליט"א, המו"ל

סעודת מלוה דמלכה - שבע ברכות בבית המדרש (של המו"ל) קערעסטיר-בערבעשט
האדמו"ר ממונקאטש שליט"א, בן אחיו החתן ר' שלמה ראבינאוויטש שליט"א, המו"ל

כ״ק אדמו״ר הרה״צ מוה״ר שלמה האלבערשטאם זצ״ל אב״ד באבאוו
דעזערט האט-ספרינגס שנת תשנ״א

כ״ק אדמו״ר הרה״צ מוה״ר שלמה האלבערשטאם זצ״ל אב״ד באבאוו
ביי אַ חמשה עשר סעודה אין ביהמ״ד בית נפתלי ישעי׳ - קערעסטיר (פונס מו״ל)

אַ באזוך פונם מו"ל ביי כ"ק אדמו"ר מבאבאוו זצ"ל
אין ביהמ"ד חב"ד אין פאלם-ספרינגס קאליפארניע תשנ"ו

חמשה עשר סעודה תשנ"ו אין פאלם-ספרינגס
פון רעכטס צו לינקס: המו"ל, הרב דאנענבערג שליט"א רב ביהמ"ד חב"ד, כ"ק אדמו"ר מבאבאוו זצ"ל, הרה"צ מוה"ר נפתלי האלבערשטאם שליטא אדמו"ר גריבעוו

קארלסבאד - שנת תשנ״א

(ווען עס איז נאָך געווען אונטער דעם קאמאניסטישען רעזשים) האָב איך מיט גרויס אנשטרענגונג און געלט געפויעלט ביי אַ געוויסן איד מר. וו. צו געבן אַ גט פאַר זיין ווייב וועלכע האָט שוין געוואוינט 20 יאָר אין אַמעריקא און ער האָט איר נישט געוואָלט געבן אַ גט ביז דאַן, איך האב צוזאמגעשטעלט אַ בית דין חשוב לויט די הוראות פון התאחדות הרבנים, און דער מאַן האָט ברצונו הטוב אוטערגעשריבן אַ כתב הרשאה פאר מיר, איך זאָל זיין אַ שליח צו געבן אַ גט פאַר זיין ווייב כדת וכדין.

קארלסבאד - שנת תשנ״א

דאָס בית דין פון רעכטס צו לינקס: דער מאַן מר. וו., הרה״ח ר׳ זאב וואלף פריינד ז״ל פון ברוקלין, הרה״ח ר׳ משה פאשקעס ז״ל פון ווין, הרה״ח יוסף יודא שרגא הלוי פאלאק נ״י פון אנטווערפן.

פון רעכטס צו לינקס: מר. שפיטצער ז״ל פון ווין, הרה״ח ר׳ זאב וואלף פריינד ז״ל פון ברוקלין, מר. וו., הרה״ח ר׳ משה פאשקעס ז״ל פון ווין, להבחל״ח המו״ל, הרה״ח יוסף יודא שרגא הלוי פאלאק נ״י.

אין דעברעצין שנת תשל״ט ביים גרינדען אַ כשר׳ע קוך. פון רעכטס צו לינקס: מר. מיכאל לייטנער ע״ה
דער ראש הקהל, ר׳ צבי קעסטנבוים נ״י, מר. גוטפריינד ע״ה ראש הקהל, המו״ל

אין דעברעצין אינאיינעם מיט מיין שוואגער הרה״צ מוה״ר א. אנשיל קרויז זצ״ל אדמו״ר מראצפערט,
ווען מיר האָבן איבערגעגעבן אַ טשעק צושטייער פאַר די הוצאות פונם כשר׳ן קוך.
פון רעכטס צו לינקס: המו״ל, מר. לאזאר. מר. כ״ץ (קערטעס), אדמו״ר מראצפערט זצ״ל

שבע ברכות של החתן הרב ישראל אברהם אלטר קרויז שליט״א בני ברק תשנ״ד
פון רעכטס צו לינקס: הרה״צ ר׳ ניסן רויזנבוים שליט״א אדמו״ר קרעטשעניף, המו״ל, הרב ר׳ שמואל דוד קרויז שליט״א דומ״ץ אודווארי אבי החתן, הרה״ג וכו׳ מוהר״ש קרויז שליט״א אב״ד אודווארי זיידע פון חתן, דער חתן, הרה״צ וכו׳ מוה״ר יוסף לייפער שליט״א אדמו״ר מ׳ווארדיין זיידע פון חתן, דער שווער פון חתן הרה״צ וכו׳ מוה״ר שמואל יעקב קאהן שליט״א, אדמו״ר מתולדות אברהם יצחק

קבלת פנים פון החתן צבי פעקעטע ז״ל חתן הרה״צ מוה״ר יוסף פאנעט זצ״ל אב״ד דעעש
פון רעכטס צו לינקס: הרה״צ מאמשעגאוו זצ״ל, החתן זצ״ל, הרה״ג ר׳ אליעזר זילבער זצ״ל אב״ד
סינסינעטי, הרה״צ וכו׳ מוה״ר מנחם האלבערשטאם זצ״ל אב״ד סטראפקאוו, מו״ה ישראל זופניק ז״ל,
הרה״ג וכו׳ מוה״ר נפתלי הירצקע האניג זצ״ל אב״ד שארמאש, שטייענדיג פון לינקס צו רעכטס: הרה״צ
מוה״ר ר׳ מרדכי ראטענבערג זצ״ל אב״ד מ. סאלקע, כ״ק אאמו״ר זצ״ל, הרה״ג מוה״ר ר׳ משה הלל קאהן
זצ״ל אב״ד ס. דזשארץ, המו״ל, הרה״צ מוה״ר צבי מאיר פאנעט שליט״א אדמו״ר דעעש.

הרה"צ מוה"ר יקותיאל יודא טייטלבוים זצ"ל הי"ד, אב"ד סיגעט,
ביי אַ חתונה אייניגע חדשים נאָך זיין באפרייאונג פון די אוגארישע רשעים
ליידער האָט מען אים שפעטער געפירט קיין אוישוויץ

[illegible]

א בריוו קיין אַמעריקא שנת תרס"ב פון הגה"ק בעל ערוגת הבושם זצ"ל מיט זיין חתימה

פון רעכטס צו לינקס זיצנדיג: הרהגה"צ מו"ה יוסף גרינוואלד זצ"ל, אב"ד פאפא,
הרה"ג מו"ה יונתן שטייף זצ"ל, אב"ד וויען, החתן,
הגה"צ מו"ה מנחם (מענדל) האלבערשטאם זצ"ל, אב"ד סטראפקוב

פון רעכטס צו לינקס זיצנדיג:הרה"ג מוה"ר אשר באבאד זצ"ל אב"ד טארטיקוב,
הרה"ג מוה"ר שמעון ישראל פאזן זצ"ל אב"ד שאפראן , החתן
הרה"ג מוה"ר חיים בערגער זצ"ל, אב"ד מישקאלץ

הגה״צ מו״ה מנחם (מענדל) האלבערשטאם זצ״ל, אב״ד סטראפקוב, מסדר קידושין

פון רעכטס צו לינקס זיצנדיג: אדמו״ר מקלויזנבורג זצ״ל, החתן, הרה״ג מאויוואר זצ״ל, אאמו״ר זצ״ל. - שטייענדיג: המו״ל, המחותן ר׳ ליפא לעפקאוויטש ז״ל



שטר מכירת חמץ פון זיידן הרה"ק ר' ישעי'לע זצלה"ה דאס לעצטע יאר פאר זיין פטירה, ערב פסח תרפ"ה, די חתימה פלעגט ר' ישעי'לע שטענדיג אַזוי צו חתמ'נען, ה"ק ישעי' בן מו"ה משה ז"ל, שהי' משמש בקודש אצל הרב הצדיק מליסקא זי"ע



שטר מכירת חמץ פון זיידן הרה"ק ר' אברהם'לע זצ"ל דאָס לעצטע יאָר פאַר זיין פטירה תרפ"ו

Rabi Sájé Steiner lakása és magántemploma
Bodrogkereszturon.

מיט כ"ק אאמו"ר זצ"ל אין שפיטאל, עטליכע טעג באפאר
זיין פטירה כ"ו אלול תשמ"ח

ווי כ"ק אאמו"ר זצ"ל,
בענשט מיך אייניגע טעג באפאר זיין פטירה

די מצבה פון כ״ק מרן הגה״ק בעל ויואל משה זצלה״ה

מגילת יוחסין

בעזהי"ת

דער סדר פון אונזער יחוס

באתי בשורות אלו לאות הכרת טובה לידידי ש"ב הרה"ח
מוה"ר אהרן ברוך ענגלענדער נ"י שהמציא לידי חלק
חשוב ממגילת יוחסין זה ותשו"ח לו ע"ז.

סדר יוחסין

פרק א

א. **הרב ישעי' גרויס שליט"א** (עי' לקמן פרק ב) --------------------- **בן**

ב. **הרב נפתלי גרויס זצ"ל** (עי' לקמן פרק ה) ------------------------- **בן**

ג. **הרב רפאל גרויס אב"ד בערבעשט** (עי' לקמן פרק ח) ---------- **בן**

ד. **ה"ר ברוך גרויס** (עי' לקמן בפכ"ב) -------------------------------- **חתן**

ה. **ה"ר אהרן גוטווירטה כ"ץ** (עי' לקמן בפכ"ג) ------------------- **חתן**

ו. **ה"ר נפתלי הורוביץ** (עי' לקמן בפל"ט) ---------------------------- **בן**

ז. **הרב אברהם לייב הארואויץ** (עי' לקמן בפכ"ו) ----------------- **חתן**

ח. **הגאון יקותיאל זלמן כ"ץ ראפפאפארט** (עי' לקי בפל"ב) -- **חתן**

ט. **הגאון הגביר מנחם מאניש מרגליות** (עי' לקי בפל"ו) ------- **חתן**

י. **הגאון רשכב"ה אלכסנדר שור בעל תבו"ש** (עי' לקי בפל"ז) **חתן**

יא. **הגאון פו"מ מרדכי מזאלקאווע** (עי' לקמן בפ"מ) --------------- **בן**

יב. **הגאון ישראל איסר אב"ד בקאליש** (עי' לקמן בפמ"א) -------- **בן**

יג. **הגאון משה בעל מהדורא בתרא** (עי' לקמן בפמ"ב) ------------ **בן**

יד. **הגאון יצחק** --- **חתן**

טו. **הגאון בונם מייזליש** (עי' לקמן בפמ"ח) -------------------------- **חתן**

טז. **רבינו משה איסרליש מרן הרמ"א** ---------------------------- **בן**

יז. **רבינו ישראל איסר** -- **חתן**

יח. **הגאון האדיר אליעזר שרענציל** --------------------------------------- **חתן**

סדר היוחסין

יט.	**הגאון יחיאל אב"ד בריסק** ---	בן
כ.	**הגאון אהרן אב"ד היילברין** --	בן
כא.	**הגאון נתנאל לוריא רב דאנטוכא** ------------------------------------	בן
כב.	**הגאון יחיאל אב"ד מערפורט**[א] ---------------------------------------	בן
כג.	**הגאון שמשון לוריא רופא אב"ד ערפורט** ---------------------------	בן
כד.	**הגאון יחיאל** --	בן
כה.	**מו"ה שלמה הרופא** --	בן
כו.	**הגאון יחיאל** --	בן
כז.	**הגאון שלמה** --	בן
כח.	**הג' משה אהרן אב"ד דארליינס** --------------------------------------	בן
כט.	**רבינו יצחק ריב"ם בעל התוספת** -------------------------------------	בן
ל.	**רבינו מאיר** ---	חתן
לא.	**רבינו שלמה יצחקי רש"י ז"ל** -------------------------------------	בן
לב.	**רבי יצחק מטראיש** ---	בן
לג.	**רבי שלמה** --	בן
לד.	**הגאון אליקום** --	בן
לה.	**הגאון הגדול אהרן הרופא** --	בן
לו.	**הגאון אתדהם** --	בן
לז.	**הגאון יוסי בקוסטנטינא** --	בן
לח.	**הגאון מניומי** --	בן
לט.	**הגאון ינאי** ---	בן
מ.	**הגאון יוסי בעל לולאות השיר**[ב] -------------------------------------	בן

א במגילת הנדפס בסוף ספר מעלת היוחסין להגרא"ז מרגליות כתוב, כי הרב ר' שמשון מערפורט הי' רופא, וריפא את מלך צרפת אואקמיירס שר"י מהפודגארא, ונתן לו בית על נהר שקורין לוריא בעיר אורליינס, והוא הראשון שנקרא בשם לוריא ע"ש הנהר הנ"ל.

ב זה החיבור לולאות השיר הוא על שירת האזינו, ומובא בסדר הדורות חלק ספרים אות ל'.

סדר היוחסין

מא. **ר' נחמן שבא לבבל** ---------- בן

מב. **ר' יוחנן** ---------- בן

מג. **ר' יהושע**[א] ---------- מזרע

סג. **רבן יוחנן הסנדלר**[ב] ---------- נכד

סו. **רבן גמליאל הזקן** -- בן

סז. **רבן שמעון הנשיא** - בן

סח. **הלל הזקן** ---------- בן

סט. **נעריה** ---------- בן

ע. **שמעיה** ---------- בן

עא. **שכניה** ---------- בן

עב. **עובדיה** ---------- בן

עג. **ארנן** ---------- בן

עד. **רפיה** ---------- בן

עה. **ישעיהו** ---------- בן

עו. **חנניה** ---------- בן

עז. **זרובבל** ---------- בן

עח. **פדיה** ---------- בן

עט. **שאלתיאל** ---------- בן

פ. **יכניה** ---------- בן

פא. **יהויקים** ---------- בן

פב. **יאשיהו** ---------- בן

פג. **אמון** ---------- בן

פד. **מנשה** ---------- בן

פה. **חזקיהו** ---------- בן

פו. **אחז** ---------- בן

פז. **יותם** ---------- בן

פח. **עוזיהו** ---------- בן

פט. **אמציה** ---------- בן

צ. **יואש** ---------- בן

צא. **אחזיהו** ---------- בן

צב. **יורם** ---------- בן

צג. **יהושפט** ---------- בן

צד. **אסא** ---------- בן

צה. **אביה** ---------- בן

צו. **רחבעם** ---------- בן

צז. **שלמה המלך** ---------- בן

צח. **דוד המלך ע"ה** - בן

צט. **ישי** ---------- בן

ק. **עובד** ---------- בן

קא. **בועז** ---------- בן

קב. **שלמון** ---------- בן

קג. **נחשון** ---------- בן

קד. **עמינדב** ---------- בן

קה. **רם** ---------- בן

א מתוך דברי בעל סדר הדורות שכתב שרש"י הי' דור ל"ג לר' יוחנן הסנדלר נלמד זה שחסר כאן י"ט דורות.

ב מכאן עד סוף הפרק הוא מסדר הדורות.

סדר היוחסין

קו. **חצרון** ----------------- בן

קז. **פרץ** ------------------- בן

קח. **יהודה** ----------------- בן

קט. **יעקב אבינו** --------- בן

קי. **יצחק אבינו** --------- בן

קיא. **אברהם אבינו** ------ בן

קיב. **תרח** ------------------- בן

קיג. **נחור** ------------------- בן

קיד. **שרוג** ------------------ בן

קטו. **רעו** -------------------- בן

קטז. **פלג** -------------------- בן

קיז. **עבר** ------------------- בן

קיח. **שלח** ------------------- בן

קיט. **ארפכשד** ------------- בן

קכ. **שם** -------------------- בן

קכא. **נח** ---------------------- בן

קכב. **למך** -------------------- בן

קכג. **משותלח** ------------- בן

קכד. **חנוך** ------------------- בן

קכה. **ירד** --------------------- בן

קכו. **מהללאל** -------------- בן

קכז. **קינן** -------------------- בן

קכח. **אנוש** ------------------ בן

קכט. **שת** -------------------- בן

קל. **אדם הראשון** --------

יציר כפיו של הקב"ה

סדר היוחסין

פרק ב

א. הרב ישעי' גרויס שליט"א[א] הנזכר בפ"א ד"א ---------------- חתן

ב. הרב שמואל דוד קרויז אב"ד ש. אודוואר‎י (עי' לקמן פרק ג) - בן

ג. הרב שלום קרויז אב"ד לעגעני-מיהאלי ------------------------ חתן

ד. הרב יושע ברוך רייניץ אב"ד טשעטאוויץ --------------------- חתן

ה. הרב אשר אנשיל הלוי יונגרייז ------------------------------------- בן
בעמ"ח מנוחת אשר אב"ד טשענגער

ו. הרב שמואל הלוי אב"ד טשעטשע ------------------------------ חתן

ז. הרב אשר אנשיל ווינער אב"ד מישקאלץ ------------------------ בן

ח. הרב שמעון -- בן

ט. הרב אברהם פאסלבורג דומ"ץ דק"ק פראג -------------------- בן

י. הרב זלמן קדוש -- בן

יא. הרב אשר אנשיל ראב"ד ומ"מ פראג ---------------------------- בן

יב. הראש וקצין מיכל ווינער ------------------------------------- חתן

יג. הרב אליעזר -- בן

יד. הרב טודרוס --- חתן

טו. הרב חיים אב"ד קעלין -- בן

טז. הרב סיני ר"מ פראג --- בן

יז. הרב חיים מווירמייזא -- נכד

יט. הרב יהודא ליוואי הזקן מפראג הנקרא מהר"ל מפראג מגזע

רבינו האי גאון -- בן

רבינו שרירא גאון -- בן

רבינו חנינא גאון -- בן

מר יהודא גאון -- בן

שמואל ריש כלה -- מגזע

א קערעסטיר - בערבעשטער רב, הדר בברוקלין - שם מחברתו הרבנית מרת צלאווה דבורה תחי'.

סדר היוחסין

רבה בר אבוה -- מגזע
חזקי' בן נערי' -- בן אחר בן
מזרובבל בן שאלתיאל -- מזרע
דוד המלך ע"ה --

פרק ג

ב. **הרב שמואל דוד קרויז[א] הנ"ל בפ"ב ד"ב** ------------------------ חתן

ג. **הרבני ישראל דוב שטיין מראצפערט** (עי' לקמן פרק ד) ------ בן

ד. **הרב משה שטיין אב"ד ס. דזשארץ** ------------------------------ בן
בעמ"ח באר משה עה"ת גיסו של הגה"ק מטאראדאם

ה. **הרב אברהם אב"ד הידאלמאש** --------------------------- י"ד דורות
עד רבינו יוסף קרא בעל הש"ע --

פרק ד

ג. **הרבני ישראל דוב שטיין הנ"ל[ב] בפ"ג ד"ג** ------------------------ חתן

ד. **הרבני מאיר פרענקל מראצפערט[ג]** ---------------------------------- בן

ה. **הרב שמואל פרענקל מב"ח אב"ד דאראג[ד]** ------------------------ בן
בעמ"ח אמרי שפר עה"ת, הנקרא ר' שמואל קאמאדער

ו. **הרב שרגא פייוויש אב"ד ברוידא** ------------------------------- נכד

א נפטר בן מ"ד שנים, כ"ה מרחשון תרצ"ז, ומנוח"כ בעיר ש. אודוואר. שם זוגתו הרבנית מרת ברײנדל ע"ה, נפטרה בת ע"ח שנים, כ"ז שבט, בעיר ברוקלין, ומנו"כ בביה"ח דקהל יטב לב דסאטמאר בניו ג'ערסי.

ב נעקד עקד"ה ר"ח סיון תש"ד ביחד עם זוגתו מרת רחל הי"ד.

ג נפטר א' דר"ח אייר תרס"ט, ומנו"כ בעיר ראצפערטה. שם זוגתו הראשונה מרת ברײנדל, נפטרה י"ד אדר א', בת כ"ה שנים, מנו"כ ג"כ בראצפערטה.

ד נפטר ט"ו מרחשון בשנת תרמ"ב, ומנו"כ בעיר דאראג.

ח. **הרב יצחק כהנא אב"ד לייפניק** ---------------------------------- נכד

י. **הרב ברוך כהנא אב"ד פיורדא** --

פרק ה

ב. **הרב נפתלי גרויס זצ"ל[א] הנ"ל בפ"א ד"ב** ------------------------- חתן

ג. **הרב אברהם שטיינער ז"ל** (עיי לקמן פרק ו) ------------------------ בן
האדמו"ר בבודראג-קערעסטיר

ד. **הרב ישעי' שטיינער ז"ל** (עיי לקמן פרק ז) -------------------- בן
אדמו"ר בבודראג-קערעסטיר

ה. **הר"ר משה שטיינער מזבארעוו** ---

פרק ו

ג. **הרב אברהם שטיינער הנ"ל[ב] בפ"ה ד"ג** ------------------------- חתן

ד. **הרבני מו"ה מיכאל רוטמאנן[ג] הנקרא ר' מיכאל ז'ירקער[ד]** ---------
מנו"כ על הר הזיתים בירושלים תובב"א

א קערעסטיר - בערבעשטער רבי - נפטר בן פ"ז שנים, כ"ו אלול תשמ"ח, והובא לבי"ע בו ביום בעיר מאנרא סמוך לציון של כ"ק מרן אדמו"ר מהר"י ט"ב זצלה"ה אב"ד סאטמאר. שם זוגתו הרבנית מרת מלכה - נפטרה בת צ' שנים ביום עש"ק, והובא לבי"ע בו ביום כ"ח אדר א' תשנ"ז ג"כ בעיר מאנרא.

ב נפטר בן מ"ד שנים ח"י אדר א' תרפ"ז, ומנו"כ באוהל ביחד עם אביו זצ"ל בקערעסטיר. שם זוגתו בלומא יהודית, נעקדה עק"ה כ"ו סיון תש"ד, הי"ד.

ג נפטר בירושלים עיה"ק, כ"ה תשרי תרע"ה.

ד נקרא כך על שם עירו שבא משם, קודם שקבע דירתו בעיה"ק ירושלים. - בן הרה"ג מו"ה יצחק יחיאל זצ"ל אב"ד בעסערמין, חתן הגה"ק מוה"ר יוזעף זצ"ל מנאנאש יצ"ו. וטרם שנסע זקיני זצ"ל לקבוע דירתו לעיה"ק ירושלים נסע לסיגעט ליקח ברכת פרידה מהגה"ק בעל קדושת יו"ט זצלה"ה אמר לו הגה"ק בזה"ל ר' מיכאל אתם נוסעים לארץ הקדושה, ובוודאי תהי' על מקומות הקדושים נא להזכיר את שני בני (א' ה"ה הגה"ק בעל עצי חיים זצלה"ה; והב' ה"ה הגה"ק

פרק ז

ד. **הרב ישעי' שטיינער הנ"ל[ב] פ"ה ד"ד** ------------------------------ חתן

ה. **הרב יצחק יונה וויינשטאק מסאטמאר[ג]** ------------------------ חתן
מנו"כ באוהל חתנו ובתו בקערעסטיר

ו. **ר' ישעי' הנקרא ר' ישעי' הכהן הגדול מקערעסטיר ושם מנו"כ.**

פרק ח

ג. **הרב רפאל גרויס הנ"ל אב"ד בערבעשט[ד] בפ"א ד"ג** --------- חתן

מהר"י ט"ב בעהמ"ח ויואל משה זצלה"ה אב"ד סאטמאר-וירושלים עיה"ק), שיהיו בריאים בגשמיות כי את נשמותיהם בחרתי אבל מבריות גופם שכחתי. מזה נראה כמה הי' חביב אצל הצדיקים שגם המה היו לתפלתו מצפים. וספרו לי זקנים אנשי עיה"ק, שאחר ט"ו שנים לפטירתו חפרו קבר אצלו ונתגלה קצת מקברו, ומצאו אותו שלם עם תכריכים, אשר הי' לחברה קדישא פלא גדול כי עוד לא הי' להם דבר כזה. והוא כמו שאיתא בחז"ל מי שאין לו קנאה אין עצמותיו נרקבים. ואביא כאן עובדא אשר הי' עם כ"ק א"א אדמו"ר הרה"צ מוה"ר נפתלי זצלה"ה כאשר הי' דר בטברי' עיה"ק משנת תשכ"ח-ל"ה (ואח"כ בא בחזרה לכאן ונלב"ע כ"ו אלול תשמ"ח ומנו"כ בקרית יואל) - אשר פעם אחת ביום ח"י אדר יומא דהלולא של כ"ק זקיני הרה"ק מוה"ר אברהם בן הרה"ק מוה"ר ישעי'לה קערעסטירער זי"ע ועכ"י ה"ה חותן של כ"ק אבי זצלה"ה, והיות שחותנו הר' ר' מיכאל מנו"כ על הר הזתים נסע על ציונו ביום ההלולא של חתנו עם אמי מורתי הרבנית הצדיקת מלכה ע"ה בת הרה"ק מוה"ר אברהם זצלה"ה, והיות שלא ידעו מקום מנוחתו בדיוק ע"כ חפשו איזה רגעים ואח"כ עמד אבי זצלה"ה על מקומו ושאלה אותו אמי מורתי ע"ה מה קרה עמך, ואמר לה ששם מקום מנוחתו של זקיני מפני שראה שם את בתו ה"ה חותנתו הצדיקת מרת בלימא יהודית ע"ה הי"ד (שנעק"ה ביום כ"ו סיון תש"ד) עומדת על קבר אבי' ומחכה עליהם בפנים צוחקות ושם הי' קברו.

מזה נראה כמה גדול כוחם של צדיקים כיון שלא הי' יכול להשתטח על קבר חותנו, ע"כ השתטח על קבר חותנו של בעל ההילולא וראה שם מראה הגדול הזה זי"ע ועכ"י.

ב נפטר בן ע"ג שנים, ג' אייר תרפ"ה, ומנו"כ בקערעסטיר. שם זוגתו הרבנית שרה, נפטרה כ"ב תמוז תרפ"ב, ומנו"כ ביחד באוהל עם בעלה הרה"צ זצ"ל ואביה.

ג נפטר ב' דשבועות תרנ"ג ומנו"כ בקערעסטיר באוהל ביחד עם חתנו ובתו.

ד נפטר כ"ט טבת בן נ"ג שנים תרע"ז בעיר קערעסטיר, ושם מנו"כ באוהל ביחד עם מחותנו הרה"צ ר' ישעי'לע זצ"ל. שם זוגתו רוזא בלימא, נפטרה בעיר בערבעשט בת ע"ג שנים כ"א אלול תרצ"ז, והובא לבי"ע לעיר סיגעט סמוך לאוהל זקינה אשר גידלה אצלו הגה"ק בעל ייטב-לב.

סדר היוחסין

ד. **הרב ישראל יעקב יוקל טייטעלבוים** ------------------------------ **בן**
אב"ד גארליץ - בערבעשט - וואלאווע

ה. **הרב שמואל טייטלבוים אב"ד גארליץ**[א] --------------------------- **בן**

ו. **הרב אלעזר ניסן טייטעלבוים אב"ד דראהביטש** --------------- **בן**

ז. **הרב משה טייטלבוים אב"ד ש. א. איהעלי** (עי' לקמן בפי"ד) **בן**
בעמ"ח שו"ת השיב משה, ישמח משה עה"ת ונ"ך, ותהלה למשה על תהילים וש"ס

ח. **הרב צבי הירש מזבורעוו** --- **בן**

ט. **הרב יצחק** --- **בן**

י. **הרב המפורסם מו"ה אהרן זעליג זצוק"ל** ---------------------------

פרק ט

ד. **הרב ישראל יעקב יוקל טייטלבוים הנ"ל**[ב] **בפ"ח ד"ד** - חתן אחי אביו
בעמח"ס היטב איטיב

ה. **הרב יקותיאל יהודא טייטלבוים** (עי' לקמן פרק י) -------------- **בן**
בעמח"ס ייטב לב עה"ת, ייטב פנים על מועדים, רב טוב שו"ת אבני צדק וש"ס אב"ד סיגעט

ו. **הרב אלעזר ניסן** (המובא בפרק ח דור ו) --------------------------------

פרק י

ה. **הרב יקותיאל יהודא טייטלבוים הנ"ל**[ג] **בפ"ט ד"ה** ------------ חתן

א נפטר ט' מרחשון תרמ"ט, ומנו"כ בעיר קראקא על ביה"ח החדש.

ב נפטר בן פ"ד שנים ט"ו אלול תרפ"ד, ומנו"כ בעיר וואלאווע. שם זוגתו הרבנית מרת הענדל, נפטרה בת פ"ו שנים ג' אלול תרפ"ד, וחי' ביחד עם בעלה ע' שנים, ונפטרו במשך של שני שבועות.

ג נפטר ו' אלול שנת "רב אמת" כך חרות על מצבתו (תרמ"ג), ומנו"כ בעיר סיגעט, ביחד עם זוגתו הרבנית מרת רחל, נפטרה ד' דחוה"מ סוכות תרמ"ט.

סדר היוחסין

ו. **הרב משה דוד אשכנזי אב"ד טאלטשווע**[א] ------------------------ **בן**
ואח"כ בצפת תובב"א ושם מנו"כ. בעמ"ס תולדות אדם באר שבע וש"ס

ז. **הרב אשר אנשיל זצ"ל** ---

פרק יא

ו. **הרב אלעזר ניסן המובא בפ"ח ובפ"ט ד"ו**[ב] ------------------- חתן

ז. **הרה"ג מוה"ר אהרן** -- חתן

ח. **הרב הגביר מו"ה נחום פרנס ורה"ק דראהביטש** ------------- נכד
(חתן הרה"ג מו"ה מאיר אב"ד חורב)

י. **הרה"ג יקותיאל זלמן הלוי לאנדא אב"ד דראהביטש** --------- **בן**

יא. **הרה"ג יוסף סג"ל אב"ד פרעמישלע** (עי' לקמן בפמ"ח) ------- **בן**

יב. **הרה"ג משה חריף אב"ד לבוב** **(נכד נתן נטע כהנא אב"ד אויסטרא)** **בן**
(אחיו של יצחק חריף מובא בפרק ט"ו די"א)

יג. **הרה"ג שלמה חריף אב"ד פולענע ולבוב** (מובא בפט"ו די"ב) -----

פרק יב

י. **הרה"ג יקותיאל זלמן הלוי לאנדא הנ"ל בפי"א ד"י** --------- חתן

יא. **הרה"ג מרדכי גינזבערג אב"ד בריסק דליטא** --------------------- **בן**

יב. **הרה"ג בנימין וואלף גינזבערג אב"ד מעץ** (עי' לקי בפי"ג) ----- **בן**

יג. **הרה"ג שמואל צבי הירץ אב"ד בריסק דליטא** ------------------ **בן**

יד. **הרה"ג המקובל ארי' לייב קראקא ובריסק דליטא** ------------- **בן**
בעהמ"ח שאגת ארי'

טו. **הרה"ג שמואל צבי הירץ אב"ד פינטשעוו** ------------------------ **בן**

א נפטר ח"י תמוז תרט"ז.

ב נפטר ח' תשרי תרט"ו - אב"ד דראהביטש ושם מנו"כ. שם זוגתו הרבנית מרת רוזא בלימא.

טז. **רבינו יואל סירקש בעל הב"ח** ------------------------------- בן
יז. **שמואל יפה** -- בן
יח. **הגאון ר' משה** -- בן
יט. **הגאון ר' יוסף יפה מקראקא** --

פרק יג

יב. **הרה"ג בנימין וואלף גינזבערג אב"ד מעץ הנ"ל בפי"ב די"א** חתן
יג. **הרה"ג רבינו מרדכי יפה בעל הלבושים** ------------------- בן
יד. **הרה"ג אברהם יפה** -- בן
טו. **הרה"ג יוסף יפה** ---

פרק יד

ז. **הרב ר' משה טייטלבוים**[א] **המובא בפ"ח ד"ז** ------------------- נכד
ט. **הרה"ג שמואל לאפאשנער** --- בן
י. **הרה"ג אליעזר מרגליות אב"ד פאטעק** (עי' לקמן בפט"ו) ----- בן
(נכד להגאון ר' אברהם ר' הירצקיס מלבוב)
יא. **הרה"ג יהודא מרגליות אב"ד פאטעק** (עי' לקמן בפ"כ) ------- בן
יב. **הרה"ג אליעזר מרגליות אב"ד לומבאלא** -------------------------- בן
יג. **הרה"ג מנחם מענדל מרגליות אב"ד פרעמישלע** (עי' פכ"א) בן
יד. **הרה"ג יואל פייוויש אב"ד שטאנג** ------------------------------------

---

א נפטר כ"ח תמוז תר"א, ומנו"כ בעיר איהעל ביחד עם זוגתו הרבנית מרת חי' שרה, נפטרה ער"ח ניסן ת"ר.

פרק טו

י. **הרה"ג אליעזר מרגליות אב"ד פאטעק הנ"ל בפי"ד ד"י** ---- חתן

יא. **הרה"ג יצחק חריף אב"ד רימנעוו וראב"ד לבוב** (עי' לקי בפט"ז) בן
(אחיו של משה המובא בפרק י"א דור י"ב)

יב. **הרה"ג שלמה חריף אב"ד לבוב** (מובא בפרק י"א דור י"ג) ---------- בן
(חתן הרה"ג נתן נטע אב"ד אוסטרא)

יג. **הרה"ג יצחק שרענצילס** -------------------------------- חוטר מגזע
רש"י, שיצא מהתנא ר' יוחנן הסנדלר דור רביעי מר"ג הזקן נצר
משרשי דוד המלך ע"ה --

פרק טז

יא. **הרה"ג יצחק חריף הנ"ל בפט"ו די"א** -------------------------- חתן

יב. **הגאון הגדול רבינו שמואל איידליש מוהרש"א** (עי' לקי בפי"ח) בן

יג. **הרה"ג יהודא הלוי**[א] (עי' לקמן בפי"ז) --------------------------- חתן

יד. **ה"ר צבי העלמאן מווירמייזא** -- בן
(חתן ר' אליעזר טריבוש מפראנקפורט בן ר' הירץ המקובל בעל מפרש המחזור)

טו. **הרה"ג ר' חיים מווירמייזא** -- בן

טז. **הרה"ג ר' בצלאל מווירמייזא** -- בן

יז. **הרה"ג יהודה ליוואי הזקן מפראג** ----------------------- מגזע

רב האי גאון -- בן

הרבי שרירא גאון -- מזרע

א ועי' בשם ארי' חיו"ד סי' כ"ז שכותב ששמע מהר"ם מסאנטאב שהמהרש"א ז"ל הי' פעם על אסיפת רבנים ונדברו יחדיו על דבר צואת ר"י החסיד, ועמד המהרש"א על רגליו ואמר אני מצאצאי ר' יהודה החסיד ז"ל והוא צוה בתוך צוואתו שלא ליתן לאחד מזרעיו שם שמואל ויהודה, ואני שמי שמואל ואבי יהודה, ש"מ שבזה לא קבלו דבריו, וטעמא לא ידענא, כ"כ שם. ועי' בס' שבעים תמרים על צוואת ריה"ח.

סדר היוחסין

נערי׳ (המובא בפרק א׳ דור ס״ט) -- מזרע

דוד המלך --

פרק יז

יג. **הרה״ג יהודא הלוי המובא בפט״ז די״ג** -------------------------- נכד

טו. **הרה״ג ר׳ שבתי הנקרא ר׳ שעפטיל הורביץ** ---------------------- בן

(חתן הגאון ר׳ עקיבא כ״ץ עי׳ בפכ״ו די״ז)

טז. **הרה״ג מו״ה ישעי׳ הורביץ** עיר הסמוכה לפראג (עי׳ בפכ״ו) ----- מגזע

רבינו יצחק הלוי (הובא בריטב״א מגילה כ׳) --------------------- בן

הרב ר׳ פנחס הלוי ------------------------------------ מגזע הנשיאים

(אחי ה״ר אהרן נשיא הלוים. בעמ״ח בדק הבית ובעל החינוך)

ר׳ זרחי׳ --- בן

ר׳ יצחק --- בן

ר׳ זרחי׳ הלוי בעל המאור -- מזרע

זרובבל (המובא בפרק א׳ דור ע״ז) -- מזרע

דוד המלך --

פרק יח

יב. **רבינו שמואל איידליש מוהרש״א המובא בפט״ז די״ב** -------- בן

יג. **ר׳ יהודא הלוי** --- בן

יד. **ר׳ אברהם** -- בן

טו. **ר׳ משה מחכמי פולין** -- בן

טז. **ר׳ לייבוש** -- בן

יז. **ר׳ שלום מחכמי אשכנז** -- בן

יח. **ר׳ יוסף** --- בן

יט. ר' גרשון מחכמי הקבלה בא"י ---------------------------------- בן
כ. ר' ירוחם מחכמי אשכנז -- בן
כא. ר' דוד -- בן
כב. ר' זלמן דוב --- בן
כג. ר' מנחם מענדל --- בן
כד. ר' יוסף יעקב -- בן
כה. ר' דוד -- בן
כו. ר' שמשון משפירא --- בן
כז. ר' אברהם א' מל"ו צדיקים באשכנז ------------------------------ בן
כח. ר' שמשון מרעגנסבורג --- בן
כט. ר' דוב בעריש אשכנזי --- בן
ל. ר' זלמן -- בן
לא. רבינו יהודא החסיד משפירא ורעגנסבורג ------------------------ בן
בעל ספר חסידים
לב. רבינו שמואל החסיד --- בן
לג. רבינו קלונימוס הזקן במגאנצע --------------------------------- בן
לד. יצחק החסיד -- בן
לה. אליעזר הגדול -- בן
לו. יצחק הגדול -- בן
לז. יושע הגדול -- בן
לח. ר' אבין במגאנצע --- מגזע
ר' יוסף הזקן -- בן
רבי שמעון ---

פרק יט

יב. רבינו שמואל מוהרש"א המובא בפט"ז די"ב ------------------ חתן

יג. **הרה"ג ר' משה אשכנזי היילפרין מבריסק** -------------------- חתן
בעמח"ס זכרון משה

יד. **הרה"ג ר' משה ליפשיץ אב"ד בריסק** ---------------------------- חתן

טו. **הרה"ג ר' לייב מגלוגא** --- בן

טז. **הרה"ג ר' ליפמאן אב"ד שורבלין** -------------------------------- חתן

יז. **הרה"ג ר' יוסף קרא שהי' אב"ד בעשרים קהילות בפולין** ---- בן

יח. **הרה"ג ר' יהודא קרא אב"ד גלינא** ---------------------------------- בן

יט. **הגאון הגדול ר' אביגדור קרא**[א] **מפראג** --------------------------- בן
(דודו של הב"י; ובן אחותו של הגאון יהודה ליוואי הזקן מפראג)

כ. **הגאון ר' יוסף קרא** --- מזרע

רבינו יוסף קרא בעל התוספות ----------------------------------- מזרע

רבי חנינא קרא המוזכר בגמרא ------------------------------------- מזרע

רבי נחוניא הקנה --

פרק כ

יא. **הגאון ר' יהודא מרגליות אב"ד פאטעק המובא בפי"ד די"א** חתן

יב. **הגאון ר' אליעזר מזלאטשעוו** --- בן
(אחיו של הגאון הקדוש יחיאל מיכל אב"ד נעמירוב הגדול בעהמח"ס שברי לוחות, נעק"ה בשנת ת"ח הי"ד. נכדי בעל הלבושים)

יג. **ר' אליעזר מזלאטשעוו** -- חתן

יד. **ר' יחיאל מיכל עפשטיין** -- בן

טו. **הגאון ר' אברהם עפשטיין** --- חתן

טז. **הגאון ר' יחיאל לוריא** --- בן

יז. **רבינו שלמה לוריא מהרש"ל** ------------------------------------- בן
(חתן הגה"ק ר' קלונימוס הבקרשטיין ר"מ בלבוב ומ"כ בהר הזיתים)

א בעל המחבר ספר הפליאה, והסליחות על גזירת פראג. אחיו הי' הגאון ר' אפרים קרא הנזכר בב"י או"ח סי' צ"ז וסי' תרנ"א, [והוא אבי מרן הב"י בעל השו"ע וכסף משנה]. ועוד הי' לו לר' אביגדור אח והוא הגאון ר' יצחק קרא בעל תולדות יצחק על התורה.

יח. **הגאון ר' יחיאל אב"ד סלוצק** ------------------------------------ בן
(חתן רבינו יצחק קלויבער רבו של המרש"ל)

יט. **הגאון ר' אברהם לוריא** -- בן

כ. **הגאון רבינו יחיאל אב"ד בריסק** (הנזכר בפרק א' דור י"ט) --------------

פרק כא

יג. **הרה"ג מנחם מענדל מרגליות הנ"ל בפי"ד די"ג** ---- חתן בזוו"ר

יד. **הרה"ג מרדכי מרגליות אב"ד קראקא** ----------------------------- בן

טו. **הרה"ג שמואל מרגליות אב"ד פויזנא** ----------------------------- בן
(חתן הרה"ג יעקב מרגליות אב"ד אייזנשטאט חתן הגאון שלמה ליבר מאייזנשטאט)

טז. **הרה"ג משה מרגליות אב"ד מפראג** -------------------------------- בן

יז. **הרה"ג יצחק אייזיק מרגליות אב"ד פראג** ------------------------ בן

יח. **הרה"ג יעקב מרגליות אב"ד נירנבערג בעמח"ס גיטין וחליצה** בן

יט. **הרה"ג משה מרמיינדא מליווארנא** ----------------------------------
שם אשתו היתה "מרגלית" ועל שמה נקראת כל המשפחה מרגליות

פרק כב

ד. **הר"ר ברוך גרויס המובא בפ"א ד"ד** -------------------------------- בן

ה. **הר"ר החסיד יחיאל ניסן גרויס** ------------------------------------ בן

ו. **הר"ר יעקב צבי גרויס** -- בן

ז. **הר"ר ישעי' גרויס** -- בן

ח. **החסיד ר' ברוך נאמן** --- בן

ט. **החסיד ר' נחמן מראדוויל** -- חתן

י. **הרה"צ ר' יצחק מדראביטש** --------------------------------------- בן

יא. **ה"ר יוסף נאמן** -- בן

יב. **הקדוש ר' משה** -- מזרע
רבינו יעקב בעל הטורים --------------------------------------- בן
הרא"ש -- נכד
הראב"ן ז"ל ---

פרק כג

ה. **ר' אהרן גוטווירטה הנ"ל בפ"א ד"ה** ------------------------------- **בן**
ו. **ר' אליעזר לייזר הכהן ז"ל גטווירטה** (עיי לקמן בפכ"ד) ---- חתן
(בן אחר בן מזרע בעל שער אפרים שהי' לו כתב יחוס עד אהרן הכהן)
ז. **הגאון ר' אלי' ראזנער אב"ד מאשציסק** --------------------------- **בן**
ח. **הגאון החסיד ר' ישעי' אב"ד קאלבאסוב** -------------------------- **בן**
(אשתו מרת גיטל היתה נכדת בעל תוי"ט)
ט. **הגאון הגביר ר' ישראל דוד אב"ד מעליץ** -------------------------- **בן**
י. **הגאון ר' ישעי' אב"ד בעיר חדש** ---------------------------------- **בן**
יא. **הגאון ר' אלי' אב"ד ליקאווא** -------------------------------------- **בן**
(חתן הגאון שמואל יהודא קצילענבויגין בן המהר"מ מפאדוואה, נכד רש"י)
יב. **הגאון רשכבה"ה ר' אליעזר הרופא אשכנזי** ------------------------ **בן**
בעל המחבר ס' מעשה השם, אב"ד קראקא ושם מנו"כ
יג. **רבינו אלי' הרופא ממצרים** ---

פרק כד

ו. **ר' אליעזר [ליזר] הכהן גוטווירטה הנ"ל[א] בפכ"ג ד"ו** ----------- **בן**
ז. **הגאון ר' משה רפאל כ"ץ אב"ד באבוב ושם מנ"כ** -- בן בתו של

א הוא הי' כהן צדק בן אחר בן מהכהן הגדול מאחיו ה"ה הגאון הגדול רבינו אפרים אב"ד בעיר ווילנא בן הג"מ ר' יעקב מווילנא, מחותנו של הגאון מהר"ש קאיידנאווער, ומחותנו של הגאון מהר"ם אבי הש"ך ז"ל. והי' לו להבעל שער אפרים כתב יחוס עד אהרן הכהן (ככתוב בהקדמת ספרו שער אפרים).

ט. **הגאון ר' רפאל מייזליש בעל תוספת שבת אב"ד פאריצק** --- בן

י. **הגאון ר' חיים מייזליש** -- נכד

יב. **הגאון ר' רפאל דיין בקראקא** -- בן

יג. **הגאון ר' משה אב"ד ווילנא בעל חלקת מחוקק על אה"ע** -------

פרק כה

ז. **הרה"ג משה רפאל כ"ץ אב"ד באבוב הנ"ל בפכ"ד ד"ז** ------- בן

ח. **הרה"ג מרדכי כ"ץ מקראקע** -- בן
(חתן התבואת שור)

ט. **הר"ר יקותיאל זלמן כ"ץ מטארניגראד** -------------------------- בן

י. **הר"ר משה זאב כ"ץ מסטריא** ------------------------------------ בן

יא. **הרה"ג החסיד שבכהונה מו"ה יהודא לייב כ"ץ** ---------------- בן

יב. **הגאון המפורסם מוה"ר אפרים כ"ץ** ------------------------------ בן
בעהמ"ח שו"ת שער אפרים

יג. **הג"ר מו"ה יעקב מווילנא** -- בן

פרק כו

ז. **הגאון הגביר ר' אברהם לייב האראוויץ הנ"ל בפ"א ד"ז** ------ בן

ח. **הגאון הקדוש ר' יצחק הלוי מהאמבורג אב"ד אה"ו** -- בן
(חתן הגביר יעקב באב"ד מבראה בה"ג יצחק באב"ד אב"ד בערזאן (ראה בפרק מ"ג) - בה"ג ישכר בעריש באב"ד[א] פו"מ קראקא המובא בפרק כ"ח די"א)

ט. **הגאון ר' יעקב יוקל הלוי אב"ד גלוגא** (עיי לקמן פכ"ח) ------- בן

י. **הגאון הקדוש ר' מאיר הלוי אב"ד טיקטין** (עיי לקי בפל"א) - בן

א ר"ת בן אב ב"ד, ואחריו נקראת כל המשפחה בזה השם.

סדר היוחסין

יא. **הגאון ר' שמעלקי הלוי אב"ד טארני** (עי' לקמן בפכ"ז) ------- בן

יב. **הגאון ר' יהושע הארוך** -- בן

יג. **הגאון ר' פנחס איש הארוויץ** (גיסו של הרמ"א) ------------------ בן

יד. **הגאון ר' ישראל הלוי סג"ל** -- בן

טו. **הקדוש ישעי' זלמן סג"ל** -- בן

טז. **הגאון ר' שבתי שעפטיל פו"מ בפראג** -------------------------- חתן
(בן השר ר' ישעי' הלוי איש הארוויץ[א] - עי' בפרק י"ז)

יז. **הגאון ר' עקיבא כ"ץ הגאון מאויבן** ---------------------------- בן

יח. **הגאון ר' יצחק כ"ץ אב"ד פערע** ---------------------------------- בן

יט. **הגאון ר' עקיבא כ"ץ ס"ט אב"ד סאלניקי** ----------------------------

פרק כז

יא. **הגאון ר' שמעלקי הלוי אב"ד טארני הנ"ל בפכ"ו די"א** ------ בן

יב. **הגאון מהר"ש אב"ד טארני** -------------------------------------- חתן

יג. **הגאון האדיר מוהר"ר יהושע מקראקא בעל מגיני שלמה**[ב] -- בן

יד. **הגאון ר' יוסף מווילנע** -- חתן

טו. **הגאון ר' אברהם בלינסק אב"ד קאריץ** -------------------------- בן

טז. **הגאון ר' שמשון מקרמניץ** (אחי הגאון מהר"ל מפראג) ------------------

פרק כח

ט. **הגאון ר' יעקב יוקל אב"ד גלוגא הנ"ל בפכ"ו ד"ט** ----------- חתן

א עיר הארוויץ = Horovicky, היא סמוכה לעיר פראג, ועל שם מקומו נקרא בשמו הארוויץ. הייתי שמה ל"ג בעומר תשנ"ט - גם ביקרתי את הבית החיים שם, הביה"ח מוקף בגדר אבנים, באמצע שדה, רחוק מן העיר לערך 10 ק"מ בעיר Zdera's. ישנם שם הרבה מצבות על עמדם, אבל מחמת יושנם לא יכולתי לקרותם.

ב הי' מגזע רש"י כמבואר בספרו מגיני שלמה.

סדר היוחסין

י. **הגאון ר' יהושע העשיל אב"ד טראלי** ---------------------------- בן
(חתן הגאון אשר ענזיל אב"ד פונטשוב)

יא. **הגאון ר' ישכר בער באב"ד פו"מ קראקא** ------------------------ בן

יב. **הגאון רשכב"ה ר' יושע העשיל אב"ד קראקא** (עיי לקי בפכ"ט) בן

יג. **הגאון ר' יעקב ר"מ ואב"ד לובלין** ------------------------------ בן

יד. **הגאון ר' אפרים נפתלי אב"ד לודמיר** ---------------------------- בן

טו. **הגאון ר' יוסף יונה** -- בן

טז. **הגאון ר' קלונמוס קלמן** -- בן

יז. **הגאון ר' יונה אב"ד אוסטרא** ------------------------------------- בן

יח. **הגאון ר' קלונמוס קלמן** (עיי לקמן פי"ל) ------------------------ בן

יט. **הגאון רבינו יונה בעל איסור והיתר הארוך** -------------------------

פרק כט

יב. **הגאון רשכב"ה ר' יושע העשיל אב"ד קראקא הנ"ל בפכ"ח די"ב** חתן

יג. **הגאון ר' יהודא קאצענעלבויגען** ---------------------------------- בן

יד. **הגאון השר ר' שאול וואהל** -- בן

טו. **הגאון ר' שמואל יהודא מינץ אב"ד וויניצע** ---------------------- בן

טז. **הגאון ר' מאיר אב"ד פאדאווה מהר"מ** -------------------------- בן
(חתן ר' אברהם מינץ בה"מ ר' יהודא מינץ בעל תשובת מהר"י מינץ)

יז. **הגאון ר' יצחק** --- חתן

יח. **הגאון ר' יחיאל (המובא בפרק א' די"ט)** ---------------------------------

פרק ל

טז. **הגאון ר' קלונמוס קלמן הנ"ל בפכ"ח דט"ז** -------------------- חתן

יז. **הגאון ר' יונה ווייל אב"ד בורמא - שווייץ** ----------------------- בן

יח. **הגאון ר' יעקב ווייל אב"ד הנאויערט** ------------------------------ בן

יט. **הגאון ר' מאיר ווייל אב"ד באולמא** ------------------------------ בן

כ. **הגאון ר' יעקב ווייל בעל תשובת מהר"ל** ------------------------------

פרק לא

י. **הרה"ג מהר"מ אב"ד טיקטין הנ"ל בפכ"ו ד"י** ---------------- חתן

יא. **הרה"ג ר' מאניס כ"ע** -- בן

יב. **הרה"ג ר' ישעי' כ"ע מבראדי** -- בן

יג. **הרה"ג ר' יצחק כ"ע אב"ד סטעפין** ------------------------------ בן
(חתן הג"ר מנחם נחום מרגליות שטאנג אב"ד פרעמשלא, חתן ר' משה חריף הראשון הזקן אב"ד לבוב, בן ר' ישראל בן רשכבה"ג ר' שלו' שכנא מלובלין)

יד. **נפתלי כ"ע אב"ד לובלין** -- בן
(חתן הרב יהודא בן השר ר' שאול וואהל המובא בפרק כ"ט די"ד)

טו. **הרה"ג ר' יצחק כ"ע אב"ד לובלין בעל הגהות ע"ס פענח רזא** - חתן
(בן הגאון ר' גרשון כ"ע בן הגאון עקיבא כ"ע הגאון מאובין המובא בפכ"ו)

טז. **הגאון רבינו ליוואי ז"ל הנקרא מהר"ל מפראג** ---------- בן

יז. **הגאון ר' בצלאל ליוואי** -- נכד

כ. **ליוואי הזקן מפראג** (המובא בפט"ז דור די"ז) ------------------------------

פרק לב[א]

ח. **הגאון ר' יקותיאל זלמן ראפפאפארט הנ"ל בפ"א ד"ח** ------- בן

ט. **הגאון ר' מאיר כ"ע** -- בן
(חתן הגאון ר' שמואל שמעלקא אב"ד אוסטרה)

י. **הגאון ר' משה כ"ע אב"ד טארנאפול** (עיי לקמן בפל"ג) ------- בן

יא. **הגאון ר' מאיר כ"ע פו"מ בלבוב** (עי לקמן בפל"ד) ------------- בן

א מקור פרק זה הוא מספר ענף עץ אבות.

יב. **הגאון ר' נחמן ליפשעס כ"ץ אב"ד לבוב** ------------------------ בן
(חתן הגאון ר' יוסף אב"ד לבוב - חתן הגאון מהר"מ מלובלין)

יג. **הגאון ר' מאיר כ"ץ אב"ד חלמא** -------------------------------- חתן
בן הגאון משה ירמי' כ"ץ - בה"ג שמחה כ"ץ ראפאפארט - בן הגאון גרשון כהן ראפאפארט.

יד. **הגאון ר' נחמן שרענדיל** -- חתן

טו. **הגביר ר' יעקב עזערלעס** -- חתן

טז. **הגאון ר' משה סג"ל לאנדא ראב"ד קראקא** -------------------- בן

יז. **הגאון ר' יקותיאל סג"ל לאנדא** ---------------------------------- בן

יח. **הגאון ר' יעקב סג"ל לאנדא בעל האגור מעיר לאנדא באשכנז** --

פרק לג

י. **הגאון ר' משה כ"ץ אב"ד טארנאפיל הנ"ל בפל"ב ד"י** ----- חתן

יא. **הגאון ר' חיים איש צבי אב"ד קרעמניץ** ------------------------ בן

יב. **החסיד ר' שמואל צבי** --- בן

יג. **רבינו ה"ר צבי העלמאן מווירמייזא** (המובא בפט"ז דור יד) ------- בן

יד. **ה"ר חיים מווירמייזא** -- נכד

טז. **המהר"ל הזקן** ---

פרק לד

יא. **הגאון ר' מאיר כ"ץ פו"מ בלבוב הנ"ל בפל"ב די"א** ---------- חתן

יב. **הרה"ג ר' שמואל שמעלקא אב"ד אסטרה** ---------------------- בן

יג. **הרה"ג ר' מאיר ז"ק (זרע קדש) מלבוב** ---------------------------- בן

יד. **הרה"ג ר' אברהם** ---מגזע

בעל הטורים --- בן

הרא"ש ז"ל ---

פרק לה

יג. **הגאון ר' מאיר כ"ץ אב"ד חלמא הנ"ל בפל"ב די"ג** --------- חתן

יד. **הרה"ג ר' שמעלקע רייך מפראג** ---------------------------------- חתן

טו. **המהר"ל מפראג** --

פרק לו

ט. **הגאון ר' מנחם מאניש מרגליות מזעלקאויע הנ"ל בפ"א ד"ט** בן

י. **הגאון ר' יצחק מרגליות אב"ד יאברוב** ---------------------------- בן

יא. **הגאון ר' אליעזר מרגליות אב"ד פאטיק** ---------------------------- בן

יתר יחוסו עיין בפרקים: יד, טו, טז, יז, יח, יט, כ.

יב. **הגאון ר' יהודה מרגליות אב"ד פאטיק** ---------------------------- בן

יג. **הגאון ר' אליעזר מרגליות אב"ד לומבאלא** ---------------------- בן

יד. **הגאון ר' מנחם מענדל מרגליות אב"ד פרעמיסלא** ------------ בן

טו. **הגאון ר' יואל פייביש שטאנג** --

פרק לז

י. **הבעל תבו"ש המובא בפ"א ד"י** ------------------------------------ בן

יא. **הגאון ר' אפרים שור מלבוב** -- בן

(חתן הגאון אלכסנדר סנדר מווין - בן המקובל יעקב תמרלש בעהממ"ס ספרא דצנועתא דיעקב אב"ד ווין (ראה בפרק מ"ו) - חתן הגאון אברהם חיים אב"ד ווין נכד מהרש"ל)

יב. **הגאון ר' יהודא לייב שור** -- בן

יג. **הגאון ר' אברהם שור** -- בן

יד. **הגאון ר' שמואל שור** -- בן

טו. **הגאון ר' נפתלי הירש שור אב"ד בריסק** --------------------------- בן

טז. **הגאון ר' משה אפרים זלמן שור** ---------------------------------- בן

יז. **הגאון ר' חיים שור** -- בן

יח. **הרה"ג אברהם שור** -- בן

יט. **הרה"ג שמואל שור** -- מזרע

רבינו יוסף בכור שור בעל תוספ' משבט יוסף הנקרא בכור שור

פרק לח

י. **הגאון ר' יצחק מרגליות אב"ד יאברוב הנ"ל בפל"ו ד"י** ----- חתן

יא. **הגאון ר' מנחם מאניש חיות** -- בן

יב. **הגאון ר' פנחס חיות** -- בן

יג. **הגאון ר' מנחם מאניש חיות אב"ד ווילנא** ----------------------- בן

יד. **הגאון ר' יצחק אב"ד פראג בעל פחד יצחק ואפי רברבי** ----- בן
(גיסו של מהר"ל מפראג) (גם הצ' יצחק מדרובטש הי' מצאצאי ר' יצחק חיות,
כי שניהם היו חתנם של השר הגביר ר' שמעלקע רייך מפראג)

טו. **אברהם חיות** -- מגזע

חסידי פרובינצע שבנו ביהכ"נ "אלט-ניי שוהל" בפראג ----------

פרק לט

ו. **הרב נפתלי הורוביץ הנ"ל בפ"א ד"ו** ----------------------------- חתן
(גיסו של הה"צ ר' אברהם חיים אב"ד לוסקא)

ז. **הרב משה וויינבערגער** -- חתן

ח. **הגביר צבי הירש גאלדהאמער**[א] (חותנו של הגה"ק מראפשיץ זצ"ל) ------

---

א יש מסורה שהבעש"ט הבטיח להגביר ר' צבי הירש גאלדהאמער שיצא מחלציו שני משפחות אחת של צדיקים והשנית של גבירים, וכן הוה כי מהארפשיצער יצאו צדיקים, ומר"מ וויינבערגער יצאו ג"כ גבירים.

פרק מ

יא. הגאון ר' מרדכי מזאלקאווע הנ"ל בפ"א די"א --------------- חתן
יב. הגאון ר' ארי' לייב כ"ץ --- בן
יג. הגאון ר' משה כ"ץ --- חתן
יד. הגאון השר ר' שאול וואהל (המובא בפכ"ט) -------------------------

פרק מא

יב. הגאון ר' ישראל איסר אב"ד קאליש הנ"ל בפ"א די"ב ----- חתן
יג. הגאון ר' אברהם האלפערין -- חתן
יד. הגאון בעל מהר"מ מלובלין -- בן
(חתן הגאון ר' יצחק שפירא אב"ד קראקא בן ר' דוד שפירא)
טו. הגאון ר' גדלי' אב"ד לומבאלא ------------------------------------ נכד
יז. המקובל אשר לעמיל אב"ד קראקא בעל עמק הברכה -------- בן
יח. הקצין ר' משה מקראקא --- בן
יט. הקצין ר' אפרים פישל שהי' שר המכס במדינת פולין -----------

פרק מב

יג. הגאון ר' משה בעל מהדורא בתרא המובא בפ"א די"ג ----- חתן
יד. הגאון מוהרש"א (מובא בפרק ט"ז די"ב) ---------------------------------

פרק מג

טו. הגאון ר' נפתלי הירש שור אב"ד בריסק הנ"ל בפל"ז דט"ו חתן
טז. הגאון ר' ישראל ר"מ לובלין -- בן

יז. **הגאון רשכב"ה ר' שלום שכנא אב"ד ור"מ לובלין** ------------ בן
יח. **הגאון ר' יוסף** -- בן
יט. **הגאון ר' יצחק** -- בן
כ. **הגאון הגדול ר' שלום אב"ד בעיר ווין (רבו של מהרי"ל)** ---------

פרק מד

י. **הגאון ר' יצחק באב"ד אב"ד בערזאן המוזכר בפכ"ו** -------- חתן
יא. **הקצין פו"מ ר' אברהם** -- בן
יב. **ר' חיים מלובלין** (עיי לקמן בפמ"ה) -------------------------------- בן
יג. **הגאון ר' שמואל** --- בן
יד. **הגאון ר' בנימין וואלף (בעל עיר בנימין)** --------------------- חתן
טו. **אברהם הלוי מקראקא** -- חתן
טז. **הגאון בעל מגיני שלמה** --

פרק מה

יב. **ר' חיים מלובלין הנ"ל בפמ"ד די"ב** ------------------------- חתן
יג. **פו"מ ר' בנימין וואלף האלפערין** ------------------------------ בן
יד. **הקצין ר' אברהם האלפערין מלובלין** ------------------------- חתן
טו. **הגאון מוהר"מ מלובלין** ---

פרק מו

יא. **הגאון ר' מרדכי גינזבערג אב"ד בריסק הנ"ל בפי"ב די"א** - חתן
יב. **הגאון ר' יצחק מזאלקווי** -- בן

סדר היוחסין

יג. **הגאון ר' יהודא לייב מווין** -- בן

יד. **הגאון ר' יעקב טעמרילש מלובלין** (מח' ספרא דצניעותא דיעקב) -- בן

טו. **הגאון ר' אליעזר ליפמאן ר"מ בווירמייזא** ----------------------- בן

טז. **הגאון ר' מאיר** -- בן

יז. **הגאון ר' אליעזר ר"מ בווירמייזא** ------------------------------- בן

יח. **הגאון ר' מנוח** -- בן

יט. **הגאון ר' שמואל טריווש** -- מגזע

הגאון שמואל מצירלשטאט בע"ס קיצור מרדכי ----------- מגזע

הגאון ר' שמואל שתיקון שיר היחוד ---------------------------- בן

רבינו יהודא החסיד משפירא שהובא בתוס' -------------------------

פרק מז

יד. **ר' יעקב תמרלש הנ"ל בפל"ז די"א** ------------------------------ חתן

טו. **הגאון ר' אברהם חיים פולק אב"ד ווין** ---------------------------- בן

טז. **הגאון רבינו שלמה לוריא אב"ד לובלין המהרש"ל** -----------------

פרק מח

יא. **הגאון ר' יוסף סג"ל אב"ד פרעמישלע הנ"ל בפי"א די"א** -- חתן

יב. **הגאון המקובל מפרעמישלע** ------------------------------------- בן

יג. **הגאון ר' משה מייזליש** -- בן

יד. **הגאון ר' בונם מייזליש מקראקא** (המוזכר לעיל בפ"א דט"ו) -----------

תושלב"ע

דאָס בילד פון פאַרנט איז אַ טייל פונעם שטעטעלע קערעסטיר, אַ קליין שטעטל אין אונגארן וואָס איז באַוואוסט געוואָרן אין די וועלט דורך דעם צדיק וקדוש **רבי ר׳ ישעי׳לע קערעסטירער זי״ע** וועלכער האָט דאָרט געלעבט. פונעם אידישן לעבן אינעם שטעטל קערעסטיר איז ליידער נישט געבליבן קיין שום אָנדענק. עס וואוינען נישט דאָרט היינט קיין אידן. דאָס שטעטל האָט מיטגעמאַכט דעם זעלבן שיקזאַל ווי פיל אַנדערע אידישע שטעטלעך וואו דער מו״ל האָט געלעבט פאַר׳ן בלוטיגן קריג.

דאָס קערעסטירער הויף איז איבערגעפלאַנצט געוואָרן **״פון קערעסטיר קיין אַמעריקא״**, וואו ס׳זענען דאָ עטליכע בתי מדרשים אויפן נאָמען פון ר׳ ישעי׳לע קערעסטירער זי״ע. אינצווישן זיי זענען דאָס ביהמ״ד פונעם מו״ל אין ברוקלין און אין דעזוערט האָט ספרינגס.

דער מו״ל אַלץ קערעסטירער אייניקל, געבוירן אין קערעסטיר, באַשרייבט אינעם בוך אַ טייל פון זיינע יוגנט זכרונות פון פאַרן קריג, און די וואונדערליכע ניסים וואָס האָט פּאַסירט צום מו״ל און זיין משפחה ביז זייער באַפרייאונג אין זכות פונעם הייליגן זיידן ר׳ ישעי׳לע זי״ע.

דאָס בוך איז צוזאַם געשטעלט אויף אַ מוסטערהאַפטן אופן אָפּמאָלנדיג אַ בילד פונעם אַמאָליגן אידישן לעבן אין די שטעטלעך קערעסטיר, לאַפּאַש, דעברעצין און נאָך, באַרייכערט מיט אָריגינאַלע, ערשט האַנטיגע מעשיות צדיקים פון אונזערע גדולים פון פאָריגן דור.

די לייענערס ווערן אַריינגעפירט צו אַ וועלט פון גרויזאַמקייט, אַנגסט און שרעק, דאָס געפלאָגט און ציטערדיג לעבן אין באַהעלטעניש אין בונקער, די רדיפות און רציחות אויפן וועג קיין אוישוויץ... דאָס טאָג טעגליכע ראַנגלענישן מיטן הונגער און טויט, און ענדליך דאָס אַזוי שטאַרק געגאַרטע און געהאָפטע מפלה פון די דייטשן ימ״ש און גלייכצייטיג דאָס באַפרייאונג פון די רעשטלעך פון אידישן פאָלק.

ARTISTIC GRAPHICS (718) 599-0881